STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04477

DER TOES FUN ONORE DE BALZAK

Natan Samiilovych Rybak

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דעם חשובן חבר

בער גרין —

אין דער האָפֿענונג צו לייענען אויסער די דערציילונגען
וועלן דעם דערציילן בוך אין די „זכרונות",
און מײַן דאַנק פֿאַר אַלעס. —

ל״צאַ ראַן.

פּאַריז, יולי, 1962.

נאָטאַ ריבאַק / דער טע

NATHAN RYBAK

L'Erreur d'Honoré de Balzac
(Der toes fun Onore de Balzak)

הילע געצייכנט: משהקע באַהעלפער

פאַרענדיקט צו דרוקן אין יוני 1961
אין דער דרוקעריי „וואָג"
אונטער דער השגחה פון יוסף שעכטער
זעצער לאַזאַר וויין, דרוקער נ. מילנער.

פון דער אויסגאַבע זענען
פופציק עקזעמפּליאַרן געדרוקט
באַזונדער אויף יאַפּאַניש פּאַפּיר.

Copyright by Editions «OFSNAI»
PRINTED IN FRANCE

Vogue, 176, quai de Jemmapes, Paris-10e

נאַטאַן ריבאַק

דער טעות
פון אָנאָרע דע באַלזאַק

היסטאָרישער ראָמאַן

יידיש : לאַזאַר ווײַן

פאַרלאַג פאַריז

1 9 6 1

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון:

„חנה סענעש" לייען־קרייז אין מעלבורן (אויסטראַליע), אין ליכטיקן אָנדענק פון מאַרי מידלער, לאַנגיאָריקע געזעלשאַפטלעכע טוערין און פריינדין פון די קינדער פון דעפּאָרטירטע און דערשאָסענע עלטערן אין פראַנקרייך (געשטאָרבן אין מעלבורן, דעם 3־טן נאָוועמבער 1958);

לזכרון פון נאַטקע סקורניק, אַקטיווע ווידערשטענדלערין בעת דער היטלער־אָקופּאַציע אין פראַנקרייך, און איבערגעגעבענע מיטגלידערין פון דער יידישער פּראָגרעסיווער באַוועגונג אין מעלבורן (געשטאָרבן דעם 9־טן מערץ 1959);

מלך ספעקטאָר־פאָנד ביים פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך;

דער געזעלשאַפט ווארשע־אָכאָטע־פּאָוואָנזעק;

ווי אויך ביי דער מיטהילף פון:

נחמיה כענטשינסקי, אין אייביקן געדעכעניש פון זיין זונעלע ישעיה, אומשולדיק פאַרשניטן געוואָרן אין בליענדיקן עלטער פון 12 יאָר, דורך די נאַציס, אין אוישוויץ, אין דעצעמבער 1944.

נאַטאַן ריבאַק

אַ וואָרט צו די לייענער

די ראָמאַנסירטע ביאָגראַפיע „דער טעות פון אָנאָרע דע באַלזאַק" פון סאָוויעטיש - יידישן שרייבער, נאַטאַן ריבאַק, איז דערשינען מיט אַכצן יאָר צוריק און האָט גלייך אַרויסגערוקט דעם מחבר אין די פאָדערשטע רייען פון די שעפער פון קינסטלערישן וואָרט אין אוקראַינע. דער היסטאָרישער ראָמאַן איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך די לייענער און איז איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן פון די פעלקער אין פסס"ר.

דער גרויסער פראַנצויזישער שרייבער אָנאָרע דע באַלזאַק (1799 — 1850) איז זייער פּאָפּולער אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו די איבערזעצונגען פון זיינע ראָמאַנען זענען פאַרשפּרייט אין פיל מיליאָנען עקזעמפּליאַרן. עס איז באַקאַנט, אַז מאַקסים גאָרקי האָט אים געהאַלטן אַלס „איינעם פון די סאַמע מערקווירדיקסטע לערער פון דער וועלט".

דער סאָוויעטישער שרייבער ווסעוואָלאָד איוואַנאָוו שרייבט וועגן באַלזאַקן:

„אין זיין דראַנג נאָך רעאַליזם און אמת האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ טאַלאַנט, אַז זיין מאָנאַרכיסטישע און קאַטוילישע הלבשה האָט געפּלאַצט אין אַלע נעט און זיך צעפאַלן אויף שטיק - שטיקלעך. אין זיינע אָדערן האָט געקאָכט דאָס הייסע בלוט פון די פרייהייט - ליבנדיקע פראַנצויזן"...

אין זיין ריזיקן ראָמאַן - ציקל „די מענטשלעכע קאָמעדיע" האָט באַלזאַק געשאַפן צוויי טויזנט פּערסאָנאַזשן, מיט זייערע כאַראַקטערן, שטייגער - לעבן און די פאַרשידנסטע סביבות. פאַר די אויגן פונעם לייענער האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט זיין מעכטיקן טאַלאַנט די גיריקייט פון אָט די אַלע מענטשן. אין דאָזיקן „דאַנטע-גיהנום" — ווי באַלזאַק גופא דריקט זיך אויס — פרעסן זיך די מענטשן אויף, אַזוי ווי די ווילדע חיות, איינער דעם אַנדערן צוליב זייער איינציקן גאָט: „די הייליקע, די הויכגעשעצטע, די פעסטע, די ליבנסווירדיקע, די שיינע, די גראַציעזע, די נאָבעלע, די יונגע, די אַלמעכטיקע הונדערט-גראָשנדיקע מטבע".

ריבאַק האָט אויסגעקליבן אַלס טעמע פאַר זיין ראָמאַן בלויז די לעצטע דריי לעבנס-יאָרן פון גרויסן פראַנצויזישן שרייבער. דווקא אין אָט די יאָרן האָבן זיך מיט אַ באַזונדערער בולטקייט אַרויסגעוויזן די סתירות פון באַלזאַקס כאַראַקטער.

פיל שרייבער, פאַר ריבאַקן, האָבן שוין באַהאַנדלט אָט די טעמע — די צוויי רייזעס, וואָס באַלזאַק האָט געמאַכט אין רוסלאַנד און אוקראַינע, אין די יאָרן 1847 און 1850. אָבער צום בעסטן איז עס געלונגען נאַטאַן ריבאַקן, וועלכער דערציילט אין זיין ראָמאַן וועגן דער באַרימטער ליבע פון באַלזאַקן מיט דער פּוילישער גרעפין עוולין האַנסקאַ.

באַלזאַק איז געווען הייס פאַרליבט אין עוולין האַנסקאַ. „ער זעט — ווי עס שטרייכט אונטער דער סאָוויעטישער אַקאַדעמיקער א. אי. ביעלעצקי — אָדער ער וויל זען אַ נאָענטקייט פון זיין נשמה מיט אירער. ער רופט זי אָן זיין „לויכטנדיקער

שטערן". אָבער עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אַט דער „ליכטנדיקער שטערן" איז גע־וועזן אַן אַפּנאַרערישער, אַ נישט־ליכטנדיקער, אַ פאַרטונקלענדיקער שטערן אויף זיין לעבנסוועג".

אחוץ אָנאָרע דע באַלזאַק און עוולין האַנסקאַ, די הויפּט־העלדן פונעם ראָמאַן, שילדערט דער מחבר אַנצאָליקע פּערסאָנאַזשן, וועלכע קריצן זיך איין אין זכרון.

אַזוי טרעפן מיר אָן אין ראָמאַן פון נאַטאַן ריבאַק די גאַנצע כנופיא פון הערשנ־דיקן דעגענערירטן קלאַס אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד: עוולין האַנסקאַס טאָכ־טער — אַננאַ און איר מאַן, דעם העסלעכן גראַף יורי מנישעק; עוולינס פאַרשטאָר־בענעם מאַן, וואַצלאַוו האַנסקי און זיין ברודער קאַרל — אַ יעגער, אַ שיכור, וואָס פייניקט און רודפט — ווי דאָס רוב פריצים פון יענע צייטן — די פויערים־קנעכט און פאַרגוואַלדיקט יונגע מיידלעך פון דער דינערשאַפט.

אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן שילדערט נאַטאַן ריבאַק אין זיין ראָמאַן די יידישע סביבה, ווו באַלזאַק האָט פאַרקערט, און קודם־כל דעם אַלטן פאַרביטערטן קרעטש־מער לייבקע, ביי וועמען ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אויפן וועג; דעם קרעטשמערס יונגע שיינע טאָכטער נחמה און איר טראַגעדיע, פאַראורזאַכט דורכן אויסוווּרף גראַף יורי מנישעק ביי דער מיטהילף פונעם כלומרשט פרומען יידישן באַנקיר, דעם כיטרען ר' יצחק האַלפּערין; זיין בוכהאַלטער נחום ווייסענבוים; האַנסקאַס יידישן לאַקיי לעאָן־לעוואָקאַ.

נ. ריבאַק ווייזט אונדז אויף דעם טעות פון אָנאָרע דע באַלזאַק, מיט די איי־גענע ווערטער פונעם גרויסן שרייבער, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע אין אַ פּאַריזער הינטער־געסל, אין אַ בוידעם־שטיבל, ווו ער האָט אָנגע־שריבן צענדליקער ביכער. ער האָט ליב געהאַט די פינצטערע און גרויע הייזער און די פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן אין זיי געוווינט. ער האָט ליב געהאַט די אָרעמקייט, די אומבאַשרייבלעכע דחקות, די דאָזיקע אומגליקלעכע לייט. אָבער דערביי האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי פאַרפלייצן די פּאַראַדנע גאַסן פון דער שטאָט און וועלן האָבן זייער וואָרט צו זאָגן. ער האָט געהאַט אויסצוויילן: גיין מיט זיי אָדער מיט די לייט פון די סאַלאָנען. ער האָט אויסגעקליבן די לעצטע. אָט אין וואָס עס איז באַשטאַנען דער טעות פון באַלזאַקן, וועלכן ער האָט נישט געוואָגט מודה צו זיין גאַנץ הויך...

ריבאַקס פּרעכטיקע נאַטור־שילדערונגען האַרמאָניזירן מיט דער באַלזאַק־דראַ־מע, פאַר וועלכער זיי דינען אַלס הינטערגרונט.

אין אַט דעם ראָמאַן מערקט זיך, אַז דער אויטאָר האָט זיך נישט בלויז באַנוצט מיט היסטאָרישע דאָקומענטן און פאַקטן, נאָר ער האָט דערביי אָנגעוואָנדן זיין קינסטלערישע וויזיע, כדי אַרויסצוברענגען בולטער און קלאָרער דעם קאָנפליקט פון באַלזאַקן. דער גרויסער פראַנצויזישער ראָמאַניסט איז געשילדערט ביז גאָר לעבעדיק. דער מחבר האָט אַנטפּלעקט פאַר אונדז באַלזאַקן דעם קינסטלער און מענטש מיט אַלע זיינע שוואַכקייטן און ווידערשפּרוכן.

דער ראָמאַן פון נאַטאַן ריבאַק לייענט זיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און דער יידישער לייענער וועט זיכער האָבן אַ באַזונדערן גייסטיקן געניוס.

דער איבערזעצער

„מיר ווייסן עס אַליין נישט, צי ער האָט עס יאָ, אָדער נישט געוואָלט, צי ער איז דערמיט יאָ, אָדער נישט מסכים געווען — דער אויטאָר פון אָט דעם גראַנדיעזן און וווּנדערבאַרן שאַפן געהערט צו דער קאָלאָסאַלער יחוס-קייט פון שרייבער-רעוואָלוציאָנערן".

וויקטאָר הוגאָ

„...עס וועט קומען אַ צייט, ווען די מענטשן וועלן אָנערקענען, אַז איך האָב געלעבט אויסשליסלעך פון מיין פעדער און אַז אין מיין קעשענע איז נישט אַריינגעפאַלן קיין איין נישט-פאַרדינטער סענטים; אַז אויך דער רום און דער אורטייל איבער מיר האָבן מיך געלאָזט גלייכגילטיק; אַז איך האָב אַרויסגעגעבן מיינע ווערק אין דער מיט פון שנאה-אויסגעשרייען, צווישן ליטעראַרישער קנאַלעריי, וואָס האָט אויסגעפורעמט מיין אומדערשראָקענע האַנט".

אָנאָרע דע באַלזאַק

פ ר אָ ל אָ ג

חשבון פֿאַרלוירן פֿון נעכט, ווען אין האַנט
ס׳ברענט די פֿעדער, ווען שעהן אין מינוטן
ווערן פֿאַרשוומען, און בליק אין אָפּשטאַנד,
קוים עס טאָגט די שײַן —

אין אָט די נעכט וואָלט איך ווי

אַרויפֿקלעטערן אין דער הויך. ווינטן דאָרט
הודזשען, פֿײַפֿן ווי אין מאַסט פֿון זעגל־שיף,
און דאָס וואָרט עס לויפֿט ווי אַ ליד אַמאָליקס,
רײַסט זיך צו דעם ווײַטן־ווײַטסטן אָרט.

בײַם אַרבעטס־טיש אַזוי געבויגן ביז זון־אויפֿגאַנג,
פֿאַר די אויגן כ׳זע טשערעדעס נישט ווײַט:
קאַרגע, פֿרומע קעץ, הערצאָגן, פּאָעטן,
מיט פּוסטע טעג, אומזיסט געפּטרטער צײַט,
די, וואָס האָבן געלעבט אין פֿאַרביסענער שלאַכט,
די, וואָס באַדעקט האָט אויף אייביק די נאַכט,
מיט וועמען ס׳איז אַרויס פֿון טורען־מרחק
אויף פּסק פֿון דורות — אָנאָרע באַלזאַק.

דאָס ליכט אין די לײַכטער צאַנקט שוין פֿון לאַנג,
צעבראָכן די פֿען, נישטאָ שוין קיין טינט,
שלאָפֿט טויטער גאָריאָ אויף פּראָסטער באַנק,
ראַסטיניאַק גלויבט נישט אין גוטס מער אַצינד.
גאָרנישט פֿאַרגעסן. וויפֿל אויפֿסניי
ירידה, אויפֿשוונג, שימער, קבצנות...
צו זײַן שטיין־פֿעלדז, ווי פּראָמעטעאוס, צוגעשמידט,
איז באַלזאַק פֿאַרקלערט אין דמיונות.

דונערן קנאַלן. עס רױשן די זײַטלעך,
אונטער די פֿינגער פֿון באַװעגלעכער האַנט,
װערטער אױף זײ, װי אַנגסטיקע שװעלבלעך,
זיך פֿליען צוזאַמען בײַם טײַכן־ראַנד,
צו שעפֿן פֿון קװאַל, דעם לעבנס־באַשאַפֿער,
בײַם זוניק־לויטערן, בלוי־טיפֿן ברעג...
אױף נישט־אױסגעטראָטענעם שליאַך געטרוימט האָט ער
אױסצוגעפֿינען זיך אַ גליקלעכן װעג.

זײַנע װעגן... נעאַפּאָל, קיעװ, פּאַריז,
די שטורעמדיקע װערכאָװניער נאַכט.
צוערשט אין קאַמף מיט זיך אַלײן ער איז,
ער קען זיך נישט באַזיגן אין דער שלאַכט...
ער טרינקט די כימערע פֿון פֿאַרפֿירערישן שפּאַט,
דעם סדר פֿון טעג האָט ער מער נישט געװוּסט...
װעגן אַלץ האָט ער שרײַבן געקאָנט, נאָר ר׳האָט,
אמת, צו שאַפֿן דאָס אַלץ פֿאַרלױרן דעם לוסט.

שטום איז פּאַריז. פֿליסט זיך בנעימות די סען.
װוּ איז דער אמת, װוּ איז זײַן שיקזאַל?
ביז שפּעטער נאַכט ער לײענט לאַפּאָנטען,
און בײַטאָג דערקװיקט אים הוגאָ מיט זײַן קװאַל.
כדי ערשטע פֿידל בײַם אַדל צו שפּילן,
געװאָלט מיט דער פּען די װעלט באַזיגן,
כדי ס׳זאָל מיט װוּנדערבאַרע בײַשפּילן,
דעם קלײנינקן זון די מוטער פֿאַרװיגן,

כדי זײ זאָלן פֿאַלן פֿאַר אים אױף די קני,
און װאַרפֿן צו זײַנע פֿיס בלומען...
און געװאָרן גאָר איז עס אַ ביטערע מי,
מיט בײזע בשורות פֿון פֿאַרזונקענע טרױמען.
ר׳האָט אַלץ נאָטירט, פֿעסט געמױערט פֿון װאָרט אַ געבײ.
קאָנסיערזשקעס, תּלינים, בעלי־העצה
צונױפֿגעפּרעסט זיך אױף פּאַפּיר, כדי אױפֿסנײ
לײדן און לעבן, אױסשטעלן אין פּראָזע, —

און אַט אַצינד ער זעט פֿאַר זיך בלױז חורבות,
טאָג — פֿאַרגאַנגען, נאָר נאַכט זי שפּרײט זיך אױס,
ר׳איז אַן אײנזאַמער אין אוקראַינעס רחבות,
אַרום שנײען, קײן בעסערס ר׳זעט פֿאַרױס.

ער טרינקט דעם בראָם, דעם שמערץ פון האַרץ צו היילן,
וואַרפט אין אָנגעהויכטער שויב די ראיה, —
עווא מיט פאַרוואַלטער טוען דאָרט זיך טיילן
וועגן קנעכט, מכוח פרייז אויף תבואה.
גאָבסעקס ווערטער קלינגען שלעכט אין אויער:
„שטענדיק זוכט מען פעסטן פרייז אַ דריק טון".
און אין קאָפּ פאַרקערט... דאָ — זאָגט דער פויער —
עס טרעפט: דער באַטשאַן זאָגט דעם פּרילינג אָן...

געשלאָסן זיך דער קרייז! פון אָט דעם גיפט־וויכער
נישט אַרויסצוגיין! פליגל זיך נישט באַוועגן.
קיין באַגער צו טרוימען, צו שרייבן ביכער.
אַזוי גייט ער זיין וואַטערלאָ אַנטקעגן.
ווי אַ קריגער, געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד,
האַלטנדיק די שווערד אין דער האַנט זיינער פעסט,
און געקומען איז צום קבר יעדער העלד —
פּאָעטן, זשורנאַליסטן, אָרעמע געסט,

און געזאָגט אַזוי:

נישט די צייט איצט פאַר יללה,
די דרייענדיקע ערד האָט נישט קיין צוימען,
און מאָרגן אויפגיין וועט די זון פאַר אַלע
און אין די אָקעאַנען וועלן שיפן שווימען,
און זיין וועט דעם מענטשן־דור כדאי צו לעבן,
אין אומבייט פון העלע שאָטנס און פון בראַנד.
אַ שאָד בלויז, וואָס ער קען עס נישט פאַרשרייבן,
ווי די אַלטע וועלט וועט פאַרוויִשן און פאַרטרייבן —
סוף־כל־סוף דער שטיינגעהאַקטער גיגאַנט!

קאַפּיטל איינס

די קרעטשמע „דער גאָלדענער האָן“

עס איז ווירקלעך געווען האַרבסט! די הונדערט־יאָריקע לינדביימער האָבן געגליט אין קאַלטן פייער. דער ווייטער בורשטין־הימל האָט געכוואַליעט איבער זיי, און די קאַלטע אומענדלעכקייט פון דער נאַקעטער סטעפּ, איבער וועלכער עס זענען געפלויגן אומדרייסטע און שרעקעוודיקע פייגעלעך, האָט איבעררעשט מיט איר אויסערגעוויינלעכער פאַרוויסטונג. דער שליאַך, אַ חרובער, אַ הויקערדיקער, אַ געשנירלטער מיט לינדביימער, האָט דורכגעשניטן די סטעפּ פון מזרח אויף מערב, פון איין האָריזאָנט צום צווייטן. ביים ברעג פונעם שליאַך איז געשטאַנען אַ באַשיידענע קרעטשמע, אָנגעוויזן אויפן חסד פון די האַרבסט־ווינטן און אויפן תענוג פון די אורחים.

די פאַרגייענדיקע זון האָט באַלויכטן די שמאָלע פענצטער, דער איינגעפאַלענער פּלויט האָט געגרילצט אויפן ווינט און אָנגעזעטיקטע פערד, איינגעשפּאַנטע אין אַ שוואַרצער קאָטש, האָבן נערוועז באַוויגן מיט די אויערן. הינער און אינדיקעס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום זיי, פּיקנדיק די קערנער. די טיר פון דער קרעטשמע „דער גאָלדענער האָן“ איז געווען אָפן, און אויף דער שוועל איז געשטאַנען דער באַלעבאָס אַליין, לייבקע, אַ גרייז־גרויער הדרת־פּנימדיקער זקן, וואָס איז גוט באַקאַנט און געשעצט אין גאַנץ אוקראַינע: פון די פּורמאַנעס די „דלות־קאַך־לאָקשן־ס׳איז־נישטאָ־קיין־אייער“, פון די עולה־רגלניקעס, ווי פון די אומפאַרשעמטע פּריצים און פונעם גאַנצן פאַרשידנאַרטיקן המון, וועלכער שפּרייזט דורך דעם אַטאַמאַן־טראַקט.

לייבקע האָט באַטראַכט דעם שליאַך, די אויסגעפּאַשעטע פערד פון ר׳ האַלפּערין דעם באַנקיר, די הינער, וואָס האָבן זיך אַרומגעשלייכט אַרום דעם וואָגן, און זיינע געדאַנקען האָבן זיך פאַרטראָגן העט־ווייט איבערן האָריזאָנט, אין די קאַלטע, וויסטע מקומות, ווו עס האָבן אַצינד געהערשט — איז ער זיכער געווען — אייז און שניי.

דער פאַן האַלפערין שלאָפט נאָך, נאָך אַ רייכן און געשמאַקן מאָל־צייט. זאָל ער שלאָפן! לייבקע וועט וואַכן איבער זיין שלאָף. עס שלאָפט אויך ר׳ האַלפערינס קוטשער, דער פּיפּיקער נעטשיפּאָר מיט דעם געשליפענעם צינגל. ס׳איז גאַרנישט אַזוי לאַנג, ווי ער שטעלט זיך אָפּ אין לייבקעס קרעטשמע, אָט דער פאַן האַלפערין, אַז דער אַלטער זאָל זיך דערלויבן אים צו פאַרנאַכלעסיקן. שטייענדיק אָנגעשפּאַרט נעבן דער שוועל פון דער טיר, זעט דער קרעטשמער, ווי דער האַרבסט צעטרייסלט די לינדביימער; ווי דער ווינט רייסט אַראָפּ די רווישיקע בלעטער, קרייזלט זיי אויפן וועג און קייקלט זיי אַוועק אין דער סטעפּ.

העט־וויט איבערן האָריזאָנט, אויב עס איז נישט קיין אייז, איז עס בלי־ספק דער ים. לייבקע טראַכט וועגן דעם אַ צעשטרייטער, ער איז דערפון נישט נתפעל; אים איז באַשערט דאָ אויסצולעבן זיינע יאָרן, צווישן די סטעפּעס, אין אָט דער קרעטשמע, וואָס גיט אים, דאַנקען גאָט! — אויף חיונה און עטוואָס מער, פאַר זיין טאָכטער נחמה, די איינציקע טרייסט זיינע אויף די אַלטע יאָרן.

לייבקע פאַרמאַכט פאַרזיכטיק די טיר, מיידט אויס צו מאַכן אַ גערויש און גייט אַראָפּ פון די טרעפּ. ער זעט נאָך, צי די פערד זענען אָנגעבונדן. דערנאָך גייט ער לאַנגזאַם אַדורך די נחלה, וואַרפט אַ בליק אין שטאַל אַריין, וווּ אַ פערד מיט אַ קו טיילן זיך בנעימותדיק דאָס היי פון דער זעלבער קאָריטע. דער אַלטער דרעמלענדיקער הונט שלעפּט זיך נאָך נאָך אים פויל און אונטערהינקענדיק.

הינטער דער קרעטשמע און דעם שייער געפינט זיך דער קאַרשן־גאָרטן. דער ווינט טרייסלט די צווייגן פון די ביימער. די בלעטער רווישן טרוקן אונטער די טריט. לייבקע הערט זיך צו צו אָט דעם גערויש: די טעג, די יאָרן טויכן אויף אין זיין זכרון. דער ווינט שמייסט זיין גוף, פאַררייסנדיק אין דער לופטן די פּאָלעס פון זיין לאַנגער אָפּגעטראָגענער קאַפּאָטע. עס פילן זיך די פאַרשיכורנדיקע האַרבסט־ריחות פון דער ערד. לייבקע זאַפּט איין דורך זיינע ציטערנדיקע נאָז־לעכער דעם דאָזיקן שאַרפן ריח פון דער האַרבסטיקער גסיסה. ער הערט דעם אָפּהילך פון דער ערד, וואָס די אומצוימבאַרע ווינטן רודערן אומגעריכט אויף. אָט די ווינטן, וואָס בייגן אויס צו דער ערד די קאַרשן־ביימער, וויגן אין אַלע זייטן די שלאַנקע, קליינע, שוצלאָזע בעריאָזקעס, ברעכן די טרוקענע צווייגן, פונקט אַזוי ווי לייבקעס אַלטע ביינער.

האַרבסט, זקנה... נישט וויכטיק! באַשר־בכן דער ווינט בייגט די בעריאָזע־ביימער; בכן ער שפּילט זיך מיט די צווייגן פון די קאַרשן־ביימער... די צייטיקע קאַרשן זענען שוין פון לאַנג אַראָפּגעריסן געוואָרן, שוין פון לאַנג איינגעמאַכט אין סלאָיען; זיי יוירן אין די קעלערן, אין זייער שמעקנדיקן זאַפּט, כדי דער ליקער זאָל צופן די נאָז־לעכער, קיצלען דעם גאָרגל און אויסלופטערן און קלאָר מאַכן די געדאַנקען. לייבקעס לעבן איז פונקט אַזוי קרעפטיק ווי דער קאַרשן־זאַפּט, וואָס יוירט אויף די ווינטן פון די סטעפּעס. ער גייט איבערן גאָרטן און וואַרפט

בליקן אויף יעדן בוים, אויף יעדן שטעגל; ער כאַפּט נאָך אַ בליק אַריין אין דער סטאַדאָלע און קערט זיך צוריק אין דער קרעטשמע; נעטשי־פּאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט; שטייענדיק אַנגעלענט נעבן דער קאַטש שטאַפּט ער אָן זיין ליולקע און שטילט איין אויפן הויכן קול די היר־זשענדיקע פערד.

אין צפון־זייט באַדעקט זיך שוין אַ האַלבער הימל מיט אַ געדיכטן וואָלקן פון בליי־קאָליר. דער ווינט וואָיעט ריטמיש. ער פאַרהאַלט זיך אויפן אומפאַרזייעטן באָדן, קרייזלט זיך אין גראָז, הויבט אויף אַ שלייער פון בלוילעכן שטויב אויפן אַטאַמאַן־וועג. לייבקע פאַרשווינדט אי־נערהאַלב דער קרעטשמע.

נעטשיפּאָר רייבט אָן דעם פייערשטיין, שלאָגט אויס פונקען, פאַרציט, אַרויסלאָזנדיק קנוילן רויך פון זיין ליולקע און קוקט מיט אַנגסט אויפן הימל. מיט אַנגעשפּיצטע אויערן פילן די פערד די אומרואיקייט פון דער סטעפּ. פון צפון פליען אָן שוואַרצע מחנות קראָען, אַרויסלאָזנדיק זייער מוראדיק געשריי. די קאַטשקעס פּאַטשן מיט די פליגל. די זון פאַרגייט הינטערן האָריזאָנט, דער וואָלקן שפּרייט זיך אויס און דער הימל ווערט אַלץ טונקעלער, און פלוצלונג הייבט זיך דער ווינט אויף פון דער ערד, ווי אַרויסגעריסן פון טויזנטער קייטן, וואַרפט זיך צום הימל, און טראָגט אַוועק כוואַליעסווייז צו די וואָלקנס, צו די גרוילעכע הויכן, דעם בייסיקן שטויב פון די סטעפּעס. די פערד האָבן ווילד געצויגן פאַר די לייצעס. נעטשיפּאָר שפּרינגט געשיקט אונטער און מיט דער בייטש פאַרהאַלט ער דאָס געשפּאַנטע פערד.

ער פירט דעם געשפּאַן אין הויף אַריין און האַלט איין די קאַטש אונטערן שטרויענעם דעכל. נאָכדעם, ווי נעטשיפּאָר האָט צוגעבונדן די פערד, לויפט ער אַריין אין דער קרעטשמע, בעת דער רעגן שמייסט אויף אים שוין געדיכטע טראָפּנס.

נעטשיפּאָר גייט אַריין, פאַרטשעפּענדיק זיך אין דער שוועל, און זעצט זיך אַוועק אויף דער באַנק נעבן פענצטער. לייבקע קוקט אַרויס דורכן פענצטער. ער זעט: צווישן די לינדביימער איז דער וועג פאַרשוווּנדן, עס פליסט אַ שטראָם, מיטרייסנדיק די נעבעכדיקע פאַרגעלבטע בלעטער. דער קרעטשמער ווענדט זיך אין דער מחשבה צו גאָט און זיינע טרוקענע ליפּן מורמלען די זעלבע ווערטער, וואָס זיין פאָטער פלעגט זאָגן מיט אַזויפיל יאָרן צוריק, בעת אַן ענלעכן האַרבסטיקן שלאַקסרעגן.

— נחמה! — האָט נעטשיפּאָר נישט־דרייסט גערופן — וואָלסט אפשר דערלאַנגט עפּעס זיך צו דערוואַרעמען...

נחמה זיצט הינטער דער טאַמבאַנק, איר קאָפּ אונטערגעשפּאַרט צווישן די פאַרלייגטע הענט און הערט דעם געוויש פונעם האַרבסטיקן רעגן. נעטשיפּאָרס ווערטער דערגרייכן צו איר, ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַן אַנדער וועלט: זי וואָלט נישט וועלן זיך רירן פון אָרט. אָבער, נישט אומדרייענדיק זיך פונעם פענצטער, שרייט צו איר דער אַלטער קרעטשמער:

— דו הערסט, נחמה! דערלאַנג דעם הער אַביסל בראָנפן!

— מיר זענען שוין איינמאָל הערן! — שמייכלט נעטשיפּאָר — נו, אויסוואורף וואָס דו ביסט, קרעטשמער!

נחמה צינדט אָן אַ ליכט אויף דער עטאַזשערקע. אַ געלער אָפּשיין פאַלט אויף די ווענט. דאָס מיידל גייט אַפּער פון הינטער דער טאָמבאַנק. הוידענדיק מיט די היפטן, מאַכט זי עטלעכע אָפּהילכנדיקע טריט אויף אירע הויכע קנאָפל און ברענגט נעטשיפּאָרן אַ פלעשל בראָנפן מיט ברויט צום פאַרבייסן. זי שטעלט אַלץ אַוועק נעבן קוטשער און דערוויי־טערט זיך, נישט אומקוקנדיק זיך, און ער, פון הינטער זיינע שוואַרצע געדיכט־באַוואַקסענע ברעמען קוקט אויף איר שלאַנקער פיגור. דאָס מיידל טראָגט לאַנגע, געפלאָכטענע האָר, פעך־שוואַרצע, וואָס שלענגלען זיך ביז צו דר׳ערד. אין איין אָטעם טרינקט נעטשיפּאָר אויס דאָס פלעשל בראָנפן, דערנאָך באַזאַלצט ער זיין ברויט און קייט עס מיט הנאה.

— האָסט דאָ אַ טאָכטער, אַ יפת־תואר, לייבקע — רייסט ער איבער דאָס שטילשווייגן — זי וועלקט אין דער סטעפּ, און אומזיסט, כ׳לעבן... דו וואָלסט באַדאַרפן, אַלטער אשמדאי, זי פירן קיין בערדיטשעוו.

— און וואָס איז דאָרטן אַזוינס פאַראַן, אין דעם בערדיטשעוו? — לייבקע רייסט זיך נערוועז אָפּ פונעם פענצטער און דערנעענטערט זיך צו נעטשיפּאָרן — וואָס וועט זי דאָרטן זען? — שווייג בעסער!

— שווייגן איז שוויגן, אָבער זיי נישט בייז!

און נעטשיפּאָר ווערט אַנטשוויגן; ער קאָן גוט דעם קרעטשמער — דער אַלטער פאַרטראָגט אַלץ, אָבער ווי נאָר מ׳רירט אָן זיין בת־יחידה, רעגט ער זיך אויף, אוממעגלעך אים צו באַרואיקן. כדי וואָס שנעלער צו פאַרענדיקן די מחלוקה, טוט נעטשיפּאָר אויס זיין בורקע, שפּרייט זי אויס אויף דער באַנק און לענט זיך צו, דאָס גרויע קאַראַקולענע היטל אונטערגעלייגט אונטערן קאָפּ. ער ווערט תיכף אַנטשלאָפן, און אין חלום דערזעט ער ווידער האַלפּערינס רחבותדיקן הויף, אין בערדיטשעוו, די הויכע שטיינערנע מויער פון דעם צוויי־שטאָקיקן הויז, און ער זעט זיך גופא, אַ באַרוועסן, אַן עמער אין דער האַנט, נעבן דער פאַרבלאָטיק־טער קאָטש.

דער רעגן הערט נישט אויף. נחמה גייט אַריין אין שכנותדיקן צי־מער און זעצט זיך אויפן בעט, נעבן פענצטער. דאָס פענצטער גייט אַרויס אין גאָרטן אַריין. אין דרויסן איז שוין בין־השמשות. לייבקע שטייט הינ־טער דער טאָמבאַנק. ער וואָלט געקענט זיך אויסציען, אָפּרוען. קענטיק, אַז היינט וועט שוין קיינער אין דער קרעטשמע זיך נישט באַווייזן. אָבער דאָס שלעכטע וועטער קען דאָך נאָך עמיצן אַהערברענגען. אגב, איז ר׳ האַלפּערין, גאָט ווייסט צוליב וואָס, געקומען אַהער צו לויפן, אויף אַ פּאָר זשוואָווע פערד און ער דערוואַרט עמיצן. ער האָט געזאָגט: „אויב עס קומט ווער, וועק מיך תיכף־ומיד אויף״.

לייבקע נעמט אַראָפּ פון איבער דער טיר זיין פוטערנע בורקע, טוט זי אָן און גייט אַרויס. אַ קאַלטער רעגן שמייסט אים אין פנים. ער האָט

גוט אַריבערגעצויגן דעם קאַפּישאָן איבערן קאָפּ און געמאַכט עטלעכע טריט איבערן וועג... ער פאַרוואָרפט דעם קאַפּישאָן און הערט זיך אויפמערקזאַם צו צום געריוש פונעם רעגן. גאָרנישט. בלויז דאָס איינטאָניקע כליוסקען פונעם רעגן. אָבער זיין אויער געניאַרט אים נישט. צווישן ווילדן געפּילדער און רעש דערקענט ער דאָס סקריפּען פון רעדער און דאָס לייכטע קלאַפּן פון קאָפּיטעס אויפן ווייך־געוואָרענעם וועג. לייבקע ציט ווידער אַריבער דעם קאַפּישאָן איבערן קאָפּ, און קערט זיך פאַמעלעך אום אין דער קרעטשמע. ער זעצט זיך אַוועק אויף אַ בענקל, נישט אויסטוענדיק די בורקע, און שאָקלענדיק זיך ווי ביים דאַווענען, פאַרטיפט ער זיך אין זיינע רעיונות. בשעת־מעשה הערט צר, ווי דער האַרבסטיקער רעגן רוישט אין די שויבן.

אין דערבייאיקן חדר, הינטער דער גוט־פאַרמאַכטער טיר, ברענט אַ ליכט.

דאָרט זיצט דער אַלטער ר׳ האַלפּערין, איבערגעבויגן איבער אַ קליין טישל. פון צייט צו צייט גלייכט ער אויס מיט דער האַנט זיין שוואַרץ קאַפּל און פאַרוויקלט מעכאַניש אויפן פינגער די לאַנגע זילבערנע האָר, וואָס פאַלן אַראָפּ איבער זיינע שלייפן. אַזאַ טבע האָט שוין יצחק האַלפּערין, ווען ער טראַכט. פאַר אים, אויפן טישל, ליגן פּאַפּירן און בריוו. בעת ער פאַרלאָזט, אפילו נישט מער ווי אויף איין טאָג, זיין בערדיטשעווער באַנק, קאָן ער זיך נישט פאַרגינען אָפּצורייסן זיך פון זיינע געשעפטן. ער ברענגט אין אָרדענונג, אין זיין אַלטער לעדערנער רייזע־טאַש, די נויטיקע פּאַפּירן, אַ טינטער, אַ קריגל פון גאָלדענעם זאַמד. ר׳ יצחק האַלפּערין האָט נישט ליב קיין פּוילישאַקעס און ער גופא איז אויך נישט קיין פּוילער. אויף אַ בלאָטיקער בערדיטשעווער גאַס שטייט אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע, פון פאָרנט — אַ ברייטע שילד: „באַנק האַלפּערין און זון". אויסערלעך זעט די באַנק אויס אָנשטענדיק און רואיק, אינעווייניק איז שטאַרק לעבעדיק. פון דאַנען גייען אַוועק איבער גאַנץ רוסלאַנד, ביז פּעטערבורג אפילו און מעבר־לים, די בריוו און די וועקסלען פון דער „באַנק האַלפּערין און זון". מען קען די דאָזיקע באַנק אין אַלע עקן וועלט. איר עשירות, איר שטאַרקע מאַכט און איר ערלעכקייט רופט ביי אַלעמען אַרויס צוטרוי.

פינף־און־זעכציק בעלי־אכסניות פון ביידע זייטן אַטאַמאַן־טראַקט און איבערן נידער־דניעפּער זענען די שליחים, וועלכע פאַרשפּרייטן אין די דערפער און סטעפּעס דעם גוטן נאָמען, דעם שם פון דער באַנק. פינף־און־זעכציק בעלי־אכסניות און קוואַרטיר־אייגנטימערינס קענען און אַכטן דעם זייער מעכטיקן און שטאַרק־באַשיידענעם ר׳ יצחק האַלפּערין. און לענגאויס דעם אַטאַמאַן־טראַקט פון קיעוו קיין בערדיטשעוו, פון בערדיטשעוו קיין בראָד, פון בראָד קיין ראַדזיווילאָוו לויפן די פּאַסאַזשירן־קאַרעטעס, די פּאָסט־וועגענער, די פורן. בעת זייער דורכפאָר עפענען זיך די געשטרייפטע שלאַבאַנען, די ביידל־וועכטער קומען אַרויס און די פּאָסט־סטאַציעס אַנטפּלעקן זיך ווי לאָקנדיקע, פאַרפירערישע אָאַזיסן. און

אַ היפשע צאָל פון זיי געהערן צום אַלמעכטיקן און איינפלוסרייכן ר׳ האַלפּערין פון בערדיטשעוו. דאָך איז ער כלומרשט ווייך און געזעצט, ער רעדט אויף אַ נידעריק און שוואַך קול, און פאַרנייגט זיך זייער טיף פאַר די שררות און טשינאָווניקעס פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט, און קיינמאָל רעדט ר׳ האַלפּערין נישט אַרויס קיין הויך וואָרט, אפילו נישט קעגן זיין קוטשער נעטשיפּאָר. צווישן מענטשן, פליעסקען תמיד אין די אויגן פון אַלטן באַנקיר אַזוי ווי אין די סטעפּישע אָזיערעס, די גאָלדענע פישעלעך פון גוטסקייט און אויפריכטיקייט, זיין קורץ שפּיציק בערדל ציטערט אָפט פון געלעכטער, זיינע פולע און ראָזע ליפּן קרימען זיך פריילעך. זיין ברייטער שטערן איז איינגעפאַלן מיט טיפע קנייטשן. אָבער, ווען ר׳ האַלפּערין בלייבט אַליין, דוכט זיך אים דעמאָלט, ווי ער וואָלט הויך־געוואַקסן, די הענט זיינע — ווי זיי וואָלטן געוואָרן עקשנותדיקער, און אין די אָזיערעס פון זיינע אויגן פאַרשווינדן די גאָלדענע לאַכנדיקע פישעלעך; פאַרקערט, דורכזיכטיקע שטיקער אייז ווערן דאָ בלוי און זיינע ברעמען פאַלדן זיך, אין שטעכיקע קוסטעס. די טירן זענען הער־מעטיש פאַרמאַכט, די פענצטער — פאַרהאַנגען מיט ראָלעטן, באַשיצט דורך לאָדנס, אויפן טיש ליגן שווערע האַנדלס־ביכער, פּעקלעך אָפּגע־לאָפּענע וועקסלען און געלט־באַנקנאָטן. זיינע לאַנגע טרוקענע פינגער מיט די פון טאַבאַק פאַרגעלבטע נעגל לויפן גיך איבערן רעכן־טאָוול, בעת אויפן פענצטער־פאַראַפּעט קילט זיך אָפּ אַ טעפּל מילך און עס טריקנט אויס אַ ווייס זעמעלע. אין אַזעלכע נעכט אַנטשיידט זיך דער גורל מער ווי פון איין פריץ, וואָס שלאָפט, פונדעסטוועגן, געשמאַק אין זיין בעט, אונטערן פוכענעם איבערבעט, נישט וויסנדיק צומאָל, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום וועט זיך באַווייזן מיט זיינע אונטערגעשריבענע וועקסלען די הכנעהדיקע און אונטערטעניקע פיזיאָנאָמיע פון ר׳ האַל־פּערין, און וואָס וועט אים אומברחמנותדיק צודריקן צו דער וואַנט, ער וועט דאַן נישט האָבן קיין אַנדער ברירה, ווי צו ווענדן זיך צו דער „באַנק האַלפּערין און זון״.

פאַרוואָרפן דעם אָפּגעטראָגענעם סורדוט אויף די פּלייצעס, שרייבט האַלפּערין בריוו. זיין פעדער לויפט לייכט איבערן פּאַפּיר, פון די ווער־טער ווערן שורות, דייטלעכע און ווירדיקע. ער שרייבט צום הויכגעשעצטן מושל ראָטשילד, דעם ווינער באַנקיר. און ער טראַכט וועגן גראַף מני־שעק. דער גראַף האָט אים אָנפאַרטרויט אַ שליחות, נישט זייער קיין אָנגענעמע, אָבער פאַרוואָס האָבן אַ ווידערווילן צו דעם, וואָס קאָן אַריינ־ברענגען געלט, אַן אונטערהאַלט אין די געשעפטן?

די שליחות פונעם גראַף האָט קיין שייכות נישט צו די וועקסלען און ווערט־פּאַפּירן, זי זעט נישט אויס צו האָבן קיין געמיינזאַמס מיט קיין געלט, זי רירט אָן גאָר אַן אַנדער געזעלשאַפט, ווו די באַנק האָט דאָרט קיין שליטה נישט. אָבער פאַרוואָס נישט אויספּרוון דעם אייגענעם כוח? סוף־כל־סוף איז אַלץ אָפּהענגיק פון געלט.

ר׳ יצחק האַלפּערין חתמעט זיין בריוו, לייגט אים אַריין אין אַ קאָנ־ווערט, וואַרעמט אָן אַ שטיקל לאַק און צעדריקנדיק די רויטע מאַסע מיטן גראַווירטן רינג, שטעמפּלט ער אים אָפּ. דעם בריוו דערנעענטערט ער צו די אויגן און באַוווּנדערט אַ רגע דעם חותם פון זיין רינגל אויפן לאַק. אַריינלייגנדיק דעם קאָנווערט אין זיין טשעמאָדאַן, האַלט דער אַלטער גלייכצייטיק אָנגעשטעלט דאָס אויער. דער רעגן הינטערן פענצטער, דאָס כראָפּען פון נעטשיפּאָרן... נאַכט... שטילקייט... ער לעשט אויס זיין ליכט, וואַרפט אַרויף אויף זיך זיין סורדוט און עפענענדיק לייכט די טיר, כאַפּט ער אַ בליק אויפן זאַל פון דער קרעטשמע. נעטשיפּאָר שלאָפט אויף דער באַנק מיטן פּנים אַראָפּ. אָנגעלענט מיטן קאָפּ, קוועטשט לייב־קע מיט דער נאָז דעם טיש. ר׳ האַלפּערין גייט דורך דעם זאַל אויף די שפּי׳ץ פינגער און פאַרשווינדט הינטער דער טיר. נחמה ליגט אין בעט מיט ברייט־צעעפענטע אויגן. זי איז אומרואיק און קאָן נישט שלאָפן. פון דער שוועל צו איר בעט דערגייט אַ געראויש פון לייכטע טריט... איר פאָטער איז עס נישט. זי האָט עס גלייך פאַרשטאַנען. נעטשיפּאָר? ניין, נישט ער... אָנלענענדיק זיך אויפן עלנבויגן, קוקט זי גלייך אַנטקעגן זיך. איז עס מעגלעך? ס׳איז אַ חלום, אַ געשפּענסט. הער האַלפּערין, בכבודו ובעצמו, דער אַזוי פאַרשטענדיקער און אָנגעזעענער, זעצט זיך צו אויפן בעט און, צובייגנדיק זיך איבערן מיידל, שטופּט ער זי אויפן קישן. ער לייגט אַרויף אַ פינגער אויף אירע ליפּן און שעפּטשעט מיט אַ געהיימ־נישפולער מינע:

— ש־אַ־אַ!

מיט אַן אָנמעכטיקער האַנט שאַרצט נחמה אַרויף די עקן פון איר קאָלדרע און עס דערוועקט זיך ביי איר אַ באַהאַלטענער חשד. האַלפּערין בויגט זיך נאָכמער איבער, זיין בערדל באַרירט שוין דעם אַקסל פון מיידל, ער מורמלט: אויס פּחד פאַרבייסט נחמה די ליפּן, בלויז די הענט און די פיס ציטערן ביי איר פיבערדיק; אין אָט דעם מאָמענט דערהערט זיך אַ האָגל פון קלעפּ אין דער טיר פון דער קרעטשמע און פינגער פויקן האַסטיק אין פענצטער.

האַלפּערין ציט זיך צוריק אויף הינטן, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטון. אין איין אויגנבליק איז ער אין זאַל. נעטשיפּאָר כאַפּט זיך אויף אינגאַנצן אַ פאַרשלאָפענער. לייבקע פאָרעט זיך נעבן דער טיר. ר׳ האַלפּערין שטייט אויף דער שוועל מיט אַ לייכטער אין דער האַנט. ער האָט שוין לחלוטין פאַרגעסן נחמהן, דעם גראָף מנישעק, דעם יצר־הרע, וואָס האָט אים אָנגעכאַפּט מיט אַ ווילדע פריער. אָט איז געוויס דער דערוואַרטער גאַסט, צוליב וועלכן ער איז אַהער געקומען... די שוועל טרעט איבער אַ הויכער מענטש, אין אַ פלאַשטש און מיט אַ ביקס פאַר־וואָרפן איבערן אַקסל, שעלטנדיק דאָס וועטער, די קרעטשמער און דעם רעגן; אַ צווייטער גייט הינטער אים, איינגעהילט אין אַ מאַנטל פון קאָפּ ביז די פיס.

— לייכט צו אַביסל בעסער, דער רוח זאָל דיך כאַפּן! — שרייט דער זעלנער צום באַנקיר.

— צו אייער באַפעל! — ענטפערט הכנעהדיק האַלפערין, אויפהייבנ־דיק העכער דעם לייכטער.

עס האָט אים שוין פאַרדראָסן, הלמאי ער איז אַזוי גיך אַרויס; דאָס האָט געמוזט זיין עמיצער אַנדערש און נישט דער דערוואַרטער גאַסט.

לייבקע האָט זיך געפּאַרעט, געהאָלפן די פריש־אָנגעקומענע זיך אויס־טון. נעטשיפּאָר און דער קוטשער פון דעם צוגערייזטן זענען אַרויס אין דרויסן זיך צו פאַרנעמען מיט די פערד. נחמה איז געבליבן זיצן אין איר בעט, איינגעוויקלט אין די קאָלדרעס, די הענט איבער די קני, אויף וועל־כע זי האָט שטאַרק אָנגעשפּאַרט די גאָמבע, אפּנים, זי האָט געהערט דעם טומל, וואָס איז געקומען פון דער קרעטשמע און האָט געפּרוווט באַנע־מען, וואָס דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּילט. זי האָט געציטערט פון פיבער, אירע ליפּן זענען געווען אויסגעטריקנט און האָבן געברענט, אָן אומ־מענטשלעכער דורשט האָט זי אָפּגעשוואַכט. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אין בלויזן קאָפּ און אין העמד, זיך געשטעלט נעבן פענצטער, פאַר־צויגן די פאָרהאַנגען, געעפנט דעם ריגל, אויפגעפּראַלט די פענצטער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ הינטערן רעגן. ס׳וואָסער האָט באַנעצט אירע באַקן, אויף וועלכע עס זענען גערונען קאַלטע ריטשקעלעך. די נאַכט האָט געשמיסן הויפנס ווינט אין אירע שוואַרצע צעפּ און נחמה האָט זיך שטאַרק צעכליפּעט. דער פאָטער האָט זי אויף אַ הויך קול גערופן. אַזוי פלעגט ער זיך תמיד פירן, ער האָט זי אויפגעוועקט אין מיטן נאַכט, ווען ס׳איז אָנגעקומען עפּעס אַ וואַזשנע שישקע. דעמאָלט פלעגט זי, אויף זיין רוף, אַראָפּשפּרינגען פון בעט, לויפן געשווינד, אָנטוענדיק זיך אויפן וועג. אָבער דאָס מאָל האָט זי נישט געענטפערט און געבליבן צו־געשמידט צום אָרט, לאָזנדיק רינען איר עגמת־נפש און אירע טרערן. זי האָט זיך נישט אָוועקגעריסן פון פענצטער, אפילו, ווען די טיר האָט געסקריפּעט און דער פאָטער איז אַריין. ער האָט זיך לאַנגזאַם דער־נעענטערט און אָנגערירט איר אָרעם:

— נחמה!

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו אים און, פאַרבייגנדיק דעם קאָפּ, האָט זי געהאָרכזאַם געפרעגט:

— וואָס איז, טאַטע?

— זיי מוחל, גיי אָנטקעגן דעם הויכגעשעצטן האָר.

— איך גיי, טאַטע.

דער פאָטער איז נישט אַרויסגעגאַנגען. ער איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, דערנאָך האָט ער גענומען דער טאָכטערס גאָמבע צווישן זיינע אויסגעטריקנטע, ביינערדיקע פינגער און אויפגעהויבן איר קאָפּ. זי האָט שוין מער נישט געוויינט, נייערט געקוקט גלייך דעם טאַטן אין די אויגן אַריין. און נחמה האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געזען, ווי האַלפערין איז אַריין צו איר אין חדר.

— דו האָסט געהערט, דו האָסט געזען? — האָט זי שנעל געשעפּ־טשעט.

דער פּאַטער האָט אַוועקגענומען די פינגער פון דער טאַכטערס גאָמבע, ווי ער וואָלט געוועזן זיך אָפּגעבריט, ר׳איז האַסטיק אַרויס פון צימער און פאַרהאַלטנדיק זיך האַרט פאַר דער טיר, האָט ער אַ זאָג געטון:

— דו רעדסט נאַרישקייטן...

אָבער נחמה האָט דערפילט אין זיין שטים עטוואָס שקר און דאָס האַרץ האָט איר פאַרקלעמט פון עגמת־נפש.

האַלפּערין האָט זיך פאַרנומען מיטן פּריש־אָנגעקומענעם. יענער האָט נאָך נישט געהאַט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. דער באַנקיר האָט אים געהאָלפן באַפרייען זיך פונעם פּלאַשטש, ער האָט אויסגעטון דעם סור־דוט און זיך באַוויזן אין זיין רויטן סאַמעטענעם וועסטל. ער איז געווען אַ קליין־וווקסיקער, אַ פעטלייביקער, אַ ברייט־פּלייציקער; אַ הויכער זשאַבאָט האָט איינגעראַמט זיין האַלדז ווי אַ ים־שוים; קורצע אַראָפּהענ־גענדיקע וואָנצעס האָבן זיך אויסגעטיילט אויף זיין פריש־ראַזירטן גע־זיכט און זיינע קאַשטאַן־האָר זענען אים אַריבערגעפאַלן איבער די אַקסלען. צוויי טיפע קנייטשן האָבן דורכגעשניטן זיין הויכן שטערן ביים אַנהייב נאָז.

לייבקע האָט געהאַט אָנגעצונדן אַלע ליכט אין די לייכטער. דער צוגערייזטער האָט אויסגעמאָסטן מיט זיינע פיס דעם זאַל אין דער לענג און אין דער ברייט, זיך געריבן די הענט און די סיגנעטן האָבן געבליש־טשעט אויף זיינע פינגער. ער האָט לייכט געטראָגן אויף זיינע קורצע און דינע פיס אַ דיקן בויך, נישט פעסט איינגעצויגן מיטן גאַרטל פון זיינע הויזן. זיינע אויגן, פינקלענדיקע און דורכדרינגענדיקע, האָבן אַלץ אַרום באַטראַכט, ווי זיי וואָלטן מיטן בליק וועלן דורכדרינגען די חפצים, די ווענט, די טירן, די געזיכטער. קוקנדיק אויף האַלפּערינען, האָט ער געשמייכלט און פאַרזשמורעט די אויגן אויף צו באַטראַכטן דעם אַלטן קרעטשמער. ער האָט נאָך נישט געהאַט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, אָבער האַלפּערין איז שוין געווען איבערצייגט, אַז קעגנאיבער אים שטייט טאַקע דער זעלבער מענטש, וועגן וועלכן עס האָט אים געשריבן ראָטשילד מיט אַ חודש צוריק; דער זעלבער, וועמען מ׳האָט דערוואַרט אין ווערכאָווניע; מיט וועמען עס האָבן זיך אינטערעסירט אין מאַנאַסטיר די באַר־וועסע קאַרמעליטן־גלחים. פאַרנייגנדיק נידעריק דעם קאָפּ מיטן גאַנצן דרך־ארץ און אונטערטעניקייט, איז דער באַנקיר שוין גרייט געווען פאַר־צוברענגען די פון לאַנג איינגעחזרטע באַגריסונגס־פראַזע, אָבער גראָד אין זעלביקן מאָמענט האָט די טיר אַ סקריפּע געטון און נחמה האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל מיט אַ לייכטער אין האַנט. דער צוגערייזטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און נישט באַהאַלטנדיק זיין נייגיר, האָט ער זיך איינגעביסן מיט די אויגן אין דעם מיידל. זי האָט רואיק פאַרלאָשן דאָס ליכט און אַרונטערגעגאַנגען הינטער דער טאַמבאַנק. און דער פרעמדער, נישט רירנדיק זיך פון אָרט, האָט זי מיטן בליק נאָכגעפאָלגט. ער האָט

באַוווּנדערט איר שלאַנקע מיידלשע פיגור, אַ געוואַלדיקער באַגער האָט
זיך אין אים דערוועקט צו גלעטן אירע לאַנגע צעפּ. דאָס מיידל האָט אויפגע־
הויבן אויף אים אירע טיפע, טונקעלע אויגן און געזאָגט עטלעכע ווער־
טער דעם קרעטשמער. האַלפערין האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, זיך
געשטעלט צווישן איר און דעם פריש־געקומענעם גאַסט און, פאַרנייגנ־
דיק זיך זייער טיף, אים האַרציק מקבל־פּנים געווען אויף אַ צעבראָכענעם
דייטשמערישן לשון:

— הער ראָטשילד פון ווין האָט מיר מודיע געווען און איך וועל זיין
איבער גליקלעך אייך צו דינען טאָג און נאַכט, איך גופא און מיין גאַנץ
באַנק־הויז זענען גרייט אויסצופירן אייערע פאַרלאַנגען און באַפעלן.

דער אורח האָט, שווייגנדיק, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך
אָנגעשפּאַרט אויפן ראַנד פון אַ באַנק און אין דער צייט, וואָס דער פיינ־
קוכן האָט זיך געפּרעגלט, האָט ער אויפן טיש קעגנאיבער זיך אויסגעלייגט
פּאַפּירן, צוגערוקט אַ טינטער, וואָס האַלפערין האָט געהאַט צוגעגרייט. ער
האָט במשך פון עטלעכע רגעס געביסן אַ נייע גענדזענע פעדער און אָנגע־
הויבן שרייבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער געשווינדקייט. דער זעלבער איז
אַריינגעקומען, אַ קוק געטון, זיך צוריקגעצויגן צום איינגאַנג און זיך דאָ
אַנידערגעזעצט נעבן נעטשיפּאָרן. האַלפערין איז געבליבן שטיין אין אַ
ווינקל, דער אַלטער קרעטשמער — הינטער זיין טאָמבאַנק. רעגן־טראָפּנס
האָבן אויסגעקלונגען אויף די שויבן דאָס איינטאָניקע, אומאויפהערלעכע
האַרבסט־ליד, דער ווינט האָט געהודזשעט הינטער די פענצטער, די הונ־
דערט־יעריקע לינדביימער האָבן גערוישט לענגאויס דעם אַטאַמאַן־טראַקט.

די נאַכט איז געפלויגן אויף אירע שוואַרצע פליגל, און ער האָט אָן
איבעררייס געשריבן, אַמאָל שמייכלענדיק, מאָמענטנווייז קנייטשנדיק זיינע
געדיכטע ברעמען, און זיין הויכער, קלוגער שטערן האָט געלויכטן אי־
בערן טיש און איבער די פּאַפּירן. ער האָט אַוועקגעלייגט אין אַ זייט די
בלעטלעך, פאַרשריבענע מיט גרויסע אותיות און ברייטע אָפּשטאַנדן,
נישט כאַפּנדיק צומאָל קיין בליק אויף זיי, און בשעת נחמה האָט אים
דערלאַנגט דעם פיינקוכן און די מילך, האָט ער נישט אויפגעהויבן דעם
קאָפּ, הגם דער ריח פון געפּרעגלטס האָט אים פאַרריסן אין דער נאָז. זיין
האַנט האָט נישט אַרויסגעלאָזט די פעדער פון האַנט און די אותיות האָבן
זיך אויסגעשפּרייט אויפן פּאַפּיר מיט אַן אומצוימבאַרער שנעלקייט, באַ־
דעקט עס מיט אַ מאָדנעם, אומפאַרשטענדלעכן געציקלטן כתב.

דער קרעטשמער באַטראַכט דעם גאַסט מיט אומבאַהאַלטענעם נייגיר.
וויפל רייזנדע האָבן זיינע אויגן זיך שוין נישט אָנגעזען אין לעבן, וויפל
מענטשן האָבן זיי שוין נישט באַגעגנט? אָבער לייבקע וואָלט זיך גע־
קענט שווערן, אַז ס'איז דאָס ערשטע מאָל, ווי ער זעט אַזאַ אורח! אַן
אויסטערלישע בריאה. ער האָט זיך נישט געבייזערט אויפן אַלטן קרעטש־
מער, טראָץ דעם רעגן און דעם שלעכטן וועטער. ער האָט נישט געקניפּן
אין בעקל פון דער שיינער נחמה, נישט פאַרלאַנגט קיין וויין און נישט

אַראָפּגעשליידערט דאָס געפעס אויף דר׳ערד. צי איז עס נישט אַמאָל איינער, וואָס מאַכט פאַלש געלט אָדער אַן אינטערנאַציאָנאַלער שווינדלער? נישט מעגלעך! נישט ער זעט אויס ווי אַזאַ איינער און נישט ער האָט אָט די מאַנירן.

אָנגעשפּאַרט נעבן דער וואַנט, גלעט דער קרעטשמער זיין באָרד און מיטן אויג אָבסערווירט ער זייטיק דאָס געזיכט פון ר׳ האַלפּערין. עס קומט אים אַנטקעגן ווי אין אַ וויזיע זיינע געהיימע, לייכטע טריט, דאָס סקריפּען פון דער טיר, דאָס טויבע שעפּטשען אין נחמהס צימער, און, צי איז עס נישט געווען אָט דער פרעמדער... וועלכע זענען, אַלזאָ, געווען ר׳ האַלפּערינס כוונות? וואָס האָט ער געוואָלט? אויף די ווענט פאַלט אַן אומזיכערע שיין. דאָס דאָזיקע נעבעכדיקע ליכט פאַרטונקלט נאָכמער די אַלטע, שוואַרצע בראָנפן־פעסלעך, מאַכט בלייכער דעם אָפּשיין פון די שיסלען און טעלער און רוקט צוזאַמען אויף זייער פּאָליצע די גאַנצע ליטערדיקע, האַלבע ליטערדיקע פלעשער, קווערטלעך — אָט די באַנאַלע מאָסן פון מוראדיקער שיכרות — די טרעגערין פון נישט־פאָרויסגעזעענע מחשבות.

נחמה זיצט אין איר צימער. די פולקומע שטילקייט פון דער קרעטשמע פאַרפּאָלגט זי. איר טוט באַנג, הלמאי זי האָט נישט גערופן קיין הילף. צי האָט מען אָבער געדאַרפט שרייען? דער אַלטער און הויכגעשעצטער ר׳ האַלפּערין האָט דען געקאָנט האָבן וועלכע נישט איז כוונה איר שלעכטס צו טון? דאָס וואָלט געווען שרעקלעך. און פאַר וועמען וואָלט זי זיך געקאָנט אָנפאַרטרויען? ווער וועט איר אַן עצה געבן? זי טרייסטן? אין איר פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז געווען אַזוי אומפאַרענדערלעך ווי דער אָפּשיין פון הימל, זינט איר קינדהייט ביזן היינטיקן טאָג, האָט זי קיינמאָל קיין טרייסט נישט געהאַט.

זי איז געוואַקסן אין איינזאַמקייט און אין שטילשווייגן. אירע איינציקע פריינט זענען געווען די בעריאָזע־ביימער אין גאָרטן און די פּרעכטיקע בלומען פון די סטעפּעס. די ווינטן האָבן געוויגט איר קינדהייט, די ווינטן האָבן איר געוועבט חלומות פון גליק. פרילינג־צייט פלעגט זי ליב האָבן צו הערן דאָס געזאַנג פון דער קוקאַווקע. זי פלעגט פרעגן ביים פויגל, ווי לאַנג וועט איר לעבן זיין און דער פויגל פלעגט אומאויפהערלעך זינגען ביז דערשעפּונג.

נחמה פלעגט באַגעגענען ר׳ האַלפּערין מער ווי איין מאָל; זי האָט געוווּסט, אַז פון אים איז עס אָפּהענגיק איר פאָטערס ווויִלשטאַנד; אַז די קרעטשמע געהערט צו אים שוין פון לאַנג און, אַז איר פאָטער איז דאָ בלויז אַ פשוטער דינער און דאָס אַלץ צוליב דער זאָרג פאַר איר. טיילמאָל פלעגט זי טראַכטן וועגן ווייטע מרחקים, וועגן שטעט. נאָך אַלס קינד האָט נחמה איינמאָל באַזוכט בערדיטשעוו. דאָס איז געווען דאַן, ווען זי האָט באַגלייט דער מוטערס קערפּער צו איר אייביקער רו. די שטאָט איז איר נישט געפעלן געוואָרן. דאָ, אין די סטעפּעס, ביים ראַנד פונעם שליאַך, האָט נחמה זיך אויסגעלערנט צו דערקענען דאָס לעבן.

וואָס פּאַראַ מינים מענטשן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט אין אַט דער קרעטשמע! בייזע, שווייגערס, בעל־כעסנס און פריינטלעכע, ליבנסווירדיקע. אָבער מער פון אַלעמען האָט נחמה ליב געהאַט די באַרעדעוודיקע און פריילעכע בעלי־עגלות, זי האָט געקענט די מעלאַנכאָלישע לידער פון די פורמאַנעס; די לידער, וואָס עס האָט געזונגען וואַסילי דער פּאַראַבעק פון ווערכאָווניע. בקרוב וועלן פון דרום אָנקומען די גרויסע מחנות פורמאַנעס, זיי וועלן דערציילן, וואָס זיי האָבן געזען אין וועג; וואָס פּאַראַ מענטשן זיי האָבן באַגעגנט. זיי וועלן מאַכן אַ כוסה, די אַלטע וועלן אָנהויבן זיך באַקלאָגן אויף זייער ביטערן גורל און דחקות, די יונגע וועלן אָנהויבן זינגען. אַט די צונויפפאָרן פון די פורמאַנעס זענען פאַר נחמהן אַ גרויסע צעשטרייאונג.

נחמה האָרכט זיך איין מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. עס הערשט אַ טויט־שטילקייט אין דער קרעטשמע. אַ מאָדנער אורח אַט דער פריש־געקומענער! און ווי ר' האַלפּערין פּאָרעט זיך אַרום אים! ס'איז בלי־ספק אַ רייכער מאַן. אויף די שפּיץ־קנאָפּל גייט זי אַריין אין דער קרעטשמע און זעצט זיך הינטער דער טאָמבאַנק. איר אינטערעסירט שטאַרק אַט דער דיקער אויסלענדער, וואָס האַלט אין איין שרייבן. דער פיינקוכן איז שוין פון לאַנג קאַלט געוואָרן און האַלפּערינען איז שוין נמאס געוואָרן כסדר צו זיצן אין אַ ווינקל, בעת אין אַט דער שפּעטער נאַכט איז דאָס וועטער אין דרויסן שרעקלעך בייסיק, דער רעגן שמייסט אין די מויערן און דער ווינט הודזשעט הינטער די פענצטער. דער פרעמדער האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ ווײַלע די פעדער, זאָרגפול צוזאַמענגעלייגט די באַשריבענע בלעטלעך, לייכט אָפּגעאָטעמט און נעמענדיק אַ פריש בייגעלע פּאַפּיר, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו שרייבן. דער באַגינען האָט אויסגעשפּרייט אויפן האָריזאָנט אַ שטראַל פון ליכט. די שויבן זענען באַלויכטן געוואָרן און מ'האָט געזען, ווי די האַרבסט־נאַכט לעשט זיך און ווערט פאַרשווּנדן, בשעת דער רעגן האָט זיך באַרואיקט און באַלד אינגאַנצן אויפגעהערט. הינטער דער וואַנט, אונטערן איינגאַנגס־דעכל, האָט דער האָן דריי מאָל אַ קריי געטון.

הינטער די פענצטער האָט די נאַכט זיך אויסגעלאָשן און דער כמורנער באַגינען האָט באַגעגנט אין דער קרעטשמע פאַר דורכרייזנדע אָנאָרע דע באַלזאַק.

ער האָט פאַרענדיקט דעם לעצטן בריוו צו זיין פאַרלעגער גאָסלען אין דעם ווייטן פּאַריז און אַוועקגעשמיסן די פעדער אויפן טיש. ער האָט זאָרגפול צוזאַמענגענומען די באַשריבענע בלעטלעך און זיי צוגעטראָגן אין ווינקל, ווו עס איז אויף אַ בענקל געשטאַנען אַ קליינער טשעמאָדאַן. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן פיינקוכן. ער האָט דערשפּירט דעם הונגער און מיט אַ זשעדנער באַוועגונג האָט ער צוגערוקט דאָס פענדל און אָנגעהויבן עסן די קאַלטע פּאַטראַווע; ער האָט אָפּגעבראָכן שטיקלעך פון פאַרדאַרטן ברויט, ברייט געעפנט דאָס מויל און אַראָפּ־

געשלונגען די קרישקעס, נאָך וועלכע ער האָט יעדעס מאָל צוגעטרונקען די מילך.

ער האָט מיטן פינגער צוגערופן האַלפּערינען. אַלץ האָט אים אינטערעסירט: דער רעגן, די קרעטשמע, בערדיטשעוו. עס איז נייטיק געווען אָנצוקומען נאָך הילף צו לעאָנען אָדער לייבקען, ווי מ׳האָט אים גערופן אין ווערכאָווניע און באַלד האָט זיך באַלזאַק מיט האַלפּערינען אויסגעצייכנט פאַרשטענדיקט.

— יאָ, יאָ! — האָט דער באַנקיר האַלפּערין צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — הער באַלזאַק קאָן אים אָנפאַרטרויען די בריוו און נישט בלויז די בריוו... — ער האָט אים איידל און מיט רמזים געגעבן אָנצוהערן, אַז אפילו וויכטיקערע ענינים קאָן ער אים אָנפאַרטרויען. ווען ער וועט נייטיק האָבן מזומנים? תיכף אָדער שפּעטער? באַלזאַק האָט געשמייכלט און דורכדרינגלעך זיך איינגעקוקט אין האַלפּערינס געזיכט. ווען האָט ער אים געזען?

אינעם מאָגערן געזיכט פון בערדיטשעווער באַנקיר האָט ער דערקאָנט געמיינזאַמע שטריכן מיט די פּאַריזער בערזע־לייט. וואָס־זשע, גאָסלען האָט געוווסט דורך וועמען צו צאָלן אים האָנאָראַר. גוט, ער וועט אים אָנפאַרטרויען זיינע עסקים. הער ראָטשילד פון ווין האָט אים רעקאָמענדירט גאָסלענען. דאָס איז געווען גענוג. ראָטשילד איז געווען אין קאָנטאַקט מיט זיינע פאַרלעגער. וואָס שייך געלט, האָט באַלזאַק, דערווייל, הילכיק אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער אַזוי, אַז די גריווע פון זיינע קאַשטאַן־האָר האָט זיך געוואָרפן אויף זיינע אַקסלען — דערווייל, איז נישט פאַראַן קיין דוחק אין געלט. ער הויבט זיך אויף און פאַרלאָזט די קרעטשמע. האַלפּערין און לייבקע דער קרעטשמער גייען הינטער אים.

איבער דער סטעפּ שטעלט זיך דער קאַיאָר. געדיכטע און טונקעלע וואָלקנס שפּרייטן זיך אויס איבערן הימל, אָבער עס רייסט זיך דורך אַ דינער ליכט־שטראַל, וועלכער שימערירט בעתן זון־אויפגאַנג. שלענגלענדיק זיך, פאַרגייט אויפן ווייטן האָריזאָנט דער, מיט האַרבסטיקן רעגן, פאַרגאָסענער אַטאַמאַן־שליאַך. די לינדביימער שטייען טרויעריקע, אומטרייסטבאַרע.

ווי אַ פאַרמאַטערטער פון דאָרשט, אַטעמט באַלזאַק אָפּ מיט דער פּולער ברוסט. ער זאַפּט איין די שמעקנדיקע לופט פון דער סטעפּ. עפּעס היימישס דערפילט ער אין אָט דער לופט. און ווייט, הינטער די אומענדלעכע רייען פון די לינדביימער, הינטער דער גרויער און נאַסער סטעפּ, אַנטפּלעקט זיך דאָס בילד פונעם הויז, וווהין ער פאָרט און פון דער באַגערטער פרוי. ער פאַרגעסט וועגן זיין מידקייט, וועגן זיין שלאָפלאָזער נאַכט און וועגן זיין פאַריז. ער הייסט שפּאַנען די פערד, מיט אַ הייזעריק קול רעדט ער אַרויס דאָס וואָרט, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט: „קיביטקאַ״ *), און, אין משך פון עטלעכע מינוט וויגט זיך שוין זיין

---

*) „קיביטקאַ״ — אין רוסיש: געדעקטער וואָגן אָדער געדעקטער רייזע־שליטן. — **באַמ. פון איב.**

פאַרבלאָטיקטע קאַרעטע אויפן משופּעדיקן אַטאַמאַן־שליאַך און הינטער איר הוידעט זיך האַלפּערינס שוואַרצע קאָטש. די פערד שלעפּן זיך מיט אַ גלייכמעסיקן טריט איבערן הויקערדיקן וועג. זיי סאָפּען שווער און פון זייערע נאָזלעכער לויפן דאַמף־קנוילן. גוט אַרומגעהילט מיט זיין מאַנטל, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, זיצט אָנאָרע דע באַלזאַק אין הינ־טערגרונט פון דער קאַרעטע.

נחמה איז שטיינגעבליבן אומבאַוועגלעך פאַר דער טיר פון דער קרעטשמע און מיט אומעטיקע בליקן באַגלייט זי די קאַרעטע. דאָס רעגן־וואַסער פליסט אָפּ אין די רינשטאָקן. קאַניכפייגל מיט באַזילבערטע דרייעקן פליען אַוועק אויף דרום־צו. דער ווינט וויגט די קרוינען פון די לינדביימער און בלאָזט פונאַנדער דעם קוימען־רויך פון דער קרעטשמע. דער אַטאַמאַן־שליאַך, אַ קוים־דערוואַרעמטער דורך דער האַרבסטיקער פרימאָרגן־זון, ווערט אַנטרינען הינטערן ווייטן האָריזאָנט.

קאַפּיטל צוויי

וויאָרסטן און שלאַבאַנען

גלייך נאָך באַלזאַקס אָנקומען קיין ווערכאָווניע, האָט אַ מלוכהש פּאָסט־קעטשל זיך געשלעפּט אויף די הויקערדיקע וועגן. אין אַ לייוונ־טענעם זאַק האָט זיך געטרייסלט אַ פינפפאַך פאַרחתמעטער קייזערלעכער באַפעל אויפן נאָמען פון קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו. און עטלעכע טעג שפּעטער האָט שוין דער גענעראַל ביביקאָוו אָנגענומען אַלע מאָסמיטלען אויף אויסצופירן אָט דעם קייזערלעכן באַפעל. ער האָט אַוועקגעשיקט קיין בערדיטשעוו דעם אָפיציר פאַר ספּעציעלע מיסיעס — קיסעלעוו, מיטן צוועק איינצושטעלן אַ פּערמאַנענטע אויפזיכט איבערן גאַסט פון ווערכאָווניע.

יצחק האַלפּערין איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט באַזוכט, אין זיין קאַנצעלאַריע, דעם בערדיטשעווער פּאָליציי־קאָמיסאַר. אין אַ שמור־ציקן צימער, ווו די קיינמאָל נישט־געוואַשענע פענצטער זענען באַלייגט געווען מיט פליגן, האָט האַלפּערין באַדאַרפט ענטפערן אויף כלערליי קשיות פון ביביקאָווס טרייען טשינאָווניק. ער האָט נאָך נישט געהאַט פולשטענדיק באַגריפן די וויכטיקייט פון אויסלענדישן גאַסט, אָבער ער איז געווען איבערצייגט, אַז עס האַנדלט זיך אין אַ וואַזשנעם העכט. דער כיטרער באַנקיר האָט פאַרזשמורעט די אויגן און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ קעגנאיבער דעם הער טשינאָווניק קיסעלעוו. ער האָט גאָרנישט געוואָלט אויסבאַהאַלטן פאַרן זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר. אין אַזעלכע פאַלן האָט

האַלפּערין באַטראַכט די אויפריכטיקייט אַלס אַ חוב. ער האָט זיך באַמיט צו דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט געוווסט מכוח דעם אויסלענדער.

— די בריוו? נו, גוט, כ'וועל אייך ברענגען די קאָפּיעס.

— פון וואַנען עס קומט דאָס געלט? — דורך דער פאַרמיטלונג פון דער באַנק ראָטשילד.

— צי מאַכט דער אויסלענדער נישט קיין געלט־איבערווייזונגען, קיין קאָמפּליצירטע באַנק־אָפּעראַציעס אין ווערכאָווניע? — וואָס פאַלט אייך איין, ווי קומט צו אייך אַזאַ געדאַנק? צי בין איך נישט, געלויבט דער השם יתברך, קיין טרייער דינער פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט?

דער באַנקיר האַלפּערין האָט נישט באַהאַלטן זיין פּילבאַרקייט, ער האָט זיך געריבן זיינע דאַרע געביילטע הענט. ער האָט זיך שטאַרק געפלייסט צו שטיין גלייך אויף אַכטונג קעגנאיבער קיסעלעוון און זיך אָבגעשטרענגט, ווי ווייט מעגלעך, אויסצוהאַלטן זיין בלייכן און קאַלטן בליק.

וואָס האָט ער געקאָנט זאָגן בנוגע די פּריצים פון ווערכאָווניע? גאַנץ פיינע לייט, ווי אַלע אַדל־לייט. אמת, נישט תמיד פּינקטלעך אין זייערע חובות־צאָלונגען, אָבער ער באַקלאָגט זיך, חלילה, נישט. צי זענען זיי געווען צופרידן אויפצונעמען דעם אויסלענדער? יאָ, ס'איז גאַנץ וואַרשיינלעך. באַזונדערס די גרעפין עוולין? אפנים, אַז יאָ.

דאָס איז אַלץ. ווייזט אויס, אַז דאָס זאָל זיין אַלץ. יצחק האַלפּערין איז אין פאַרלעגנהייט. קיסעלעוו, אַן אויסגעצויגענער אין זיין פּאָטעל, פאַרשט זיין געזיכט. ער וואַרט: ער האָט דערשפּירט אַ צווייפל.

מעגלעך, אַז דאָס גייט אים נישט אָן, יצחק האַלפּערין נעמט פונאַנדער די הענט, אָבער ער וויל עס ליבערשט זאָגן: דער קלויסטער־אויפזעער פון די באַרוועסע קאַרמעליטן־גלחים קומט אָפט קיין ווערכאָווניע. אפשר האָט עס נישט קיין באַדייט, אָבער דער קלויסטער־אויפזעער אינטערעסירט זיך מיט דעם אויסלענדער. האַלפּערין ווערט אַנטשוויגן. כאַפּנדיק אַ געהיימנישפולן בליק אויף קיסעלעוון, צום ערשטן מאָל במשך פון אָט דעם לאַנגן, הגם נישט ווי געוויינלעך, שטאַרק אָנגענעמען שמועס, האָט ער באַמערקט, ווי אַ פלעמל צינדט זיך אָן אין די אויגן פונעם זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר. דער לעצטער האָט אַ פינטל געטון מיט די אויגן און האַלפּערין האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז די אוידיענץ איז געענדיקט. דער באַנקיר האָט באַגריסט דעם אָפיצירישן אַדלמאַן און אים געלאָזן אַליין.

קיסעלעוו האָט געגלייבט, אַז ער איז אויפן ריכטיקן וועג. די אָנווייזונגען פון גענעראַל־גובערנאַטאָר זענען געווען גאַנץ גענויע און אָן שום צווייַדייטיקייט, אים איז געווען באַקאַנט דער תוך פון קייסערס שליחות גופא. ער האָט געהאַט די נייטיקע געגעבענע אויף צו האַנדלען, ווי עס באַדאַרף צו זיין און אויף צו טרעפן אין פינטל.

אַלע דריי טעג זענען די מלוכהשע פּאָסט־קעטשלעך אָפּגעפאָרן פון דער רוישיקער שטאָט בערדיטשעוו, כדי צו ברענגען אין דער קאַנצעלאַריע פון קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר די בריוו פונעם אָפיציר פאַר

ספּעציעלע מיסיעס — קיסעלעוו. דער גענעראַל ביביקאָוו האָט, אייגנ־הענטיק געחתמעט, מודיע געווען דעם זשאַנדאַרמעריע־שעף — גראַף אָרלאָוו די וויכטיקסטע געשעענישן.

די פּאָסט־וועגענער האָבן דורכגעשניטן די שאָסייען פון דער אימ־פּעריע, זיי זענען געפלויגן איבער סטעפּעס און דערפער; אָפּגעפאָרן וויאָרסטן לאַנגע, געשטרייפטע שלאַבאַנען האָבן זיך געעפנט אויף צו מאַכן אַ וועג פאַר די פאַרשטויבטע רייזנדע.

דער וועג פון ווערכאָווניע האָט דורכגעשניטן בערדיטשעוו. זיי האָבן זיך לגמרי אין דער שטאָט נישט פאַרהאַלטן. זיי האָבן צומאָל קיין צייט נישט געהאַט זי צו באַזוכן. זיין ערשטער איינדרוק איז געווען אַ משונה־דיק־מאָדנער. שמאָלע געסלעך, געדרייטע; נידעריקע הייזער; אַ כאַ־ליאָסטרע קינדער מיט ברוינע פּנימלעך, קויטיקע און פאַרשטויבטע; מחנות קאַווקעס; ערד־קאָליריקע עלטערע מענער און פרויען, וואָס זיצן אויף הילצערנע שוועלן מיט אָפּגענוצטע טרעפּלעך. אַ בלויער הימל און אַ וואַרעמע זון האָט דאָמינירט איבער דער גאַנצער מהומה. עס האָט געהערשט אַ קלאָרער ליכטיקער טאָג אין האַרבסט 1847.

ער האָט זיך געאײַלט אָנצוקומען קיין ווערכאָווניע, מחמת בערדי־טשעוו האָט אים גאַנץ קנאַפּ אינטערעסירט, הגם ער האָט ביי זיך פון לאַנג געהאַט באַשלאָסן צו באַזוכן די שטאָט, זי צו שטודירן — דאָס וואָלט אים געגוצט אויף אָנצושרייבן אַ קומענדיק בוך.

דורך די פענצטער פון האַלפּערינס באַנק האָט מען געזען די טונ־קעלע קופּאָלן פון מאָנאַסטיר פון די באָרוועסע קאַרמעליטן־גלחים; ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרגעשטעלט די גיריקע, די אין מחשבות פאַרטיפנ־דיקע הייליקע פאָטערס אין זייערע שוואַרצע קליידער. אין אַן אַנדער צייט וואָלט עס אים געקאָנט צוציען און באַגייסטערן. אָבער איצט איז אים אויסשליסלעך ווערכאָווניע געלעגן אין קאָפּ. ער האָט פאַרגעסן אין די באָרוועסע קאַרמעליטן־גלחים און אונטערגעיאָגט האַלפּערינען. ער איז געווען אומגעדולדיק, זיך געריבן די הענט און געביסן זיינע קורצע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס.

ענדלעך זענען די אַזוי לאַנג דערוואַרטע פערד אָנגעקומען. מיטן אויגנבליק איז ער שוין געווען אויפן פאַראָן. זיין אימפּאָנירנדיקער, בעס־סער געזאָגט: דיקער גוף האָט זיך באַוויגן מיט אַ יוגנטלעכער געשיקט־קייט. יצחק האַלפּערין האָט זיך מיט יראת־הכבוד פאַרנייגט און געהאָלפן אים איינשטייגן אין דער קאַרעטע. פאַרמאַכנדיק די טיר, האָט ער נאָכ־אַמאָל איבערגעחזרט: „אין אַן עת־צרה, הער באַלזאַק, גיט מיר צו וויסן תיכף־ומיד, איך בין אינגאַנצן צו אייער דינסט״.

באַלזאַק האָט געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפּ. דער קוטשער האָט אַ צי געטון די לייצעס. דער זעלנער, וואָס איז געזעסן אויף דער קעלניע נעבן אים, האָט זיך געוואַקלט. די פערד האָבן זיך מיט די פאָדערשטע פיס אַ לאָז געטון פאָרויס. אַ געדיכטער שיכט שטויב האָט זיך אויפגעהויבן אין גאַס.

דער וועג האָט זיך געצויגן פון דרום צו מזרח־צו און די קאַרעטע האָט זיך אַלץ מער דערנעענטערט צו מזרח. דעם דאָזיקן וועג פלעגט יצחק האַלפּערין יעדן טאָג זען דורכן פענצטער פון זיין צימער. אַ שמאָלע גאַס אַ שטויביקע, דערנאָך די סטעפּ, אין דער סטעפּ — עטלעכע דערפער און באַלד ווערכאָווניע. דער באַנקיר האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן וועג. שמייכלענדיק צו זיך אַליין, איז ער אַוועק אַהיים. אין דער נידער, אין קאַנטאָר האָבן קליענטן אויף אים געוואַרט. ער האָט זיך פּאַר זיי צומאָל נישט באַוויזן און גלייך אַרויף צו זיך אין זיין וווינונג אויפן ערשטן שטאָק. ער האָט זיך דאָ אַריינגעזעצט אין אַ טיפן לעדערנעם פאָטעל, אַראָפּגענומען זיין אָפּגעטראָגן שוואַרץ קאַפּעלע און מיטן בונטפאַרביקן נאַזטיכל אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין פּליך. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז ער אַזוי געבליבן עטלעכע מינוט. די פענצטער פון זיין קאַבינעט זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטן. עס איז געווען אַ הייסער טאָג און די פענצטער זענען געבליבן אָפן. די טיפע באַס־שטימע פונעם קוטשער נעטשיפּאָר האָט זיך געהערט אין גאָרטן. אָבער דער באַנקיר האַלפּערין האָט גאָרנישט נישט געהערט און גאָרנישט נישט געזען. ער האָט גע־טראַכט מכוח ווערכאָווניע. אָט דער דיקער און עניוותדיקער אויסלענדער האָט אים איינגאַנצן צעחושט. דאָס כסדרדיקע שוויגן פונעם פראַנצויז האָט געקאָנט האָבן אַ טאָפּלטן זין. די פּריצים פון ווערכאָווניע האָבן אויף אים געוואַרט. גאָר פאַרזיכטיק, אָבער מיט אַ געוואַלטיקער צודרינגלעכ־קייט האָט דער אדון מנישעק, דער איידעם פון דער גרעפין האַנסקאַ, זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט באַלזאַקס לאַגע. האַלפּערין האָט וועגן דעם גאָרנישט געקענט זיך אַרויסזאָגן. ראָטשילדס בריוו האָבן דאָ קיין שום אַנדייט נישט געמאַכט. גראַף מנישעק האָט קיין צוטרוי נישט געהאַט. דאָ, אויף אַן אָרט, אינעם דאָזיקן צימער, האָט ער געוואָלט זען זיינע בריוו. ער האָט זיי געלייענט און אָוועקגעשמיסן מיט גלייכגילטיקייט אויפן טיש. אויסגלייכנדיק זיין מונדיר האָט גראַף מנישעק זיך דערמאָנט אין עפּעס אַנדערש. אים האָט אינטערעסירט די קרעטשמע, ווי אויך די קרעטשמערקע, וועלכע איז געווען יונג און שיין. ר׳ יצחק האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו וווּנדערן. אַלס באַנקיר האָט ער באַדאַרפט נעמען אויף זיך די אויפזיכט פון עפּעס אַנדערש ווי אויף געלט. דער אדון מנישעק האָט אים אַנפאַרטרויט זיין געהיימנישפולן טרוים: צי וואָלט די יונגע קרעטשמערקע נישט געקאָנט מאַכן אַ רייזע ביז קיין בערדיטשעוו און פון דאָרטן אפשר, ביזן מאַיאָנטעק פון ווישניעוויעץ? צי איז עס אַזוי שווער? אויב ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט אין געלט — און לייבקע דער קרעטשמער איז דאָך אויף אַזויפיל נישט קיין קמצן און קיין גזלן — וואָלט שוין אַלץ נישקשה געווען. וואָלט שוין אַלץ דערליידיקט געוואָרן, ווי ס׳פּאַסט צווישן אייגענע פריינט.

דעם גראַף מנישעקס מאָגערע געזיכט מיט די בלוי־אָדערדיקע באַקן האָט נערוועז געצוקט. דעם דאָזיקן פעלער, וואָס פלעגט אים אָנכאַפּן צו יעדער צייט, האָט ער איבערגענומען בירושה. כדי אויסצובאַהאַלטן אָט

דעם מום זיינעם פאַר פרעמדע מענטשן, פלעגט ער יעדעס מאָל מיט דער האַנט פאַרשטעלן דאָס פנים, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט וועלן עפעס פאַרטרייבן פון זיין שטערן, זיינע ליפּן אָדער זיין גאָמבע. אָבער פאַר האַלפּערינען האָט ער נישט באַדאַרפט זיך שעמען... צי איז אַלץ געשען אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט... אָבער צו וואָס די אַלע רייד? ער איז נישט קיין קאַרגער. צי זענען די וועלדער פון ווערכאָוניע עפעס אַ קלייניקייט! זיי וואָלטן גאַנץ גוט צונוץ געקומען דעם באַנקיר האַלפּערין. וואָס שייך דער אַלטער גרעפין... ער האָט אונטערגעשטראָכן דאָס וואָרט „אַלטער" און זיינע געדאַנקען זענען געוועזן געוואָנדן צו פאַריז.

האַלפּערין האָט אויסגעהערט ביזן סוף און ער האָט צוגעזאָגט. ער האָט עס באַדאַרפט טון. די וועלדער... און נישט בלויז די וועלדער. טון אַ טובה דעם אדון מנישעק, באַלעבאָס איבער 90 טויזנט פּאַראָבקעס, קעניג איבער דעם ווונדערלעכן ווישניעוויעץ; בכלל, טון אַ פּערזענלעכע טובה — איז גאָר באַזונדערס כדאַי די טרחה. אָבער דערצו האָט ער נאָך אַנדערע דאגות, מיט אָט דעם אויסלענדער, די בריוו פון ראָטשילדן! דאָס יאָר 1847 איז באמת אַ שווער יאָר פאַר דער באַנק האַלפּערין און זון...

די נאַכט פאַלט צו אין בערדיטשעוו. דער הייליקער שבת קומט אָן. דורך די פענצטער פון די חרובע, איינגעפאַלענע הייזער לייכטן אַרויס די אָנגעצונדענע ליכט. בשכנות פון האַלפּערינס קאַבינעט שטייט זיין פלוניתטע איבערגעבויגן איבער די ליכט פון די הויכע זילבערנע לייכטער און פאַרשטעלט די אויגן מיט אירע דלאָניעס. ר' יצחק האַלפּערין איז פאַרטיפט אין זיינע רעיונות. ער הערט דעם טריט פון זיין זון הינטער דער טיר. אַ סימן, הייסט עס, אַז דער קאַנטאָר איז שוין געשלאָסן. עס וואָלט שוין צייט געווען צו גיין דאַווענען, אָבער מען קאָן נאָך אַביסל צווואַרטן. דער פראַנצויז וועט ערשט אָנקומען קיין ווערכאָווניע מאָרגן אָוונט. איצט זיצט ער אין זיין וואָגן און שלאָפט אָדער חלומט. איבעריקנס, וואָס איז דאָ דער חידוש? ליבערשט נישט צו טראַכטן וועגן דעם. ער איז מער באַאומרואיקט מכוח דער קרעטשמערקע פון אַטאַמאַן־שליאַך. ר' האַלפּערין איז נאָך נישט פאַרטיק מיט זיך. זיינע געפילן זענען נישט קיין זיכערע. ביז מיט צוויי טעג צוריק, כל־זמן ער האָט זיך נישט צוגערירט צו נחמהן, האָט ער נישט געהאַט קיין שום ספק... אָבער די דאָזיקע אומזיכערקייט קאָן אָנהאַלטן, די לאַגע וועט קלאָר ווערן פון זיך אַליין און די ספקות וועלן פאַרשווינדן. מען דאַרף נחמהן אַוועקפירן קיין בערדיטשעוו. זי דאַרף אַהער קומען. זי האָט אַ וואַרעמע פלייצע, גרויסע טונקעלע אויגן ווי אָזיערעס אין אַ חושכדיקער נאַכט, אַ לייכטן טריט, רונדיקע היפטן. אַ זיסער ציטער נעמט אַדורך ר' האַלפּערינס לייב.

אויס מורא פאַרן דאָזיקן געפיל, פלאָנטערן זיך ביי אים אין קאָפ אַנדערע געדאַנקען: ער טראַכט וועגן די וועלדער פון ווערכאָוניע; וועגן ווישניעוויעץ, אָבער נחמהס געשטאַלט צאַפּלט און לעבט אויף אונטער אַלע

זיינע באַטראַכטונגען, פונקט ווי אַ ווילדער שטראָם אונטער אַ שטיין, וואָס פאַרדעקט אים.

יצחק האַלפּערין צינדט אָן ליכט און שטעלט זיך דאַווענען. ער באַגעגנט דעם שבת־קודש, פונקט ווי עס באַגעגענען אים, אין דעם מאָמענט, אין צען קאַנטאָרן און פינף־און־זעכציק קרעטשמעס, זיינע מיטגלויביקע אָנגעשטעלטע און משרתים. ער בעט גאָט פאַר זיין אייגענעם ווילשטאַנד, הגם, אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, שיינט אים אָט די תפילה אויס צו זיין איינגאַנצן אַן איבעריקע.

אין אָט דער נאַכט פון שבת האָט קיינער אין פּאַלאַץ פון ווערכאָווניע קיין אויג נישט צוגעטון. די הויכע און ברייטע פענצטער האָבן געבלאַנקט איבערן רחבותדיקן פּאַרק. די גרעפין עוולין האָט געהאַט באַפוילן דעם הויף־פאַרוואַלטער, סטאַניסלאַוו זשעגמאַן, אויפצורוימען דעם גאַנצן שלאָס, אַז ער זאָל גלאַנצן ווי אַ שפּיגל און, אַז יעדע זאַך זאָל טראָגן דעם שטעמפּל פון אַדל, פון שלווה און נעימותדיקייט. מאַרינאַ, דאָס שטובמיידל, איז געווען דערשעפּט פון לויפן אַלע ווײַלע צום פאַרוואַלטער אויף איבערצוגעבן אים דער גרעפינס אומאויפהערלעך־באַנייטע באַפעלן. דער גראַווירער יוסטין האָט גערייניקט דעם פאַמיליע־הערב פון די האַנסקיס. אָט דער סימבאָל פון דער אַריסטאָקראַטישער משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קליינעם דאַמפּער אויסגעשניצט פון איין שטיק האָלץ און באַלויכטן דורך אַ לאַמטערן, האָט זיך געפונען אין דער הויך איבערן פּעראָן. ער האָט זאָרגפול געפּוצט, מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלער מאַסע, דעם פּאַנצער, די שווערד, די קרוין מיט די שטערן, וואָס זי האָט אַנטהאַלטן, בכדי דער קאָמפּליצירטער געמיש פונעם הערב פון דער פאַמיליע האַנסקי זאָל גלאַנצן ווי די זון. זשעגמאַן, דער הויף־פאַרוואַלטער, איז דורכגעגאַנגען פון איין זאַל אין אַנדערן און אונטערגעיאַגט די דינערשאַפט.

ווערכאָווניע האָט זיך געגרייט אויפצונעמען דעם נאָבעלן גאַסט. אויפן צווייטן שטאָק, אין רעכטן פליגל פון פּאַלאַץ, האָט מען איינגעאָרדנט פאַרן גאַסט אַ וווינונג, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי שטובן: אַ וואַשצימער, אַ שלאָף־צימער און אַ סאַלאָן; אַלץ איז געווען אין בעסטער אָרדענונג: אומעטום האָט מען געהאַט אַוועקגעשטעלט פרישע בלומען, צוקאָפּנס פון בעט האָט מען געהאַט אויפגעהאָנגען אַ בילד פון ניקאָלאַי דעם ערשטן און אַביסל נידעריקער, לינקס — אַ מיניאַטור, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם קייסער נאַפּאָלעאָן.

נאָכדעם, ווי די גרעפין עוולין האָט געהאַט פאַרענדיקט מיט די הויזדאגות, איז זי אַרויף אויבן, בכדי אַ לעצט מאָל נאָכצוזען דעם צימער פון גאַסט. מאַרינאַ האָט צוגעלויכטן. דאָס שטובמיידל האָט אַוועקגעשטעלט דעם לייכטער אויפן טיש פון אַרבעטס־צימער. די גרעפין האָט געגעבן אַ צייכן מיטן קאָפּ, זי זאָל אַרויסגיין. מאַרינאַ האָט זיך אָפּגעטראָגן און אָנגעלענט אויפן פענצטער פון קאָרידאָר. עוולין האַנסקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן טיש. יאָ, ס'איז געווען דער זעלבער טיש, וואָס

אין פּאַריז, אויף דער פּאַסי גאַס; די קאָפּיע פון זעלבן האָלביין*) אויף דער וואַנט צווישןביידע פענצטער; דער זעלביקער געוויינלעכער פּאַ־טעל, באַצויגן מיט ראָזן ציגן־לעדער. ער וועט זיין צופרידן; און דאָס בעט פונעם שלאָף־צימער, וואָס איז נידעריק, ברייט און באַצירט מיט ווייסע מלאכים — דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געהאַט אין ווין... ווין... נישט־ווילנדיק האָט עוולין אַ זיפץ געטון, ווי עמיצער וואָלט זיך געפינען אין צימער, פאַר וועמען זי וואָלט נישט געוואָלט אַרויסווייזן אירע גע־פילן. דאָס אַלץ האָט געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט האָט זיך איצט אויסגעשפּרייט קעגנאיבער איר, ענלעך צו אַ שטויביקן וועג. זי האָט זיך דערפון נישט איבערגענומען. נאָך דאַן, ווען עס האָט געלעבט איר מאַן, וואָס איז מיט 23 יאָר עלטער געווען פון איר, האָט זי זיך געהאַט אויסגעלערנט צו פאַרבאָרגן אירע געפילן. נישט אמת, אַז אָט דאָס דאָזיקע האָט איר אַזוי גוט געהאָלפן אויפצוהאַלטן די פרישקייט, נישט ווינציקער ווי דאָס געזונט? און דער טויט פון גראַף האָט אַראָפּ־גענומען יעדע התחיבות פון זאָרגן זיך וועגן דער ציכטיקייט פון איר גוטן שם. איבעריקנס, האָט עוולין נישט גערן געהאַט די דערינערונגען.

זי האָט געוואָלט לעבן פאַר דער צוקונפט. און אפשר איז זי דאָ אַהער צוריקגעקומען בלויז אויף צו טרוימען אַביסל נעבן אָט דעם טיש, ווו עס וועלן אינגיכן באַוועגן זיך די מענלעכע און אומרואיקע הענט פאַר־נעם אַנדערן. זי האָט זיך דערמאַנט אין אָט די הענט און אַ ציטער איז איר אַדורך איבערן גאַנצן לייב, פּונקט ווי זי וואָלט געווען האָבן דער־שפּירט דעם הייסן באַריר פון זייער גיריקער, פאַרלאַנגענדיקער און באַפּע־לערישער צערטלעכקייט. אַזוי איז עס געווען אינעם קליינעם שווייצאַרישן שטעטל נוישאַטעל, אַזוי איז עס געווען אין פּעטערבורג, אין ווין, אין פּאַריז. אָבער צי וועט עס אויך איצטער אַזוי זיין? ביידע האָבן געלעבט גענוג לאַנג אויף צו קענען לעשן דעם דאָרשט, אַפּצוקילן דעם ליידנ־שאַפטלעכן ברען, מאַכן אים מילדער. און עס קומט איר אויפן זכרון די בריוו, וועלכע זי האָט אים אַמאָל געשריבן, אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָ־מען. די בריוו זענען געווען פול מיט התפעלות און פאַרגעטערונג פאַר זיין וווּנדערבאַרן טאַלאַנט. זי טראַכט ביי זיך, אַז מ׳וואָלט זיי באַדאַרפט פאַרניכטן. דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע.

די קומענדיקע באַגעגעניש האָט עוולינען צערודערט עפּעס אויף אַן אומגעוויינלעכן אופן. זי האָט גוט געקענט באַלזאַקס כוונות. זיי זענען געווען דירעקטע און צו־דראַסטישע, אַז זי זאָל זיי קאָנען גלייך פאַר־טראָגן. ביידע האָבן נאָך געהאַט ביי צוקומען געוואַלדיקע מניעות. ביידע — עוולין האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ — און דאַן, אפשר... בלויז דאַן וועט קומען די רעאַליזירונג פון זיינע פאַרלאַנגען.

---

*) האַנס האָלביין, געבוירן אין אויגסבורג (1497—1543), הויף־מאָלער פון ענגלישן קעניג הענרי דער אַכטער. — **באַמ. פון איב.**

ער האָט געהאַלטן פון רום, עשירות, לוקסוס. ער וועט דאָס אַלץ האָבן בשפע. אין זיינע אויגן וועט זי זיין געגנוי אַזוי באַצויבערנדיק, ווי זי איז עס געווען בשעת זייער ערשטער באַגעגעניש אין איינפאַר־הויז פון נוישאַטעל. אָבער זי וועט אים דערמאָנען וועגן אַלץ: זיינע משונה־דיקע קאַפּריזן, זיינע געליבטע, די אַפּיציעלע און די אַנדערע, אָט די אַלע אויפרעגונגען, וועלכע זי האָט אויסגעצייכנט געקענט. און אויב ער וועט וועלן פאַרלאַנגען איר האַנט, וועט ער דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון דעם אַלעם אויף אייביק. זי זאָל עס נאָר דערלעבן אויף צו האַלטן אַזוי ווייט!

עוולין האָט אָפּגעזיפצט. זי האָט זיך געלאָזט אַריינצינען. וואָס פאַר אַ פּערספּעקטיוו האָט זי דען געהאַט? די זקנה. זי האָט קיין מורא נישט געהאַט פאַרן דאָזיקן שרעקלעכן וואָרט. ער אַליין האָט געהאַט געשריבן אין זיינע ביכער, מיט אַזויפיל אויסדריקלעכקייט און פאַרטיפונג, וועגן אָט דעם פּעריאָד פון פרויען־לעבן; די צייט, ווען די שיינקייט הויבט אָן צו וועלקן; די צייט פון ליבעס־אַנטוישונגען. און ווען נישט דאָס, צי וואָלט אים עוולין דערוואַרט אין אָט דער האַרבסטיקער נאַכט, אין ווער־כאָווניער פּאַלאַץ?

מאַרינאַ דרעמלט אָנגעשפּאַרט אויפן פענצטער פון קאָרידאָר.

אירע קני בייגן זיך פון מידקייט, אירע אויגן ברענען ווי גליענדי־קער זאַמד, אירע וויעס זענען ווי בליי. מאַרינאַ האָרכט זיך איין אויפן מינדסטן שאָרך. אומזיסט וואַרט מאַרינאַ, די גרעפין זאָל אַרויסגיין. עוו־לין איז אַריין פון אַרבעטס־צימער אין שלאָף־צימער. זי האָט זיך אַנידער־געזעצט אויף אַ פוף נעבן בעט. אַ לייכטער שטייט אויפן טיש. אַ געלב־לעכער אָפּשיין צאַנקט אויף די ווענט. איינגעפאַסט אין אַ גילדערנער ראַם, ווענדט ניקאָלאַי דער ערשטער זיין בליק צום בעט. נאַפּאָלעאָן קוקט זייטיק ווי דורך־און־דורך דער וואַנט. בלויז די ווייסע מלאכים שמייכלען. און עוולין וואָלט וועלן, אַז די דאָזיקע סעפּטעמבער־נאַכט זאָל דויערן, ווי ווייט מעגלעך, וואָס לענגער; אַז די שעהן זאָלן פליסן פּאַמעלעך, נישט געאיילט, ווי די אייביקייט, מחמת בלויז אין דערוואַרטונג ווערט געבוירן די ליבע — די ליבע, וועגן וועלכער עס טרוימט אויך אין דער זעלביקער רגע באַלזאַק, הוידענדיק זיך אויף די ווייכע קישעלעך פון דער קאַרעטע.

דאָס איז דער איינציקער וועג אין לעבן — אַ וועג, וואָס האָט נישט קיין קאָנטראָל־שלאַבאַנען, ווי אויך נישט קיין וויאָרסטן־גרענעצן.

קאַפּיטל דריי

האַרבסט

באַלזאַק האָט באַגעגנט דעם פרימאָרגן, ווי ס'האָט אָפט געטראָפן די לעצטע צייט, מיט אַ געפיל פון אומצופרידנקייט און באַדויער פאַר דער אָפּגעלאָפענער נאַכט. ער האָט ליב געהאַט די נאַכט, וואָס האָט אים גע־בראַכט אָפּגעזונדערטקייט. אים איז געווען טייער אָט די איינזאַמקייט, נאָך וועלכער ער האָט לאַנג געגאַרט. אָבער זיינע באַגערן און זיינע טרוימען האָבן אים נישט געלאָזט צורו. זיי האָבן גורם געווען בלויז אומרו, געגליכן צו אַ פאַרבאָרגענעם אומעט, צו אַ פאַרביסענעם און אומבאַזיגבאַרן ווייטיק. ער האָט געשמאַכט אויף דעם רחבותדיקן בעט, די אויגן ברייט צעעפנט און צוקאָפּנס געזוכט דעם שמייכל פון די ווייסע מלאכים, ער האָט גע־וואַרט, אַז אונטן זאָלן אָפּהילכן טריט; אַז דער עולם פון פּאַלאַץ זאָל זיך אויפכאַפּן פון שלאָף.

באַלזאַקן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט פולשטענדיקער פּוסטקייט. אָט דער געדאַנק האָט אים געשראָקן און אַנטמוטיקט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן טיש און דערזען אַ הויכן גלעזערנעם טינטער אויף אַ ברייטן מאַרמאָרנעם געשטעל, אַ בינטל געגנ־דזשנע פּעדערס אין אַ זילבערנעם בעכער און דערנעבן אַ ריז פּאַפּיר. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעגרייט פאַר אים אויף אָט דעם טיש. ער האָט באַ־טראַכט זיינע הענט, ווי ער וואָלט דאָ געמיינט צו אַנטדעקן עפּעס נייעס, אומבאַקאַנטס, אָבער אין זיינע אויגן זענען דאָס בכל־אופן געווען די זעלבע הענט, וועלכע האָבן געהאַלטן די פּעדער מיט אַזויפיל אַנטשלאָסנ־קייט און זיכערקייט, אין פּאַריז, אין איטאַליע און אין קאָרסיקע. ער האָט אָפּגעזיפצט, זיך אויפגעזעצט פון בעט, אָנגעלענט אויפן קישן.

אָבער אַביסל שפּעטער, ווען דער מאָרגן האָט זיך געשטעלט אין פּאַרק און באַגאָסן מיט זון־שטראַלן די ביימער־קרוינען, איז באַלזאַק געזעסן ביי זיין טיש, האַלטנדיק פעסט אַ פּעדער אין דער האַנט און פאַרטיפט אין שווערע געדאַנקען.

עמיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. באַלזאַק איז געקומען צו זיך.

— אַריין! — קוים ווי ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע וואָרט, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט בלויז אויף זיך דעם שלאָף־ראָק, און די ברוסט ביי אים איז אַנטבלויזט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. די טיר האָט זיך געעפנט און די גרעפין עוולין האָט איבערגעטראָטן די שוועל.

— איר שלאָפט נישט, מיין פריינט?

די לייכטע באַוועגונג פון אירע איידעלע הענט, דער בלישטש פון די

רײַגלעך אויף אירע פינגער, איר נידעריק און וויברירנדיק קול — דאָס אַלץ האָט פּלוצלונג אָנגעפּילט דעם צימער מיט פרייד און מיט ליכט. באַלזאַק איז איר אַנטקעגנגעלאָפן, איבערקערנדיק דעם פוף, פאַרטשעפּענדיק מיט זײַנס אַ שטעקשוך דעם טעפּיך און ער האָט אַנידערגעקניט. ער האָט אויסגעשטרעקט צו איר די הענט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן, די אויגן ברייט צעעפנט, וואַרטנדיק און רופנדיק זי מיט די ליפּן. און באַטראַכטנדיק זי פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער באַוווּנדערט איר מאַיעסטעטישע געשטאַלט, איר שטרענג און קלאָר געזיכט, אירע לאַנגע ווײַסע, וועלכע האָבן געוואָרפן אַ קוים־באַמערקבאַרן שאָטן אויף די בלייכע באַקן.

— שטעלט אײַך, אַנאַרע! שטייט שוין אויף! איר זענט חסר־דעה! הייבט זיך אויף!

ער האָט געפאָלגט. ער האָט צוריקגעלייגט דעם פוף אויף זײַן אָרט און זיך צוריקגעצויגן צום אויוון. מיט געקרייצטע הענט אויף דער ברוסט, איז ער שטיין געבליבן און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

מיט פאַרזשמורעטע אויגן אַנטקעגן דער ליכט האָט זיך עוולין דערנעענטערט צום טיש, אויסגעדרייט דעם פאָטעל מיטן אַנלען צום פענצטער און זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט באַטראַכט באַלזאַקן מיט אַ נישט־באַהאַלטענער אַנטציקונג און זיך נישט געאײַלט צו פאַרפירן אַ שמועס. אויך ער האָט געשוויגן, פאַרשטייענדיק די סיבה, פאַרוואָס די געשעצטע עוולין איז צו אים אַרויפגעקומען אין אַזאַ פריער שעה. דאָס איז געווען איר ערשטער באַזוך אין משך פון דער גאַנצער וואָך, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין ווערכאָווניע און זייער ערשטע באַגעגעניש אָן עדות. אַ כוואַליע פון ליידנשאַפט האָט זיך צעפלאַמט ערגעץ אין די טיפענישן, זיך געשטילט און די ראַפּטעם איינגעשטעלטע גלייכגעוויכט האָט אים איבעראַשט און אַביסל באַאומרואיקט. זי, ווי זי וואָלט דערשפּירט די דאָזיקע פּלוצלונגדיקע ענדערונג, האָט אים אַ ווונק געטון זיך צו דערנענטערן, אויף שטום־לשון גערופן אים, דורך אַ שעפּטשע מיט די ליפּן. ער האָט לאַנגזאַם צוגערוקט דעם פאָטעל, מיטשלעפּנדיק דעם פוף און זיך געמיטלעך אַוועקגעזעצט נעבן אירע פיס.

— ווי גייען אײַערע געשעפטן, אַנאַרע? — האָט זי געפרעגט, אָפּשטויסנדיק לייכט, אָבער אַנטשלאָסן די גיריקע הענט, וואָס האָבן זיך אויסגעצויגן צו אירע אָרעמס.

— זייער שלעכט, עווא, ווי איר זעט עס אַליין. — איר מאַטערט מיך, עווא! פאַרוואָס? — ער איז אויפגעשטאַנען, ווידער זיך צוריקגעצויגן און דערביי אומגעוואָרפן דעם פוף. אָן אויפגערעגטער, האָט ער אים אָפּגעשטויסן מיטן פוס און דערנעענטערנדיק זיך צום פאָטעל, האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער עוולינען.

— איר שווייגט, עווא! דאָס קאָן אַזוי ווייטער נישט גיין. צוליב דעם בין איך עס געקומען צו לויפן פון פּאַריז ווי אַ משוגענער איך אַט דער העק? נישט שוין־זשע איז אין אײַער האַרץ נישט פאַראַן פאַר מיר עפּעס אַנדערש אחוץ פּוסטע פּראַזן?

ער האָט זיך באַמיט צו לייענען דעם ענטפער אין די רויִקע ברוינע אויגן, געזוכט די ציטערנדיקע געלע פונקען און זיי נישט געפונען; און נישט קענענדיק זיך מער באַהערשן, האָט ער דאַן אויסגעשריגן:

— עוואַ, זייט פאַרזיכטיק, עוואַ!

זי האָט זיך צוריקגעצויגן. כדי זיך צו פאַרטיידיקן, האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט. ער האָט זי געכאַפּט און זי באַלייגט מיט אַ מבול קושן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט נידעריקער און זיין קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעבויגן נידעריקער. זיינע לאַנגע קאַשטאַן־האָר האָבן זיך אויסגעשפּרייט איבער אירע קני. דורך דעם זיידענעם קלייד אירן האָט זי דערשפּירט דעם באַריר פון זיינע ברענענדיקע און אומרויִקע ליפּן.

— אַנאַרע, נישט צוליב דעם בין איך דאָ אַהער געקומען, נישט צוליב דעם.

ער האָט דערפילט אין עוואַס שטים אַ מאָדנע, ביז איצט אומבאַקאַנטע קאַלטקייט. אָבער ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט אַרומגענומען מיט ביידע הענט עוואַס קאָפּ, צוגעצויגן אים צו זיך און באַהאָפטן זיין מויל מיט אירע שיינע פליישיקע ליפּן, ווי אַ מענטש, אַ פאַרשמאַכטער פון אייביקן דורשט, וואָס דערשלאָגט זיך צו אַ רעטונגס־קוואַל און קאָן זיך מער פון אים נישט אָפּרייסן.

...און ווען די ליידנשאַפט און די צערטלעכקייט האָבן אויפגעהערט, האָט ער דאָ געשמאַכט אויפן טעפּיך, אַ באַטויבטער און אָביסל אַ צעטומלטער. עוואַ, דאַקעגן, איז געזעסן נעבן אים, די הענט אַרום די קני און די אויגן געוואָנדן גלייך אין חלל אַריין. דער פּודער האָט איבערגעלאָזט ווייסע פלעקן אויף איר שוואַרצן זיידענעם קלייד, אירע צעפּ האָבן זיך אויפגעפלאָכטן און אַראָפּגעהאָנגען איבערן רוקן. ביי דער העלער טאָגליכט האָט ער באַמערקט שוואַרצע רייפן אונטער די אויגן, אַ קנויל קליינע מיאוסע קנייטשן אונטער דער גאָמבע און אַרום די ווינקלען פון די ליפּן און רויטלעכע בלוט־אָדערלעך אויף די ציטערנדיקע נאָז־לעכער. און נישט געקוקט אויף אָט די בולטע סימנים פונעם נאָענטן באַרג־אַראָפּ פון איר שיינקייט, איז זי דאָך אויפסניי געוועזן די רייצנדיקע און נישט־דערגרייכבאַרע. ער האָט עס איר געוואָלט זאָגן און געריסן זיך צו איר, אָבער עוואַ האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן און אַריין אין דערבייאיקן צימער. אויך ער איז אויפגעשטאַנען, זיך דערנעענטערט צו דער טיר, אָבער ער האָט זיך פאַרהאַלטן, דערהערנדיק אַ גערויש פון וואַסער אין באָד־צימער. עוואַ איז גיך צוריקגעקומען, אַ באַרויִקטע און אָפּגעפרישטע. זי האָט זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל און אים געטאַדלט מיטן פינגער. באַלזאַק האָט גוט געקאָנט אָט דעם צייכן פון מחילה און ער האָט געשמייכלט. אַלץ איז געגאַנגען כשורה. ער האָט זיך באַקוועם איינגעאָרדנט אויפן טיש און געוואַרט, וויגנדיק פון אומגעדולד די פיס. די רויטע סאַפיאַן־פּאַנטאָפל האָבן געקלאַפּט איבער די קנאַפּל.

— אַנאַרע! — עוואַ האָט מיט דער צונג באַנעצט די אויסגעטריקנטע

ליפּן, פאַרריכט דעם שאַפּיר־רינג אויף איר פינגער — מיר דאַרפן זיך דורכרעדן וועגן זייער ערנסטע ענינים, אָנאָרע! היינט קומט צופאָרן פון קיעוו דער נאָטאַר. די צעטיילונג פון מיין פאַרמעגן איז נאָך נישט באַשטימט. ערשט נאָך דעם וועל איך זיין פריי.

— עוואַ! אוי, עוואַ! ווען־זשע וועט עס געשען, ווען?

ער האָט קוים געקאָנט איינזיצן אויף אַן אָרט. דער דאָזיקער מענטש, וואָס איז געווען שוין אין די יאָרן, אַן ערנסטער און אַ בר־דעת, האָט אין איצטיקן מאָמענט אויסגעזען ווי אַ פּראָסטער יונגערמאַנטשיק.

— באַרואיקט אייך, באַרואיקט אייך, אָנאָרע! — האָט עוואַ ווייטער געצויגן דעם פאָדים — און דאָס לייזט נאָך אַלץ נישט אונדזער ענין. עס בלייבט אונדז נאָך איבער דער סאַמע עיקר: אַרויסצובאַקומען די דערלויבעניש אויף צו קאָנען חתונה האָבן.

ער האָט געוואָלט זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט וועגן דעם געטראַכט, אָבער עוואַ האָט אים, מיט אַ שטרענגן זשעסט, אָפּגעהאַלטן.

— וואַרט, זייט מוחל, צו אַביסל. עס איז נישט אַזוי פשוט, ווי אייך דוכט זיך. ווען די דערלויבעניש וועט שוין זיין, בלייבט נאָך איבער אַרומצורעדן וועגן דער פראַגע פון מיינע גיטער, פון מיין געלט, מחמת איך פאַרליר די רוסישע בירגערשאַפט. חוץ מזה, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז מיין פאַרוואַלטער, קאַרל האַנסקי, איז דער ברודער פון מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס וויל עפּעס זאָגן. און זיינע כוונות... — זי האָט נישט פאַרענדיקט.

באַלזאַק האָט אויסגעצייכנט געקאָנט די כוונות פון קאַרל האַנסקי, וועלכער האָט זיך, זינט דעם ערשטן טאָג פון פראַנצויזס זיין אין ווערכאָווניע, צו אים זייער קאַלט באַצויגן, געווען שטאַרק גלייכגילטיק. און ער גופא האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין סימפּאַטיע צו דעם פאַרוואַלטער מיטן זעלבסטצופרידענעם טשוויק־רויטן פּרצוף. זיי האָבן אַזוי געלעבט, נישט לייגנדיק קיין אַכט איינער אויפן אַנדערן. בפרט נאָך, וואָס האַנסקי האָט זיך זייער זעלטן באַוויזן אין פּאַלאַץ, ער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין צייט פאַרבראַכט אָדער אין זיין ביוראָ, אָדער אין זיין פּאַוויליאָן.

די שטעקשיך זענען אַראָפּגעפאַלן. באַלזאַק איז אַראָפּגעשפּרונגען אויף דר׳ערד. ער האָט קוים מיט צרות באַוויזן זיי ווידער אָנצוטון און גענומען שפּרייזן איבערן צימער. ער וואָלט געקאָנט אַרויסברענגען שיינע פראַזן מכוח דער קנאַפּער וויכטיקייט פון געלט אין פאַרגלייך מיט דער ליבע, אָבער ער האָט נישט געפונען אין זיך גענוג קיין מוט דאָס צו טון.

— איכ׳ל שרייבן צום צאַר — האָט ער געזאָגט, אָפּשטעלנדיק זיך האַרט נעבן טיש און אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער. ער האָט געקוקט אַהין, אין בעריאָזע־וועלדל, ווו דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיטן רויִשיקן און גאָלדיקן בלעטערוואַרג.

— איך מיין אויך אַזוי — איז עוולין מסכים געווען, אָבער אירע ווערטער זענען צו אים נישט דערגאַנגען.

באַלזאַק האָט זיך דערמאָנט אינעם יאָר 1843. דאָס ווינטערדיקע פּע־טערבורג. דעם בריוו צו ניקאָלאַיען, פול מיט הכנעה, וואָס האָט דייטלעך געגעבן אָנצוהערן, אַז יעדע פריינטלעכקייט וועט הונדערטפאַך באַלוינט ווערן. אין אַ געשליפענעם און גרויסאַרטיקן סטיל, מיט גליענדיקע פראַזן, ווי די קלאָרע שטערן אויף אַ סאַמעטענעם הימל, אויסדריקנדיק זיין גאַנצן דרך־ארץ און אונטערטעניקייט, האָט ער געשריבן: „הער דע באַלזאַק, אַדלמאַן און שריפטשטעלער, האָט דעם גרויסן כבוד צו בעטן זיין קייזער־לעכער גרויסמעכטיקייט אים נישט אָפּצוזאָגן אַ פערזענלעכע אוידיענץ״.

אין טיטאָווס הויז, אויף דער גרויסער מיליאָנאַיאַ, האָבן אַ גאַנצע נאַכט געברענט ליכט. איינגעהילט אין אַ וואַרעמען פעלץ — אַ מתנה פון דער גרעפין עוולין — האָט באַלזאַק מיט אומרואיקייט געוואַרט אויף אַ תשובה.

און אַביסל שפּעטער, אינעם קאַלטן, אומעטיקן צימער, האָבן זיינע הענט פיבערדיק געציטערט, עפענענדיק אַ גרויסן קאָנווערט; עטלעכע גרויזאַמע ווערטער אויף אַ ברייטן בויגן פּאַפּיר. ער האָט זיך דערמאָנט אָט די ווערטער. ער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרגעסן: „הער דע באַלזאַק דער אַדלמאַן און הער דע באַלזאַק דער שריפטשטעלער קאָנען נעמען דעם פּאַסטוואָגן, ווען זייער הארץ וועט נאָר גלוסטן״.

צופעליק אָדער אפשר גאָר בכיוון האָט דער צאַר געלאָזט פריער, באַלד נאָכן פאַמיליע־נאָמען, אָנשרייבן דאָס וואָרט: „אַדלמאַן״, ווי ער וואָלט דערמיט וועלן אונטערשטרייכן זיינע ספקות אין באַלזאַקס אַדל־אָנגעהע־ריקייט, ווי אויך אונטערשטרייכן, אַז זיין מיינונג איז אין איינקלאַנג מיט דער מיינונג פון דער הויכער פאַריזער געזעלשאַפט. אים, באַלזאַקן, וועמענס פעדער עס האָט באַשאַפן געמאַכט און חרוב געמאַכט וועלטן, דערהויבן און אַראָפּגעשליידערט אין תהום קעניגרייכן און קעניגן — האָט דער רוסישער אימפּעראַטאָר, אָן שום צערעמאָניעס, אָפּגעשטויסן און פּראָסט פּשוט אים געוויזן די טיר.

באַלזאַק האָט דאַן געהאַט ביי זיך באַשלאָסן נקמה צו נעמען און ער וואָלט, אָן ספק, געקאָנט האַלטן וואָרט, אָנשרייבן אַ בוך, אַ שטאַרקערס נאָך ווי דאָס בוך פון קוסטין: רוסלאַנד פון יאָר 1839. ער וואָלט געקאָנט אָנשרייבן: רוסלאַנד פון יאָר 1847, אָבער דעמאָלט וואָלט ער באַדאַרפט מאַכן אַ קרייץ איבער ווערכאָווניע, איבער עווא, איבער אַלעם, וואָס עס האָט אים געקאָנט פאַרשאַפן פרייד און פאַרגעניגן.

פונקט ווי עוולין וואָלט פּותר געווען וועגן וואָס באַלזאַק האָט גע־טראַכט, האָט זי אים גענומען פאַר דער האַנט:

— אָנאָרע, מען דאַרף אַלץ פאַרגעסן, ווען עס האַנדלט זיך אין אונ־דזער צוקונפט.

— דו ביסט גערעכט, עווא!

ער איז צו זיך געקומען. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זיינע קאַשטאַן־האָר האָבן זיך צעשויבערט אין אַלע זייטן. זיין געזיכט האָט אויפגעלויכטן, בלויז די אויגן זענען געבליבן ערנסט און פאַרטראַכט.

— איכ'ל שרייבן צום צאַר. נאָך היינט וועל איך שרייבן. איך וועל בעטן ביים מיניסטער אוואַראָוו. פאַר דיר וועל איך עס טון, עוואַ.

נישט בלויז פאַר איר. מעגלעך, אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן. אויפן גלייכגילטיקן געזיכט האָט מען גאָרנישט געקאָנט באַמערקן. די לאַנגע ווייסע האָבן געציטערט, ווי געטריבן דורך אַ ווינט. עוולין האָט זיך אויסגעגלייכט און צורעכט געמאַכט דאָס קלייד.

— איך האָב געוווסט, אַז איר וועט עס טון, איר האָט עס מיר פאַרזיכערט, אָנאָרע. נאָך אָט דעם קוסטין, וואָס האָט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט דעם אימפּעראַטאָר, האָט ער דאָס רעכט נישט צו גלייבן מער די אויסלענדער. באַטראַכט זיך. אַך, דער דאָזיקער קוסטין! נאָכן האָבן גענאָסן פון דער קייזערלעכער גאַסטפריינטלעכקייט און נאָכן באַקומען פּילצאָליקע פּערזענלעכע אוידיענצן! איר האָט מיר פאַרזיכערט, אָנאָרע.

זי האָט אים אַ קוש געטון אין שטערן און, נישט אומקוקנדיק זיך, איז זי אַרויס. ער איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט. ער האָט זיך אַזוי צוגעהערט צום היימישן סקריפּען פון די טרעפּ, ביז וואַנען עס האָבן זיך נישט איינגעשטילט אירע טריט. דערנאָך האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג זיינע פּאַפּירן אין אַ שופלאָד, פאַרשטאָפּט מיט אַ פּראָפּן דעם טינטער, אָנגערירט מיט דער האַנט דאָס בינטל פּעדערס און אַריין אין דער באָדוואַנע. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע קליידער אויף דר'ערד און, פּליעסקענדיק זיך און ציטערנדיק, האָט ער אומאויפהערלעך געגאָסן קאַלט וואַסער אויפן גאַנצן לייב. דאָס וואַסער האָט געדריקט ווי אַ צוואַנג, עס האָט טויב און אומברחמנותדיק געשמיסן דעם מאַרמאָר, מיט פּערל־טראָפּנס געפינקלט אין די האָר.

*

זיי האָבן געפרישטיקט זאַלבעצווייט, זיצנדיק פּנים־אל־פּנים ווי אַלטע גוטע פריינט. דער שמועס איז אָנגעגאַנגען לייכט און היימיש. לעאָן דער לאָקיי, איז געשטאַנען ביי דער טיר, אויפפּאַסנדיק אויפמערקזאַם אויף יעדן זשעסט. אין נייטיקן מאָמענט האָט ער זיך באַוויזן הינטער די פּלייצעס, ער האָט געשיקט אַוועקגעשטעלט אַ צווייט געריכט אויפן טעלער, אונטערהאַלטנדיק אים מיטן סערוועט און, נאָכן פאַרענדיקן זיין פונקציע, האָט ער זיך ווידער, שווייגנדיק און אויפמערקזאַם, אַוועקגעשטעלט נעבן דער טיר.

באַלזאַק האָט אויסגעהערט עוואַן און שנעל, מיט גרויסע שלוקן, געטרונקען די קאַווע. זיינע געדאַנקען זענען געפלויגן פון זיך אַליין. עס בלייבט בלויז איבער צו פאַרענדיקן די שטיפמוטער, צו מאַכן די קאָרעקטור פון קוזין פּאָנס, אָנצושרייבן גאָסלענען, צו לייענען דאָס אַרטיקל אין עקאָ דע פּאַרי. טשיקאַווע צו וויסן, וואָס עס זאָגן וועגן אים אָט די פּיפּיקע, קליינקעפּלדיקע שרייבערוקעס. ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט. טרייסלענדיק זיך איינגאַנצן, האָט ער זיך מיט זיינע ברייט־פונאַנדערגעשפּרייטע

הענט אָנגעשפּאַרט אינעם טיש. דאָס געפּעס האָט האַרמאָניש אָפּגעקלונגען מיט זיין געלעכטער. עוולין האָט פאַרקנייטשט די ברעמען. לעאָן האָט, נעבן דער טיר, לייכט געדרייט מיט דער נאָז: „אָט דער אויסלענדער איז בלי־ספק אַן אויסטערליש באַשעפעניש. פאַרוואָס האָט ער זיך עפּעס פּלוצטהאַלבן אַזוי צעכאַכאַטשעט? איבעריקנס, פאַרשטייט מען דען אַ וואָרט, וואָס ער רעדט?".

— וואָס איז מיט אייך, אַנאָרע?

— איך דערמאָן זיך, כ'דערמאָן זיך, מיין טייערע עוואַ!

באַלזאַק האָט זיך געשטיקט און געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף לעאָנען. פרעמדע דאַרפן נישט אונטערהערן קיין אינטימע געשפּרעכן.

עוולין האָט אַ ווונק געטון מיטן קאָפּ. לעאָן איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר.

— צי קאָנט איר זיך נישט באַגיין אין די דאָזיקע משוגעתן, אַנאָרע?

— האָט אים עוואַ געסטראָשעט מיטן פינגער.

— זייט מיר מוחל, אָבער כ'דערמאָן זיך... — דאָס געלעכטער האָט אים ווידער אָפּגעהאַקט ס'לשון -- כ'דערמאָן זיך אין אָט די פּיפּיקע זשורנאַליסטן פון עקאָ דע פּאַרי. פאַריקס יאָר האָבן זיי מיך פאַרשריגן אַלס געלט־פעלשער און שווינדלער, נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס בוך: די אומגליקן אין פאַמיליע־לעבן. וואָס שרייבן זיי איצטער? אינטערעסאַנט צו וויסן... כ'האָב די אַלע צייטונגען, אָבער כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט זיי צו לייענען.

— כ'ווייס נישט, וואָס זיי שרייבן דאָרטן, אַנאָרע, נאָר מיר געפעלט אויך נישט דאָס דאָזיקע בוך. עס אַנטהאַלט אַזויפיל ציניזם, אַזויפיל גאָט־לעסטערונג, פאַרברעכנס קעגן דער מאָראַל און דער רעליגיע: איך האָב עס איבערגעלייענט און אין מיינע אויגן האָסטו אסך פאַרלוירן. ביי דיר איז די חתונה אַ קאָמערציעלער ענין. קויף און פאַרקויף. צי קאָן מען פאַרקויפן דאָס האַרץ, די געפילן? און דער פאַראַט? דו באַרעכטיקסט דעם פאַראַט? די חתונה קאָן מען נישט באַטראַכטן פון געשעפטלעכן שטאַנדפונקט.

באַלזאַק האָט פאַרלוירן דעם שמייכל פון זיינע ליפּן. מיט זיינע פינגער האָט ער צוזאַמענגעפּרעסט די שטייף־קראָכמאַליעטע סערוועטקע. זיין אייבערשטע ליפּ האָט געציטערט און אַ בייסיק וואָרט איז אים געלעגן אויף דער צונג: „געשעפטלעך". וואָס מיינט זי דערמיט? באַלזאַק האָט דערפילט אַ מאָדנע פאַרביטערונג און דעם זעלביקן איינדרוק פון פּוסט־קייט, וואָס עס האָט אים פאַרטאָגס געהאַט דערשלאָגן. צי איז דאָס עוואַס לעבן, איר אויפפירונג?... ער האָט עס איר געוואָלט זאָגן, אָבער נישט געוואַגט. ער האָט אַראָפּגעשלונגען זיין פאַרביטערונג, זיינע פינגער זענען ווייך געוואָרן, די סערוועטקע איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט.

עוולין האָט פאַרגעזעצט ווי קיינמאָל גאָרנישט:

— און איצטער, אַנאָרע, וואָלט איך וועלן אייך באַקענען מיט מיינע

גיטער. דער נאָטאַר דאַרף ערשט אָנקומען אין עטלעכע שעה אַרום. מיר וועלן האָבן געגוג צייט צו זען פיל זאַכן. גייט אַרויס אויף דער וועראַנדע, איך קום באַלד נאָך.

ער האָט העפלעך אָפּגעטראָטן דעם דורכגאַנג פאַר דער טיר. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אייניקע מינוט אויף צו באַטראַכטן אַ גראַווויור, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. אויף אַ בויגן פּאַפּיר, אַ פאַרגעלבטן מיט דער צייט, האָט דער אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן דער ערשטער גאַלאָפּירט איבער אַ בריק. לינקס — האָט דער מאַרשאַל נעי פאַרהאַלטן זיין לויף־פערד און, פון הינטן — אַ שניי־ווייס קאַוואַלעריע־פערד, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ מאַמלאָק*). די בריק האָט זיך שוין איינגעבראָכן אויף דער אַנדערער זייט. געדיכטע קנוילן שוואַרצער רויך האָבן זיך אויפגעהויבן צום הימל, דער וואַלד פון באַגנעטן פון די רוסישע חילות האָט געגומען בליצן און דראָען. נאַפּאָלעאָן האָט געקוקט אויפן אַנטקעגנאיבערדיקן ברעג, ווו עס האָט געפינקלט דאָס רוסישע כלי־זיין.

„דער דורכמאַרש דורך בערעזינע" — האָט באַלזאַק איבערגעלייענט

— „דער דורכמאַרש... ליבערשט זאָגן די פּליטה" — האָט ער געטראַכט, איבערטרעטנדיק די שוועל.

אַ פּרעכטיקער עקיפּאַזש האָט שוין אויף אים געוואַרט נעבן דער וועראַנדע, אַ שוואַרצע לאַקירטע קאַטש, אין וועלכער עס זענען געווען איינגעשפּאַנט אַ פּאָר קאַרע ראַסאַווע סוסים. באַלזאַק האָט זיך מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אין אַ זייל. דער קאַלטער מאַרמאָר האָט אים צוריקגעבראַכט זיינע געדאַנקען אין גלייכגעוויכט. אָן אומרו האָט אים נאָך אַלץ פאַרפאָלגט, דער צאַרן האָט געברויזט אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, אָבער זיינע אויגן האָבן שוין געזוכט עפּעס אַנדערש און ער האָט עס זאָרגפול פאַרצייכנט, לאָזנדיק אין זיין זכרון דאָס ריכטיקע וואָרט אויפן ריכטיקן אָרט. אַזאַ איז ער תמיד געווען.

עוואַ איז אַרויס, נאָך איידער ער האָט באַוויזן זיך אויסצודרייען. הינטער אים איז אויסגעוואַקסן דער שווייגעוודיקער לעאָן. ער האָט אים דערלאַנגט דעם קאַפּעליוש און דעם שטעקן. באַלזאַק האָט אָנגענומען עוולינען פאַרן אָרעם און זי צוגעפירט צו דער קאַטש. ער האָט איר געהאָלפן זיך אַריינזעצן און ער אַליין האָט זיך אויך אַריינגעזעצט, געפּינענדיק קוים אַן אָרט אויפן ווייכן, טיפן געזעס.

לעאָן האָט געגעבן אַ צייכן און דער קוטשער האָט אַ צי געטון די לייצעס. די קאַטש האָט זיך אַ ריר געטון פון אָרט און געמיטלעך זיך געוויגט. דער געדיכטער שאָטן פון עקיפּאַזש האָט זיך אויסגעשפּרייט, זיך איבערגעטראָגן צווישן די ביימער אויף דעם געל געוואָרענעם גראָז. אַ טרוקענער בלאַט איז אַראָפּגעפאַלן אויף עוולינס קני... באַלזאַק האָט דעם

*) מאַמלאָקן — לייבוועכטער פון די מזרח־הערשער; ס'רוב ווייסע שקלאַפן, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַ גרויסער מאַכט ווי, למשל, עגיפּטן. — באַמ. פון איב.

בלאַט אויפגעהויבן און אים אַרויפגעלייגט אויף איר דלאָניע. דערנאָך אים צעקרישלט מיט דער האַנט און אַוועקגעוואָרפן. אַ ווינטל האָט אַ ווייע געטון, עס אונטערגעכאַפּט און אַוועקגעטראָגן די ברעקלעך. עוולין האָט בלויז געשמייכלט. באַלזאַק האָט איר געדריקט די האַנט.

דער פריערדיקער וויכוח איז פאַרגעסן געוואָרן.

*

אַ פּלעיאַדע האָט זיי באַלויכטן דעם וועג. די פולע לבנה און די ווייטע פינקלענדיקע שטערן האָבן געוואָרפן זייער קאַלטע שיין און דער מילכוועג האָט אָנגעוויזן די מערב־ריכטונג; דער האַרבסט האָט שווער געאָטעמט אין דער וויסטער, רחבותדיקער סטעפּ. און אַזוי יעדעס יאָר האָבן זיי איבערגעקווערט אָט די סטעפּ, פון דרום אויף מערב, פון די קרימער ברעגעס ביז ווערכאָווניע. גאַנץ ווייניק זענען זיי געווען — סך־הכל אַ צוואַנציק פּראַכטפורמאַנעס — און צווישן זיי איז דער ייִנגסטער געווען וואַסילי מאַנזשוראַ. אַ פרייליכער יונג, אַ שלאַנקער, אַ הויכער, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום פון די בייסיקע ווינטן פון דער אומענדלעכער סטעפּ. אויפן ברייטלעכן שטערן איז אים די טשופּרינע אַראָפּגעפאַלן ווי אַ פליגל פון אַ קראָ, זיין בליק האָט געשטראַלט פון גבורה און פון מוט.

שוין דאָס דריטע מאָל ווי וואַסילי איז געפאָרן מיט די פורמאַנעס. די אָקסן האָבן זיך לאַנגזאַם געשלעפּט איבערן שטויביקן וועג. די שווערע משא האָט געקרעכצט. די רעדער, שוין פון לאַנג נישט געשמירטע, האָבן געגרילצט. אונטער דער טראָסטענער שטרוימאַטע איז געלעגן אַ ווערטפולע לאָדונג — זאַלץ פון ווייטן קרים. דאָס דאָזיקע זאַלץ וואָלט מען געקאָנט קויפן אין בערדיטשעוו, אָדער אפילו אין פאַסטאָוו, אָבער מען האָט עס געבראַכט פון קרים צוליב אַ פאַראָרדענונג פון דער גרעפין: „צוליב וואָס פטרן געלט — האָט זי געזאָגט צום פאַרוואַלטער קאַרל — בעת מיר האָבן גענוג אָקסן און קיין פאַראָבקעס פעלן נישט?" און פון דעמאָלט אָן האָט דער פאַרוואַלטער אַוועקגעשיקט אַ היפּש ביסל פורן אויף אַהערצוברענגען זאַלץ. דאָס האָט וואַסילי זיך אַליין פאָרגעלייגט מיטצומאַכן מיט די פורמאַנעס אָט דעם ווייטן מהלך... כאָטש מען זאָגט, אַז דו ביסט פריי; דו גייסט איבער דער וויסטער סטעפּ נעבן דיינע געלאַסענע און זאָרגלאָזע אָקסן און, אָן די פורמאַנעס פון פאָרנט און הינטער דיר; אָן די מעלאַנכאָלישע און כישופדיקע לידער — וואָלסטו טאַקע באמת זיך געקאָנט פילן אינגאַנצן פריי, אומאָפּהענגיק פון קיינעם, איינער אַליין אויף דער וועלט...

היינטיקס יאָר האָבן זיי זיך אומגעקערט פון קרים מיט פול־אָנגעלאָדענע פורן. פאָרויס דעם לאַנגן צוג איז געגאַנגען דער זיידע מוסי, דער זעלבער, וואָס איז, לויט זיינע ווערטער, געבוירן געוואָרן אונטער אַ בעל־עגלהשער פור און דאָ האָט ער זיך פאָרגענומען אָפּצוגעבן גאָט זיין

נשמה. די פורמאַנעס האָבן זייער גוט געוווסט, אַז איין אײנציקע נסיעה וואָלט געגוג געווען אויף נאָכצוקומען די באַדערפעגישן פון די ווערכאָוו־ניער פריצים אויף זייער גאַנץ לעבן, אָבער מען האָט זיי יעדעס יאָר אַוועקגעשיקט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל — דער פּיפּיקער פאַרוואַלטער קאַרל האָט פאַרקויפט דאָס זאַלץ אויף די בערדיטשעווער און סקווירער יאַרידן — ער האָט עס פאַרקויפט אין זיין פּערזענלעכן נאָמען, כדי נישט אַריינ־צומישן די ערנפולע עוולין האַנסקאַ אין קיין געשעפטלעכע עסקים, הגם דער גאַנצער ריווח איז געבליבן צו דער דיספּאָזיציע פון דער גרעפין.

וואַסילי איז אַן אומעטיקער געגאַנגען הינטער זיין פור. לייבקעס הויז אויפן אַטאַמאַן־שליאַך זענען זיי שוין פון לאַנג פאַרבייגעגאַנגען, נאָר דאָס בילד פון דער פוסטער קרעטשמע איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. בלויז ער, דער אַלטער קרעטשמער, האָט אויפגענומען די פורמאַנעס, זיי דערלאַנגט בראָנפן, ברויט, ציבעלעס. לייבקע איז געבליבן אין אַ זייט און געקוקט אויף זיי, בעת וואַסילי האָט געוואַרט, אַז די ני־דעריקע טיר זאָל זיך עפענען און אַז נחמה זאָל אַריינקומען. אָבער די פורמאַנעס האָבן געגעסן, געשמועסט צווישן זיך און אויסגעהערט עטלעכע געשיכטעס, וואָס דער זיידע מוסי האָט דערציילט און נחמה האָט זיך אַלץ נישט באַוויזן. וואַסילי האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, ער האָט גע־נומען דעם אַלטן קרעטשמער אין אַ זייט און אים געפרעגט וועגן דער טאָכטער. לייבקע האָט אים שווייגנדיק אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק, געהויבן מיט די אַקסלען און אַ זאָג געטון סודותפול:

— נחמה איז נישטאָ!

וואַסילין האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן, הערנדיק די דאָזיקע ווערטער. נישט קאָנענדיק זיך באַהערשן, האָט ער געשריגן, און די פורמאַנעס האָבן אים געהערט:

— וווּ איז זי אַהינגעקומען? האָסטו זי נישט אויסגעגעבן? — און ער האָט פעסט געהאַלטן לייבקעס אָרעם צווישן זיינע ביינערדיקע פינגער, פאַרשנדיק און האָפענונגספול אים אָנגעקוקט.

— לאָז מיך צורה, וואַסילי! — האָט געזאָגט דער קרעטשמער — נחמה געפינט זיך אין בערדיטשעוו, ר׳ האַלפּערין האָט זי מיטגענומען, איך האָב נישט מער קיין טאָכטער, וואַסילי!

וואַסילי האָט אים אָפּגעלאָזט. לייבקע איז אַרויס פון דער קרעטשמע און האָט זיך מער נישט באַוויזן, אפילו, ווען די פורמאַנעס האָבן זיך גע־לאָזן אין וועג אַריין.

אַ צעבראָכענער איז וואַסילי געגאַנגען הינטערן וואָגן. ער וועט שוין מער נישט זען נחמהס קאַרשן־אויגן. צי זאָל זי זיך האָבן פאַרליבט אין אַ צווייטן? זאָל אַן אַנדערער האָבן געפאַנגען דאָס האַרץ פונעם מיידל? וואַסילי האָט עפּעס געהערט רעדן וועגן דעם דאָזיקן וווּכערניק, וועגן אָט דעם עושר האַלפּערין, ער האָט אים אפילו געזען אין ווערכאָווניע, אָבער צי איז ער געווען אין אַזאַ עלטער, צו קאָנען פאַר־כישופן דאָס מיידל? דער אַלטער מכשף! וואַסילי האָט זיך אָנגעכמורעט,

טיפע קנייטשן האָבן זיך באַוויזן אויפן שטערן. זיין האַרץ האָט געבלו־טיקט. דאָס אומעטיקע ליד פון די בעלי־עגלות האָט אים נאָכמער פאַר־שמאַכט. מ'האָט זיך דערנעענטערט צו ווערכאָווניע. ער האָט זיך, אַ האָפּערדיקער, אומגעקערט פון קרים. ווו זענען אַצינד געווען זיינע האָ־פענונגען? צעקרישלטע גרעזלעך אויפגעהויבן דורכן ווינט, צוריקגע־שליידערט אויף דר'ערד, דערטרונקען אונטער אַ שלאַקסרעגן. אַ שפּאַרבער האָט אַרומגעקרייזט זייער הויך איבער דער לאַנגער ריי פורן; זיין מעכ־טיקער פליגל האָט געשפּאַלטן די הימל־בלויקייט; איבער די אָקסן האָבן געצוויטשערט וואָראָבייטשיקעס. דער וועג האָט זיך ווייטער געצויגן.

דער אַלטיטשקער מוסי איז אַראָפּ פון זיין פור. „עס איז צייט געווען אויסצוגלייכן זיך אַביסל די אַלטע ביינער" — האָט ער געטראַכט — און ער האָט מיט די אויגן געזוכט וואַסילין, ר'האָט אים אָנגעיאָגט און דעריאָגט, אַרויפגעלייגט אויף וואַסיליס אַקסל זיין ביינערדיקע שוואַרצע האַנט.

— נעם זיך נישט צום האַרצן, בחורל! — דער אַלטיטשקער איז גע־גאַנגען נעבן וואַסילין, שלעפנדיק זיינע לאַפּטשעס אינעם שטויב — נעם זיך נישט צום האַרצן, ס'איז אפשר בעסער אַזוי. איר זענט נישט פון זעלבן גלויבן, איר האָט נישט דעם זעלבן גאָט. זיי זיך מישב!

— כ'האָב זיך שוין פון לאַנג מישב געווען — האָט זיך שטיל אָפּגע־רופן וואַסילי — כ'האָב געהאַט באַשלאָסן — ער האָט נישט פאַרענדיקט, זיין שטים האָט געציטערט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער וואָראָ־בייטשיק איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ שטיין, אָנגעכאַפּט האַרט אויף דר'ערד אַ קליין פייגעלע און אַוועקגעפלויגן דערמיט אין בלויען הימל אַריין. און וואַסילי האָט מער גאָרנישט געזאָגט, ס'איז געווען איבעריק, ער האָט גע־ווּוסט, אַז דער אַלטיטשקער וועט אים סיי ווי סיי נישט פאַרשטיין.

— ס'איז אַלטווייבער־זומער — האָט געזאָגט דער זיידע מוסי, אָפּ־שאָקלענדיק פון דער האַנט אַ קלעפּיקן שפּינוועבס. — זומער פון די אַלטע ווייבער, און איך האָב נישט מער קיין פרוי. דיין באָבע איז שוין לאַנג געשטאָרבן, זייער לאַנג...

דער אַלטער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, ער האָט געוואַרט אויף זיינע אָקסן, ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף דער פור. די אָקסן, מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ, האָבן לאַנגזאַם פאַרגעזעצט דעם וועג. אַ וואָראָבייטשיק האָט זיך געפּלאָנטערט איבערן געשפּאַן, געשפּרונגען, זייער לוסטיק געצווי־טשערט. דער אַלטיטשקער מוסי האָט זיך געבייזערט:

— אַוועק פון דאַנען, פאַרשאָלטענער ליידיקגייער!

דער וואָראָבייטשיק האָט זיך נישט דערשראָקן. דער אַלטער האָט גע־מאַכט אַ באַוועגונג פון רעזיגנאַציע, ער האָט אַרויסגענומען די באַנדורע פון הינטער זיין לאַנגן בגד, באַרירט מיט די פינגער די סטרונעס און זיין נשמה האָט געענטפערט אויף זייער רוף. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צום צוג. ס'האָט זיך אויסגעדוכטן, ווי די פורן ציען זיך אומאויפהער. די פורמאַנעס זענען געגאַנגען פון ביידע זייטן, איינער אין אַ היטל, דער

אַנדערער אין אַ פּאַפּאַכע. אַנגעטון זענען זיי געווען אין שוואַרצע קורט־קעס, ווייסע העמדער. אַ לייכטער, דורכזיכטיקער וואָלקן רויך האָט זיך געטראָגן איבערן קאַראַוואַן וועגענער. עס האָט זיך געדוכט, אַז די פורן שווימען אין דער אייביקייט. וויפל ענלעכע אַזעלכע וועגן? וויפל? דער זיידע מוסי האָט אומעטיק געשמייכלט. ווידער האָט ער באַרירט די סטרונעס.

די סטעפּ האָט אויפגעלעבט. די וואָראַבייטשיקעס זענען אויפן גע־שפּאַן אַנטשוויגן געוואָרן. בלויז דער ווינט האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, ער האָט געווייעט איבער די פורן, אַנגעבלאָזן ווי אַ זעגל די ברייטע בעל־עגלהשע הויזן און די העמדער זייערע, און אויפגעהויבן דאָס ליד אין בלויען הימל אַריין, אַוועקגעטראָגן עס איבער דער וועלט:

פאַראַנען אויף דער וועלט הצלחה,
פאַרוואָס־זשע קום איך מיט אַ טענה?
פאַראַנען פרייהייט אויך און מזל־ברכה,
וווּ איז מיינע?

די פורמאַנעס האָבן געזונגען, בלויז וואַסילי האָט נישט אונטערגע־כאַפּט. די וועלט איז ברייט און גרויס, אָבער וווּהין זאָל ער גיין? אָט דער געדאַנק האָט נאָכמער פאַרשטאַרקט זיין ווייטיק. ווען זאָל ער אָנפאַר־טרויען זיין עגמת־נפש? ער דערמאָנט זיך אין מאַרינאַ, דאָס שטובמיידל פון דער גרעפין. אַ פריינטלעך וואָרט וואָלט אים באַרואיקט. נאָך בעסער וועט זיין צו בלייבן אַליין און שווייגן. „זיי זינגען — האָט ער געטראַכט — דאָס ליד מאַכט גרינגער אויפן האַרצן. ווען איך וואָלט אַצינד געקאָנט אַוועקפליען, ווי דאָס ליד אָדער ווי דער אָדלער, דעמאָלט וואָלט אַ סוף גענומען צו מיינע יסורים". און אפשר נישט? צי איז דען ערגעץ אַנדערש־ווו בעסער ווי דאָ? במשך פון זיינע אַכצן יאָר איז ער שוין אויסגעווען אַ וועלט, אַנגעזען מכל־המינים מענטשן! און אומעטום דאָס זעלבע. פון ווערכאָווניע ביזן ווייטן קרים — אומעטום האָט דאָס פאָלק דעם זעלבן גורל. נחמה בלויז איז פאַר אים געווען אַ טרייסט...

דריי חדשים — אָן אייביקייט. וואַסילי האָט זיך צוגעוווינט צום סטעפּישן ווינט, צו דער פרייהייט, און מאָרגן אויפסניי די פאַנשטשיזנע*), סיידן מען זאָל אים אַוועקשיקן מיטן זאַלץ קיין בערדיטשעוו. הלוואי זאָל עס טאָקע אַזוי געשען!

דער ווינט טראָגט אַוועק די מחשבות אין ווייטע, אומבאַקאַנטע מרחקים. אין די מחשבות — אַ ביטערקייט ווי ווערמוט, און ווען זיי וואָלטן קענען אַנפאַרטרויען דעם ווינט זייער ערשטלינג־בלימל אויף צו

---

*) פאַנשטשיזנע — צוואַנגאַרבעט פון די פויערים לטובת די רוסישע אָדער פוילישע פריצים. — באַמ. פון איב.

פאַרזייען דערנאָך אַן אַנדער ערד, און פרילינג־צייט זאָל מיטאַמאָל זיך צע־בליען אויף יענער אַנדערער ערד — אָט די אויסגעבענקטע ערד.

די פורמאַנעס האָבן שוין פאַרענדיקט דאָס ליד וועגן זייער ביטערן גורל און דער זיידע מוסי האָט אָנגעהויבן אַ צווייטס. ער האָט געזונגען אַליין און אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. יעדעס וואָרט איז אַריינגעדרונגען אין זייער נשמה. דאָס ליד איז געווען וועגן מאַקסים פּע־רעבינאָסן, דעם באַרימטן קאָזאַקישן פּאָלקאָווניק, וועגן זיין אומשטערב־לעכער גבורה, זיין וווּנדערבאַרן מוט; דאָס ליד האָט דערציילט, ווי אַזוי זיין שווערד האָט אויסגעקוילעט איבער הונדערט טויזנט פּוילישע פּריצים; זיין פערד איז געווען ווי אַ דראַגונער; ער האָט געהאַט אַ נשמה פון אַן אָדלער און בלי־שום־ספק אויך אָדלער־פליגל; ר׳איז געפלויגן איבער אַלץ און אַלעמען און זיך קודם־כל באַוויזן דאָרט, ווו דאָס אָרעמע פאָלק איז געווען אונטערדריקט. מאַקסים פּערעבינאָס איז געווען די רעכטע האַנט פון אַטאַמאַן כמיעל. אַן אים וואָלט כמיעל קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן אַזוי־פיל נצחונות:

בעת אונדזער אָדלער מאַקסים
האָט געפירט די חיילות,
די חיילות פון קאָזאַקן,
הינטער שטאָט בערדיטשעווס טויערן
האָבן פּריצים זיך דערשראָקן —
זייער לאַנג האָבן די פאַרשאָלטענע
דעם קאָזאַקס בלוט געזויגן,
אָבער איצטער באַהאַלטן זיי זיך
אינעם קאַרמעליטן־מאָנאַסטיר.
ווי אַ שוואַרצע כמאַרע
האָבן מאַקסימס חיילות
דעם שלאָס אַרומגערינגלט,
באַלאַגערט די קאַנאָלן און די טירן אייזערנע,
די זון אין הימל ט׳זיך פאַרלאָשן,
פאַרטונקלט פונעם אָפּקלאַנג
פון העלדישן מאַקסים,
אייביקן רום
האָבן די קאָזאַקן זיך דערוואָרבן.

אין דער אוקראַינישער מדינה,
ס׳גאַנצע לאַנד ט׳געפלאַקערט,
און מיט די נצחונות זיך גערימט,
און אין אַלע דערפער
האָבן מוזשיקעס דערוואַכט,
און פאַרברענט די הייזער

פון פּריצים די פאַרשאָלטענע,
פאַרטריבן האָבן זיי די פּאַטאַצקים
און די וויִשניעוויעצקים.
אונדזער אוקראַיִנישע ערד
אָפּגעטרייסלט האָט דעם יאָך,
אונדזער רומפּולער מאַקסים
ט׳דערהרגעט אַן אַ שיעור פּריצים,
אין דער שטאָט בערדיטשעוו
איז איבערציילן זיי נישט מעגלעך,
אונדזער מאַקסים געגומען האָט נקמה
פאַר אונדזערע אַזויפיל ליידן,
געשוינט בלויז האָט ער
די פרויען און די קינדער,
אָבער די גאַנצע פּריצים־קליקע
ט׳ער באַגראָבן טיף אין דר׳ערד...

דאָס קלאָגליד האָט זיך פּלוצלונג איבערגעריסן, פּונקט ווי ביים אַלטן וואָלט דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן. דער זיידע מוסי האָט צוגעדריקט די באַנדורע צו זיין ברוסט, ער האָט זיך אויסגעדרייט. די פורמאַנעס האָבן מיט אַנגסט געשוויגן. אַ באַלעבאַטישע קאָטש איז זיי געלאָפן אַנטקעגן. דער ווינט האָט אונטערגעהויבן אין דער לופטן די פּרעכטיקע פּערדישע גריוועס. דער רייכער געשפּאַן האָט זילבערדיק געגלאַנצט אויף דער זון. די קאָטש האָט געקרייצט די פורמאַנעס. דער קוטשער האָט געצויגן פאַר די לייצעס. די איינגעשפּאַרטע סוסים האָבן נישט געוואָלט זיך פאַרהאַלטן, געטופּעט מיט די פאָדערשטע פיס, געצויגן אין אַ זייט, אויפהייבנדיק מיט די קאָפּיטעס דעם שטויב אין דער לופטן. הינטער דער קאָטש האָט זיך געלייגט אַ גרויער שיכט אויף דער סטעפּ.

די גרעפין עוולין איז געזעסן אין דער קאָטש, אַנגעשפּאַרט אויפן אַנלען. דער ווינט האָט פאַרוואָרפן איר גרויען שאַל איבער אירע אַקסלען, פונאַנדערגעבלאָזן און אויסגעשפּרייט אויפן שטערן אַ לאָק פון אירע שוואַרצע האָר. די גרעפין האָט געפּרוווט זיי אַרונטערשאַרן אונטערן הוט. באַלזאַק איז געזעסן נעבן איר. מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער געקוקט אויף די פורמאַנעס און שמאַטשקענדיק מיט די ליפּן, האָט ער אָפּגעאָטעמט מיט אַן אָפן מויל. דער אַלטיטשקער מוסי האָט דערקאָנט די גרעפין, ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, אַראָפּגענומען די פּאַפּאַכע און טיף זיך פאַרנייגט אַזוי, אַז די ווייסע באָרד האָט אַזש אָנגערירט דעם באָדן. עוו־לין האָט חנעוודיק געשמייכלט, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַ טוץ גאָרגלען האָט זיך צוזאַמען צעשריגן:

— אַ גוט געזונט אויף אייך, האַרין!

— ווער זענט איר? — האָט עוולין געפרעגט — און זי האָט עפּעס איינגערוימט באַלזאַקן אין אויער. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט

און אויפהויבנדיק זיך פון זיין געזעס, האָט ער באַטראַכט די פורמאַנעס.

— אייערע דינער, עקסעלענץ — האָט געענטפערט דער זיידע מוסי און זיין ווייסע באָרד האָט ווידער אַמאָל באַרירט דעם שטויב פונעם וועג.

עוולין האָט, אַ צופרידענע, געשאָקלט מיטן קאָפּ און פאַרטייטשט באַלזאַקן דעם זיידע מוסיס ענטפער.

— איר קערט זיך אום פון קרים, זיידע?

— פון קרים, אייער עקסעלענץ!

באַלזאַק איז האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאַטש און זיך דער־נעענטערט צו די פורן. עוולין האָט געמאַכט אַן אומצופרידענע גרימאַסע. אַן אומבאַהאָלפענער, האָט דער קוטשער פאַרוויקלט די לייצעס. באַלזאַק האָט אויפגעהויבן אַ ראַגאַזשע פון אַ וואָגן, אַנגערירט מיט דער האַנט אַ שיכט זאַלץ. דער זיידע מוסי האָט זיך דערנעענטערט. די פורמאַנעס האָבן אים אַרומגערינגלט. וואַסילי האָט נייגעריק אַנגעקוקט דעם דאָזיקן בידע־ריקן, פעסט־געבויטן אדון. עוולין האָט זיך אויפגערעגט אין דער קאַטש, זי האָט געצויגן די הענטשקע און געוואָרפן אויף באַלזאַקן אומצוויידייטיקע בליקן. לסוף, האָט זי זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און אים גערופן:

— אָנאָרע, איר זענט אומדערטרעגלעך, זעצט זיך אַריין און לאָמיר פאָרזעצן אונדזער וועג. וואָס אַזוינס האָט איר געפונען צו באַוואונדערן?

— איין רגע, עווא, ס'איז באמת וואונדערבאַר!

ער האָט גענומען רעדן צו די פורמאַנעס, אָבער זיי זענען דאָ גע־בליבן פאַרגליווערט אַרום אים, נישט פאַרשטייענדיק דאָס שנעלע און כאָרכלענדיקע רעדן זיינס.

— ס'איז געוויס פראַנצויזיש — האָט ענדלעך פאַרשטאַנען דער זיידע מוסי, דערמאָנענדיק זיך, אַז ער האָט געהאַט געהערט די דינערשאַפט דערציילן וועגן אַ גאַסט פון פאַריז, וואָס דאַרף קומען צו דער גרעפין.

סיי די פורמאַנעס, סיי באַלזאַק האָבן זיך אַנגעקוקט קעגנזייטיק מיט אומבאַהאַלטענעם נייגיר, אָבער די פורמאַנעס האָבן עס געטון פאַרזיכטיק און מיט אַנגסט און ער, דאַקעגן, אָפנהאַרציק און דרייסט. ער האָט גע־שמייכלט, געקלאַפּט זיי איבער דער פּלייצע: אָט דאָס זענען זיי דאָך, די דאָזיקע מענטשן, וועמען די נאַקעטע ערד און דער אָפענער הימל פאַר־טרעטן זייער היים. זייערע געברונצלטע און בראָנזענע געזיכטער וועלן לאַנג פאַרבלייבן אין זיין זכרון. ער האָט פאַרלאָזט די חברה פורמאַנעס און אויפן וועג האָט זיין בליק פלוצלונג זיך באַגעגנט מיטן בליק פון וואַסילין. באַלזאַקן איז עפּעס באַקאַנט געוועזן אָט דאָס געזיכט פונעם יונגן פורמאַן.

באַלזאַקן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט ערגעץ־ווו געזען, אין קאָר־סיקע מסתמא, אַ יונגנמאַן, וואָס איז ענלעך געווען צו אים. וואָס פאַר אַ געמיינזאַמס האָט דאָ געקענט זיין צווישן אָט דעם פורמאַן מיט דעם קאָר־סיקאַנער פישער, וועלכער האָט אים געהאַט געוויזן דאָס הויז, ווו נאַפּאָ־לעאָן באָנאַפּאַרטע איז געבוירן געוואָרן? אַך, יאָ!... זיי האָבן, בלי־שום־

ספק, דעם זעלבן בליק, אָבער נישט די זעלבע אויגן, ניין! ער דערמאָנט זיך אין די אויגן פון קאָרסיקאַנער: העל־בלויע, בשעת זיינע זענען שוואַרצע ווי קוילן און דורכדרינגנדיקע. דאַקעגן, דער בליק איז דער זעלבער, אַ רעספּעקטפולער, אָבער עטוואָס אַן אַפּיקורסישער, אַן אומצו־טרוילעכער. די ערד דערנערט זיי ביידן. באַלזאַק שמייכלט צו וואַסילין, קלאַפּט אים אין דער פּלייצע און קערט זיך שנעל אום צו דער קאַטש. דער קוטשער גיט אַ ציִ פאַר די לייצעס און דער עקיפּאַזש פאַרשווינדט הינטער אַ וואָלקן שטויב.

— לאָמיר נעמען דעם וועג, יאַטן — זאָגט דער זיידע מוסי.

באַלד האָבן זיך פונדערווייטנס געוויזן אויסטיילן די ווערכאָווניער כאַטעס, די פאַרגעלבטע גערטנער, דער טונקעלער צלם איבערן בלויען קלויסטער־קופּאָל און אויפן בערגל — די ווייסע ווענט פון פּריצישן שלאָס. ווערכאָווניע איז שוין געווען גאָר־גאָר נאָענט.

וואַסילי האָט אָפּגעזיפצט פון ווייטיק און פון באַאומרואיקונג. דאָס פריערדיקע לעבן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן.

קאַפּיטל פיר

די נאַכט אין ווערכאָווניע

דער ווינט האָט געריסן די לאָדנס, מען האָט געהערט דעם גערויש פונעם רעגן. באַלזאַק האָט אָוועקגעלייגט די פעדער, פאַרלאָזן ראַפּטעם דעם טיש און צוגעגאַנגען צום קאַמין. די שייטלעך האָלץ, באַדעקטע מיט אַ גרויען אַש, האָבן אויפגעהערט צו טליען אין אויוון. עס האָבן זיך אויפ־געהויבן קייקעלעך וואַרעמע לופט, פון וועלכע ס'האָט זיך געפילט סמאָלע. באַלזאַק האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ נידעריקן פוף און אויסגעשטרעקט זיינע פיס צו דער היץ. ער האָט אָנגעהויבן אויפרודערן דעם אַש מיט דער הילף פון אַ שאַראייזן. עס האָבן אים פאַרוויילט די פונקען, וואָס זענען געפלויגן אין דער לופטן.

בייטאָג זענען אָנגעקומען בריוו פון פאַריז. זיי זענען געלעגן אויפן טיש, אין זייערע גרויסע אויפגעעפנטע קאָנווערטן. עס זענען אים געקר־מען אויפן געדאַנק די קוריערן, די אַלטע גרילצנדיקע פאָסט־וועגענער, די לאַנגע, הויקערדיקע וועגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין די פורמאַנעס, וועל־כע ער האָט באַגעגנט אין דער פרי; אין דעם מיטאָג, אין גרויסן זאַל, דעם שוימוויין אין די גרויסע כוסות; אַננאַס געלעכטער און דעם גראַף יורי מנישעקס ליצנות. עוולין האָט זיך צו זיי באַצויגן קאַלט און מן־הצד; זי האָט אים פאַרגעשטעלט פאַר איר טאָכטער אַלס איר באַליבטסטן שריי־בער, וועלכער האָט בדעה אָנצושרייבן אַ בוך איבער רוסלאַנד, און צוליב

װעלכן ער פֿאַרבערגנגט אין װערכאָװניע, און עד־כאַן. יורי מנישעק האָט געשמייכלט, אונטער זײַן סערװעטקע, װאָס האָט פֿאַרשטעלט זײַן מױל, אָבער באַלזאַק האָט עס נישט באַמערקט.

הער קאַרל, דער פֿאַרװאַלטער, איז אָנגעקומען צו דער קאַװע. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און געקוקט אויף באַלזאַקן פֿון אויבן אַראָפּ. מנישעק, דאַקעגן, איז געװען פֿרײַנטלעך און נישט גוזשאַלעװעט קיין קאָמפּלימענטן. פּונקט אַזוי האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַננאַ, װעלכע האָט די גאַנצע צײַט גערעדט װעגן באַלזאַקס ביכער, דערציילנדיק דעם סיפּור־המעשה און איז אוודאי געװען זיכער, אַז ער הערט עס צום ערשטן מאָל.

*

דער האַלבשאָטן, װאָס האָט געהערשט אין צימער, האָט האַרמאָניזירט מיט זײַן געמיט. אָבער דער דאָזיקער פֿאַרשאָלטענער רעגן, אָט דאָס אומ־אויפֿהערלעכע גרילצן פֿון די לאָדנס, האָט אים געערגערט און באַאומרו־איקט. דאָס אַלץ, װי אויך דער דאָזיקער טאָג, װאָס איז נאַרװאָס פֿאַרביי און דאָס איבעריקע — האָבן אים געשטערט רויִק צו טראַכטן װעגן די ערנסטע און װיכטיקע ענינים, װעגן װעלכע זײַן שװעסטער לאָרע האָט אים געשריבן אין בריװ און װעגן די רעכענונגען, װאָס ער איז שולדיק.

פֿון באַלזאַקן האָט מען געפֿאָדערט רק איין זאַך: געלט. אָבער ער האָט עס נישט געהאַט. ער האָט עס נישט געהאַט און נישט געװוּסט אַפֿילו, װעלכע מעגלעכקייטן עס װאָלטן זיך געקאָנט מאַכן אויף להבא. װאָס אַן אמת, װאָלט ער געקאָנט פֿאַרקויפֿן די שטיפֿמוטער פֿאַר צװאַנציק טויזנט פֿראַנק, אָבער דאָס װעט נאָך נישט לייזן דעם ענין. די דאָזיקע נסיעה קיין װערכאָװניע האָט אַלץ צעדרייט. ער װאָלט געקאָנט האָפֿן אויף אַ געװוי־סער הילף מצד זײַן פֿאַרלעגער זשיראַרדען. אפֿשר װאָלט ער געקאָנט ראַ־טעװען די לאַגע. אָבער דערצו װאָלט מען באַדאַרפֿן זײַן אין פּאַריז. נעמען זיך צום פֿערטן באַנד פֿון די קורטיזאַנערינס, אָנשרײַבן די פּיעסע דער ציגײַנער־פּרינץ, זי װאָלט אים אויך אַרײַנגעבראַכט לכל־הפּחות פֿערציק טויזנט פֿראַנק. און װידער איז אים אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק: קוסטין האָט אָנגעשריבן אַ בוך רוסלאַנד אין יאָר 1839, ער װאָלט געקאָנט אָנשרײַבן אַ בוך רוסלאַנד אין יאָר 1847; אַלע פּאַריזער צײַטונגען װאָלטן פֿאַרעפֿנט־לעכט דאָס דאָזיקע װערק, עס װאָלט געװאָרן איבערגעזעצט אין אַלע שפּראַכן.

פֿאַר זײַנע אויגן האָבן פֿאַרבײַגעשװעבט די פּאָסט־סטאַציעס, די פֿורן, די קרעטשמעס, די פֿאַרחושכטע מענטשן אין זייער שװידערלעכן מצב, די שײַנע קרעטשמערקע, דער ראַדזיװילער צאָל־אַמט, די זאַכן אין זײַנע װאַליזן איבערגעקערט און צעקנאָדערט (ער האָט בלויז געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער זעט נישט), די בפּירושע סימנים פֿון פֿרעמדע פֿינגער אויף זײַנע בריװ, דאָס האַלטן אים אויפֿן אויג, דאָס נאָכשפּיאָנירן אים — װעגן אָט דעם אַלעם װאָלט ער געקאָנט גאַנץ שיין דערציילן. און אַלץ,

וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַרום אים, אין ווערכאָווניע... אָבער ניין! גאָט איז זיי מוחל!

דער הערב פון דער זשעוווסקי־דינאַסטיע, אַ קרוב צו דער בורבאָן־דינאַסטיע, האָט באַדאַרפן זיך אָנשליסן אינעם הערב פון די ד׳אַנטרעגן, זיינע אבות. לאָמיר לאָזן די פּאַריזער שרייבערוקעס אָפּטון זייערע מיאוסע שטיק, באַשמוצן אים, שטעלן אונטער אַ פרעג־צייכן זיין גאָבל־יחוס. נאָך זיין חתונה מיט איינער פון די זשעוווסקיס, וועט ער שוין וויסן, ווי אַזוי צו האַנדלען. ביים היינטיקן טאָג האָט דאָס דאַזיקע געשפּילט אַ געוויסע ראָל. עס קאָן זיין, אַז בעת ער וועט ווערן עווליגס מאַן און במילא אַ שוואָגער פון גראַף זשעוווסקי, די רעכטע האַנט פון רוסישן אימפּעראַטאָר, וועט זיך אפשר דעמאָלט עפענען פאַר אים דער וועג צו דער פערן־קאַמער און דאָס דעפּוטאַטן־בענקל, וואָס ער וועט דאַרט פאַרנעמען, וועט מער נישט זיין קיין חלום, נאָר אַווירקלעכקייט. ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט — און איצטער אפשר מער ווי תמיד — אין זיינע פעאיקייטן אַלס אַ מלוכה־מאַן. דעריבער האָט ער אין איצטיקן מאָמענט מותר געווען אויפן געדאַנק צו גיין אין קוסטינס דרכים. ער האָט אים אָפּגעוואָרפן און באַלד פאַרגעסן. ער איז אויך גרייט געווען צו פאַרגעסן דעם פּאַטש אין פּנים, וואָס ער האָט געקריגן פונעם צאַר. ער האָט געגלויבט, אַז דאָס, וואָס עס האָט אים נישט געגעבן אין זיין היימלאַנד די מאָנאַרכיע פון לואי־פיליפ, וועט ער באַקומען פונעם רוסישן צאַר.

ער וועט אָנשרייבן אַ בוך וועגן רוסישן זעלבסטהערשער, זיין פעדער וועט אים באַרימט מאַכן אין גאַר דער וועלט. דעמאָלט וועלן זיך פאַר אים עפענען די טירן פון קייזערלעכן פּאַלאַץ. באַלזאַקס אויגן האָבן געגלאַנצט אין דער פינצטערניש. ער האָט זיך געזען אַלס אַמבאַסאַדאָר, מיניסטער, דעפּוטאַט. אין דאַזיקן מאָמענט האָט זיך אים אַלץ אויסגעמישט: ליבע, עסקים, רום און געלט. כדי צו באַפעסטיקן זיך אין פּעטערבורג, האָט מען קודם־כל באַדאַרפן זיך פאַרוואָרצלען אין ווערכאָווניע. אָט דאָס איז געווען דער ציל. און אַ ציל, וועלכן מ׳האָט געקאָנט דערגרייכן.

אין אויוון האָבן די שייטלעך האַלץ גענומען זיך פאַרלעשן. דער ווינט האָט געהודזשעט הינטער די פענצטער, דער פאַרשאָלטענער רעגן האָט כסדר געגאָסן, איינטאָניק און אומעטיק. און ווידער האָבן זיך ביי אים דערוועקט שוואַרצע און האָפענונגסלאָזע מחשבות, ווי דער איצטיקער רעגן. זיי האָבן אים פאַרסמט דאָס האַרץ, אַריינגעדרונגען אין זיין גוף, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַלט און אָפּגעשוואַכט צו ווערן, מחמת די אומאויפהערלעכע יסורים און דער בענקשאַפט נאָך מנוחה. ער האָט געוואָלט, ווי תמיד, געפינען אַ קוואַל פון ענערגיע און שווונג אינעם קאַווע-טאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. צי וועלן זיי זיך אומקערן, יענע טעג, ווען די קאַווע האָט געגעבן זיין גאַנצן וועזן דינאַמישקייט; ווו די געדאַנקען האָבן זיך אויסגעשטעלט ווי באַטאַליאָנען פון דער גרויסער אַרמיי אויפן שלאַכט־פעלד און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. אונטער פלאַטערנדיקע פענער האָבן זיך די דערינערונגען דערנעענטערט מיט

שווערע טריט, די אַרטילעריע פון דער לאָגיק האָט צוגעפירט אירע קאַנאָנען און קעסטלעך געווער, די שאַרפזיניקע ווערטער זענען געפלויגן ווי פייל פון בויגן, די בילדער זענען דערשינען, דער טינט האָט באַדעקט דאָס פּאַפּיר. די שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרענדיקט אין אַ ים טינט, ווי אַן אמתע מלחמה אין שוואַרצן פּולווער... איינער פון זיינע שונאים האָט געהאַט געזאָגט וועגן באַלזאַקן, אַז ער האָט געלעבט פון פופציק טויזנט טעפּלעך שוואַרצער קאַווע און אַז פון פופציק טויזנט טעפּלעך שוואַרצער קאַווע וועט ער שטאַרבן. אפשר איז עס אמת געווען... אפשר...

ווערכאָווניע איז געשלאָפן, פאַרזונקען אינעם תוהו ובוהו פון דער האַרבסט־נאַכט. די אומענדלעכע סטעפּ איז שטיל געבליבן. אַלץ אַרום איז געווען איינגעשרומפּן און אָפּגעשטאָרבן, און משמעות, בלויז דער ווינט און דער רעגן האָבן געהערשט איבער דער ערד. לכל־הפּחות, האָט זיך עס אַזוי אויסגעדוכטן באַלזאַקן, וועלכער האָט היינטיקע נאַכט לחלוטין נישט געפונען קיין מנוחה. דער שלאָף האָט באַוויגן מיט זיינע נישט־אָנזעעוודיקע פליגל און איז אַנטרינען געוואָרן. אויפן טיש האָט געוואַרט דאָס ווייסע פּאַפּיר. דער טינט און די פּעדער האָבן אים גערופן, אָבער דער אומאויסלעשלעכער דורשט צו שרייבן איז מער נישט געווען, און וויפל אָנשטרענגונגען ער האָט נישט געמאַכט, האָט ער נישט געקאָנט, ווי געוויינלעך, צונויפנעמען אויפן שפּיץ פון זיין פּעדער דעם מבול ווערטער אויפן פּאַפּיר. דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן זיין אומגעהויערער מידקייט און מעגלעך אויך וועגן זיין אומבאַהאָלפנקייט. אָבער שוין דער געדאַנק גופא וועגן דעם דאָזיקן האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אימה. ער האָט געפּרוווט זיך באַהערשן. אַרויפלייגנדיק די שווערע עלנבויגנס אויפן טיש, האָט ער מיט זיינע פּוכיקע פינגער האָסטיק אַ כאַפּ געטון די פּעדער, אָבער אַנשטאָט ווערטער, האָט זי באַדעקט דעם ריינעם בויגן פּאַפּיר מיט משונהדיקע צייכענונגען. עטלעכע שטריכן האָבן באַשאַפן די פיזיאָנאָמיע פון קאַרגן גראַנדע; נאָך עטלעכע שטריכן — און עס האָט זיך באַוויזן דער שיינער ראַפאַעל. צווישן זיי ביידן האָט זיך אַריינגעשטעלט דאָס באַצויבערנדיקע (אַזוי האָט זיך באַלזאַקן אויסגעדוכטן) קעפּל פון דער גרעפין האַנסקאַ.

אַריינגעצויגן אין דער דאָזיקער שפּיל, האָט ער אָנגעהויבן צו צייכענען איינס נאָכן אַנדערן פּרויען־קעפּלעך, זוכנדיק אַן ענלעכקייט צווישן זיי. עס האָבן זיך שוין באַוויזן איבער צוואַנציק קעפּלעך און בעת ער האָט, אויסגלייכנדיק זיך אויפן שטול־אָנלען, געגומען פונדערווייטנס זיי באַוווּנדערן, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז זיי זענען אַלע געווען פאַרשידענע און האָבן גאָרנישט געהאַט קיין געמיינזאַמס מיטן בילד, וואָס זיין האַרץ האָט געוואָלט פאַראייביקן. זיינע ליפּן האָבן זיך, נישט־ווילנדיק, באַוויגן. ער האָט אָנגערופן אַ נאָמען. ער האָט געזאָגט: „עוואַ״. ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו זאָגן אויפן קול: „עוואַ״, זוכנדיק דערביי דעם רוסישן אקצענט. קיינער האָט נישט געענטפערט. אויף רעכטס האָט זיך געוויגט זיין געשטאַלטלאָזער שאָטן אויף דער וואַנט. דאָס פלעמל פון דער ליכט אין די

לייכטער האָט געצאַנקט. דאָס רעגן־וואַסער האָט געכליוסקעט אין די רינעס.

דער ווערכאָווניער פּאַלאַץ איז געשלאָפן. דאָס דאָזיקע האָט אויסגעזען מאָדנע און קאָמיש. באַלזאַק האָט געלאַכט פון זיך אַליין, ער האָט געהאַט אויף זיך רחמנות און געהאַלטן, אַז ער איז אַ שלימזל. וואָס־זשע איז עס? ביטערע איראָניע פון גורל אָדער פשוט אַ שגעון פון פאַרבייגייענדיקן און אומנויטיקן באַגער? הקיצור, וואָס עס זאָל נישט האָבן געווען, איז אָבער געווען קלאָר, אַז זיין אומענדלעכער ליידנשאַפטלעכער ברען איז קיינמאָל נישט געקומען צום אויסדרוק אויף די זייטן פון אַ ווערק. די ליידנשאַפט — דאָס איז אַ פאַלשער ריח-טוב, אַן אָפּנאַרערישער און פאַרפירערישער, וואָס איז אומפּעאיק צו ברענגען אויף דער וועלט אַ האַפּטיקע און פולזאַפטיקע פרוכט.

באַלזאַק האָט זיך געאיילט צו קומען אַהער, אין אָט דעם ווייטן ווערכאָווניע. פאַר זיינע אויגן האָבן דורכדעפילירט אַ שלל שטעטלעך און דערפער. ער האָט מיט אסך אויסדויער אָפּגעוואַרט די פורן אין פאַרעיפּושטע פּאָסט־סטאַציעס, ווו זיין אַטלעטישע פיגור האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פויערים. אויפהויבנדיק די זיידענע פאָרהענגלעך פון זיין קאַרעטע, האָט ער דורך די שויבן געזען די אומענדלעכע פוסטע פעלדער, די געדיכטע וועלדער און דאָ און דאָרטן — די נעבעכדיקע, איינגעהויקערטע כאַטעס, ווו אונטערטעניקע, רעזיגנירטע מענטשן האָבן זיך בלינד און פאַרבאָרגן געפּלאָגט. אָבער ער האָט וועגן דעם אַלעם געטראַכט בלויז פאַרבייגייענדיק, ס'איז געווען אַ נעבן־זאַך. ער האָט רק געזען פאַר זיינע אויגן די געשטאַלט פון עווא, פונקט אַזוי פאַרבאָרגן און נעפּלדיק ווי אָט די סטעפּעס, ווו זי האָט געלעבט.

אין אָט דעם ווייטן ווערכאָווניע, אין גערירשנטן גוט פון די גראַפן האַנסקי, איז באַלזאַק געקומען פון פּאַריז, כדי צו דעראָבערן דעם אוצר, וואָס איז איצט פאַר אים געווען דער סאַמע טייערסטער: די ליבע.

היות, די קאַרעטע האָט זיך געהוידעט איבער צעלעכערטע וועגן, האָט דאָס פעלד געטאַנצט פאַר זיינע אויגן, די ערד האָט זיך אויסגעמישט מיטן הימל. אויך די געדאַנקען זענען געווען מטושטשדיקע. ער האָט זיך דערמאָנט אין אָט דעם טאָג פון פעברואַר 1832, בעת גאָסלען האָט אים געבראַכט דעם בריוו פון אַן אומבאַקאַנטער, געחתמעט אַן אויסלענדערין. זי האָט געשריבן פון ווייטן און פאַרבאָרגענעם רוסלאַנד. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַ הייסע פאַרערערין פון זיין טאַלאַנט און אויסגעדריקט איר אומבאַגרענעצטע באַוווּנדערונג איבער די בילדער פון אינטימען לעבן. אָבער די שאַגרין־לעדער האָט איר פאַרשאַפן עגמת־נפש. דער דאָזיקער ראָמאַן האָט איר אויסגעוויזן צו זיין ווולגאַר. איר בריוו איז געווען קלוג און טיף אַדורכגעטראַכט, געשריבן אין אַן אָפּגעהיטענעם פראַנצויזיש. אין באַלזאַקס צעהיצטער פאַנטאַזיע איז אויפגעשוווּמען דאָס בילד פון דער אומבאַקאַנטער פרוי, וועלכע זיצט פאַרטיפט איבער זיין בוך, ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ, אין אַ ווייטער שנייאיקער

געגנט. די אויסלענדערין האָט אים געבעטן צו באַשטעטיקן דאָס דער־האַלטן איר בריוו אין לאַ קאַטידיען, די איינציקע צייטונג, וועלכע האָט געקענט אַריינדרינגען קיין רוסלאַנד. און אַביסל שפּעטער, דעם 9־טן נאָוועמבער 1832, איז דערשינען אויף די שפּאַלטן פון לאַ קאַטידיען פאָלגנדיקע מאָדנע מודעה:

„הער דע ב. האָט דערהאַלטן אייער בריוו. ערשט היינט קאָן ער אייך מודיע זיין דורך דער פאַרמיטלונג פון לאַ קאַטידיען און ער באַדויערט שטאַרק, וואָס ער ווייסט נישט, וועמען צו אַדרעסירן זיין תשובה״.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זייער קאָרעספּאָנדענץ. דערנאָך האָט זיך די אַנאָנימע אויסלענדערין נתגלה געוואָרן.

...און מ׳האָט זיך פאַרנומען אין וועג אַריין. שפּעטער, אַ צווייטע באַ־געגעניש אין רוסלאַנד — אַ באַגעגעניש, וועלכע האָט געזאָלט זיין אַ דעצידירנדיקע.

פאַרבייפאָרנדיק דאָס געשטרייפּטעביידל פון דער פּאָסט־סטאַציע מיט איר אויסגעקרימטן שלאַבאַן, האָט די קאַרעטע אָנגעטראָפן זיך אויף אַ פאַרטיע מענטשן. הינטער אַ וואָגן, אויף וועלכן ס׳איז געזעסן אַ זעלנער מיט פאַרדרייטע וואָנצן אויף אַרויף, זענען געגאַנגען איבערן וועג עטלע־כע צענדליק מענער. אַ הילכיק געקלימפּעריי האָט צעשטערט די אייביקע טויטשטילקייט פון דער סטעפּ.

באַלזאַק האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל פון דער קאַרעטע. די מענטשן האָבן געשלעפּט שווערע קייטן אויף די פיס. אויך זייערע הענט זענען געווען געשמידט אין קייטן. מיט געבויגענע קעפּ, אַראָפּגעלאָזטע אויגן אינעם שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבערן וועג, האָבן זיי פּיינלעך־שווער געשטעלט דעם טריט איינער הינטערן אַנדערן. אַ זעלנער אויף אַ פערד איז נאָכגעפאָרן הינטער דער פאַרטיע. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף דעם וואָגן און זיך העפלעך באַגריסט. דער וואָגן איז פאַר־ביי־געפאָרן. באַלזאַק האָט אַרויסגעבליקט דורכן הינטערשטן שייבל און לאַנג נאָכגעקוקט די פאַרטיע ביז זי האָט אָפּגעווייכט אויף אַ זייטיקן וועג. די דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש האָט אים שטאַרק גערירט. דער קאָנטראַסט גופא איז געווען אומגעריכט, די אומענדלעכע שטחים פון אָט דער כישופדיקער סטעפּ, איינגעהילט אין אַ דרומדיקן זון־אונטערגאַנג, די ווייטע קאָנטורן פון די וועלדער, דער בלויער הימל און די פינף־און־דרייסיק מענטשן — ער האָט געהאַט גענוג צייט זיי איבערצוציילן — געקאָוועטע אין אייזן. ער איז געווען איינגאַנצן דערשלאָגן. אָבער די פערד האָבן איבער שטאָק און איבער שטיין, בליץ־שנעל געצויגן מיט זיך די קאַרעטע אַלץ ווייטער. עס זענען פאַרבייגעפלויגן די פאַרגעלבטע האַרב־סטיקע סטעפּ, די איינזאַמע לינדביימער, און איבער דער סטעפּ, איבער די שלווהדיקע לינדביימער און די אומבאַקאַנטע וועגן — האָט געוועל־טיקט אַ שיינענדיקער הימל.

די האַרבסטיקע טעג זענען געווען אויסערגעוויינלעך רואיקע. די

נעכט באַזונדערס שיינע. דער דופט פון די סטעפּישע גראָזן, פונעם פאַר־וועלקטן היי, דער מולד אינעם בלויען הימל האָבן אינספּירירט נחת-רוח.

אין איינער פון אָט די נעכט איז באַלזאַק אָנגעקומען קיין ווער־כאָווניע.

איבער די הונדערט־יעריקע ביימער פונעם פּאַרק האָט דער האַרבסט געשפּינט זיינע געוועבן, דאָס גרינלעכע בלעטערוואַרג פון די בעריאָזע־ביימער האָט אויפגעפלאַקערט פון אַ לעצטן ציטער. שוואַרצע קראָען האָבן אַרומגעשוועבט איבערן פּאַלאַץ. די קאַרעטע איז געפאָרן לענגאויס אַ פאַרשטיקטער אַלעע און דער קוטשער האָט מיט אַ ראַשיקער און פלינ־קער באַוועגונג פאַרהאַלטן די פערד נעבן אַריינגאַנג. באַלזאַק איז געווען געריררט. ער האָט געעפנט דאָס טירל און די קרוכע טרעפּ האָבן זיך גע־בויגן אונטער זיין שווערוואַגיקן גוף. עוולין האַנסקאַ איז געשטאַנען אויף דער טעראַסע.

...דער ווינט האָט געטרייסלט די לאַדנס. אַ האַלבער לאַדן האָט זיך האַסטיק אויפגעפּראַלט. באַלזאַק איז אויפגעשפּרונגען. ער האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ. ער האָט זיך דערנענטערט צום פענצטער. זיינע אויגן זענען איבעררײַשט געוואָרן פון דעם געדיכטן נעפּל. דער גערויש פונעם רעגן האָט אַלץ מער אָפּגעהילכט. נישט פאַרלעשנדיק די ליכט, איז ער אַריין אין שכנותדיקן צימער, ווו ער האָט אין דער פינצטער געפונען דאָס בעט. נישט אויסגעטועטערהייט האָט ער זיך איינגעוויקלט אין די קאָל־דרעס. ער האָט באַהאַלטן דעם קאָפּ אינעם ווייכן קישן און געזוכט זיך צו פאַרגעסן.

אָפּגעטיילט דורך מערערע ווענט פונעם צימער פון איר גאַסט, איז עוולין רואיק געשלאָפן, די הענט פאַרלייגט אונטער איר קאָפּ. דאָס נאַכט-לעמפּל האָט געוואָרפן אויפן סופיט אַ מחיהדיקן אָפּשיין. דאָס שטובמיידל האָט געדרעמלט הינטער דער טיר, אויסגעלייגט אויף דר׳ערד, מיט די הענט אויף איר ברוסט. אַ שווייצאַרישער וואַנט־זייגער האָט, אין שכנות־דיקן צימער, מעלאָדיש געקלונגען אַלע האַלבע שעה. און אויף מזרח-צו, הינטערן פּאַרק און אפשר נאָך ווייטער, דאָרט, ווו די סטעפּ האָט זיך אָנ־געהויבן, האָט שוין דער האַרבסטיקער קאַיאָר אַנטהילט זיינע גרויע און בלייכע שטעגן.

✻

בייטאָג איז דאָ געווען אַ גאַסט. דער באַנקיר האַלפּערין איז געקומען צו פאָרן. באַלזאַק האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט נאָכן מיטאָג. מנישעק האָט זיך געהאַט דערמאָנט וועגן דעם גאַסט און זיך נישט־ווילנדיק אַרויס־געכאַפּט. עוולין האָט נישט געהאַט אַנטיילגענומען אינעם געשפּרעך. באַל־זאַק האָט געהאַט געלויבט האַלפּערינען. ער איז געזעסן אין סאַלאָן מיט דער גרעפין עוואַ, אַננאַ און יורי. עס איז געווען אַ כמורנער טאָג. דער דריבנער רעגן האָט געטריפט. דער גראַף מנישעק האָט פאַרווײַלט דעם

עולם. ער האָט דערציילט וועגן זיין ווישניעוויעצער פּאַלאַץ. באַלזאַק האָט זיך ליידנשאַפטלעך צוגעהערט. אים האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז די דאָזיקע פיינלעכע שלאָפלאָזע נאַכט האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט. ער האָט געפונען אין זיך גענוג כוח צו באַהערשן זיין מידקייט. עוולין האָט אים אויפמערקזאַם אָבסערווירט. אויך אַננאַ האָט כמעט די גאַנצע צייט געשוויגן, זי האָט מן־הצד באַטראַכט דעם שריפטשטעלער. זי האָט זיך אין אים עטוואָס אַנטוישט באַלד פון דער ערשטער באַגעגעניש. זי האָט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט לחלוטין אַנדערש דעם מחבר פון די דרייסיק־יאָריקע פרוי. די מוטער אירע האָט איר גאָרנישט דערציילט מכוח זיינע כוונות. אָבער אַננאַ האָט זיך אַנגעשטויסן. קעגנאיבער איר איז געזעסן איר צוקונפטיקער שטיפפאָטער. זי האָט זיך גלייך דערמאָנט וועגן אַ סקאַנדאַל, וואָס איר פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט געהאַט געמאַכט דער מוטער, מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אָט דעם זעלביקן זאַל. די סיבה פון דער מחלוקה — דאָס זענען געווען באַלזאַקס בריוו צו דער גרעפין. דער פאָטער האָט זיי געהאַט צופעליק געלייענט.

עוולין, אַביסל אַן אומעטיקע, האָט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש. דעם באַנקיר האַלפּעריגס קומען אַהער האָט מיט זיך געבראַכט נייע דאגות. דער באַנקיר האָט דערציילט, בקיצור און אַן הינטער־געדאַנקען, וועגן זיין געשפּרעך מיטן זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר קיסעלעוו. ער האָט נישט געגעבן קיין עצות, גאָרנישט נישט צוגעגעבן. ער האָט זיך בלויז באַמיט אונטערצושטרייכן די זאַך אין צווישן פון די געלט־פּראַגעס. די דאָזיקע שטרענגע אויפזיכט מצד דער נאַטשאַלסטווע איבער איר גאַסט האָט דער גרעפין לגמרי נישט פאַרשאַפן קיין פאַרגעניגן. דאָס האָט עדות געזאָגט, אַז מען קוקט אויף איר מיט חשד. עוולין האָט געהאַט באַשלאָסן צו שרייבן צום גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו.

יורי מנישעק האָט גענומען אַ בויגן פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט באַלזאַקן און אַנגעצייכנט זיין פאָרטרעט. עס איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען אַ געוויסע ענלעכקייט און ער האָט געלאַכט, אַ צופרידענער פון זיין דערגרייכונג.

באַלזאַק האָט גענומען אין דער האַנט אַריין די סקיצע און זי באַטראַכט:

— גראַף, איר צייכנט ווונדערבאַר מיין פאָרטרעט.

מנישעק, אַ דערמוטיקטער פון די לויבווערטער, האָט זיך גענומען מאַכן אַ צווייטע צייכענונג. אַ מעדאַליאָן: פון איין זייט באַלזאַק, פון דער אַנדערער — אַ באַרעליעף פון עוולינען, זיך אַליין און אַננאַ. דערמאָנענדיק זיך דעם צונאָמען, וואָס די גרעפין האַנסקאַ האָט געהאַט געגעבן איר גאַסט, האָט ער אים אַריינגעשריבן אינעם קרייז: „בילבאָקע“. און פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבן: „פון די לצים־פאַרערער“. אַלע האָבן געלאַכט און עוולין גופא האָט געשמייכלט.

— גרעפין, עפּעס ערגערט אייך — האָט באַלזאַק אומעטיק באַמערקט.

— דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס אונדזער עוולינען ליגט אין קאָפּ נאָר די געשעפטן, די געשעפטן און ווידעראַמאָל די געשעפטן — האָט גע־ענטפערט מנישעק מיט אַן אומצופרידענער מינע. — איר האָט דאָך אייער פּאַרוואַלטער — האָט ער געזאָגט צו עוולינען — איר האָט דעם אומפּאַר־טרעטבאַרן זשעגמאַן, טאָ פּאַרלאָזט זיך אויף זיי.

באַלזאַק האָט זיך אַריינגעמישט אינעם געשפּרעך:

— אַך, ניין! מ'קאָן זיך אויף קיינעם נישט פּאַרלאָזן. אומעטום איז נייטיק דאָס אויג פון באַלעבאָס! — ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דער ברוסט, זיינע אויגן האָבן געפינקלט און מיט התלהבות האָט ער צו־געגעבן, אַריינלייגנדיק זיין גאַנצע נשמה אין די ווערטער:

— אייער עקסעלענץ, באַשטימט מיך אַלס אייער פּאַרוואַלטער און איר וועט זען, אַז דער מחבר פון עיזשעני גראַנדע, גאָבסעק און פון פּאַ־טער גאָריאָ קאָן זיך געבן אַזוי גוט אין פּאַרוואַלטן מיט גיטער.

ער האָט גערעדט וועגן פּשוטע זאַכן, אָבער אַלע האָבן פּאַרשטאַנען די אַנצוהערעניש און האָבן אים אויפמערקזאַם אויסגעהערט. בלויז עוולין האָט געלאַכט:

— איך שטעל מיר פּאָר, וואָס מ'וואָלט געשריבן אין פּאַריז.

— פּרעכטיק! — מנישעק האָט זיך פּאַרכליניעט. — טויזנט און איין נאַכט: הער אָנאָרע דע באַלזאַק, דער מחבר פון די מענטשלעכע קאָמעדיע — פּאַרוואַלטער פון דער גרעפין האַנסקאַס גיטער!

— אָנאָרע, אָנאָרע, רק איר טרייבט קאַטאָוועס! — עוולין האָט גע־טאָדלט מיטן פינגער — איר „געוועלטיקט" איבער דער גאַנצער מענטש־הייט, טאָ גיט־זשע זיך אָפּ מיט איר.

אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט, האָט באַלזאַק זיך אויפגעשטעלט און פייערלעך איר אַ קוש געטון די האַנט. אַננאַ האָט זיך געזעצט צום פּאַרטעפּיאַן. זי האָט אַנגעהויבן מיט אַן אַקאָרד.

— שפּיל שאָפּענען! — האָט איר מוטער געבעטן.

— אַ פּאָלאָנעז! — האָט מנישעק צוגעגעבן.

אָבער אַננאַ האָט געקוקט אויף באַלזאַקן, זי האָט געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. און ער האָט זי נישט געזען. ער איז געשטאַנען הינטער עוו־לינס פאָטעל, אָנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט פאַרן אָנלען. ער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע מחשבות וועגן דער צוקונפט.

אַננאַ האָט אַנגעהויבן שפּילן לישטן און אַלע האָבן גלייך דערקאָנט זיין מיטרייסנדיקע ראַפּסאָדיע. בלווילעכע פּאַסמעס וואַסער זענען געררי־נען איבער די שויבן. דער האַרבסט האָט מיט רעגן און ווינט געשלאָגן אין די פענצטער. דער האַרבסט האָט אויך אויפגערייצט די בלוטן און עוולין האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. דורך אַ צייכן האָט זי אַלעמען גע־הייסן בלייבן אויף די ערטער און אַליין האָט זי מיט האַסטיקע טריט פּאַר־לאָזט דעם סאַלאָן. זי האָט זיך איינגעשלאָסן אין איר שלאָף־צימער, אַני־דערגעקניט פּאַרן בילד פון דער הייליקער מוטער און אויסשטרעקנדיק

צו איר די הענט, האָט זי גענומען הייס בעטן, מיט אַט דער גאַנצער פּאַר איר אייגנטימלעכער ליידנשאַפט. די ווערטער פון דער תפילה זענען געפאַלן פון אירע ליפּן ווי די פאַרגעלבטע בלעטער פון אַ האַרבסטיקן בוים, אָבער די געדאַנקען אירע זענען געווען אַנדערע, אומרואיקע און שווערע.

— אָ, הייליקע מוטער! — האָט עוולין געבעטן — העלף מיר, לערן מיך אויס צו לעבן אָן זיך טועה צו זיין, לערן עס מיך אויס!

און אין דאָזיקן מאָמענט האָט זי דערפילט צו באַלזאַקן אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט, עפּעס אַזוינס אפילו, וואָס איז ענלעך געווען צו ווידער־ווילן.

ווען נישט באַלזאַק, צי וואָלט זי דערלויבט אַט דעם שווינדלער האַלפּערין, אַט דעם שמוציקן ייד, צו דערציילן איר די דאָזיקע געשיכטע מיט די זשאַנדאַרן, צי וואָלט ער צומאָל געוואַגט? אָבער עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז זי האָט אים געמוזט אויסהערן, און נאָכמער: צושאָקלען מיטן קאָפּ אַלס אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט. זי איז זיך טועה געווען, זי איז אַוועק צו ווייט. און יענער האָט נאָך אַלץ נישט געשריבן צום אימפּעראַטאָר. נאַטירלעך, איז אַט דער בריוו נישט געווען דער עיקר: דער עיקר — דאָס איז געווען דער נאַרישער פּעליעטאָן, וואָס ער האָט געוואַגט צו פאַרעפנטלעכן וועגן צאַר. נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט שוין באַנקענדאָרף געזאָלט האָבן דערציילט אין פּעטערבורג, אַז דער אימפּעראַטאָר ווייסט וועגן דאָזיקן פּאַשקוויל. און פונדעסטוועגן האָט דער צאַר דערלויבט איר געליבטן אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד. עס האָט זיך ביי איר דערוועקט אַ ספק אין פאַרבינדונג מיט אַ צווייטן געדאַנק. און אויב ער וועט טאָקע אָנשרייבן אַזאַ בוך ווי קוסטין? זי האָט געקאָנט דעם מאַרקיז קוסטין. ער האָט איר געהאַט געבראַכט קיין פּעטערבורג אַ מתנה פון באַלזאַקן — די קאָרעקטן פון ראָמאַן שואַניסטן, איינגעבונדן אין לעדער. מען האָט לחלוטין נישט געקאָנט פאַרהוילן דעם פאַקט, אַז באַלזאַק האָט אַמאָל געהאַט געווידמעט קוסטינען זיין דערציילונג די רויטע אכסניא. אין זעלביקן מאָמענט איז איר איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק, אַז מען וואָלט באַדאַרפן איבערלייענען באַלזאַקס כתב־יד וועגן זיין רייזע אין רוסלאַנד. דאָס איז אומבאַדינגט געווען דער חוב פון עוולינען.

...נאָכדעם ווי די מוטער איז אַרויס, האָט נאָך אַננאַ געשפּילט אַ פּאַלאַנעז און זי האָט פאַרמאַכט דעם ראַיאַל.

— ס'איז לאַנגווייליק! — האָט זי אויסגערופן. — צי דענקט איר נישט, הער באַלזאַק, אַז אונדזער לעבן איז איינטאָניק? נישט אינטערעסאַנט?

באַלזאַק האָט געשוויגן. ער האָט געטראַכט וועגן דער סיבה פון עוולינס פּלוצלונגדיקן פאַרשווינדן ווערן.

— דער רעגן! אַט דער פאַרשאָלטענער רעגן! — האָט זיך אַננאַ באַקלאָגט. — יורי, ווי אַזוי וואָלט מען געקאָנט אָפּשטעלן דעם דאָזיקן

רעגן? כ׳וויל נישט, אַז ס׳זאָל כסדר רעגענען און איך דאַרף נישט דעם האַרבסט. איך וויל האָבן זון, בלומען און כ׳וויל פאָרן קיין פּאַריז.

באַלזאַק האָט זיך אַנטשולדיקט. ער דאַרף נאָך אַרבעטן, די פּאַריזער פאַרלעגער זענען צודרינגלעך.

— אָט האָסטו דיר דעם באַרימטן באַלזאַק, דעם מומחה אויף ליבע און פרויען!

אַננאַ האָט זיך מיט ביטול פאַרקרימט, גענומען אויפן טיש אַ באַנד פון וואָלטערס ווערק און זיך איינגעאָרדנט אויף אַ נידעריקער קושעטקע.

✻

ער האָט געהאַט חשק גלייך צו גיין זען עוואַן, אויספרעגן און אויס־הערן זי. ער האָט זיך אָבער איבערגעלייגט. ער איז אַרויף צו זיך אין אַרבעט־צימער. ער איז האַסטיק געגאַנגען פון איין ווינקל צום אַנדערן, אָפּגעשטעלט זיך אַ ווײַלע נעבן פענצטער, באַטראַכט די אומעטיק־גרויע לאַנדשאַפט און ווידער גענומען גיין, באַוועגנדיק שטילערהייט מיט די ליפּן און רייבנדיק זיך די הענט. דער צימער איז געווען קעלטער ווי תמיד און ער האָט געקריגן אַביסל פיבער. ער האָט עס גוט פאַרשטאַנען: עוולין האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה. זיין בליק האָט זיך צופעליק אָפּגעשטעלט אויף די פונאַנדערגעוואָרפענע פּאַפּירן אויפן טיש.

דער ראָמאַן איז נישט געגאַנגען, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. דער סיוזשעט פון אויסדערוויילטן איז געווען בלייך און זייער ווייט פון שלימות. זיינע געדאַנקען זענען געפּלאָסן געגנוי ווי אָט דער קאַלטער רעגן הינטערן פענצטער. ער האָט זיך מיט אימפּעט דערנענטערט צום טיש, אַריינגע־רוקט טיף זיין קערפּער אינעם שמאָלן פאָטעל, געכאַפּט די פעדער אין האַנט אַריין. עס איז אים געבליבן בלויז איין זאַך: די קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן שנעל, פּונקט אַזוי, ווי עס וואָלט זיך בפירוש געווען געהאַנדלט אין אַ ליטעראַריש ווערק.

...בעת דער טשינאָווניק פאַר אויסעראָרדנטלעכע ענינים אין בערדי־טשעוו האָט, מיט עטלעכע טעג שפּעטער, געהאַט אַ געלעגנהייט, אין זכות פון זיינע ברייטע פולמאַכטן, אָפּצושטעלן זיך אין ראַדזיוויל, — האָט ער גענומען לייענען און איבערלייענען באַלזאַקס לאַנגע אומקלאָרע בריוו; געזוכט אויפמערקזאַם צווישן די שורות און פאַרצייכנט דעם תוך אין זיין געהיימען נאָטיץ-ביכל. וואָס שייך דעם בריוו, אַדרעסירט צו זיין שוועסטער לאָרע, האָט ער אים איבערגעשריבן פון אָנהייב ביזן סוף און אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן אַ ראַפּאָרט צום גענעראַל ביביקאָוו. „גלייכ־צייטיק — האָט געשריבן קיסעלעוו, שמאַטשקענדיק מיט די ליפּן אויס צופרידנקייט — שיק איך איבער אייער עקסעלענץ אַ קאָפּיע פונעם בריוו פון פראַנצויזישן שריפטשטעלער באַלזאַק צו זיין שוועסטער לאָרע, אין פּאַריז. דער דאָזיקער מאַן, וועלכער איז אונטער אויפזיכט, פּירט זיך אויף אָנשטענדיק — קיסעלעוו האָט אַ טראַכט געטון: דער דאָזיקער אויסדרוק

שיינט אים צו זיין אַביסל צו מילד, ער האָט אויסגעשטראָכן דאָס לעצטע וואָרט און אַנשטאָט דעם האָט ער דייטלעך אָנגעשריבן: — ...ער היט זיך און איז פאַרזיכטיק, ער איז געפאָרן קיין בערדיטשעוו און מען ווייסט נישט צוליב וועלכע טעמים. ער באַקומט פון אויסלאַנד בריוו, פון וועלכע איך שיק איבער קאָפּיעס אין דער קאַנצעלאַריע פון אייער עקסעלענץ".

קיסעלעוו האָט אַלץ איבערגעשריבן אויף ריין און געחתמעט ברייטלעך, אָבער דייטלעך, נעמענדיק אין אַכט, אַז אפילו אין דער אונטערשריפט דאַרף קומען צום אויסדרוק דער דרך־ארץ לגבי דער העכערער נאַטשאַלסטווע. ביביקאָוו האָט געלייענט אויפמערקזאַם, שוין אפילו צו אויפמערקזאַם, דעם בריוו צו לאָרען, צוגעשריבן אויף די ווייסע ראַנדן פונעם בויגן באַזונדערע צייכנס, וואָס נאָר ער אַליין האָט זיי געקאַנט דעשיפרירן: „דאָס דאָזיקע לאַנד איז אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט דערמיט, האָט באַלזאַק געשריבן, וואָס נעבן דעם אומגעהויערן שווילטאָג, פילט זיך דאָ אַ דוחק אין די סאַמע פּשוטסטע זאַכן. פונעם גאַנצן לאַנד איז דאָס די איינציקע געגנט, וואָס פאַרמאָגט אַ קאַרסעל־לאָמפּ*) און אַ שפּיטאָל. פאַראַן שפּיגלען, וואָס האַלטן צען פוס און די ווענט זענען אָן טאַפּעטן. דערצו, גייט ווערכאָווניע אָן פאַרן רייכסטן וווינאָרט אין גאַנץ אוקראַינע, וואָס איז אַזוי גרויס ווי פראַנקרייך". ביביקאָוו האָט זיך אַ ביס געטון די ליפּ, זיין אַמפּוטירטער לינקער אָרעם האָט געגעבן אַ ציטער (ער האָט געהאַט פאַרלוירן די האַנט אין דער שלאַכט פון 1812). ער האָט ווייטער געלייענט:

„טראָץ דער פרוכטבאַרער שוואַרצערד, איז דאָס אָפּזעצן די פראָדוקטן און דאָס באַקומען פאַר זיי מזומנים, ממש סכנות־נפשות, מחמת די אינטענדאַנטן גנבענען און עס פעלן אויס אַרבעטס־הענט אַראָפּצונעמען די תבואה, וועלכע ווערט געשניטן מיט מאַשינען. די דאָזיקע מאַכט און דאָס דאָזיקע רייכטום געפינען זיך אין דער לאַנדווירטשאַפט און דעריבער וועט רוסלאַנד, פריער אָדער שפּעטער, האָבן די העגעמאָניע איבערן אייראָפּעאישן מאַרק פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן" — ביביקאָוו האָט אונטערגעשטראָכן דעם לעצטן זאַץ. — „דער שריפטשטעלער האָט פולקום רעכט, פונדעסטוועגן איז עס נישט זיין עסק" — האָט ער געטראַכט, און ער האָט נאָכאַמאָל אונטערגעשטראָכן.

„איר שטעלט זיך גאָרנישט פאָר, וואָס פאַראַ ריזיקע רייכטימער רוסלאַנד האָט אָנגעזאַמלט און קאָן זיי נישט אַרויספירן צוליבן מאַנגל פון טראַנספּאָרט־וועזן. מיר הייצן דאָ די אויוונס מיט שטרוי. מיר פאַרברויכן דאָ אַ וואָך אַזויפיל שטרוי, וויפל מען קאָן געפינען אויפן מאַרק פון סען-לאָראַן, אין פּאַריז. מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך געווען אין פאָלוואַרק פון ווערכאָווניע, דאָס אָרט, ווו מען מאָלט די תבואה מיט מאַשינען — זענען דאָרט געשטאַנען בלויז פאַר דעם איינציקן דאָרף, צוואַנציק מיל־

*) קאַרסעל־לאָמפּ — אַ לאָמפּ, וואָס פונקציאָנירט מיט דער הילף פון אַ מעכאַניזם און פרעס־קאָלבע, דערפינדן דורכן פראַנצויזישן זייגער-מאַכער קאַרסעל, אין יאָר 1800. — **באַמ. פון איב.**

שטיינער דרייסיק פוס די הויך אויף פופציק שפאַן די לענג און צוועלף שפאַן די ברייט. אָבער, צוליב די גנבות פון די אינטענדאַנטן, זענען די איינקונפטן באַדייטנדיק קלענער פון די הוצאות. מיר האָבן, ביי אונדז דאָרטן, גאָרנישט קיין באַגריף, ווי די מענטשן לעבן דאָ. אין ווערכאָווניע דאַרף מען האָבן אַלץ אייגנס: דאָ זענען פאַראַן אַ צוקער־בעקעריי, אַ טאַפּיצירער, אַ שניידער, אַ שוסטער אא״וו, — אַלע געהערן זיך אָן צום הויז. אַצינד פאַרשטיי איך, פאַרוואָס עס זענען דאָ אָנגעשטעלט דריי הונדערט הויז־דינער, וועגן וועלכע עס האָט מיר, אין דער שווייץ, דערציילט דער פאַרשטאָרבענער ה׳ ה..., וואָס האָט געהאַט פאַר זיין פערזענלעכן פאַרגעניגנסוועגן אַ גאַנצן אָרקעסטער... ווערכאָווניע איז היפּשלעך באַוווינט צוליב אַ שטאָפן־פאַבריק, גאַנץ פיינע אויסאַרבעטונגען. מען מאַכט מיר דאָ אַ פאַלטן פון היגן שטאָף, געפוטערט מיט סיבירער פוקסן, אויף דורכצוקומען דעם ווינטער. דער היגער שטאָף איז גאָרנישט ערגער פון אונדזער פראַנצויזישן. עס ווערן דאָ אויסגעאַרבעט יערלעך צען טויזנט שטיק שטאָף״.

דאָס אַלץ, וואָס דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אויבן איבערגעלייענט, האָט אים אויסגעוויזן צו זיין ווייניקער וויכטיק און געהאַט אַ קלענערן באַדייט, אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס ער האָט ווייטער געלייענט: „ער כאַפּט באמת איבער די מאָס מיט אַלע זיינע פּלענער און פּראָיעקטן״ — האָט ביביקאָוו ביי זיך געטראַכט, איבערלייענענדיק די היציקע שורות, געשריבן מיט פּאַטאָס. באַלזאַק האָט פאַרגעלייגט אַן אינטערעסאַנטן עקאָנאָמישן פּראָיעקט:

„די צוויי גראַפן מנישעק — האָט ער געשריבן — באַזיצן איינע פון די שענסטע ערד אין דער גאַנצער אימפּעריע, און געפינט זיך, אויף זייער מזל, נעבן דער רוסישער גרענעץ, אַ פינף מייל פון דער שטאָט בראָד. אין בראָד הייבט זיך אָן די גרויסע גאַליציאַנער אייזנבאַן־ליניע, און די ליניע פון קראָקע ביז פאַריז וועט זיין פאַרענדיקט דעם 15־טן פון היינטיקן חודש. אין פראַנקרייך, ווו ס׳ווערט געוואַלדיק פאַרברויכט דעמבנהאָלץ אויף צו לייגן די אייזנבאַן־רעלסן, איז אין איצטיקן מאָמענט כמעט פאַראַן אַ דוחק אין דעמבנהאָלץ. איך ווייס, אַז דער פּרייז אויף דעמבנהאָלץ איז כמעט געטאָפּלט געוואָרן... די דאָזיקע הערן, וואָס פאַרמאָגן צוואַנציק טויזנט מאָרגעס הויכע דעמבן־וועלדער מיט בוי־האָלץ, קאָנען פאַרקויפן זעכציק פוס דעמבן פון צען מעטער די הויך, וואָס וועלן דורכשניטלעך האַלטן אין דיאַמעטער פופצן צאָל, אָנגעהויבן פון שטאַם און צען צאָל אויף דעם אָרט, ווו מען שניידט די קלעצער. מ׳וואָלט באַדאַרפן אויסרעכענען דעם פּרייז, וועלכן מ׳וואָלט געקאָנט געבן דעם אייגנטימער פאַר יעדן בוים, נעמענדיק אין אַכט: 1) דעם טראַנספּאָרט פון בראָד קיין קראָקע (אַכציק מייל) און 2) די פראַכט־הוצאות פאַר דער אייזנבאַן פון קראָקע קיין פאַריז, אַריינגערעכנט אויך דעם דורכפאָר דורכן ריין קיין קעלן און דורך דער עלבע קיין מאַגדעבורג. וואָרום אַזוי ווי אויף די דאָזיקע צוויי טייכן זענען נאָך קיין וויאַדוקט־בריקן נישט פאַראַן, איז

נייטיק דאָס האַלץ איבערצולאָדענען און דאָס איבערלאָדענען אַזעלכע זעכציק טויזנט קלעצער איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן.

„אויב אָבער דער קאָסטן-פרייז זאָל זיין, למשל, צען פראַנק און די פראַכט־הוצאות זאָלן באַטרעפן צוואַנציק פראַנק... וועט אַ קלאָץ אויסמאַכן דרייסיק פראַנק — שטעלט זיך די פראַגע, וויפל עס זענען ווערט אין פּאַריז זעכציק טויזנט שטיק דעמבנהאָלץ פון דרייסיק פוס די לענג. אויב דאָס גיט בלויז צוואַנציק פראַנק ריווח, וועט עס אויסמאַכן אַ מיליאָן צוויי הונדערט טויזנט פראַנק. בכן, ענטפערט מיר אַזוי שנעל ווי מעגלעך. און זאָל מיר סירוויל געבוי אויסרעכענען אַלע פראַכט-אויסגאַבן פון קראָקע קיין פּאַריז, די טראַנזיט־הוצאות און דעם צאָל, אויב ס׳איז אַזעלכער פאַראַן אין פראַנקרייך, אא״וו... איך וועל זיך דאָ דערוויסן, וויפל עס וועט קאָסטן דער טראַנספּאָרט פון בראָד קיין קראָקע און כ׳וועל עס צורעכענען... מען דאַרף זיך גאָרנישט חידושן דערויף, וואָס דאָס דאָזיקע געשעפט איז נאָך לעת־עתה נישט געמאַכט געוואָרן, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די הפקרות און צעלאָזנקייט פון די היגע ערד־באַזיצער. די דאָזיקע מדינה איז ממש אַ מין אייזקאַלטער אַנטילן־אינדזל, ווו די ערד־באַזיצער זענען קרעאָלן, וואָס עקספּלואַטירן זייער ערד מיט דער הילף פון די מוזשיקעס".

ביביקאָוו האָט דעם בריוו איבערגעלייענט צוויי מאָל. עס איז געווען כדאי. קודם־כל האָט מען געקאָנט פשוט שטוינען. באַלזאַק דער שריפטשטעלער דענקט ווי אַן אמתער עקאָנאָמיסט. אויסער דעם, האָט אים געערגערט דער אומדערלאָזבאַרער טאָן אין דער באַשרייבונג פון רוסלאַנד. וואָס שייך די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, געהאַט רעכט, אָבער נישט ער דאַרף זיך פאַרנעמען מיט עקספּאָרטירן מאָרגעס דעמבנהאָלץ פאַר די פראַנצויזישע באַן־רעלסן.

דער ציל פון באַלזאַקס נסיעה האָט געשיינט צו זיין קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן נישט זיין. בכל־אופן, האָט זיך ביביקאָוון אַזוי אויסגעדוכטן. דער גענעראַל האָט געהאַלטן, אַז דאָס הייַנטיקע יאָר איז פאַר אים גאָר־נישט געווען מזלדיק. אדרבא, עס איז אים דווקא געגאַנגען גאַנץ שלימזל־דיק. די שריפטשטעלער זענען אים געפאַלן אויפן קאָפּ ווי אַ קללה. דאָ נישט לאַנג האָט ער געהאַט קאָפּ־פאַרדרייעניש מיט טאַראַס שעווטשענקאָ, און נאָך איצטער נישטערן די זשאַנדאַרן איבער די דערפער אויף צו געפינען זיינע בונטאַרישע לידער.

עס האָט צו דעם אַ סוף גענומען, נישטאָ מער קיין שעווטשענקאָ. און אָט האָט דער טייוול אַהערגעבראַכט דעם דאָזיקן געהיימנישפולן פראַנצויז. דעם אמת געזאָגט, איז מיט אים אסך פשוטער. אינגאַנצן אַן אַנדער ענין, אָבער אַ דעליקאַטער און נישט זייער קיין קלאָרער. נאַטירלעך, האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן קיין בונט, וועגן קיין רעוואָלוציאָנערע אידעען. אָבער אָט דער ראָמאַן פון דער פּוילישער גרעפין מיט באַלזאַקן איז ביביקאָוון לגמרי נישט געפעלן געוואָרן. דער דאַרער גוף פון גענעראַל־גובערנאַטאָר, אין זיין איינפאַכן שוואַרצן מונדיר, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אינעם ברייטן לעדערנעם פאָטעל, הינטער דעם גרויסן שרייב־טיש. ביבי־

קאָוו האָט זיך פאַרטיפט אין זיינע זכרונות. ער האָט געטראַכט וועגן דער האַנסקאַ מיט באַזונדערן פאַרגעניגן. די אָוונטן אין פּעטערבורג און אין אַדעס האָבן ווידער אויפגעלעבט אין זיין זכרון. געוויס, האָט זי פון לאַנג אַרויסגעוויזן אַ שוואַכקייט צו די שריפטשטעלער. אַלעקסאַנדער פּושקין גופא איז געווען אירס אַ גוטער פריינט. איבעריקנס, האָט ער, דוכט זיך, געשאַנקען מער אויפמערקזאַמקייט איר שוועסטער קאַראָלינע. צי האָט ער דען נישט איר געווידמעט אָט די פערזן:

וואָס טויג דיר דען מיין נאָמען,
ער וועט שטאַרבן, ווי אַן אומעטיקער גערויש...

פּושקין!... ער איז שוין פון לאַנג נישטאָ און ווי עס ווייזט אויס, איז שטילער געוואָרן אין פּעטערבורג, און בלויז אין פּעטערבורג? און אין קאַמענקע ביי די דאַווידאָווס, אין אָט דער פינצטערער הייל? איצטער איז עס בלויז אַ דערינערונג, אָבער בשעתו איז עס ממש געווען אַ סכנה פאַר דער אָרדענונג.

די קאָפּיע פון באַלזאַקס בריוו ליגט אויפן טיש פאַר ביביקאָווס אויגן. דער בריוו דערמאָנט אים אין דער רעאַליטעט. פאַרשטענדלעך, אַז דעם פראַנצויזס פּראָיעקטן וועלן בלייבן אויפן פּאַפּיר. קיין איין מאָרגע האָלץ וועט נישט פאַרקויפט ווערן. ניין! ביביקאָווס אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט: אַן אומדערהערטע חוצפה! דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען. קיינמאָל נישט! ער רופט אַריין זיין קאַנצעלאַריע־נאַטשאַלניק און גיט אים איבער אַ פאַראָרדענונג:

„אויף דער טעריטאָריע פון די קיעווער, פּאָדאָלסקער און וואָלינער גובערניעס, וועלכע געפינען זיך אין זיין רשות, איז יעדער פאַרקויף פון געשניטענעם האָלץ פאַרווערט, סיידן מיט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון גענעראַל־גובערנאַטאָר".

די קאָפּיע פון באַלזאַקס בריוו איז, אין אַ פאַרחתמעטן קאָנווערט, אַוועק ווייטער, קיין פּעטערבורג. זי איז אָנגעקומען אין אַן איינגעבונדע־נער פּאַפּקע, מיטן טאָפּל־אָדלער און מיט דער אויפשריפט: „פּריוואַט־קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט, דריטער אָפּטייל", דערויף האָט זיך געפונען אַ נומער און אַ שטעמפּל, און אין דער זייט האָט זיך באַוויזן די צושריפט: „צו וויסן געגעבן זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט".

קאַפּיטל פינף

דער צפונדיקער שטערן

עוולין האָט געהאַט געזען ביי באַלזאַקן, אין פּאַריז, אַ סטאַטועטקע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטען מיט אַ שווערד אין דער האַנט.

די פענצטער פון באַלזאַקס הויז, אויף דער פּאַסי גאַס, האָבן זיך גע־פונען אויף דרום, און מיטאָג־צייט האָט די זון פאַרגאָסן מיט וואַרעמקייט דעם גרויסן שרייב־טיש, דערהיצנדיק די צוואָרפענע מאַנוסקריפּטן און די אויסגעבויגענע פיגור פון נאַפּאָלעאָנען. אויפן בראָנזענעם געשטעל האָט באַלזאַק געהאַט אויפגעקלעפּט צופוסנס פון אימפּעראַטאָר אַ צעטע־לע מיט אַ דרייסטער, אָבער אָפּנהאַרציקער אויפשריפט, און עוולין האָט זיך דערמאָנט די דאָזיקע אויפשריפט. בלויז איין מאָל איז זי געהאַט געווען אין באַלזאַקס אַרבעטס־צימער און בלויז איין מאָל האָט זי געהאַט איבערגעלייענט אָט די ווערטער, אָבער די אויפשריפט האָט איר געהאַט שאָקירט און פאַרוואונדערט אויף אַזוי ווייט, אַז זי האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין איר זכרון. די ליבע, וואָס האָט זיך שוין אָנגע־הויבן ענדערן און פאַרוואַנדלען גיכער אין פּשוטער פאַרערונג, האָט ווי־דער דערוואַכט אויף אַזויפיל, אויף וויפל די גרעפין האָט פאַרטיפט דעם זין פון די ווערטער, וועלכע זענען געווען אויפגעשריבן אויפן שטיקל פּאַפּיר צופוסנס פון נאַפּאָלעאָנען. און אַצינד, אין ווערכאָווניע, נאָך יאָרן, איז ביי איר די דאָזיקע פראַזע אויפגעשווומען און האָט זי באַווירקט אויפצוהענגען איבער באַלזאַקס בעט אַ מיניאַטור פון נאַפּאָלעאָנען. די גרעפין האָט זיך אַפילו געפּליסט איבערצושרייבן די פראַזע מיט איר גלייכער, כמעט מענלעכער, האַנטשריפט. זי האָט געצייכנט יעדעס וואָרט מיט דער פולער רואיקייט, אַריינטראַכטנדיק זיך גלייכצייטיק אין זיי:

„דאָס, וואָס ער האָט נישט פאַרענדיקט מיט דער שווערד, וועל איך דערפילן מיט דער פעדער".

נאָכן פאַרענדיקן, האָט זי די אויפשריפט צוגעשפּילעט צופוסנס פון דער מיניאַטור און גלייך צוריק אַראָפּגענומען. דאָס האָט אויסגעזען שטאַרקער ווי נקמה. עוולין האָט צעריסן דאָס צעטעלע אָן חרטה, אַרויס־געוואָרפן עס דורכן פענצטער, דער ווינט זאָל זיך דערמיט שפּילן.

דער הייליקער אידעאַל פון איר געליבטן — דאָס איז געווען רום, און רום איז געווען עוואַס אידעאַל. בשעת זי האָט געהאַט אין פּאַריז צום ערשטן מאָל זיך פאַרטראַכט איבער אָט דער פראַזע, האָט זיך איר אויס־געוויזן אַריינצודרינגען אין די פאַרבאָרגענע כוונות פון באַלזאַקס נשמה; זי האָט באַגריפן די גרויסקייט און די אומבאַגרענעצטע געוואַגטקייט פון

זיינע שטרעבונגען, זיך דערמיט שטאַרק איבערגענומען, דערשפּירנדיק אין זיי די איינפלוסרייכע קראַפט. אָבער זי האָט עס אויסגעטייטשט אויף איר שטייגער, לויט דער איינשטעלונג פון איר סביבה, וועמענס אינטערעסן עס זענען איר געווען טייערער פון אַלץ. און אָט דערפאַר האָט זי געזען אין דער פּרוכטבאַרער אַרבעט פונעם שרייבער, אין זיינע טויזנטער זייטלעך, באַדעקטע מיט געדרוקטע אותיות, בלויז אַ מיטל צו דערגרייכן דעם ציל. און זי האָט נישט אויסבאַהאַלטן דאָס דאָזיקע געפיל. דעריבער האָט עוולין, מיט אָט דעם אייגנטימלעכן פאַר איר ווידערווילן צו געדרוקטע זאַכן, אויפגענומען מיט ביטול די מענטשלעכע קאָמעדיע — אָט דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון אַ גאַנצער עפּאָכע, מיט אירע קלאַסן, די קאָמפּליצירטע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט און די אַנטוויקלונג פון די סאָציאַלע אינטערעסן. דעם דאָזיקן ביטול האָט באַלזאַק גאַנץ גוט באַמערקט.

אין ערשטן אויגנבליק איז אין דער גרעפינס האַלטונג כלומרשט אַלץ געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך. אָבער אים, וועמען זי האָט פונדעסטוועגן געליבט, האָט זי נישט, ביים סוף פון אירע געפילן, געקאָנט שענקען דאָס, וואָס ס'האָט אים געשטערט צו דערגרייכן אַ מלוכה־קאַריערע. איז עס דאָך געווען נישט קיין אַנדערע ווי זי, וועלכע האָט אים, אין נוישאַטעל, אין אָט דעם רואיקן שווייצאַרישן שטעטל, פאָרגעזען פּרעכטיקע און גלענצנדיקע טיטלען: באַפולמעכטיקטער מיניסטער און אַמבאַסאַדאָר, דעפּוטאַט אין דער פּאַלאַטע, קעניגלעכער בעל־יועץ, און ווען מען וואָלט נאָך דערצו צוגעגעבן דעם רום פון זיינע ווערק, זיין ליטעראַרישע גלאָריע, דעמאָלט וואָלט אפשר דאָס לעצטע געווען נאָך גרעסער, נאָך באַדייטנדיקער.

די אויפשריפט צופוסנס פון נאַפּאָלעאָנס סטאַטועטקע אויף דער שטילער פּאַסי גאַס האָט געהאַט אין זיך אַ מאַגישן באַדייט. באַזונדערס איצטער, ווען עוולין איז געווען פריי; ווען אויפן וועג פון זייער געמיינזאַמען גליק איז נישט פאַרבליבן מער קיין שום פאָרמעלע שטערונגען, אחוץ קליינקייטן, — וואָלט זי געהאַט גענוג כוח און ענערגיע צו דערגרייכן דעם ענדציל; באַזונדערס איצטער, ווען זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין־וחשבון, אַז ער איז ביכולת איר צו פאַרזיכערן מנוחה, חשיבות, כבוד און רייכטום — דאָס לעצטע אין פאַל, ווען די פראַגע וועגן דער ירושה וועט אויפגעהויבן און באַשלאָסן ווערן נעגאַטיוו אין צוזאַמענהאַנג מיט עוולינס אָננעמען די פראַנצויזישע בירגערשאַפט. בשעת מען וואָלט איר געפרעגט, צי זי, עוולין, וואָלט געקאָנט ענדגילטיק זיך אָפּזאָגן פון אַנדערע ליבעס, אָדער צי זי וואָלט געקאָנט באַהויפּטן, אַז איר האַרץ איז פאַרשלאָסן פאַר אַלע אַנדערע, אויסער פאַר אים, וואָלט זי, ענטפערנדיק „יאָ", געזאָגט אַ ליגן. זי האָט זיך דערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט: און ער, וואָס האָט זי פאַרפלייצט, במשך פון אַזויפיל יאָרן, מיט אָן אַ שיעור בריוו, איבערפולטע ביזן ברעג מיט ליבע, צי איז ער דען געבליבן איר געטריי? און נישט בלויז איידער זיי האָבן זיך באַקאַנט, שוין נישט רעדנ־

דיק וועגן דער ערשטער און סאַמע באַדייטנדיקסטער פֿאַרבינדונג מיט לאָרע דע בערני, נאָר אויך שפּעטער, נאָך אָט דעם „קערפּער־בונד״, ווי ער האָט געהאַט אָנגערופֿן די נווישאַטעלער נאַכט, צי איז ער דען נישט געווען פֿאַרבונדן מיט זולמאַ קאַראָ, אַ געוויסער לואיז, וואָס קיינער האָט זי נישט געקאָנט, און קלער ברואי, אַ שריפֿטשטעלערין, מיט וועלכער ער האָט געהאַט אַרומגערייזט איבער איטאַליע, און דער גרעפֿין וויסקאָנטי, און וויפֿל אַנדערע? זי האָט געקאָנט אַלע זיינע געליבטע, איר זענען געווען באַוווסט אַלע זיינע ליידנשאַפֿטן. דאָס אַלץ אים מוחל זיין האָט זי נישט געקאָנט און אויך נישט געוואָלט.

די יונגע יאָרן זענען אַוועק. עס איז נייטיק געווען זיך צו אַנטשליסן אויף עמיצן אין איר אויסוואַל, זאָגן ענדלעך דעם לעצטן „יאָ״ און פֿאַרענדיקן דערמיט.

אַננאַ האָט זיך אויסגעפֿונען אַ מאַן. יורי מנישעק איז געווען רייך, וויל געבוירן, אינטעליגענט. וועגן אַננאַן איז מער נישט געווען וואָס זיך צו זאָרגן. עוולינס מאַן, וואַצלאַוו, רוט שוין זינט זיבן יאָר אונטער אַ מאַרמאָר־שטיין, אין אָט דער זעלבער קאַפּליצע, וווּ זי איז אַצינד געזעסן אויף אַ קאַלטער גראַניט־באַנק, איינגעהילט אין איר פּעלערינע, מיטן טרויעריקן בליק אירן געוואָנדן צום טונקעלן ווינקל, וווּ אַ פֿלעמל פֿון אַ לעמפּעלע האָט באַלויכטן די איקאָנע פֿון דער הייליקער מאַריע.

די הויז־דינער האָבן זי באַמערקט גיין אַהין, באַלזאַק ווייסט דערפֿון, אַננאַ און יורי אויך. בעסער אַזוי. אַלע דאַרפֿן וויסן וועגן דעם אַנטשיידנדיקן און אָנגעזעענעם אָרט, וואָס פֿאַרנעמט אין אירע געדאַנקען דער אָנדענק פֿונעם מאַן, וועלכער האָט, אויסער דעם פֿאַרמעגן, וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף פֿערצן מיליאָן, איר גאָרנישט מיט גאָרנישט נישט געגעבן. דער אונטערשיד אין די יאָרן איז געווען גרויס. איר מאַן איז עלטער געווען פֿון איר מיט 23 יאָר, און חוץ דעם, איז דאָס געווען אַ נישט־פּאַסיק פּאָרפּאָלק: עוולין ־ קאָנסטאַנציאַ, געבוירן זשעוווסקאַ, די נאָכפֿאָלגערין פֿון אַן אוראַלטער קריגס־פֿירערישער דינאַסטיע, האָט נישט געקאָנט זיך גלייכן צו וואַצלאַוו האַנסקין, הויפּט־אַדל פֿון דער וואָלינער גובערניע, וואָס האָט זיך באַרייכערט דורכן האַנדל מיט פּאַראָבקעס. איבעריקנס, ווען זי איז אַלט געווען אַכצן יאָר, האָט זי באַוויזן דערפֿאָלגרייך דורכצופֿירן אַ פּראָצעס און געשלאָסן אַ קאָנטראַקט פֿון „פֿרייער האַרץ־ און קערפּער־אַליאַנס״, ווי ס'האָט עס פֿאַרשריבן דעם 13־טן מאַי 1819, דער וויצע־רעגענט פֿון זשיטאָמירער פּראָווינץ־טריבונאַל, אויגוסטין יאַקובאָווסקי. אין דעם אַקט איז געווען דייטלעך אויסגערעדט: „אַז וואַצלאַוו האַנסקי, הויפּט־אַדל פֿון דער וואָלינער גובערניע, אָרדן־קאַוואַליר פֿון דער הייליקער אַננאַ, פֿון הייליקן וולאַדימיר און פֿון הייליקן יאָהאַן יערוזאַלימסקי, פֿאַרפּליכטעט זיך צו באַשטעטיקן, דורך אַ געריכטלעכן אַקט, עוולין ־ קאָנסטאַנציאַ זשעוווסקאַן, אַ נדן אויף דער סומע פֿון צוויי הונדערט טויזנט זלאָטעס, אחוץ פֿערציק טויזנט אויף אויסשטייער, און, אַז די צוויי הונדערט פֿערציק טויזנט זלאָטעס וועלן געהערן צו עוולין־קאָנ־

סטאַנציאַ האַנסקאַ, געבוירן גרעפין זשעוווסקאַ, ווי אויך, אַז האַנסקי שרייבט איבער אויפן נאָמען פון זיין פרוי די פאָלגנדיקע גיטער: דעם פּולינסקער פריצישן הויף אין דער וואָלינער גובערניע; דעם ווערכאָווניער פריצישן הויף, אין דער קיעווער גובערניע, סקווירסקער קרייז, און דעם גאָרנאָסטייפּאָלסקער פריצישן הויף, אויך אין דער קיעווער גובערניע, ראַדאָמישלצער קרייז. דאָס אַלץ אָן שום באַוואָרעניש, מיטן גאַנצן אינווענטאַר און איינקונפטן, ווי אויך אַלע געלט־סומעס, ווו נאָר עס זענען אַזעלכע פאַראַן און די אַלע סומעס, וועלכע וועלן, מיטן אייבערשטנס הילף, אַריינקומען. אין פאַל, ווען וואַצלאַוו האַנסקי שטאַרבט, גייט דאָס אַלץ איבער צו דער גרעפין עוולין־קאָנסטאַנציאַ זשעוווסקאַ־האַנסקאַ, אין איר פולן רשות און שטענדיקן אייגנטום".

אָבער אין נוישאַטעל, ווען איר מאַן האָט נאָך געלעבט, האָט עוולין געהאַט פייערלעך געשווירן, אַז נאָכן טויט פון וואַצלאַוו האַנסקי, וועט זי זיך פאַרבינדן אויף אייביק מיט אָנאָרע באַלזאַקן.

אין דער דאָזיקער, מיט מאַרמאָר און גראַניט איינגעהילטער, קאַפּליצע, וווּ עס געפינט זיך דער פאַמיליע־קבר פון די האַנסקיס, איז אומהיימלעך און קאַלט. די זון שיינט קוים אַריין דורך דער אָפענער טיר, אָט די שוין קאַרגע און אומעטיקע האַרבסטיקע זון.

די באַנק איז אויסגעהאַקט אין דער וואַנט. אַנגעטון אין שוואַרצן, אומבאַוועגלעך און פאַרטראַכט, זעט עוולין ממש אויס ווי אויסגעשניצט פון מאַרמאָר. בלויז די אויגן אירע בלאַנדזשען איבער דער שטרענגער ריי קברים און די ווייַס אירע ציטערן, כמעט אומבאַמערקבאַר.

אויפן מאַרמאָר־שטיין, האַרט נעבן אירע פיס, געפינען זיך דער הערב און די לעבנס־דאַטעס פון איר מאַן. על אחת כמה וכמה, קען זי זיך פאַרגינען צו באַוויינען אים אַ ווײַלע. זי האָט מיט אים געלעבט, ווי ער וואָלט איר נישט אָנגעגאַנגען, אחוץ וואָס איינמאָל האָבן זיי זיך צעווערטלט צוליב באַלזאַקס בריוו, קיינמאָל האָט גאָרנישט פאַרשאַטנט זייער צוזאַמענלעבן. ער האָט געקאָנט אירע געליבטע און פלעגט אפילו אויפהאַלטן מיט זיי פריינטלעכע באַציאונגען. און ער האָט איר נישט געשטערט צו לעבן אַזוי, ווי זי האָט געוואָלט. ער האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין אירע עסקים, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, ווי ער וואָלט געווען גלייכגילטיק. אָבער עפנטלעך, אויף באַנקעטן, צו גאַסט, בעת זייערע רייזעס אין פּעטערבורג, אָדעס, וואַרשע און אין אויסלאַנד, זענען זיי געווען, אין די אויגן פון פרעמדע מענטשן, אַן אידעאַל, הויכגעשעצט און מוסטערהאַפט פּאָרל, ווי גאָט האָט געבאָטן. כדי צו שאַפן אָט דעם איינדרוק, איז נייטיק געווען פולשטענדיק צו באַהערשן די קונסט פון ליגן. אָבער אין דער דאָזיקער הינזיכט האָבן סיי עוולין און סיי וואַצלאַוו זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן איינער אויפן אַנדערן.

איין איינציק מאָל האָט האַנסקי זיך רעוואָלטירט קעגן אירע קאָקעטישע שטיק: דאָס איז געווען אין אָדעס, בעת פּושקין האָט מיט איר געכאַפּט אַ פלירט. אויף דער ווערענדע פון דער וואָראַנצעווער זומער-דאַטשע

האָט דער שפּרודלדיקער און טעמפּעראַמענטפולער פּאָעט זי געהאַלטן ביי דער האַנט און זי האָט זיך דערמאַנט דעם פּערלמוטערדיקן גלאַנץ פון זיינע ציין און די דרייסטע ווערטער, וועלכע ער האָט איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער. איר האַרץ איז צעגאַנגען ווי אַ שטיק אייז אין אַ פרילינג־שטראָם. פּושקין האָט זי אָנגערופן „אַטאַלאַ". און אין יענער נאַכט האָט זי אים געלאָזט קושן אירע הענט און אירע ליפּן, צוזאָגנדיק אים נאָכמער. אָבער אויפן וועג פון דער זומער־דאַטשע אין שטאָט אַריין, האָט איר האַנסקי, ווי אגב אורחאדיק, אַריינגעוואָרפן עטלעכע שטעך־ווערטער, פון וועלכע זי האָט געמאַכט דעם אויספיר: זי וועט זיך שוין מער קיינמאָל מיט דעם פּאָעט נישט באַגעגענען.

— ער וועט ווערן אַרויסגעשיקט דורך אַ קייזערלעכן באַפעל. עס איז באַקאַנט, אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט אַ קאָנספּיראַטיווער, אַנטימלוכהשער אָרגאַניזאַציע. מיט אים דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק. אין וואָראַנצעוו האָט מען מיר אַלצדינג שטרענג־געהיים איבערגעגעבן.

האַנסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט מער קיין וואָרט נישט געהאַט צוגעגעבן, אָבער זי האָט אים לכתחילה געהאַט געגלייבט, פאַרשטייענדיק, אַז אַזאַ וואָרענונג האָט נישט געקאָנט האָבן אַרויסגערופן בלויז די אייפערזוכט.

דאָס ריינע געוויסן קעגנאיבער דעם צאַר האָט האַנסקי געהיטן שטאַרקער ווי די פאַמיליע־טריישאַפט פון זיין פרוי.

עוולין האָט שוין מער קיינמאָל נישט באַגעגנט פּושקינען, כאָטש דער באַגער זיך צו טרעפן מיט אים איז ביי איר נישט שוואַכער געוואָרן. דער שכל־הישר האָט איר אונטערגעזאָגט: עס וואָלט געווען אַן אומזין, אַז בלויז צוליב אָט דער סיבה, זאָל איר נאָמען ווערן אַריינגעמישט אין די אויספאָרשונגען פון דריטן אָפּטייל פון דער פּריוואַט־קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט. אָבער איר שוועסטער, קאַראָלינע סאַבאַנסקאַיאַ, האָט זיך געהאַט שטאַרק איינגעליבט אינעם דיכטער און געהאַט געוויזן עוולינען די פּערזן, וועלכע ער האָט איר געהאַט געווידמעט. עוולין איז איר נישט מקנא געווען און נישט געווען אייפערזיכטיק.

במשך פון די לאַנגע ווינטער־אָוונטן אין ווערכאָווניע, נאָכן האָבן אויסגעהערט, אונטער דער באַגלייטונג פון דער שניי־זאַווערוכע, איר מאַנס תרעומות קעגן די ליבעראַלן, די טענות קעגן די אומדאַנקבאַרע מוזשיקעס, קעגן די געממזרטע הויף־פאַרוואַלטער — האָט זיך עוולין געהאַט צוריקגעצויגן אין איר סאַלאָן און דאָרט זיך פאַרטיפט אין די ביכער. אין איינעם פון אָט די ווינטער־אָוונטן האָט זי געהאַט געלייענט באַלזאַקס נייע בוך די שאַגרין־לעדער.

עוולינען איז שוין דער אויטאָר געווען באַקאַנט. אירע פּעטערבורגער פריינט האָבן שטאַרק געהאַלטן פון אים, זיי האָבן איבערגעשיקט קיין ווערכאָווניע אַלע זיינע ניי־דערשינענע ביכער. עוולין האָט זיי געלייענט מיט התמדה, נישט דורכלאָזנדיק קיין איין בלעטל, אָבער קיין באַזונדערע

באַגייסטערונג האָבן זיי ביי איר נישט אַרויסגערופן. האַנסקי, אַ קנאַפּער ליבהאָבער פון ביכער, האָט אויך פון צייט צו צייט געלייענט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן דעם געלייענטן. עוו־לין האָט דאָס בוך: די שאַגרין־לעדער איבערגעלייענט צוויי מאָל. עס האָט אויף איר געמאַכט אַזאַ רושם, אַז זי האָט געהאַט באַשלאָסן אָנצושרייבן באַלזאַקן. די גרעפין האָט נישט געגלויבט דאָס דאָזיקע ווערק. זי האָט עס ליידנשאַפטלעך און מיט צאָרן פּאַראורטיילט; און אָט די ליידנשאַפט און אָט דער צאָרן, אויסגעגאָסן אויפן פּאַפּיר דורך אַ פרעמדער האַנט און דיקטירט דורך עוולינען, האָבן געהאַט צוגעצויגן באַלזאַקס אויפמערק־זאַמקייט.

עוולין איז נישט מסכים געווען מיטן מחברס געוואַגטקייט, באַטראַכט זי אַלס אַן אומפאַרשעמטקייט, זי האָט נישט פאַרשטאַנען און אָנגערופן אַלס פאַרברעכן קעגן דער ליבע דעם פאַקט, וואָס באַלזאַק האָט געוואַגט צו באַהויפּטן, אַז ס׳געלט איז די הויפּטזאַך אינעם היינטצייטיקן לעבן און, אַז זיין העלד, ראַפאַעל, איז פאַרנומען נישט בלויז מיטן האַרץ פון אַ וווּנדערבאַר־שיינער פרוי, נאָר אויך מיטן געדאַנק וועגן דעם, צי ער וועט האָבן גענוג געלט אויף צו באַצאָלן פאַרן וואָגן. דער בריוו, גע־חתמעט אַן אויסלענדערין, איז אָנגעקומען צום אַפּנעמער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין באַקאַנט־שאַפט, דערנאָך אין ליבע. דער ענטפער, וואָס איז אָנגעקומען קיין ווער־כאָוניע, איז באַשטאַנען פון צוויי ווערטער, וועלכע האָבן גערימט עוולינען, זי געגרויסט אין די אייגענע אויגן, אויפגעהויבן זי איבער דעם סטעפּישן שנייאיקן חלל: „דער צפונדיקער שטערן״ — אַזוי האָט באַלזאַק זי אָנגערופן. יאָ, זי האָט געגלייבט, אַז פון איר ווייטן אוקראַאינע האָט זי אים איבערגעשיקט קיין פּאַריז, אויף דער פּאָסי גאַס, אַ הימל־בלויען שטראַל. אָט־אָ דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער ראָמאַן, אָט־אָ דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די ליבע גופא.

נעבן קבר פון איר מאַן איז עוולינען לייכט זיך צו דערמאָנען די פאַר־גאַנגענהייט. די געדאַנקען קומען איר פון זיך אַליין דערפאַר, ווייל די קעגנוואָרט פלעגט זיך איבער מיטן עבר; דערפאַר, מחמת דאָ אויף דעם אָרט, צווישן די מאַרמאָר־שטיינער, אין דער קעלט און אין דער פינצ־טערניש, אונטער דעם שווערן שוואַרצן באַלקן, קען זי דערגיין צו דער אמתער התבודדות; שליסלעך דערפאַר, ווייל באַלד, היינט אָוונט אָדער מאָרגן אינדערפרי, בעתן מיטאָג אָדער בעתן פרישטיק, וועט אַננאַ אַ זאָג טון: „מוטער, איר זענט שוין ווידער געווען אין דער קאַפּליצע? פאַרוואָס פייניקט איר זיך?״ און די דאָזיקע פראַגע, אין וועלכער ס׳וועט זיך פילן אַ בולטער מיטלייד, וועט ציען באַלזאַקס אויפמערקזאַמקייט. איבעריקנס, צי נייטיקט זי זיך שטאַרק דערין?

אירע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט, זי באַטראַכט די קאַפּליצע. אַזויפיל ערטער נאָך פאַראַן אין דעם פאַמיליע־קבר! איר פאַרשטאָרבענער מאַן און זיינע אבות האָבן אויך געזאָרגט וועגן די קרובים. די אומגעהיי־

ערע שטילקייט פונעם קבר רופט ביי איר אַרויס פיינלעכע געדאַנקען. אומזיסט איז די האָפענונג צו געפינען דאָ, אין אָט דער איינזאַמקייט, דעם ענטפער דערויף, וואָס איר מאַטערט שוין זינט אייניקע טעג.

עוולין האָט זיך אויפגעהויבן, גאָטספאַרכטיק זיך געצלמט און איז אַרויס פון דער קאַפּליצע, פאַרשליסנדיק הינטער זיך די טיר. נאָך אָט דער קעלט און פייכטקייט פונעם גרוב איז די לופט אין דרויסן געווען אויסער־געוויינלעך דערפרישנדיק. דער האַרבסטיקער פּאַרק איז געווען פאַרגלי־ווערט אין אַן אויסטערלישן דרעמל. דער רעגן האָט אויפגעהערט און אַלץ אַרום האָט זיך איינגעשטילט. נישט ווייט פון דאַנען האָבן אָפּגעהילכט די געשרייען און דאָס פליעסקען פון די קאַטשקעס אין די טייכלעך. פונעם פּאַלוואַרק איז דערגאַנגען אַ פריילעך און איינטאָניק געקלאַפּעריי פון דער דרעשמאַשין. איבערן וועג האָבן זיך געקרייצט די מעכטיקע צווייגן פון די הונדערט־יאָריקע דעמבעס. דער טרוקענער און שאַרסטיקער זאַמד האָט געשורשעט אונטער די פיס. פאַרזונקען אין אירע מחשבות, האָט עוולין געמאַכט נאָך עטלעכע שריט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק, אונטער אַ ברייט־צעצווייגטן דעמב.

פון דער ווייטנס, ביים סוף פונעם וועג, האָט זיך אַנטפּלעקט דער דרומדיקער פליגל פונעם שלאָס. אַנטקעגן די רייען ביימער, נאַקעט גע־וואָרענע דורכן האַרבסט, האָבן די קאָלאָנעס אויסגעזען משונהדיק בלייך. און ווי נאָר עוולין האָט זיך געהאַט אַוועקגעזעצט, אַרונטערוואָרפנדיק פון אירע פּלייצעס די פּעלערינע, איז ווי פון אונטער דר׳ערד אויסגעוואַקסן קעגנאיבער איר קאַרל דער הויף־פאַרוואַלטער מיט די רויטע באַקן. ער האָט איר העפלעך אַ קוש געטון די האַנט, וועלכע זי האָט אים אויסגע־שטרעקט און ער האָט אומגעבעטן זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר, דער־לויבנדיק זיך מעשה־קרוב די דאַזיקע היימישקייט.

עוולין האָט פאַרשנדיק געשוויגן. עס האָט איר געערגערט דאָס פּלוצ־לונגדיקע און אומגייטיקע באַווייזן זיך פונעם פאַרוואַלטער. ער האָט זי באַטראַכט, מן־הצד, פונקט ווי ער וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל, און זיך נישט געאיילט צו פאַרפירן דעם געשפּרעך. ער איז געווען זיכער, אַז די גרעפין וועט זיך נישט אויפשטעלן פון דער באַנק, וועט נישט אַוועק־גיין, נייערט בלייבן זיצן און וואַרטן, ביז ער וועט אָנהייבן רעדן.

— איך האָב שוין פון לאַנג געוואָלט מיט אייך רעדן, פאַני עוולין — האָט ענדלעך אָנגעהויבן קאַרל האַנסקי, ווענדנדיק דעם שאַרפן בליק אויף זיינע הויכע יאַגד־שטיוול, — אָבער איר זענט לעצטנס אַזוי שטאַרק פאַר־נומען, אַז איך וואָג נישט...

— אדרבא, פאַרוואָס דען נישט, פאַן קאַרל...

זי האָט גערעדט פריינטלעך, כדי לייכטער צו מאַכן דעם שמועס, וועלכער האָט געדראָט — זי האָט עס געפילט — צו זיין אַן אומאַנגע־נעמער.

— אָ, ניין, פאַני עוולין, איר זענט באמת פאַרנומען — ער איז צוגע־

שטאַנען און עוולין האָט זיך מער נישט קעגנגעשטעלט. — אָבער איך וואָלט וועקן... איך האַלט עס פאַר אומבאַדינגט נייטיק...

דער פאַרוואַלטער איז, אַפּנים, געווען אויפגערעגט. ער איז אויפגעשטאַנען, באַטראַכט אויפמערקזאַם די פוסטע אַלעע ביים ראַנד, פון וועלכער עס האָבן זיך אויסגעטיילט די איינזאַמע און בלייכע קאָלאָנעס. ער האָט זיך באַרואיקט און צוריק אַוועקגעזעצט.

— איך וואָלט וועקן, פּאַני עוולין, אַז איר זאָלט וויסן אַלץ, וואָס עס קומט פאַר אין אונדזערע גיטער, ביי אונדזערע פּויערים.

— אין מיינע גיטער, ביי מיינע פּויערים — האָט איר געוואָלט זאָגן?

— אַנטשולדיקט, כ'האָב זיך שלעכט אויסגעדריקט, איין גאָט ווייסט עס. איך בין אייך איבערגעגעבן מיט מיין גאַנץ לייב־און־לעבן, כ'בין זיך מקריב געווען ווי פאַר מיין אייגן האָב־און־גוטס, טאָג און נאַכט...

ער האָט זיך שוין אַנגעהויבן פאַרלירן, ער האָט עס פאַרשטאַנען און, אויס מורא, אַז עוולין זאָל זיך נישט אויפהויבן און אַוועקגיין, האָט ער שנעל גענומען פאַרזעצן. אַלע זיינע פון פאַרויס צוגעגרייטע פראַזן זענען אים, ווי פון ווינט, אַוועקגעטראָגן געוואָרן. קאַרל האָט אומבאַהאָלפן ווילד געריסן דעם קנאָפּ פון זיין קורצן יאַגד־רעקל.

— איך הער אייך, פּאַן קאַרל.

זי איז צו אים צוגעשטאַנען, אַפּמעססטנדיק אים מיט אַ קאַלטן בליק.

— גרעפין, קענט איר מיר שענקען עטלעכע מינוט אויף אויסצוהערן מיך, איר האָט דאָך אַוועקגעגעבן אַ גאַנצע שעה פאַר אָט דעם מנוולדיקן האַלפערין פון בערדיטשעוו, שוין אָפּגערעדט וועגן די אַנדערע...

— דאָס איז נישט אייער עסק, הער פאַרוואַלטער!

ער האָט הכנעהדיק געהויבן מיט די אַקסלען.

— הקיצור, די גאַרנאָסטייפּאָלסקער מוזשיקעס צאָלן מער נישט קיין שטייערן, אין פּולינסקער פאָלוואַרק איז פאַראַן אַ דעפיציט, אַ שלעכטע גערעטעניש, און אויך ביי אונדז, אין ווערכאָווניע, גייט נישט אַלץ, ווי ס'באַדאַרף צו זיין אין דער הינזיכט פון די שטייערן — און קאַרל האַנסקי האָט איינגערוימט דער גרעפין אין אויער אַריין — פאַראַבקעס אַנטלויפן פון דאַנען.

— און מיט וואָס־זשע פאַרנעמט זיך דער פּאַן פאַרוואַלטער?

עוולין איז איבערגעגאַנגען אין אַנגריף. ער איז אַוועק אויף אַ גליטשיקן וועג, אָט דער מיאוסער אויסוואורף, דער הולטיי און שיכור, אָט דער טרויעריקער נאָכשלעפּער פון די האַנסקיס. אין איצטיקן מאָמענט האָט ער ביי איר אַרויסגערופן עקל און האָס, זי איז געווען אויף אים מלא רציחה. זי האָט אויפגעהויבן דאָס קול, געביילט די פויסטן און איבערגעחזרט, שוין נישט ווי אַ פראַגע, נאָר ווי אַ פאַרוואורף:

— טאָ וואָס־זשע טוט דער פּאַן פאַרוואַלטער?

קאַרל האַנסקי האָט געשוויגן. עוולין האָט געענטפערט אויף זיין אָרט:

— דער פּאַן פאַרוואַלטער איז פאַרנומען מיט יאַגד, מיט נאָכלויפן די מיידלעך און מיט זויפן. — ער האָט געוואָלט זיך אַנטקעגנשטעלן, אָבער

זי האָט אים מיט אַ דראָענדיקן האַנט־באַוועג איבערגעהאַקט — דער פּאַן פּאַרוואָלטער פּאַרתכלעוועט מיין געלט אין די בערדיטשעווער און סקווי־רער קנייפּיעס, און עס אַרט אים גאַנץ קנאַפּ, וואָס פון מאַיאַנטעק ווערט אַש און בלאָטע. אַך, מיין גאָט! מיין גאָט! פאַרוואָס בין איך אַזוי גע־שטראָפט? פאַרוואָס?

— הערט אויף שפּילן די קאָמעדיע! גענוג!

ער איז געשטאַנען נעבן איר, געביסן זיינע לאַנגע רויטגעלע וואָנ־צעס, האָמעוועדיק קוים זיין צאָרן.

— גענוג! ווי איך זע, קען מען מיט גוטן ביי אייך גאָרנישט פועלן. וואָס איז אייער דאגה, מיט וואָס איך פאַרנעם זיך און וואָס איך טו מיטן געלט? וועמענס איז דאָס געלט, פרעג איך אייך? אייערס? שווייגט! — ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט — דאָס געלט איז נישט אייערס, דאָס געלט געהערט צו מיין ברודער וואַצלאַוו האַנסקי. איך בין זיין יורש. איר הערט? זיין איינציקער און פולבאַרעכטיקטער יורש! יאָ, דערשרעקט זיך נישט. וואַרט צו אַ ווײַלע, לאָזט מיך ענדיקן!

עוולין איז געבליבן פאַרגליווערט אויף דער באַנק. זי האָט אַראָפּגע־לאָזט די אויגן פון איר בלייכן געזיכט. דאָס איז געווען אַ בייזער חלום.

— איך קאָן מער נישט שווייגן, איך קאָן מער נישט! — קאַרל האָט געשריגן און געטופּעט מיט די פיס — צוליב וואָס די דאָזיקע צביעות? וויינען אין דער קאַפּליצע און אויפהאַלטן אין דער זעלבער צייט ביי זיך אַ פראַנצויזישן געליבטן, מאַכן חנדלעך דעם איידעם. און וויפל נאָך זע־נען זיי געווען פריער, די דאָזיקע געליבטע?... איר מיינט, אַז איך ווייס עס נישט? אַז קיינער ווייסט עס נישט? עוולין, זייט פאַרזיכטיק!

ער איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל אָפּלייקענען. עוולינס איין און איינציק וואָרט, און ער איז ווידער גרייט געווען צו שרייען און צו צאָרנען. אָבער עוולין האָט געשוויגן, זי האָט אַביסל צוגעוואַרט.

— וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָט זי ענדלעך געפרעגט, ווען קאַרל האַנסקי האָט געהאַט אויסגעלאָדן דעם גאַנצן כעס און זיך אַנידערגעזעצט אַביסל ווייטער — וואָס ווילט איר אייגנטלעך?

ער האָט גערעדט קלאָרע דיבורים, וויסנדיק, אַז צו כיטרעווען איז שוין געווען צו שפּעט.

— שיקט אַוועק צו אַלדי רוחות דעם דאָזיקן פראַנצויז, נעמט אייך ליבערשט צען, הונדערט, טויזנט ליובאָוויקעס, אָבער זאָגט זיך אָפּ פונעם געדאַנק חתונה צו האָבן. דאָס וועט קיינמאָל נישט געשען, איר הערט? קיינמאָל נישט! וואַצלאַווס געלט וועט בלייבן דאָ. דאָ און נישט ערגעץ אַנדערש.

— דאָס איז אַלץ?

וואָס איז דאָס אַזוינס? זי האָט פראָסט פשוט געמאַכט חוזק פון אים.

— ניין, ס'איז נאָך נישט אַלץ! — ער איז אויפגעשפּרונגען, געשפּיזט אויף איר מיט ביטול — ניין, וואָרט: זייט וויסן, אַז די זשאַנדאַרן

האַלטן אים אויפן אויג. איך ווייס עס פון אַ זיכערער קוועלע. דער בער־דיטשעווער פּאָליצמייסטער האָט עס מיר געזאָגט. דער קייסער אַליין האָט געגעבן דעם באַפעל, זייט וויסן, אַז ער איז אַ געפערלעכער מענטש...

ער האָט געשפּילט די לעצטע קאָרט.

— איר רעדט נאַרישקייטן — האָט עוולין רואיק זיך אָפּגערופן, דורכ־גייענדיק מיט דער האַנט איבער איר ברייטן שטערן — איך חזר איבער: נאַרישקייטן. און איר האָט נישט געהאַט קיין רעכט צו מיר אַזוי צו רעדן. איר האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז קעגנאיבער אייך שטייט די אייגנטימע־ריק, די ווירטין איבער דעם אַלעם — עוולין איז אויפגעשטאַנען און אַ באַוועג געטון אַרום זיך מיט דער האַנט — איר הערט, שליאַכטשיצל האַנסקי, קעגנאיבער אייך שטייט אַ געבוירענע זשעוווסקאַ, אַ נאָכפאָלגערין פון אַ גרויסער און רומפולער אַריסטאָקראַטישער דינאַסטיע, צווישן וועל־כער עס זענען נישט געווען קיין פּאַרוואַלטער, קיין אַדוואָקאַטן, קיין קאַנצעלאַריע־שרייבער, נאָר מיניסטאָרן, קעניגן, אַטאַמאַנען, באַרימטע וואָיעוואָדעס, און מיין מומע ראָזאַליע ליובאָמירסקאַיאַ, אַ פריינדין פון דער קעניגין מאַרי־אַנטואַנעט, איז אומגעקומען אויפן עשאַפאָד. איר האָט וועגן דעם פאַרגעסן, און מ׳האָט באַדאַרפט וועגן דעם געדענקען, אייער ליבלעכער קרוב און מיין מאַן, וואַצלאַוו האַנסקי, האָט עס אויסגעצייכנט און תמיד געדענקט.

עוולין האָט געערעדט געלאָזן און אַ קוים־באַמערקבאַרער ציטער אין איר שטים האָט פאַרראַטן איר אויפרעגונג.

— ווי אַזוי האָט איר געוואָגט, איך פרעג ביי אייך? איך זאָל נאָר אַ ריר טון מיטן פינגער, פאַרשווינדט איר אינגאַנצן פון ווערכאָווניע. איך קען אייך אַזוי אַראָפּזעצן, אַז איר זאָלט דאַרפן גיין מיט אַ טאָרבע איבער די הייזער, צי ווייסט איר עס? איר באַגנבעט מיך אויף אַ נידערטרעכ־טיקן אופן, איר מיסברויכט מיט מיין גוטסקייט.

— אייער זשעגמאַן גייט מיר נאָך אויף טריט און שריט, שפּיאָנירט מיר נאָך. — אָט דאָס איז געווען אַלץ, וואָס דער פאַרוואַלטער האָט אויס־געפונען צו זאָגן אויף צו באַרעכטיקן זיך.

זי האָט קיין שום אַכט נישט געלייגט אויף די דאָזיקע רייד.

— נעמט עס אייך גוט אין זינען אַריין, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, ווי איך זאָל האָבן געהערט פון אייך אַזעלכע אומזיניקע דרשות... דאָס לעצטע מאָל!

זי האָט זיך צומאָל נישט אומגעקוקט אויף אים. זי איז אַוועק פאַזע דער אַלעע, מיט אַ פאַרריסענער נאָז, צו איר קאָפּ נישט צוצוטרעטן; אין דער צייט, וואָס ער איז געבליבן דאָ, אַ דערנידעריקטער, אַ דערשלאָגע־נער. עס איז פון איר נישט געבליבן מער ווי אַ פאַרגעסענע ווייסע הענטש־קע אויף דער באַנק. קאַרל האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אַ כאַפּ געטון די הענטשקע, זיך געפרייט דערמיט, ווי דאָס דאָזיקע וואָלט אים געקאָנט ראַטעווען און ער האָט אָנגעיאָגט עוולינען.

— אייער הענטשקע, פרוי עוולין...

זי האָט גענומען די הענטשקע און צומאָל נישט געדאַנקט.

— גייט צו אַלדי רוחות, איר מיט אַלע אייערע זשעוווסקיס... — ער האָט נאָך געהאַט צוגעגעבן עטלעכע קלינגענדיקע ווערטער, אָבער פאַרזיכטיק, אַז זי זאָל זיי אַמאָל, חלילה, נישט דערהערן.

ער איז אַן אויפגעקאָכטער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד, וואָס איז געשטאַנען נעבן טויער. דער געשלענגלטער קנאַל פון זיין שפּיצרוט האָט אַ שמיץ געטון דעם רוקן פונעם אָגער. ער איז פלעגמאַטיש אַרויפגעקראָכן אויפן זאָטל. די לעדער פונעם זאָטל האָט געסקריפּעט, דאָס פערד האָט ווילד געשלאָגן מיט די קאָפּיטעס, פונעם ציימל איז גערונען אַ געדיכטער שוים. האַנסקי איז מיטן גאַנצן אימפּעט אַריינגעריטן אין הויף אַריין, פאַרטשעפּעט דעם זיידע מוסין, וועלכער איז דאָ געשטאַנען, און אים אומגעוואָרפן. דאָס פערד האָט געצויגן אין אַ זייט, רייסנדיק ביים ציימל, אָבער קאַרל האָט אים אויפגעצוווּנגען אַריבערצוגיין איבער דער ברוסט און דער האַנט פונעם אַלטיטשקן. דער זיידע איז, מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס, מאַכטלאָז געבליבן ליגן אויף דר׳ערד. איבער דעם זיידנס גרייזגרויער באָרד און וואָנצעס זענען גערונען דינע רויטע ריטשקעלעך בלוט. דער פאַרוואַלטער האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד האַרט פאַר דער טיר פון דער שטאַל. ער איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן דעם המון פאַראַבקעס, וואָס איז מיטאַמאָל שטום געבליבן.

די דרעשמאַשין האָט, ווי אויף להכעיס, טויב אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן הויף.

מ׳האָט דעם זיידע מוסין אויפגעהויבן און מ׳האָט אים אויסגעצויגן אויפן שטרוי. וואַסילי איז אַנגעלאָפן. זיינע אויגן האָבן געגליט פון רציחה. ער האָט אַנידערגעקניט, גענומען אָפּווישן מיט אַ פאַרשטויבטער און שמוציקער האַנט דאָס בלוט אויף דער באָרד.

— זיידעשי, זיידעשי! — האָט ער גערופן, אָבער דער אַלטיטשקער האָט געשוויגן, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן...

קאַרל האַנסקי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום המון. זיינע אויגן זענען געווען געוואָנדן אין דער ריכטונג פון די ווייבער, וועלכע האָבן זיך געפונען נעבן דער דרעשמאַשין. דאָס קליינוואַרג, נעבן די סנאָפּעס שטרוי, האָט געשריגן, אין דער מיט פון דער אומבאַגרייפלעכער מהומה. קאַרל האָט זיך ראַפּטעם אויסגעדרייט מיטן פנים צו די מוזשיקעס, וועלכע זענען געשטאַנען אַרום דעם זיידן. ער איז צוגעגאַנגען דירעקט צו זיי, פאַרמעסטנדיק זיך מיט דער נאַהייקע:

— גייט זיך פונאַנדער, הינטישע זין, פּוסט־און־פּאַסניקעס, בראָדיאַגעס! געאַרבעט זאָל ווערן! שמיץ וועט איר אַלע קריגן, איר הערט, וויסטע בהמות וואָס איר זענט!

ער האָט געקוויטשעט, פאַרדעקנדיק מיט זיינע קולות דאָס הודזשען פון דער מאַשין. ער האָט געטופּעט מיט די פיס, געפאָכעט מיט דער שפּיצרוט. די מוזשיקעס זענען געשטאַנען אין אַ האַלב־קרייז. זיי האָבן גע־

קוקט אין דער ווייטער סטעפּ, איבערן קאָפּ זיינעם אַריבער. אין זייער שטילשווייגן איז געלעגן אַ מעכטיקע דראַאונג, און האַנסקי האָט אַראָפּ־געלאָזט די באַהייקע. ער האָט האַסטיק אויסגעדרייט די אַפּצאַסן און איז אַריין צו זיך אין ביורא.

דעם זיידע מוסין האָבן זיי אַוועקגעטראָגן אין פערד־שטאַל אַריין, אַוועקגעלייגט אים אויף אַ פלאַנדעקע, אויסגעטון אים דאָס העמד און באַ־שפּריצט מיט וואַסער דעם ברוסטקאַסטן זיינעם. דאָס אַלץ איז געטון גע־וואָרן אין דער שטיל, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. זיי האָבן צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ און זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. וואַסילי איז אַוועק־געלאָפן צום פריקאַשטשיק יעוומען. יענער איז געשטאַנען נעבן דער דרעשמאַשין, ווי ער וואָלט כלומרשט גאָרנישט געהאַט געזען. וואַסילי האָט אים געבעטן צו בלייבן מיטן זיידן. דער פריקאַשטשיק האָט זיך נישט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן.

— דער רוח זאָל דיך נעמען! טראָג זיך אָפּ!

וואַסילי איז געלאָפן אין איין אָטעם דורך די גערטנער, דורך די סטעפּ־פּעס, פּאָזע די ראָוון אין פּריצישן הויף אַריין, איינחזרנדיק דעם אָנקלאָג קעגן האַנסקין. ער איז, אַ פאַרסאָפּעטער, אַריין אין דער קיך. דער הויף־אויפזעער זשעגמאַן, וועלכער איז אים אַנטקעגן געגאַנגען, האָט אים גע־געבן אַ צייכן, ער זאָל רעדן שטיל.

— צו וועלכע שוואַרצע יאָר ביסטו דאָ אַהערגעקומען? וואָס פאַר־לאַנגסטו?

וואַסילי איז געשטאַנען גלייך פאַרן הויף־אויפזעער, מיט אַ קורצן אָטעם, די הענט אויף דער ברוסט, ווי ער וואָלט וועלן האַמעווען דאָס ווילדע קלאַפּן פונעם האַרץ. זשעגמאַן האָט אים אויסגעהערט. צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— ניין, מ׳קאָן איצט די גרעפין נישט זען. וואָס פאַרא מעשיות דער־ציילסטו מיר? נו, האָט ער געכאַפּט אַ קלאַפּ, דער זיידע מוסי? ער וועט לעבן בלייבן! אמת, ער לעקט נישט קיין האָניג; דער פאַרשטאָרבענער פאַן האַנסקי, עליו השלום, האָט אים אָנגעטון גרעסערע יסורים, ס׳איז גאָרנישט אַזוי לאַנג, און פונדעסטוועגן לעבט ער און שפּילט נאָך גאַנץ שיין אויף דער באַנדורע. זיי נישט פאַרצווייפלט! גיי געזונטערהייט! — ער האָט אַרויסגעשטופּט דעם בחור הינטער דער טיר, און וואַסילי האָט גע־הערט, ווי דער ריגל האָט אַ גרילץ געטון.

וואָס זאָל מען טון? זיינע אַנמעכטיקע הענט זענען אים אַראָפּגעפאַלן. ער איז געבליבן שטיין פאַרשמאַכט פון די יסורים. אַריינגיין צו מאַרינאַן? אפשר וואָלט זי אים געקאָנט העלפן? און ס׳האָט פּאַסירט אַזוי, ווי גאָט אַליין וואָלט אים געוואָלט דערהערט. אויף דער אַנדערער זייט פון דער אייזערנער גראַטע איז פאַרבייגעגאַנגען די גרעפין, באַגלייט דורך עפּעס אַ מאַנצביל.

דערנעענטערנדיק זיך שוין האַרט צו דער גראַטע, האָט וואַסילי דער־קאַנט דעם שררה, וועלכן ער האָט געהאַט באַגעגנט אין דער סטעפּ. ער

האָט מיט האַרצקלאַפּן געעפנט די פורטקע און, ווי גייענדיק מיט באַר־וועסע פיס אויף גלאָז, האָט ער זיך נישט־דרייסט דערנעענטערט צו דער גרעפין. עוולין האָט פאַרזשמורעט די אויגן, מאַכנדיק אַ זויערע מינע. וואָס איז שוין ווידער פאַר אַ געשיכטע? באַלזאַק האָט גלייך דערקאַנט דעם יונגנמאַן. אין בלויזן קאַפּ, דעם קראַגן פון העמד צעכראַסטעט, אין ברייטע לייוונטענע הויזן, איז וואַסילי געשטאַנען פאַר עוולין האַנסקאַ, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין.

ער האָט זיך דריי מאָל פאַרנייגט, טראַכטנדיק, אַז אַזוי וועט בעסער זיין.

מיט אַ ציטערנדיקער שטים האָט ער אַרויסגעזאָגט:

— מיר דאַרפן אייער הילף!

ער האָט זיך מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, ר׳איז געפאַלן אויף די קני, האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ פאַר איר. ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס ס׳האָט פּאַסירט:

— מיין זיידע מוסי איז שוין אוודאי טויט, איר קאָנט אים, גלייב איך. דאָס איז דער, וואָס שפּילט אַזוי שיין אויף דער באַנדורע! — און ביי זיך האָט ער געטראַכט: „ווי אַזוי קאָן די האַרין אַלעמען געדענקען, זי האָט אַזויפיל מוזשיקעס. אָבער אפשר דורך דעם סימן וועט זי זיך אָנ־שטויסן, ווער עס איז דער זיידע מוסי".

באַלזאַק, אַ פאַרוווּנדערטער, איז רואיק געשטאַנען אין אַ זייט.

— עוואַ, וואָס פאַרלאַנגט ער?

עוולין האָט עס אים נישט באַלד אויפגעקלערט. אָבער וואַסילי, דער־הערנדיק דאָס קול פונעם שררה, האָט זיך צוגעשאַרט צו אים אויף די קני, אָנגערירט מיט דער האַנט די זילבערנע שנאַלן פון זיינע שיך. באַל־זאַק האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אין דער וועלט, ער האָט זיך אַראָפּ־געבויגן, אים אויפגעהויבן פאַר די אַקסלען. ער איז געווען אין פאַרלעגנ־הייט, נישט וויסנדיק, וואָס צו טון.

— וואָס וויל ער, עוואַ? — האָט באַלזאַק איבערגעחזרט.

— מיין פאַרוואַלטער, קאַרל, איז באַגאַנגען אַן עוולה קעגן זיין זיידן — האַנסקאַ איז נישט געווען זיכער ביי זיך, צי מ׳דאַרף אַלץ דערציילן און ווייטער נישט פאַרגעזעצט — און דאָס איז אַלץ. און ווענדנדיק זיך דאַן צו וואַסילין, האָט זי געזאָגט: — גיי, איך וועל שוין מיט אים רעדן. און ווען דער זיידע מוסי וועט געזונט ווערן, זאָל ער קומען צו מיר.

זי האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו וואַסילין און דערלאַנגט באַל־זאַקן דעם אָרעם.

וואַסילי האָט זיך אומגעקערט צו דער פורטקע, ווי אַ פאַרבלענדטער, פאַכנדיק מיט זיינע הענט אין דער לופטן.

באַלזאַק האָט אים נאָכגעקוקט. עוולין האָט געקוקט שטראָם אַקעגן זיך אין דער אַנדערער זייט אַלעע, אָבער דאָס ברוינע סימפּאַטישע געזיכט פונעם פּויער איז איר כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן.

וואַסילי איז דורכגעגאַנגען דעם הינטערשטן הויף, ער האָט זיך ווידער געפונען אינעם ראָוו און זיך אַוועקגעזעצט אונטער אַ שטעכלקע. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף זיינע קני און לאַנג געטראַכט וועגן זיינע אומענדלעכע ביטערע יסורים, קייענדיק דערביי אַ שטיקל גראָז, וואָס איז געווען געגוי אַזוי ביטער ווי זיינע יסורים. אין די אויערן האָט אים אָפּגעקלונגען דאָס מעלאַנכאָלישע ליד פונעם שטראָם אונטער די מאָכיקע שטיינער. וואַסילי האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אומזיסט געבעטן שוץ. ווען אפילו די גרעפין זאָל רעדן מיטן פאַרוואַלטער, וועלן זיי תמיד דורכקומען צווישן זיך; זיי זענען דאָך קרובים, יענער וועט בלויז זיין נאָכמער אין כעס און וואַסילי וועט אַצינד נישט וויסן, ווי אַזוי אויסצומיידן אַן אומגליק. און דער זיידע מוסי? וואָס וועט מיט אים זיין? אַ לאַנג און געמוטשעט לעבן האָט עס דער אַלטיטשקער.

„וואָס זאָל איך איצטער טון?" — האָט ער זיך געפרעגט און ער האָט קיין ענטפער נישט געוואָלט געפינען אויף דער פראַגע.

אין ראָוו איז געווען רואיק. אפילו דער ווינט, וואָס האָט דאָ אַריינגעבלאָזן, האָט זיך באַרואיקט און פאַרהאַלטן אין דער נידער אויף דעם פאַרגעלבטן גראָז, די קוסטעס האָבן זיך געשפּילט מיטן שטראָם, וואָס האָט געפּלאָפּלט און געוואָרקעט ווי אַ טייבעלע.

וואַסילי איז לאַנג פאַרבליבן אינעם ראָוו. ערשט דאַן, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט אינגאַנצן אַראָפּגעלאָזן אויפן האָריזאָנט און פאַרשטעקט הינטער אַ נידעריקן וואָלקן, איז ער אויפגעשטאַנען און אַוועק אין פאָלווארק.

דער זיידע מוסי איז שוין מער אין שטאַל נישט געווען. ער האָט געשמאַכט אויף אַ באַנק אין זיין כאַטע, מען האָט אים געהאַט איינגעהילט אין זיין לאַנגן רעקל און ער האָט שטיל געקרעכצט. וואַסילי האָט זיך אַוועקגעזעצט צופוסנס און גערופן: „זיידעניו!". הינטער די פענצטער איז דער בין־השמשות געוואָרן אַלץ געדיכטער.

די געשיכטע מיטן זיידן און מיט האַנסקין איז שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבער אַלע כאַטעס, פון לאַדן צו לאַדן, נישט בלויז לענגאויס דער גאַס, נאָר אויך אין די גרינוואַרג־גערטנדלעך, די נעבעכדיקע ערד־חלקים, באַדעקטע מיט ווילד־גראָז — וואָס אויף אַרויסצורייסן עס, האָרעוועט מען דען נישט זעקס טעג אַ וואָך פאַר די פּריצים? הלוואי זאָל אים דער טייוול פאַרברענען און אָפּבראָטן אין אַ קעסל, אָט דעם רוצח, פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן עד סוף כל הדורות — אויף תמיד און אויף אייביק! אמן. די ווייבער האָבן זיך געצלמט מיט זייערע פינגער, שוואַרצע ווי די ערד, ענלעכע צו פלעקלעך. זיי האָבן מיט די שפּיצן פון זייערע טיכלעך אָפּגעווישט די ליפּן, אויסגעטריקנטע פונעם הונגער און פון די ליידן, און געבעטן מיט התלהבות און התמדה.

קאַרל האַנסקי האָט אין זיידע מוסין געהאַט פאַרגעסן. ער האָט זיך געהאַט פאַרשלאָסן אין זיין פּאַוויליאָן. פאַר אים אויפן טיש איז געשטאַנען אַ קאַראַפקע מיט בראָנפן. ער האָט געטרונקען אַ כוס נאָך אַ כוס, ביז

ער איז געוואָרן טויט־שיכור. ער האָט אַראָפּגענומען פון דער וואַנט אַ פּיסטאָלעט; ווען האָט ער עס דערזען דורכן פענצטער, אַ נישט־גוטן? צי חלומט זיך אים? ניין. גזלנישע אויגן האָבן געלויערט אויף אים אין דער פינצטער, חיהשע ציין האָבן געקריצט. ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אָנגעלאָדן דעם פּיסטאָלעט און אויסגעשאָסן דורכן פענצטער. אָבער די שווידערלעכע, אָפּשפּאָטנדיקע צורה איז נישט פאַרשווינדן געוואָרן. די נאַכט האָט פון קאַרל האַנסקין חוזק געמאַכט. אויס צעיושעטקייט האָט ער אין איין אָטעם אַרייַנגעזשליאָקעט אין זיך די גאַנצע קאַראַפקע. דער בראַנפן האָט אים געברענט אין האַלדז, גערונען איבער דער גאָמבע. אומזיסט האָט דער פאַרוואַלטער יענע נאַכט געוואַרט אויפן שטובמיידל, מאַרינאַ; זי איז נישט געקומען, טראָץ זיינע סטראַשונקעס. דאָס מיידל איז געלעגן הינטער דער טיר פון דער גרעפינס צימער און געוויינט אין קישן אַריין, כדי מ׳זאָל נישט הערן איר כליפּען. זי האָט אַראָפּגעשלונגען אירע טרערן, אָבער זיי זענען כסדר גערונען, גערונען ווי אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל וואָלט געריזלט פון ערגעץ־ווו, אין דער טיפעניש פון איר האַרץ. די גרעפין איז היינט געווען אומגעהויער נידערטרעכטיק. די גרעפין האָט זי געקנייפּט אַן אַ פאַרוואָס. דערנאָך האָט זי איר געוואָרפן אַ שטעקשוך אין פּנים אַריין און זי האָט איר לאַנג און אומאויפהער געפּאַטשט.

דער ווערכאָווניער שלאָס שלאָפט איינגעהילט אין דער האַרבסטיקער נאַכט. די לבנה־שיין האָט באַלויכטן די טונקעלע, ברייטע און הויכע פענצטער. בלויז אין איינעם פון די פענצטער, אויפן צווייטן שטאָק פון רעכטן פליגל, ברענט ליכט און שלאָגט אָפּ אַ לאַנגן לויכטנדיקן פּאַס אויף די בלומען־קוישן, ווי אויך אויפן פינצטערן פּאַרק. באַלזאַק שלאָפט נישט היינטיקע נאַכט. אונטער זיין שאַרפער און פליסיקער פעדער ווערט געבוירן דער סיוזשעט פון אַ נייער פּיעסע: דער ציגיינער־פּרינץ. די בריוו פון די קרעדיטאָרן ליגן נעבן אים. פון צייט צו צייט כאַפּט ער אויף זיי אַ זייטיקן בליק. אַן אייביקער געדאַנק פּלאָגט אים, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, חזרט ער איבער אויפן קול:

— וואָס־זשע טוט מען? אין פּאַריז גלייבט מען נישט, אַז דער שריפטשטעלער פאַרדינט גאַנץ ווייניק געלט.

נאָך אָט די ווערטער אָבער גייט די אַרבעט נישט בעסער. דער אָפּגעלאָפענער טאָג שטייט אים נאָך אַלץ פאַר די אויגן. ער זעט נאָך אַלץ אָט דעם שיינעם יונגנמאַנטשיק, וואָס קניט פאַר זיינע פיס. אַ שווידערלעך בילד!... ער וואַרפט אַוועק די פעדער און לויפט אַריין אין זיין צימער. דעם שטערן קעגן דער שויב, קוקט ער אין דער נאַכט אַריין; ער זעט גאָרנישט, אָבער דאָס אויג געווינט זיך צו ביסלעכווייז צו דער פינצטערניש. איבעריקנס, זעט ער נישט פיל מערער, נייערט ער שטויסט זיך בלויז אָן: דאָרטן, הינטערן פּאַרק און דער סטעפּ, געפינען זיך אַ צוויי הונדערט הייזלעך, פינצטערע קברים מיט קאַנטיקע דעכער, וויפל נפשות, נשמות — דאָ ציילט מען זיי ווי נשמות, אַזוי זיך, אויפן שטיק. די פינגער זיינע האָבן

נערוועז געריסן דאָס זיידענע העמד. ער האָט אָפּגעריסן די קנעפּלעך. אַ לייכטן זעץ אין מאַרמאָרנעם פענצטער־אָנלען.

ער דערמאָנט זיך נאָך עפּעס אַנדערש. ער איז געגאַנגען צו דער גרעפין. קולות, וואָס זענען געקומען פון איר צימער, האָבן אים פאַרהאַלטן. דורך דער אָפענער טיר האָט ער געזען עוולינען, מיט אַ פאַרקרומט פּנים פון רציחה. מיט די פויסטן האָט זי געשלאָגן איבערן געזיכט, איבערן קאָפּ דאָס שטובמיידל, מאַרינאַ. באַלזאַק איז אַנטלאָפן צו זיך אין צימער, דאָ אַהער. און אַצינד, אין דער נאַכט, אין דער לאַנגער האַרבסט־נאַכט, אין אַ פרעמד לאַנד, און באַזונדערס איינער אַליין מיט זיינע געדאַנקען — אָט דאָס איז דאָס סאַמע ערגסטע! אַנטלויפן, ווו די אויגן וועלן אים טראָגן, אויף דער פאַרטיגע גאַס, צו זיינע ביכער, צו זיין שרייב־טיש — דאָרט, ווו עס זידט נאָך אפשר דער געגאַרטער און נייטיקער לעבנס־קוואַל פון רוח־הקודש. און ער דערזעט אויפן בראָנזענעם געשטעל די טונקעלע סטאַטועטקע פונעם אימפּעראַטאָר און דאָס צעטעלע מיט דער אויפשריפט: „דאָס, וואָס ער האָט נישט פאַרענדיקט מיט דער שווערד, וועל איך דער־פילן מיט דער פעדער". אָבער דאָס איז געווען אין פּאַריז און דאָרט האָט מען נישט געגלייבט די שריפטשטעלער, וואָס פאַרדינען ווייניק. אין אַ צושטאַנד פון אַנמעכטיקייט און פון רציחה, פון האָפענונגסלאָזיקייט — האָט ער מיט זיינע שטייפע און נערוועזע פינגער אַראָפּגעריסן פון זיך דאָס זיידענע העמד און געקלאַפּט זיך אין דער ברייטער ברוסט אַריין.

און פון הימל האָט דער פרעמדער און וויַיטער צפונדיקער שטערן אים אַראָפּגעשיקט זיין ליכט.

קאַפּיטל זעקס

קנעכטשאַפט

די לעצטע טעג פונעם גאָלדיקן האַרבסט זענען אַוועקגעפלויגן מיטן גרויען פליגל פונעם אומעטיקן באַטשאַן און זענען אַנטרונען געוואָרן ערגעץ אויף יענער זייט האָריזאָנט. פון דער סטעפּ האָבן געבלאָזן שאַרפע און בייסיקע ווינטן. די וואָלקנס האָבן האַלב פאַרדעקט דעם הימל און די זון האָט געבלאָנדזשעט ערגעץ־ווו הינטער זיי. די ביימער, געגליכענע צו יתומים, האָבן יאָמערלעך געטרייסלט די צווייגן ביים באַגעגענען דעם באַגינען. די פרימאָרגנס זענען געווען גרויע, פאַרכמורעטע און פינצטערע.

אַ דינער אייז־שיכט האָט באַדעקט די געדיכטע זומפּן. קיין שום סימן נאָך פון שניי, אָבער די קעלטן זענען שוין געקומען פון צפון, אומברחמנות־דיקע און האַרבע, און די מחנות שוואַרצע קראָען האָבן אָנגעזאָגט זייער

אָנקומען. אַזוי איז אַוועק דער האַרבסט און ס׳האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער.

און דעם ערשטן פראָסט, דעם ערשטן זילבערדיקן אויסשפּרייט אויף די סטעפּעס, האָט באַלזאַק באַמערקט דורכן פענצטער, ערב זיין אָפּפאָר קיין קיעוו. ער האָט געהאַט אַ געוויסן באַגריף וועגן שווערן צפון־ווינטער. ער האָט אים שוין געהאַט געשפּירט אין יענע חדשים, בעת ער האָט אַמאָל געהאַט פאַרבראַכט אין פּעטערבורג. נאָכדעם האָט ער געמוזט ליגן צו בעט ערגעץ אין אַ דרעזדענער נעבעכדיק האָטעלכל אויף צו היילן זיך די בראָנכן; ער איז דאַן שיער ניט געשטאָרבן פון יענעם הוסט, וואָס האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. בשעתו, אין דרעזדען, איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז ס׳וועט אים נאָך אויסקומען וווען נישט איז דאָ אַהערצוקומען. ווייזט אויס, אַז דער ווינטער האָט אים נישט אָפּגעשראָקן. אין שאַנק איז געהאָנגען אַ לאַנגע שובע געפוטערט מיט פוקסן־פעל, אַ הויך ביבערן היטל און עס איז אויך געשטאַנען אַ פּאָר באַקוועמע שטיוול. באַלזאַק האָט רואיק געקענט אַנטקעגנגיין די שניידיקע רוסישע קעלטן.

בייטאָג איז דער הימל געווען אַ לויטערער. פון די לייכטע פרעסט־לעך איז קיין סימן נישט געבליבן, אָבער די זון האָט שוין נישט געוואַרעמט און דיביימער האָבן זיך האָפענונגסלאָז און אומעטיק געטרייסלט. אין שלאָס איז געווען שטיל און רואיק. אַננאַ און מנישעק זענען געהאַט אַוועקגעפאָרן באַלד אינדערפרי קיין קיעוו. עוולין האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין אין די נאָענטסטע טעג. זי האָט עס געהאַט אָנגעזאָגט באַלזאַקן:

— אָנאָרע, אין קיעוו וועט מען דאַרפן אָפּשטאַטן אַ וויזיט ביים גובערנאַטאָר, דערפון זענען אָפּהענגיק אַסך זאַכן!

ער האָט געהאַט פאַרשטאַנען. אָבער די דאָזיקע ווערטער זענען נישט געווען אויסצודריקן אַלץ, וואָס עוולין האָט געטראַכט. איבעריקנס, האָט ער נישט געהאַט קיין באַמערקונגען צו מאַכן. פאָר קיין קיעוו! דאָס רוים פון צפון וועט זיך אַנטפּלעקן אין דער גאַנצער פּראַכט פאַר זיינע אויגן און אפשר וועלן דערזען די ליכטיקע שיין זיינע בריוו פון קיעוו, וועלכע מ׳האָט שוין אַזוי לאַנג דערוואַרט אין פּאַריז. דעם אמת געזאָגט, אָבער, שטעלט ער זיך נישט פאָר, וואָס פאַראַ בריוו דאָס קענען זיין. וועגן וואָס שרייבן?

נישט ווילנדיק האָט ער געמוזט אָנערקענען, אַז ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַ לייכטער אַנטוישונג. ער האָט שפּאַצירט איבער די שטעגן פונעם פּאַרק, די פאַרטראַכטע אויגן זיינע געוואָנדן אין דער גרויער ווייט פונעם האַרבסטיקן טאָג. אַ רייטער אויף אַ פערד האָט זיך דערנעענטערט צום פּאַרק. באַלזאַק האָט דערקענט קאַרל האַנסקיס פיגור. דער הויף־אויפזעער זשעגמאָן האָט זיך באַוויזן, ווי פון אונטער דר׳ערד, געלאָפן צו דער פורטקע און זי געעפנט. דער פאַרוואַלטער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, פלעגמאַטיש אַראָפּגעשפּרונגען אויף דר׳ערד און געוואָרפן די לייצעס דעם הויף־אויפזעער. אונטערהייבנדיק די הויכע פוראַזשקע איבער זיין פליכעוואַטן קאָפּ, האָט ער זיך דערנעענטערט צו באַלזאַקן. אַ געשפּרעך צווישן

ביידן איז געווען אומפּאַרמיידלעך. באַלזאַק האָט אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און, בייז אויף זיך אַליין, האָט ער אים צוריק אָנגעטון. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט. קאַרל האַנסקי איז שוין געווען נעבן אים. זיין שווייסיקע האַנט האָט איבערגעלאָזן אַן אומאָנגענעמע פייכטקייט אויף באַלזאַקס טרוקענער הויט. נישט זשעניִרנדיק זיך, האָט ער אָפּגעווישט די האַנט אין דער פּאָלע פון זיין רעקל. קאַרל האָט אים גענומען פאַרן אָרעם און אים אויסגעדרייט כמעט מיט כוח אין דער ריכטונג פון דער אַלעע, וואָס איז געלעגן באַרג־אַראָפּ פונעם פּאַרק. עטלעכע רגעס זענען זיי געגאַנגען, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט. אין דער הייך איבער זיי האָבן טרוקענע בלעטער גערוישט. אַן אַלטע קראָ, דעם קאָפּ אונטערן פליגל, האָט געדרעמלט אין גראָז.

— איר האָט אַ פּרעכטיקן האַרבסט — האָט באַלזאַק אַ זאָג געטון, האַלטנדיק, אַז ס׳איז שוין געווען צייט אָנצוהייבן דעם געשפּרעך.

— יאָ! — האָט האַנסקי לעבהאַפט אונטערגעהאַלטן — אַזאַ האַרבסט איז נישט פאַראַן אויף דער גאַנצער וועלט, הער באַלזאַק.

באַלזאַק האָט נישט געענטפערט. דער שמועס האָט זיך אויסגעלאָשן ווי אַ קליין פייערל דורך אַ בלאָז פונעם ווינט. קאַרל האַנסקי האָט אָנגעהויבן זיך צו באַאומרואיקן, אַז דער אויסלענדער זאָל זיך אים אַמאָל נישט אַרויסגליטשן פון די הענט. אַ גליקלעכער צופאַל האָט זיי דאָ ביידן צונויפגעפירט אין אַ מיטן העלן טאָג. ער האָט ענדלעך געהאַט די געלעגנהייט אים צו זאָגן אויג־אויף־אויג דאָס, פון וואָס עס זענען געווען אָפּהענגיק זייער פיל זאַכן.

— איך דערלויב זיך אייך איינצולאַדן... איך וועל זיין אויסערגעוויינלעך צופרידן, ווען איר וועט באַזוכן דאָס באַשיידענע הייזל פון אַן איינזאַמען יעגער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער אַלעע און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ סטעזשקע, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט געדיכטע אַגרעס־קוסטעס. ביים סוף פון דער סטעזשקע, נעבן סטאַוו, איז געשטאַנען אַן איין־שטאָקיקע ווילע.

— אָט איז מיין שטילער האָפן, הער באַלזאַק, מיין מקום־מקלט, און איך גלייב, אַז איר וועט מיר נישט אָפּזאָגן...

באַלזאַק האָט זיך געבייט צו שמייכלען. כאָטש ער איז געווען נישט שטאַרק איבערצייגט, האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, איינגייענדיק אויפן פאַרוואַלטערס פאָרשלאָג, און האָט דער ערשטער איבערגעשריטן די סטעזשקע. קאַרל האַנסקי איז אים נאָכגעגאַנגען, אַראָפּהאַקנדיק מיט דער שפּיצרוט אַגרעס־בלעטער. ער האָט געוואָרפן פאַראַכטנדיקע בליקן אויף באַלזאַקס פעטן קאַרק. בייסנדיק די ליפּן, איז דער פראַנצויז געגאַנגען פּאַמעלעך, פרוּוונדיק זיך אָנצושטויסן וועגן וואָס דער פאַרוואַלטער וועט מיט אים רעדן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דעם סטאַוו. פונעם וואַסער האָט זיך געשפּירט אַ פאַרדומפּענער ריח. אייניקע יעגער־הינט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון די אויבערשטע טרעפּ אויף צו באַגעגענען די שפּאַ־

ציר־גייער. זייער געבילעריי האָט איבערגעריסן די מוראַדיקע שטילקייט. די הינט האָבן מיט פרייד אויפגענומען זייער באַלעבאָס. האַנסקי האָט זיי מיטן פוס אָפּגעשטויסן און זיי האָבן זיך, דערשראָקענע, אָוועקגערוקט אין אַ זייט. איינער בלויז, אַ ווייסע צויג מיט געלע פלעקן און מיט לאַנגע אויערן, האָט זיך אויסגעצויגן ביי זיינע פיס ווי אַ פאַרזינדיקטע און גע־לעקט מיט איר לאַנגער צונג זיינע פאַרשטויבטע שטיוול. האַנסקי, אַן אויפגערעגטער, האָט איר אַ שמיץ געטון מיט זיין נאַהייקע און די צויג איז, מיט אַ געוואַי, אַוועקגעקראָכן אַביסל ווייטער. באַלזאַקן איז אַדורך אַ שוידער איבערן לייב.

— פאַרוואָס טוט איר דאָס ?

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און זיך אַראָפּגעבויגן צו דער צויג. זי האָט פיבערדיק געציטערט. די קורצע סאַמעטענע האָר האָבן זיך גע־האָרכזאַם געלייגט אונטער די פינגער.

— איך פאַרטראָג נישט די שטיק — האָט דער פאַרוואַלטער אַ זאָג געטון, ווי צו באַרעכטיקן זיך — מען דאַרף זיי צוגעוווינען צו שטרענג־קייט. יעגעריי — דאָס איז אַ קאָמפּליצירטע און שווערע קונסט. מיר דוכט זיך, אַז שריפטשטעלער זענען אויך יעגער ?

— איר זענט גערעכט — האָט באַלזאַק באַשטעטיקט, אָבער נישט פולשטענדיק אַלנפאַלס.

— כ'וועל נישט וואַגן זיך צו שפּאַרן מיט אייך — האָט דער פאַר־וואַלטער פאַרגעזעצט — נאָר מיר דוכט זיך...

ער האָט קיין אַנדערע ווערטער נישט געפונען. זיין צונג האָט זיך נאָכמער פאַרפּלאָנטערט. כדי אויסצומיידן דאָס אַריינלאָזן זיך אין אַן אומ-אַנגענעמען שמועס, האָט ער אַ פייף געטון און די הינט זענען זיך ווידער צוזאַמענגעלאָפן אַרום אים. ער האָט זיי געוויזן די נאַהייקע, אַנגעשפּיגן אויף איר און זי אַ וואָרף געטון ווייט אין די קוסטעס. די הינט האָבן זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט, ווי דער ווינט וואָלט זיי געוועזן געטריבן. האַנסקי האָט זיי צערייצט און אונטערגעיאָגט מיט אַ באַפעלערישן און שטרענגן אויסגעשריי :

— כאַפּ ! כאַפּ ! שנעל ! שנעל !

און די זעלבע ווייסע צויג, וועמען ער האָט אַקאָרשט געהאַט צע־שלאָגן, האָט אים צוריקגעבראַכט די נאַהייקע צווישן די ציין, אַנקוקנדיק אים מיט אונטערטעניקע, אייביק־טרייע אויגן, ווי עמיצער, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט און געבעטן מחילה.

— אין צימער אַריין ! — האָט האַנסקי אַ באַפעל געטון און די צויג האָט געפאָלגט.

טראָגנדיק די נאַהייקע צווישן די ציין, איז זי געלאָפן צום הויז, אַרויף די טרעפּ און פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר.

— דאָס איז די סאַמע קלוגסטע פון זיי אַלע — האָט זיך האַנסקי גע־רימט.

— טאָ פאַרוואָס־זשע שלאָגט איר זי ?

— מען דאַרף שלאָגן די קלוגע, הער באַלזאַק — האָט דער פּאַרוואַל־טער מיט איבערצייגונג געענטפערט — טאָמער שלאָגט מען זיי נישט, פאַרגעסן זיי באַלד זייער פּלאַץ און הייבן זיך אָן גרויס צו האַלטן.

די דאָזיקע באַמערקונג איז זיכער נישט געמאַכט געוואָרן בנוגע דעם הונט. דער פּאַרוואַלטער האָט זיך דאָ דערלויבט אויף אַ נישט־פּאַסיקער אַנצוהערעניש. באַלזאַק האָט זיך אָפּגעווישט דעם שטערן מיטן נאָזטיכל און אַראָפּגענומען אַ שפּין פון זיין אַרבל. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער שמועס איז נישט געגאַנגען, ווי עס געהערט צו זיין.

— מיר דוכט זיך, אַז איר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן ?

דער פּאַרוואַלטער איז געווען דערשטוינט : באַלזאַק איז גאָר אַריבער אין אַנגריף. דערויף האָט ער זיך נישט געריכט.

— איר זענט זיך גאַרנישט טועה — האָט האַנסקי געענטפערט מיט דער גאַנצער דזשענטלמענישקייט, אויף וועלכער ער איז פעאיק געווען. — — איך מיין אָבער, אַז אונדז וועט זיין באַקוועמער צו רעדן אין מיין סאַלאָן.

— ס׳איז אָנגענעמער אויף דער פרישער לופט.

— ווי איר ווילט. לאָמיר זיך אַוועקזעצן.

דער פּאַרוואַלטער האָט געמאַכט אַ שריט צו דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביים ברעג פון סטאַוו.

— איך דאַנק אייך זייער. איך איל זיך און כ׳וועל אייך אויסהערן שטייענדיקערהייט.

דאָס האָט שוין האַנסקין אַרויסגעבראַכט פון די כלים. מען קען מיי־נען, אַז דער דאָזיקער אַנגעפּרעסענער פראַנצויז טוט אים גאָר אַ טובה. דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך. איבעריקנס, וועט ער אים באַלד נעמען אויפן צימבל, טאַקע באַלד.

— גוט, איך פאַרשטיי ! איר זענט שטאַרק פאַרנומען, איר האָט דרינ-גענדיקע געשעפטן. איר גרייט זיך צו פאָרן מיט מיין שוועגערין קיין קיעוו.

באַלזאַק האָט לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דער פּאַרוואַלטער האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ שרעקלעכן עקל. קאַרל האַנסקי איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט. הויכנדיק זיין מיטשמועסער גלייך אין פּנים אַריין, האָט ער אים אין איין אָטעם געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געטראַכט, נישט רעכע־נענדיק זיך מיט קיין ווערטער און אויך נישט מיט קיין העפלעכקייט.

די רחבותדיקייט פון בלויען הימל האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם שטילן סטאַוו. אין די טיפע וואַסערן האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט די וואָלקנס, וועלכע האָבן זיי פאַרטונקלט. קאַטשקעס האָבן געפּילדערט אויפן שיפל, וואָס איז געווען צוגעבונדן ביים ברעג ; פאַרגעלבטע ווערבע־בלע־טער זענען ווערטיקאַל אַראָפּגעפאַלן אויפן וואַסער. קיין מינדסט ווינטל האָט נישט געווייעט. מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, דעם שטעקן פעסט צוגעדריקט אונטערן אָרעם, האָט באַלזאַק געהאַלטן דעם קאָפּ אויס־געבויגן אין אַ זייט און זיך צוגעהערט. זיינע אויגן זענען כלומרשט געווען

פאַרנומען מיט דער איבערנאַטירלעכער אומבאַוועגלעכקייט פונעם וואַסער, אָבער זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט.

— איך טייל אייך מיט גאַנץ פריינטלעך — האָט האַנסקי פאָרגעזעצט, ווייכער מאַכנדיק די שטים — און אַבסאָלוט קאָנפידענציעל, אַז מען באַציט זיך צו אייך מיט אַ געוויסן פאַרדאַכט, מען גייט אייך נאָך. איר זענט אונטער פּאָליציייאישער אויפזיכט און פאַר אייך וואָלט בעסער געווען וואָס גיכער פון דאַנען אַוועקצופאָרן. איך וויל נישט זאָגן קיין נביאות, נאָר פאַר אייך וואָלט בעסער געווען..., אַז איר זאָלט גלייך אַוועקפאָרן.

האַנסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אייביק מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן האָבן דורכדרינגלעך געפאָרשט באַלזאַקס געזיכט. אין אָט דעם געזיכט האָט זיך קיין שום מוסקל נישט באַוויגן. באַלזאַק האָט פונאַנדערגענומען די הענט און פעסט אָנגעכאַפּט דעם שטעקן, וועלכן ער האָט אויפגעהויבן איבער האַנסקיס קאָפּ, קוקנדיק אים גלייך אין פּנים אַריין. האַנסקי האָט זיך שנעל אָפּגערוקט אין אַ זייט. באַלזאַק האָט זיך האַרציק צעשמייכלט און אַ פעסטן זעץ געטון מיטן שטעקן איבער דער באַנק. מיט דער לינקער האַנט האָט ער אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און זיך דערווייטערט פונעם צעטומלטן פּאַרוואַלטער, נישט אויסרעדנדיק קיין איין וואָרט און נישט אויסדרייענדיק זיך צומאָל. אַ לינד ווינטל האָט אים צעשויבערט זיינע לאַנגע, געדיכטע האָר. פון דער האַרבסטיקער ערד האָט אים געשלאָגן אין פּנים אַריין ביטערע און אומבאַקאַנטע ריחות. דאָס, וועגן וועלכן ער איז זיך פריער משער געווען, האָט זיך איצט באַשטעטיקט.

דער פּאַרוואַלטער האָט געשאָלטן אויפן קול, געסטראַשעט מיט דער פויסט און איז אַריין צו זיך אין פּאַוויליאָן.

עוולין האָט וועגן דעם דאָזיקן געשפּרעך גאָרנישט נישט געוווסט. באַלזאַק איז אַריין צו איר ערשט נאָך דער אויסטערלישער באַגעגעניש מיטן פּאַרוואַלטער. די אומעטיקע מאַרינאַ איז געזעסן אין פאָדערצימער. דערזעענדיק באַלזאַקן, האָט זיך מאַרינאַ אויפגעשטעלט, ווי זי וואָלט וועלן אים עפּעס דערציילן. זייענדיק פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, האָט ער אָבער נישט באַמערקט דאָס מיידל, און זי האָט זיך צוריק אומגעקערט אויף איר אָרט, אינעם פינצטערן ווינקל, צווישןביידע קאָלאָנעס. זי איז דאָרט געבליבן שטיין שטום און אומבאַוועגלעך, נישט וואַגנדיק צו מאַכן אַ שריט. מאַרינאַס געדאַנק איז געווען קאָנצענטרירט דערויף, הלמאי דער דאָזיקער געשפּרעך מיטן פּריץ, אויף וועלכן זי האָט געהאַט געלייגט גרויסע האָפענונגען, איז נישט צושטאַנד געקומען. איר האַרץ האָט איר פונדעסטוועגן געזאָגט, אַז אָט דער אורח וואָלט איר געהאָלפן, ער וואָלט געוויס פאַר איר זיך משתדל געוועןביים פּאַרוואַלטער אָדער גערעדט מיט דער גרעפין גופא. און איין איינציק וואָרט וואָלט געקענט ענדערן דעם גורל פון זיידע מוסין און פון וואַסילין... מאַרינאַ האָט צוגעלייגט אַן אויער אונטערצוהערן זיך, וואָס עס קומט פאַר הינטער דער טיר. פון צימער איז צו איר דערגאַנגען אַ לייכט געלעכטער, באַלד דערנאָך האָט זיך

די טיר אויפגעפּראַלט און עוולין מיט באַלזאַקן זענען נעבן איר פאַרביי־געגאַנגען.

זי איז אַזוי שטיין געבליבן עטלעכע מינוט, אַפּוואַרטנדיק, אַז זייערע טריט זאָלן זיך איינשטילן ביים סוף פון לאַנגן קאָרידאָר און דערנאָך איז זי אַוועקגעלאָפן צו דער דינערשאַפט. די הויז־דינער האָבן אַרומגערינגלט דאָס שטובמיידל. קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אָבער זי האָט אין זייערע אויגן געלייענט דעם מיטלייד לגבי איר פאַר־ביטערונג. בלויז די אַלטע קעכין מאַטאַווייליכאַ האָט מיט די האַרטע פינ־גער אַנגערירט איר געלבלעכע גאַמבע און פאַרצווייפלט צוגעשאָקלט מיט איר גרויען קאָפּ.

— דער פאַרשאָלטענער! וויבאַלד ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, וועט ער עס האַלטן.

אַלע האָבן געוווּסט, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם פּאַרוואַלטער קאַרל, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט וועגן דעם טראַכטן.

— באַבעשי, טאָמער וועט מיך רופן דער הויף־פאַרוואַלטער, זאָג אים, אַז דו האָסט מיך אַוועקגעשיקט... — האָט זיך מאַרינאַ ביי איר געבעטן, קוקנדיק דער קעכין אין די אויגן אַריין.

— גיי, טעכטערל, גיי...

מאַרינאַ איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון דער קיך, פאַרהאַלטנדיק זיך אַ ווײַלע ביים אַרויסגאַנג. מיט אַ גיכן בליק האָט זי באַטראַכט דעם הויף־פּוסט. שטילערהייט איז זי שנעל אַראָפּ די טרעפּ און, שאַרכנדיק מיטן אונ־טערקליידל, איז זי פאַרשוווּנדן אין די קוסטעס, הינטער די הייזלעך פון דער דינערשאַפט.

וואַסילי איז געזעסן אין טאָל, הינטער דעם פּריצישן פּאַרק. ער האָט געוואַרט, לויט ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, נעבן דער סאַזשלקע, אונטער דער ווערבע. מאַרינאַ איז געווען פאַרשפּעטיקט. און אפשר וועט זי בכלל נישט קומען?

נאָר אָט האָבן זיך גענומען ברעכן די טרוקענע צווייגן, ס'האָט זיך געדוכט, ווי דער טאָל וואָלט אויפגעלעבט און גערעדט אויף זיין סודות־פולער, היימישער שפּראַך. מיט אַן אָפן מויל און אַוועקמאַכנדיק די צווייגן, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי איר יופּקע, איז מאַרינאַ אים אַקעגנגע־גאַנגען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים אויף אַ שטיין און אַנגעלענט דעם קאָפּ אויף זיינע פאַרלייגטע הענט, שווייגנדיק געקוקט אים אין די אויגן אַריין. און ער, ווי ער וואָלט זי געזען צום ערשטן מאָל, האָט זיך אַ רוק געטון אויף הינטן, פאַרגעסן אין אַלעם, באַוווּנדערט איר שיינקייט, וואָס איז פאַרפינצטערט געוואָרן צוליב זיין אייגענעם אומגליק.

אָבער די בראָך איז געווען נאָענט, און ער האָט נישט געקאָנט אויס־מיידן די האַרבע רדיפות. און נישט זיינע ליפּן, נאָר דאָס האַרץ האָט געפרעגט:

— דו האָסט מיט אים גערעדט?

זי האָט לאַנגזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין, און ער האָט גע־ענטפערט אויף איר אָרט:

— ניין! — און ער האָט אומעטיק צוגעגעבן: — ס'איז נישט בייטיק. אַלץ איינס, פאַר זיי איז אונדזער אומגליק ווי דער ווינט — ער גייט אַדורך און פאַרשווינדט. ס'איז אַרויסגעוואָרפן די רייד. בעט נישט גאָר־נישט.

מאַרינאַ האָט געשוויגן. וויפל מעת־לעתן עס זענען פאַר איר אַדורך אין איציקן מאָמענט! איר האַרץ איז געווען ווי אַ גלאָק. פּיין און יאוש האָבן דאָרט כסדר געשלאָגן אַליאַרם, ווי אויפצושטורעמען די גאַנצע וועלט, אירע געפילן און אירע קרעפטן. זיצנדיק אַקעגנאיבער איר, די פּיס פאַרלייגט אונטער זיך, האָט ער באַרירט מיט זיינע פינגער די אַראָפּגע־פאַלענע בלעטער און דערביי געזוכט עפּעס מיט די אויגן איבער מאַרי־נאַס קאָפּ אַריבער, אויף יענער זייט פון די נידעריקע קוסטעס, בעת דער שלעכטער גורל האָט אים אַרומגערינגלט, געעגבערט זיין געקרייזלטן קאָפּ. מאַרינאַ האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן, זי האָט אויסגעשטרעקט די הענט, אַריינגענומען אין זיי דעם קאָפּ פונעם געליבטן.

ער האָט זיך נישט קעגנגעשטעלט, ער האָט צוגעוואַרט ביז די צערט־לעכקייט וועט זיך שטילן און ווען מאַרינאַ האָט זיך געהאַט באַרואיקט, האָט ער פאַרגעזעצט:

— בעט נישט גאָרנישט, דו וועסט ביי זיי גאָרנישט פועלן. די פּריי־צים זענען טויב, מאַרינאַ. דעם זיידן האָט ער אָוועקגעלייגט און מיך וועט ער אָוועקשיקן צו די זעלנער. אַזוי האָט ער געזאָגט און אַזוי וועט ער טון. אוי!... — ער האָט פאַרצווייפלט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און האָט נישט פאַרענדיקט.

דאָס האַרבע וואָרט איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, נאָר אין דער פאַרשטעלונג האָט ער זיך שוין אויסגעמאָלט די שווידערלעכע רע־קרוטשינע, דאָס שטרענגע מושטירן, די שטראָף־ריטער און אויך, דער זיידע מוסי האָט עס אים געהאַט דערציילט, פאַרן מינדסטן חטא — דאָס טרייבן דורך סטראָי...*). ער האָט פאַרגלייזט די אויגן, זיך איינגעהויִ־קערט, גלייך אויף זיין רוקן, זיינע פּלייצעס, זיין קאַרק וואָלטן זיך שוין אַראָפּגעלאָזן הונדערטער שפּיצרוטן, רייסנדיק שטיקער פון זיין לייב.

און מאַרינאַן איז באַפאַלן אַן אַנגסט. איר שרעק פאַרן נסיון פון וואָ־סילין האָט זי דערדריקט נאָכמער ווי אַלעמאָל. זיי זענען לאַנג געזעסן נעבן דער סאַזשלקע, אונטער די ווערבעס, און פיינלעך געשוויגן. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי זענען ביידע נישט פעאיק געווען אַרויסצורעדן אַ וואָרט, און, שוין האָט זיך די זון באַהאַלטן הינטער די וועלדער און דער טאָג איז אָוועקגעשוווּמען ווי אַ שיף, אַנבלאָזנדיק די ריזיקע זעגלען

*) דאָס טרייבן דורך סטראָי — אַ דיסציפּלינאַרע שטראָף, וואָס איז באַשטאַנען אין מאַכן דעם באַשטראָפטן דורכגיין צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן, באַוואָפנטע מיט ריטער אָדער שטעקנס. — **באַמ. פון איב.**

פון די מעכטיקע וואָלקנס, פאַרגייענדיק זיך צום פורפור-רויטן, באַוועגלעכן האָריזאָנט, וואָס פאַרנעמט זיך אויף זיין געוויינלעכער רייזע.

— ס׳איז צייט צו גיין — האָט מאַרינאַ אַ זאָג געטון, אויפהויבנדיק זיך. — מ׳וועט זיך זיכער פרעגן נאָך מיר, און די באַלעבאָסטע איז לעצטנס ביטער ווי גאַל. אַ ליאַדע וואָס, שלאָגט זי מיך מכות רצח.

— גיי, מאַרינאַ.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און דערנעענטערט צו איר, ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט אירע ליפּן אַזוי שטאַרק, אַז אויף אַ ווײַלע זענען דער פּיין און דער יאוש פאַרשוווּנדן אין תהום פון פאַרגעסנהייט.

מאַרינאַ האָט אים לאַנגזאַם און צערטלעך אָפּגעשטויסן, און ער, ווידער אַ פאַראומערטער, האָט אַ זאָג געטון:

— ווען נישט מיין זיידע, וואָלט איך אַוועק פון דאַנען. כ׳וואָלט אַוועק, ווו די אויגן וואָלטן מיך געטראָגן.

— און איך? — האָט זי, מיט פאַרוואורף, אַ פרעג געטון.

— בכל־אופן וועט מען אונדז צעשיידן. אויב שפּילט ער זיך מיט דיר, וועל איך מיך הענגען, אָדער כ׳וועל אים דערהרגענען.

דאָס לעצטע וואָרט האָט אים אָנגעפּולט מיט אַ פרישן און אומבאַקאַנטן צאָרן. אַ טויבע מאַכט פון נקמה האָט זיך דערוועקט אין אים.

מאַרינאַ האָט זיך, אַ דערשראָקענע, אָפּגערוקט:

— וואָס האָסטו געזאָגט?

— נאָר אַזוי און נישט אַנדערש.

— שווייג!

זי האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין מויל, אָבער דער דאָזיקער פאַרברעכערישער געדאַנק האָט זיי ביידן באַהערשט: „דערהרגענען אָט דעם פאַרהאַסטן פאַרוואַלטער, און דערנאָך...״ — זי האָט נישט געוואַגט פאַרצווזעצן, אָבער וואַסילי, ווייזט אויס, האָט זיך אָנגעשטויסן:

— און אַז די גרעפין זאָל אויך פילן דעם טעם — ער האָט שווער אָפּגעזיפּצט און פאַרגעזעצט מיט ברען: — דאָס האָט שוין אַמאָל פאַסירט... אונדזערע אור־עלטערן, אונדזערע זיידעס האָבן געשלאָגן די פּריצים. דאָס איז די איינציקע טרייסט, מאַרינאַ, ווי עס זינגט זיך אין די לידער. הלוואי וואָלטן מיר איצטער געהאַט אַ מאַקסים פּערעבינאָס אָדער אַן אַטאַמאַן כמיעל...

— שווייג!

זי האָט נישט געהאַט גענוי פאַרשטאַנען, נאָר אינסטינקטיוו האָט זי געהאַט אויפגעכאַפּט אין זיינע ווערטער אַן אַליאַרמירנדיקן רוף.

— שווייג! קום מאָרגן, אין דער זעלבער צייט, כ׳וועל דאָ וואַרטן אויף דיר.

זי איז אַוועק פון אים דורך די באַוואַקסענע שטעגלעך, ווו די צווייגן פון די קוסטעס האָבן איר פאַרטשעפּעט דאָס אונטערקליידל, גלייך זיי וואָלטן נישט וועלן זי אַוועקלאָזן פון דאַנען.

וואַסילי האָט איר נאָכגעקוקט אַזוי לאַנג, ביז מאַרינאַס ווייס טיכל איז פאַרשוווּנדן צווישן דיביימער. דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק מיט פּאַמעלעכע טריט אין דער ריכטונג פונעם דאָרף.

האַרט נעבן טאָל, אַקעגן די ווינטן און שלעכטן וועטער, זענען אין דער רחבותדיקער סטעפּ געוועזן צעזייט און צעשפּרייט די גרויע ווער־כאָווניער כאַטקעס, בלינצלענדיק די קורצזיכטיקע לאָדנס פון זייערע פענצטערלעך. דער קירכן־גלאָק האָט זיך אויפגעהויבן איבער די שוואַר־צע דעכער, אין הינטערגרונט פון די הויך־צעוואַקסענע טאָפּאָל־ביימער. ביים ראַנד פונעם וועג, אויפן קאַנטיקן דאַך פון לעצטן הייזל, האָט זיך אַרויסגעזעצן אַ פּאַרוואָרלאָזטע באַטשאַן־נעסט. אַ דורכזיכטיקער רויך, כמעט אַן אומבאַמערקבאַר׳ער, האָט געשוועבט איבערן דאַך. דאָ אַהער האָט זיך וואַסילי פאַרקליבן. ער איז אַריבער מיט איין פוס איבער אַ קלאָץ און געבליבן אַ ווײַלע שטיין, דעם בליק געוואַנדן אַהין צו דער פינצטערער געוועלבונג פונעם וואַלד.

אַ וואָלקן שטויב, אויפגעהויבן דורכן ווינט, האָט זיך געקייקלט אויפן גראָז צום ראַנד פונעם וואַלד. „דעם דאָזיקן וואַלד האָט דער פּאָלקאָווניק מאַקסים פּערעבינאָס, זיכער, גוט געקענט". ער איז אַריבערגעקראָכן מיטן אַנדערן פוס איבערן קלאָץ און אַריין אין דער כאַטע. דעם זיידע מוסין האָט ער נישט געטראָפן, נישט אויף דער באַנק און נישט אויפן פּיעקעליק. אויך דער אַלקער איז געווען ליידיק. ווו איז דער זיידע אַהינגעקומען? וואַ־סילי איז אַרויס פון דער כאַטע. זייער שכן מאַווראַדי, אַ מאַן שוין אין די יאָרן, מיט אַ קרענקלעך געזיכט, האָט אים באַגריסט דורך די שטאַכעטן:

— דו זוכסט דעם זיידן? מ׳האָט אים גערופן אין פּאַלאַץ אַריין מיט זיין באַנדורע צו פאַרווײַלן עמעצן. אין פּאַלאַץ גופא, דאָס איז אַלץ...

וואַסילי האָט געשוויגן. מאַווראַדי האָט זיך פאַרהוסט, איינגעבויגן ביז צו דער ערד, אָנכאַפּנדיק די לופט מיט די פינגער. ווי נאָר ס׳איז אים בעסער געוואָרן, האָט ער זיך דערנעענטערט צו דער פּאַליסאַדע, אויף וועלכער ער האָט זיך אָנגעלענט מיט זיינע צעלעכערטע עלנבויגנס, און סודותפול אַ זאָג געטון:

— מ׳זאָגט, אַז די באַלעבאָסטע אונדזערע פאָרט אַוועק קיין פראַנק־רייך, האָסט עפּעס געהערט וועגן דעם?

— כ׳האָב גאָרנישט געהערט, פעטערל — האָט וואַסילי נישט גערן געענטפערט.

— דו וואָלסט באַדאַרפט פרעגן ביי מאַרינאַן, וואָלסטו...

— יאָ, יאָ, פעטערל.

וואַסילי האָט זיך דערווייטערט פון די שטאַכעטן.

און מאַווראַדי איז נאָך לאַנג דאָ געבליבן שטיין, קוקנדיק פאַרטראַכט אויפן שכנס כאַטע. דער בין־השמשות האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן אויפן דאָרף, דער הימל האָט געבלויט; ערגעץ־ווו, אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָבן קי געמעקעט, הינט האָבן געבילט. מאַווראַדי איז די גאַנצע

צייט געשטאַנען פאַרטראַכט נעבן די שטאַכעטן. ער האָט אויפגעציטערט, ווי נאָר עס האָבן אויסגעשאָסן, איבערן פריצישן פּאַרק, איינע נאָך דער אַנדערער, פאַרטויבנדיקע ראַקעטעס און ווען אין דער בלויער הימל־טיי־פעניש האָבן אַ פינקל געטון וווּנדערלעך־שטראַלנדיקע פייער־צייכנס. דער דאָזיקער האַרמידער האָט כסדר אָנגעהאַלטן, דער הימל איבערן פריצישן שלאָס האָט געקאָכט און געזידט מיט בלישטשענדיקע צייכנס, און די ווערכאָווניער פויערים האָבן, פון זייערע הייף, לאַנג באַוווּנדערט אָט די מערקווירדיקע פאַרוויילונג פון די באַלעבאַטים.

אין שלאָס איז געווען פריילעך און לוסטיק. אויפן וועג קיין בראָד האָבן זיך דער פרינץ קאַניעצפּאָלסקי מיט דער פרוי און שוועסטער אָפּגע־שטעלט ביי דער גרעפין האַנסקאַ, וועלכע האָט לכבוד די זייער חשובע געסט איינגעאָרדנט אַ באַל. דער הויף־אויפזעער זשעגמאַן מיט דער גאַנצער דינערשאַפט האָבן זיך פאַרנומען מיטן פייערווערק. דורכן פענצ־טער פון זיין פּאַוויליאָן האָט זיך דער פאַרוואַלטער קאַרל צוגעקוקט צו דער פייער־שפּיל. אים האָט מען אויף דער פאַרוויילונג נישט איינגעלאַדן.

אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט אין דעם גאָלד־בלאַנקענדיקן זאַל, וואָס איז געווען העל באַלויכטן דורך די הויכע קאַנדעליאַבערעס און די קאַר־סעל־לאַמפּן. דער פרינץ קאַניעצפּאָלסקי איז געגאַנגען הין און צוריק, גע־אַרעמט מיט באַלזאַקן. די דאַמען — די פרוי און די שוועסטער פון פרינץ — האָבן זיך אונטערגעהאַלטן מיט עוולינען. זי האָט זיך באַקלאָגט:

— בלויז דער טרויער נאָך מיין פאַרשטאָרבענעם מאַן האַלט מיך דאָ צוריק, אין ווערכאָווניע, ווי אין מאַנאַסטיר. הער באַלזאַק האָט מיך, דאַנ־קען גאָט, אַביסל צעשטרייט, אָבער ער אַרבעט די גאַנצע צייט. איר פאַר־שטייט, ער שרייבט פון באַגינען ביז אויף צומאָרגנס, אַ גאַנצן מעת־לעת נאָכאַנאַנד. איך האָב אים קוים באַוויזן איבערצוצייגן, אַז ער זאָל פאַרן קיין קיעוו אָפּצוטעמען אַביסל. און פאַרשטייענדיק דעם באַדייט פון אירע ווערטער, האָט זי, ווי אגב־אורחאדיק, צוגעגעבן:

— דער גובערנאַטאָר פונדוקלעי האָט אים געשריבן און בעט אים אומבאַדינגט צו קומען קיין קיעוו, צו באַקענען זיך מיט די פאַרערער פון זיין טאַלאַנט.

עוולין האָט געזאָגט אמת. בייטאָג איז געהאַט אָנגעקומען אַ בריוו פון גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַסך גאַסטפריינטלעכקייט. באַלזאַקן האָט עס פאַרשאַפט פאַרגעניגן, און נישט בלויז אים. די שיינע און צעפּיעשטשעטע פרינצעסין זאָשאַ קאַניעצפּאָלסקאַ האָט עוולינען אויסגעהערט מיט אַסך אינטערעס און איז געווען אַביסל אייפערזיכטיק אויף איר. עוולין האָט באמת געהאַט מזל. געוויס, האָט באַלזאַק אויסער־לעך נישט געגלאַנצט, אָבער זיין רום, זיין נאָמען, די ראָמאַנטישקייט... פון פאַרדרוס האָט די פרינצעסין אפילו געטופּעט מיט איר פיסעלע, אויף וועלכן זי האָט געטראָגן אַ פיין גאָלדן פאַנטאָפעלע. דעם פרינצס שוועס־טער — די פרינצעסין דאָנוטאַ — אַ דאַרע און אַ מיאוסע, איז געזעסן

אין אַ פאַטעל, באַמבלענדיק איר פלאַכן בוזעם. זי האָט זיך זייער שלעכט געפילט אין אַזאַ געזעלשאַפט. נישט באַלזאַק, נישט עוואַ האָבן איר איינ־טערעסירט. נישט פינטלענדיק מיט קיין אויג, האָט זי געקוקט אויף אַ דערוויטערטער נישע, וווּ עס איז געשטאַנען, אויסגעהאַקט פון ווייסן מאַרמאָר, דער ביוסט פון וואַצלאַוו האַנסקי, וועמען זי האָט געהאַט פער־זענלעך געקאָנט און וועלכער איז פאַר איר געווען עפּעס מער ווי אַן איינ־פאַכער באַקאַנטער. וועד ווייסט, צי ווען נישט אָט די שיינע זשעוווסקאַ, וואָלט די פרינצעסין דאַגוטאַ אפשר נישט פאַרבליבן קיין אַלטע מויד?

די פרינצעסין זאַשאַ האָט זיך בגנבה צוגעבויגן צו עוולינען און אַריינגעשעפּטשעט איר אין אויער:

— מ׳זאָגט, אַז דו גייסט חתונה האָבן מיט באַלזאַקן?

עוולין האָט אויף איר דערשטוינט אַ קוק געטון:

— גייט שוין, גייט, דאָס זאָגן בייזע צינגער! ניין, ניין.

די פרינצעסין איז שוין גרייט געווען עס צו גלייבן, איז אויב אַזוי... אויב אַזוי, זי האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן איר געדאַנק. באַלזאַק און איר מאַן האָבן זיך פאַרהאַלטן נעבן די דאַמען. זיי האָבן זיך אַוועק־געזעצט און באַלזאַק האָט באַדאַרפט זיך אונטערהאַלטן מיטביידע פרינ־צעסינס, בעת קאַניעצפּאָלסקי האָט געבאַטשקעט, נישט אָן אַ געוויסער צופרידנהייט, מיט עוולינען. דער שמועס איז געפלאָסן פריילעך און אומ־געצוווּנגען, און באַלזאַק האָט גיך געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע צוהערער. ער האָט בילדעריש און מיט ענטוזיאַזם דערציילט וועגן די פּאַריזער סאַלאָנען, וועגן זייער לוקסוס און גלאַנץ, אָבער ווען ער האָט, נישט־ווילנדיק, אָנגעהויבן רעדן מיט נאָכמער ברען וועגן זיין אַרבעט, איז די תחילתדיקע אויפמערקזאַמקייט פאַרשוווּנדן. די געסט האָבן אים אויסגעהערט בלויז אויס העפלעכקייט. עוולין האָט נערוועז געביסן די ליפּן. באַלזאַק האָט באַמערקט איר בליק און ר׳האָט פאַרשטאַנען. ער האָט געשמייכלט, איבעררייסנדיק דאָס דערציילן. עוולין האָט אַ צי גע־טון דאָס גלעקל.

זשעגמאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל.

— מיינע הערן! — אַ חנעוודיק שמייכעלע אויף עוולינס ליפּן, און באַלד זענען אַלע ווידער געוואָרן גוט געשטימט. — איך וואָלט אייך איצ־טער וועלן ווייזן אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט. אגב, מ׳סיע באַלזאַק, האָט איר אים נאָך אויך קיינמאָל נישט געהערט. ס׳איז באמת פענאָמע־נאַל! — און שוין אַן דעם פריערדיקן שמייכל האָט זי אַ זאָג געטון צו זשעגמאַנען:

— רופט אים אַריין!

— צו אייער באַפעל, מאַדאַם!

זשעגמאַן איז באַלד צוריק אַריין אין סאַלאָן מיטן פּאַטערל מוסי. דער אַלטיטשקער האָט זיך זייער טיף פאַרנייגט און פאַרזשמורעט די אויגן קעגן דער בלענדנדיקער ליכט, צו וועלכער ער איז נישט געווינט געווען.

אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן די באַנדורע און אין דער לינקער — אַ פּראָסטע פידל, וואָס ער אַליין האָט געהאַט אויסגעאַרבעט. די געסט האָבן, אויס באַרעמהאַרציקייט, געשמייכלט. באַלזאַק האָט מיט אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג אַריבערגעוואָרפן איבערן שטערן אַ פּאַסמע האָר. ער האָט דערקאַנט דעם אַלטן פורמאַן און געגעבן צו אים אַ פריינטלעכן שאָקל מיטן קאָפּ.

— זיידעשי! — האָט עוולין גוטמוטיק אַ זאָג געטון — שפּיל אונדז צוערשט אויף דער פידל, און דערנאָך אויף אָט דעם — זי האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף דער באַנדורע.

— צו אייער באַפעל, עקסעלענץ!

דער זיידע מוסי האָט זיך ווידער אַמאָל פאַרנייגט. זשעגמאַן האָט אים צוגערוקט אַ שטול און איז אַרויס אויף די שפּיץ־פינגער. דער זקן האָט אַוועקגעלייגט די באַנדורע אויף דער שטול. ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט (מיט זיין ברייטן ווייסן העמד, זיינע הויזן, זיין גרייז־גרויער באָרד — איז ער ענלעך געווען צו אַ העלד פון אַ מעשהלע). באַלזאַקן האָט אַ טיאַכקע געטון אין האַרצן.

פאַר זיינע אַראָפּגעלאָזטע וויעס האָבן פאַרבייגעשוועבט די אומענדלעכע סטעפּ, אירע חרובע וועגן, די זילבערדיקע און פרייע מחנות באַטשאַנען אין דער לופטן, די געדיכטע ווערבעס ביים ברעג פון דניעפּער־סלאַוואָטאַ און דאָס באַצויבערנדיקע כאָרטיץ און די געפערלעכע שנעלשטראָמען, דאַן איז פאַר אים געשטאַנען די מוטער־סעטש ווי אַ פעלדז, און פלוצלונג האָט אים עמעצער מיט אַ בייטש אַ שמיץ געטון איבער די זייטן, אַ ברי געטון, אומגעוואָרפן און געקאָפּעט מיט די פיס, און אַרום איז געווען אַ תוהו ובוהו, אַ פאַרוואָרלאָזטקייט, ווו בלויז דער רעגן האָט געוויינט און דער ווינט האָט געיאָמערט. און שוין זענען זיינע ביטערע און האָפענונגסלאָזע מחשבות, נישט אָפּגעבנדיק זיך אפילו קיין דין־וחשבון, גערונען פון די סטרונעס, און האַלטנדיק פעסט די פידל צווישן דער גאָמבע און דעם אַקסל, האָט ער גענונגען וועגן דער קנעכטשאַפט.

און מיטאַמאָל איז אַלץ אַרום אַנטרונען געוואָרן, פונקט ווי די ערד וואָלט געווען האָבן איינגעשלונגען דעם שלאָס מיט אירע איינוווינער. דער אַלטער האָט געשפּילט, די געהאָרכזאַמע סטרונעס האָבן געכליפּעט, אָט דאָס שטילע געוויין איז אַריינגעדרונגען צו באַלזאַקן אין האַרצן מיט אַן אומדערטרעגלעכן ווייטיק. פאַרגעסנדיק אַלע איידעלע מאַנירן, די געסט און די גאַנצע וועלט, האָט ער פעסט געהאַלטן די הענט אויף זיין ברוסט, כדי איינצושטילן דאָס ווילדע קלאַפּן פון זיין קראַנק און אַנגסטפול האַרץ; זיינע אויגן האָבן זיך פאַרכמורעט, זיין שטערן איז בלייך געוואָרן, זיינע פולע ליפּן זענען פאַרטריקנט געוואָרן צוליב אַ ליידנשאַפטלעכן דאָרשט, וועלכן קיינער איז נישט אימשטאַנד געווען צו לעשן. מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זענען די געסט געזעסן, פאַרזונקענע אין זייערע מחשבות. און בלויז דער אַלטער איז שטיין געבליבן אויף דר׳ערד, די

זייטן האָבן אים געשטאָכן, דאָס האַרץ זיינס איז געווען פאַרקלעמט, אין קאָפּ האָט אים געראַוישט; דער זיידע מוסי האָט געכאַפּט שמיץ מיט דער נאַהייקע, מ'האָט אים געקאָפּעט מיט די פיס, און די אוקראַאינישע סטעפּעס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אין דער אומענדלעכקייט, און די נעכט זענען צו יעטוועדער פּלאַג געווען טויב פונקט ווי די פּריצים, און פונקט ווי די פּריצים האָבן די שטערן געפינקלט ווייט פון די ליידן; די לבנה האָט צו די צרות געלויכטן קאַלט און גלייכגילטיק פונקט ווי די פּריצים, און בלויז דער האַרבסטיקער רעגן האָט געוויינט און דער ווינט האָט געיאָמערט.

און דער יאוש האָט געפּלייצט, ווי דער טייך, ביז איבער די ברעגעס — אַ יאוש אַ טיפער פונקט ווי דאָס טייכגעלעגער פון אַלטן דניעפּער.

און דאָס דאָזיקע שפּילן אויף דער פידל פון אַלטיטשקן פויערל האָט אין באַלזאַקן געמאַכט אויפלעבן די נישט־פאַרגעסענע פאַרגאַנגענהייט: דאָס ווייטע פּאַריז, זיין קלאָגעדיקע פּאַציאַטע, אין וועלכער ער האָט אָנגעשריבן די נישטיקע זייטלעך פון זיינע ערשטע עסייען; עס האָבן אויפגעלעבט אין אים די הונדערטער אומפאַרגעסלעכע דערשעפּטע געזיכטער פון די הינטערשטאָטישע תושבים, די טעמפּע געהאַרכזאַמקייט פון די ווערכאָווניער קנעכט, די ריזיקע סטעפּעס, און די געמיינע עזותקייט פון די אַרומיקע פּריצים, און זיך אַליין צווישן זיי, אַביסל אַ פרעמדער, אַביסל אַ דערווייטערטער. באַלזאַק האָט מער נישט געקאָנט זיך באַהערשן און געוויינט. די טרערן האָבן געריזלט פון זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן איבער די באַקן, אַרופגערונען אויף זיינע וואָנצן, און ער האָט אַראָפּגעשלונגען די טרערן פון עגמת־נפש.

אַלץ איז פאַרשוווּנדן פון זיין זכרון, און ווען דער זיידע מוסי האָט געהאַט פאַרענדיקט און בעת די געסט האָבן אַפּלאָדירט, וואָרפנדיק דערביי פאַרחידושטע בליקן אויף באַלזאַקן, האָט דער שריפטשטעלער, זייענדיק נאָך אין צושטאַנד פון השתפכות־הנפש, זיך אַ האַסטיקן הויב אויף געטון פון זיין שטול, צוגעלאָפן צום אַלטיטשקן און אָנגעהויבן אים צו קושן אין שטערן, אין זיינע באַקן, דריקנדיק אים פעסט אין זיינע אָרעמס. דערנאָך, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, איז ער אַרויסגעלאָפן פון סאַלאָן, ווי אַ בחורל פון אַכצן יאָר, איבערלאָזנדיק דאָרט אַלע געסט. אָבער אפילו אין זיין אַרבעטס־צימער האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט זיך באַרואיקט, כאָטש דער שכל-הישר האָט אים געזאָגט, אַז זיין אויפפירונג איז געווען אַן אומבאַרעכנטע.

און אין סאַלאָן האָט די דאָזיקע סומאַטאָכע פאַראורזאַכט אַ הייסן וויכוח מכּוח באַלזאַקס אויסערגעוויינלעכער פילבאַרקייט. דער זיידע מוסי האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס. זשעגמאַן האָט אים דערלויבט אַהיימצוגיין. דער אַלטער איז געגאַנגען מיט דראַבנע טריט איבערן הויף, האַלטנדיק פעסט די פידל אונטערן אָרעם און די באַנדורע אין דער האַנט. די פיזיאָנאָמיע פונעם פאַרוואַלטער קאַרל האָט זיך אַנטפּלעקט האַרט נעבן

אים. דער זקן האָט אויפגעציטערט פון איבערראַשונג און זיך צוריקגע־צויגן אין שאָטן. דער פּאַרוואַלטער איז פאַרבייגעגאַנגען, נישט וואַרפנ־דיק צומאָל קיין בליק אויף אים און איז אַריין צו דער הויז־דינערשאַפט; אַלע זענען בליץ־שנעל נעלם געוואָרן, איבערלאָזנדיק איינע אַליין די אַלטיטשקע מאַטאָווילִיכאַ.

— דו לעבסט נאָך, אַלטע מכשפה? — האָט ער ציניש אַ פרעג געטון.

— דאַנקען גאָט, איך לעב, הער פּאַרוואַלטער.

די באַבעשי האָט נידעריק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. זי האָט געוואָרט, איינהויקערנדיק אונטערטעניק די אַקסלען.

— רוף מאַרינאַ, שנעל!

— גלייך, הער פּאַרוואַלטער, גלייך!

די אַלטיטשקע איז פאַרשווּנדן. דער פּאַרוואַלטער האָט אומגעדולדיק געקנאַקט מיט דער נאַהייקע איבער דער באַנק. דער ריח פון געקעכטס האָט אים געצופּט די נאָזלעכער. קאַרל האָט אַ שטויס געטון די טיר מיטן פוס און איז אַרויס אין דרויסן. די פינצטערניש פון דער האַרבסט־נאַכט האָט איינגעהילט די הייזער. געהיימנישפול פאַרגליווערט איז געלעגן דער פּאַרק. אַ שאָרך פון באַרוועסע טריט האָט איבערגעוועקט דעם פּאַרוואַלטער. נעבן אים איז געשטאַנען מאַרינאַ. ער האָט איר פעסט געדריקט דעם עלנבויגן מיט זיינע שטאַרקע פינגער און איר גלייך גע־שמיסן אין פנים אַריין:

— קומסטו היינטיקע נאַכט מיט גוטן, וועל איך נישט אַוועקשיקן דיין וואַסילי צו די זעלנער. קומסטו נישט — וועסטו באַדויערן.

ער האָט זי אָפּגעשטויסן און איז אַראָפּ פון די טרעפּ. ער איז נעלם געוואָרן אין דער נאַכט ווי אַ בייזער חלום. און מאַרינאַ איז אַזוי גע־בליבן דאָ שטיין אַ צעטומלטע, אָן געדאַנקען און אומפילבאַר, אויפן ווינט, אין מיטן דער נאַכט.

*

באַלזאַק האָט זיך צו די געסט מער נישט אומגעקערט. ער האָט זיך אַנטשולדיקט דורך זשעגמאַנען און געבעטן איבערגעבן, אַז ער איז קראַנק. לכתחילה האָט עס עוולינען פאַרדראָסן, אָבער באַלד האָט זיך די זאַך געענדיקט צום גוטן. דער דאָזיקער פּלוצלונגדיקער עקסטאַז האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן אויף זיין אופן. יאָ, די פרינצעסין זאָשאַ האָט גע־האַט פאַרוואָס איר מקנא צו זיין. דער פרינץ קאָניעצפּאָלסקי האָט אסך שפּעטער נאָך צוגעגעבן:

— מיר גייען אַדורך שווערע צייטן, פּאַני עוולין. איבער אייראָפּע גרייט זיך, בלי־שום־ספק, אַ שטורעם. בלויז די שרייבער און די אַרטיסטן

קאָנען לעבן זאַרגלאָז, אָן דאגות. דאָס שפּילן פון אייער קנעכט האָט שטאַרק געריירט באַלזאַקן, ער וועט קענען אָנשרייבן וועגן דעם אַ גאַנצע פּאָעמע, אָבער איך האָב עס פאַרשטאַנען אויף מיין שטייגער.

דער אַלטער שליאַכטשיץ, וואָס איז גוט באַקאַנט געווען אין די קרייזן פונעם הויף אַלס אַ קלוגער דיפּלאָמאַט און אַ קאַרגער, האָט גע־טאַדלט מיט זיין פאַדאַגרישן פינגער, געגלעט דאָס קורץ־געשוירענע, שפּיציקע בערדל און פאַרגעזעצט:

— איך טייטש אויס די דאָזיקע מוזיק ווי אַ פּראָטעסט קעגן קנעכט-שאַפט. יאָ, יאָ, אַזוי איז עס און נישט אַנדערש.

די פּרינצעסין זאַשאַ האָט פאַרדרייט מיט דער נאָז:

— גענוג! די פּאָליטיק לאַנגווייליקט מיך!

— פּאָעטן און פרויען גלייכן זיך איינער צום אַנדערן — האָט דער פּרינץ האָפּענונגסלאָז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — יאָ, זיי גלייכן זיך איינער צום אַנדערן.

עוולין האָט געשוויגן, זי האָט דערפילט אין די ווערטער פון פּרינץ עפּעס ענלעכס צו אַ וואָרענונג. די געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט און געזעגנט.

אין יענער נאַכט האָט אויסגעבראָכן דער לעצטער האַרבסט־שטורעם. דער ווערכאָווניער וואַלד האָט געקרעכצט. דער רעגן האָט אָן איבעררייס געכליעשטשעט דעם באַדן, די אומענדלעכע פּריצישע סטעפּעס און די מאָגערע פּיצלעך קנעכטישע ערד. די סאָסנע־ביימער האָבן געסקריפּעט ווי די זעגלען פון אַ שיף בעת אַ שטורעם.

מאַרינאַ האָט זיך אַרויסגעשלייכט פונעם שלאָס, איינגעהילט אין אַ גרויסער שוואַרצער פאַטשיילע. איינגעהויקערט אונטער דעם גאָס רעגן, איז זי פּאַמעלעך געגאַנגען אויף דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס פירט צום פאַרוואַלטערס פּאַווילְיאָן. אָן אכזריותדיקער ווינט האָט איר גע־שמיסן אין פּנים אַריין מיט דער קראַפּט פון אַן אָדלער־פליגל, וואָס האָט געשפּאָלטן די נאַכט און פייערלעך באַלויכטן מיט בליצן די האַרבסטיקע פינצטערניש.

און באַלזאַק איז געבליבן זיצן ביז באַגינען ביי זיין שרייב־טיש, נישט אַרויסלאָזנדיק אויף קיין איין רגע די פעדער פון דער האַנט, ווי ער וואָלט מורא האָבן צו פאַרלירן דעם קוואַל פון זיין אָפּגעפּונענער מאַג־נעטישער קראַפט. אָן אומאויסלעשלעכער אַרבעטס־דאַרשט האָט געטריבן זיין פעדער איבער די גרויסע ווייסע בויגנס פּאַפּיר, און ער האָט דער־פילט דאָס אמתדיקע פאַרגעניגן פון גרויסן און הייליקן שאַפן.

אין די דאָזיקע מינוטן האָט ער באַזיצט די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענטשהייט און, באַזיצנדיק זי, האָט ער זי באַפרייט.

קאַפּיטל זיבן

ק י ע ו ו

דער צווייפל און די באַאומרואיקונג זענען פאַרבליבן ווייט פון הינטן, זיך פאַרלוירן אינעם שטויב פונעם וועג. פונדאָסניי האָט דאָס אומבאַוווסטע אים גערופן, אים צוגעצויגן: אַלע קעגנערשאַפטן פונעם לעבן זענען אים געוואָרן דערווידער. באַלזאַק איז געפאָרן קיין קיעוו.

ענדלעך האָט זיך זיין חלום פאַרווירקלעכט. באַלד וועט זיך אַנטפלעקן פאַר אים די באַרימטע שטאָט מיט די בערג־שיפּועים איבערן לעגענדאַרן טייך דניעפּער, דאָס אַלטערטימלעכע רוים פון צפון, דער אַנגעלוס פון מאָנאַסטיר פון דער הייליקער לאַרע וועט אים באַגריסן בקול־רם מיט דער הילף פון די אומצאָליקע גלאָקן.

אַ לאַנגע ריי וועגענער האָט זיך געצויגן אויפן טראַקט. דער וועג פון ווערכאָווניע קיין קיעוו איז געגאַנגען דורך בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, פאַרביי דערפער און פאָלוואַרקן. בראָש פון לאַנגן קאַראַוואַן האָבן זעקס עפּל־גרויע פערד רירעוודיק געשלעפּט אַ גרויסע קאַרעטע, אין וועלכער עס זענען געזעסן עוולין מיט באַלזאַקן. הינטער דער קאַרעטע האָט די קאָטש פון דער דינערשאַפט געמאַכט קלינגען די רעדער אויף די שטיינער, און נאָך אַביסל ווייטער האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די פורן, אָנגעלאָדענע מיט אַלדאָס נויטיקע צום געברויך פון די באַלעבאַטים אין קיעוו — אַלץ, פון מלבושים ביז עסנוואַרג, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך. אַרויסגעפאָרן פון ווערכאָווניע איז מען באַלד אינדערפרי.

אַלצדינג איז געוואָרן צוגעגרייט, ווי ס׳געהערט צו זיין. עוולין האָט געהאַט נאָכגעזען יעדע קלייניקייט. באַלזאַק האָט זיך אין גאָרנישט נישט אַריינגעמישט. ער איז די גאַנצע צייט געזעסן ביי זיך אין דער וווינונג און געאַרבעט, געלייענט, געשריבן בריוו. עוולין האָט אים געהאַט געוואָרנט: אין קיעוו וועט מען דאַרפן אָפּשטאַטן וויזיטן, זייער פיל זאַכן וועלן אָפּהענגיק זיין פון באַלזאַקס אויפפירונג, פון זיין קענען זיך אַליין באַהערשן. ער האָט געשוויגן, כאָטש אים האָט זיך געוואָלט שאַרף צוריקענטפערן. זיין גלייכגילטיקייט האָט אָבער געהאַט די אויבער־האַנט. ער האָט זיך געקאָנט אויפצווינגען צו פאָלגן. מען האָט געהאַט מיטגענומען קיין קיעוו דעם זיידע מוסין, מאַרינאַן און נאָך אייניקע דינסט־מיידלעך. דער הויף־אויפזעער זשעגמאַן האָט רעגירט מיט דער גאַנצער דינערשאַפט. דער פאַרוואַלטער קאַרל איז געבליבן דער סאַמאָראַדנער באַלעבאָס איבערן מאַיאָנטעק. דער אָפּפאָר פון עוולינען מיט באַלזאַקן קיין קיעוו האָט אים גיכער פאַרשאַפן פאַרגעניגן. ענדלעך, איז ער געבליבן אַליין! אַ שאָד בלויז, וואָס מ׳האָט מיטגענומען מאַרינאַן! ווי נאָר עוולין איז

אַרויס פון טויער, האָט קאַרל, נישט פאַרלירנדיק קיין איין סעקונדע, זיך אַוועקגעלאָזן קיין בערדיטשעוו. ער האָט שטאַרק נייטיק געהאַט זיך צו זען מיטן באַנקיר האַלפערין; דורך זיין פאַרמיטלונג האָט מען געקענט באַוויזן אָנצוקומען צום טשינאָווניק קיסעלעוו. אין ווערכאָווניער פּאַלאַץ האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט.

אַ פאַרכמורעטער הימל איז אַראָפגעהאָנגען איבער דער ערד. די בלייענע וואָלקנס האָבן אויבן אויסגעזען צו זיין פאַרשטיינערט אויף הונדערטער יאָרן. אַלץ איז פאַרגליווערט געוואָרן אין אַן ערנסטער און באַאומרואיקנדיקער דערוואַרטונג און בלויז אַט דער אומפאַרשעמטער חוצפהניק — דער ווינט — האָט שטאַלץ און עקשנותדיק זיך אַריינגעדרייט צווישן די קוסטעס, איינגעבויגן די אָרעמע, הילצערנע כאַטקעס פון די מוזשיקעס, געשלעפט קאַרל האַנסקיס בריטשקע קיין בערדיטשעוו, געשטופט עוולינס גרויסע שוואַרצע קאַרעטע אויפן קיעווער טראַקט. אומעטום איז דער ווינט געווען מעכטיק, באַפעלעריש און ציניש. און אונטערהייבנדיק דאָס פאַרהאַנגל, האָט באַלזאַק זיך צוגעקוקט דורכן פענצטערל פון דער קאַרעטע צו דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער שפּיל. עוולין איז געזעסן נעבן אים, האַלטנדיק פאַרמאַכט די אויגן. באַלזאַק האָט נישט געקענט וויסן, צי זי איז געשלאָפן, צי זי האָט געטרוימט.

די באַגעגנטע וועגענער האָבן פון דער ווייטנס אָבסערווירט דעם קאַראַוואַן. די פויערישע פורן האָבן זיך אָפגערוקט אין אַ זייט, האַרט צום ברעג פונעם טראַקט. די מוזשיקעס האָבן פאַרהאַלטן זייערע שטומע קליאַטשעס, נידעריק זיך באַגריסט, אַראָפנעמענדיק די היטלען אָדער די קאַרטוזן. מיט די בלויזע קעפּ אויפן קאַלטן ווינט האָבן זיי לאַנג נאָכגעקוקט דעם צוג, זיי האָבן דערקענט די ווערכאָווניער גרעפין וועדליק די פערד און דער קאַרעטע. באַלזאַק האָט זיך מיט נייגיר איינגעקוקט אין די דאָזיקע מענער און פרויען אויף זייערע פורן. זיין שאַרף אויג האָט באַמערקט דעם פּיין אין די געזיכטער, די נידעריק־אַראָפגעלאָזטע קעפּ, די קרומע בריטשקעס, די אויסגעמוטשעטע פערד. און די קאַרעטע האָט זיך געצויגן אַלץ ווייטער און ווייטער, ווייך און אָנגענעם זיך געהוידעט אויף די רעסאָרן.

עוולינס אַקסלען זענען געווען שטאַר ווי מאַרמאָר. ער האָט אַראָפּגעלאָזן דאָס פאַרהאַנגל און זיך אַוועקגעזעצט אויף די קישעלעך. מיט די פינגער האָט ער אָנגעטאַפּט די בוזעם־קעשענע. דאָרט איז געלעגן דער בריוו פון גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו. דאָרט זענען אויך געלעגן עטלעכע צענדליק געדיכט־באַשריבענע בריוו־בייגעלעך: זיינע נאָטיצן און זיינע איינדרוקן וועגן ווערכאָווניע. דאָס אַלץ האָט ער אויפגעהיטן אין זיין בוזעם, ער האָט עס געשפּירט, ווי דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ און האָט עס קיינעם נישט אָנפאַרטרויט ווי נאָר זיך אַליין. ביביקאָווס בריוו האָט אים פאַרשאַפט נחת־רוח און דערפרייט דאָס האַרץ. דער פאַקטישער שני־למלך פון די דריי סאַמע גרעסטע פראָווינצן — קיעווער, פּאָדאָלסקער און וואָלינער גובערניעס, וואָס האָבן צוזאַמען אַרומגענומען אַ

טעריטאָריע, גלייך צו אַ גרויסער מלוכה — האָט זיך געוואָנדן צו באַל־זאַקן ווי צו זיינס גלייכן. ער האָט זיך אפילו אונטערגעשריבן, מיט דזשענטלמענישער העפלעכקייט און באַשיידנקייט: „אייער איבערגעגע־בענער דינער דמיטרי ביביקאָוו". דערין האָט מען געקענט זען נשמה־גרויסקייט אָדער גאַר... באַלזאַק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. אַלץ איינס. צו אַלדי רוחות די אַלע „אָדער"! ער האָט זיך צעשמייכלט, האַר־ציק און פריילעך אויף אַלע זיינע ציינער. ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט אים געשריבן דער גענעראַל־גובערנאַטאָר:

„פאַרזיכערנדיק אייך מיין באַזונדערע צופרידנקייט ביים געדאַנק, וואָס איר פאַרברענגט אין אונדזערע קאַנטן, בעט איך אייך, זייער חשובער הער באַלזאַק, צו ווענדן זיך אין אַ נייטיקן פאַל, דירעקט צו מיר און אויסצונוצן מיין דינסטגרייטקייט פאַר אייערע מינדסטע שליחותן, וועלכע איך וועל דערפילן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן".

ער האָט פאַרגעדענקט די דאָזיקע ווערטער באַלד נאָכן ערשטן מאָל איבערלייענען זיי. און צוריקגעשמועסט, ווי אַזוי האָט מען זיי געקענט נישט פאַרגעדענקען? ווו און ווען האָבן אים שוין גובערנאַטאָרן געשריבן אויף אַזאַ אופן? ווען? קיינמאָל נישט! ער וואָלט געקענט מאַריך זיין וועגן אַנדערע דערינערונגען — פון באַציען זיך צו אים מיט גאווה און פאַראַכטונג, אפילו אין יענע פריצישע סאַלאָנען, וועמענס באַלעבאָסטעס עס האָבן אים אַרויסגעוויזן נישט נאָר אויפמערקזאַמקייט און גאַסט־פריינטלעכקייט...

אין זיין פאָטערלאַנד האָבן די אַנגעזעענסטע אַדללייט, די היטער פון דערהויבענע געפילן און דער הויכער מאָראַל, אים גרינגגעשעצט, אים פאַראַכטעט און אים אויסגעמיטן. עס וואָלט געגנוג געווען צו דערמאָנען בלויז יענעם אָוונט ביי דער גרעפין וויסקאָנטי. דער סאַמע עפּלקוואַס, די הויכע געזעלשאַפט איז געווען פאַרזאַמלט אין איר סאַלאָן. דאָרטן זע־נען געווען די פירשטין פון אַראַן, דער גראַף ליאָנעל דע באַנגעוואַל און אַנדערע פערזענלעכקייטן, פריצים און אדירים, ליטעראַטור־מבינים און קונסט־מעצענאַטן. אין דער צייט, וואָס די לאַקייען האָבן געגרייט די טישן פאַר דער שפּיל אין לאַנדסקנעכט, האָבן די געסט דערווייל געהאַט אַ לעבהאַפטן מיינונגס־אויסטויש וועגן פאַרשידענע פרישע זאַכן. באַל־זאַק האָט זיך געהאַלטן מן־הצד און זיך צוגעהערט. פּלוצלונג אָבער האָט ער זיך אַריינגעמישט אינעם געשפּרעך. ער האָט פאַרוואָרפן די טשופּרינע פון זיינע האָר, פאָכענדיק דערביי מיט די הענט, און גענומען, סתם אַזוי, אויסזאָגן פאַר די מיטבאַטייליקטע די סודות פון זיין ווערק, די פרוכט פון הונדערטער שלאָפלאָזע נעכט, פון שווערע הונגער־טעג. ער האָט גע־רעדט וועגן דער מענטשלעכער קאָמעדיע.

— מיין ווערק וועט אַרומנעמען אַלע קלאַסן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט פונעם 19־טן יאָרהונדערט. ווען מען וועט וועלן אין צוויי טויזנט יאָר אַרום שטודירן פראַנקרייך בעת דער אימפּעריע, רעסטאַווראַ־

ציע און יולי־הערשאַפט, וועט געגוג זיין פאַר די אַרכעאָלאָגן און אַנדערע וויסנשאַפטלער אַריינצוקוקן אין מיינע ביכער...

און נאָך אַט די דאַזיקע ווערטער האָט דער גראַף באַנגעוואָל אים איבערגעריסן. נישט אויסבאַהאַלטנדיק זיין פאַראַכטונג, האָט ער אים באַ־צייכנט אַלס פשוטן טאַקסירער. ער האָט אויפגעוויזן, אַז באַלזאַקן זענען נישט באַקאַנט די העכערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט; אַז ער וועט קיינמאָל נישט תופס זיין דעם עצם־מהות פון איר הויכער מאָראַל און אירע טיפע געפילן.

— איר ציילט איבער אַלע שליסלען אויף די טירן פון פּאַטער גראַנדע — האָט געלאַסן געזאָגט דער גראַף, און די צוהערער האָבן אים בפירוש אונטערגעהאַלטן מיטן בליק — און דאָס פליגן־קויט אויף די באַראָמעטערס, אָבער וואָס שייך דעם לעבנסשטייגער פון דער אַריסטאָקראַטיע און אונדזער נאָבעלער שפּראַך — דאָס איז אינגאַנצן אַן אַנדער זאַך. דאָס וועט זיך אייך קיינמאָל נישט איינגעבן, הער שריפט־שטעלער.

באַלזאַק האָט מיט האָפענונג געקוקט אין די אויגן פון דער גרעפין וויסקאָנטי. אָבער פון זיי האָט געוויייעט אַן אומאַנגענעמע קעלט. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט זיין איזאָלירטקייט און זיך מער נישט אָפּגערופן. אָבער עטלעכע יאָר שפּעטער איז דער גרויסהאַלטערישער גראַף דער־שינען אינעם בוך: פאַרלוירענע אילוזיעס, ווי דער פּראָטאָטיפּ פון אַן איינגעגלייבטן און ציניש פאַרשטייער פון דער אַריסטאָקראַטישער גע־זעלשאַפט.

די גרעפין וויסקאָנטי האָט זיך געהאַט אָפּגעהאַלטן אונטערצושטיצן באַלזאַקן אין דאַזיקן שווערן מאָמענט נישט בלויז צוליב פאַרזיכטיקייט. ער האָט געהאַט געלייענט אין איר בליק אַ טויבע קעגנערשאַפט צו אַלע זיינע אידעאַלן. און עוולין? וואָס האָט זי געטראַכט וועגן דעם? ווען נישט דער דרעמל, וואָס האָט זי געהאַט באַהערשט, וואָלט ער זי גלייך אויפן אָרט אַ פרעג געטון. ער האָט עס געדאַרפט וויסן תיכף־ומיד. דאָס געפיל פון עובר זמן זיין פון אַזאַ מין פראַגע האָט אים באַרואיקט.

— ס'איז נישט אַצינד די פּאַסיקע צייט! — האָט ער אַ זאָג געטון אויפן קול.

עוולין האָט קוים באַוויגן מיט די ליפּן. אָבער אירע ווייסע האָבן זיך נישט אויפגעמאַכט, און באַלזאַק האָט ווידער אויפגעהויבן דאָס פאַר־האַנגל און פאַרהאַלטן זיין בליק אויף די ווייטע וואַלד־קאַנטורן פונעם האָריזאָנט.

דעם גענעראַל־גובערנאַטאָרס בריוו האָט געהאַט וועלכן נישט איז באַדייט. און דעריבער האָט באַלזאַק נישט געקענט נישט טראַכטן וועגן אים. און בשעת ער האָט באַטראַכט דעם האָריזאָנט דורכן קליינעם פענצ־טערל פון דער קאַרעטע, האָבן זיינע געדאַנקען געבלאָנדזשעט אין דער פאַרגאַנגענהייט; ער האָט זיי פאַרוואָרפן אין דער צוקונפט ווי בריקן איבער זודיקע לעבנס־טייכן, גענומען זיי אויף דער וואָגשאָל און אָפּגע־

וואַרפן אין אַ זייט; און ווידער, ווי שטענדיק אויף אַלע קרייץ־וועגן, האָבן די ליבע, דאָס געלט, דער רום און די אַרבעט זיך אַריינגעמישט אינעם ווירוואַר פון זיינע געפילן.

קיעוו איז געווען ווייט, געהיימנישפול און אומבאַקאַנט, אָבער געוונטשן, און וועגן קיעוו האָט אויך געטראַכט עוולין האַנסקאַ, מיט פאַרמאַכטע אויגן, זיצנדיק נעבן באַלזאַקן. און די דאָזיקע שטאָט האָט איר געלאָקט גאָר אויף אַן אַנדער אופן. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט די שטאָט גאַנץ אַנדערש. פאַר אירע אויגן זענען געשטאַנען די ווייסע, האַרמאָניזירנדיקע קאָלאָנען פון דער אַדל־פאַרזאַמלונג. אין דער בלענדנדיקער שיין האָט זי געהערט דעם צויבער־קלאַנג פון דער מאַזורקע און, האַלטנדיק צווישן צוויי פינגער דעם ברעג פון איר, מיט גאָלד און טייערע שטיינדלעך, שימערירנדיק קלייד אונטער דער ליכט פון די ליוסטרעס, האָט זי זיך געדרייט מיט אַן אָנערקענטן טענצער, אויפכאַפּנדיק די שמייכלען, די באַוווּנדערנדיקע אָדער שטאַרק־פאַראַכטנדיקע בליקן, אָבער קיינמאָל נישט קיין גלייכגילטיקע. באַלזאַק וועט זיין מיט איר אין קיעוו. זי וועט דאָרטן דערשיינען פאַר זיינע אויגן אין איר גאַנצן גלאַנץ און פראַכט, אין דער פולער גרויס פון איר שיינקייט. מען וועט זיך מער נישט דאַרפן דריקן די הענט פאַרבאַהאַלטענערהייט; עס וועט מער נישט זיין די מורא, אַז מען וועט אַנטדעקן זייער אינטימקייט, און מעגלעך, אַז דאָרטן וועלן זיך אַנטשיידן אַלע פראַגן וועגן דער צוקונפט. אַלצדינג וועט מיטאַמאָל אַוועקגיין אינגאַנצן אַנדערש. לחלוטין אַנדערש, אָבער ווי אַזוי? דאָס האָט זי נישט געוווּסט, און נישט געקאָנט עס פאַרענטפערן. זי האָט אַ טראַכט געטון וועגן אירע עסקים און באַלד האָט זי זיך דערמאָנט אין קאַרלען. די העסלעכע טשוויק־רויטע צורה פונעם פאַרוואַלטער האָט געשוועבט פאַר אירע אויגן, און באַפרייען זיך פון דער דאָזיקער פאַרהאַסטער וויזיע איז נישט געווען אַזוי לייכט.

אין אָט דעם זעלבן מאָמענט איז שוין קאַרל געווען אין בערדיטשעוו, געזעסן אין אַ פאָטעל, אין האַלפּערינס קאַנטאָר און געלאָסן גערעדט צום שווייגעוודיקן באַנקיר וועגן ציל פון זיין באַזוך.

אין דער קאַטש, וואָס איז געפאָרן הינטער דער קאַרעטע, איז מאַרינאַ געזעסן אין אַ ווינקל, אויף די טשעמאָדאַנען. פעסט אַרומגענומען דעם קאָפּ מיט אַ שוואַרץ טיכל, האָט זי געוואַנדן איר פאַרנעפּלטן בליק גלייך אַקעגן זיך. די אַנדערע צוויי דינסט־מיידלעך האָבן לעבהאַפט געשמועסט, דערמאָנענדיק זיך די סאַמע לעצטע רייזע קיין קיעוו, און פרייענדיק זיך ביי דער געלעגנהייט ווידער צו פאַרברענגען אויפן פאַדאָלסקער יאַריד, צו זען די פלינקע כישוף־מאַכער און האָקוס־פּאָקוסניקעס, באַוווּנדערן מיט פאַרגעניגן, ווי אַזוי זיי עסן פייער, שלינגען אַראָפּ זשאַבעס און רעדן מיט מאַלפּעס, מיט אָט די אויסטערלישע באַשעפענישן, וואָס זענען אַזוי ענלעך צו מענטשן. דער הויף־אויפזעער סטאַניסלאַוו זשעגמאַן איז געזעסן נעבן דעם קוטשער. ער האָט געהערט די פּלוידערייען פון די דינסט־מיידלעך; ער האָט געהאַט וועגן קיעוו אינגאַנצן אַן אַנדער מיינונג, אים

איז די שטאָט געווען היימיש. שוין פערציק יאָר, ווי ער האָט געקענט קיעוו. וואָס שייך מאַרינאַן, האָט זי מסתמא נישט געהערט די באַטשקע־רייען פון די מיידלעך. איר האַרץ איז געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש.

און אָט איז שוין קיעוו. דאָס באַרימטע רוים פון צפון האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. באַלזאַק האָט געשפּרייזט איבער די גאַסן, באַטראַכט די גלייכמעסיקע, האַרמאָניזירנדיקע און פּרעכטיקע געביידעס. נעבן זיי זענען געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסט אָרעמע נידעריקע הייזלעך, ווי שפּורן פון די אַמאָליקע צייטן. די ברייטע גרויסאַרטיקע טויערן פון די פּאַלאַצן האָבן פאַרכאַפּט דאָס אויג. לאַנגע רייען טאָפּאָלן־ און קאַשטאַן־ביימער האָבן זיך געצויגן לענגאויס די גאַסן. די ווייסע פּריצישע בנינים האָבן זיך אויפגעהויבן איבערן דניעפּער, אויף די ברעג־שיפּועים, אין דער מיט פון די גערטנער, נאַקעט־געוואָרענע דורך די האַרבסטיקע ווינטן. דער קייזערלעכער גאָרטן האָט באַצויבערט מיט זיין פּאַרנעם, מיט זיינע הונדערט־יאָריקע ביימער, זיינע פאָנטאַנעס. אומעטום האָט זיך געפילט דער געאייל, די אומפאַרענדיקטקייט, אָבער דריי שטאָט־קוואַרטאַלן האָבן שוין געהאַט אינגאַנצן אַן אייראָפּעאישן אויסזען. אויף דער פּעטשערסקע האָט מען פונאַנדערגענומען די אַלטע הייזער, מ'האָט זיך געגרייט אויפצושטעלן די פעסטונג. נעבן דער קאַטעדראַלע פון דער הייליקער סאָפיע האָט מען פריי געמאַכט און אויסגעגלייכט דעם פּלאַץ. דאָ האָבן באַדאַרפן אויפגעבויט ווערן די אָפיציעלע געביידעס, מען האָט אָנגעצייכנט נייע גאַסן, וואָס האָבן דורכגעשניטן טאָלן און פעלדזן. מ'האָט געבויט איבערן דניעפּער אַ הענג־בריק, לויטן פּראָיעקט פון אַרכיטעקט שאַרל דע וויניאָל. ביים ברעג פון דניעפּער, אויפן פּאָדאָל, איז געשטאַנען די אימפּאָזאַנטע געביידע פון די שטענדיקע יאַרידן, וואָס האָט גאָר באַזונדערס געפעלן באַלזאַקן. דאָ, נעבן דער האַנדלס־בערזע, נעבן האַפן און אַביסל נידעריקער אויף דער קרעשטשאַטיקע האָט געקאָכט און געזידט מיט לעבן. צווישן דעם טומלדיקן און אויפגערעגטן המון האָבן זיך באַוויזן די גרויסע טורבאַנען, ווייסע ווי שניי, די הינדוסישע הענדלער, די רויטע טערקישע פעזן, די האָלענדישע קאַפּעליושן, די דייטשע קאַשקעטן, די פּוילישע קאָנפעדעראַטקעס *), די רוסישע פּאַלטנס, די יידישע לאַנגע קאַפּאָטעס. אָט דער גאַנצער ים פון מענטשן און פון לשונות האָט געזידט, געטומלט, זיך געקריגט און געקוואַלן; און, צווישן אָט דעם אַלעם האָט זיך באַלזאַק זייער גוט געפילט, ער איז מיטגעריסן געוואָרן דורך אָט דער מסחר־אַטמאָספער.

עוולין האָט זיך באַשעפטיקט מיט אַנגאַס אויסשטאַט. דער גראַף מנישעק, וואָס איז אָנגעקומען קיין קיעוו מיט אַ טאָג פריער, האָט זיי אומעטום באַגלייט. באַלזאַקן האָט מען זייער שטאַרק געהאַט געראַטן צו

*) קאָנפעדעראַטקע — היטל פון די פּוילישע אויפשטענדלער זינט דער קאָנפעדעראַציע פון 1768, מיט פיר שפּיצן און אַ דאַשעק.

באַזוכן די קאַטעדראַלע פון דער הייליקער סאָפיע, איר רוסיש־ביזאַנטישער צויבער וועט אים זיכער פאַרשאַפן גייסטיקן געניס; צו באַוווּנדערן דעם ראַקאָקאָ־סטיל פון דער קירכע פון הייליקן אַנדרעי — דאָס ווערק פון באַרימטן ראַסטרעלי; צו באַקוקן, ווי עס געהערט צו זיין, די הערלעכע פרעסקאָס און מאָזאַאיקס פון דער קאַטעדראַלע; צו שטודירן די אַנטיק־מאַלערייען פון די מאָנאַסטיר־איקאָנעס. אין דער באַגלייטונג פון עוולינען, האָט ער געכאַפט אַ בליק אויף די אַלע מערקווירדיקייטן. ער איז געגאַנגען הינטער איר, נישט אַרויסווייזנדיק קיין באַזונדערס הייסן אינטערעס און נישט אויסדריקנדיק קיין שום באַגייסטערונג, וואָס עס האָט שטאַרק געחידושט עוולינען. ווען נישט די דאגות, וועלכע זענען איר געלעגן אויפן קאָפּ, וואָלט די גרעפין מיט אים זיך געקריגט און אים געמאַכט פאָרווורפן. אָבער צרות זענען געווען אָן אַ שיעור.

ביביקאָוו איז געווען אַוועקגעפאָרן פון קיעוו, פונדוקלעי איז געווען קראַנק און געלעגן צו בעט. פון די אַלע פּלענער, וועלכע מען האָט געהאַט אַזוי גוט צוגעקלערט אין ווערכאָווניע, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. דאָס האָט, נאַטירלעך, באַלזאַקן שטאַרק באַאומרויִקט. אָבער ער האָט זיך געטרייסט, ווי תמיד, אויפן געדאַנק, אַז אַלץ וועט אַוועקגיין צום גוטן. זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט אין קיעוו האָט ער געמאַכט מיט יוזעפאָוויטשן. דער וויצע־רעקטאָר פון קיעווער אוניווערסיטעט האָט יעדן טאָג באַלזאַקן געפירט שפּאַצירן איבער דער שטאָט. ער האָט אים געפירט אין אַ וואָגן ביזן דניעפּער, אים געוויזן די דאַמפערס און די לייכטשיפן, אים פאָרגעשטעלט אַלטע לייט, וועלכע האָבן געקאָנט אָן אַ שיעור לעגענדעס פון די אַמאָליקע צייטן.

זיי זענען לאַנג געזעסן אויף אַ באַנק אין קייזערלעכן גאָרטן. אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָט זיך אַרומגעשליאָנדרעוועט אַ גאָראָדאָוואָי, סאַלוטירנדיק אַלע קאַרעטעס, וועלכע זענען פאַמעלעך געפאָרן אויפן שאָסיי. יוזעפאָוויטש האָט געגלעט זיינע געקרייזלטע באַקן־בערד און בשעת־מעשה געוואָרפן בליקן אויף באַלזאַקן, אָנגעכאַפּט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט די פּאָלע פון זיין מלבוש, גענומען זיין שטעקן. ער האָט אים לאַנג באַטראַכט און איבערנעמענדיק זיך פון איבערראַשונג אַ פרעג געטון:

— הער באַלזאַק, צי איז עס ווירקלעך אָט דער באַרימטער שטעקן, וועגן וועלכן מ׳האָט אַזויפיל גערעדט?

באַלזאַק האָט צוגעשטימט, אָבער יענער האָט, אפנים, דערין געצווייפלט. צייכענענדיק מיט זיין שטעקן אויפן זאַמד פאַרשידענע קאָמפּליצירטע פיגורן, האָט ער צוגעגעבן:

— אייער אויפהאַלט אין קיעוו וועט אַריין אין דער געשיכטע פון רוסלאַנד; לאָמיר נאָך באַמערקן, אַז פאַר אייך האָבן מיר דאָ געהאַט אייער גרויסאַרטיקע קאָמפּאַטריאָטין, די אַקטריסע זשאָרזש, העקטאָר בערליאָז, לישט. איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי מיר, קיעווער, זענען שטאָלץ דערמיט!

יוזעפאָוויטש האָט אָפּגעאָטעמט. באַלזאַק האָט אים אָנגעקוקט אָן אים צו זען, ער האָט זיך נישט צוגעהערט. עס איז אים געווען אַביסל קאַלט צו זיצן אויף אָט דער באַנק. ער האָט אָבער קיין חשק נישט געהאַט אַוועקצוגיין ערגעץ אַנדערש. אים איז געווען אָנגענעם, וואָס דער געהילף־רעקטאָר איז געווען באַרעדעוודיק און גאָרנישט נישט געפרעגט. ער האָט, וואָרשיינלעך, געהאַלטן פאַר זיין חוב צו רעדן וועגן אַלץ און, ער אַליין, האָט געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס ער האָט געשטעלט. ער איז נישט געווען קיין נודנער מיטשמועסער.

באַלזאַק האָט געטראַכט וועגן עוולינען. ערב זייער אָפּפאָר פון ווערכאָווניע האָט זי נאָך געדעדט וועגן זייער חתונה. אַצינד האָט זיך שוין מער נישט געהאַנדלט וועגן דעם, און ער איז נישט צוגעשטאַנען. שטענדיק די זעלבע טרייסט: אַלץ וועט גיין כשורה, און ער האָט זיך באַרואיקט.

אין דעם איין־שטאָקיקן הויז, אויף דער ברייטער גאַס, ווו עוולין האַנסקאַ פלעגט שטענדיק איינשטיין, בעת זי איז געקומען קיין קיעוו, האָט מען פאַר אים רעזערווירט צוויי צימערן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. ער האָט געקאָנט אַלץ אָבסערווירן, וויפל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. אָבער די גאַס איז געווען כמעט די גאַנצע צייט פוסט. און יעדן טאָג, פּינקטלעך איינס אַזייגער, האָט זיך יוזעפאָוויטשעס פאַעטאָן אָפּגעשטעלט נעבן הויז. דאָס איז געווען באַלזאַקס איינציקער צייט־פאַרטרייב אין זיין גרויען, וואָכעדיקן לעבן אין קיעוו — אַ צייטפאַרטרייב אַביסל אַ נודנער, אָבער דער איינציקער.

אָט־אָ דאָ, אין אָט דעם רוים פון צפון, האָט זיין פּלאַן פון די בריוו פון קיעוו ענדגילטיק אָנגענומען בלוט און פלייש. זיי זענען געווען פאַרטראַכט ווי נאָטיצן פון אַ רייזנדן. אַזאַ בוך וואָלט געקענט האָבן דערפאָלג. ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט, אויף וועלכן אופן זיי וועלן פאַרשטאַנען ווערן. אָבער די אָריענטאַציע פונעם ווערק איז געבליבן מטושטש. דער מאַרקיז קוסטין איז אים געקומען אויפן זינען, אגב, זייער אַ שלעכטע דערינערונג.

דערוויייל, האָט ער במשך פון איין נאַכט געהאַט אָנגעשריבן אַ צענדליק זייטן. באַלד אין דער פרי האָט ער איבערגעלייענט אויפן קול דאָס, וואָס ער האָט געהאַט ביינאַכט פאַרפאַסט. עפּעס ענלעכס צו היפּאָקריטסטווע האָט דורכגעלויכטן דורך די צוגעקליבענע פראַזן. ער האָט געהאַט חשק צו צערייסן זיינע בלעטלעך, נאָר ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן פאַרן פרייז פון גרויסע אָנשטרענגונגען. ער האָט זיך פאַרזיכטיק דערווייטערט פונעם שרייב־טיש, ווי ער וואָלט דורכגעקלעטערט איבער אַ תהום, נאָכן האָבן אַריינגעוואָרפן דעם מאַנוסקריפּט אין אַ שופלאָד פונעם טיש. ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן איבערן צימער מיט אומגלייכע שריט, בייסנדיק די שפּיצן פון זיינע וואָנצן און קנאַקנדיק מיט די פינגער הינטער זיין פּלייצע. ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן שרייב־טיש, געעפנט דעם שופלאַד און אַרויסגענומען די באַשריבענע בלעטלעך. ער האָט זיי ווידער־

אַמאָל דורכגעלייענט. מיט די פּוכיקע פינגער פון זיין שווערער האַנט האָט ער צעקוועטשט דעם כתב־יד אויפן שרייב־טיש. קוסטין, זיין חבר — יאָ, ענדער חבר ווי פריינט! — וואָלט פון אים גאַנץ פיין חוזק גע־מאַכט, ווען ער וואָלט איבערגעלייענט די דאָזיקע זייטלעך. דאָס איז דאָך געווען ער, וואָס האָט געהאַט פאַרויסגעזאָגט: „דער לייב וועט זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ לעמעלע, אין די צפון־סטעפּעס".

באַלזאַק האָט זיך געזען אַ פאַרכמורעטער אינעם שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט.

— דער לייב וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ לעמעלע — האָט ער אַ זאָג געטון זייער הויך מיט עטוואָס אַ הייזעריקער שטים, שטעלנדיק דעם טראָפ אויפן לעצטן וואָרט, ווי ער פלעגט עס שטענדיק טון, ווען ער איז געווען אויפגערעגט. — ניין! דער לייב איז שטענדיק אַ לייב!

די דאָזיקע ווערטער האָט ער געוואָרפן דעם אַנדערן, דעם אַנדערן באַלזאַק, וועלכער האָט אים אָנגעקוקט אין שפּיגל מיט אַ פאַרבלאָנ־דזשעטן בליק, אונטער דעם אויסגעהאָרעוועטן שטערן מיט קנייטשן; ער האָט זיך מער נישט דערקאָנט.

און, מיטאַמאָל, האָט זיך עוולינס שאָטן אָנטפּלעקט הינטערן רוקן פונעם אַנדערן. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי צו פאַרטיידיקן זיך, און באַלזאַק איז צו זיך געקומען. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שמייכ־לען, און דער אַנדערער, אינעם שפּיגל, האָט אויך געשמייכלט, און ער האָט געזען, אַז דער דאָזיקער שמייכל איז געווען אַ קינסטלעכער, אַ פאַל־שער. עס האָט מער נישט געהאַט קיין זין זיך צוריקצוהאַלטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און זיין בליק האָט זיך אָנגעטראָפן אויף עוולינס בליק. זי האָט געהאַט זאַרגפול פאַרמאַכט די טיר און זיך פאַמעלעך אַוועקגע־זעצט אויף דער קאַנאַפּע.

— איר זענט שטאַרק אויפגערעגט, אַנאָרע!

זי האָט עס קאַלט און שפּאָטיש אַ זאָג געטון. זי האָט, וואַרשיינלעך, חוזק געמאַכט פון אים.

— ניין, כ׳בין אויסערגעוויינלעך גליקלעך — האָט ער בייזוויליק געענטפערט, שטייענדיק גלייך מיט פאַרלייגטע הענט קעגנאיבער עוולי־נען. — איך לאַך פון פאַרגעניגנס וועגן, עווא, צוליב וואָס די דאָזיקע שפּיל?

— באַרואיקט אייך!

זי האָט געוואָלט פאַרלעשן די שרפה. זי האָט געהאַט אַנדערע כוונות; צו וואָס נוצט די דאָזיקע היציקע דיסקוסיע? דער קאָפּ האָט זיך איר אַביסל געדרייט. נעכטן, האָט זי זיך געלייגט זייער שפּעט. אַך, דער דאָזיקער יונגער ראַדזיוויל! ווי ער איז געווען חנעוודיק! זי האָט זיך דער־מאָנט דעם אָוונט, די ליכטער, דעם ווייַן אין די גרויסע גלעזער. ער האָט געהאַט אַנידערגעקניט פאַר איר אונטער דער אַלטאַנע... זי האָט באַ־וויגן אירע טרוקענע ליפּן; די דאָזיקע קושן, זי וועט זיי אַזוי גיך נישט פאַרגעסן!

די ברוזנדיקע שטים איז כסדר געשטיגן און זיך צעיושעט אין אַ שטורעם פון ווילדער רציחה. באַלזאַק האָט מער נישט געקענט שווייגן:

— גענוג!

באַלזאַק האָט געצאַרנט, עס איז נישט געווען אַנשטענדיק, ער האָט עס פאַרשטאַנען, אָבער די ווערטער זענען אַרויס גלייך פון האַרצן.

צו וואָס נוצט די דאָזיקע קינדער־שפּיל, אָט די שפּיל אין קוציבאַבע? (ער האָט נישט געקענט אַנדערש אָנרופן זייערע באַציאונגען). ער האָט געוואָלט וויסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, צי זי וועט ווערן זיין פרוי אָקעגן גאָט און אָקעגן לייט; ער האָט שוין גענוג געהאַט די געהיימע באַגעגענישן, דאָס אָכצן אין די ווינקלען, די קושן אין באַהעלטעניש. צו וואָס נוצט דאָס אַלץ? שוין מיט זייער אַ לאַנגער צייט צוריק, נאָך אין נוישאַטעל, האָט זי געהאַט צוגעזאָגט מיט אים חתונה צו האָבן, באַלד ווי זי וועט זיך באַפרייען פון איר חתונה־בונד. פאַרוואָס־זשע האַלט זי נישט איר הבטחה? אפשר... אפשר ליבט זי אים מער נישט?

האָבנדיק אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, איז ער, אַ דערשראָ־קענער, אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט עס נאַרוואָס דערשפּירט: „יאָ, זי האָט מיך מער נישט ליב, אָט־אָ דאָס איז עס". און דער גאַנצער ברען פון זיין פּראָטעסט האָט זיך פאַרלאָשן.

ער איז געבליבן דאָ שטיין, קעגנאיבער עוולינען, אַ דערשלאָגענער און אַ צעטומלטער, ער האָט באַוויגן מיט די ליפּן אין אַ צושטאַנד פון אָנמעכטיקייט, מיט האָפענונג, ער האָט איר געקוקט אין די אויגן אַריין, בעטנדיק כמעט און פענטענדיק ווי אַ בעטלער, אַז זי זאָל פּראָטעסטירן קעגן זיינע לעצטע ווערטער.

עוולין האָט זיך נישט געאיילט צו ענטפערן. זי איז געבליבן רואיק און געשוויגן. מיט אַ גלייכגילטיקן באַוועג פון אירע פינגער, האָט זי גע־גלעט איבער אירע קני די שטאַרקע קנייטשן פון איר סאַמעטן קלייד, זי האָט געקוקט באַלזאַקן אין די אויגן אַריין, זוכנדיק דאָרטן עפּעס וואָס, און זיינע אויגן האָבן אויך געזוכט אָט די ברוינע, שאַרפע, זשעדנע פונ־קען, וועלכע האָבן זיך דאָרטן, גאַרנישט אַזוי לאַנג צוריק, אָנגעצונדן.

ביידע האָבן געזוכט אָן עפּעס וואָס צו געפינען, און אָט דער בליקן־דועל האָט זיך פאַרענדיקט מיט גאַרנישט. ער האָט אָנמעכטיק אַראָפּגע־לאָזן זיין גוף אויף דער קאַנאַפּע נעבן איר און געזעסן קעגנאיבער זיך, דורכן פענצטער, אַ גרויסן טאָפּאָל־בוים, אויף וועלכן עס האָבן זיך נאָך געטר־ייסלט עטלעכע געלע, אָנגעשראָקענע בלעטער, גרייטע אַראָפּצופאַלן.

ער האָט אויך באַמערקט דורך די צווייגן עפּעס אַ מין ווייטקייט, אָן אומ־וואָרקייט, אָבער ווי אַ פאַרלוירענע פאַר אים: דאָס איז געווען די ליבע און דאָס איז געווען זיין ציל, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין פריער־דיקע פראַגע, וועלכע איז אים געלעגן אויף דער צונג, איז געווען, אויב נישט קיין אומזיסטיקע, אַ צו־דרייסטע. ער האָט אַריינגענומען אין זיין ברייטער האַנט עוולינס צאַרטע, מיט בריליאַנטן באַדעקטע, האַנט און זי צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק. ער האָט

איר האָנט לאַנג אַזוי געהאַלטן, מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט געפינענדיק אין זיך גענוג קיין כוח אַרויסצורעדן כאָטש אַ וואָרט. עוולין האָט דער־פילט, אַז דער זיג איז אויף איר זייט. זי האָט באַפרייט איר האַנט און זיך אָפּגערוקט.

איר איז אוודאי אויך נישט אָנגענעם צו פאַרלענגערן אַזעלכע מינים באַציאונגען. אחוץ אירע אינערלעכע געפילן, זענען נאָך געווען אויסער־לעכע סיבות: אין דער גאַנצער שטאָט זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, מען האָט אויך פון איר געלאַכט, חוזק געמאַכט, און זי, וואָס איז זי, משטיינס־געזאָגט ? !

עוולין איז אפילו געווען צעטרייסלט. זי איז אויפגעשטאַנען פון דער קאַנאַפּע, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אויסגעדרייט זיך מיטן רוקן צו דער ליכט, אָנגעשפּאַרט אירע הענט אינעם פענצטער־ברעטל און לייכט אי־בערגעבויגן דעם ביוסט הינטערווײַלעכטס. זי האָט געוווסט, אַז שטייענ־דיק אין אַזאַ פּאָזע, פאַרדעקט זי די פאַררעטערישע קנייטשן אויף אירע באַקן און אין די ווינקלען פון די ליפּן, די טונקעלע קישעלעך אונטער אירע אויגן.

— איר מיינט, אַז פאַר מיר איז דאָס אַ לייכטע זאַך ? איר זענט אַ מענטש אָן אַ נשמה, אָן עגאָאיסט ; איר טראַכט נאָר וועגן זיך. פּסקנט אָבער איר אַליין : חתונה האָבן אָן דער קייזערלעכער צושטימונג, פאַר־לירן מיינע ירושה־רעכט... איך האָב אַ טאָכטער, איך דאַרף זאָרגן וועגן איר, איך האָב מיין אייגן לעבן, איך בין נישט קיין אַכצן־יאָריק פלאַטער־קעפל, און די אומשטענדן זענען אַזעלכע... ווען איר וואָלט געהערט, וואָס פונדוקלעי האָט מיר נעכטן געזאָגט. וואָלט ביביקאָוו געווען הי, וואָלט מען אפשר אַרויסגעקריגן די דערלויבעניש, אָבער איצטער...

באַלזאַק האָט איר העפטיק איבערגעריסן :

— וואָס ? מען דאַרף שוין ווידער אָפּלייגן ?

ער האָט האָפענונגסלאָז אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— איר זענט נישט דערצויגן, אָנאָרע ! — עוולין האָט זיך מער נישט געקאָנט באַהערשן, זי האָט בייז אַ וואָרף געטון איר מאַיעסטעטישן קאָפּ :

— איך האָב אייך אויסגעהערט אויפמערקזאַם און נישט איבערגעריסן. לאָזט מיך אויסרעדן ביזן סוף.

ער האָט אָבער מער נישט געוואָלט הערן די פאַלשע ריידעלעך, די בבא־מעשיות. ער האָט עס נישט געוואָלט. ער האָט אין איצטיקן מאָמענט פאַרגעסן דעם אייגנטלעכן ציל פון זיין פאַרברענגען אין ווערכאָווניע. זיינע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל אָנגעטראָפן אויף די באַשריבענע בלעט־לעך פּאַפּיר, און ער איז צוגעלאָפן צום שרייב־טיש, אַ כאַפּ געטון די זייטלעך פונעם כתב־יד, זיי צעקנייטשט מיט די פעסטע פינגער, שווער אָפּעטעמענדיק, האָט ער זיך דערנעענטערט צו עוולינען און, פאָכענדיק מיט די הענט, האָט ער כמעט געשריגן :

— לשם דער ליבע, אייך צוליב, עוואַ, האָב איך זיך, צום ערשטן מאָל, אַליין פאַרראַטן ; אין די דאָזיקע בלעטלעך האָב איך אויפגעהויבן ביזן

הימל אַריין אײַער העכסטן פּראַטעקטאַר, איך האָב געגלויבט די נידער־טרעכטיקייט און די טיראַניי; איך בין אַ פֿאַרברעכער און אַן אויסוואורף...

ער האָט מער גאַרנישט נישט געקאָנט זאָגן, די ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, און ער האָט איר געוואָרפֿן צו די פֿיס די צעקנייטשטע בלעטלעך פֿונעם כתב־יד. עוולין האָט אויפֿגעהויבן די הענט, ווי זי וואָלט וועלן אים פֿאַרהאַלטן און וואָרענען, אָבער ער האָט מער נישט געזען איר האַנט, נאָר בלויז געהערט אירע גרויזאַמע, פֿאַרדריסלעכע ווערטער:

— אַך, אַצינד זע איך, אַז מ׳האָט אײַך נישט באַדאַרפֿט אַרײַנלאָזן קיין רוסלאַנד!

באַלזאַק האָט געמאַכט אַ שריט אויף צוריק, אַנשטויסנדיק זיך אויף דער טויבער און שווערער וואַנט, וועלכע איז אים געלעגן אויף דער ברוסט. ער האָט געוואָלט אָפּשטופּן פֿון זיך די דאָזיקע וואַנט און נישט געקאָנט. ער איז אומגעפֿאַלן אויפֿן רוקן, מיט ברייט־צעשפּרייטע הענט, שוין נישט הערנדיק און נישט זעענדיק מער גאָרנישט.

דאָס באַוווסטזיין איז אים צוריקגעקומען ערשט אין מיטן דער נאַכט. דאָס נאַכט־לעמפּעלע האָט לייכט געצאַנקט. עס האָט אויסגעזען ווי אַ ווייטער שטערן. די שטערן — דאָס זענען טויטע נשמות; פֿאַרוואָס איז אים די דאָזיקע פֿראַזע געקומען אויפֿן געדאַנק? ער האָט געהאַט פֿאַרגעסן, ווו ער געפֿינט זיך און געגלייבט, אַז ער איז אין פּאַריז. וואָס האָט מיט אים פּאַסירט? ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט פֿלעשעלעך אויף אַ טישל נעבן בעט. דער ביטערער ריח פֿון די רעצעפּטן האָט אים געקיצלט די נאָז־לעכער.

אויף דער אַנטבלויזטער ברוסט נעבן האַרץ איז געלעגן אַ קאָמפּרעס. ער האָט אים פֿאַרזיכטיק אַראָפּגענומען, געהאַלטן אַ ווײַלע אין דער האַנט דאָס פּייכטע האַנטוך, וואָס איז געווען כמעט אויסגעטריקנט דורך דער היץ פֿון זײַן קערפּער, און עס אַוועקגעלייגט אויף דר׳ערד. ער האָט זיך ביסלעכווייז דערמאָנט וועגן דעם, וואָס עס האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אי־נעם אָפּגרונט פֿון פֿאַרטויבטקייט. ער האָט אַ קוק געטון צופֿוסנס פֿון זײַן בעט. אַנגעשפּאַרט אויף דער בעט־רעם, אײַנגעהילט אין שלאָפֿראָק, איז געשטאַנען עוולין. ער האָט פֿאַרמאַכט די אויגן און אַ ווײַלע שפּעטער ווידער זיי געעפֿנט. ער האָט זיך נישט טועה געווען. דאָן, כדי צו פֿאַר־זיכערן זיך ענדגילטיק, אַז ער ברעדיעט נישט, האָט ער זי גערופֿן, נישט דערקענענדיק זײַן אייגענע שטים, און — דאָס איז טאַקע נישט געווען קיין געשפּענסט — זי האָט ליבלעך געשמייכלט און זיך דערנענטערט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן בעט, אַרויפֿגעלייגט צאַרט איר האַנט אויף זײַן שטערן, גלייכגעמאַכט אַ פּאַסמע האָר און געהאַלטן איר דלאָניע אויפֿן שטערן. די רינגלעך האָבן אים אָנגענעם אָפּגעפֿרישט. עוולין האָט געוואַנדן איר בליק אין ווינקל אַרײַן פֿונעם צימער.

— זײַט מיר מוחל, עווא!

די האַנט אויף זיין שטערן האָט אַ ציטער געטון. עוולין האָט זי צו־ריקגעצויגן און זיך איבערגעבויגן איבער אים. זי האָט לייכט געשמייכלט. ער האָט דערקאַנט דעם דאָזיקן שמייכל; אָט אַזוי האָט זי צו אים גע־שמייכלט אין נוישאַטעל, בשעת זי האָט, אַ באַזיגטע דורך דער ליבע, אָפּגעוואָרפן יעדע צוריקגעהאַלטנקייט און יעדע פאַרזיכטיקייט. אָבער די אויגן זענען מער נישט געווען די זעלבע, ער האָט עס גלייך באַמערקט, און אין אירע אויגן האָט ער כמעט געלייענט אירע געדאַנקען; זי האָט שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, פונקט ווי זי וואָלט האָבן פאַרשטאַנען, און ער האָט דייטלעך געזען איר קורצן און צו־דיקן האַלדז, דעם האַלדז פון אַ פרוי, אויף וועמען די יאָרן זענען זיך שוין היפּש אָן.

— איצטער שלאָפט איין, אָנאָרע, און איך וועל שוין גיין!

כאָטש אין דער טיפעניש פון איר נשמה וואָלט זי וועלן, אַז ער זאָל זי צוריקהאַלטן; אַז ער זאָל זי בעטן צו בלייבן; זי האָט זיך פאַרט גע־פילט איינזאַם; די יאָרן האָבן געטון זייער אַרבעט, און ס׳איז נייטיק געווען ערנסט צו טראַכטן וועגן דער צוקונפט; אַצינד וואָלטן זיי געקאַנט זיך דורכשמועסן — דאָס גאַנצע הויז שלאָפט און ס׳איז געווען דער פאַר־סיקסטער מאָמענט. זיי וואָלטן אפשר געקאַנט דערגיין צו אַ טאָלק. אי־בעררייסן וואָלט געווען לעכערלעך און אומנייטיק.

אָבער באַלזאַק האָט גאָרנישט נישט געזאָגט. ער האָט געשוויגן, און זי האָט פאַרלאָזט דעם שלאָף־צימער, אָפּזיפצנדיק שווער. זי איז דורכגע־גאַנגען עטלעכע צימערן, אירע געדאַנקען זענען פאַרבליבן דאָרטן, נעבן באַלזאַקס בעט. און זוכנדיק זיך צו פאַרגעסן אינעם ברייטן, קאַלטן בעט, האָט זי לאַנג זיך פאַרגעוואָרפן דעם העפטיקן געשפּרעך פון פאַרגאַנ־גענעם אָוונט, וואָס איז געווען אומנוצלעך פאַר ביידן. זיי זענען געווען צו־אויפריכטיק.

באַלזאַק איז נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט... ער איז אויפגעשטאַ־נען פון בעט, ווי נאָר עס האָבן זיך באַוויזן אין פענצטער די ערשטע ליכט־שטראַלן. מאַרינאַ איז געקומען, געשיקט דורך דער גרעפין, ברענ־גען אין אָרדענונג די רפואות און פרעגן, צי מען דאַרף דערלאַנגען דעם פרישטיק אין צימער אַריין. באַלזאַק האָט לאַנגזאַם געזוכט אין זיין זכרון די נייטיקע ווערטער איר צו ענטפערן. מאַרינאַ איז געשטאַנען קעגנאיבער אים, פאַרטראַכט אין אירע אייגענע געדאַנקען, די אָקסלען אַביסל איינ־געבויגן. דאָס אָפּגעברוינטע געזיכט אירס איז געווען פאַרמרה־שחורהט. לסוף האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט גיין פרישטיקן אין עס־צימער. אָבער דאָס מיידל איז אַלץ געשטאַנען און איז נישט אַרויס פונעם צימער. ער האָט דאַן געמיינט, אַז זי האָט אים נישט פאַרשטאַנען, און ער האָט אי־בערגעחזרט, דאָס ער וועט אַרויסגיין. אָבער דאָס מיידל איז נאָך אַלץ נישט אַרויס. זי האָט אים אָנגעקוקט, זיך אומגעדרייט צו דער טיר און, ענדלעך האָט זי זיך אַנטשלאָסן, זי איז אַנידערגעפאַלן אויף די קני נעבן אים און אויסגעשטרעקט די הענט:

— ליבער הער, מיין גוטער הער, האָט רחמנות, באַשיצט אונדז, נעמט

זיך אַן פּאַר וואַסילין! — זי האָט נישט געוווּסט, וועלכע ווערטער אָנצו־וועגדן וועגן איר גורל, כּדי אַט דער פיינער הער זאָל אַלץ פאַרשטיין? — הער קאַרל וויל אים אָוועקשיקן צו די זעלנער; זאָגט אַ גוט וואָרט דער ליבנסווירדיקער האַרין!

און מאַרינאַ האָט אַרומגענומען באַלזאַקס פיס, איבערחזרנדיק נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל איר בקשה, בעת אין אירע שיינע, טיפע אויגן האָט געגליט אַ פונק פון האָפענונג.

ער האָט זי שלעכט פאַרשטאַנען און עס איז אים געווען פיינלעך, אומדערטערעגלעך צו זען דאָס מיידל קניענדיק פאַר אים, קושנדיק אים די פיס. אַ גערירטער און באַטויבטער, האָט ער זיך איבערגעבויגן, גענומען דאָס שטובמיידל פאַר די עלנבויגנס און זי אויפגעהויבן פון דר'ערד; זי האָט געפאָלגט, שפּירנדיק זיין גוטהאַרציקייט; זי איז שוין געווען כמעט אויפגעשטאַנען, נאָר ער האָט נאָך נישט געהאַט באַוויזן זיך צו דערוויי־טערן און זי אַפּצולאָזן, ווי די טיר פון שלאָף־צימער האָט זיך געעפנט און עוולין האָט זיך געיאַוועט אויף דער שוועל.

קאַפּיטל אַכט

דער יאַריד

דאָס פּייקל האָט ווילד אָפּגעהילכט. די פלייט האָט געוויינט, מאָ־מענטנווייז מעלאַנכאָליש, אומעטיק, און צייטנווייז כמעט פאַרצווייפלט. בלויז די פידלען האָבן געגרימפּלט שטיל, פיין מיט געפיל. און דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ מעלאָדישן אַנסאַמבל, אַ נישט־האַרמאָניזירטן, אָבער אַ רירנדיקן. פרויען, מענער, יינגלעך און מיידלעך זענען דאָ גע־שטאַנען אין אַ האַלבן קרייז, זיך צוגעקוקט און צוגעהערט. פון דער זייט פון דניעפּער האָט געווייעט אַ קאַלטער ווינט. אין די קאַלוזשעס, אונטער זייערע פיס, האָט געבריזגעט דאָס וואַסער. אַ פּאָרע איז אַרויסגעגאַנגען פון זייערע אָפענע מיילער, אומבאַוועגלעכע אויף אַ ווײַלע, גרייטע אויס־צושיסן אין אַ געלעכטער אָדער אויסצוגלאָצן די אויגן. אַ קופּערנע זון האָט געשפּילט אויף די שויבן פונעם פורגאָן. איבערן פורגאָן האָט גע־פלאַטערט אויפן ווינט אַ רויט פענדל. נעבן דעם אַריינגאַנג איז אויף אַן אָפּגענוצט טעפּיכל געשטאַנען אַ האַלב־נאַקעטער מענטש. דער ווינט האָט אָנגעבלאָזן זיינע ברייטע זיידענע הויזן. דער מענטש האָט געהאַלטן אין די הענט אַ צוויי צענדליק לאַנגע, שאַרפע מעסערס מיט זילבער־געטאַקטע הענטלעך. ער האָט באַטראַכט דעם המון פון אונטער זיינע געמאַרשטשע־טע ברעמען, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין די פאַרלאַנגען און זיך דורכ־דרינגען מיט זיי. אַ הויקערל, אָנגעטון אין אַ שוואַרצער פעלערינע, וואָס

איז אַראָפּגעהאָנגען ביז דר׳ערד, האָט אַראָפּגענומען זיין הויכן צילינ־דער און זיך פאַרנייגט זייער נידעריק, פון דריי זייטן. מיט אַ פישטשענדיק, אומאָנגענעם קולכל האָט ער אויסגערופן:

— מיינע ליבע הערן און דאַמען, דער באַרימטער כישופמאַכער, מאַ־גיקער און האָקוס־פּאָקוסניק קוואַראַנציאַנאַ אַנטאַניאַ, וועמענס נאָמען עס איז באַקאַנט אין דער אַמאַליקער וועלט און אין דער היינטצייטיקער וועלט, וועט אייך באַלד ווייזן זיין הויכע קונסט און אייער באַוווּנדערונג וועט זיין אין־לשער!

דאָס הויקערל האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און צוריק אָנגעטון דעם צילינדער אויף זיין רונדיקן קאָפּ. דער מענטש אויפן טעפּיכל האָט זיך צעשמייכלט, ווייזנדיק דעם המון אַ מויל גלייכע, בלענדנדיק־ווייסע ציין.

דאָס פייקל האָט זיך צוגעאיילט. די פליים און די פידל זענען גע־בליבן הינטערשטעליק. באַלזאַקן האָט גיכער אינטערעסירט דער המון, ווי דער קונצנמאַכער אויפן טעפּיכל. די פרויען האָבן זיך צעשמאָלצן פאַר תענוג, די מענער האָבן זיך פּאַסמאַקעוועט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, די קינדער האָבן פריילעך געפּאַטשט מיט די הענט. דאָס פייקל האָט גע־בומען זעצן ווי אַ האָגל. דער מאַגיקער און כישופמאַכער, אַ דורכגעשטאָ־כענער מיט מעסערס ביזן גאַרטל, האָט געשפּרייזט איבערן טעפּיכל, דריי טריט רעכטס, דריי טריט לינקס, און געשמייכלט.

באַלזאַק האָט זיך קוים אָפּגעריסן פון המון. ער האָט זיך אַ ווילע פאַרהאַלטן, כדי צו פאַרקנעפּלען דעם פּאַלטן. זיינע פינגער האָבן נישט געקענט צוטרעפן צו די קנעפּלעך. יוזעפּאָוויטש, וואָס איז געשטאַנען אַביסל ווייטער, איז געקומען צולויפן:

— מ׳סיע, כ׳האָב אייך באַלד געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך נישט געלוינט צו מוטשען זיך...

— וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר, דאָס איז דאָך אַ פּרעכטיקער ספּעקטאַקל. נישט אַזוי דער מאַגיקער, ווי אָט דער גאַנצער עולם. מיין גאָט, ווי די מענטשן קוקן אויף אים, זעט איר אַליין!

— לאָמיר גיין אַביסל ווייטער — האָט פאַרגעלייגט יוזעפּאָוויטש, וועמען עס איז לחלוטין נישט געווען צום האַרצן אָט דער מאָדנער קאַפּריז פונעם גאַסט. נאָר וואָס זאָל מען טון? דער הער שריפטשטעלער האָט חשק געהאַט צו באַזוכן דעם יאַריד.

און זיי זענען אַוועק ווייטער, דורכבערעכנדיק זיך אַ וועג מיט די עלנ־בויגנס און מיט די אַקסלען, אַריינשטופּנדיק זיך צווישן אָט דעם פּיל־שפּראַכיקן, ברויזנדיקן ים מענטשן. זיי זענען דורכגעגאַנגען לענגאויס אַ גרויסער ריי וועגענער; אויף די אויפגעהויבענע האָלאָבליעס, ווי בלומען אויף זייערע שטענגלעך, זענען געווען אויסגעשטעלט שיינע בינטלעך גיל־דערנע ציבעלעס, טעפּ, ערדענע שיסלען. אַ גאַגערייַ פון געגנדז; אַ שנאַ־טעריי פון קאַטשקעס; אַ געפּילדער און גראַטשקע, אַז הימל עפן זיך! אָפּ־געברוינטע געזיכטער פון ציגיינער און ציגיינערינס... און זיי האָבן נישט געפונען נישט קיין וועג און נישט קיין שטעג. מ׳האָט באַדאַרפט אַריבער־

שפּרייזן איבער מענטשלעכע קערפּערס, הויפנס טעפּ און קרוגן; הינטער זיי האָבן אָפּגעקלונגען די קללות פון די פּויערטעס, בעת זיי האָבן זיך אַריינגעקוועטשט צווישן דעם המון. אַ יונגע און שיינע ציגיינערין האָט בשעת־מעשה אָנגעכאַפּט באַלזאַקס האַנט:

— טייערער הער, ליבהאַרציקער הער, לאָז מיך דיר לייענען דיין צו־קונפט, לאָז מיך דיך טרייסטן, מיין גוטער הער!

באַלזאַק האָט ווייטער געשפּאַנט, לאַכנדיק דערביי. די ציגיינערין האָט אַלץ העפּטיקער אים געריסן פאַר דער האַנט. יוזעפאָוויטש האָט אויף איר אַ געשריי געטון:

— טראָג דיך אָפּ פון דאַנען, וואָס האָסטו זיך אָנגעטשעפּעט!...

אָבער די ציגיינערין האָט זיך נישט באַרויקט. באַלזאַק האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער, ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון צושטימונג. יוזעפאָוויטש האָט געהויבן די אַקסלען. וואָס דעם דאַזיקן שריפטשטעלער קען אַלץ איינפאַלן! די נייגיריקע האָבן זיך גענומען פאַרזאַמלען אַרום. די ציגיינערין האָט אָנגעקריגן דעם פּראַנצויז. זי האָט פעסט אַריינגענומען אין אירע שוואַרצע הענט באַלזאַקס שניי־ווייסע דלאָניע, געקוקט אים אין די אויגן אַריין מיט אירע שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן. זיינע פליישיקע ליפּן האָבן געציטערט. ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן דעם דורכדרינגענדיקן בליק און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט געזען איר הויכן ביוסט און פון אויבן עטלעכע שנירל האַלדזבענדער פון דוקאַטן. עס האָט אים עפּעס אַ טיאָכקע געטון אין האַרצן. יוזעפאָוויטש האָט אים פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. און באַלזאַק האָט געהאַט פאַרגעסן אין קיעוו, אין יאַריד, אין זיין איילִיקן און נודנעם באַגלייטער, אין די נייגיריקע, וואָס האָבן זיך געשטופּט אַרום; ער האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן און ווידער האָט ער אָנגעטראָפן דעם ברענענדיקן, דורכדרינגענדיקן בליק פון דער ציגיינערין; בעת זי איז אים אַלץ טיפער און טיפער אַריינגעקראָכן אין דער נשמה אַריין, האַלטנדיק פעסט מיט אירע שטאַרקע פינגער זיין פוכיקע דלאָניע. דאָס אַלץ האָט געדויערט נישט לענגער ווי אַ רגע, אָבער פאַר באַלזאַקן האָט דער דאָזיקער בליקן־דועל זיך אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט; און ווען די שוואַרץ־אויגיקע טרעפערקע האָט אַראָפּגעלאָזן איר בליק אויף זיין האַנט, איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען פאַרכישופט פון אירע אומרואיקע און פרעכטיקע אויגן. אַצינד, האָט זי באַטראַכט זיין דלאָניע, מורמלענדיק עפּעס אויף איר כאַרכלענדיקער, סטעפּישער שפּראַך. זי האָט אַרומגעפירט איר שמוציקן נאָגל איבער דעם אָדער־געוועב פון דער דלאָניע. זי האָט אומעטיק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אין אַ זייט, אַריבער זיין אַקסל, ווי זי וואָלט געזוכט עמיצן צווישן אָט דעם מענטשן־ים — עמיצן, וועמען זי האָט נישט געפונען.

— פאַרוואָס שווייגסטו? דו קענסט נישט אויסטראַכטן קיין ליגן? — האָט יוזעפאָוויטש בייז אַ זאָג געטון.

די ציגיינערין האָט אויף אים אַ קוק געגעבן מיט פאַראַכטונג. זי האָט

געכאַפּט אַ בליק אויף יוזעפּאָוויטשעס פיגור, דאַן האָט זי ווידער געקוקט דעם פראַנצויז אין די אויגן אַריין. זי האָט, פאָרזיכטיק און פּאַמעלעך, ווי מורא האָבנדיק אָפּצולאָזן, אויפגעהויבן מיט אירע הענט אַלץ העכער און העכער זיין דלאָניע, באַטראַכטנדיק אויפמערקזאַם דעם פּלאָנטער פון די ליניעס; און אומגעריכט האָט זי מיט אַן אומגעצוימטן אימפּעט צוגעהאַפּטן צו איר אַ לאַנגן און הייסן קוש.

זי האָט אָפּגעלאָזט די האַנט און איז פאַרשווּנדן געוואָרן, ווי אַ בליץ, צווישן המון, לאָזנדיק יוזעפּאָוויטשן אַ פאַרגליווערטן פון איבעראַשונג און באַלזאַקן אינגאַנצן אַ צעטומלטן. דער עולם האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער. די ציגיינערין איז שוין געווען ווייט און באַלזאַקס אומרואיקער בליק האָט זי אומזיסט געזוכט צווישן המון. יוזעפּאָוויטש האָט דיסקרעט אונטערגעשמייכלט. שלייכנדיק זיך צווישן ברויזנדיקן המון, איז באַלזאַק די גאַנצע צייט פאַרבליבן אונטערן רושם, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט די מאָדנע האַלטונג פון דער שיינער ציגיינערין. דעם אמת געזאָגט, איז ער נישט געווען גענייגט צוצוגעבן קיין ערנסטן באַדייט דעם דאָזיקן עפּיזאָד, אָבער דעם מיידלס ספּאָנטאַנישקייט, איר מיטרייסנדיקער און אומרואיקער בליק, דער באַריר פון אירע הייסע ליפּן אויף זיין דלאָניע (ער האָט נאָך איצט געשפּירט אָט דעם קרעפטיקן קוש), — דאָס אַלץ האָט נישט געקענט באַטראַכט ווערן אַלס אַ נישטיקע און לעכערלעכע אַוואַנטורע.

דער יאַריד האָט געזשומעט ווי אַ ריזיקער איבערגעשראָקענער בינשטאָק. די זון האָט זיך אַראָפּגענייגט צום האָריזאָנט־צו, אָבער קיינער האָט נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן דעם מאַרקפּלאַץ. פּונקט פאַרקערט: פון אַלע זייטן האָבן נאָך געשטראָמט מענטשן. זיי זענען געגאַנגען צופוס, געפירט פערד פאַר די לייצעס, געשלעפּט מיט שטריק פאַרשנורעוועטע קי, געטראָגן אין זעק ריטשענדיקע חזירימלעך. דאָס אַלץ האָט זיך געשלעפּט אין אומאָרדענונג און אין איין אָטעם. פּונקט ווי די פערד, די אָקסן, די פורן — וואָלטן אַלע געפאָלגט איין אַלגעמיינעם באַלעבאָס, און די מענטשן האָבן זיך געשלעפּט אין פאַרשידענע זייטן, ווי געטריבענע דורך איין און דעם זעלבן אימפּעט, איינער אין דערוואַרטונג פון עפּעס נייטיקס ווי דאָס לעבן, די אַנדערע — צעטראָגענע, פאַרביטערטע, פאַרצווייפלטע, אָן אַ טראָפּן בטחון אין די אויגן. און אומעטום האָבן זיך געשטופּט, זיך דורכגעשלייכט, געאַרבעט אויף אַלע כלים פּיד־הענדלער, שאַכערס, הורט־סוחרים און פּאַקן־טרעגער; טייל פון זיי האָבן צוגעצויגן די קונים דיסקרעט, מיט אַ געדעמפּטער שטים, אַנדערע ווידער האָבן זיי גערופן בקול־רם און געלויבט זייער סחורה און זיך אַליין. און קליינע אייזלען, געקומענע ווער ווייסט פון וועלכע מקומות, האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן די פיס פון די אָקסן און די פערד, מעלאַנכאָלישע קעמלען האָבן באַוויגן מיט די הויקערס; די זויבערע טורבאַנען און די רויטע פעזן זענען פאַרבייגעגאַנגען צווישן די קאַשקעטן און די הויכע קאַראַקולענע היטלען.

יאָ, אָט־אָ דאָ, אין אָט דעם ריזיקן האַרמידער און טאַראַראַם, אין דעם גערודער און אומאָרדענונג, האָט באַלזאַק צוריקגעפונען די גלייכגעוויכט און די רו. זיינע אויגן האָבן זיך זשעדנע איינגעגעסן אין אָט דעם אומ־דערמידלעכן מענטשן־שטראָם, וועלכער האָט אויסגעלייגט אויף די ברע־געס זיינע באַדערפענישן, זיין פאַרמעגן און זיינע פאַרלאַנגען. דאָס איז געווען אַ קויף און פאַרקויף. אַזעלכע ענלעכע סצענעס פלעגט ער זען אויף די יאַרידן פון ליאָן, אין די פאַרשטעט פון מילאַן, אין האַמבורג, אין דרעזדען, אין קאַרסיקע, אָבער דאָ — ער וואָלט געקענט שווערן — דאָ איז אַלץ געווען אַסך קאָלירפולער, פיל רייצנדיקער.

אַזוי האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט, פרווונדיק איינקריצן אין זיין זכרון אַלדאָס קלאָרע און סאַמע באַדייטנדיקסטע. זיין בליק איז געווען אָנגע־שטעלט אויף די מענער און פרויען מיט די בראָנזענע געזיכטער, אָפּגע־סמאַליעטע אויפן בייזן און מעכטיקן סטעפּישן ווינט, ערנסטע און אָנט־שלאָסענע אין זייערע מעשים און באַוועגונגען; ווי ער וואָלט האָבן אַנט־דעקט אין זיי אַ געוואַלדיק־מעכטיקע גבורה, געקנעפּטיקט מיט די זאַפטן פון אַ פרוכפּערדיקער ערד. ער האָט וועגן אַלעם פאַרגעסן, ווען די בחורים און מיידלעך האָבן גענומען פריידיק לאַכן, טאַנצן, אונטערהייבנדיק שיכטן שטויב איבער די פורן. פונדעסטוועגן האָט ער אין דער ציגיי־נערין נישט געקענט פאַרגעסן. ווו איז זי אַהינגעקומען, דאָס שלאַנקע מיידל מיט די שוואַרצע אויגן? אַ פאַנטאַסטישער געדאַנק איז אים פלוצ־לונג איינגעפאַלן: צו אַנטלויפן מיט איר אין דער סטעפּ, זיצן אַקסל־ביי אַקסל ערגעץ אונטער אַ צעלט, אַרום אַ פייער, אונטערן פרייען הימל; הערן אירע לידער, קושן אירע ליפּן, טרינקען פון זיי דעם אומרו פון פאַרפירערישע נעכט פול מיט בענקשאַפט. און ער האָט זיך דער'מאָנט אין יענער נאַכט, וועלכע איז פאַרביי ווי אַ בייזער חלום; זיין איינזאַמקייט, זיין אומעט. ער האָט דערזען פאַר זיך עוולינס געשלאָסן, קאַלט גע־זיכט, און ער איז צו זיך געקומען. יוזעפאַוויטש איז געווען באַאומרואיקט. וואָס האָט דאָ פּאַסירט מיטן מייסטער באַלזאַק? זאָל מ'סיע באַלזאַק נישט זיין בייז, וואָס ער, ווי אַן אמתער און הייסער פאַרערער פון זיין טאַלאַנט, האָט זיך דערלויבט אים אָנצורופן אַזוי, ווי זיינע תלמידים האָבן זיך צו אים געוואָנדן אין פאַריז. זאָל ווירקלעך די דאָזיקע מאָדנע ציגיינערין האָבן אויף אים אַזוי געווירקט? נו, אויב אַזוי, דאַרף ער זיין שטאַרק סענטימענטאַל! אגב, דאַרף אַ שרייבער זיין אַזעלכער. ער האָט זיך דער־מאָנט אין די שרייבער, וועלכע ער האָט געהאַט געקענט. אומבאַדינגט, ס'איז כדאי צו דערמאָנען בלויז פּושקינען, אָדער... שעווטשענקאָן. נייז, ס'איז נישט געווען ריכטיק אָנצורופן דעם לעצטן, אָבער ס'איז שוין גע־ווען צו־שפּעט. דער נאָמען האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון דער צונג און מ'האָט אים נישט געקאָנט צוריקכאַפּן.

נאָך גוט, וואָס באַלזאַק איז געווען פאַרנומען. ער האָט מסתמא נישט געהערט. צו וואָס אים דערציילן וועגן שעווטשענקאָן? דאָס נוצט צו גאָר־

נישט און ער, יוזעפאָוויטש אַליין, האָט עס אויך נישט בייטיק. און דאָך, דערמאָנט זיך יוזעפאָוויטש יענעם פרילינג, ס'איז גאָרנישט אַזוי לאַנג, בעת מ'האָט געפירט איבער די גאַסן דעם דאָזיקן שטאָלצן און דרייסטן פויערשן דיכטער; ער איז געגאַנגען מוטיק און אַנטשלאָסן, דעם קאָפּ אין דער הויך, פונקט ווי זיינע שפּיזנדיקע אויגן וואָלטן קענען אַריינדרינגען אין די מענטשן און אין די ווענט; פונקט ווי ער וואָלט פונדערווייטנס דערזען די פאַרווירקלעכונג פון זיינע האָפענונגען. דאָס דאַרף מען נישט דערמאָנען. צוליב וואָס? הער באַלזאַק טאָר נישט וויסן וועגן דעם בונטאָווטשיק שעווטשענקאָ. אַזוי האָט געוואָלט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו. יוזעפאָוויטש האָט פאַרזיכטיק אַנגענומען באַלזאַקן פאַרן אָרעם; ער וואָלט אים וועלן פאַרלייגן צו פאַרענדיקן זיין שפּאַציר, ס'איז געווען צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, זיי האָבן שוין געהאַט באַזוכט כמעט דעם גאַנצן יאַריד. באַלזאַק האָט אויך פאַרלאַנגזאַמט דעם טריט, ער האָט באַגריפן די כוונה פון זיין באַגלייטער. ס'איז צייט געווען אַהיימצוגיין.

אָבער פּלוצלונג האָט דער פראַנצויז געוואָנדן זיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַן עדה פויערים, נעבן אַ נידעריק, גרין ביידל. דאָ האָט מען מסתמא געהאַנדלט מיט טריפהנער, פאַרבאַטענער סחורה — מ'האָט דאָ נישט געזען קיין שום גראַטשקע, ווי אויך נישט דעם געוויינלעכן געדראַנג פון די יאַרידן. די פויערים זענען געשטאַנען צונויפגעפרעסט אַקסל־ביי־אַקסל און האָבן קרום געקוקט מיט אָפענער פיינטשאַפט אין דער ריכטונג פון באַלזאַקן און יוזעפאָוויטשן. דער לעצטער האָט אויך געקוקט מיט נייגיר אויפן המון.

דערנעענטערנדיק זיך, האָבן זיי געהערט אומעטיקע קלאַנגען פון אַ קאָבזע *), דאָן האָבן זיי באַמערקט זיצן אויף דר'ערד, נעבן ביידל, אַ גרייז־גרויען זקן. ער איז געזעסן מיט פאַרלייגטע פיס, אַנגעשפּאַרט אין דער וואַנט פונעם ביידל, אַן אַ היטל, מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד און געגרימפּלט מיט דער רעכטער האַנט אויף דער קאָבזע, צופנדיק די סטרונעס, די בלינדע אויגן זיינע געוואָנדן אין חלל אַריין. אַ יינגעלע איז געזעסן נעבן אים און געהאַלטן אַ טאָרבע אין דער האַנט. באַלזאַק האָט זיך דערנעענטערט. די פויערים האָבן זיך נישט גערן אָפּגערוקט, אָבער דאָך געלאָזן זיי דורכגיין. עמיצער פון עולם האָט אַ בורטשע געטון:

— וואָס אַזוינס זענען די הערן דאָ אַהערגעקומען זען?

אָבער צוליב די אומצופרידענע בליקן פון די שכנים, איז ער שטיל געבליבן.

...דער קאָבזע־שפּילער איז געזעסן רואיק און ער'נסט. כאָטש ער איז געזעסן צופוסנס פון די מענטשן, האָט מען בולט געזען — ווערדליק זיין האַלטונג, ווערדליק זיין אופן פון אויסגלייכן דעם קאָפּ, פון איינקנייטשן זיין ברייטן און אָפּגעברוינטן שטערן און פון ריכטן די אויגן אויף איין און דעם

---

*) קאָבזע — אַ מין אַמאָליקע אוקראַינישע גיטאַרע.

זעלבן אָרט, — אַז ער איז דאָ געווען דער סאַמע קליגסטער און אַז ער איז געווען פיל מער באַהאַוונט אין א סך זאַכן ווי די אַלע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט. נעבן אים האָט דאָס יינגעלע טרויעריק געכליפּעט — אים איז שוין נמאס געווען אַרומצושלעפּן זיך אויף די יאַרידן מיטן בלינדן זיידן, און אים האָבן געשראָקן די אַלע שווייגעוודיקע לייט, וועמען דעם זיידנס לידער האָבן פאַרשאַפן יסורים; ער איז געווען הונגעריק, און די לייז האָבן אים נישט געלאָזן צורו; אָבער דאָס יינגעלע האָט קיינעם נישט געהאַט, אויסער דעם זיידן, וועמען ער האָט אַרומגעפירט איבער דער וועלט, און דעריבער האָט ער זיך צוגעהערט צום זיידן און געקוקט דערשראָקן אויף אַלץ, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן אַרום אים...

באַלזאַק האָט זיך מיט מי און מאַטער דורכגעריסן צווישן עולם. אין איין אויגנבליק איז ער שוין געווען האַרט נעבן קאָבזאַר. ער האָט מיט נייגיר באַטראַכט דעם עולם, זייערע ערנסטע געזיכטער. טייל האָט זיך דערנענטערט, פאַרבייגייענדיק געהערט דעם אַלטיטשקנס געזאַנג, אַרויסגענומען פון קעשענע קליינגעלט, אַריינגעוואָרפן די מטבעות אין אַ בלעכן שיסעלע און אַוועק, נישט אומקוקנדיק זיך צומאָל. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט פרויען, מענער, אַ מאַנאַך האָט זיך פאַרהאַלטן אויף אַ וויילע, זיינע אויגן, פאַרגאַסענע מיט שמאַלץ, האָבן גענישטערט אין המון. ער האָט געוואָלט זיך צוקריגן נעענטער, אָבער מען האָט אים אומגערן געלאָזט אַדורכגיין. ער האָט פרום אָפּגעזיפצט, באַטראַכט מיט נייגיר באַלזאַקן און יוזעפאָוויטשן, זיך געצלמט און זיך אָפּגעטראָגן. באַלזאַק איז געבליבן אָן לשון, נישט גערירט זיך פון אָרט, ווי אַ פאַרכישופטער. ער איז אומפעאיק געווען צו מאַכן אַ באַוועגונג, אַרויסצורעדן אַ וואָרט. וואָס איז מיט אים געשען? אויפן אָרט האָט מען זיך נישט געקאָנט אָריענטירן. ווי אַ געוויטער וואָלט האָבן אַוועקגעטראָגן אַלע זיינע דאגות. באַלזאַק האָט געקוקט אויפן קאָבזאַר, אויף דער מאַסע, אויף די פאַרבייגייער, וועלכע האָבן אַריינגעוואָרפן מטבעות אין שיסעלע. ער האָט אַרויסגעפילט אין זייער שטרענגן שווייגן אַן אומפאַרשטענדלעכע און ערנסטע וואָרענונג, פונקט ווי די דאָזיקע מענטשן וואָלטן פאַרהוילן אין זיך אַ צאָרנדיקע דראָאונג, און ער האָט, נישט־ווילנדיק, זיך דורכגעדרונגען מיטן זעלביקן געפיל. ער האָט פלוצלונג גענומען טראַכטן, אַז די שטרענגע און פאַרבאַרגענע געזיכטער פון אָט די מענטשן, אַרומגעוויקלטע מיט שמאַטעס, מיט געלעכערטע טראַנטעס אויף די פיס, האָבן אים דערמאָנט די אָרעמעלייט פון די פאַריזער פאָרשטעט, די פויערים פונעם ווייטן קאָרסיקע. עס איז צווישן זיי געווען עפעס געמיינזאַמס, אָבער דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל — און דאָס האָט אים געוווּנדערט מער פון אַלץ — ווי ער האָט געזען אַזאַ פיעטעט פאַר אַ ליד, אַזאַ שטילן און טראָץ דעם שטאַרקן רעספעקט, און די דאָזיקע פאַרערונג האָט אויף באַלזאַקן געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז ער האָט געמיינט, דאָס אַ דראָענדיקער בליצשטורעם האָט באַרירט זיין נשמה.

צווישן המון איז אויך געווען דער זיידע מוסי. ער האָט געבראָדזשעט

אויפן יאַריד און האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן אַלטן מוזיקאַנט. מוסי האָט דערקאָנט באַלזאַקן. ער האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, כדי יענער זאָל אים נישט באַמערקן. דער זיידע האָט מיט בייגיר נאָכגעפּאָלגט דעם אויס־לענדער. וואָלט דער פראַנצויז געווען אַליין, וואָלט אפשר דער זיידע גע־וואָגט צוצוגיין, אָבער נעבן אים איז געשטאַנען אַ מאַן, וואָס האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטרענגן און הויכגעשטעלטן האַר. דער מוזיקאַנט האָט געהערט צווישן עולם דאָס געדעמפּטע געשפּרעך פונעם פריש־אָנגעקומענעם; ער האָט געהערט דאָס וואָרט „האַר", אָבער צוליב וואָס איז ער דאָ אַהערגעקומען? די האַרן האָבן דאָך ביי אים צוגענומען זיינע אויגן, זיין דאַך איבערן קאָפּ; זיי, די רויבער, האָבן ביי אים צוגע־נומען זיין טאָכטער; זיי האָבן אים מיטן איינציקל פאַרטריבן אין דער וועלט אַריין, אויפן ווינט און קעלט; טאָ זאָלן זיי איינגעמען אַ מיתה־משונה מיט זייער רייכטום, די האַרן! און דער מוזיקאַנט מאַכט זיין רוף צו דער פּויערים־מאַסע. ער שרייט אויס צו דער גאַרער וועלט הויך און דרייסט, ער באַווייזט די מענטשן זיין ריידקונסט, ווי איבערצוצייגן זיי, אַז ער איז זייער איינציקער בעל־טובה.

באַלזאַק פאַרשטייט נישט אַלץ, וואָס דער אַלטיטשקער ברענגט אַרויס אין זיין רעטשיטאַטיוו, ער איז גיכער משיג דעם זין פונעם ליד אין די אויגן פון די פּויערים, ער לייענט אים אויף זייערע פּנימער. זיין באַגליי־טער שווייגט, אָביסל אַ צעטומלטער. עס וואָלט גלייכער געווען אַוועקצו־גיין פון דאַנען. זייער אָנוועזנהייט צווישן אָט דעם המון איז ריזיקאַליש. ס'איז נאָך אומאָנגענעמער דערמיט, וואָס דער מוזיקאַנט זינגט די לידער פון אָט דעם זעלבן שעווטשענקאָ. אָט אַן עסק, ער קען זיך פרייען — די פאַרזייטע שלעכטע קערנער גיבן פרוכטן!

יוזעפּאָוויטש פאַרשטייט נישט, וואָס עס קען דאָ אינטערעסירן באַל־זאַקן. יענער קען נישט די שפּראַך, אָבער ער הערט זיך אויפמערקזאַם צו, גלייך ווי ער וואָלט נישט וועלן אויסלאָזן קיין איין וואָרט. און טאָמער מאַכט ער בלויז דעם אָנשטעל, אַז ער קען נישט קיין רוסיש? מען דאַרף דאָ זיין זייער פאַרזיכטיק. דער טייוול וויל שטעלן יוזעפּאָוויטשן פאַר אַ נסיון. אים איז שווער גובר צו זיין אין זיך דעם חשק צו זאָגן באַלזאַקן, ווער עס איז דער אויטאָר פונעם ליד, וואָס עס זינגט מיט אַזויפיל פאַר־שטענדיקייט דער קאָבזע־שפּילער. דער חשובער געהילפס־רעקטאָר האָט קרענקונג. נאָך אַלעמען, ווי דאָס לעבן איז אומיושרדיק! ווען מען וואָלט עס געשטערט, ווען אָט דער געוועזענער קנעכט, אָט דער שעווטשענקאָ, וואָלט בלויז געשריבן רואיקע, פּאַציפיסטישע לידער און אָט דער אַל־טיטשקער וואָלט זיי געזונגען? דעמאָלט וואָלט מען געקאָנט וועגן דעם דערציילן באַלזאַקן. אָבער ער קען נישטביישטיין דעם נסיון, עס קיצלט אים די שפּיץ צונג. און דער געהילפס־רעקטאָר, שפּילנדיק זיך מיטן מלאך־המוות, האָט גענומען שושקען באַלזאַקן אין אויער אַריין ווער עס איז דער מחבר פון אָט דער פּאָעמע. יוזעפּאָוויטש איז אָבער געווען זייער פאַרזיכטיק: אויסער דעם נאָמען און עטלעכע צווייטראַנגיקע איינצל־

הייטן, האָט ער גאָרנישט געזאָגט קיין ספּעציעל וויכטיקס, און איז געווען אויסערגעוויינלעך צופרידן, וואָס באַלזאַק האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן אינטערעס צו דעם, וואָס ער האָט געהערט.

באַלזאַק איז נאָך געבליבן אַ ווײַלע צווישן עולם, און ער האָט פּלוצלונג אַ צאַפּל געטון, גלײַך ווי ער וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַן אומגעריכטן געדאַנק; ער האָט גענומען נישטערן אין די קעשענעס. ער האָט אָבער גאָרנישט נישט געפונען. אָנציענדיק און אָנבלאָזנדיק די ליפּן, האָט ער אַראָפּגענומען פון פינגער אַ גאָלדן רינגל, אין וועלכן ס'איז געווען אײַנגעפּאַסט אַ ווערטפולער שטיין, זיך אַראָפּגעבויגן און אַרײַנגעוואָרפן עס אין שיסעלע. די מוזשיקעס האָבן זיך איבערגעקוקט און באַגלייט באַלזאַקן מיט פאַרוווּנדערטע אויגן, בעת יענער איז אַוועק, דורכשטופּנדיק זיך צווישן עולם.

באַלזאַק איז געגאַנגען לאַנגזאַם, געקלאַפּט מיטן שטעקן אויף דער ערד, אין דער באַגלייטונג פון באַרואיקטן יוזעפּאָוויטש. דער פראַנצויז האָט געקייט די שפּיצן פון זײַנע וואָנצן. די קלאַנגען פון דער קאָבזע און די ווערטער פונעם מוזיקאַנט האָט זיי ביידן אָפּגעהילכט אין די אויערן. דער זיידע מוסי האָט זיי געזען אַוועקגיין און זיך דערנעענטערט צום קאָבזע־שפּילער. יענער האָט געהאַט פאַרענדיקט דאָס זינגען און געבליבן שטיל און רואיק זיצן. מענטשן זענען צוגעגאַנגען, אַרײַנגעוואָרפן אין שיסעלע קליינגעלט, אָנגעפּילט מיט פּענעצלעך ברויט דעם ייִנגעלעס טאָרבע. אַ יונגע פרוי האָט געבראַכט אַ קריגעלע מילך. כאָטש דער מוזיקאַנט האָט זיי אַלעמען נישט געזען, האָט ער אָבער דערקענט זייערע באַוועגונגען און זיי הייס באַדאַנקט. דער עולם האָט גענומען זיך פונאַנדערגיין, און ס'איז שוין באַלד קיינער נישט געבליבן נעבן מוזיקאַנט. דאַן איז דער זיידע מוסי צוגעגאַנגען און זיך באַגריסט.

די צושויער זענען שוין געווען אַוועק, טראָגנדיק אין האַרצן די בייסיקע ווערטער פונעם ליד, דערשטיקנדיק אין דער ברוסט זייער אויסזיכטלאָזן וויטיק, גרייטע פונדאָסניי אַריבערצוטראָגן די ליידן און פּיין, פּלעגנדיק דעם פּרעכטיקן און כּישופֿדיקן געדאַנק, אינספּירירט דורכן ליד פונעם מוזיקאַנט — דעם געדאַנק פון נקמה און פון פרייהייט. און שפּעטער, זייענדיק צעשפּרייט און צעזייט איבער זייערע דערפער, וועלן אָט די מענטשן אַוועקטראָגן ווייט די דאָזיקע ווערטער, וועלכע וועלן זיך צעפלאַקערן אין פײַער פון זייער האַרצן, און אָט די געדאַנקען וועלן אַרויסגעבן פון זיך, פּונקט ווי אַראָפּגעפאַלענע קערנער אויף אַ פּרוכטבאַרן באָדן, אַן אָנוווּקס אַן אײַנגעהאַלטענעם און צאַרטן, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום אַ שווער־אָנגעלאָדענעם מיט שטורעמדיקן שניט.

טיילמאָל זענען די אָנוווּקסן דורך די לעבנס־אומגליקן אַראָפּגעשוואַנקען געוואָרן ווי פון רעגן־שטורעמס. די סוכאָווייען *) האָבן פון אָט די אָנוווּקסן אַרויסגעצויגן דעם קרעפטיקנדיקן זאַפט, אָבער ציִענדיק זייער

*) סוכאָוויי — טרוקענער ווינט אין די אוקראַיִנישע סטעפּעס.

יניקה פון דער ערד, האָבן זיי ווידער איבערגעוועלטיקט אָט די וועטער־בייטן און, אומבויגזאַמע, אויפגעשטאַנען, געוואַקסן און געזוירט זייער פּרוכט, מחמת זיי זענען געווען דאָס לעבן. דער זיידע מוסי האָט אויך געשניטן אָט די קערנער און דעם קאָבזע־שפּילערס ווערטער זענען אים געווען נאָענט צום האַרצן. ער האָט זיי, ווייזט אויס, שוין פון לאַנג געטראָגן אין זיין מחשבה, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען דעם גרויזאַמען אמת, בשעת אָט דער אַלטער מוזיקאַנט, דאַקעגן, האָט אים איצט אָפן אויסגעדריקט. און אָט זענען זיי געזעסן איינער נעבן אַנדערן — דער זיידע מוסי און דער זיידע סעווערין בידע, וועמענס יאָרן קיינער האָט קיינמאָל נישט געציילט און נישט געמאָסטן; דער קנעכט פון פּרינץ רעפּנין פון יאַגאָטין האָט זיך געוואָגלט איבער דער וועלט מיט זיין איי־ניקל מיקאָלקאָ. דער זיידע מוסי האָט כאָטש געהאַט אַ מקום־מקלט, אָבער דער אַלטער סעווערין האָט געהאַט איין איינציקע היים: די ערד און איין איינציקן דאַך: דעם הימל. נישט אומזיסט האָט מען אים גערופן בידע (דחקות). ער איז געזעסן נעבן אַביידל, אויפן טומלדיקן קיעווער יאַריד; פון זיין האַרצן האָבן געשפּריצט פונקען, פונקט ווי פון אַ קראַמ־שטיין, און דעריבער האָט ער געפילט אין זיך עטוואָס פּוסטקייט און צע־טומלעניש, אָבער ער איז געווען צופרידן, וואָס עמיצער איז געבליבן נעבן אים און געטרייסט אים מיט קלאָרע און האַרציקע ווערטער.

דער אַלטער סעווערין האָט געפילט, אַז יענער איז געווען זיינס אַ נאָענטער און כדי זיך איבערצוצייגן דעריין, האָט ער זיך דערלויבט אָנ־צוטאַפּן מיט דער האַנט דאָס געזיכט פון פאַטערל מוסי. דאָס אייניקל מיקאָלקאָ האָט געשמאַק געטרונקען די מילך פון קריגל, געקייט אַ טרו־קענעם בייגל, און מאַמענטנווייז אָפּגעסאָפּעט; ער איז געווען אַזוי פאַר־נומען מיט דער אכילה, אַז ער האָט אַזש נישט געהאַט קיין צייט זיך אָפּצווישן דאָס נעזל.

— דו קומסט פון ווייט, זיידע? — האָט אַ פרעג געטון מוסי; ער האָט אים אָנגערופן זיידע, כדי אָפּצוגעבן אים כבוד — בײדע זענען זיי שוין געווען אַלט און גרוי, אָבער ער האָט איינגעזען, אַז סעווערין איז עלטער און קלוגער פון אים.

— פון ווייט, מיין זון, פון ווייט! איך גיי און זע נישט די ליכטיקע שיין, אָבער איך ווייס אַלץ (מעגלעך, אַז דער אַלטער סעווערין האָט זיך גערימט מיט זיין אַלצווייסעריי). — איך זע דיך נישט, אָבער איך קען דיין נשמה!

דער זיידע מוסי האָט זיך נישט געחידושט. ער אַליין וואָלט געקאָנט אויסגיין גאַנץ אוקראַינע מיט פאַרמאַכטע אויגן. זאָל אים דער ביטערער גורל דערצו שטויסן, זאָל אים די גויט דערצו טרייבן, וועט אים נאָך אַלץ זיין בעסער, ווי צו לעבן אין ווערכאָווניע. אָבער דער קאָבזע־שפּילער סעווערין האָט פאַרגעזעצט:

— שוין לאַנג ווי דער באַלעבאָס האָט מיך פאַרטריבן. דו ביסט בלינד, האָט ער צו מיר געזאָגט, דו ביסט אַ נאַר, מען האָט פון דיר קיין

ריווח נישט. גיי, טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. און איך, מיין זון, בין אַוועק, אַ בלינדער, בעטלען מיט מיין אייניקל, דעם יתום מיקאָלקאַ. נישט אמת, מיקאָלקאַ?

— אמת, זיידעניו! — האָט מיקאָלקאַ קורץ געענטפערט און שיער זיך נישט דערוואָרגן מיט אַ שטיקל ברויט.

— אָט אַזוי וואַנדער איך אַרום, כ׳דערקען דעם באַגינען לויטן טוי, דעם אָוונט וועדליק דעם ווינט, וואָס בלאָזט נידעריק אויף דער ערד.ביידע זענען מיר עלנט, נע־ונד אויף דער וועלט. וואָס וועט פון אים ווערן, ווען איכ׳ל שטאַרבן? שטראָף מיך גאָט, זאָל מיך די ערד צונעמען גלייך אויפן אָרט!

מיקאָלקאַ האָט זיך צוגעהערט צו זיין זיידנס רייד, ער האָט אויפגע־הערט צו עסן. דער דאַזיקער ווייגעשריי האָט ביי אים דערוועקט אַ פּאַר־לאַנג צו וויינען, נאָר די מילך איז געווען געשמאַק און דער בייגל אויך, און ער האָט באַשלאָסן אויסצווויינען זיך שפּעטער, ווען ער וועט פאַר־טיק זיין מיט דער אכילה.

— כ׳בין אויסגעווען אַ וועלט, מיין זון — האָט פאַרגעזעצט סעווע־רין — אומעטום הערשט די נויט, אומעטום די קנעכטשאַפט, אָבער מען באַגעגנט פּרעכטיקע מענטשן, ענלעכע צו אַפּאָסטאָלן, זיי באַווייזן זיך און ווערן פאַרשוווּנדן. אַזוי בין איך איין טאָג פאַרבייגעגאַנגען אין אַ דאָרף, כ׳האָב זיך אָוועקגעזעצט אָפּרוען, עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַזאַ אומעט, אַז איך האָב גענומען שפּילן אויף דער קאָבזע און געזונגען דאָס זעלבע ליד וואָס היינט. ווען כ׳האָב געהאָט פאַרענדיקט, האָב איך גע־הערט עמיצן נעבן מיר, כאָטש איך זע גאָרנישט:

— מיקאָלקאַ! — האָב איך אַ זאָג געטון (מיין אייניקל — דאָס זע־נען מיינע אויגן) — געפינט זיך עמיצער נעבן אונדז?

— יאָ! — האָט געענטפערט מיקאָלקאַ — עס שטייט אַ מענטש, וואָס וויינט. ער וויינט שטיל, נישט אַזוי ווי איך, איך קען אַזוי נישט וויינען. דאָס זענען בלויז טרערן אָן געיאָמער.

— דאָס זענען — האָב איך אים געזאָגט — בלוטיקע טרערן, פון טיפן האַרצן, די סאַמע טייערסטע טרערן, וואָס קענען נאָר זיין אויף דער וועלט.

און דער פרעמדער:

— ס׳איז אמת, זיידע, דו ביסט גערעכט, דאָס זענען די ערגסטע, די ביטערסטע טרערן.

ער האָט זיך דערנעענטערט און אַוועקגעזעצט נעבן מיר. ער האָט מיך גענומען אויספרעגן, ווער איך בין, פון וואַנען איך קום? און רעדן האָב איך ליב, איך האָב גאָרנישט וואָס אויסצובאַהאַלטן, און איך האָב אים אַלץ דערציילט.

— און ווו, זיידע, האָסטו געהערט דאָס דאַזיקע ליד? — האָט ער מיך געפרעגט.

— מענטשן זינגען עס, פון זיי האָב איך עס געהערט. דאָס דאַזיקע ליד איז אונדזערס — האָב איך געזאָגט — וועגן פּיין און לייד.

— אמת! — האָט ער געזאָגט — דאָס איז אונדזער ליד, זיידע, אונדזערס.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך ווײַטער געפרעגט, ער איז געווען נײַגעריק:

— און צי ווייסטו אפשר ווער עס האָט דאָס דאַזיקע ליד פאַרפאַסט?

איך האָב געפילט, אַז כ׳האָב צו טון מיט אַ וואַרעמהאַרציקן מענטש. און כ׳האָב מודה געווען, אַז דאָס איז געווען אַ קנעכט, אַ געוויסער שעווטשענקאָ, אַז דאָס האָט ער פאַרפאַסט די דאַזיקע לידער. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, און באַלד דערנאָך האָט ער מיר געזאָגט:

— לידער וועגן דחקות מאַכן אומעטיק, וועגן פרייהייט דאַרף מען זינגען.

— ריכטיק — האָב איך אַ זאָג געטון — פאַרוואָס דען נישט, איך אַליין וועל אַזעלכע שאַפן.

— אדרבא, שטעל צונויף, זיידע, און זינג זיי.

ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף מײַנער, כ׳האָב געהערט, ווי ער האָט זיך צעלאַכט.

— פאַרוואָס לאַכסטו? — האָב איך אים געפרעגט.

— גלאַט אַזוי, איך פיל זיך גוט אין דײַן געזעלשאַפט.

— איז אדרבא, קום־זשע מיט מיט מיר! — האָב איך צו אים געזאָגט.

— כ׳וואָלט גערן וועלן, זיידע, אָבער ליידער קען איך נישט, עס קען געמאָלט זײַן, אַז אין קורצן זאָל איך זיך אַוועקלאָזן, פונקט ווי דו.

— און דו! — האָב איך אים געפרעגט — ווער ביסטו? אַ קנעכט אָדער אַ פרײַער מענטש?

ענטפערט ער מיר:

— איך הייס שעווטשענקאָ, זיידע!

איך האָב אים איבערגעפרעגט:

— ווער ביסטו, ווער? שעווטשענקאָ?

— איך גופא, זיידע, איך אַליין בין עס!

ער האָט גערעדט שטיל, געלאַסן ווי אַן אמתער מוזשיק.

— מיקאָלקאָ טײַערינקער, שוואַרצאַפּל פון מײַן אויג! — האָב איך אויסגערופן — כאַפּ אַ קוק אויף אונדזער באָרד, אויף אונדזער פאָלקס־דיכטער; זאָג מיר, ווי ער זעט אויס!

דער אַלטער סעווערין איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געפינטלט מיט די אויגן. דערנאָך זענען זײַנע שוואַרצאַפּלען פאַרשטאַרט געוואָרן. מיקאָלקאָ האָט געהאַט אויסגעטרונקען די גאַנצע מילך און רואיק זיצן געבליבן. מוסי איז פון איבעררעשונג ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

— מיקאָלקאָ! — האָט אויסגערופן דער אַלטער סעווערין — דו האָסט געזען שעווטשענקאָן?

— כ׳האָב אים געזען, זיידעניו!

— ווי אַזוי זעט ער אויס?

— אַ פיינער מענטש, זיידעניו. ער האָט מיר געגעבן אַ זילבערנעם רובל און דערביי מיר אַ קוש געטון אין קעפל, און פאַר אייך האָט ער געגעבן אַ קאַטערינע...

— אָך, בנעלע, נישט דאָס פרעג איך ביי דיר! ווי אַזוי זעט ער אויס לויטן געזיכט, אייגעלעך די מיינע?

מיקאַלקאַ האָט געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט די בייטאַגיקע היץ, אין בעריאָזע־וועלדל, דעם ווילן און גוטן זיידעשי, וואָס האָט געטראָגן וואָנצן. ער האָט גערעדט מיט זיין זיידן זייער רואיק, פריינטלעך, זיך נישט געבייזערט. ס'איז זיכער געווען אַ גוטער זיידע, זייער אַ גוטער.

— און אין אָט דעם אויגנבליק האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן באַדויערט, וואָס איך בין אַ בלינדער. פריער בין איך געווען צו־פרידן נישט צו זען די לייד און פיין פון די מענטשן, אָבער דאָ האָט מיר שטאַרק באַנג געטון. גאָט האָט מיר נישט געגעבן דאָס גליק צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן טאַראַס שעווטשענקאָן. כ'האָב אָנגעטאַפּט מיט די הענט זיין פיזיאָנאָמיע, פונקט אַזוי ווי דיר, מיר זענען געבליבן זיצן ביז באַגינען, ער האָט מיך די גאַנצע צייט אויסגעפרעגט און דערנאָך האָט ער מיר אויך דערציילט וועגן זיך, לסוף האָבן מיר זיך געזעגנט. מיר האָבן זיך צעקושט און מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איטלעכער אין זיין זייט.

— דו האָסט מזל, זיידע! דו האָסט מזל! — מוסי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, גלעטנדיק מיט דער האַנט זיין ווייסע באָרד. ער האָט אויך געהאַט געהערט רעדן וועגן שעווטשענקאָ און ער האָט געקענט זיינע לידער, אָבער ער האָט אים קיינמאָל נישט באַגעגנט. דער זיידע מוסי האָט, מיט האַרצווייטיק, פאַרגעזעצט:

— מענטשן דערציילן, אַז דער צאַר האָט זיך אָנגעברוגזט קעגן שעוו־טשענקאָ, געשמידט אים אין קייטן און פאַרשיקט אים ערגעץ אין אַ וויס־טעניש.

— איך גלייב עס נישט! — האָט דער מוזיקאַנט זיך קעגנגעשטעלט — אויסגעשלאָסן, איך גלייב עס נישט! קיינער קען אים נישט שמידן אין קייטן. ס'אַ ליגן. בשום־אופן גלייב איך נישט דערין!

דער אַלטער מוסי האָט אויך נישט געגלייבט אין די דאָזיקע גערע־דערייען.

די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן אויפן מאַרקפּלאַץ. די אַלטע לייט זע־נען אויפגעשטאַנען.

— זיי געזונט! — האָט דער קאָבזע־שפּילער געזאָגט צו מוסין — מיקאַלקאַ, אייגעלעך די מיינע, נעם מיך אָן פאַר דער האַנט!

מער האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט, ער האָט גענומען מיקאַל־קאַס געמאַרשטשעטע הענטל און איז פּאַוואָליע, באַזאַכט אַוועק, די קאָב־זע פאַרוואָרפן איבערן אַקסל און אין דער לינקער האַנט געהאַלטן פעסט

דעם לאַנגן שטעקן. די פאַרבייגייענדיקע פויערים האָבן אים דערקאָנט און אָפּגעטראָטן אים דעם וועג:

— דער זיידע סעווערין גייט, דער זיידע סעווערין!

און ער איז זיך געגאַנגען ווייטער, שטאָלץ און ערנסט, שווייגנדיק און פאַרנומפּטיק, דער קאָבזאַר סעווערין בידע, וועלכער איז באַקאַנט געווען איבער גאַנץ אוקראַינע...

דער זיידע מוסי איז אַהיימגעגאַנגען צו זיך, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות. דורכן הייפל איז ער אַריין אין פּאַווילאָן, ווו עס האָבן זיך פּאַמיעשטשעט עוולין האַנסקאַס הויזדינער. אין פּאָדערצימער, נעבן דער קיך, האָט ער באַמערקט אַ פרוי, וואָס איז געזעסן אויף אַ קופערט, איינגאַנצן איינגעקורטשעט, איינגעהילט אין אַ פּאַטשיילע און געוויינט. ער האָט זיך דערנעענטערט און זי אַנגענומען פאַרן אָרעם. די פרוי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ:

— מאַרינאַ! — דער אַלטיטשקער האָט דערקאַנט דאָס שטובמיידל — וואָס איז מיט דיר? האָט דיך, חלילה, געטראָפן אַן אומגליק?

— די האַרין האָט מיך ווידער געשלאָגן, זיידעניו, שיער נישט צום טויט, ווי נאָך קיינמאָל נישט! — מאַרינאַ האָט אַ שלוכץ געטון און נאָך שטאַרקער זיך צעכליפּעט.

זי האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, וויינענדיק מיט ביטערע טרערן:

— זי האָט מיך פאַרשלאָסן אין איר צימער, געריסן פאַר די האָר; זי האָט געוואָלט דערגיין, צי דער הער האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאַג, זי האָט מיר נישט געגלייבט און צוגעזאָגט צו לאָזן מיך שמייסן אין שטאַל פון ווערכאָווניע. זי האָט מיר פאַרוועהרט אַריינצוגיין אין די צימערן... „איך וועל דיך אָוועקשיקן היטן די בהמות" — האָט זי צו מיר געזאָגט.

מאַרינאַ איז אויפגעשטאַנען, זיך דערנעענטערט צום זיידן, אַרויפגעלייגט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און אָפּגעזיפצט:

— איך קען מער נישט אויסהאַלטן, פאַטערל, איכ'ל באַגיין אַ פאַרברעכן, איכ'ל אַ סוף מאַכן צום לעבן!

— זאָל דיך גאָט אָפּהיטן, טאָכטערל! זאָג דאָס נישט! שווייג! האָב געדולד!

ער האָט זי צוגעפירט צום קופערט, זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר. ער האָט זי געגלעט איבערן קאָפּ, גערעדט צו איר. מאַרינאַ האָט געוויינט, לאָזנדיק טריפן אירע טרערן פון צער, נישט הערנדיק דעם אַלטיטשקנס רייד. מען האָט אָנגעצונדן די לאָמפּן אינעם הויז פון די באַלעבאַטים. דער זיידע מוסי האָט געלאָזן מאַרינאַ איינע אַליין און איז אַרויס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די טרעפּ און לאַנג געקוקט אין די העל־באַלויכטענע פענצטער.

✻

באַלזאַק און עוולין זענען געזעסן אינעם סאַלאָן. דער הויף־אויפזע־

ער האָט געבראַכט די קאָווע. עוולין האָט אַריינגעגאָסן באַלזאַקן אַ טעפּעלע. דאָס איז געווען עפּעס אַ מאָדנער אָונט. צוריקגעשמועסט, זענען לעצטנס אַזעלכע אָונטן פאָרגעקומען זייער אָפט. ס'האָט אויסגעזען, ווי בייזע רוחות וואָלטן געשוועבט אין דער ענגער לופט פונעם סאַלאָן. עוולין איז געזעסן נעבן טיש, מאַיעסטעטיש און שטיל, אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד, אָן שום פּוץ אויסער אַ שטערנבאַנד אין די האָר, און באַלזאַק האָט נישט געפונען קיין איין וואָרט אויף צו צעשמעלצן, מיט דער היץ פון זיין שטים, דאָס דאָזיקע פאַרגליווערטע שווייגן. לכתחילה האָט ער געגלייבט, אַז מ'וואָלט באַדאַרפט אויפקלערן עוולינען די פרימאָרגנדיקע קאָמישע מיספאַרשטייעניש. צי קען זי דען באמת האָבן אַ פאַרדאַכט וועגן וועלכער נישט איז אינטימקייט צווישן אים און דעם שטובמיידל? ס'איז בפירוש אַן אומזין! אָבער וואָס מער ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן אָט דער געשעעניש, אַלץ מער איז געוואַקסן אין אים דער פּראָטעסט קעגן דער פאַלשער פּאַטראָנעסע. ניין, ער וועט גאָרנישט נישט זאָגן. וואָס שייך עוולינען, האָט זי גערעדט וועגן אַלע מינים אומבאַדייטנדיקע, צווייטראַנגיקע זאַכן, זי האָט באַדויערט וואָס ביביקאָוו איז נאָך אַלץ קראַנק; וואָס פונדוקלעי איז פּלוצלונג אָוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג, און לסוף האָט זי געמאָלדן, אַז צומאָרגנס אינדערפרי וועלן זיי זיך אומקערן צוריק קיין ווערכאָווניע. זיי זענען נאָך דאָ פאַרבליבן אַ שעה צייט, דערמאָנענדיק די געמיינזאַמע באַקאַנטשאַפטן, אָבער זיי האָבן אין זייערע קעגנזייטיקע בייזע בליקן אַריינגעלייגט מער באַדייט ווי אין די פוסטע, מטושטשדיקע רייד.

נאָכדעם האָט באַלזאַק לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן, געדרייט זיך אויפן געלעגער פון איין זייט אויף דער אַנדערער, אָנשפּיצנדיק דאָס אויער צום גערויש פון ווינט הינטערן פענצטער, קרעכצנדיק און באַקלאָגנדיק זיך אויף זיין גורל, אויף זיך אַליין, אויפן דוחק אין זיין אַרבעטס־פלייסיקייט. דאָס אַלטע וואַקלדיקע הילצערנע בעט האָט געסקריפּעט אונטער זיין שווערן גוף, גלייך ווי עס וואָלט געשווומען, אַוועקטראָגנדיק אים אין דער טיפער פינצטערקייט, אין לאַבירינט אַריין. וויגנדיק זיך אַזוי אויף די כוואַליעס פון דערינערונג, איז ער דאָרט אַראָפּגעזונקען און ווידער אויפגעטויכט אויף דער אויבערפלאַך און מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז עס האָט זיך באַוויזן דער דורכגעטריבענער סקאָטלענדער וואַלטער סקאָט בכבודו ובעצמו; יענער האָט, אונטערהינקענדיק, זיך געדרייט אַרום זיין בעט, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, מיט גרויסע דורכדרינגענדיקע אויגן אונטערן ברייטן שטערן, ער האָט געשוויגן און בלויז אָנגעקוקט אים מיט אויפפאָדערונג און פאָרוואורף, לסוף האָט ער אים געטאַדלט מיטן פינגער, ווי מען טאַדלט אַ חדר־יינגעלע, און איז פאַרשוואונדן.

באַלזאַק האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערביי זיך דערמאָנט וועגן יאַריד, אָבער באַלד האָט אים דער שלאָף ווידער אַוועקגעלייגט און אַלץ האָט זיך אויסגעמישט. די ציגיינערין האָט אים פעסט געהאַלטן פאַר דער האַנט

און אים נישט אָפּגעלאָזן, די חיהשע צורה פון קאַרל האַנסקי האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער, דאָס שטובמיידל מאַרינאַ האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט, בעטנדיק ביי אים הילף, יוזעפאָוויטש האָט אים העפלעך און אונטערטעניק געצויגן צו זיך. און ער האָט זיך פונדאָסניי אויפגעכאַפּט. איצטער האָבן זיינע געדאַנקען, אפנים, אויפגעבליצט, עפּעס האָט אים אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, די מוזע האָט זיך ביי אים דערוועקט. און ער איז נאָכגעקומען די בקשה פון זיין צערייצטער נשמה. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, געזוכט זיין שלאַפראָק, אָנגעטון אים, איינגעצויגן זיין גילדערנעם גאַרטל, אָנגעצונדן די ליכט און זיך אַוועקגעזעצט צום אַרבעטס־טיש. פאַר זיינע אויגן איז געלעגן דער כתב־יד פון די פּויערים. בלעטערנדיק אים זייט נאָך זייט, האָט ער אויפגעפרישט אין זכרון גאַנצע סצענעס און זיי גלייכצייטיק פאַרלענגערט. שוין האָבן זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעמאָלן די בילדער פון די פּערסאָנאַזשן, ער האָט זיי דערקאָנט; אָבער וואָס איז דאָ געשען? זייער צאָל איז בפירוש אומענדלעך אויסגעוואַקסן, ס׳איז ממש געוועזן אַ ברויזנדיקער, קאָכעדיקער ים. אַך, יאָ, דאָס איז דער יאַריד! און אָט טראָגן די, מיט יאַרמלקעס באַדעקטע, מאָנאַכן די קברים־ערד פון די הייליקע פּאָטערס, און אָט איז ער גופא, וואָס האַלט אויף זיינע דלאָניעס דעם מאַנוסקריפּט פון די פּויערים, בעת היפּאָליט גאָסלען און זשעראַרדען, זיינע פאַרלעגער, האָבן זיך צעשמייכלט און זיך אָפּגעקערט פון אים אַלץ ווייטער און ווייטער, און ער איז געבליבן אַליין, און דער מענטשלעכער ים שפּרייט זיך אויס אַרום אים. ער בלייבט אַליין, פאַראיינזאַמט ווי אַן אינדזעלע אין מיטן אָקעאַן.

...יאָ, ער געפינט זיך אויפן יאַריד, און עוולין גייט פאַרביי נעבן אים, און אויך די אומעטיקע קרעטשמערקע מיט די שוואַרצע אויגן, און די אויסטערלישע ציגיינערין, און אַלץ, דוכט זיך, גייט פאַרביי נעבן אים, בשעת אויף זיינע אויסגעשטרעקטע הענט ליגט נאָך אַלץ דער מאַנוסקריפּט ווי אַ שווער שטיק פעלדז. אָט דערנעענטערט זיך לאַנגזאַם און ווערט פאַרשטאַרט נעבן אים די געשטאַלט פון גרייז־גרויען מוזיקאַנט. דער אַלטער פאַרהאַלט זיך און שטרעקט אויס די הענט; די גרויסע, געמאַרשטשעטע הענט מיט די פליישיקע פינגער דערנעענטערן זיך צו אים. באַלזאַק וויל זיך אָפּרוקן, נאָר ער קען זיך נישט רירן און בלייבט אויף אַן אָרט ווי פאַרשטיינערט. דער קאָבזע־שפּילער קוקט אויף אים מיט זעעוודיקע אויגן, זיינע ליפּן באַוועגן זיך, זאָגן עפּעס אויף זיין שפּראַך, נאָר באַלזאַק פאַרשטייט עס נישט. דער מוזיקאַנט גייט דאַן צו נעענטער, נעמט אַראָפּ פון זיינע הענט די פּויערים, ער האַלט זיי אַ ווײַלע אויף זיינע דלאָניעס, ווי ער וואָלט זיי וועלן אָפּוועגן, דערנאָך וואַרפט ער זיי אַוועק אויפן ווינט און דער ווינט כאַפּט אונטער די בויגנס פּאַפּיר, הייבט זיי אויף, צעווייעט זיי אויפן שטויביקן פלאַץ, און מענטשן באָרוועסע אָדער אין צעריסענע לאַפּטשעס זענען אַרויפגעטרעטן אויף זיי, צעטראַטעוועט און געמאַכט פון זיי אַש און בלאָטע. באַלזאַק האָט געוואָלט

שרייען און נישט געקאַנט, אָבער דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען זיין כוונה און געטאַדלט אים מיטן פינגער: ער ווענדט זיך צו אים אויף פראַנצויזיש, אין אַן עלעגאַנטער, אויסגעפיינערטער שפּראַך, וואָס ווערט באַנוצט אינעם סאַלאָן פון דער גרעפין וויסקאָנטי און וואָס מען וואַרפט אים, באַלזאַקן, פאָר, אַז ער באַזיצט זי נישט.

— שרייט נישט, הער באַלזאַק — זאָגט דער אַלטיטשקער. — עס איז נישט נייטיק. פירט זיך אויף אָנשטענדיק און פאַרנונפטיק. די דאָזיקע בלעטלעך ברויכן נישט די מענטשן, וועגן וועלכע איר באַשרייבט דאָרט. אַזעלכע זענען די פויערים, הער באַלזאַק? — דער אַלטער האָט אים גוטמוטיק און איינצייטיק מיט פאָרוווּרף אָנגעקוקט. באַלזאַק האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן בליק און פאַרמאַכט די אויגן. אומזיסט, אָבער, און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער נאָכאַנאַנד געזען דעם אַלטן און די טויזנטער פויערים, וועלכע האָבן צעטרעטן די בלעטלעך פון זיין כתב־יד, אין דער צייט, וואָס זיינע פריינט: דער זיידע פורשאָן, דער פאָטער ריגו, טאָנסאַר, דער קאָמיסאַר ברינע, דער נאָטאַר ליפען, דער שענקער ריקאַר — זענען געשטאַנען דערנעבן און זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

און דעם זיידנס ליד האָט אָפּגעהילכט אין דער לופטן, ער האָט דעם ניגון געצויגן איינער אַליין, די איבעריקע האָבן געשוויגן, בלויז זייערע אויגן האָבן געזונגען, זייערע הענט האָבן געזונגען, עס האָט אפילו געדונערט אונטער די טריט פון די מענטשן. און דאָס ליד האָבן אויך אונטערגעכאַפּט ריגו, פורשאָן און טאָנסאַר.

...ער האָט זיך דאַן פלוצלונג דערמאָנט יוזעפּאָוויטשעס ווערטער וועגן דעם מענטשן, וואָס האָט געהאַט פאַרפאַסט דאָס דאָזיקע ליד; ער האָט זיך אים כמעט גלייך פאָרגעשטעלט און אָנגעשטרענגט אויסצוגעפונען דעם נאָמען. זיין פאַרמאַכטע פויסט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן טיש. די ליכט האָבן געצאַנקט. די בלעטלעך פונעם מאַנוסקריפּט האָבן זיך צעקנייטשט. זיינע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט. אומזין! האַלוצינאַציע! ער האָט זיך צעלאַכט איבער זיין קראַנקער פאַנטאַזיע. ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ טעפל אָפּגעקילטע שוואַרצע קאַווע און זי אויסגעטרונקען מיט איין זופּ. אַבסורד! אַן אומזיניקייט האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט! נישט געקומען נאָך צו זיך, האָט ער אַ גריזשע געטון די פעדער, דערנאָך איינגעטונקט זי אין טינט, גענומען זיך צום שרייבן.

...אַזוי איז ער געזעסן ביים טיש אין אָט דער קאַלטער קיעווער נאַכט, האָבנדיק פאַרטריבן, דורך אַן אָנשטרענג פון ווילן, די גייסטער און ספקות. און בעת ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן כתב־יד, צוצוזוכן די פאַסיקע ווערטער, פילנדיק דערביי אַ געוואַלדיקן דוחק אין אינספּיראַציע, אין דער צייט, ווען די ווינטיקע האַרבסט־נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד, האָט אין זעלביקן מאָמענט טאַראַס שעווטשענקאָ, אַן איינגעהויקערטער איבער אַ באַשריבן העפטל, באַגעגנט

דעם באַגינען אין ווייטן קאָס־אַראַל, פּאַרטרויענדיק דעם פּאַפּיר באַאומ־רואיקנדיקע ווערטער, מיט דער הילף פון אַ שלעכט שטיקל בליישטיפט.

זיי האָבן זיך נישט געקאָנט, זיי זענען געווען צעשיידט דורכן לאַנגן מהלך און דער געזעלשאַפט, זיי זענען אָבער געווען פאַראייניקט דורך דעם, וואָס ס׳איז דאָס סאַמע טייערסטע, דאָס סאַמע הערלעכסטע, דאָס סאַמע יושרדיקסטע אויף דער וועלט: די שאַפערישע עמאָציע.

אויך דער געהילפס־רעקטאָר פון קיעווער אוניווערסיטעט, יוזעפאַ־וויטש, איז יענע נאַכט נישט געשלאָפן. ער האָט איבערגעשריבן, שוין צום דריטן מאָל, אַ בריוו אַדרעסירט צו זיין עקסעלענץ דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו. אין דאָזיקן בריוו, אין וועלכן ער האָט מאריך געווען מיט גרויס פלייס, אָבער אויך נישט אָן אַביסל פאַרפּוצעכץ אַלץ, וואָס ער האָט געוווסט וועגן באַלזאַקס אויפפירונג. און די גאַנצע צייט, ווי ער האָט געשריבן, האָט ער געזען פאַר זיך שעווטשענקאָס שטרענגע און ליידנשאַפטלעכע געזיכט, און די דאָזיקע וויזיע האָט אויף אים אָנגע־וואָרפן אַן אומבאַזיגלעכן פּחד, געצוווּנגען אים אונטערצושטרייכן אינעם בריוו, אַז: „הער אָנאָרע דע באַלזאַק האָט אַרויסגעוויזן אַ נאַאיווע האַל־טונג... — ער האָט זיך פאַרטראַכט און אויסגעשטראָכן דעם דאָזיקן עפּיטעט; דאַן האָט ער אַ קראַץ געטון די פעדער אין זיין העלן קאָפּ האָר — אַ צופרידענער, וואָס ער האָט ענדלעך געפונען דעם מער פאַ־סיקן אויסדרוק — אַ מאָדנע און פאַרדעכטיקע און ער האָט צוגעשריבן: סימפּאַטיע צום פּשוטן פאָלק״.

*

אין הימל האָט שוין דער באַגינען אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן. אי־בער די הויכע ברעגעס פון דניעפּער איז נאָך געלעגן דער פרימאָרגנדי־קער האַרבסטיקער נעפּל. פון קיעוו ביז אין טיפן אוקראַינע זענען די וועגן געפלאָסן ווי טייכן. די פויערשע פורן מיט די נישט־געקאָוועטע רעדער האָבן געטראַסקעט, די לייכטע בריטשקעס פון די הויף־פּאַרוואַלטערס האָבן געקלונגען, די קאַרעטעס האָבן זיך געהוידעט, די וועכטער האָבן אויפ־געהויבן די געשטרייפטע שלאַבאַנען, כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר די דורכ־פאָרנדיקע, בשעת דער זיידע סעוועריין האָט דורכגעשניטן, מיטן אייניקל מיקאָלקאַ, גלייך די סטעפּ, מאַכנדיק זיך זיין אייגענעם וועג און איבער־הזרנדיק:

— איך שפּאַן איבער אַלע וועגן, איך וואַנדער איבער סטעפּעס, די מענטשן זע איך טאַקע נישט, אָבער עפּעס־וואָס באַמערק איך!

— נישט אמת, מיקאָלקאַ? — האָט ער אַ פרעג געטון ביים אייניקל.

— אמת, זיידעניו! — און מיקאָלקאַ האָט זיך איינגעהילט אינעם אַלטן, צעריסענעם רעקל, דורך אַלע לעכער האָט דאָ אַריינגעבלאָזן דער צפונדיקער ווינט, פון וועלכן די הענט און די פיס זענען אים פאַרשטאַרט געוואָרן.

קאַפּיטל נײַן

הינטער די מויערן פון מאָנאַסטיר

לייבקע דער קרעטשמער האָט געהאַרכט דעם באַנקיר האַלפּערין. אין תוך גענומען, וואָס פאַר אַ לעבן, משטיינסגעזאָגט, האָט דאָ נחמה? צי וואָלט איר דען נישט בעסער געווען אין בערדיטשעוו?... זאָגט, וואָס איר ווילט, ר׳ יצחק האַלפּערין האָט פאַרט געהאַט אַ גוט און ווייך האַרץ. ווײַבאַלד ער האָט גענומען נחמהן קיין בערדיטשעוו אויף צו פאַרברענגען אַ שטיקל צייט, וועט ער אפשר אויך זיך קימערן צו געפינען פאַר איר אַ לייטישן חתן? ר׳ האַלפּערין האָט געשיקט זיין קאַטש אויף צו נעמען נחמהן. לייבקע האָט לאַנג צוגערעדט די טאָכטער, זי זאָל איינפּאַקן אַ פּעקל פון אירע זאַכן, ער האָט לאַנג אויסגעמאָלן פאַר איר די תענוגים פון בערדיטשעווער לעבן. נחמה האָט זיך רואיק צוגעהערט. זי האָט גע־האַט גרייט איין איינציקן ענטפער: איך וויל נישט! זי האָט אָבער גאָר־נישט נישט געזאָגט. ר׳ האַלפּערין האָט זי איינגעלאַדן צוגאַסט, ער האָט געהאַט דעם פאָטער פאַרקלענערט דאָס דירה־געלט פון דער קרעטשמע, ער איז געווען גוטהאַרציק און פול מיט גוטע כוונות, און דער פאָטער האָט זיך איינגעשפּאַרט: „מען דאַרף פאָרן, טאָכטערל״. נחמה האָט נאָכ־געגעבן. אויף אירע באַקן זענען אַראָפּגערונען צוויי טרערן. זי האָט איינגעפּאַקט אירע זאַכן, אַריינגעזעצט זיך אין דער קאַטש. נעטשיפּאַר האָט אַ צי געטון פאַר די לייצעס; די צו־לאַנג שטיינגעבליבענע פערדלעך האָבן זיך הייטערדיק אַ ריס געגעבן פון אָרט.

לייבקע איז געבליבן אַליין אויפן וועג. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן פאַרהאַלטן די קאַטש; ער האָט געוואַרט, אַז נחמה זאָל זיך אויסדרייען און וואַרפן אַ לעצטן בליק אויף אים. זי האָט זיך אָבער נישט אומגעקוקט. דער ווינט האָט אונטערגעהויבן דעם שטויב אויפן טראַקט. אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די לאָנקעס. די נאַכט איז צוגעפאַלן. לייבקע האָט זיך אומגעקערט אין דער קרעטשמע.

...זינט דאַן זענען שוין פאַרביי צוויי חדשים. דער ערשטער שניי, נאָך אַ ווייכער און נישט קיין שטאַנדהאַפטיקער, האָט באַדעקט די סטעפּעס. די קוסטעס און די צווייגן פון די לינדביימער האָבן זיך פאַרשע־נערט מיט די פוכיקע בוקעטן. שוין לאַנג, ווי עס זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר דער קרעטשמע די לעצטע פאַרטיעס פורמאַנעס, געקומענע פון אַזאָוו און פון ברעג פון שוואַרצן ים. די דורכרייזנדע פּריצים האָבן זיך באַוויזן אַלץ זעלטענער. בלויז די פּאָסט־וועגענער האָבן זיך טאָג־טעגלעך פאַרהאַלטן פאַר דער קרעטשמע, דער פּאָסטמייסטער האָט אויסגעטרונקען

אַ גלעזל בראָנפן, גענומען עפּעס צו פאַרבײסן און זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג אַרײַן. איבער דער קרעטשמע האָט זיך, מיט אַ דינינקן רויך, אויסגעטײלט אַ בלוילעך שטעגל. לײבקע איז געזעסן נעבן פײער, געריבן זיך די הענט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. אַ גאָלדיקער אָפּשײַן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף זײַן זילבערדיקער באָרד, פלאָם־פײַערלעך האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע אויגן. און ער האָט כסדר צוגעלײגט שטרוי אין אויוון, אויפגערודערט עס מיטן שאַר־אײַזן, ווי צוצוגעבן אַלץ מער קראַפט דעם פײַער, און אָפּצוגעפונען אין די פאַרכישופטע פײַער־צינגלעך פאַרלוירענע חלומות, געצערטלטע האָפענונגען.

טעג זענען פאַרבײַ. די ערד איז אַלץ מער באַדעקט געוואָרן מיט שניי. בײזע און מעכטיקע צפון־ווינטן האָבן גענומען הודזשען איבער דער סטעפּ. פון נחמהן זענען זעלטן אָנגעקומען ידיעות, קנאַפּע און גאָרנישט־זאָגנדיקע. אײן מאָל איז פאַרבײַגעפאָרן האַלפּערינס קוטשער נעטשיפּאָר, וועלכער האָט געפירט עפּעס אַ פריץ קײַן דובנע; לײבקע האָט זיך נאָכגעפרעגט בײַ אים אויף נחמהן. נעטשיפּאָר האָט פאַרזשמורעט די אויגן, צווײדײטיק געשמײכלט און אַ קנאַק געטון מיטן צינגל:

— נחמה לעבט זיך איצט פּריציש.

מיט די דאָזיקע ווערטער זאָל נעטשיפּאָר האָבן באַרואיקט דעם קרעטשמער? בלי־ספק נישט פולשטענדיק. און אויף צוריקוועגס פון דובנע איז דער קוטשער נישט פאַרפאָרן אין דער קרעטשמע, ער איז פאַרטאָגס פאַרבײַגעפלויגן, אונטעריאָגנדיק די פערד דורכן פײַף פון דער בײַטש. ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אָנצוּוואַרעמען זיך די פּלײצע נעבן אויוון און אויסטרינקען עפּעס אַזעלכס, וואָס זאָל שנײַדן דעם אָטעם און קיצלען די ברוסט, אָבער ער האָט זיך נישט פאַרהאַלטן. ער האָט נישט געקאָנט רעדן מיטן קרעטשמער וועגן נחמהן. ער וואָלט נישט געקאָנט זאָגן דעם אַלטן קײן ליגן. און נעטשיפּאָר האָט ווילד געטריבן די פערד. דער שליטן האָט זיך לײַכט געגליטשט אויפן צוזאַמענגעפרעסטן שניי פונעם טראַקט. ביטערע מחשבות האָבן באַהערשט דעם קוטשער.

לײבקע דער קרעטשמער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי ער וואָלט נישט באַדאַרפט אַלײן זיך מטריח זײַן קײן בערדיטשעוו? זיכער וואָלט ער געפאָרן, נאָר וועמען קען מען אָנפאַרטרויען די קרעטשמע? פריער האָט געטראָפן, ער זאָל אַ מאָל אַוועקפאָרן — האָט ער די גאַנצע ווירטשאַפט איבערגעלאָזט נחמהן. זי האָט זיך גאַנץ גוט אַן עצה געגעבן. אָבער וואָס זאָל ער איצטער טון? און ווידער האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כעס, עס האָבן אים אויפגערײצט טונקעלע פאָרגעפילן, וועלכע האָבן לײבקען נישט געלאָזן צורו.

אין בערדיטשעוו, אין דער „באַנק האַלפּערין און זון”, איז אַלץ געגאַנגען גוט. דאָס לעבן אין באַנקיר־הויז איז געפלאָסן ווי אַ פּולוואַר־סערדיקער, מעכטיקער טײַך אין שויס פון זײַנע ברעגן. מיט יעדן טאָג זענען ר׳ האַלפּערינס אײַנקונפטן און וווילשטאַנד געוואַקסן און ער האָט

זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן אויף זיין גורל. אַ גליקלעכער שטערן האָט באַלויכטן דעם ראש פון דער פירמע. היינטיקן ווינטער האָט ער אַוועקגעשיקט זיין זון, דעם איינציקן יורש זיינעם, צו זיין ברודער קיין ווילנע. זאָל זיך דאָס בחורל באַקענען מיט אַן אַנדער שטייגער לעבן! דאָס, וואָס ער וועט דאָרטן זען; דאָס, וואָס ער וועט זיך דאָרטן אויסלערנען, וועט אים זיכער צונוץ קומען.

לויט האַלפּערינס אויסרעכענונג האָט אַלץ באַדאַרפן פאָרקומען אין אַ געהעריקן סדר. און אַלץ איז געגאַנגען, ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער גראַף יורי מנישעק איז געווען צופרידן, די גרעפין עוולין האַנסקאַ איז געווען וווילגעבייגט צום באַנקיר, און דאָס האָט געהאַט אַ וויכטיקן באַדייט; אויך דער פראַנצויזישער גאַסט האָט נישט פאַרשאַפט קיין איבעריקן קלאָפּאָט. פאַר אָט דער גאַנצער צייט איז אָנגעקומען געלט אויף זיין נאָמען סך־הכל צוויי מאָל. זעט אויס, אַז דאָס איז נישט געווען קיין זייער רייכער מאַן. ער האָט נישט פאַרלאַנגט קיין שום טובה, און דער באַנקיר האַלפּערין האָט זיך מער נישט באַוויזן אין ווערכאָווניע. דער טשינאָווניק פאַר אויסעראָרדנטלעכע ענינים, קיסעלעוו, האָט זיך אויך כלומרשט אַביסל באַרואיקט. ר' יצחק האַלפּערין האָט נישט געהאַט קיין שום עול אויפן קאָפּ. ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, אָפּגעדאַוונט, דערליידיקט די סאַמע דרינגענדיקסטע ענינים און האָבנדיק זיי אַלע אָפּגעפאַרטיקט, האָט ער אָנגעביסן. דערנאָך האָט ער ווידער זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָפּגעגעסן מיטאָג און געבענטשט, צוגעלעגט זיך אַביסל און פאַרנאַכט־צו ווידער געשטעלט זיך דאַווענען מנחה. טייל מאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין לייבקע דעם קרעטשמער. דער אַלטער איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן ווי אַ פאָרוווּרף. ר' האַלפּערין וואָלט גערן וועלן פאַרגעסן אין אים, אָבער עפּעס אַ פאַררעטערישער און קלעפּיקער געדאַנק האָט אים געפייניקט: פריער אָדער שפּעטער וועט ער דאַרפן ענטפערן לייבקען, אַנווייזן אים, ווו עס געפינט זיך נחמה.

דער היינטיקער פרימאָרגן האָט זיך אָנגעהויבן מיט שלעכטע נבואות. אויפשטייענדיק פון בעט, האָט דער באַנקיר האַלפּערין אָנגעטון די לינקע שקאַרפּעטקע אויפן רעכטן פוס; ער האָט באַמערקט זיין טעות אַביסל צו־שפּעט און ער האָט זיך צוליב דעם שטאַרק דערשראָקן. און דערנאָך, ווען ער איז געגאַנגען אין באַנק אַריין, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אויף די טרעפּ. אויך דאָס האָט עפּעס געוואָלט זאָגן. די בייזע נבואות האָבן זיך באַשטעטיקט. אָוונט־צייט, בעת האַלפּערין איז געזעסן פאַרשלאָסן אין זיין קאַבינעט, האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר דער פליכעוואַטער נחום, זיין סעקרעטאַר, פאַרוואַלטער און בוכהאַלטער, מיט איין וואָרט: זיין לינקע האַנט (די רעכטע — פלעגט ער זאָגן — האָט אים נאָך, ברוך־השם, זיין אייגענע גאַנץ גוט געדינט). ער איז אַריין, זאָרגפול פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און זיך דערנענטערט צום באַלעבאָס.

— אַן אומאָנגענעמער סורפּריז — האָט ער אָנגעהויבן, קראַצנדיק זיך דעם פליך מיט זיינע טרוקענע און געלע פינגער. זיין אָפּגעטראָגענער

סורדוט איז אים געהאָנגען אויף די שמאָלע אַקסלען ווי אויף אַ העלצל, פון די אויסגעריבענע פּאָלעס האָבן זיך געטעפּעט צוויטן. זיינע קאַמאַשן מיט די' האַרטע נאַסיקעס זענען געווען אָפּגעבליאַקעוועט און האָבן אויסגעזען, ווי געשניצט פון האָלץ.

ר׳ יצחק האַלפּערין האָט אים אָנגעקוקט מיט ביטול, גלייך ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל, און נישט באַהאַלטנדיק זיין אומצופרידנקייט, האָט ער באַמערקט:

— וויפל מאָל האָב איך אייך שוין געזאָגט, נחום, איר זאָלט אויסזען אַביסל לייטישער, איר זאָלט זיך לאָזן מאַכן אַ נייעם אַנצוג. ווי פּאַסט עס, אַז מיין פּאַרוואַלטער זאָל זיין ענלעך צו אַ בעטלער?

דער אויסגעדאַרטער, קליינוווקסיקער פּאַרוואַלטער האָט טרויעריק איינגעשטימט, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ. דער באַלעבאָס האָט רעכט. ס׳איז אָבער נישטאָ דערויף קיין צייט. ווו זאָל מען נעמען צייט צו גיין צו שניידערס? אַזויפיל עסקים, אַזויפיל קלאָפּאָטן, תמיד פאַרהאַוועט. ער האָט זיך שוין געקליבן אַהיימצוגיין. און אָט האָט דער שוואַרציאַר אַהערגעבראַכט לייבקע דעם קרעטשמער. נחום איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט אים הנאה געטון צו זען האַלפּערינס דאגות. ער האָט גוט געקאָנט די געשיכטע מיט נחמהן. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז ער נישט מסכים געווען מיט דער אויפפירונג פונעם באַלעבאָס. ער האָט געהאַלטן, אַז דער דאָזיקער ענין איז געווען אַן אומכבוד און אַן אומאַנשטענדיקייט פאַר אַ יידישן געשעפטסמאַן. ער האָט אָבער נישט געוואַגט אַנטקעגן צו רעדן אָדער אָפּראָטן האַלפּערינען. ער האָט נאָכגעפאָלגט מיט באַהאַלטענעם אינטערעס דעם פאַרלויף פון גראַף מנישעקס איינפאַל, אין וועלכן זיין באַלעבאָס איז געווען מיטבאַטייליקט. שטייענדיק קעגנאיבער ר׳ יצחקן, האָט ער אים געזען אַריבערטראָגן אַ מאָדנע מעטאַמאָרפאָזע. האַלפּערינס הענט האָבן נערוועז צוגעשפּילעט און אויפגעשפּילעט די קנעפּלעך פון זיין סורדוט, דער שטערן האָט זיך באַדעקט מיט רויטלעכע פלעקן. אין איצטיקן מאָמענט האָט דער באַנקיר כמעט געהאַסט זיין פאַרוואַלטער, וועלכער איז זיך געשטאַנען רואיק און געפינטלט מיט די אויגן.

— וואָס וויל ער, אָט דער לייבקע, ווער האָט אים געהייסן קומען קיין בערדיטשעוו?

— ער וויל אייך זען און רעדן נאָר מיט אייך, ר׳ יצחק!

— אַלע קרעטשמער פונעם אַטאַמאַן־שליאַך ווילן רעדן נאָר מיט מיר פּערזענלעך. איך האָב דאָך אַ פאַרוואַלטער, וואָס הייסט נחום ווייסענבוים, און ער באַקומט גאַנץ שיינע שכירות, בכדי די געשפּרעכן מיט די קרעטשמער זאָלן געהערן צו זיינע התחיבותן.

— ר׳ יצחק האָט פולשטענדיק רעכט. כ׳האָב געפּרוווט. דער קרעטשמער לייבקע וויל אָבער רעדן נאָר מיט אייך!

— וואָס־זשע וויל ער?

— ער וויל וויסן, ווו ס׳געפינט זיך נחמה, ר׳ האַלפּערין!

— ער וויל וויסן?! מיט וואָסער רעכט פרעגט ער עס ביי מיר? —

האַלפּערין איז אַריין אין כעס, אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אינעם טיש.

— אָט דער פאַרכעוואַטער בעטלער לייבקע דער קרעטשמער פרעגט ביים באַנקיר האַלפּערין ? האַ ? האָט איר שוין עפּעס ענלעכס געהערט, באַרעמהאַרציקע מענטשן ? איך פרעג ביי דיר, נחום ווייסענבוים, דו ביסט דאָך מיין ראַטגעבער און פאַרוואַלטער, איז וואָס־זשע זאָגסטו צו דער דאָזיקער העזה, האַ ?

נחום ווייסענבוים איז צעחושט געוואָרן. ער האָט געריבן זיינע דאַרע געל־הויטיקע דלאָניעס איינע קעגן דער אַנדערער און געקוקט אין ווינקל אַריין, ווו דער וואַנט־זייגער האָט רואיק און רעגלמעסיק אָפּגעקלונגען.

— איך מיין, הער האַלפּערין, אַז לייבקע דער קרעטשמער האָט רעכט צו פרעגן וועגן זיין טאָכטער. ער איז אַ טאַטע...

— נו, טאָ פאַרוואָס־זשע קענסטו נישט באַפרידיקן זיין נייגעריקייט, און פאַרוואָס שיקסטו אים צו מיר ? ווי איך זע, מאַכסטו מיט אים יד־אחת. פון ווען אָן זענען דיר די אינטערעסן פון דער באַנק געוואָרן גלייכגילטיק ?

האַלפּערין האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין טיש, שווער אָפּגעאָטעמט. נחום ווייסענבוים איז געוואָרן נאָכמער צעטומלט. ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען און געפּרוווט דערווידערן מיט זיין שוואַך און אומזיכער קולכל:

— איך האָב געטראַכט, אַז...

— דו טראַכסט צו פיל, נחום ווייסענבוים. גיי און זאָג לייבקע דעם קרעטשמער, אַז זיין נחמה לעבט ; אַז זי איז קיין עין־הרע געזונט און גליקלעך ; אַז ר׳ האַלפּערין פאַרנעמט זיך מיט איר, און זאָל ער זיך אומקערן אין זיין קרעטשמע און דאָרטן וואַרטן. גיי, זיי מוחל !

נחום ווייסענבוים האָט זיך פאַרנייגט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ טרייען דינער און האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון צימער, פאַרשווונדן ווי אַ בייזער חלום.

...לייבקע דער קרעטשמער איז געזעסן אין קאַנטאָר אויפן ערשטן שטאָק, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, און געוואַרט. ער האָט זיך געהוידעט אויפן בענקל, ווי אַ מעכטיקער ווינט וואָלט זיך געשפּילט מיט זיין גוף, אויף דער נשמה איז אים געווען ביטער און ר׳איז געווען באַהערשט פון פאַרצווייפלטע געדאַנקען. אין קאַנטאָר איז געווען הייס, דער גרויסער אויוון, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבע וואַנט, איז געווען שטאַרק געהייצט. אַרום לייבקעס אויסגעטרעטענע שטיוול איז געוואָרן אַ בלאָטע. פון זיין אָפּגעטראָגענעם פּעלץ איז געגאַנגען אַ פּאַרע. דער קרעטשמער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ גרויסן הויף, ווו עס האָבן זיך געפונען די שטיבלעך פון דער דינערשאַפט. לייבקע האָט גוט געקאָנט דעם דאָזיקן הויף פון יענע צייטן, ווען ער האָט נאָך נישט געהערט צום באַנקיר האַלפּערין און ווען האַלפּערין איז נאָך נישט געווען קיין באַנקיר. הינטערן פענצטער איז אומאויפהערלעך געפאַלן אַ געדיכטער שניי. די צווייגן, שווער געוואָרענע פונעם שניי, האָבן זיך געוויגט. לייבקע האָט געדולדיק געוואַרט. באַלד

וועט מען אים אַ רוף טון און ער וועט קענען פרעגן האַלפּערינען וועגן זיין נחמהן.

שטיל, אויף די שפּיץ־פינגער, ווי אַ גנבֿ אין מיטן דער נאַכט, איז דער פּאַרוואַלטער ווייסענבוים אַריין אין קאַנטאָר. ער האָט זיך אָפּגע־שטעלט נעבן לייבקען און אים איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט, וואָס הער האַלפּערין האָט געזאָגט.

לייבקע האָט זיך אויסגעגלייכט אויפן בענקל. צעגאַנגענער שניי האָט געבלישטשעט אויף זיין גרייז־גרויער באָרד. טראָפּנס שווייס האָבן אָנגעפּילט די קנייטשן פון זיין שטערן.

— אָבער ווו איז ערגעץ מיין נחמה? — האָט לייבקע דער קרעטש־מער געפרעגט ביי נחום ווייסענבוימען; זיין פאַרצווייפלטער בליק האָט זיך איבערגעוואָרפן פון פּאַרוואַלטערס פלאַכן געזיכט אויפן באַשנייטן בוים הינטערן פענצטער, אויף די גרויע ווענט פון קאַנטאָר, אויף דער קאַלושע הינטער זיינע פיס. — איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק — האָט מיט ווייטיקלעכער עקשנות געזאָגט דער אַלטער קרעטשמער. ער איז פאַרגליוערט געוואָרן פון שרעקלעכן עגמת־נפש. פון אָט דעם עגמת־נפש האָט ער דערשפּירט אין האַרצן אַ ברענענדיקן אָנגריף, און ער וואָלט וועלן וועגן דעם אויסשרייען בקול־רם.

נחום ווייסענבוים איז געשטאַנען קעגנאיבער אים נידעריק און הכנעהדיק, אין זיין אַלטינקן סורדוט, און געשוויגן. נחום ווייסענבוים וואָלט אייגנטלעך געקאָנט אויסזאָגן לייבקע דעם קרעטשמער, ווו עס גע־פינט זיך זיין טאָכטער, אָבער דער באַלעבאָס, ר׳ האַלפּערין, האָט אים דערמאָנט זיינע פליכטן, און דער פּאַרוואַלטער איז מחויב צו דערפילן פולשטענדיק זיינע באַשטימטע התחיבותן. דעריבער קען נחום ווייסענ־בוים נישט אָנווייזן לייבקען, ווו זיין טאָכטער איז. ער באַוועגט אָנמעכטיק מיט די הענט. ער הייבט נישט אָן צו וויסן פון גאָרנישט. ער שטייט קעגנ־איבער דעם קרעטשמער און פינטלט מיט די אויגן אונטער די געדיכטע ווייסבלאָנדע ברעמען.

— ווייזט אויס, אַז מ׳דאַרף גיין! — זאָגט מיט פאַרביטערונג לייבקע, אויפהייבנדיק זיך פון בענקל. ער איז ממש געוואָרן קרעפּטיקער און שטאַרקער, פּונקט ווי דער עגמת־נפש וואָלט אָנגעפילט זיין גוף מיט דער דאָזיקער קראַפט. — אָבער איך וועל איינקלאָגן. כ׳וועל גיין צו דער פּאָ־ליציי, איכ׳ל גיין צו מרדכי דעם רב. איכ׳ל שרייען פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז יצחק האַלפּערין האָט ביי מיר צוגעגנבעט די טאָכטער. איכ׳ל שרייען, אַז ער האָט ביי מיר צוגעגנבעט, איר הערט, נחום ווייסענבוים? איר הערט?

— איך בין נישט טויב, כ׳הער! — יענער האָט זיך אומצופרידן אָפּ־געריקט. — וואָס שרייט איר? איצטער איז די צייט צו רוען און ר׳ האַל־פּערין שלאָפט. איר שרייט אומזיסט. קיין שום שלעכטס וועט איר נישט געשען, אייער נחמהן. איר קאָנט זיין אינגאַנצן זיכער. גייט אַהיים און באַרויִקט אייך!

ווי נאָר דער אַלטער קרעטשמער איז אַרויס פון קאַנטאָר, איז נחום ווייסענבוים געגעבן אַ שפרונג אַרויף ווי אַ קאַץ, אויפן צווייטן שטאָק אין ר׳ האַלפּערינס קאַבינעט. ער האָט איבערגעגעבן באריכות דעם גאַנצן שמועס. האַלפּערין האָט אים משלח געווען, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. אַביסל שפּעטער האָט ער באַפוילן שנעל אָוועקצוטראָגן אַ חוב פון טויזנט רובל צום פּאָליצמייסטער טישקאָווסקי.

— טראָגט עס תיכף־ומיד אָוועק! — האָט ער באַפוילן. ס׳איז גלייכער נישט צו בלייבן קיין בעל־חוב דער פּאָליציי.

און נחום ווייסענבוים האָט אָוועקגעטראָגן דעם „חוב״.

לייבקע דער קרעטשמער האָט אַרומגעבלאָנקעט אין בערדיטשעוו. ביז אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער אויסגעמאָסטן די קרומע גאַסן, באַ־דעקטע מיט שניי. דער ווינט האָט שטאַרק געטרייסלט די צעבראָכענע לאָמטערנס אויף די הילצערנע סלופּעס נעבן פּאָליצמייסטערס הויז. אין די הינטערגעסלעך האָט זיך לייבקעס אַנגסט פאַרוואַנדלט אין פאַרצווייפ־לונג.

וואָגלענדיק אַזוי, איז ער אָנגעקומען צום מאָנאַסטיר פון די באָר־וועסע קאַרמעליטן. די הויכע ציגל־ווענט און די וואַך־טורעמס מיט די גראַטע־פענצטערלעך האָבן אָפּגעטיילט דעם מאָנאַסטיר פון דער שטאָט. אַ דערשלאָגענער פונעם אומפאַרמיידלעכן צער, האָט זיך דער קרעטש־מער אָן שום סיבה פאַרהאַלטן נעבן די אייזערנע טויערן פונעם מאָנאַס־טיר. ער איז דאָ לאַנג נישט געשטאַנען. בלויז אַ קליינע ווײַלע, כדי צו דערמאָנען זיך זיין קינדהייט; אָט־אָ דאָ, ביי די זעלביקע טויערן, האָט ער זיך מער ווי איין מאָל פאַרהאַלטן. שרעקלעכע געהיימנישן זענען גע־ווען פאַרבאָרגן הינטער די הויכע מויערן פונעם מאָנאַסטיר.

לייבקע איז אָוועק ווייטער. ער איז געגאַנגען מיט אומזיכערע טריט, געטריבן דורכן ווינט, אין דער נאַכט, אַנטקעגן נייע נסיונות. אַזוי האָט ער זיך דערשלעפּט צו זיין אַלטן פריינט אברהם דעם שמיד. אין שוואַך־באַלויכטענעם, קויטיקן פאָדערהויז, האָט ער פאַרטרויט אברהמען זיין אומגליק. יענער האָט אים אויסגעהערט און געשוויגן. וואָס פאַר אַן עצה האָט ער דען געקענט אים געבן? ווער קען זיך פאַרמעסטן מיטן באַנקיר האַלפּערין? ווער? און לייבקע האָט אויסגעשפּרייט זיין פעלץ אויף דער פּאָדלאָגע, זיך אָוועקגעלייגט און מיט זיינע אויסגעטריקנטע ליפּן שטיל גענומען לייענען קריאת־שמע. ער איז כמעט נישט געשלאָפן די גאַנצע נאַכט און, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט ער זיך אומגעקערט אין האַלפּערינס קאַנטאָר. ווידער איז פאַר אים געשטאַנען דער אומבויגזאַמער, פאַרדאָגהטער ווייסענבוים. ער האָט דערקלערט, אַז דער הער באַנקיר איז באַגינען אָפּגעפאָרן קיין ווערכאָווניע, און ער האָט נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט, אַז לייבקע זאָל זיך אומקערן אין זיין קרעטשמע און זאָל זיך דאָרטן זיצן רואיק. דאָס מאָל האָט לייבקע מער נישט געשריגן און נישט געדראָט. ער האָט אויסגעהערט דעם פאַרוואַלטער מיט אַ מאָדנער גלייכגילטיקייט,

גלייך ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן עמיצן אַנדערש און וואָס גייט זייער ווייניק אָן דעם קרעטשמער. און נחום איז געבליבן שטום ווי אַ פיש, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הויכער שטול הינטער זיין ביוראָ און, נישט אומקוקנדיק זיך אויף לייבקען, האָט ער זיך פאַרטיפט אין אַ דיק גרויס בוך. דער קרעטשמער איז געשטאַנען אין מיטן צימער גלייכגילטיק צו אַלץ און צו אַלעמען. פאַרשידענע מענטשן זענען אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען. זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען נעבן קרעטשמער, טייל פון זיי האָבן אים אַ שטויס געטון, נאָר ער האָט גאָרנישט באַמערקט. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן היפּש לאַנג, און אפילו דער געדולדיקער ווייסענבוים האָט זיך אָנגעהויבן אויפרעגן און געגעבן לייבקען דייטלעך צו פאַרשטיין, אַז ער שטערט אים אין דער אַרבעט. דעמאָלט האָט זיך דער קרעטשמער, ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף. ער האָט געפאָלגט. ער איז אַרויס פון קאַנטאָר און זיך אַוועקגעזעצט אינדרויסן אויף די שטיגן. ער איז געווען אַנטשלאָסן צו וואַרטן. ער האָט געהאַט אָן אַ שיעור געדולד.

נעטשיפּאָר איז אַריינגעפאָרן דורכן טויער און ר'האָט באַמערקט דעם קרעטשמער. דער קוטשער האָט זיך גלייך משער געווען, וואָס לייבקע האָט געוואָלט. ער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד, זיך דערנעענטערט צו דער פורטקע, געכאַפּט אַ בליק אויפן זקן, וואָס איז געזעסן אויף די טרעפּ. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו זיינע סוסים, אַוועקגעפירט זיי אין שטאַל אַריין, אָנגעשיט האָבער אין דער קאָריטע, צוגעקעמט זיי די גריוועס. צוגעוואָרפן מיט דער ווידלע פריש שטרוי און ער איז ווידער אַרויס צו דער קאַליטקע. לייבקע איז נאָך אַלץ דאָ געזעסן.

נעטשיפּאָר האָט גענומען אַ לאָפּעטע און אָנגעהויבן אָפּרייניקן דעם וועג, אַוועקשאַרנדיק דעם שניי אין אַ זייט. דורכן פענצטער פון עס־צימער האָט האַלפּערין אויפגעפּאַסט אויף זיין אַרבעט. נעטשיפּאָר האָט געהאַט פאַרענדיקט, אויף דער זייט פון וועג איז געלעגן אַ לאַנגע קופּע שניי, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון. דער קוטשער האָט אויסגעטון די הענטשקעס, אָנגעפילט די ליולקע מיט טאַבאַק און פאַררייכערט. ער איז שטיין געבליבן עטלעכע מינוט פאַרטראַכט, אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך פאַרקערעוועט צו דער פורטקע. ער האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן. לייבקע איז נאָך אַלץ געזעסן אויף די טרעפּ מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. נעטשיפּאָר האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די קאַליטקע און איז צוגעגאַנגען צום קרעטשמער. ער האָט אים באַגריסט; דער קרעטשמער. אַ פאַרזונקענער אין זיין עגמת־נפש, האָט אומגערן געענטפערט.

— הער זיך צו, לייבקע, כ'זע, אַז דו האָסט גרויס עגמת־נפש; די צרות פרעסן דיך אויף, דו גייסט אויס, ס'איז מיר אַ ביטערער רחמנות אויף דיר, באמנות!

לייבקע האָט אַ קוק געטון אויף נעטשיפּאָרן פון אונטן אַרויף און אָנמעכטיק געזשמורעט מיט די פאַררויטלטע אויגן.

— קום מיט מיר, כ׳וועל דיר עפּעס דערציילן! — האָט נעטשיפּאָר צוגעזאָגט און האָט פאַרזיכטיק זיך אַרומגעקוקט.

לייבקע האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. ער איז גערן נאָכגעגאַנגען נעטשיפּאָרן, מיט האַרצקלאַפּן האָט ער דערוואַרט די אַזוי געגאַרטע נייעס. זיי זענען געגאַנגען לענגאויס אַ קליין, שמאָל געסעלע, ענלעך צו אַ שטעגל. אויף די זייטן זענען געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסט איינס קעגן ס׳אַנדערע אָרעמע הייזלעך מיט דעכער, שוואַרץ געוואָרענע דורך דער צייט און די וועטערבייטן. קויטיקע קישעלעך זענען געווען אַרויסגעהאָנגעז פון די אויסגעהאַקטע פענצטער. אויף די שוועלן איז געלעגן פרישער, אומבאַרירטער שניי, גלייך ווי קיין מענטשלעכער פוס וואָלט דאָ קיינמאָל קיין טראָט נישט געשטעלט.

זיי זענען אויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע געסל און זיך אָפּגעשטעלט. נעטשיפּאָר האָט זיך ווידער אַרומגעקוקט און, שטויסנדיק דעם אַלטן קרעטשמער פאָרויס, האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ שענק. ביים סאַמע ראָג פונעם געסל האָט זיך געפונען די שענק, הינטער איר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נישט־באַווינטער שטח. דאָ האָבן זיך פרילינג־צייט טיילמאָל צונויפגעקליבן פון די אַרומיקע דערפער די מוזשיקעס, וועלכע זענען געקומען אויפן בערדיטשעווער יאַריד. אין אַט יענער צייט איז אין דעם געסל געווען היימלעך, די שענק האָט אויפגעלעבט, און עס איז געוואָרן מונטער דער שענקער סאַאיד, אַ הויכוווקסיקער שווינדזיכטיקער טאַטאַר, וועמען די איינגייער האָבן גערופן פשוט סעמיאָן. שוין לאַנג ווי ער האָט זיך באַזעצט אין בערדיטשעוו, ער האָט געהאַט אָפּגעקויפט די שענק ביי איינעם אַ ייד און דאָ געלעבט איינזאַם, חלומענדיק צו מאַכן אַ פאַרמעגן און צו עפענען אַ בעסער געשעפט. ביי סאַאידן אין שענק האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט עטוואָס פאַרדעכטיקע פאַרשוינען: ציגיינער, ציגיינערינס, דורכרייזנדע פאַראָרעמטע קרעמער, יורדים; זיי האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן גאַנצע טעג, און דער רירעוודיקער סאַאיד האָט זיך געפּאָרעט צווישן די טישלעך, אַרויפגעשטעלט און אַראָפּגענומען די פלעשלעך און קריגלעך, נאָכקומענדיק די איינפאַכע פאַרלאַנגען פון זיינע געסט. אין דער שענק האָט קיינער קיינמאָל קיין טומל נישט געמאַכט און מ׳האָט אפילו דאָ קיינמאָל קיין הויך וואָרט נישט אַרויסגערעדט, ווי אויס מורא, אַז עמיצער זאָל אַ מאָל נישט אונטערהערן די געשפּרעכן.

אַהער האָט נעטשיפּאָר געהאַט באַשלאָסן צו קומען מיט לייבקען. דאָ האָט מען געקאָנט בלייבן אַ לענגערע ווײַלע און אויסשמועסן זיך, זיכער זייענדיק, אַז נחום ווייסענבוים וועט אַהער נישט אַריינרוקן זיין נאָז. אין דער שענק האָט זיך געפונען אַ קנאַפּער עולם. ביי אַ לאַנגן טיש, וואָס איז געווען געדעקט מיט אַ שוואַרצער צעראַטע, זענען זאַלבע צווייט געזעסן אַ ציגיינער מיט אַ ציגיינערין. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ טשינאָווניק מיט וואָנצעס, אין אַן אַלט אָפּגעבליאַקעוועט אוניפאָרם־היטל, און ער האָט זשעדנע געקייט אַ פיינקוכן. ער האָט צומאָל נישט אויפגעהויבן

דעם קאַפּ, ווען נעטשיפּאַר מיט לייבקען זענען אַריינגעקומען. נאָך עטוואָס ווייטער איז געזעסן ביי אַ קליין טישל אַ מענטש, אַרומגעוויקלט פון קאָפּ ביז די פיס אין שוואַרצע שמאַטעס. אַ פידל מיט אַ סמיטשיק זענען גע־לעגן קעגנאיבער אים אויפן טישל, און ער האָט צוגעהאַלטן זיין האָב־און־גוטס מיט אַ לאַנגער, ציטערנדיקער האַנט. ער איז געווען דער אייג־ציקער, וואָס האָט אַכט געלייגט אויפן אָנקומען פון קרעטשמער מיטן קוטשער. קוים ווי זיי האָבן זיך צוגעזעצט צו אַ פרייען טיש, האַרט ביים פענצטער, איז שוין סאַאיד געשטאַנען נעבן זיי.

— דו לעבסט נאָך? דו טויגסט זיך אויס? — האָט נעטשיפּאַר אַ פרעג געטון.

— כ׳טויג זיך אויס! — האָט סאַאיד געענטפערט, באַגריסנדיק די געסט.

זיין ברונעט, כמעט קאַשטאַן־ברוין געזיכט, באַדעקט אינגאַנצן מיט קנייטשן, איז געווען גלייכגילטיק און פאַרשלאָסן, גלייך ווי עס וואָלט געוועוען אויסבאַהאַלטן אַ וואָזשנעם און לאַקנדיקן סוד.

— נאָך אַלץ נישט רייכער געוואָרן?

— כ׳וואָרט אַלץ, דו זאָלסט דערשטיקן דיין באַלעבאָס און דו זאָלסט זיך טיילן מיט מיר! — האָט סאַאיד געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— גיי צו אַלדי רוחות! — האָט נעטשיפּאַר זיך צעבייזערט. — איך דאַרף דיך נייטיק האָבן מיט דיינע עצות! דערלאַנג אונדז בעסער עפּעס צו טרינקען און צו פאַרבייסן און האַלט די צונג צווישן די ציין.

סאַאיד איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַ שמייכל און באַלד האָט ער אַרויפ־געשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל בראַנפן, אַ בלעכערנעם טעלער מיט וווּרשט און אַ האַלב לעבל רונדיק ברויט.

— לאָמיר טרינקען לחיים, עפּעס צובייסן, דערנאָך וועלן מיר זיך דורכשמועסן, לייבקע!

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין לייבקעס גלעזל און אויסגעטרונקען, נאָר דער קרעטשמער האָט זיך נישט גערירט.

— פאַרוואָס־זשע עסטו נישט? — האָט זיך אָפּגערופן נעטשיפּאַר, גריזשענדיק אַ שטיקל פאַרדאַרט ברויט. — אַהאַ, יאָ, כ׳האָב גאָר פאַר־געסן, ס׳איז נישט כשר, דיין רעליגיע פאַרווערט עס דיר. אָבער אונדזער באַלעבאָס וועט אפילו פרעסן חזיר, ווען מ׳וואָלט נאָר געגעבן געלט. אויב אַזוי, טרינק־זשע אַ גלעזל בראַנפן, בראַנפן מעג מען.

דער אַלטער קרעטשמער האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. נע־טשיפּאַר האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש אינגאַנצן נאָענט צו לייב־קען; ער האָט באַשלאָסן דעם אַלטן צו דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט געוווּסט:

— איך זע, אַז דו ביסט אינגאַנצן אויס מענטש. דיין האַרץ ווייטיקט צוליב דער טאָכטער. ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף דיר. כ׳וועל דיר אויס־זאָגן דעם גאַנצן אמת, כאָטש הער האַלפּערין האָט מיר שטרענג אָנגעזאָגט,

איך זאָל האַלטן די צונג. מען דאַרף אָבער האָבן אַ שטיינערן האַרץ, כּדי נישט צו ווערן גערירט דורך דיינעליידן. הער לייבקע, דיין טאָכטער געפינט זיך אין מאָנאַסטיר. עס האָט זי דאָרט אַהין אַוועקגעפירט הער האַלפּערין. זי איז געפעלן געוואָרן איינעם אַ הויכגעשעצטן שררה, וועלכער פאַרוויילט זיך מיט איר.

אַ דונער איז אַריין אין דער שענק. דער בלייערנער הימל מיט אַלע וואָלקנס, וואָס זענען נאָר פאַראַן אויף דער וועלט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דאַך פונעם הויז. לייבקע האָט זיך געוואָלט שטעלן אויף די פיס און נישט געקאָנט. ער האָט געוואָלט אַרויסרעדן כאָטש איין וואָרט — און זיינע ליפּן האָבן זיך נישט באַוויגן. ער האָט געהאַט פאַרלוירן ס׳לשון, זיינע הענט און פיס זענען אים פּאַראַליזירט געוואָרן. און בלויז די טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן, גערונען איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקן, זיך פאַרלוירן אין דער באָרד. ער האָט גאָרנישט נישט געזען, נישט די ווענט פון דער שענק, נישט די מענטשן, נישט דעם בייזיצער.

נעטשיפּאָר האָט אָפּגערוקט דאָס פלעשל בראָנפן. לייבקעס צער האָט אויך אים פאַרטויבט, און ער האָט שוין באַדויערט, הלמאי ער האָט אַנטפּלעקט פאַרן אַלטן דעם סוד. אפשר וואָלט בעסער געווען צו שווייגן? אפנים, אַז ער האָט דערמיט נאָכמער פאַרשטאַרקט דעם ווייטיק, געשיט זאַלץ אויף דער אָפענער ווונד, און אַצינד, דאַכט זיך, וועט קיין שום זאַך נישט קענען שטילן דעם אַלטנס עגמת־נפש און יאוש.

אין דער צייט, וואָס נעטשיפּאָר האָט איבערגעטראַכט און געהאַט מיט זיך אַ ישוב־הדעת, איז לייבקע אויפגעשפרונגען און אַרויסגעלאָפן פון דער שענק. ער איז געלאָפן אויפן הינטערגעסל, פאָכענדיק ברייט מיט די הענט, איינאָטעמדיק דורכן אָפענעם מויל די געפרוירענע לופט. ער האָט אפילו צוויי מאָל געגעבן עפּעס אַ נישט־דייטלעכן און פאַרצווייפלטן געשריי, און געלאָפן אַלץ ווייטער, אַרויסרופנדיק פאַרוווּנדערונג ביי די פאַרבייגייער. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי די טויערן פונעם מאָנאַסטיר. די טויערן האָבן זיך געעפנט, גלייך ווי זיי וואָלטן אים געמאַכט אַ וועג דורכצוגיין, אָבער אַ שוואַרצע לאַקירטע קאַרעטע, אין וועלכער עס זענען געווען איינגעשפּאַנט זעקס פערד, איז אים אַנטקעגן געלאָפן, און דער אַלטער האָט קוים באַוויזן אָפּצושפּרינגען, כּדי נישט אַרונטערצופאַלן אונטער די קאָפּיטעס. אויך די פערד, דערשראָקענע פאַרן קרעטשמערס אָפּגעשליסענער פיגור, האָבן זיך ראַפּטעם אַ ריס געטון אין אַ זייט, שיער נישט איבערקערנדיק דעם וואָגן. דער קוטשער האָט, מיט אַ גענִיטער האַנט, אָפּגעשטעלט די פערד, אַ שמיץ געגעבן מיט דער בייטש לייבקען, און אַ לאַקיי אין אַ רויטן קאַפּטאַן איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קעלניע.

— דו ביסט בלינד? דער רוח זאָל דיך נעמען, דו האָסט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג ווי אַ פלאָקן, דו זעסט נישט, וועמענס קאַרעטע עס פאָרט? — דער לאַקיי האָט מיט צאָרן געביילט די פויסטן פאַרן גע־

זיכט פונעם איבערגעשראָקענעם און צעטומלטן קרעטשמער, און געמאַכט יעלות, שפּייענדיק אים אין פּנים אַריין:

— בהמה! דו זעסט נישט, אַז דאָ פאַרט זיין עקסעלענץ דער גראַף מנישעק? המ... מאַרדע איינע! — מיטן גאַנצן כּוח האָט ער אַ זעץ געטון לייבקען אין דער ברוסט און אויפגעהויבן די פויסט אויף צו דערלאַנגען אים נאָכאַמאָל.

דאָס טירל פון דער קאַרעטע האָט זיך געעפנט און אויפן טרעפּל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ פוס, וואָס האָט געטראָגן אַ לאַקירטן שטיוול. לייבקע האָט דערזען דעם גראַף מנישעק. דער קרעטשמער האָט צונויפגענומען די הענט, ווי ביים אָפּריכטן אַ תּפילה און איז אַנידערגעפאַלן אויף די קני:

— אדוני פּריץ! זאָל דער הויכגעשעצטער האַר אים מוחל זיין, עס איז אים, חלילה, אין געדאַנק נישט געלעגן אַן עוולה צו טון זיינע פערד!

דער גראַף האָט נישט געענטפערט און נישט געהערט אפילו, אָבער לייבקעס שאַרף אויג האָט באַוויזן צו באַמערקן אין ווינקל פון דער קאַרעטע אַ פרוי, איינגעהילט אין שוואַרצן. ער האָט דערקאַנט איר בלייך געזיכט, ער האָט זיך אויסגעגלייכט, זי אַ רוף געטון און זיך אַ לאָז געגעבן צו דער קאַרעטע. ער האָט אָנגעהויבן שרייען מיט אַלע זיינע כּוחות, מיט דער גאַנצער נשמה: „נחמה!“. אָבער די קאַרעטע האָט שוין געהאַט אונטערגעשפּרונגען אויפן ברוק. די זעקס עפּל־גרויע פערד האָבן זי ערגעץ־ווו בליץ־שנעל פאַרשלעפּט, הינטערן בלויען האָריזאָנט, העט־ווייט אַוועק פון לייבקען. אים האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז ער דאַרף נאָכלויפן די קאַרעטע, דעריאָגן זי און זי פאַרהאַלטן. אָבער ער האָט קיין כּוח נישט געהאַט אויפצוהייבן צומאָל אַ פינגער. ער האָט זיך אָנמעכטיק אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיינערנער באַנק ביי דער וואַנט פון מאַנאַסטיר. אַ הויכוווקסיקער מאַנאַך אין אַ לאַנגער שוואַרצער סוטאַנע, וואָס האָט געטראָגן סאַנדאַלן אויף די באָרוועסע פיס, איז צוגעקומען צו אים. ער האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ, אָנרירנדיק דעם קרעטשמער פאַרן אַקסל:

— הולך אַוועק פונדאַנען, ייד איינער! — האָט בייז געזאָגט דער מאַנאַך.

— ווער ביסטו? — האָט לייבקע, ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, אַ פרעג געטון, — ווו איז נחמה? ווער ביסטו?

— איך בין אַ קאַרמעליט! — האָט שטאָלץ געענטפערט דער מאַנאַך.

— גיי אַוועק פונדאַנען, ייד איינער, פאַראומרייניק נישט דאָס הייליקע אָרט!

לייבקע האָט זיך אויפגעהויבן. ער איז געשטאַנען קעגנאיבער דעם קאַרמעליט ווי פאַרגליווערט. זיינע אויגן האָבן פיבערדיק געגליט הינטער די געדיכטע, שטייפהאָריקע ברעמען. דער ווינט האָט צעשויבערט זיין לאַנגע גרייז־גרויע באָרד, אונטערגעהויבן אין דער לופטן די פּאָלעס פון זיין אויפגעקנעפּלטן פּעלץ. לייבקע האָט געקוקט דעם מאַנאַך אין די

אויגן אַריין מיט אַן אומדערשראָקענעם, פאַרשנדיקן בליק. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מטורף. דער שוואַרץ־געקליידטער מאַן איז אָפּגעטרעטן, אָפּגערוקט זיך אין אַ זייט, ווי צו מאַכן לייבקען אַ וועג. איצט האָט ער שוין געשוויגן און נישט געוואַגט מער צו טרייבן דעם קרעטשמער. און פּלוצלונג האָט לייבקע איינגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען אַריין, זיך אינגאַנצן איינגעקאָרטשעט, זיך צונויפגעדרייט, פּונקט ווי זיין וווקס וואָלט קלענער געוואָרן, ער האָט גענומען וויינען און, ברעכנדיק די הענט פון פאַרצווייפלונג, איז ער אַוועק ווייטער.

דער דאָזיקער טאָג פון אומענדלעכן ווייטיק, פאַרצווייפלונג, אומדערטרעגלעכן עגמת־נפש האָט זיך אויף אייביק איינגעקריצט אין זיין זכרון. דאָס האַרץ איז אים פאַרפרוירן געוואָרן אין דער ברוסט ווי אַ שטיק אייז. ער האָט דערשפּירט דאָס האַסטיקע האַרצקלאַפּן. ווי אַ חסר־דעה איז ער אַרויס הינטער דער שטאָט. פאַר אים האָט זיך אויסגעשפּרייט דער ווייטער, מיט שניי באַדעקטער, וועג. די סודותפולע סטעפּ איז געלעגן איינגעשטילט. דער ווינט האָט געוועלטיקט פראַנק־און־פריי איבער דער אומענדלעכקייט. אויפן לויטערן האָריזאָנט האָבן זיך אָנגעקליבן געדיכטע וואָלקנס. לייבקע דער קרעטשמער האָט זיך געשלעפּט איבערן טראַקט, באַוועגנדיק שווער מיט די הענט. אים האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז ערגעץ פונדערווייטנס הוידעט זיך אויפן וועג אַ קאַרעטע. ער האָט געגלייבט, אַז ער וועט זי באַלד בלי־שום־ספק דעריאָגן. די געדאַנקען זענען ביי אים געווען גרויע און איינטאָניקע. זיין אויפרעגונג איז ערגעץ־ווו פאַרשוואונדן געוואָרן און זיין אומרו איז אַוועקגעפלויגן ווי אַ שלאָפנדיקער פויגל, וואָס איז פּלוצלונג איבערגעשראָקן געוואָרן דורך אַ זאַווערוכע. און לייבקע דער קרעטשמער איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען, פון די אויגן זיינע זענען גערונען טרערן, צוגעפרוירן געוואָרן אויף די באַקן, אייז־צעפּלעך זענען אים אַראָפּגעהאַנגען פון דער באָרד. ער האָט קלאַנגלאָז געמורמלט מיט די ליפּן און מאָמענטנווייז האָט ער יאָמערלעך און האָפענונגסלאָז גערופן נחמהן.

דער ווייטער לויטערער האָריזאָנט האָט זיך שוין געהאָט פאַרטונקלט. דער ווינט האָט געהודזשעט אַלץ שטאַרקער. דער וועג האָט זיך געצויגן אַ פּוסטער און אומקלאָרער, אָבער לייבקע איז אַלץ געגאַנגען מיטן זעלבן טריט און געוויינט אומעטיק און שטיל. און קיין סוף האָט נישט גענומען צו זיינע טרערן און קיין ענד האָט נישט גענומען צו זיינעליידן.

*

דעם גראַף מנישעקס קוטשער האָט געטריבן די פייערדיקע סוסים. די קאַרעטע איז געשווומען אין דער סטעפּ איבערן, מיט שניי געדיכט באַדעקטן, וועג. איינגעהילט אין זיין שובע, איז דער גראַף געזעסן רואיק און צופרידן. ער האָט מן־הצד געקוקט אויף זיין געפאַנגענער און זיינע גרינלעכע אויגן האָבן געשמייכלט. ער האָט זי געפירט קיין ווישניעוויעץ, אין זיין שלאָס אַריין. אַננאַ איז געווען אַוועקגעפאָרן קיין ווערכאָווניע.

ער האָט זיך געקאָנט דערלויבן צו פאַרברענגען אַביסל אין איר אָפּוועזנהייט. דאָס דאָזיקע שרעקעוודיקע מיידל האָט אים צוגעצויגן. אמת, מען דאַרף זיין פאַרזיכטיק, כדי די הויז־דינערשאַפט זאָל נישט פּלאַפּלען מיט די צינגלעך; כדי עס זאָל נישט דערגיין צו אַננאַס אויערן. און צוריקגעשמועסט, וואָלט דווקא בייטיק געווען, אַז זי זאָל זיך צוגעוווינען צו זיינע משוגעתן. סוף־כל־סוף, איז דערין קיין שום שרעקלעכס נישט געווען. ער האָט זיך בלויז געוואָלט אַביסל פאַרוויילן. שוין לאַנג, ווי ער האָט נישט געהוליעט. ער וועט שענקען דעם מיידל כלערליי מתנות און זי משלח זיין צו אָט דעם אַלטן אויסוווּרף, צו אָט דעם כיטרען פוקס, האַלפערינען. דאַכט זיך, אַז אָט דער שווינדלער אַליין קוקט נישט מער אויס, ווי נאָר צו קענען אָפּלעקן אַ ביינדל.

נחמה איז געזעסן אַ שווייגעוודיקע, אַ דערשלאָגענע, אַ דערנידעריקטע פון דעם אַלעם, וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט. טיילמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ בייזער, ווילסטער חלום. זי האָט געצויגן דעם צאָפּ אירן, אויפגעהויבן מיט די פינגער אירע וויעס, געזאָגט צו זיך אַליין: „וואַך אויף!”, האָפנדיק, אַז דער שלאָף וועט אַוועק און זי וועט זיך ווידער געפינען אין דער קרעטשמע, אין איר צימער, נעבן איר פאָטער. אָבער דאָס איז בלויז געווען אַן אומזיסטע איינרעדעניש. מ׳האָט זי אויסבאַהאַלטן אין אַ פינצטער קעמערל פון מאַנאַסטיר, פונקט ווי אין אַ תפיסה. ווי ר׳ האַלפערין האָט זי אָפּגענאַרט! ווי ער האָט פון איר חוזק געמאַכט, אַכזריותדיק און גרויזאַם! מ׳האָט זי לאַנג געהאַלטן אין מאַנאַסטיר, ביז זי האָט פאַרלוירן דעם חשבון פון די טעג. קיינער האָט צו איר נישט גערעדט, קיינער איז נישט געקומען זי זען. זי האָט געוויינט, געשריגן, אָפּגעזאָגט זיך פון עסן. זי האָט נישט געוווּסט און נישט געקאָנט וויסן, אַז מ׳האָט זי געהאַלטן אין מאַנאַסטיר אויסשליסלעך דערפאַר, ווייל דער גראַף מנישעק האָט זי נישט געקענט, צוליב פאַמיליע־אומשטענדן, אַוועקפירן צו זיך קיין ווישניעוויעץ. אגב, האָט זי גאָרנישט נישט געוווּסט וועגן דעם גראַף מנישעק. אין יענער נאַכט, ווען דער מאַנאַך האָט זי אַוועקגעפירט אין מאַנאַסטיר, האָט איר האַלפערין געהאַט אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין חלשותדיקע רייד. און אָט האָט זיך היינט באַוויזן דער דאָזיקער הויכגעשעצטער פּריץ. נחמה האָט זיך ביי אים געבעטן זי אַהיימצופירן צום פאָטער, זי צו ראַטעווען. ער האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט, כמעט אומבאַמערקבאַר אונטערגעשמייכלט און ער האָט געהאָלפן דעם מאַנאַך אַרויפציען אויף איר די שובע.

מיט עטלעכע טעג פריער וואָלט זי זיך קעגנגעשטעלט, זי וואָלט געמאַכט קולות, גערופן נאָך הילף. אָבער אַצינד איז זי געווען געהאַרכזאַם ווי אַ שעפעלע. מ׳האָט זי אויסגעקליידט, אַריינגעזעצט אין אַזאַ הערלעכער קאַרעטע, וואָס זי האָט נאָך אפילו אין חלום נישט געזען. מיט איר בלייכן געזיכט, מיט אירע גרויסע קאַרשן־אויגן אונטערן מאַרמאָר־געשניצטן שטערן, אויסגעפוצט אין ערשטקלאַסיקן פוטערוואַרג, האָט זי אויסגעזען אויף דעם פליושענעם געזעס ווי אַן עכטע פּרינצעסין. דאָס,

וואָס עס האָט פּאַסירט ביי די טויערן פון מאַנאַסטיר, האָט זי לחלוטין נישט באַמערקט.

דער גראַף מנישעק האָט זיך שוין מער נישט באַאומרואיקט. ס'איז געווען אַ גליק, וואָס זי האָט נישט געהאַט דערקאַנט איר פּאַטער. ער, דאַקעגן, האָט גלייך געהאַט דערקאַנט דעם אַלטן קרעטשמער. מען וועט נאָך דאַרפן אַדורכקומען מיט אים, דער רוח זאָל אים נעמען! מ'וועט נאָך דאַרפן זיך דינגען מיט אים, פאַרלירן צייט, אָבער סוף־כל־סוף וועט האַל־פּערין מיט אַ וועלכע נישט איז טויזנט קערבלעך אַלץ ברענגען אין אָר־דענונג. דער גראַף מנישעק האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן פאַרטרייבן פון זיך די דאָזיקע אַלע דאגות. אין דער אונטערשטער שורה, איז דאָס אַלץ נישט מער ווי נאַרישקייטן. ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צו נחמהן, זי אַ כאַפּ געטון פאַר די אַקסלען און מיט כוח זי צוגעצויגן צו זיך. אָט זענען זיי, די אויגן און דאָס דאָזיקע פיינע האַלב־אָפענע מויל, וועגן וואָס ער האָט טיילמאָל געחלומט ביינאַכט. אָט זענען זיי. נחמה האָט זיך געוועלרט און אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. דעם גראַפס ליפּן האָבן נערוועז געצוקט. זיינע הענט האָבן געציטערט. אַ טונקעלער שלייער האָט פאַרשטעלט זיין בליק. נחמה האָט פאַרזשמורעט די אויגן און תפילה געטון. זי האָט געהאַפּט, אַז עס זאָל געשען אַ נס. זי האָט נאָך מער ווי געהאָפט. נחמה האָט ווירקלעך געגלויבט. אָבער גאָרנישט איז געקומען. די קאַרעטע איז אונטערגעשפּרונגען איבער די גריבער. דער קוטשער האָט מיט דער בייטש אונטערגעטריבן די פערד. דער לאַקיי האָט געדרעמלט אויף דער קעלניע.

די ווינטער־נאַכט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער ערד. היינטערן האָריזאָנט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם. זיין טרויעריקער רעגנבויגנ־דיקער אָפּשיין האָט זיך באַוויזן איבער דער סטעפּ. דיביימער פוןביידע זייטן וועג האָבן געסקריפּעט פונעם פראָסט. אויף די פערדישע גריוועס האָבן די אייז־צעפּלעך אויסגעזען ווי פאַנטאַסטישע צויטן. אין דער קאַ־רעטע איז געווען דושנע און ענג. נחמה האָט געשריגן. זי האָט אָנמעכטיק געפּאַכעט מיט די הענט. זי האָט גערופן הילף. די קאַרעטע איז געווען ווי אַ תפיסה. קיין שום מעגלעכקייט זיך צו באַפרייען, זיך צו ראַטעווען איז נישט געווען. מנישעק האָט מיט זיינע גיריקע הענט אַראָפּגעריסן פון איר די קליידער. ער האָט מיט זיין פייערדיק מויל צוגעטראָפן צו נחמהס שטאַרק־פאַרשלאָסענע ליפּן. זי האָט צוזאַמענגענומען אַלע אירע כוחות, געביילט די פויסט און אַ זעץ געטון קעגנאיבער זיך. מנישעק האָט אַוועק־געמאַכט פון זיך איר האַנט, וועלכע איז געפאַלן אין פענצטער אַריין. די שויב האָט אָפּגעקלונגען איבערן וועג.

אָט דעם לייכטן אַליאַרמירנדיקן קלאַנג האָט דער ווינט אונטערגע־כאַפּט, אַוועקגעטראָגן אים העט־ווייט, און דורך אַ פאַרשטאַרקטן ווינט איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטורעם־גלאָק.

קאַפּיטל צען

ווינטער

דאָס איז געווען דער בעסטער פּעריאָד אין זיין לעבן. תמיד אין שעהן פון ספקות און אומרו, בעת אומברחמנותדיקע געדאַנקען וועגן זיך זעגען, אומפאַרענדערלעך ווי די קאַנטורן פון לויכטנדיקע שיפן אין דער ווילן, אַריינגעוואָרפן אין תהום פון זיינע דערינערונגען און פאַר אים זענען, אומפאַרענדערלעך, ווי די קאַנטורן פון לויכטנדיקע שיפן אין דער פינצטערניש, אויפגעשווומען די אַמאָליקע נעכט. די בייטעוודיקע האָרי־זאָנטן האָבן זיך אַנטפּלעקט ווי אין אַ מעשהלע.

דער בייטאָגיקער שטויב האָט זיך אָפּגעזעצט אויף דעם וועג. די זון האָט זיך געגליטשט אין ווייטן, אומענדלעכן רוים. באַלזאַק איז געשטאַנען אויפן בערגל, און צופוסנס, אויף די ברעגן פון דער סען, איז געלעגן פּאַריז, אַ כיטרע און אַ נאָך נישט באַזיגטע חיה, וואָס האָט אים געדראָט אָפּצוגאָרן און אים צו פאַרניכטן.

באַלזאַקס אויסערגעוויינלעך־שאַרפע ראיה איז אַריינגעדרונגען ביז אין די סאַמע טיפסטע און פאַרוואָפנסטע ווינקלען. זיין דורכדרינגענדיקער בליק האָט אַרומגענומען מיט איין געדאַנקען־שוווּנג, ווי מיט אַ פאַך פון אַן אָדלער־פליגל, דעם גאַנצן רוים צווישן דער וואַנדאָם־קאָלאָנע און דעם קופּאָל פונעם אינוואַלידן־וואָקזאַל, ווו עס האָט געלעבט די הויכע גע־זעלשאַפט, אין וועלכער ער האָט געוואָלט אַריינטרעטן ווי אַן אַלמעכטי־קער, אַ שטאַרקער, אַ תקיף און אַן איינגעגלייבטער אין זיך.

אַהער, אין אָט די קוואַרטאַלן, האָט ער געוואָרפן פלאַמיקע בליקן, אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט ער געצויגן מיט לייב־און־לעבן, אידענ־טיפיצירנדיק זיך אַזוי אַרום מיט זיין ראַסטיניאַקן; ער האָט איבערגעחזרט זיינע ווערטער פול מיט אומדערשעפּלעכער ליידנשאַפט, מיט עקשנות:

„נו, איצטער וועלן מיר זען, ווער ס'איז שטאַרקער!".

אין יענע טעג האָט ער אַרויסגערופן אויף אַ פאַרמעסט די הויכע געזעלשאַפט, ער האָט שטאַלץ און דרייסט זי פּראָוואָצירט צו אַ דועל, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַנגעפּירט מיט אַ האַלב־מיליאָניקער אַרמאַדע*) פון בראַווע און אומדערשראָקענע קאָרסיקאַנער.

די יאָרן האָבן בהדרגהדיק, אָפּטמאָל אפילו אומבאַמערקבאַר, געטון

*) אַרמאַדע — ריזיקער קריגס־פלאָט, וואָס דער שפּאַנישער קעניג פיליפּ דער צווייטער האָט אַרויסגעשיקט קעגן ענגלאַנד, אין 1588, נקמה צו נעמען פאַרן טויט פון מאַרי־סטואַרט און אָראָפּצוזעצן פון טראָן עלי־זאַבעטן; ער איז אומגעקומען פון אַ ים־שטורעם. — **באַמ. פון איב.**

זייער צעשטערעוודיקע אַרבעט. זיי, די יאָרן, האָבן זיך אַריינגעריסן אין זיין הויז, אין פּאַסי־קוואַרטאַל, אויף דער באַס גאַס נומער 19, — יאָרן, אויף וועלכע ס'איז געלעגן דער חותם פון שטימונגען, פריער אומבאַ־קאַנטע. זיי זענען עס אַריינגעדרונגען דורך אַלע שפּאַרעס: שלאָפלאָזי־קייט, האַרצקלאַפּן, פּרייכעניש, אָפּשוואַכונג פון דער ראיה, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי דורכדרינגעוודיק; טרייסלעניש פון דער רעכטער האַנט, וואָס איז ממש געווינט געווען צוצודריקן די פעדער ווי דאָס הענטל פון אַ שווערד.

מיט אומפאַרגלייכלעכער פּאַר אים פאַרביטערונג האָט ער געמוזט זיך מודה זיין, אַז ער איז שוין מער נישט געווען יענער קעמפערישער קריגער אַנאַרע, וועלכער איז געקומען פון זיין פּראָווינצער טורען, כדי צו דעראָבערן פּאַריז. ער איז גיכער ענלעך געווען צו אַ גענעראַל אויף עמעריטורע, אַ וואָרטשון, אַ קאַפּריזניק און שטענדיק אַן אומצופרידענער. אָבער דער פאַקט אַליין, וואָס ער איז פעאיק געווען אויסצוגעפינען אין זיך אַן אַ שיעור חסרונות, האָט אים געלאָזן אין האַרצן דעם גלויבן אין באַדייטנדיקע ענדערונגען, וואָס דאַרפן אים אומקערן די פאַרלוירענע קאַמפּסלוסטיקייט און דעם אויסדויער.

דאָס אַלץ איז אים צוריקגעקומען אויף די געדאַנקען, צעפלאַקערט זיין האַרץ, אין די פייכטע ווערכאַווניער אָוונטן און נעכט. היגטער די פענצטער האָט זיך אויסגעשפּרייט דער שניי. דער שטורעם האָט דעם שניי אַוועקגעקערט. דער פראָסט האָט אויסגעמאָלט אויף די שויבן וווּנ־דערלעכע און אָפּנאַרערישע בלימלעך. בייננאַכט האָט דער וואַלד אַרום דעם שלאָס געקרעכצט. דער סטעפּישער ווינט האָט פאַרצווייפלט און האָפענונגסלאָז געוויינט. זיין נשמה האָט געשמאַכט אין דערוואַרטונג אויף אַ טרייסטנדיקער ישועה. ער האָט אַ נעם געטון די פעדער און זי צוריק אַוועקגעוואָרפן, אַ דערשראָקענער צוליבן פאַרלוסט פון די טיפע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אין זיך געגערט במשך פון יאָרן.

דער בריוו פון קיעוו איז געבליבן ליגן, אַ נישט־פאַרענדיקטער, אין דער פּערקאַלענער פּאַפּקע. עס האָט זיך נישט געוואָלט צומאַל טראַכטן וועגן אים.

און דורך דער שניי־זאַווערוכע זענען אים אַנטקעגן געקומען די נעכט, די פּרעכטיקע פאַריזער נעכט. דער פאַרזיכטיקער און פאַרטראַכ־טער צעזאַר ביראָטאָ האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין בעט און דער־ציילט וועגן זיין גרויסקייט און וועגן זיין דעקאַדענץ. צעזאַר ביראָטאָ האָט אים נישט געמאַכט קיין פאַרוואורפן. אַ שטילער, פאַרצערנדיקער ווייטיק האָט געלויכטן אין זיינע אויגן, און באַלזאַק האָט געהאַסט די דאָזיקע אויגן און נישט געקאָנט אַן מורא אין זיי אַריינקוקן. זיין העלד האָט אים וועגן קיין שום זאַך נישט געפרעגט און האָט אים גאָרנישט נישט פאַרגעוואָרפן. ער האָט אים בלויז דערמאָנט וועגן די טעג פון זיין געבוירן.

באַלזאַק האָט עס זיך דערמאָנט: נאָוועמבער 1837, די רעדאַקציע

פון „פיגאַראָ" האָט אים געזאָגט, מען האָט זיך באַדאַרפט צוויילן, און בלויז אייניקע בלעטלעך פון צעזאַר ביראָטאָ זענען געווען אָנגעשריבן. דאָס זענען געווען פיבערדיקע נעכט, דאָס פּאַפּיר האָט זיך באַדעקט מיט אומקלאָרע, נישט־לייענבאַרע אותיות. ווי נאָר ער האָט געהאַט אָנגעשריבן אַ צענדליק בלעטלעך, האָט ער זיי גלייך אַוועקגעשיקט אין דער דרוקעריי פון „פיגאַראָ"

אין דער דרוקעריי האָט זיך געטון חושך. קיינער איז נישט אימשטאַנד געווען זיך פונאַנדערצוקלייבן אין באַלזאַקס כתב. די זייטלעך זענען געווען אויסגעפּילט מיט קאַטשערעס און לאַפּעטעס, ס'איז געווען קענטיק, ווי אַזוי זיין האַנט איז געלאָפן אויפן פּאַפּיר, מ'האָט געזען באַשיינפּערלעך, ווי געוואַלדיק די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים אויסגעוועפּט. מיט אויסערגעוויינלעכער מי האָט מען דערקענט די ווערטער, מ'האָט אויסגעזעצט דעם טעקסט און מ'האָט גלייך אַוועקגעשיקט באַלזאַקן די קאָרעקטן.

באַלזאַק האָט שטרענג קאָרעגירט דאָס אָנגעשריבענע, און באַלד נאָכדעם, האָבן זיך די שמאָלע ראַנדן פוןביידע זייטן טעקסט באַדעקט מיט נייע דערגאַנצנדיקע פראַזן, און אפילו מיט גאַנצע עפּיזאָדן. ער האָט איינצייטיק באַוויזן אָנצושרייבן נייע קאַפּיטלען און אויסצובעסערן די פריערדיקע אויף אַזאַ אופן, אַז אויך זיי זענען סוף־כל־סוף געוואָרן נייע. אין אָט די טעג און נעכט איז ער נישט אַרויס פון זיין קאַבינעט, ער האָט זיך מיט קיינעם נישט געזען, אחוץ מיטן שיק־יינגל פון דער דרוקעריי. די שוואַרצע קאַווע האָט אים געקרעפטיקט און פאַרטריבן דעם שלאָף.

ער איז געווען אַזוי מיטגעריסן, אַז ער האָט נישט באַמערקט, ווי די נאַכט פאַרבייט דעם טאָג; ער האָט נישט געזען, וואָס עס טוט זיך הינטער זיין פענצטער, צי ס'איז געווען אַ שיין וועטער, צי ס'האָט גערעגנט, און די ליכט אינעם לייכטער האָבן געברענט אַ קיילעכיקן מעת־לעת. אין אָט די שעהן, וועלכע האָבן איצט מיט זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים אַ שווערע און זיגרייכע מלחמה, האָט ער קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן עוולינען און נישט געעפנט די בריוו, וועלכע ער האָט פון איר דערהאַלטן.

צעזאַר ביראָטאָ האָט מיט אים געלעבט אין זעלבן צימער, און באַלזאַק האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט פאַרגעסן אין זיין העלד, זאָל עס זיין אפילו אויף איין ווײַלע, וועט יענער נישט אַריבערטראָגן דעם מיאוסן פאַרראַט. באַלזאַק האָט אים נישט פאַרראַטן.

דעם 15־טן דעצעמבער האָט זיך אין „פיגאַראָ" באַוויזן אַ פעליעטאָן אונטערן טיטל: גליקן און אומגליקן פון צעזאַר ביראָטאָ, איידער ער איז געקומען אויף דער וועלט. דורך דעם דאָזיקן פעליעטאָן האָבן זיך טויזנטער לייענער דערוווּסט, ווי אַזוי באַלזאַק האָט געאַרבעט, און ער גופא האָט אים געלייענט מיט אַ געוויסן פאַרגעניגן.

דאָס זענען געווען וווּנדערלעכע טעג. שוין דאָס דערמאָנען זיך בלויז

אין זיי האָט באַלזאַקן איצט געקאָנט טרייסטן. דער בלויער באַלקן און דער ליכטיקער שמייכל פון די ראָזע מלאכים אין עוולינס בודואַר האָבן ביי אים דערוועקט רו און זאָרגלאָזיקייט.

*

קיין ערנסטער און ענדגילטיקער געשפרעך איז נאָך נישט געהאַט פאָרגעקומען, אָבער ער האָט שוין געוווסט, אַז ס׳איז געוווען די העכסטע צייט זיך צו קלייבן אין וועג אַריין. זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט די אָוונטן ביים קאַמין אין עוולינס בלויען צימער. ער איז געזעסן אין אַ פאָטעל קעגנאיבער עוולינען, די פיס זיינע אַרומגעהילט מיט אַ שווערן ענגלישן פּלעד, און אויסגעהערט אירע געשיכטעס. אַננאַ, צו גאַסט אין ווערכאָווניע, האָט זיי נישט געשטערט. זי פלעגט קומען בלויז דאַן, ווען מען האָט זי גערופן. אַ שיין געבויטע און אַ קראַסאַוויצע, מיט אַ שוואַר־בענהאָלדז, האָט זי אויסגעזען, אין איר ווייסן שוימענדיקן קלייד, ווי זי וואָלט ווירקלעך געווען געשוומען אויף צויבער־כוואַליעס, און באַלזאַק האָט מיט קנאה באַוונדערט אָט די כישופדיקע יוגנט. זיי האָבן אַלע דערוואַרט דאָס אָנקומען פון גראַף מנישעק, אָבער יענער איז אַלץ נישט געקומען. ער האָט זיך פאַרהאַלטן אין ווישניעוויעץ צוליב עפּעס אַן אומ־באַקאַנטער סיבה.

אָבער קאַרל האַנסקי, דערוויסנדיק זיך צופעליק די געשיכטע מיט דער יונגער קרעטשמערקע, האָט זיך געאיילט צו דערציילן וועגן דעם עוולי־נען. ער איז געוווען אויסער זיך פון פרייד צו האָבן ענדלעך געקריגן אַ מעגלעכקייט זיך פריילעך צו מאַכן איבער זיין גאַוודיקער קרובה. און זי האָט אים רואיק אויסגעהערט. קיין איין מוסקל האָט נישט קיין ציטער געטון אויף איר געזיכט. זי האָט בלויז געפרעגט:

— דאָס איז אַלץ? פּטור! עפּעס בעסערס האָב איך פון אייך נישט דערוואַרט, איר טויגט נאָר אויף צו פאַרשפּרייטן רכילות!

פונדעסטוועגן האָט עוולין אַ טאָג שפּעטער געשיקט רופן אין בער־דיטשעוו האַלפערינען.

דער באַנקיר איז געקומען צו פאָרן אויף צומאָרגנס אין דער פרי. מ׳האָט אים אַריינגעפירט אין הייזל פון דער דינערשאַפט, און ער האָט דאָ געוואַרט אומגעפער אַ שעה צייט, איידער ער איז גערופן געוואָרן אין שלאָס אַריין. דאָרטן האָט ער אויך געוואַרט איבער אַ האַלבע שעה אין דער ביבליאָטעק אויפן צווייטן שטאָק.

איינגעזונקען אין אַ טיפן לעדערנעם פאָטעל, האָט ער באַטראַכט די ווענט, וועלכע זענען געווען פאַרשטעלט ביזן באַלקן מיט הויכע שענק, איבערפולטע מיט ביכער. אין מיטן צימער אויף אַ טיש איז געשטאַנען אַ ריזיקער גלאָבוס. האַלפערין האָט דאָס אַלץ זייער גוט געקענט. ער האָט געשמייכלט מיט אַ מין צופרידנקייט. סוף־כל־סוף, האָט ער געהאַט דאָס רעכט אויף אָט דער פּריווילעגיע. אַלץ אין דעם דאָזיקן צימער: סיי די

ביכער, סיי דער גלאָבוס, סיי די שיינע בילדער אויף מיטאָלאָגישע סיז־זשעטן, אַזוי גוט ווי דאָס גאַנצע מעבל אין די אונטערשטע צימערן — אַלץ איז אַהער אַנגעקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין באַנק. אויב עס וואָלט נייטיק געווען, וואָלט ער געקאָנט אָנגעבן די נומערן פון אַלע צאָל־דאָקומענטן, קוויטירונגען און אַנדערע איינצלהייטן.

יצחק האַלפערין האָט זיך אַלץ דערמאָנט. אויפן וועג האָט ער זיך געפרעגט: צוליב וועלכער סיבה האָט זיך עס די גרעפין געאײלט אים צו זען? שוין לאַנג, ווי מען האָט אים נישט גערופן קיין ווערכאָווניע.

עוולין איז געווען אין דער קאַפּליצע. אויף די קני, מיט פאַרלייגטע הענט און אונטערהאַלטנדיק מיט די פינגער די גאָמבע, האָט זי תּפילה געטון מיט התלהבות. אירע אויפגעהויבענע אויגן צום דערלייזער זענען געווען פול מיט געבעט. דאָס נר־תמיד האָט שוואַך באַלויכטן. אין דער קאַפּליצע איז געווען קאַלט און עס האָט זיך געפילט שימל. עוולין האָט זיך אומגעקערט פון דער קאַפּליצע אין שלאָס אַריין דורך דעם אונטער־ערדישן דורכגאַנג. מאַרינאַ איז געגאַנגען פאָרויס, האַלטנדיק אַ ליכט אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט. די גרעפין האָט זיך אַריינגעשטעלט אומ־דערוואַרט אין דער ביבליאָטעק. ר׳ האַלפערין איז געווען פאַרזונקען אין זיינע רעיונות. ער איז אויפגעשפרונגען. נידעריק זיך פאַרנייגט. ער האָט געוואַרט. עוולין האָט זיך אַוועקגעזעצט. האַלפערין איז געבליבן שטיין, געוואַרט, אַז זי זאָל אים איינלאַדן זיך אַוועקצוזעצן.

— איך האָב אייך אַרויסגערופן, הער באַנקיר — זי האָט אים קיינמאָל נישט אָנגערופן ביים נאָמען, — וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. מ׳סיע באַל־זאַק קלייבט זיך אינגיכן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. מען דאַרף אויפ־פּאַסן, אַז אַלץ זאָל גוט אַדורך!

— מיטן שענסטן כבוד, אייער עקסעלענץ! — האַלפערין האָט זיך ווי־דער פאַרנייגט.

— זיצט! — האָט עוולין ענדלעך באַוויליקט פאַרצולייגן.

ער האָט זיך פאַרזיכטיק אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון פאָטעל, גרייט צו יעדן מאָמענט זיך ווידער אויפצושטעלן.

— איך וואָלט אייך וועלן פרעגן נאָך עפּעס...

עוולין האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט דעם באַנקיר גלייך אין די אויגן אַריין. זי האָט זיך נישט געאײלט צו שטעלן די פראַגע. האַלפערין האָט זיך שוין געהאַט משער געווען, אָבער ער האָט עס דורך קיין שום סימן נישט אַרויסגעוויזן, מאַכנדיק זיך כלא ידע.

— איך וואָלט אייך וועלן פרעגן — האָט עוולין גאַנץ טרוקן איי־בערגעחזרט — צי איז דאָס אַלץ אמת, וואָס מ׳דערציילט וועגן גראַף מנישעק?

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, אייער עקסעלענץ?

האַלפערין האָט זיך אויפגעשטעלט. עוולין האָט אים אָנגעוויזן דעם פאָטעל. ער האָט געפאָלגט און זיך אַוועקגעזעצט.

— אַט די גאַנצע געשיכטע מיט עפּעס אַ קרעטשמערקע. מ׳זאָגט, אַז איר האָט צוגעלייגט אַ האַנט דערצו.

ניין, ס׳איז אים באמת שווער געווען צו בלייבן זיצן. ווער־זשע האָט עס וועגן דעם אַלעם געקאַנט דערציילן דער גרעפין? אַך! געוויס קאַרל! דער טייוול האָט אים אַנגעטראָגן צו רעדן וועגן דעם. טאָמער דערוווסט זיך מנישעק דערפון, וועט זיין אַ פּאַסקודנער ענין! ער האָט געגלעט די פּאַלעס פון זיין סורדוט. ער האָט פּאַרזיכטיק געגומען האַלטן אַ גאַנצע דרשה, אַרויסרעדנדיק דייטלעך יעדעס וואָרט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן מעסטן זיין איבערצייגונגס־קראַפט.

אַ קאַפּעטשקע אמת איז יאָ געלעגן אין דעם גערעדעריי. אָבער נישט אַלץ איז וואָר, ווייט נישט אַלץ. ער גופא האָט אויך עפּעס געהערט רעדן וועגן דעם. און אויב אייער עקסעלענץ וועט עס פאַרלאַנגען, איז ער גרייט צו מאַכן, נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, אַלע אַנשטרענגונגען זיך צו דער־וויסן די גענויע פּרטים. ערשט דעמאָלט וועט ער קענען דערציילן אַלץ ברחל בתך הקטנה, בשעת איצטער, אחוץ פּלוידערזעק... אָבער וואָס שייך אים, האָט ער פּערזענלעך קיין שום מגע־ומשא נישט געהאַט מיט דער דאָזיקער געשיכטע: ס׳איז פּשוט געווען אַ מיספאַרשטייעניש.

האַלפּערין איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געוואָרט, וואָס עס וועט דערויף ענטפערן האַנסקאַ, אָבער זי האָט זיך נישט געאיילט. וואָס זאָל מען ענטפערן אָט דעם כיטרען פוקס? אויפהויבן זיך פון פאָטעל און מיט איין מאַך מיט דער האַנט אַרויסוואַרפן אים אין דרויסן אָדער ליבערשט הייסן זשעגמאַנען אַוועקפירן אים אין שטאַל אַריין און אָפּשמייסן, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, צי גאַר אַנרייצן אויף אים די הינט?... די דאָזיקע געדאַנקען האָבן זי אַריינגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג און זי איינצייי־טיק באַרויקט. אָבער עוולין האָט זיך שנעל געכאַפּט, אַז זי קען זיך נישט דערלויבן נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע און אויך נישט דאָס דריטע. אָט שטייט ער פאַר איר אַ פּאַרגליוווערטער, דער ענוו און מה־יפיתניק, דער דאָזיקער באַנקיר האַלפּערין, אָבער הינטער אָט דער כלומרשטער אונטערטעניקייט באַהאַלט זיך אויס עפּעס אַזוינס, וואָס מ׳דאַרף נישט אויסמיידן און נישט פאַרגעסן. און אויפהויבנדיק זיך, האָט עוולין מיט אַ טרוקענעם, צוריקגעהאַלטענעם און רואיקן טאָן געזאָגט:

— נעמט עס אייך גוט אין זינען אַריין! איך פאַרלאַנג, אַז דאָס אַלץ זאָל אויפהערן. די דאָזיקע רעדעכצן, ווען זיי זאָלן אפילו זיין אומוואַר־שיינלעכע, דאַרפן בשום אופן נישט דערגיין צו אַנגאַס אויערן, און דער גראַף מנישעק דאַרף וויסן, אַז מיר איז עפּעס וואָס באַקאַנט וועגן דעם. באַקלערט זיך גוט און נעמט אָן די געהעריקע מאָסמיטלען!

יצחק האַלפּערין האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. ער האָט די גרעפין אויפמערקזאַם אויסגעהערט. ער האָט, ווי געוויינלעך, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט צוגעשטימט און צוגעזאָגט. און עטלעכע מינוט שפּעטער, האָט דער קוטשער נעטשיפּאָר, וואָס איז אונטערגעטריבן געוואָרן דורך

יענעמס געשרייען, געשמיסן די פערד, און דער רהבותדיקער שליטן האָט זיך לייכט געטראָגן איבער דעם, מיט שניי־באַדעקטן, וועג.

זינט יענעם אָוונט האָבן אין לויף פון דריי טעג און דריי נעכט גע־הודזשעט די בייזע ווינטן אין דער סטעפּ, דער ווילדער שטורעם האָט אַרומגעקרייזט ווי אַ משוגענער, אַ בייסיקער פראָסט איז אַרומגעקראָכן איבער די וועלדער, נישט־אָנזעעוודיקע פינגער פון אַן אַ שיעור העגט האָבן באַדעקט מיט פאַנטאַסטישע צייכענונגען די שויבן פונעם שלאָס און מיט אַ דיקן שיכט אייז די פענצטער פון די פויערשע כאַטעס.

באַלזאַק איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. ער האָט זיך צוגעהערט צום סקריפּען פון די ביימער אינעם פּאַרק, צום קרעכצן פון די ווינטן, צום נישט־קלאָרן שורשען אין די שכנותדיקע צימערן פונעם שלאָס. די שייטלעך האָלץ האָבן געטליעט אין קאַמין. די חלבנע ליכט האָבן גע־וואָרפן זייערע בויגעוודיקע פייער־צונגען אין דער הויך, און אויף דער וואַנט האָבן וויברירט לאַנגע פאַרמלאָזע שאָטנס.

די ביכער אויפן טיש זענען געווען זאָרגפול צונויפגעלייגט אין צוויי שטויסן. אין דער זייט בלויז זענען געלעגן די קאָרעקטן פון קוזין פּאָנס, דער כתב־יד פון די בו״וו פון קיעוו און אַן אָפענער באַנד פון שאַטאָ־בריאַן. צוליב פראַקטישקייט, אין פאַל, ווען עמיצער וועט קומען כאַפּן אַ בליק איבעריקנס, איז דאָס אפילו נישט נייטיק געווען. אין צימער איז געווען זייער הייס, און ס׳איז געווען שטאַרק אַנגענעם צו שפּירן אָט די וואַרעמקייט, וויסנדיק, אַז הינטער די פענצטער האָט געהערשט אַ ביטער־רע, אומברחמנותדיקע קעלט. אַן אומפאַרשטענדלעך לאַנד. אַ פאַרהאַר־טעוועט, שטאַרק פאָלק. באַלזאַק האָט זיך צעשמייכלט. ער האָט ברייט פונאַנדערגעשפּרייט די הענט. ר׳איז אויפגעשטאַנען און זיך דערנעענטערט צום קאַמין.

— אַ רעטענישפולער ספינקס! באַרישקייטן!

די פונקען־שפּריצן האָבן אים פאַרווילט. די שייטלעך האָלץ האָבן געפלאַקערט מיט הילכיקן טראַסק, פריילעך, כמעט שפּאַטיש. אויך דאָס איז געווען אַנגענעם.

דאָס פייער האָט אין זיך פאַרבאָרגן עפּעס געהיימנישפולס. ער האָט זיך דערמאָנט: אַ נאַכט אין פּאַריז, מיט אַ לאַנגער צייט צוריק, אַ שרפה אויף אַ פּוסטער גאַס. עס האָט געברענט אַ דריי־שטאָקיק הויז. דאָס פייער האָט באַלויכטן די פענצטער, די ווענט, אַריינגעדרונגען פריילעך, כמעט שמייכלענדיק, דורך די טירן און, בלויז די שוואַרצע קנוילן רויך, די געסרחה און די געוואָלדן האָבן דערמאָנט וועגן טויט, פאַרניכטונג און שרעק. ס׳איז גוט, וואָס ער האָט זיך דערמאָנט אין דער שרפה. עס קען צונוץ קומען. ער האָט זיך האַסטיק דערנעענטערט צום טיש און, נישט אָוועקזעצנדיק זיך, האָט ער פאַרצייכנט אויף אַ ריינעם בויגן פּאַפּיר: „אַ שרפה רופט תמיד אַרויס אַ טאָפּלט געפיל — זי פאַרכאַפּט און שרעקט אָפּ. פייער — דאָס איז...” — ער האָט אַוועקגעוואָרפן די פעדער אויפן טיש און ווייטער נישט פאַרגעזעצט. דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער זאַך.

און ווידער שטייט ער נעבן קאַמין. ער וואַרט. יאָ, היינט וועט עוואַ געוויס קומען. ער איז איבערצייגט. און, רייבנדיק זיך די הענט אויס געוווינהייט, מעסט ער אויס מיט די גיכע טריט דעם צימער פֿון איין ווינקל ביזן אַנדערן, אויסמיידנדיק די פּוך־קישעלעך, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט דאָ און דאָרט אין אומאָרדענונג. נישט־ווילנדיק באַמערקן זיינע אויגן אַ הויפֿן בלעטער אויפֿן פֿענצטערברעט. דאָס איז פֿאַר פּאַריז. אַ שאָד, וואָס ער קען אויף זיי נישט אַרויפֿלייגן דעם שטעמפּל מיט זיין רינגל. ווו איז ערגעץ אַצינד דאָס דאָזיקע רינגל? צי האָט עס דער בלינדער קלוגער מאַן אויסגעביטן אויף עסנוואַרג אָדער ער האָט עס באַהאַלטן ביי זיך? וועלכן שיקזאַל האָט געהאַט אָט דאָס שטיקל גאָלד מיטן שאַפֿיר־שטיינדל און מיטן מאָנאָגראַם? אינטערעסאַנט צו וויסן! זיין פֿאַרשטעלונגס־קראַפֿט, אַ היציקע און אַ בליץ־שנעלע, מאָלט אים אויס די אומענדלעכע סטעפּ; דער שטורעם בושעוועט, דער ווינט יאָמערט, אָט איז דער אַלטער מיטן אייניקל, און דער זיידע האַלט דאָס רינגל אויף דער דלאָניע, דאָס רינגל שטראַלט מיט היץ, דאָס רינגל דערוואַרעמט דעם זקן מיטן יינגעלע, עס באַלייכט זיי ביידן דעם וועג אין דער פֿינצטערער און בייזער נאַכט.

טרוימען, טרוימען. ער האָט ווידער זיך אַוועקגעשטעלט נעבן קאַמין. ווידער האָט דאָס פֿייער געקנאַלט. און הינטער די פֿענצטער — נאַכט. דער פֿראָסט שיינט צו גיין אויף דער ערד, אויף די קוסטעס, אויף דיביימער, און הינטער די ווענט הילכן אָפּ לייכט, אָבער דייטלעך זיינע טריט.

✻

אַזוי האָט זיך געשלעפּט דער ווינטער, מיט זיינע שטורעמס, זיינע שנייען, זיינע פֿרעסט און זיין צויבער. און באַלזאַק האָט זיך צו אים צוגעהערט, צוגעקוקט און זיך געשטיקט פֿון אַ פֿיינלעכן הוסט; די לונגען האָבן געפּייפֿט, די ברוסט האָט אים ווי געטון, די קאַווע האָט אים אויפֿגעהערט צו שמעקן, און אַן אומעט, פֿאַרצויגן מיט אַ שווערן שלייער, האָט אים אָפּגעטיילט פֿון דער וועלט.

מנישעק איז געקומען צו פֿאָרן, ער האָט פֿאַרבראַכט צוויי טעג, גענומען אַנגאַן און זיך אומגעקערט מיט איר קיין ווישניעוויעץ.

קאַרל האַנסקי האָט זיך געהאַט באַרואיקט. אַלץ איז געגאַנגען אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט. זאָלן נאָר פֿאַרביי די גרויסע פֿרעסט, וועט דער פֿאַריזער הער זיך מעגן קלייבן אין וועג אַריין. קאַרל האַנסקי האָט זיך, אויס צופֿרידנקייט, געפּאַטיש אין בייכל אַריין און איז מיט נאָכמער חשק געלאָפֿן אין די וועלדער אַריין... די האָזן זענען פֿון זיך אַליין אַנטקעגן געלאָפֿן די קוילן פֿון זיין ביקס. היינטיקן ווינטער האָט ער קאַלטגעמאַכט אַ היפּש ביסל. און מאַרינאַ האָט זיך אונטערגעגעבן. אמת איז, אַז זי האָט אים געבעטן קיינעם נישט צו דערציילן, כדי מען זאָל זיך וועגן דעם

נישט דערוויסן. דער רוח זאָל זי נעמען! זי איז נישט געווען די ערשטע, זי וועט אויך נישט זיין די לעצטע! אונטער קאַרלס טריט האָט דער שניי פרייִלעך געסקריפּעט. הינטישע ראַסע! ער וועט איר, זיין גאַוווהדיקער שוועגערין ווייזן, וואָס ער קאָן. זי וועט זען, עס וועט זיך איר האָבן געלוינט!

קאַרל האַנסקי איז אַנגעגאַנגען מיט זיין יעגעריי, די האָזן זענען אים אַרונטערגעלאָפן צווישן די פיס. געקוילעטע, האָבן זיי קאָנוווּלסיוו איינגעבויגן די לאַפּקעס, לסוף אויסגעצויגן, אויסהויכנדיק די לעצטע וואַרעמקייט פון זייער קערפּער. און שפּעטער, בעת ער האָט זיי צוזאַמענגעקליבן, האָבן גריבלעך פון צעגאַנגענעם שניי געשיינט אויפצוהאַלטן דעם האַרצרייסנדיקן צאַפּל פון די געהרגעטע חיהלעך. דער שניי האָט באַלד דערנאָך פאַרדעקט די קוים־אַנזעעוודיקע שפּורן, ווי עס וואָלט דאָ קיינמאָל גאָרנישט נישט פּאַסירט. פּונקט אַזוי ווי נעכטן, זענען געשטאַנען טיף אין שניי די רואיקע און שטרענגע יאָדלעס. און דער פאַרוואַלטער איז שנעל געריטן דורכן דאָרף אין גוט אַריין.

די הויכע קופּעס שניי אויף דער גאַס האָבן אים געערגערט. די געפרוירענע האָזן־נבֿלות האָבן זיך געוואָרפן אויפן פערדס הינטערחלק. אַ צענדליק שיינע יעגער־הינט זענען געלאָפן היפּש ווייט פאַר אים. איבער די כאַטעס אויףביידע זייטן גאַס האָבן זיך אויפגעהויבן קנוילן רויך.

שוין לאַנג, ווי ווערכאָווניע האָט נישט געהאַט אַזאַ קאַלטן ווינטער. אגבֿ, זענען די ווערכאָווניער פּויערים בכלל נישט געווען צוגעוווינט צו אַזעלכע פרעסט און שטורעמס. זיי זאָלן ווייניקסטנס קיין הונגער נישט ליידן. צוליב דער פאַרשאָלטענער צוואַנגס־אַרבעט האָבן זיי נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען ס׳ביסל תבֿואה פון זייערע אָרעמע פּיצלעך ערד, און דער שניי האָט פאַרשיט די רעשטלעך אויף די פעלדער!

אויף יענער זייט דאָרף, האַרט נעבן דער לאַנקע, וווּ עס הויבט זיך אָן דער וועג צום שלאָס, איז קאַרל האַנסקין תמיד געפאַלן אין אויג דעם זיידע מוסיס כאַטע מיטן אויסגעקרומטן, צעבראָכענעם דאַך, וואָס איז אינגאַנצן באַדעקט געווען מיט שניי. דער פאַרוואַלטער האָט זי, פאַרבייגייענדיק, געזוכט מיטן בליק און געשמייכלט. וואָסילי איז טאָגטעגלעך געגאַנגען אין גוט אַריין. קיין אַרבעט האָט נישט געפעלט אין די שטאַלן, אין די סטאַדאָלעס, אין די שפּייכלערס, אַנגעטאַסעוועטע פון אונטן ביז אַרויף מיט תבֿואה, אין די קעלערס, וווּ מען האָט איבערגעקליבן די קאַרטאָפל, דאָס גרינוואַרג, און אין די שפּעקטן.

ווייזט אויס, אַז עמיצער האָט געשטילט דעם כעס פונעם פאַרוואַלטער. פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען די דאָזיקע פריינטלעכקייט? פריער פלעגט ער סטראַשען, אַז ער וועט אים אָוועקשיקן צו די זעלנער און אַצינד הערט מען מער קיין וואָרט נישט וועגן דעם. וואָסילי האָט זיך עס נישט געקענט אויסטייטשן. עס האָט זיך אים זעלטן איינגעגעבן צו זען מאַרינאַן. ניטל איז שוין געווען פאַרביי, און ער האָט אויף אים געהאָט געלייגט גרויסע האָפענונגען. ער האָט געגלייבט, אַז אויף די יום־טובֿים

וועט זיך מאַרינאַ אפשר קענען אַרויסכאַפּן פון שלאָס. צום באַדויערן. זיי האָבן זיך נישט געקענט זען. נאָר פיל שפּעטער האָט ער זי צופעליק באַגעגנט הינטערן שטאַל, בעת זי איז געגאַנגען אין די שפּעקטן. ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי די הענט, געקוקט איר אין די אויגן אַריין. מאַרינאַס בליקן זענען געווען אומרואיקע, אויסמיידנדיקע. זיי האָבן זיך דורכגעגליטשט איבער וואַסיליס געזיכט און אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן פאַרבאָרגן אַן אומפאַרשטענדלעכן צער.

— מאַרינאַ, וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל נישט אין דאָרף אַריין? מ'וואָלט געזאָגט, אַז איך בין דיר פרעמד געוואָרן, אָדער אומנייטיק?

דאָס זענען געווען נישט קיין ווערטער, נאָר די יסורים אַליין. ער איז פאַרגליווערט געוואָרן, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער. דער פאַרוואַלטער קאַרל איז אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דר'ערד. ער איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן זיי און — וואָס זאָגט איר נישט דערצו?! — ער האָט זיך גאָרנישט אָפּגערופן, נאָר מאָדנע־פאַרדעכטיק געשמייכלט נישט ווי געווײנלעך. דאָס האָט נאָכמער דערשיטערט וואַסילין.

— מאַרינאַ! — ער האָט זי גענומען איילִיק אויספרעגן.

— ס'איז גאָרנישט, וואַסילי, גאָרנישט! האָב געדולד!

דאָס איז נישט געווען קיין ענטפער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּעס געווען אַ מיספאַרשטייעניש. אָבער וועלכע? דאָס האָט ער נישט געוווּסט. מאַרינאַס ליפּן האָבן געציטערט, די שטים האָט געציטערט, מען האָט געפילט: אַ וויי־געשריי האָט זיך געשטיקט טיף אין איר האַלדז. און זי האָט מער קיין איין וואָרט נישט צוגעגעבן, זי האָט אים געדריקט די האַנט און איז פאַרבייגעגאַנגען נעבן אים, ווי ער וואָלט געווען אַ בוים אָדער אַ שטיין, און איז זיך ווייטער געגאַנגען איר וועג.

וואַסילי האָט זיך דערווייטערט. ער איז געגאַנגען ווי אַ נעפּל. עס האָבן אים פאַרפאָלגט שווערע, אומקלאָרע געדאַנקען. אַהיים איז ער געקומען שפּעט אין אָוונט. דער זיידע מוסי איז געזעסן אויפן געלעגער. אין אַ שיסעלע, אין וועלכן ס'האָט געפלאַטערט אַ קנייטל, האָט געצאַנקט אַ פייער־צינגל. דער אַלטער האָט זיך געטון איבערבייגן איבער זיין פידל. די סטרונעס האָבן האַרצרייסנדיק געקרעכצט, בעת ער האָט זיי אָנגערירט מיט זיינע גרויסע פאַרהאַרטעוועטע פינגער. וואַסילי האָט זיך שטילערהייט אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק. אין זייער טונקעלן ווינקל, אונטערן באַלקן, האָבן זיך אָנגעכמורעט די געזיכטער פון די הייליקע. דער זיידע און דאָס אייניקל האָבן געשוויגן.

דער שטורעם האָט געזונגען. ס'האָט זיך אויסגעדוכטן, ווי עמיצער וואָלט געטשאַפּעט אין וואָליקעס אויפן שטרויענעם דאַך פון דער כאַטע. דער אַלטיטשקער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער קאָיקע, גענומען פון עמער אַביסל וואַסער און באַנעצט די ליפּן. וואַסילי האָט אים אויפמערקזאַם אָבסערווירט. דעם זיידן האָט ממש פאַרקלעמט ביים האַרצן פון דאָרשט, פון אַ נאָגנדיקן, אומאויסלעשלעכן דאָרשט.

— עס ברענט! — האָט ער געזאָגט, אַוועקשטעלנדיק דאָס קריגל אויפן פענצטערברעט און אָנווייזנדיק מיט דער האַנט די ברוסט. — אַך, ווי עס ברענט!

וואַסילי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אויפן ליימענעם באָדן האָבן אַרומגעפּויזעט טאַראַקאַנעס.

— דו ביסט אומעטיק? — האָט דער זיידע געפרעגט און איז צוריק אַרויפגעקראָכן אויף דער קאַיקע. — דו ביסט נישט גערעכט. נעם דיר נישט צום האַרצן! דאָס ערגערן זיך העלפט גאָרנישט!

ער האָט זאָרגעוודיק גענומען די פידל, צוגעדריקט זי צווישן דער גאָמבע און דעם אַקסל, אויפגעהויבן דעם סמיטשיק און באַרירט די סטרונעס. וואַסילי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף זיינע הענט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. ער האָט געשוויגן. ער האָט זיך צוגעהערט. עמיצער האָט פאַרזיכטיק אַ צי געטון די איינגאַנגס־טיר. אַ קאַלטער צוג־ווינט איז אַריינגעדרונגען אין דער כאַטע. אַן אומבאַקאַנטער איז איבערגעטרעטן די שוועל, אַ ברייטפּלייציקער, אַ קרעפּטיקער, איינגעהילט אין אַ גרויסן פעלץ. דער גאַסט האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן פון דער כאַטע און מיטאַמאָל פאַרנומען איר גאַנצן פיטשיבקן רוים. דער אַלטער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין געלעגער. וואַסילי האָט זיך אויך אויפגעשטעלט פון דער באַנק, ער האָט דערקאַנט אין דעם אַריינגעקומענעם אויסלענדער דער גרעפינס גאַסט.

באַלזאַק האָט אויפגעקנעפּלט דעם פעלץ. ער האָט שווער אָפּגעאָטעמט, ער האָט באַנעצט מיט דער שפּיץ צונג זיינע אויסגעטריקנטע ליפּן. ער האָט אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, אַז דער אַלטער זאָל זיך נישט אויפהייבן, און צו וואַסילין האָט ער אַ שמייכל געטון. ער האָט זיך געזעצט אויף דער באַנק און מיט אַ שטויס האָט ער אים אַוועקגעזעצט נעבן זיך. ער האָט באַטראַכט דעם זיידע מוסיס נעבעכדיקע, אָרעמע דירה. מיט פאַרקנייטשטע אויגן האָט ער זיך פאַרקוקט אין ווינקל אויף דער איקאָנע, אויף די אָפּגעבליאַקעוועטע פענצטער־פאַרהאַנגלעך, געכאַפּט אַ בליק אין אויוון אַריין, ער האָט איינגעאָטעמט דעם זויערן ריח פון געבראָטענע קאַרטאָפל. דעם זיידנס פאַרוואונדערונג איז געוועזן אָין־לשער און ס׳האָט אים אויך פאַרקלעמט ביים האַרצן.

וואַסילי האָט געקוקט אויף אים מן־הצד. אָבער באַלזאַק איז שוין באַקוועם געזעסן אויף דער באַנק. ער האָט אפילו געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון די אַקסלען דעם פעלץ. ער האָט געגלעט זיינע וואָנצעס, שמייכלענדיק האָט ער געקוקט אַ מאָל אויפן זיידן, אַ מאָל אויף וואַסילין. פּרווונדיק זיך דערמאָנען דעם באַגרענעצטן באַגאַזש רוסישע ווערטער, דערבאַך מיט זשעסטן, מער אויפן ווונק, ווי מיט רייד, האָט ער אויפגעקלערט: „ער האָט זיך געהאַט פאַרבענקט נאָכן זיידנס פידעלע. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן זיין שפּילן״. אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער האַנט אין וואַסיליס אַקסל, איז ער אויפגעשטאַנען. דער פעלץ האָט זיך אַראָפּגע־

גליטשט פון דער באַנק און אויף דר׳ערד האָט זיך אויסגעשפרייט אַ טונקל־האָריקע מאַסע.

באַלזאַק האָט זיך דערנעענטערט צום געלעגער. מוסי, אָנגעלענט אויפן עלנבויגן, האָט געקוקט נייגעריק אויפן גאַסט. פאַר אָט דעם האַר שרעקט ער זיך נישט. זיכער, אַ גוטער האַר. ער האָט זיך דערמאָנט דעם יאַריד, דאָס רינגל. מעגלעך, אַז ער האָט עס שוין פאַרגעסן. אָבער וואָס ליגט אים איצט אין קאָפ? וואָס האָט אים דאָ אַהערגעבראַכט? בשעת־מעשה האָט באַלזאַק גענומען די פידל. אַ פידל, טאַנדעטנע־אומגעלומפערט אויסגעאַרבעט נישט פון קיין פאַכמאַן; ער האָט זי געהאַלטן אויף זיינע אויסגעצויגענע הענט און זי באַטראַכט מיט רעספעקט. דערנאָך האָט ער זי פאַרזיכטיק צוגעדריקט צום האַרצן, זיך צעשמייכלט און זי דערלאַנגט דעם זיידן. זאָל דער זיידע שפילן, ווי אַנומלט, אין דעם סאַלאָן. נו, ווי אַזוי זאָל מען עס דערקלערן? עס האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער. ער האָט זיך געביסן די פינגער פון אומגעדולד, דערנאָך האָט ער זיך דערפרייט. ער האָט אַ כאַפ געטון מיטביידע הענט דאָס שיסעלע מיטן קנויט, אויפגעהויבן עס הויך צו ווייזן, אַז ס׳איז דאַן געווען אַסך ליכט און לאָמפן. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שיסעלע אויפן געלעגער. ער האָט אַ זאָג געטון נישט־זיכער: „שפיל!" — און אַריינגעלייגט דעם סמיטשיק צווישן דעם זיידנס פינגער. דערנאָך האָט ער זיך אָפגערוקט, אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן.

דער זיידע מוסי האָט אויסגעגלייכט די פלייצע. ער האָט איצטער פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט געוואָלט דער פראַנצויז.

...און ס׳איז נישט באַקאַנט, וויפל צייט באַלזאַק האָט אַזוי פאַרבראַכט. סאַראַ שטראָם האָט גערוישט אין זיין אויער און האָט זיך פאַרלוירן הינטערן האָריזאָנט פון דער נאַכט? מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי דער שטורעם גופא וואָלט זיך באַרואיקט און אויך זיך צוגעהערט. ניין, פאַר אים איז עס נישט געווען קיין פאַרוויילונג, נישט קיין שמחה. אויך נישט קיין טרוים, נישט קיין חלום. ער האָט זיך געבראָכן די פינגער, ער האָט שווער אָפגעאָטעמט, מיט אָפענע ליפן געכאַפט די פייכטע דושנע לופט פון דער אָרעמער כאַטע. פאַרכישופט דורך דעם אַלטנס שפילן, האָט ער נישט געוואַגט אויפצוהויבן די וויעס, מורא האָבנדיק, אַז די נויט פון די, וואָס רינגלען אים אַרום, זאָל אים נישט פייכט מאַכן די אויגן. ניין, דאָס איז נישט געווען קיין אָפרו, נישט קיין פאַרוויילונג. וואָס־זשע דען איז עס געווען? אין דער איצטיקער רגע האָט ער נישט געטראַכט, און נישט געוואָלט זוכן קיין ענטפער, דער ענטפער איז געקומען אַסך שפעטער, אויף צומאָרגנס אינדערפרי, בעת ער האָט, אַ דערשפעטער פון אויפרעגונג, געבלעטערט די זייטלעך פונעם קונדס זש׳יל בלאַז.

אַ ים האָט שטיל געפליעסקעט. אין ים האָט זיך אָפגעשפיגלט אַן אויסערגעוויינלעך הימל־געוועלב. די קאַלירפולע בערג האָבן אויסגעזען,

ווי זיי וואָלטן געהאַנגען אין רוים. הינטער זייערע שפּיצן האָבן זיך אויפגעהויבן די קאַנטיקע חמרים וואַלקנס. די זון האָט זיך געשלעפּט אַרום דער וועלט, אירע גלעטנדיקע שטראַלן האָבן געזייט פרייד און פריילינג. מאַנצבילן פול מיט לעבן און פריילעכע זענען געגאַנגען לענג־אויס די וועגן, באַזיימטע מיט בליענדיקע ביימער. זייערע שמייכלענדיקע פּנימער האָבן אויסגעזען יום־טובדיק. קינדער מיט צעבליטע הענטלעך האָבן זיך געשפּילט אין די פעלדער. אַן אידילישע וועלט? ניין, אַן אַפּ־גאַרערישע וועלט, אַן אומווירדיקע לגבי אירע ליידן און לגבי אירע טענות. באַלזאַק האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט. דער זיידע מוסי האָט אַוועק־געלייגט די פידל. ערנסט און פאַרטראַכט, האָט באַלזאַק אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם פעלץ. ווי נאָר ער איז איבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער זיך ממש אויסגעניכטערט די געדאַנקען. ער האָט זיך צוריק אומגעקערט, אַוועקגעלייגט אַ גאַרשט זילבערנע מטבעות אויפן געלעגער און איז שטילערהייט אַרויס פון דער כאַטע, פאַרמאַכנדיק מיטן גאַנצן כוח די טיר.

אַביסל שפּעטער, זיצנדיק נעבן קאַמין פון זיין אַרבעט־צימער, האָט ער זיך דערמאָנט דעם שפּאַציר אין דאָרף, ווי אַזוי ער האָט זיך געלאָזט אַנווייזן דורך זשעגמאַנען, וווּ עס וווינט דער זיידע מוסי, און ווי אַזוי זשעגמאַן האָט אים באַגלייט ביז דער הייזקע. עטלעכע זילבערנע רובל האָבן געהאַט אויפגעבונדן די צונג פונעם הויף־אויפזעער. ער איז גע־וואָרן ביז גאָר פריינטלעך און געהאַט אפילו צוגעזאָגט גאַרנישט צו דערציילן זיין באַלעבאָסטע. אָבער עוולין האָט זיך וועגן דעם פונדעסט־וועגן דערוווּסט. זשעגמאַן האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון דער־ציילן עס איר.

דער פאַרוואַלטער קאַרל האַנסקי האָט זיך עס דערוווּסט, ער אויך, אַדאַנק זשעגמאַנען. וואָס שייך דעם הויף־אויפזעער, האָט ער לאַנג גע־קרעכצט יענע נאַכט, איבער דעם אייזערנעם קופערט אין זיין צימער. ער איז געשטאַנען אויף די קני און אויפגערודערט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט די רובל־שטיק, די קליינע קופּערנע, זילבערנע און גאָלדענע מטבעות. זיין פאַרמלאָזער שאָטן האָט זיך געוואַקלט אויף דער וואַנט, ווי ער וואָלט זיך געבוקט צו אַ באַפעלערישער געטלעכקייט.

*

באַלזאַק האָט לאַנג נישט געקענט פאַרגעסן דעם אַלטן פידל־שפּילער. ער האָט געהאַט אַן אָפנהאַרציקן געשפּרעך מיט עוולינען מכוח אים. די פאַרוואָרפן האָבן זיך אַ שאָט געטון:

— איר פאַרשטייט, אַנאַרע, אַז דאָס איז אַ נאַרישער קאַפּריז. איך דאַרף בלויז געבן אַ באַפעל, וועט ער דאָ אַהערקומען און שפּילן פאַר אייך ביז באַגינען. אָבער שלעפּן זיך ערגעץ אויף יענער זייט דאָרף, איז נאָכמער ווי נישט־אויסהאַלטעוודיק, אַנאַרע!

ער האָט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן:

— ס'איז נישט דאָס, עוולין. דאָרט אַהינגיין איבערן טיפן שניי,

איינאָטעמען די אייז־קאַלטע לופט, פאַרשיכורן זיך מיטן ווינט און, צווישן אַט דער אַרעמקייט און דחקות, הערן די דאָזיקע געטלעכע מוזיק! עוו־ליז, אַט דער אַלטיטשקער פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט! ס'איז וווּנדער פון דער וועלט!

באַלזאַק האָט, ווי תמיד, זיך פאַרכליניעט. ער איז געגאַנגען מיט קליינע גיכע טריטעלעך איבערן סאַלאָן און פיבערדיק זיך געריבן זיינע פוכיקע הענט איינע קעגן דער אַנדערער.

עוולין האָט נישט געטיילט זיין ענטוזיאַזם. אָבער, צי בלויז אין דעם איז געקומען צום אויסדרוק זייער איינציקע מיינונגס־פאַרשידנהייט? עס זאָל זיך נאָר געווען האַנדלען אין דעם!

לאַנג איז זי געזעסן, שעהן גאַנצע, אין איר בודואַר, קעגנאיבער דעם שפיגל, נאָכן האָבן ברייט אויפגעצויגן די פאַרהאַנגען. זי האָט זיך באַטראַכט ביי דער פאַרבלענדנדיקער ווייסער ליכט פון דער ווינטערדי־קער זון, וואָס האָט מיט אירע שטראַלן פאַרגאָסן דורך די הויכע פענצ־טער דעם צויבערדיקן וואַסער־פאַל. זי האָט צוגעלייגט אירע קאַלטע פינ־גער צו די באַקן, געגלעט אירע ברעמען. זי האָט איבערגעציילט די קנייטשן נעבן אירע ליפן־ווינקלען. מיט באַאומרואיקונג האָט זי באַ־מערקט די טיפע פאַלדן אויף איר האַלדז. און דערנאָך, צודריקנדיק מיט די הענט די שליפן, אַנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אויפן האָלץ־געשניצטן טואַלעט־טישל, האָט זי געפירט קעגנאיבער דעם דריי־טייליקן שפיגל אַ שטומען געשפּרעך מיט איר אָפּבילד, און פון די געהיימניש־פולע טיפענישן פון באָהעמישן גלאָז האָט איר דאָס דאָזיקע אָפּבילד גע־ענטפערט:

— כ'בין אַלט געוואָרן, אַלט געוואָרן! — האָבן אירע ליפן גע־פליסטערט. און דאָס אָפּבילד הינטער דעם שפיגל האָט אַלס צייכן פון הסכמה צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. עס האָט באַשטעטיקט און אפילו כמעט ווי געשמייכלט.

זי וואָלט געקענט פאַרבעטן צו זיך געסט. לאָזן אַנצינדן אַלע קאַר־סעל־לאָמפּן אין גרויסן זאַל; אויף די עסטראַדעס וואָלט די מוזיק אָפּ־געהילכט; די פּאַרלעך וואָלטן זיך געדרייט אונטער די כישוף־קלאַנגען פון פונעם וואַלץ; מען וואָלט געקענט טרינקען שוים־ווייַן און אין שאָטן פון פאַרטאַל אויסהערן, צווישן איין טאַנץ און דעם אַנדערן, די קאָמפּלימענטן פון אַ פּאַרערער, אויסשטרעקן אים גראַציעז די האַנט און אַנקוקן אים פון אויבן אַראָפּ, ווי ער קניט פאַר איר אַנידער. און אַנאַרע וואָלט זי געזוכט, זיך געמוטשעט, געמאַכט איר פאַרוווּרפן. אָבער, וואָס איז דאָ צו רעדן? איר אָפּבילד האָט אין שפיגל שטרענג געמאַרשטשעט די ברע־מען, געביסן די ליפן. גענוג! ס'איז געענדיקט! עוולין איז אויפגעשטאַנען. זי האָט אַ ציי געטון ביים גלעקל. עטלעכע מינוט שפּעטער איז זי גע־שטאַנען אין מיטן צימער, מיט אַ פאַרכמורעטן בליק, בשעת מאַרינאַ האָט זיך געפּאָרעט אַרום איר און מיט ציטערנדיקע הענט געהאָלפן איר אָנטון דאָס קלייד.

— גרייט מאַכן דעם עקיפּאַזש!...

דער קוטשער קען קוים פאַרהאַלטן די פערד נעבן אויפגאַנג. זיי שלאָגן דעם שניי מיט די קאָפּיטעס, אויפהייבנדיק אַ פינקלדיקן שטויב. אַ מאַיעסטעטישע, אַ נישט־צוטריטלעכע, לאָזט זיך עוולין אַראָפּ פון דער טעראַסע. באַלזאַק גייט הינטער איר אָפּגערוקט מיט אַ האַלבן טריט. דאָס דאָזיקע רעגט איר שטענדיק אויף. הגם גיין מיט אים בייְנאַנד איז אויך נישט אָנגענעם. ער איז קלענער פון איר כמעט מיט אַ קאָפּ. ער האַלט זי אונטער פאַרן אָרעם, ער העלפט איר אַרייַנזעצן זיך אינעם רחבותדיקן שליטן, איבערגעצויגן מיט בערן־פעל. זשעגמאַן פעסטיקט זאָרגפול צו די שליטן־דעקעס. טײַלמאָל פאַלן אין שליטן אַרײַן קלומפּן שניי, וואָס עס וואַרפן די פערדישע קאָפּיטעס. די גליטשערס סקריפּען אָנגענעם און פריילעך.

— איר דערמאָנט זיך אפשר די נוישאַטעלער נאַכט, בעת וועלכער איר האָט אַזוי געליבט דעם רוסישן ווינטער? — זי שרייט אַרײַן די דאָזיקע ווערטער באַלזאַקן אין אויער, אָבער דער ווינט כאַפּט זיי אונטער און טראָגט זיי אַוועק, דער הילכיקער עכאָ באַטאָנט דעם לעצטן וואָקאַל און ציט אים אומענדלעך אויס, ברומט איבער די פעלדער, איבערן וועג, איבער די ביימער פונעם נאָענטסטן וואַלד:

— הו־ו־ו־ו!

ער דערמאָנט זיך עס. פאַרוואָס הודזשעט אַזוי דער ווינט? ווייט הינטערן דאָרף באַגריסט זיי אַ מיל מיט מאָדנע־פונאַנדערגעשפּרייטע פליגל. די סוסים רייסן דעם שליטן משוגענערווייז און אָט איז שוין די מיל הינטער זיי. דער געשפּרעך, אויף וועלכן זי האָט געלייגט אַזויפיל האָפענונגען, קומט נישט צושטאַנד. און עוולין שאַרפעט פון פאַרדרוס אירע הענטשקעס הינטער דער דעקע. וואָלט ער בלויז אָנגעהויבן! וואָלט ער בלויז געזאָגט איין וואָרט! וואָלט ער בלויז געשטעלט אַ פראַגע! און אפשר גאָר האָט ער אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דער חתונה? דער דאָזיקער געדאַנק שרעקט איר אַביסל. ווי אַזוי אים אויפקלערן, אַז סיי די פראַגע וועגן דער ירושה, אַזוי גוט ווי די פאַרפלאָנטערטע ענינים מיטן מאַיאָנטעק, וועלן גאָרנישט אַזוי לײַכט זײַן אויפצופּלאָנטערן און צו אַנטשיידן, אויב זי וועט אָננעמען אַ צווייטע בירגערשאַפט? אָבער דער עיקר — דאָס זענען די געפילן. מיט וועלכע ווערטער קען מען עס אים זאָגן? ווען ער וואָלט כאָטש געעפנט דאָס מויל! בעת ער שווייגט, פילט זיך עוולין שלעכט. ער שווייגט — הייסט עס, אַז זײַנע געדאַנקען הערשן איבער דער גאַנצער וועלט, און פאַר זײַנע געדאַנקען האָט זי מורא. ווי אַזוי אַרײַנדרינגען הינטער אָט דעם ברייטן, מיט קנייטשן צעאַקערטן, שטערן?

זי דערמאָנט זיך יענעם געשפּרעך בייַנאַכט אין קיעוו, זײַנע חוצפּהדיקע רייד וועגן אימפּעראַטאָר, זײַן סימפּאַטיע פאַרן פּראָסטן פאָלק, ירזעפּאַוויטשעס געשיכטעס וועגן זייער באַזוך אויפן יאַריד. און ער זיצט נעבן איר און שווייגט. דעמאָלט איז ביי איר אַנטשטאַנען אַ געפיל פון

צעטומלעניש און פון אַ גרויסן, אומאויסבעסערלעכן פאַרלוסט. אומהיילבאַרע ווונדן; איר האַרץ, דוכט זיך, וועט עס נישט אויסהאַלטן. אפשר האָט מען נישט באַדאַרפט אין יענער שטורעמדיקער פעברואַר־נאַכט זיך אַוועקזעצן צום שרייב־טיש און אָנשרייבן דעם דאָזיקן בריוו, וואָס האָט גורם געווען איר אונטערגאַנג? זאָל זיך האָבן אַלץ געענדיקט? זאָל דאָס אַלץ האָבן געווען נישט מער ווי אַן איבערגאַנגס־פּעריאָד, אַ פאַררעטערישע שפּיל פונעם שטן?

— אַנאַרע! — זי האָט געוואָלט זאָגן: „איר האָט מיך שוין מער נישט ליב”. אָבער אָנשטאָט דעם, האָבן אירע ליפּן אַרויסגעזאָגט: — שוין לאַנג, ווי מען האָט אייך נישט געשריבן פון פּאַריז?

— יאָ, מיין טייערע! — האָט ער געענטפערט. און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

און אַזוי, שווייגנדיק, האָבן זיי זיך אומגעקערט אין גוט אַריין און זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדערער אין זיין וווינונג. באַלזאַק ליגט אין בעט, ער איז איינגעהילט אין דער קאָלדרע און הוסט פיינלעך, האַרצרייסנדיק. דער שפּאַציר האָט אים לחלוטין נישט געדינט. וואָס שייך עווליגען, האָט זי גערופן זשעגמאַנען, אים באַפוילן תיכף צו גיין ברענגען פון שפּיטשיניעץ דעם הער פּאַראַפיע־גלח קאַזימיר יאַנקאָווסקי.

דער געמיינדע־גלח קאַזימיר יאַנקאָווסקי איז גאָרנישט פאַרוווּנדערט, בשעת די פערד פון דער ווערכאָווניער גוטבאַזיצערין שטעלן זיך אָפּ פאַר זיין ציגל־מויער. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל דעם היינטיקן ווינטער. די גרעפין האַנסקאַ נייטיקט זיך אין די רייד פון גאָטס דינער. אויפן שטרענגן געזיכט פון שלאַנקן גלח — אַזוי גוט אויפן גאַנצן וועג, ווי בעת ער גייט אַריין אין דער קליינינקער קאַפּליצע פונעם ווערכאָווניער שלאָס — מערקט זיך אַ שטאַנדהאַפטיקער אויסדרוק פון אַלצווייסנדיקער דורכדרינגלעכקייט און פון ערנסטקייט. אָבער אין דער טיפעניש פון זיין נשמה ליגט פאַרבאָרגן אַ געוויסע בענקשאַפט. אין דער דאָזיקער שפּעטער שעה זעט די איינזאַמע קאַפּליצע פון אינעווייניק אויס געהיימנישפול. דער אומרואיקער בליק פון דער הייליקער בתולה, וואָס איז באַלויכטן דורכן נר־תמיד, לאָזט אים נישט אָפּ. דער גלח יאַנקאָווסקי ווייסט פון פאָרויס אַלץ, וואָס עס וועט פּאַסירן אין עטלעכע מינוט אַרום.

ער גייט אַריין אין דעם קליינעם הילצערנעם ווידוי־שטיבל. ער שפּאַרט זיך אָן אויפן אַנלען און וואַרט. הינטער די געקראַטעוועטע ווענט נעמט זיין פיגור אָן געהיימנישפולע קאָנטורן. נאָר אָט הילכן שוין אָפּ אויף די אייזערנע טרעפּ די גוט־באַקאַנטע טריט. דער גלח פאַרמאַכט די אויגן. ער הערט, ווי די גרעפין גייט אַדורך די קאַפּליצע, זי פאַרהאַלט זיך פאַרן ווידוי־שטיבל און קניט אַנידער. ער הערט איר אויסגעמאַטערטע שטים. און, פאַרכאַפּט פון אַן אויסערגעוויינלעכער ליידנשאַפט צו אָט דער צעפּיעשטשעטער פרוי, נעמט דער גלח יאַנקאָווסקי אָן איר ווידוי.

— אוי, פאָטער מיינער, אוי, זאָגט מיר, העלפט מיר! — שעפּטשען עווליגס אויסגעטריקנטע ליפּן — אוי, באַשיצט מיך, אַז די הייליקע מוטער

זאָל זיך דערבאַרעמען איבער מיר; אַז די עבירות מיינע זאָלן אַוועקפליען ווי אַ חלום. אוי, פּאַטער מיינער, נעמט מיך אונטער אייערע פליגל!

נאָך אַ מינוט פון שווערן, דערדריקנדיקן און אויסדרוקספולן שטיל־שווייגן, האָט דער גלח מיט אַ סאַמעט־ווייכער באַס־שטים זיך אָפּגערופן:

— זעץ פאַר, עוולין־קאָנסטאַנציאַ, גאָטס שקלאַפין!

און עוולין־קאָנסטאַנציאַ פאַרגיסט אירע הייסע טרערן און רעדט זיך אַראָפּ פון האַרץ, פאַרטרויט דעם גלח אַלע אירע נשמה־גריזשעניש, איר גאַנצן אומדערטרעגלעכן ווייטיק. זי ווערט אַנטשוויגן, אַ דערשעפּטע, אַ פאַרלוירענע, אַן אומצופרידענע אַביסל מחמת דעם, וואָס זי האָט אַריינגע־לייגט אין איר ווידוי דעם גאַנצן אמת. אָבער די דורכדרינגענדיקע שטים רופט אויס:

— אמן!

און אַ ברענענדיקע האַנט באַוויזט זיך פאַר איר, און זי פאַלט צו מיט די ליפּן צו דער דאָזיקער האַנט און קען לאַנג זיך נישט אָפּרייסן פון איר. דערנאָך שטייט זי אויף, אַ צוריקגעשטעלטע אין איר גלייכגעוויכט און אַ באַרואיקטע. עס איז איר ווירקלעך גרינגער געוואָרן. אויף אירע ליפּן באַ־וויזט זיך אַ שעלמיש שמייכעלע.

אַ האַלבע שעה שפּעטער זיצט זי נעבן גלח יאַנקאָווסקין אינעם קליי־נעם סאַלאָן, וואָס געפינט זיך פאַר איר שלאָף־צימער, און צווישן זיי שוועבט, ווי אַ פרילינגס־וואָלקן, אַ לייכטער, אומגעצווונגענער, וועלטלע־כער געשפּרעך. אין שכנותדיקן צימער האָט שוין דער אַלטפרענקישער שווייצאַרישער זייגער אויסגעקלונגען האַלבע נאַכט. דער גלח באַאומרו־איקט זיך. צי שטערט ער נישט אַ מאָל דער נאָבעלער דאַמע? אָבער ער לעבט אַזוי פאַראיינזאַמט און עלנט, אַז די דאָזיקע עטלעכע מינוט זענען פאַר אים אַזאַ גליק, וועגן וועלכן ער האָט אפילו נישט געקענט חלומען! עוולין רירט נישט־ווילנדיק אָן מיט איר האַנט זיין האַנט. ניין, זי איז זייער גליקלעך. זאָל הער יאַנקאָווסקי נאָך בלייבן דאָ אַביסל. זיין געזעגל־שאַפט איז איר אויך אָנגענעם. ווי פאַרשיכורט פון די דאָזיקע ווערטער, הייבט זיך דאָן דער גלח אויף און דערנעענטערט זיך צום פענצטער. ער שטייט דאָרט לאַנג, צוקוועטשנדיק דעם צעפלאַמטן שטערן צו דער קאַל־טער שויב.

עוולין קוקט מיט נייגעריקייט אויף דעם גלחס שלאַנקער פיגור און זי שטויכט זיך אָן. זי דערנעענטערט זיך אויך צום פענצטער און, שטעלנדיק זיך הינטערן גאַסט, טוט זי אַ פרעג:

— פּאַטער מיינער, וואָס איז מיט אייך?

און ער, אומדרייענדיק זיך האַסטיק, קניט אַנידער, קריכט־צו צו איר, נעמט אַרום אירע פיס מיט זיינע קרעפטיקע הענט און פאַלט־צו צו זיי מיט אַ לאַנגן קוש.

בלוי איז די לבנה־נאַכט הינטער די פענצטער. איבער ווערכאָווניע, איבער דעם אומענדלעכן, מיט שניי־באַדעקטן רוים, הערשט דער האַרבער ווינטער.

קאַפּיטל עלף

דאָס הויז אויף דער פּאַרטינע גאַס

נישט די פּאַרווײַלונגען, נישט די שפּאַסערייען — גאָרנישט האָט געקענט טרייסטן זײַן צעבראָכן האַרץ. ווידער איז גאַנץ פּאַריז, מיט די גאַסן, ענגלעכע צו אַן איבערגעקערטן מוראַשניק, געווען פאַרפּלייצט מיט זון. מ׳האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אין באַלזאַקס אַפּווזנהייט איז די באַפעלקערונג פאַרטאָפּלט אָדער פאַרדרײַפאַכט געוואָרן, אַזוי האָט דאָס לעבן אין פּאַריז געשלאָגן מיט אַ טראַגישן, אומהיילבאַרן פיבער. די שנייען, די שטורעמס, די פאַרזיכטיקע געשפּרעכן וועגן דער ירושה, דאָס באַוווסטזײַן פונעם דורכפאַל — מיט איין וואָרט: דער ווערכאָוונער ווינטער איז געבליבן ווייט הינטער אים. בלויז די צוואַנציק־גראַדיקע פרעסט און די בייסיקע ווינטן האָבן זיך נאָך דערמאָנט אין אים דורך דעם ווייטיק אין דער ברוסט און דעם פײַנלעכן הוסט. דאָס פאַלן פון די אַקציעס פון דער צפון־אײַזנבאַן אויף דער פּאַריזער בערזע האָט פאַרשנעלערט זײַן אָפּפאָר פון ווערכאָווניע. אַרום און אַרום, האָט ער אויסגעהאַלטן, בשותּפות מיט עוולינען, אָט די ווערט־פּאַפּירן אויף אַ סומע פון זעכציק טויזנט פראַנק. ער האָט זיך געאײַלט צו קומען קיין פּאַריז, כדי צו ראַטעווען דאָס געלט. נאָך דער דאָזיקער אויסרייד האָט געזאָלט זײַן פּאָר זייטיקע אויגן. זײַן שוועסטער לאָרען, אָבער, האָט ער געהאַט מיט עטלעכע טעג פריער געשריבן: „אין תּוך גענומען, דאַרף מאַדאַם האַנסקאַ בלײַבן נאָענט נעבן אירע קינדער, מײַן גרויסער טרוים איז נאָך ווייט נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן”.

און בעת ער האָט געשריבן די דאָזיקע ווערטער, ווי אויך בעת ער האָט געקושט עוולינס האַנט, איידער ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין שליטן, האָט ער אָפּגעפילט אַ מין פוסטקייט, אַ ווייטיק, אַ שרעקלעכן אומעט, אַן אומאויסלעשלעכן ווי דער דאָרשט.

ערשט אַצינד האָט ער כלומרשט פאַרזוכט דעם טעם פון רו.

דער הימל איז געווען בלוי און לויטער, אַן אַ פּיצל וואָלקן. די סען איז געפלאָסן פרייִלעך און געמיטלעך, בלויז אויף די שאָסייען האָבן אָפּגעהילכט די טריט פון די הינטערשטאָטישע אײַנוווינער, בלויז דער ווינט האָט געריסן דאָס אָפּענע פענצטער ווי אַן אָדלער־פליגל, אַנזאָגנדיק דער שטאָט פּאַריז דעם נאָענטן געוויטער.

באַלזאַק איז געשטאַנען נעבן פענצטער, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבייגנס אינעם מאַרמאָרנעם פענצטער־אָנלען און אײַנגעזאַפּט אין זיך אָט דעם פרילינגס־ווינט, דעם מילדן, אָנגענעמען, פּאַבולאָרן, אומגעווײַנלעכן פּאַריזער ווינט. פראַנסואַ, זײַן לאַקיי, איז אַרײַן אויף די טשיפּקעס.

ער האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טעפּל קאַווע, אויפגעהאַנגען אַ מלבוש צוקאָפּנס פונעם בעט.

באַלזאַק האָט צוריק פאַרמאַכט דאָס פענצטער און זיך אומגעדרייט. דאָס העמד זיינס איז געווען נישט פאַרקנעפּלט, דער שלאָפראָק צעקנאָ־דערט. ער האָט געגלעט מיט די פינגער זיין מיט רויטלעכע האָר באַוואַק־סענע ברוסט. ער האָט דורכדרינגעוודיק זיך איינגעקוקט מיט חשד אין פראַנסואַס געזיכט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט; יענער האָט פאַר־שטאַנען זיין פאַרלאַנג, אים דערלאַנגט דאָס טעפּל. באַלזאַק האָט שנעל אויסגעטרונקען די קאַווע, אַוועקגעשמיסן דאָס טעפּל, צוגעגאַנגען צום בעט, זיך אַוועקגעזעצט, אַרונטערגערוקנדיק זיך טיף אונטערן איבערבעט.

— וואָס הערט זיך נייעס, פראַנסואַ?

דער דינער האָט גענומען רעדן. לויט זיין אַלטן שטייגער, האָט אים באַלזאַק נישט אויסגעהערט. ער האָט ליב געהאַט דעם בלויזן קלאַנג פון זיין הייזעריקער, שאַרפער שטים, וועלכע האָט אים קיינמאָל נישט גע־שטערט צו טראַכטן וועגן זיינע ענינים. דעם אמת געזאָגט, האָט ער געבענקט נאָך זיין גוטן פראַנסואַ, נאָך זיין פאַרטיידיקער קעגן די קרע־דיטאָרן, די דאָזיקע בייזע רוחות, וואָס שפּילן זיך מיט זיין גורל. ער האָט עס אפילו געהאַט בדעה צו זאָגן איצט פראַנסואַ, וועלכער האָט, פאַרנייגנ־דיק זיך מיט דרך־ארץ, געהאַלטן אין איין רעדן:

— דער הער פרעגט, וואָס עס הערט זיך נייעס? קיין באַזונדערע נייעס, פאַרשטייט זיך, איז נישטאָ. אָבער גרייטן גרייט זיך יאָ עפּעס־וואָס ספּעציעלס.

— דו ביסט אַן אָראַקל! — האָט באַלזאַק פריילעך אויסגערופן. — פאַרשאַפסט מיר פאַרגעניגן, מיין טרייער וואַפּנטרעגער!...

— שטענדיק גרייט אייך צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, אָבער ליידער האָב איך אייך קיין גוטע בשורות נישט אָנצוזאָגן.

פראַנסואַ האָט באַמערקט אַ פאָדים אויף דער קלאַפּע פון סורדוט און האָט אים אַראָפּגענומען דורך אַ לייכטן צי מיט דער האַנט. באַלזאַק האָט געטראַכט: „עוולין וועט אַזעלכן נישט קענען פאַרטראָגן. מען וועט דעם אומגליקלעכן דאַרפן איבערדערציילן אָדער, אין ערגסטן פאַל, אים אינגאַנצן אָפּזאָגן. מילא, פאַר עוולינס וועגן וועט ער דאָס אויך נעמען פאַר ליב".

ער האָט זיך צופעליק דערמאָנט אין עוולינען און באַלד אָבער דעריין פאַרגעסן, זייענדיק צופרידן פון זיך אַליין, וואָס ער האָט אַזוי לייכט און אַזוי שנעל זיך באַפרייט פון געדענקען אין איר.

ביים אַרויפציען אויף זיך דעם סורדוט, האָט ער מן־הצד, מיט איין אויג אָבסערווירט דעם אויסדרוק פון פראַנסואַס געזיכט. קנאַקנדיק מיט דער צונג, אַנבלאָזנדיק גרינגשאַצעריש די ליפּן און, אויסדרייענדיק קאָמיש די פּיס, האָט ער זיך דערנעענטערט צו זיין טרייען דינער:

— די סוחרים זענען נבלות, די קאָנסיערזשקעס — מאַרק־מיידלעך, פּאַריז איז דעם טייוולס הייל, די זשורנאַליסטן זענען שאַרלאַטאַנען. נישט אמת, מיין וואָפּנטרעגער?

ער האָט פלייסיק און געלונגען נאָכגעמאַכט פראַנסואַס אַקצענט, דאָך האָט ער נישט־ווילנדיק געטראַכט, אַז די דאַזיקע ווערטער, מיט וועלכע דער דינער האָט זיך נישט איין מאָל געוואַנדן צו אים אין די פרימאָרגנס, וואָלטן בפירוש געקאָנט זיין זיינע אייגענע ווערטער.

— מ׳סיע אָנאָרע! — פראַנסואַ האָט מיט דרך־ארץ פאַרנייגט דעם קאָפּ, געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, נישט אומקערנדיק זיך; דעם דאַזיקן זשעסט וואָלט געקאָנט מקנא זיין דער בעסטער לאַקיי פון הערצאָג גיז.

באַלזאַק האָט צופרידן געשמייכלט. ווידער איז אים עוולין געקומען אויפן זכרון; אַ דערינערונג נישט קיין פאַרוואָלקנטע, וואָס איז באַלד פאַרשוואונדן. דאָס האָט אים קנאַפּ אינטערעסירט.

— מ׳סיע אָנאָרע! — האָט דער טרייער דינער איבערגעחזרט, — שוין דעם דריטן טאָג, ווי איר זענט אין דער היים, און איך דערלויב זיך אייך צו דערמאָנען וועגן די בריוו, וועגן די רעכענונגען פון די קרעדיטאָרן, וועגן די טעלעגראַמעס.

באַלזאַק האָט אומגעדולדיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. פראַנסואַ, ווי ער וואָלט געוועזן זיך דערשראָקן פאַר דער דאַזיקער באַוועגונג, האָט זיך צוגעאיילט צו רעדן. ער האָט ענדלעך געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט גע־טראַכט. ער האָט דערציילט אַלץ מיטאַמאָל, פאַרנאַכלעסיקנדיק בשעת־מעשה די פאַרזיכטיקייט:

— באַלעבאָס, איך וואָלט אייך געראָטן אַוועקצופאָרן ערגעץ־ווו אויף דער פּראָווינץ. איך בין יעדן טאָג אין גאַס צווישן מענטשן. איך הער וועגן וואָס זיי רעדן. איך האָב מורא, אַז די שטילקייט, וואָס הערשט אין דער־שטאָט, זאָל נישט זיין אַ מאָל אַ שטילשטאַנד ערב אַ שטורעם. אין די פאַרשטעט גרייט מען צו די פּיסטאָלעטן און מען שלייפט די מעסערס. די פויערים פון די שכנותדיקע דערפער זענען געוואָרן פרעך און געמיין. איך גלייב, אַז איר דאַרפט ענדער אַרויספאָרן אויף אַ געוויסער צייט אין דער פראָווינץ.

פראַנסואַ איז אַנטשוויגן געוואָרן. באַלזאַק האָט, אפנים, נישט גע־גלייבט אין זיינע רייד. און אפשר האָט זיך עס אים פאַקטיש בלויז אויס־געדוכטן? פראַנסואַ איז געשטאַנען פאַר אים, האַלטנדיק דעם קאָפּ פאַר־נייגט. באַלזאַק האָט זיך אַרומגעקוקט. די זעלבע באַקאַנטע ווענט האָבן אים אַרומגערינגלט, די פריילעכע פאַסטושקעס האָבן אַראָפּגעשמייכלט פון די גאָבעלין־טעפּיכער, די זון האָט געלויכטן הינטער די פענצטער. דאָס טיפע, רחבותדיקע בול־בעט *), האָט אים דערמאָנט אינעם הייליקן שלאָף, אויפן פוכיקן טעפּיך זענען געשטאַנען די סאַפיאַן־לעדערנע שטעקשיך נעבן ווייסע זייטלעך פון אַן אָפן בוך. ער האָט גאָרנישט נישט געענט־

*) בול־אויסאַרבעטונגען — אַנדרעי־שאַרל בול (1642—1732), קונסט־טישלער, געבוירן אין פּאַריז, וועמענס מעבל־שטיק צייכענען זיך אויס דערמיט, וואָס אין זיי זענען איינגעפּאַסט שילדקרויט, העלפאַנט־ביין, קו־פּער. — **באַמ. פון איב.**

פּערט דעם דינער זיינעם. ער האָט זיך אומגעדרייט און איז אַרויס פֿון שלאָף־צימער.

פֿראַנסואַ האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען עס האָבן זיך דערווייטערט די שווערע און אומרעגלמעסיקע טריט פֿון זיין באַלעבאָס. די טרעפּ האָבן געסקריפּעט. באַלזאַק איז אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק, אין דער ביבליאָטעק. פֿראַנסואַ האָט זיך דערנעענטערט צום בעט און אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די ליילעכער. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט. צי זענען אַ מאָל אין זיינע ווערטער נישט געווען קיין עזותקייטן, צי האָט ער נישט גערעדט קיין לשון־הרע? דאַכט זיך, אַז נישט. ער האָט נאָך דעם באַלעבאָס ווייט נישט דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געהערט. ער האָט דאָך פֿאַרשוויגן די צאַרנדיקע אויסגעשרייען: „אין גיכן וועט זיי ווערן לייכטער, אָט די גראָבע בייכער, מען וועט זיי אויסליידיקן דאָס אונטערלייב, כדי די פּיס זאָלן נישט האָבן קיין שווערע משׂא צו טראָגן!”.

ער גופֿא האָט דאָ גאָרנישט צוגעטראַכט. ער האָט ליב געהאַט און רעספּעקטירט זיין באַלעבאָס. און זיכער, האָט ער אים באַדאַרפֿט וואָרענען. דאָס איז געווען זיין חוב. נאָר אפֿשר איז דער באַלעבאָס געווען בייז צוליב אַן אַנדער זאַך, ווי דען אַנדערש קען מען אויסטייטשן, וואָס ער איז אַרויס און גאָרנישט נישט געזאָגט?

און עטלעכע טעג כּסדר, נאָך אָט דעם פּרימאָרגנדיקן געשפּרעך, כּמעט קיין איין וואָרט איז צווישן זיי נישט געוואָרן אַרויסגערעדט, האָבן באַלזאַק און פֿראַנסואַ געטראַכט וועגן דעם יעדערער אויף זיין שטייגער: דער ערשטער — זוכנדיק אַ טיפֿערן זין אין זיין דינערס ווערטער, וועלכע האָבן פֿאַר אים אָפּגעקלונגען ווי אַ וואָרענונג; דער אַנדערער — באַדויערנדיק, וואָס זיינע ווערטער האָבן געקענט אויסזען ווי עזותקייט.

אַזוי זענען פֿאַרביי לאַנגע, פֿריקרע שעהן אינעם הויז אויף דער פֿאָרטינע גאַס. הוילע און ווי פֿאַרשעמטע צוליב זייער נאַקעטקייט האָבן זיך הינטער די פֿענצטער געטרייסלט די צווייגן פֿון די קאַשטאַן־ביימער. אויפֿן פּאַריזער הימל האָבן געשוועבט גרויע וואָלקנס. די כוואַליעס פֿונעם טייך האָבן זיך משופּע־לייכט געוויגט צווישן די ברעגעס. אויפֿן שרייב־טיש איז געלעגן אַ גאַנצער פּאַק ווייס, פֿרעכטיק פּאַפּיר און אַ בינטל נייע פּעדערס אין אַ גלאָז האָט צוגעצויגן מיט זיין פֿרישקייט.

באַלזאַק האָט, אפֿשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, רואיק שפּאַצירט פֿון איין צימער אין אַנדערן, פֿאַרהאַלטנדיק זיך לענגער ביים פֿענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף דרום, אין גרויסן זאַל, ווו די ווענט זענען געווען באַצירט מיט וווּנדערבאַרע בילדער, איינגעפּאַסטע אין ווערטפֿולע ראַמען. אָנשפּאַרנדיק זיך עטוואָס אויפֿן אָנלען פֿון דעם דאָזיקן פֿענצטער, האָט ער געזען פּאַריז, וואָס האָט אים אַלעמאָל דערמאָנט אין אַן אומרויִיקן און אומדערמידלעכן מוראַשניק.

צוקוקנדיק זיך אַזוי צו דער סומאַטאָכע אין די קוואַרטאַלן, האָט ער בשעת־מעשׂה געטראַכט: אָט וועט עמיצער קומען, אַ שטאַרקער, אַן אַלמעכטיקער, אַ גרויזאַמער און אַ שטרענגער; מיט זיינע אומגעהויערע, גי־

גאַנטישע פיס וועט ער צעטרעטן דעם מוראַשניק, פונאַנדערוואַרפן די קאַרטנהייזלעך, טרייבן אויף צוריק דעם שטראָם פון די טייכן, אויסטריי־קענען די אָזיערעס, אָבער דעם מוראַשניק דאַרף מען נישט פאַרניכטן, ער וועט זיך צעשפּרייטן איבער אַלע ווינקעלעך פון דער ערד און ערגעץ־ווו, אויף אַן אַנדער אָרט, ווידער זיך נעמען ווירבלען, סומאַטאָכעווען, אויפ־בויענדיק פונדאַסנעי די זעלביקע קאַרטנהייזלעך, באַנייענדיק דאָס חרוב־געוואָרענע לעבן.

דער דאָזיקער וויכער, די דאָזיקע גײַזעצמעסיקייט פונעם לעבנס־פּראָ־צעס האָבן אים געטראָפן אין דער איצטיקער מינוט, ווי נאָך קיינמאָל נישט; דאָס זענען געווען שאַרפע געדאַנקען, זיי זענען אַריינגעדרונגען אין זיין כלומרשט באַרואיקטער נשמה און געשיט זאַלץ אויף די אַלטע וווּנדן. און מעגלעך, אַז צוליב דעם טאַקע האָט ער מער נישט געוואָלט אין ערגעץ אַרויסגיין, פאַר קיינעם זיך נישט ווייזן אין לויף פון כמעט אַ גאַנצער וואָך, אָפּהיטנדיק הייליק זיין איינזאַמקייט, נישט אָנרירנדיק מער די פּעל־דער און פאַרגעסנדיק וועגן די ווערכאָווניער עניבים און וועגן דעם פאַלן פון זיינע אַקציעס. אין דער איינזאַמקייט האָט ער געזען אַ ישועה, אמת אַ צייטווייליקע, אָבער דאָס איז געגנוג געווען אים צו טרייסטן.

קיינער פון זיינע פריינט, נישט הוגאָ, נישט גאָטיע, נישט זיין יונגער פאַרערער שאַנפלערי, האָבן געוווסט, אַז ער געפינט זיך אין פּאַריז; און נאָך ווייניקער האָבן עס געוווסט זיינע פאַרלעגער.

זיצנדיק אין זיין פאָטעל ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער אָפט אין דער מחשבה געפירט מיט זיינע פאַרלעגער העפטיקע און איבערגעשפּיצטע וויכוחים, פול מיט קאָמפּלימענטן, און פון וועלכע ער איז אַרויס אַ דער־שעפּטער און אַ באַזיגטער.

די צוגעזאָגטע און פאַרטראַכטע ביכער זענען נישט געווען אָנגעשריבן; ער האָט נישט געהאַט מער ווי אַ פּיעסע די שטיפמוטער, אָבער נאָכן שרעקלעכן דורכפאַל פון וואָטרען, נאָכן אויספייפן דורכן פּאַרטער, האָט ער נישט געוואָגט אפילו צו טרוימען וועגן אַ טעאַטראַלן דערפאָלג.

דאָך האָט צו זיין איינזאַמקייט געגומען אַ סוף. אין דרויסן איז געווען טאָג, אַ טאָג אַ רואיקער, אַ ליכטיקער, אָבער נישט קיין זוניקער. באַלזאַק איז געזעסן ביי זיין שרייב־טיש. נאָכן צורוימען די צימערן, האָט פראַנ־סואַ געאַרבעט אין גאָרטן. די טיר פון אַרבעט־צימער האָט זיך האַסטיק אויפגעפּראַלט. עמיצער האָט געפּאַטשט אין די הענט, האַלב־לאַכנדיק, האַלב־וויינענדיק, געשטאַמלט און געמאַכט פריידיקע אויסגעשרייען.

קעגנאיבער באַלזאַקן איז מיט אויסגעשטרעקטע הענט געשטאַנען דער פאַרלעגער היפּאָליט גאָסלען, אָנגעטון אין זיין שטענדיקן געקעסטלטן קאָסטיום.

— איר זענט אַ פאַרברעכער! — האָט דער פאַרלעגער אויסגעשריגן פאַר פרייד, אַוועקוואַרפנדיק דעם מאַנטל גלייך אויף דר׳ערד און אַרומ־נעמענדיק ליידנשאַפטלעך באַלזאַקן. — וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן זיך אויסצובאַהאַלטן? צי זענט איר נישט אַ מאָל געוואָרן אַ מאָנאַך מיט

דער הילף פון אייער צפונדיקן שטערן, אָדער אפשר האָט איר גאָר געפו־נען דאָרט פאַנטאַסטישע אוצרות און איצטער לאַכט איר זיך אויס פון דער מאַגערער קאַסע פון אייער פאַרלעגער? אַך, חשובער מייסטער, הויכגעשעצטער אויטאָר, אַט האָט איר אַ זייטל פאַר אייער פּרעכטיקער מענטשלעכער קאָמעדיע!

באַלזאַק האָט צוגערוקט גאַסלענען אַ שטול. ער האָט האַרציק גע־שמייכלט צום היציקן פאַרלעגער. ער האָט אויסגעוואַרט ביז זיין באַרע־דעוודיקייט וועט זיך אויסשעפּן. האַלטנדיק אים ביים אָרעם, האָט ער געשטופּט גאַסלענען צו דער שטול, אָבער יענער האָט זיך פון אים אַרויס־געדרייט און, טרעטנדיק אויפן רויטן זיידענעם אונטערשלאַק פון זיין מאַנטל, האָט ער זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט פונעם שרייב־טיש.

— אַצינד, הער שריפטשטעלער, — האָט גאַסלען געשריגן, ווי אַ האַל־בער מייל וואָלט אים וויניקסטנס אָפּגעטיילט פון באַלזאַקן — בין איך בלויז אַ זייטל פון דער מענטשלעכער קאָמעדיע. און איר, אפילו איר, מיין אויפריכטיקער פריינט, איר מיידט מיך אויס. אַך, מייסטער! פאַרוואָס? פאַרוואָס? — ער האָט מיט דער האַנט פאַרשטעלט די אויגן און געשנויפּט מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט אויף אַן אמת זיך געקליבן צום וויינען.

אויף אַזאַ מין געשפּרעך האָט באַלזאַק טאַקע זיך געריכט. ער האָט געלאָזט גאַסלענען זיך מאַכן צו נאַר. נו, מילא, זאָל ער פאַיאַצעווען! יע־נער האָט אַ ווײַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, דערנאָך האָט ער אַ וואָרף געטון די הענט פאָרויס און גענומען וועבן אַן אומענדלעכן לייוונט פון מטושטשדיקע, נודנע פראַזן, ענלעכע צו די געוואַלדן פון אַ חסר־דעה.

— אַט זענט איר ענדלעך דאָ! צי ווייסט איר, מיין פריינט אָנאָרע, אַז אין פּאַריז אינטערעסירט זיך איצטער קיינער נישט מיט קיין בעלעטריס־טיק; צי ווייסט איר, אַז וויקטאָר הוגאָ האָט מער פאַרגעניגן צו שפּאַצירן אויף דער לעדיגיער גאַס, וווּ עס שווינדלט דאָס פעבל, איידער צו זיצן ביי זיין שרייב־טיש? צי ווייסט איר, אָנאָרע, אַז פּאַריז לאַכט זיך איצטער אויס פון טעאַטער, פון באַלעטן און ראָמאַנען; אַז אין טילערי הערשט אומאָרדענונג און באַנקירן אַנטלויפן קיין ברעטאַניע, צי ווייסט איר עס, אָנאָרע?... אַך! איר ווייסט גאָרנישט. איר באַוווּנדערט אייער צפונדיקן שטערן, און ווי אַזוי אייערע ראָמאַנען וועלן דערגיין צום לייענער, וועגן דעם זאָל זיך גאַסלען זאָרגן!...

אַצינד האָט זיך געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט. אַט וועט ער באַלד אַלץ מודה זיין. פאַרפאַלן! ס'איז געווען דער פּאַסיקסטער מאָמענט.

— זייט מוחל, הער גאַסלען! — באַלזאַק איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול, אָנגעשפּאַרט זיך מיט די הענט אינעם שרייב־טיש און פאַרגעזעצט מיט אַ הייזעריקער שטים:

— איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך האָב נישט אָנגעשריבן קיין איין ראָמאַן.

ער האָט זיך צוריק נישט אַוועקגעזעצט, נישט געקוקט אפילו אויף

גאַסלענען, ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אַ דערנידעריקטער און דערשעפּ־טער צוליבן הימל־שרייענדיקן שלאָגן זיך על־חטא. נישט עפּענענדיק די אויגן, גלייך ווי ער וואָלט ווידוי געזאָגט, האָט ער פאַרגעזעצט, און די ווערטער זיינע, ענלעכע צו פעלדזן־ברעקלעך, האָבן זיך שווער און אומ־געלומפּערט אַריבערגעקייקלט איבערן אַרבעטס־טיש — איבער אָט דעם טיש, אויף וועלכן עס זענען געבוירן געוואָרן, געלעבט און אַריבערגע־פּעקלט זיך אויף יענער וועלט די הונדערטער העלדן פון זיינע ביכער.

— איך האָב גאַרנישט אָנגעשריבן, אחוץ אַ פּיעסע, הער גאַסלען, און אַלע מיינע פאַרפליכטונגען בנוגע אייך זענען נישט מער ווי אַ פאַרדריס־לעכער מיטאָס, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, אַ גאָר אַלטע לעגענדע.

ער האָט גערעדט וועגן זיך מיט אָפנהאַרציקן ביטערן צאָרן, גלייך ווי ער וואָלט דערפילט אַ פאַרגעניגן אין דעם, וואָס גאַסלען איז געבליבן ווי געפּלעפט און נישט געווען בכוח אַרויסצורעדן אַ וואָרט.

— איר זענט זיך טועה, הער גאַסלען, אויב איר מיינט, אַז איך ווייס גאַרנישט.

ער האָט מיט די לעצטע כוחות זיינע זיך אָנגעשטרענגט אויפצוהייבן די וויעס און געקוקט דעם פאַרלעגער גלייך אין די אויגן אַריין. אין די כיטרע, קליינע אייגעלעך פונעם דורכגעטריקנעם גאַסלען האָט ער דער־זען טרערן, און ביי אים האָט זיך עפּעס־וואָס אָפּגעריסן פונעם גאַרגל, נאָר ער האָט נישט געקענט זיך באַצווינגען צו שווייגן:

— הער גאַסלען, הוגאָ איז אפשר גערעכט, וואָס אים געפעלט בעסער די לעדיגיער גאַס. איך האָב געלעבט אויף דער דאַזיקער גאַס, אין אַ פּאַ־ציאַטע, הער גאַסלען. די זון האָט אומדערטרעגלעך געהיצט דעם בלעכע־נעם דאַך איבער מיין קאָפּ, כ׳האָב דאָן געברענט ווי אין אַ גיהנום; בעת דער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן אין מיין בוידעמשטיבל, ווען דער רעגן האָט עס באַגאָסן, דער שניי האָט עס פאַרשיט, האָט מיר דאָן געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. דאָרטן טאַקע האָב איך אָנגעשריבן צענדליקער ביכלעך, פון דאָרטן האָב איך זיך פאַרמאָסטן צו דעראָבערן פּאַריז. איך האָב געגלייבט אַרויסצוגיין אַ זיגער. איך האָב ליב געהאַט די לעדיגיער גאַס, איך האָב ליב געהאַט אירע פינצטערע און גרויע הייזער און די פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן אין זיי געוווינט. איך האָב ליב געהאַט די דאַזיקע אָרעמקייט, דעם דאָזיקן אומבאַשרייבלעכן דחקות, די דאָזיקע אומגליקלעכע לייט, אָבער איך האָב געזען און פאַרשטאַנען, אַז פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי פאַרפלייצן די פּאַראַדנע גאַסן פון דער שטאָט און וועלן האָבן זייער וואָרט צו זאָגן. איך האָב געהאַט אויסצוווילן: גיין מיט זיי אָדער מיט די לייט פון די סאַלאָנען. איך האָב אויסגעקליבן די לעצטע. דאַכט זיך...

ער האָט נישט געוואָגט מודה צו זיין גאַנץ הויך זיין טעות און איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַן אויפגעברויזטער און דורכגעדרונגען מיט אַ שווערן פאַרגעפּיל.

— און איר זאָגט, אַז איך ווייס גאַרנישט... — האָט באַלזאַק מיט ווייטיק צוגעגעבן, און אַנמעכטיק זיך אַראָפּגעלאָזט אין זיין פאָטעל.

אַ לאַנגע ווײַלע האָט גאָסלען נישט געקענט עפענען דאָס מויל. ער איז אויף די שפּיץ־פינגער אַרומגעגאַנגען אַרום דעם טיש און צום סוף אויף זיך אַוועקגעזעצט, אַרונטערנעמענדיק זײַנע קורצינקע פּיסעלעך אונטער דער שטול, מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט. ער האָט געזען באַלזאַקן אין פּראָפיל און אים באַטראַכט, ווי ער וואָלט צום ערשטן מאָל געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן דעם באַרימטן שריפטשטעלער. דאָס גיכע און שווערע אָטעמען האָט אונטערגעהויבן די ברוסט, אַ פּאַסמע האָר האָט איבערגעשניטן דעם הויכן שטערן ווי אַ געקרעמפּלטער פליגל, די שאַרפע, דורכדרינגענדיקע אויגן פון אונטער די מאָכנאַטע ברעמען געוואָנדן צום פענצטער. און גאָסלען, אַן אויפגערעגטער פון אומקלאָרע געדאַנקען, האָט זיך דערלויבט אויסצוזאָגן דעם אמת, אַ נישטיקן אמת, אָן שום גרויסן באַדייט, אָבער גענוג אויסדרוקפול, אַז באַלזאַק זאָל אים פאַרשטיין, ווי עס באַדאַרף צו זײַן:

— איך בין באַנקראָט, אָנאָרע! — האָט אַ זאָג געטון דער פאַרלעגער, נישט דערוואַרטנדיק פון זײַן אויטאָר קיין טרייסט־ווערטער.

— מיר זענען בײַדע באַנקראָט! — האָט באַלזאַק גלײַך אויף אַן אָרט אויסגעבעסערט, אויסשיסנדיק מיט אַ הילכיק און געצוווּנגען געלעכטער. נישט פאַרלאָזנדיק זײַן שטול, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום פאַרלעגער און געקוקט אים גלײַך אין די אויגן אַרײַן. איצטער זענען זיי געווען טרוקענע, קאַלטע און אומאָנגענעמע. די זשעדנעקייט האָט פאַרביטן די גערירטקייט. דאָס זענען געווען די אויגן פון פאָטער גראַנדע, וואָס האָבן אויף אים געקוקט מיט אַ שטומען, אָבער ברוטאַלן פאָרוואורף, און ער האָט באַדאַרפט זיך באַרעכטיקן:

— דאַקעגן, וועט אײַער אַדערויף, מ׳סיע גאָסלען, נישט פאַרלוירן גיין. דער מאַנוסקריפּט פון ראָמאַן פּויערים — ער האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ גרויס פּעקל באַשריבענעם פּאַפּיר אויפן טיש — ליגט פאַר אײַערע אויגן, און, חוץ דעם, האָט איר די פולע רעכט מיך צו לאָזן אײַנזעצן אין תּפיסה פאַר נישט צאָלן קיין חובֿות. איך בין אײַער שקלאַף.

גאָסלען האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אַצינד איז געווען דעם מחברס ריי צו שפּילן דעם לץ. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט זײַן וואָגיק ווערק, ער האָט מיט אַ נישט־באַמערקבאַרן פינגער איבערגעמישט דאָס בלעטל פון אָנהייב מיטן אות „ב“. ער האָט פאַר זיך אַליין אַ שעפּטשע געטון: „פינף און דרײַסיק טויזנט פראַנק!“ — אַ לײַכטע קעלט איז אים אַדורך איבערן קראַנקן לײַב.

— און דער צפונדיקער שטערן? — האָט גאָסלען אַ פרעג געטון מיט אַ מין גלײַכגילטיקייט, פאַרשנדיק דערבײַ די באַוועגונג פון יעדן מוסקל אויף באַלזאַקס געזיכט.

— איך בעט אײַך זייער, הער גאָסלען!...

— פּטור אָן עסק! זײַט מיר מוחל טויזנט מאָל! — גאָסלען האָט זיך דערנעענטערט צו באַלזאַקן, אַרויפגעלייגט זײַנע פּוכיקע הענט אויפן שריפטשטעלערס ברייטע אַקסלען, אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן, ער האָט

אים נישט לאַנג אָנגעקוקט, אפשר אַ סעקונדע, אָבער ס׳איז גענוג געווען, בכדי פעסטצושטעלן זיין אויפריכטיקייט, דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— און רוסלאַנד?

— אַ ספינקס.

גאָסלען האָט געהויבן די אַקסלען. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין לאַקאָנישע באַהויפּטונגען.

— רייכטימער?

— לעגענדאַרע.

— ווילדע באַשעפענישן! — גאָסלען איז צוגעשטאַנען.

באַלזאַק האָט נישט געענטפערט.

וואָס, מ׳שטייגסגעזאָגט, קען שוין פאַרשטיין אַט דער דורכגעטריבע־נער און געשמדטער האַלדז, גאָסלען, פון זיין דערציילן וועגן רוסלאַנד? און בכלל, אינטערעסירט אים און באַאומרואיקט אים דען דאָס לעבן פון די מענטשן? די אַריסטאָקראַטיע! געלט און נאָר געלט. דער גלאַנץ פון גאָלד איז אים אָנגענעמער ווי דער גלאַנץ פונעם זון־שטראַל. באַלזאַק האָט גע־ווּסט: דאָס רוסלאַנד, וואָס ער האָט מיטאַמאַל דערזען, קאָן נישט פאַר־אינטערעסירן גאָסלענען. צי אינטערעסירט אים דען פראַנקרייך? דאָס פראַנקרייך, וואָס לעבט אויף דער לעדיגיער גאַס? דאָס פראַנקרייך, וואָס טראָגט אויף די פיס הילצערנע כאָדאָקעס, און זייערע פאַרהאַרטעוועטע נעגל קלאַמערן זיך אויף די פיצלעך אַקערבאָדן?! ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם פאַרלעגערס פאַרדאגהטן געזיכט, און זיין האַרץ האָט זיך אָנגע־פילט מיט פאַראַכטונג. און מיט דעם דאָזיקן פאַרשווין האָט ער עס באַ־דאַרפט פירן געשעפטן, לעבן מיט אים בשלום, דריקן אים די האַנט, שמייכ־לען צו אים און אַרויסווייזן אים כלומרשט פריינטשאַפט.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און פראַנסואַ האָט געגרייט פאַר זיי דעם טיש אין עס־צימער, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט איינער קעגנאיבער דעם אַנדערן אויף באַקוועמע שטולן און, צוטרינקענדיק אַ געשמאַקן ריין־ווייַן, האָבן זיי געפירט אַ רואיקן, לייכטן שמועס, אויסמיידנדיק זאָרגפול יעט־ווּעדע פאָליטישע טעמע. פראַנסואַ האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשווּונדן אָן שום רעש, נאָכן האָבן דערלאַנגט די פאַטראָוועס אויף די טעלער און צוגעגאָסן אין די גלעזער דעם ווייַן פון די לאַנגע, שמאָלע פלעשער.

אַליין נישט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט באַלזאַק איבערגעריסן גאָסלענס דערציילונג וועגן די דיכטער־אָוונטן אין סאַלאָן וויסקאָנטי, בכדי זיך צו באַרימען:

— אין קורצן, מיין טייערער גאָסלען, וועל איך חתונה האָבן, און אויף דעם אָרט — ער האָט אָנגעוויזן דעם סאָמע אויבנאָן פונעם טיש — וועט זיצן עוולין־קאָנסטאַנציאַ דע באַלזאַק.

— איך וועל גליקלעך זיין זי צו באַגריסן דער ערשטער.

— איך קען אייך פאַרזיכערן, אַז דאָס וועט איר זיין זייער אָנגענעם — האָט באַלזאַק געענטפערט, פאַרשטעלנדיק זיך בשעת־מעשה דעם עקל, וואָס עס וועט אַרויסרופן ביי עוולינען קעגנאיבער דעם פאַרלעגער.

וואָרפנדיק אַ בליק פון דער זייט, האָט באַלזאַק באַמערקט דעם קאַנט פון אַ געקראַכמאַליעטער סערוועטקע. פראַנסואַ איז געשטאַנען הינטער זיין שטול, האַלטנדיק די סערוועטקע אונטערן אָרעם. באַלזאַק האָט אים גע־טון אַ ווונק מיטן קאָפּ, און דער דינער, פאַרשטייענדיק גוט דעם מיין פון זיין באַלעבאָס, איז שטילערהייט אַרויס פון עס־צימער.

— איר האָט מיך אויפגעוועקט, גאָסלען. איר האָט מיר פאַרטריבן דעם שלאָף און מיך אומגעקערט צו דער ווירקלעכקייט. יאָ, מיין פריינט, עס איז נישט די צייט צו חלומען... אויפן פערד און בלאַנק די שווערד!

באַלזאַק האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, און גאָסלען האָט מיטגעלאַכט. איצטער האָט ער געהאַט פאַר זיך דעם עכטן באַלזאַק: דעם האַרעפּאַשניק, געשעפטסמאַן, קריגער און זעלבסטבאַרימער. אַציינד האָט ער אים געגלייבט: די פינף און דרייסיק טויזנט פראַנק גייען אַרויס פון אומזאַץ און ווערן אויסגעשטראָכן פון די ביכער.

— הערט, מיין טייערער אָנאָרע! — גאָסלען האָט זיך לייכט אונטער־געהויבן און, אָנשפאַרנדיק זיך אויף די עלנבויגנס, האָט ער זיך איבערגע־בויגן איבערן טיש. — איך זאָג עס אייך אַבסאָלוט קאָנפידענציעל... עס גייען אַרום קלאַנגען וועגן אַ פּאָליטישער איבערקערעניש. ס'איז מעגלעך, אַז עס זאָל קומען אַ נייע רעגירונג, די אַנטשטייאונג פון אַן אויפבלי־תקופה פאַר קונסט און ליטעראַטור. נישט אומזיסט ווענדט זיך וויקטאָר הוגאָ צו די אייבערווינער פון די פאַרשטעט...

באַלזאַק האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. גאָסלענס אויפריכטיקייט האָט אים אפילו איבערגעשראָקן. נאָט אייך גאָר אַוועק! הוגאָ האָט גע־שטעלט אויף דער קאָרט פון פאַלק!

— אין נאָמען פון וועלכע אינטערעסן? — האָט באַלזאַק, אַליין נישט ווילנדיק עס, געפרעגט.

— אין נאָמען פון זיין אייגענעם רום.

גלייך ווי ער וואָלט געוועזן דערשעפט דורך דער געהיימניש פון זיין בשורה, איז גאָסלען אַראָפּגעפאַלן אויף זיין געזעס און האָט זיך ווידער אָנגעשפּאַרט אינעם לעדערנעם אָנלען. איבער זיין קאָפּ האָט אַן אָדלער, אויסגעשניצט פון רויטן האָלץ, געהאַלטן אַ לעמעלע אין זיין שנאָבל. דעם אָדלערס טויטע אויגן האָבן געשפּיזט אויף באַלזאַקן.

— איר רעדט נאַרישקייטן, מיין פריינט! — האָט באַלזאַק קוים באַוויזן אַרויסצורעדן.

— פאַרוואָס נאַרישקייטן? — האָט זיך דער פאַרלעגער אויפגעקאָכט.
— וואָרפט אַראָפּ דעם שלייער, וועלכער פאַרשטעלט אייך די אויגן. פאַר־טראַכט זיך נאָר: אַ נייע רעגירונג, אַ מיניסטעריום פאַר קונסט און ליטע־ראַטור, פאַרלעגער, דרוקער, פּאַפּיר־פאַבריקן, פאַנטאַסטישע טיראַזשן פון די אויסגאַבעס, הונדערטער טויזנטער פראַנקן. אַ רולעטקע, הער שריפט־שטעלער. אַ שאַנטאַזש. אָט איז זי, די מלוכה־איבערקערעניש, די רעוואָ־לוציע!

— שרייט נישט אַזוי! פאַרוואָס שרייט איר? — באַלזאַק האָט, אַן

אומצופרידענער, אויסגעשטרעקט דעם אָרעם, ווי ער וואָלט זיך פּאַרנומען אָפּצושטעלן גאָסלענען. דאָס האָט נאָכמער אויפגערעגט דעם פּאַרלעגער.

— איך לערן אייך, מיין טייערער אויטאָר, איך לערן אייך, ווי אַזוי צו פּאַרדינען געלט, און איינצייטיק דערמיט צו דעראָבערן רום, אויסצייכע־נונגען, מעדאַלן, אַ לאָזשע אין דער אָפּערע נעבן דער לאָזשע פון ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, אַ לאַקייטשיק אַהינטער אייער קאַטש, אַ באַוועגלעכע קאָנטאָ אין אַ לאָנדאָנער באַנק. און דער צפונדיקער שטערן שטראַלט גופא וועט דערשיינען פּאַר די פענצטער פונעם הויז אויף דער פּאַרטינע גאַס.

ער האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס עס איז אים נאָר געקומען אין קאָפּ אַריין, און ער האָט דערפילט, אַז זיינע ווערטער האָבן געפונען אַן אָפּ־קלאַנג אין באַלזאַקס געדאַנקען. און גאָסלען האָט נישט דערוואָרט קיין ענטפער.

ער האָט פּאַרבייגייענדיק געוואָרפן עטלעכע זריעה־קערנער אויף אַ פּעטער שוואַרצערד, און שוין האָט ער געזען, ווי זיי שפּראָצן, בליען און גיבן אַרויס די געוואונטשענע זאַפטיקע פּרוכטן. און ער אַליין איז אַרומגע־גאַנגען אין גאָרטן, שמייכלענדיק פרייענטלעך, און געקליבן שטיל, אָן רעש די דאָזיקע פּרוכטן אויף צאַרטע און שוואַכע שטענגלעך.

זיי האָבן נאָך אויסגעטרונקען אַ פלאַש ריין־וויין, און גאָסלען, איידער ער איז אַוועק, האָט אַרויסגענומען פון זיין קעשענע דאָס טשעק־ביכל; אַרויסגעריסן אַ טשעק און אים דערלאַנגט באַלזאַקן. ווי זיך צו באַרעכטיקן און אים צו דערמוטיקן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— אָט האָט איר, ביטע, נאָך פינף טויזנט פראַנק, הער באַלזאַק, איך דערוואַרט דעם מאַנוסקריפּט פון די פויערים.

מיט אַ לייכטער אין דער האַנט האָט באַלזאַק באַגלייט דעם גאַסט צו דער שוועל. ער האָט פאַרמאַכט הינטער אים די שווערע, מאַסיווע טיר, אויסגעלאָשן דאָס ליכט און אומגעקערט זיך פּאַמעלעך אין זיין קאַבינעט. די ליכט, וואָס פראַנסואַ האָט אָנגעצונדן, האָבן געצאַנקט אויפן אַרבעטס־טיש. די קאַרסעל־לאָמפּ האָט אַראָפּגעשיקט פונעם באַלקן אַ ווייכע ליכט. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער שטול, אויסגעגלייכט די פּלייצע, פּונקט ווי ער וואָלט אַ גאַנצן טאָג געוועזן געטראָגן אויף איר אַ שווערע משא, און ער איז אַזוי געבליבן זיצן אַ קנאַפּע האַלבע שעה. פונעם ריין־וויין האָט זיך אים לייכט געמישט אין קאָפּ. גאָסלענס ווערטער האָבן אים איבערגעלאָזט אַן אומאָנגענעמען אָפּקלאַנג אין האַרצן. ער האָט געפּרוווט אָט די ווערטער פּאַרטרייבן פון זיך, אָבער זיי האָבן זיך אומגעקערט פונ־דאַסניי און, ווי אומבויגזאַמע סאָלדאַטן, זענען זיי כסדר געגאַנגען און גע־גאַנגען שטורעמען זיין אָנזען און כבוד. ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן אים באַזיגן. ער האָט דאַן אַ כאַפּ געטון די פּעדער, איינגעטונקען זי אין טינטער און אויף אַ בייגעלע האַלענדיש פּאַפּיר האָט ער אויף דער גיך אָנגעוואָרפן אייניקע אומאויפריכטיקע ווערטער:

„פּאַריז, דעם 20־טן פעברואַר, 1848.

מיין טייערע, אומפאַרגעסלעכע עוואַ! אין איצטיקן מאָמענט בין איך נאָך אַלץ מיט דיר..."

ער האָט זאַרגפול אָוועקגעלייגט דעם נישט־פאַרענדיקטן בריוו אין אַ זייט. די נאַכט האָט געבלויט אין דעם גרויסן און ברייטן פענצטער. אַ פּרעכטיקער אויסגעשטערנטער הימל האָט אויסגעשפּרייט זיין שלייער איבער פּאַריז. באַלזאַק איז אויפגעשטאַנען פון דער שטול און איז צוגעגאַנגען צום פענצטער; פאַרשטעלנדיק מיט די דלאָניעס די אויגן קעגן דער ליכט, האָט ער לאַנג געקוקט אין לויטערן הימל־געוועלב אַריין, און אין דעם שטאַנדהאַפטיקן בליאַסק פון די לויכטנדיקע שטערן האָט ער געהערט דעם שטילן רוף פון לעבנס־געזאַנג. ווי אומבאַדייטנדיק איז געווען גאַסלען מיט זיין פאַרדאַרבנדיקן מורמלען, ווי נעבעכדיק און קאַלט איז געווען פּאַריז אין פאַרגלייך מיט דער גרויסקייט פון אָט דער נאַכט און דער שיינקייט פון הימל! ער האָט זיך דערוויטערט פון פענצטער, אַביסל אַ באַרואיקטער און האָפערדיקער. איבערגעבויגן איבערן טיש און בייסנדיק די פעדער, האָט ער מיט נקמה־נעמערישן פאַרגעניגן געשריבן:

„דער רוח זאָל עס נעמען, מיר דוכט זיך, אַז די ליטעראַטור אין אונדזערע צייטן איז אַ פאַך פאַר אַ גאַסן־מיידל, וואָס פאַרקויפט זיך פאַר הונדערט סו; פון דעם דאַזיקן וועט קיין תכלית נישט זיין. איך קריג חשק אַנצוהייבן אַרומשלעפן זיך איבער די גאַסן, מאַכן פון אַלעם אַ דראַמע, ריזיקירן מיט מיין לעבן, וואָרום צי איז עס דען נישט אַלץ איינס, עטלעכע אומגליקלעכע יאָר מער אָדער ווייניקער? אַך, ווען מען זעט אָט דעם פּרעכטיקן הימל אין אַ וווּנדערבאַרער נאַכט, קריגט מען חשק אויפצוקנעפּלען דעם קראַק און משתין זיין אויף די קעפּ פון אַלע קעניגלעכע הויכקייטן!".

ער האָט צוויי מאָל איבערגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע און דעם בריוו באַהאַלטן אין שופלעדל פונעם טיש. דערנאָך, האָבנדיק פאַרלאָשן די ליכט, איז ער נאָך לאַנג געשטאַנען ביים פענצטער און שוין מער נישט באַטראַכט דעם הימל, נאָר איינגעקוקט זיך מיט די אויגן אין דער געדיכטער פינצטערניש פון די שטאָטישע גאַסן, צוהערנדיק זיך צו די אומפאַרשטענדלעכע וואָרענונגען פון דער פּאַריזער נאַכט.

...און בעת ער איז שוין געשלאָפן, די הענט צעשפּרייט אינעם ברייטן בעט, האָט ער געהערט אין שלאָף דעם געררויש פון ווייטע, פעסטע טריט. און גלייך האָט ער געזען מענטשן, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן, מיט פּילפאַרביקע שטימען ווי אַ ים, מיט פלאַמיק־רויטע פענער אין דער האַנט. בראש זענען געגאַנגען פרויען, שיינע און צאַרנדיקע, הויך איבער זייערע קעפּ האָבן זיי געטראָגן קינדער, און די קינדער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע הענטלעך צו דער מיט וואָלקנס פאַרשטעלטער זון.

אין אַ ווינקל פון אַ הויז האָט ער דערקאָנט גאָסלענס איינגעהויקערטע פיגור. דער פאַרלעגער האָט אים גערופן מיטן פינגער און, אָוועקמאַכנדיק די פאָלעס פון זיין מאַנטל, האָט ער אים געוויזן דעם בויך, פעסט אַרומגעלייגט מיט פעקלעך באַנקנאָטן. און ווען ער האָט

זיך דערנעענטערט, האָט ער געזען, אַז נישט גאָסלען האָט זיך געפונען אין מאַנטל, נאָר אַ פיגור, וואָס איז געווען אינגאַנצן צוזאַמענגעשטעלט פון פעקלעך באַנקנאָטן, — אויך די פיס זענען געווען פון באַנקנאָטן, און די שיך, און די הענט, בלויז דער קאָפּ איז געווען גאָסלענס, און ווען די פיגור האָט גענומען רעדן, זענען פון מויל געפאַלן מטבעות אויפן ברוק.

די קאָשמאַרן האָבן באַלזאַקן פאַרפאָלגט אַ גאַנצע נאַכט, אָבער ער האָט העפטיק געקעמפט קעגן זיי, באַגרייפנדיק אין שלאָף אפילו, אַז דאָס זענען געווען בלויז אָפּנאַרערישע וויזיעס.

אויף צומאָרגנס איז ער צום ערשטן מאָל, אין משך פון דער גאַנצער וואָך, אַרויס אין גאַס.

פריער, נאָך אין ווערכאָוניע, האָט ער זיך אַנדערש פאַרגעשטעלט זיין צוריקקער קיין פּאַריז. אַ טריאומפאַלן אַריינמאַרש, כבוד און רום, אָפּרופן אין די צייטונגען. גאַנץ פּאַריז איז אים מקבל־פּנים געווען.

דעריין האָט ער געגלייבט מיט עטלעכע חדשים צוריק. אַזוי האָט געקענט פּאַסירן, ווען ער וואָלט געווען אַ פּאָליטישער פירער, אַ מאַר־שאַל פון פראַנקרייך. אָדער גאָר אַן אַלמעכטיקער און אַלהערשנדיקער קעניגלעכער מיניסטער, וואָס גיט אַרויס דעם פאָלק היסטאָרישע עדיקטן און ווילטוערישע געזעצן. זיינע אַנהענגער וואָלטן זיך איינגעשפּאַנט אין זיין קאַרעטע און וואָלטן זי געשלעפּט ביז אין טילערי... אָבער דערווייל האָבן אים אַ פּאָר גניאַדע סוסים געהוידעט איבער די געדיכטע אַלעען פון בולאָנער וואַלד. די נאַקעטע ביימער און דאָס ווילדע גראָז צווישן זיי האָבן צוריקגעבראַכט זיינע רעיונות צו דער ערד. באַלזאַק האָט פאַראָרדנט דעם קוטשער זיך אומצוקערן. אַן איינזאַמער און באַ־אומרואיקטער איז ער געזעסן אין ווינקל פון דער קאַרעטע, אַרויס־קוקנדיק דורכן פענצטערל אויף די פוסטע אַלעען.

פון וואַלד איז ער גלייך פאַרפאַרן צו זיין פריינט לאַראַן־זשאַן. אין דער געזעלשאַפט פון אַ פריינט, אָדער בעסער געזאָגט, פון אַ ידיד און ראַטגעבער, וואָלט ער זיך געקאָנט באַרואיקן. די קאַרעטע האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן אַן אימפּאָזאַנט גרויסאַרטיק הויז. באַלזאַק איז שנעל אַרויף די טרעפּ און אַנגעקלונגען. די טיר האָט זיך געעפנט. דער שוויי־צער האָט דערקאַנט באַלזאַקן און זיך נידעריק פאַרנייגט:

— הער לאַראַן־זשאַן איז נישטאָ אין דער היים.

— גוט, וועל איך אויף אים צוואַרטן — האָט באַלזאַק זיך אָפּגעג־רופן, אומקערנדיק זיך מיטן רוקן, כדי דער שווייצער זאָל קענען אַראָפּ־נעמען פון אים דעם מאַנטל.

— ער איז אַוועקגעפאָרן, מ׳סיע!

באַלזאַק האָט פאַרחידושט געהויבן די אַקסלען:

— וווהין?

אין איין אויגנבליק האָט דער שווייצער זיך געפונען האַרט נעבן אים.

— אין דער שטאָט קאָכט זיך, מ׳סיע, און מיין באַלעבאָס האָט באַ־שלאָסן איבערצוואַרטן אַ געוויסע צייט אין דער פּראָווינץ, ביי זיינס אַ ידיד.

באַלזאַק האָט באַמערקט אין שווייצערס אויגן אומאָנגענעמע פייער־לעך. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס אַנטלויפן פון זיין באַלעבאָס וואָלט אים הנאה געטון.

— אַ שאָד, אַ שאָד! מילא, איז אויב אַזוי, האָט־זשע מיר אַ גוטן טאָג!

באַלזאַק האָט אַריינגערוקט אין שווייצערס האַנט אַ רענדל און שוין נישט אַזוי אייליק זיך דערנעענטערט צום אַרויסגאַנג.

עפּענענדיק אים די טיר, האָט דער שווייצער, ווי אין שפּאָס, אַ פרעג געטון:

— און דער מ׳סיע האָט נישט בדעה אַוועקצופאָרן? אַנטשולדיקט פאַר מיין נייגעריקייט.

— צוליב וועלכן צוועק? — באַלזאַק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל.

— מען זאָגט, אַז ס׳האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, זאָגט מען... יאָ, מען טוט דערציילן... שרעקלעכע זאַכן!

באַלזאַק האָט אַרויסגענומען פון קעשענע נאָך אַ מטבע און זי אַ וואָרף געטון דעם שווייצער. יענער האָט זי פלינק אונטערגעכאַפּט אין דער לופטן און ר׳איז גלייך געוואָרן שטאַרק באַרעדעוודיק:

— מען זאָגט, אַז מען וועט דערלאַנגען די בורזשויען.

— ס׳איז מעגלעך! — האָט באַלזאַק באַמערקט מיט אַ שמייכל און, שוין אויף די שטיגן, נישט אויסדרייענדיק זיך, האָט ער צוגעגעבן: — אויב ס׳איז נייטיק, זאָל מען זיי טאַקע אַנהרגענען.

דער שווייצער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל אַ געפּלעפּטער מיט אַן אָפן מויל.

באַלזאַק האָט באַפוילן דעם קוטשער צוצופאָרן צו זשיראַרדען, אָבער יענער האָט אויך, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, פאַרלאָזן פּאַריז. דאַן איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו באַזוכן די גרעפין ווויסקאַנטי.

היות דער גרעפינס לאַקייען האָבן אים גלייך דערקאַנט, איז באַלזאַק אומגעשטערט דורכגעגאַנגען די לאַנגע אַמפילאַדע פון צימערן, זוכנדיק מיטן בליק זיין ענלעכקייט אין די שפּיגלען. די זעלבע בילדער אויף די ווענט, דאָס זעלבע מעבל, די זעלבע שווערע פּליושענע פאָרטיערן. ענד־לעך האָט ער זיך פאַרהאַלטן אינעם קליינעם סאַלאָן, וועלכן ער האָט זייער גוט געקענט.

די ידיעה וועגן זיין אָנקומען איז אים פאַרלאָפן דעם וועג. די גרעַ־פין ווויסקאַנטי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. ער האָט זיך נידעריק פאַר־נייגט און אַ קוש געטון איר דינוויכנע האַנט, וואָס האָט געשמעקט מחיה־נפשות פון מאַי־גלעקלעך. זיי האָבן זיך ביידע אַוועקגעזעצט אויף אַ קליינער קאַנאַפּע און מ׳האָט פאַר זיי אויפן טישל אַוועקגעשטעלט קאַווע — פאַר אים און אַ לייכטן קלאַרן וויין פאַר איר.

די גרעפין האָט אָפּגעאַרציק באַטראַכט דעם גאַסט. זיי האָבן געשוויגן, דערמאָנענדיק זיך די פאַרגאַנגענהייט, אָפּשאַצנדיק יעדער אויף זיין שטייגער די באַציאונג פון אַ פּריינט צו אַ פּריינט. ער האָט נישט געקאָנט אַנרופן ליבע דאָס, וואָס עס איז צווישן זיי געווען, אָבער אין האַרצן האָט אים אָנגענעם אַ טיאַכקע געטון, ווען ער האָט באַמערקט דער גרעפינס ווי פון מאַרמאָר געטאָקטע געזיכט, אירע דורכדרינגענדיקע גרויע אויגן און דאָס וווּנדער־שיינע מויל.

אים זענען געקומען אויפן זכרון די אומצאָליקע אָוונטן אין אָט דעם זאַל, דורך וועלכן זי האָט אים פאַר דער האַנט, ווי אַ גוטע מאַמע איר אייגן קינד, אַריינגעפירט אין די הויכע קרייזן. ער האָט זיך געוואָלדיק פאַר איר קיין על־חטא נישט געשלאָגן, נאָר איינגעבויגן נעבן איר די קני, זי געקושט און דערביי געשפּירט, אַז דאָס האָט זי טאַקע געוואָלט. איז עס דאָך זי געווען, וואָס האָט אים באַשריבן דעם רייץ פון דער הויכער פאַריזער געזעלשאַפט; איז עס דאָך זי געווען, וואָס האָט צו אים געזאָגט:

— אַנאָרע, זוכט זיך אויס אַ ווייב מיט אַ מיליאָן נדן און פון נאָבעלן אָפּשטאַם, דעמאָלט וועט קיינער נישט וואָגן צו צווייפלען אין אייער יחוס, און איר וועט ווערן אַן אָנערקענטער קינסטלער!

זי איז געווען אויפריכטיק לגבי אים, זי האָט פּינקטלעך צוגעטראָפן זיינע באַגערן, און האָבנדיק זיי פּותר געווען, האָט זי אים געשטויסן און געעצהט אין דער דאָזיקער ריכטונג. צי האָט זי זיך נישט פאַרדינט, שוין בלויז צוליב דעם אַליין, אַז מען זאָל איר אַרויסווייזן רעספּעקט און אויפמערקזאַמקייט? און אָט זענען זיי געזעסן און געשוויגן אין דעם זעלביקן זאַל, וואָס איז אָנגעפּולט געווען מיט רירנדיקע דערינערונגען. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט וועגן נאָך עפּעס. ער האָט נישט פאַרגעסן איר שאַרפן, סקעפּטישן בליק, ווען באַנגעוואַל האָט געלאַכט פון זיינע באַמערקונגען איבער דער מענטשלעכער קאָמעדיע. אַלץ האָט זיך פאַרפלאָנטערט. אַלץ איז געווען ווי אין אַ וואַסער־ווערבל און ער האָט אפילו געמיינט, אַז ער הערט דעם ווילדן וואַסער־גערויש.

— זענט איר, הייסט עס, ווידער אין פאַריז, מ'סיע באַלזאַק — האָט ענדלעך די גרעפין זיך אָפּגערופן. — איך בין זייער צופרידן אייך צו זען. צי קען איך אייך גראַטולירן צו אייער חתונה? איך בין אפילו איבערצייגט...

— אַנטשולדיקט! — האָט ער זי איבערגעשלאָגן די רייד, ווי ער וואָלט מורא האָבן אָנצונעמען אירע גליק־ווונטשן — עס איז נאָך צו פרי, איך האָב נאָך נישט חתונה געהאַט.

די גרעפין האָט גאָרנישט נישט געענטפערט. זי האָט אים אָנגעגאָסן קאַווע, געבעטן אים טרינקען. ער האָט דערפילט אַן איינגעהאַלטענע צאַרטקייט אין איר שטים. מען האָט געקאָנט גלייבן, אַז די גרעפין וויסקאָנטי איז צופרידן דערפון, וואָס ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט.

— איך האָב אסך געהערט רעדן וועגן אייער כלה — האָט זי צוגעגעבן אַביסל שפּעטער: — מען זאָגט, אַז עוולין האַנסקאַ איז אַ יפת־תואר און אַז זי געניסט פון דער לייטזעליקייט פונעם אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי בכבודו ובעצמו. — דאָס האָט געקאָנט פאַרשטאַנען ווערן ווי אַן אַנצוהערעניש. נישט שטאַרק איילנדיק זיך צו באַזייטיקן דעם צווייפל, האָט די גרעפין אין אַ ווײַלע אַרום אַ פרעג געטון:

— איך גלייב, אַז איר האָט נישט שלעכט פאַרשטאַנען מיינע ווערטער?

ער האָט געמאַכט אַ צייכן פון איינשטימיקייט און אָפּגעלענקט דעם שמועס אויף עפּעס אַנדערש.

— איר וועט גיין מיטוואָך צו די איטאַליענער זען דעם „פאַריקמאַכער פון סעווילִיע״?

— ליידער צום באַדויערן, וועל איך נישט קענען. איך פאַרלאָז מאָרגן פאַריז, אַנאָרע.

— וואָס, איר אַנטלויפט אויך?

ער האָט, נישט־ווילנדיק, געלאָזט פאַלן די דאָזיקע העסלעכע ווערטער. זי האָט אַ שמייכל געטון כמעט אויפריכטיק.

— ניין, איך אַנטלויף נישט. איך פאָר פּשוט פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין מיין גוט ביז די שרפה וועט דאָ פאַרלאָשן ווערן.

— איר גלייבט, אַז זי וועט אויסברעכן? — האָט ער מיט באַאומרואי־קונג געפרעגט.

— גאַנץ באַשטימט. עס וועט זיך אָפּשפּילן אַ שרעקלעכע קאָמעדיע, אַנאָרע, אפילו איר וואָלט נישט פעאיק געווען צוצוטראַכטן עפּעס ענלעכס.

ער איז פאַרשטאַרט געוואָרן. די קאַלטע ווערטער, בעסער געזאָגט: אומברחמנותדיקע, מיט וועלכע די גרעפין האָט כאַראַקטעריזירט די פאַר־שטייענדיקע רעוואָלוציע, האָבן אויף אים אַנגעוואָרפן אַ פּחד. די גרעפין האָט עס פאַרשטאַנען.

— שרעקט זיך נישט, אַנאָרע, און זאָל אייך נישט וווּנדערן. הערט! — איר שטים איז האַרט געוואָרן, ווי זי וואָלט ברעכן אייז און אויסגעלייגט שטיקלעך פאַר אים אויפן טיש, — הערט, צוערשט וועלן פאָרקומען דע־מאָנסטראַציעס, יורידישע דיסקוסיעס, דאָס פעבל פון די פאַרשטעט וועט פאַרנעמען אונדזערע קוואַרטאַלן און פאַרטרייבן פון טילערי דעם קעניג לואי־פיליפּ, אָבער דאָס ערב־רב וועט ווערן אַריינגענאַרט אין זאַק אַריין דורך די בורזשויען און אַדוואָקאַטן. דערנאָך וועט קומען, אויפן אָרט פון די אַדוואָקאַטן, דער גענעראַל קאַוועניאַק. מען דערציילט וועגן אים אַסך שלעכטס, ער איז אומברחמנותדיק און ברוטאַל. ער איז אָבער אַן עכטער ריטער, ער האָט אַ שטיינערן האַרץ און אַ שטאַרקע האַנט. אַלץ וועט צו־ריק געבראַכט ווערן אין אָרדענונג. נאָר אין פּאַרלאַמענט וועלן זיצן אַנדע־רע דעפּוטאַטן און אַנדערע מיניסטאָרן וועלן זיין אין דער רעגירונג, אָבער דאָס פעבל וועט צוריק פאַרטריבן ווערן אין די פאַרשטעט אַריין. ערשט דעמאָלט וועל איך זיך אומקערן קיין פאַריז און מיר וועלן צוזאַמען פאָרן

צו די איטאַליענער — האָט פריילעך פאַרענדיקט די גרעפין. — נישט אמת, אַנאַרע?

ער האָט נישט געענטפערט. מיט וואָס האָט ער געקענט קעגנווירקן דעם דאָזיקן אומדערהערטן ציניזם? אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער נישט געקאָנט זיך אָפּהאַלטן פון באַוואונדערן די דורכדרינגלעכקייט פון דער דאָזיקער פרוי.

ער האָט געשוויגן, פאַרזונקען אין אַ שלל פון ברענענדיקע געדאַנקען, פאַרלירנדיק זיך אין זיינע פאַרגעפילן און אייגנהאַלטנדיק קוים דעם צאָרן, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין זיין ברוסט. צי האָט ער נישט געהאָרעוועט לאַנגע יאָרן איבער זיינע מאַנוסקריפּטן, אַן איינגעשלאָסענער ווי אַ מולטוואָרעם אין פּאַציאַטעס, אין הערמעטיש־פאַרמאַכטע צימערן, נאָכדעם אָנגעטון זיך אַ מאַסקע פון אַ קונצן־מאַכער און פאַרוויילט דאָס סאַלאָן־פּובליקום? צי האָט ער נישט געשעפּט אין דער לעדיגיער גאַס די ליבע צום לעבן און דעם דאָרשט נאָך ליכט, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיין שאַפן? ווען זייער שטילשווייגן וואָלט נאָך אָנגעהאַלטן איין מינוט, וואָלט ער דער גרעפין געזאָגט:

„ניין, מיר וועלן זיך מער נישט זען, הויכגעשעצטע גרעפין, איר וועט זיך מער קיין פּאַריז נישט אומקערן און אייער באַרימטער גענעראַל קאַוועניאַק וועט געבראַכט ווערן אויפן גרעזור־פּלאַץ און מען וועט אים צווינגען זיך צו בייגן פאַר דער גיליאָטינע".

— מעגלעך, אַז איר זענט נישט דעצידירט אויסצוקלייבן אייער אָרט?

— האָט די גרעפין פּלוצלונג אַ זאָג געטון. — ס'איז נישט נייטיק. זיי, — זי האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף מערב, ווו עס פינצטערט אין די נעבעכדיקע שטיבלעך די פאַריזער אָרעמשאַפט — אינטערעסירן זיך נישט מיט קיין ליטעראַטור. זיי ווילן ברויט. איר פאַרשטייט, ברויט! און ווי איר זאָלט נישט וועלן זיין אויף זייער זייט, וועט איר בלייבן מיט אונדז. איר הערט, אַנאָרע. דעריבער לייג איך אייך פאָר, איר זאָלט זיך מאָרגן אינדערפרי אַריינזעצן אין מיין קאַרעטע און איר זאָלט מיטפאָרן צו מיר. מיין שלאָס באַזיצט הויכע ווענט, זיי וועלן אונדז אַ געוויסע צייט באַשיצן קעגן אַט דער קאָמעדיע. איך ראָט עס אייך צו טון.

ער האָט נישט געענטפערט. מען האָט אים פאַרגעלייגט צו אַנטלויפן. די גרעפין איז אפשר געווען גערעכט. איין ווײַלע איז ער מיט איר מסכים געווען. פאַרוואָס טאַקע זאָל ער זיך אויסשטעלן אויף אַ געפאַר?

— שטעלט אייך פאָר — האָט פאַרגעזעצט די גרעפין וויסקאָנטי — אַז אייער כלה וואָלט אייך גערעאָטן צו טון די זעלבע זאַך.

די גרעפין האָט געזאָגט דעם ריינעם אמת. ער האָט אין זיך נישט געפונען קיין מוט אָפּצוואָרפן איר פאַרשלאַג. ער האָט נישט געוואַגט צו זאָגן „ניין" און אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט ער אָפּווייכנדיק זיך אָפּגערופן:

— אַ דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג. איך וועל וועגן דעם אַ טראַכט טון.

אונטערן אויסרייד, אַז ער פילט זיך שלעכט, האָט באַלזאַק זיך שטאַרק

אַנטשולדיקט, צוזאָגנדיק מיטצוטיילן איר אין אָוונט זיין ענדגילטיקן באַ־שלוס. ער האָט אָבער יענעם אָוונט דער גרעפין גאָרנישט נישט געשריבן. ער האָט זיך פאַרמאַכט אין זיין שלאָף־צימער, זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און, נישט־אויסגעטוענערהייט, איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן, שווער קרעכצנ־דיק אין מיטן שלאָף, טאַפּנדיק נערוועז מיט די הענט דאָס בעט.

אַ געשריי אין אויער האָט אים אויפגעוועקט. פראַנסואַ האָט אים גע־ריסן ביי די אַקסלען, געשטורכעט אין די זייטן און געשריגן:

— באַלעבאָס, שטייט־אויף! שטייט־אויף, באַלעבאָס!

ווען ער האָט זיך אָבער אויף אַן אמת אויפגעכאַפּט, איז קיינער אין צימער נישט געווען.

— ס'האָט זיך מיר געחלומט! — האָט ער הויך אַ זאָג געטון, אָבער גראָד אין דער זעלבער רגע האָט אַן אומרעגלמעסיקע שיסעריי איבערגע־ריסן די שטילקייט פון דער פּאַריזער נאַכט, און אין דער פינצטערניש הינטערן פענצטער האָבן מיטאַמאָל אָפּגעהילכט קולות, שיסערייען און אַ טופּעריי פון טריט.

עס איז גראָד געווען דער מאָמענט, ווען לואי־פיליפּ, קעניג פון פראַנק־רייך, איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון סען־קלו, אַרומגערינגלט פון זיין רייטער־גוואַרדיע.

פּאַריז איז אויפגעשטאַנען.

קאַפּיטל צוועלף

שאַגרין-לעדער

אינעם הויז נומער 12 אויף דער פּאַרטינע גאַס זענען די פענצטער און די לאָדן געווען פאַרמאַכט. עס האָט אויסגעזען, ווי דער באַלעבאָס וואָלט געוועז גוט זיך איבערגעלייגט און פאַרלאָזן די שטאָט. די קאַשטאַן־ביימער, צעטרייסלטע דורכן ווינט, האָבן באַגריסט דעם צאָלרייכן המון, וואָס איז ווי אַ טייך, געפלאָסן אומגעשטערט, לענגאויס דער רואיקער פּאַרטינע גאַס נעבן דעם, אויף זיבן שלעסער, פאַרשלאָסענעם הויז.

אַ קיראַסירן־רעגימענט איז פאַרבייגעפאָרן אין גאַלאָפּ, פאָכענדיק מיט די הוילע שווערדן. דער עולם איז אַרויף אויף די טראָטואַרן. די געזיכטער פון די קאַוואַלעריסטן זענען געווען שטרענגע, פאַרגליווערטע.

— זאָל לעבן די רעפּובליק! — האָט עמיצער פון דער מאַסע אויס־גערופן.

און די גאַנצע גאַס האָט אים אָפּגעענטפערט און יעדער איינער האָט גענומען שרייען מיט אַלע זיינע כוחות, פאָכענדיק מיט די הענט:

— זאָל לעבן די רעפּובליק!

— נידער מיטן קעניג!

— נידער מיט גיזאַ!

די קיראַסירן זענען שוין געווען פאַרשוווּנדן ביים ראַג פון דער גאַס, אָבער די געשרייען האָבן נישט אויפגעהערט. פאַרקערט: זיי האָבן זיך נאָכמער פאַרשטאַרקט.

רויטע פענער האָבן געפלאַטערט איבער הונדערטער קעפּ, פון לאַנגע ווייסע באַנדעראָלן האָבן אין דער לופטן זיך געריסן לאָזונגען, קורצע ווי זאַלפן:

— פרייהייט! גלייכהייט! ברידערלעכקייט!

דורך אַ שמאָלער שפּאַרע פון די לאָדן האָט באַלזאַק אָבסערווירט אַט דעם אומצוימבאַרן מענטשן־שטראָם. די צאַרנדיקע געזיכטער פון די הינ־טערשטאָטישע איינוווינער האָבן אים גערירט. מיט פּאַרטריקנטע ליפּן האָט ער איבערגעלייענט די אויפשריפטן אויף די פּלאַקאַטן. די יובל־געשרייען לכבוד דער רעפּובליק האָבן דורכגעלעכערט, ווי מיט קאַנאָנען־גילזן, די ווענט פונעם הויז. זיי האָבן אָנגעפולט דעם צימער מיט דראָענדיקן צאָרן. באַלזאַק האָט זיך שטאַרק איבערגעגומען.

נישט־ווילנדיק און נישט אָפּגעבנדיק זיך צומאָל קיין דין־וחשבון, האָט ער זיי, שטילערהייט, מיט די ליפּן בלויז, איבערגעחזרט.

פראַנסואַ איז געווען אין סאַלאָן, נעבן באַלזאַקן, און אַביסל אַ געריר־טער, האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס עס איז פאַרגעקומען אויף דער גאַס.

— מיין פעלערינע! — האָט באַלזאַק צו אים אַ געשריי געטון, רייסנ־דיק זיך האַסטיק צו דער טיר.

ער האָט אָפּגעשטופּט אין אַ זייט דעם דינער, וועלכער האָט זיך גע־שטעלט פאַר אים אויף דער שוועל און, אָפּעטעמענדיק שווער, האָט ער געגומען עפענען דעם ריגל פון דער טיר, וואָס פראַנסואַ האָט געהאַט זאָרג־פול פאַרמאַכט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט קענען עפענען אָט דעם פאַרשאַלטענעם שלאָס און אַז ער וועט אַזוי אייביק בלייבן שטיין אין דעם דאָזיקן פינצטערן איינגאַנג, אין דער צייט, ווען באַלד דערנעבן, הינטער דער טיר, ברויזט דאָס זיגרייכע לעבן. דאָס ווילדע קלאַפּן פון זיין האַרץ האָט אים אפילו באַאומרואיקט. די מורא פאַר דער איינזאַמ־קייט האָט אים צוגעגעבן כוחות. ער האָט אַראָפּגעריסן דעם אייזערנעם פרענט און מיטן פוס האָט ער אַ שטויס געטון די שווערע דעמבענע טיר. איצטער האָט אים גאָרנישט נישט אָפּגעטיילט פון דער וועלט. ער האָט זיך געפונען אויף דער גאַס.

מורא האָבנדיק צו פאַרשפּעטיקן, האָט ער געגומען לויפן הינטער דעם המון. אַ ווײַלע איז ער געבליבן הינטערשטעליק, אָבער גלייך האָט ער באַמערקט הינטער זיך אַ גאַנצן ים קעפּ.

— וווּהין גייען מיר? — האָט ער אַ פרעג געטון אַ מאַן אין בלויע אַרבעטס־קליידער, וואָס איז געלאָפן זייט־ביי־זייט מיט אים, האַלטנדיק אַ קינד אויף דער האַנט.

יענער האָט, אַ פאַרווּנדערטער, געוואָרפן אַ בליק אויף אָט דעם דיקן, קליינוווּקסיקן שררה, אָבער פונדעסטוועגן פריילעך געענטפערט:

— צום קעניג צו גאַסט! גראַטולירן אים לכבוד דעם פאַלן פון קעניגרייך.

ער האָט געלאַכט, לויפנדיק אויפן וועג, און געוואָרפן פון דער זייט בליקן אויף באַלזאַקן, וועלכער האָט, נאָכקומענדיק אַן אומדערקלערלעכן באַגער, אויך גענומען לאַכן. אַרום אים, פון פאָרנט, פון הינטן, פוןביידע זייטן, האָבן אָפּגעהילכט שווערע טריט. באַלזאַק האָט דערקאָנט דאָס טופּען פון הילצערנע זוילן פון גאַרבערס און פון טשעסלערס, ער האָט זיך איבערגענומען פון טיפן האַרצן מיט אָט די זיגערישע אויסגעשרייען לכבוד דער רעפּובליק, און ווען דער המון האָט אים, ווי אַ שטורעם־כוואַליע, אַרויסגעשליידערט אויפן טילערי־בולוואַר, צודריקנדיק אים קעגן די שטאַכעטן, האָט ער אויך צוזאַמען מיט די טויזנטער מענטשן געשריגן:

— זאָל לעבן די רעפּובליק! נידער מיטן קעניג!

דאָס איז געווען אַ מין שגעון. אַן אומדערהערטע אָפּווייכונג. אין דער דאָזיקער מינוט האָט ער זיך צעריסן אין צווייען און מורא געהאַט פאַר זיך אַליין. באַלד האָט זיך אין אים דערוועקט געוויסנביסן. ווי נאָר זיינע הענט האָבן באַרירט די אייזערנע שטאַכעטן; ווי נאָר זיינע אויגן האָבן אַרומגענומען און אויפן גאַנצן לעבן איינגעקריצט אין זיין געדעכעניש דאָס ברייטע טויער פון טילערי־פּאַלאַץ, דעם געדראַנג אויפן פּלאַץ און די מוראדיקע אומאָרדענונג, וואָס גרענעצט זיך מיט משוגעת — איז ביי אים געבוירן געוואָרן דאָס חרטה־געפיל.

ער האָט דאַן ווי אויפגעוואַכט. פון המון האָט ווידער אויפגעטויכט און זיך געשטעלט נעבן אים דער מאַן אין די אַרבעטס־קליידער. ער האָט צוגעטוליעט דאָס קינד צו זיין ברוסט און באַגריסט באַלזאַקן מיט אַ האַרציקן שמייכל, ווי אַן אַלטן גוטן פריינט.

— פאַרוואָס שטעלסטו זיך אָפּ, חבר? — האָט ער אים אַ שטויס געטון מיט דער פויסט אין דער זייט. — דו ביסט מיד? לאָמיר גיין אין פּאַלאַץ אַריין, דאָרטן וועלן מיר זיך אָפּרוען אין די קעניגלעכע צימערן. אַביסל שנעלער!

דאָס קינד האָט זיך פונאַנדערגעוויינט. דער אַרבעטער האָט עס אויפגעהויבן מיט ביידע הענט איבערן קאָפּ און אויסגעשריגן פאַר פרייד:

— זע, עיזשען, זע, זונעלע, ווי אַזוי דאָס פאָלק גייט שטורעמען דעם קעניגלעכן טראָן! פאָרויס, חבר! — האָט ער אַ געשריי געטון צו באַלזאַקן און גענומען דעריאָגן דעם המון, וועלכער האָט שוין געהאַט אַריינגעדרונגען הינטער די שטאַכעטן פונעם פּאַלאַץ.

באַלזאַק האָט מיט אַ ברענענדיקער האַנט אָפּגעווישט דעם שווייס פונעם שטערן. עס האָט אים געשווינדלט פון פיבער. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, כדי צוריקצוקומען צו דער ווירקלעכקייט, באַדויערנדיק, וואָס דאָס איז נישט געווען קיין חלום. ער האָט זיך נאָך פעסטער אָנגעכאַפּט מיט די הענט אין די שטאַכעטן. דאָ, אויף אָט דעם שטיקל ערד פון טילערי־בול־

וואַר, אַנהאַלטנדיק זיך מיט די הענט אין די אייזערנע שטאַכעטן, האָט ער זיך געפילט ווי אויף אַ רעטונגס־אינדזל. דער ווילדער שטורעם איז פאַר־ביי נעבן אים. דאָס איז בלויז געווען אַן אויגנבליקלעכע אילוזיע, וואָס האָט אים קיין שום טרייסט נישט געבראַכט. פּלוצלונג האָט אים אַ בליץ־שנע־לער געדאַנק אָפּגעריסן די הענט פון די שטאַכעטן. ער האָט זיך דערוויי־טערט ווי פון אַ ברעג און זיך מיטן קוק אַריינגעוואָרפן אין דעם ברויזנ־דיקן וואַסער־ווירבל פון צעבושעוועטן און דראַענדיקן המון.

...אין דער נאַכט פון 24־טן פעברואַר 1848 האָט דער קעניג פון פראַנקרייך, לואי־פיליפּ, אַבדיקירט לטובת דעם עלטסטן פון זיינע אייניק־לעך, דעם גראַף פון פּאַריז, וועלכער האָט געזאָלט הערשן אונטער דער רעגענטשאַפט פון דער הערצאָגין פון אָרלעאַן. דער דעפּוטאַטן־קאַמער איז אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט און שוין האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די פאָלקס־אומרוען וועלן אויפהערן גלייך, ווי די אַבדיקאַציע פון קעניג וועט אָנגע־נומען ווערן.

אין זעלביקן מאָמענט, ווען דער דעפּוטאַטן־קאַמער האָט געהאַלטן ביים באַשטעטיקן דאָס געזעץ וועגן דער רעגענטשאַפט, האָבן אין זיצונג־זאַל זיך אַריינגעריסן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע און די באַוואָפנטע אַרבעטער.

בראש זענען געגאַנגען דער פּאָעט לאַמאַרטין, לואי בלאַן און דער אַרבעטער אַלבער. די, וואָס האָבן געזאָלט באַשטעטיקן דאָס געזעץ וועגן דער רעגענטשאַפט, האָבן פּראָקלאַמירט די פראַנצויזישע רעפּובליק.

די צווייטע רעפּובליק איז געגרינדעט געוואָרן.

דער קעניג איז, אין אַ געוויינלעכער קאַרעטע, אַנטלאָפן קיין סען־קלו, באַוויזנדיק קוים מיטצונעמען זיין פילצאַליקע פאַמיליע. טיער איז געלאָפן הינטער אים אין אַ ברישקע. גיזאָ, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ מאַ־נאַך, איז אַנטלאָפן פון פּאַלאַץ און האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין דער קאַפּליצע פונעם יעזואיטן־מאָנאַסטיר.

הינטער לאַמאַרטינען, לואי בלאַנען און אַלבערן, הינטער די באַוואָפנ־טע אַרבעטער און דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, זענען געשטאַנען די פאַרי־זער באַנקירן. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס די מאָנאַרכיע האָט געליטן אַ מפּלה, אָבער נישט אין דער הינזיכט, כדי נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די הינטערשטאָטישע איינוווינער.

זיי האָבן אַרויסגעוויזן דיפּלאָמאַטישן אויסדויער און פּולשטענדיקן טאַקט, נישט אַריינמישנדיק זיך דירעקט אינעם גאַנג פון די געשעענישן ביז דער דעפּוטאַטן־קאַמער וועט נישט פּראָקלאַמירן די רעפּובליק, אָבער דערנאָך האָבן זיי געפלאַכטן אַן אומזעעוודיק שפּינוועבס אַרום דעם לוק־סעמבורגער פּאַלאַץ, און דאָס גרינדן דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, די צייט־ווייליקע רעגירונג איז געווען דער עפּילאָג פון דער פאָלקס־טראַגעדיע.

דאָס פאָלק פון פראַנקרייך איז צום צווייטן מאָל אָפּגענאַרט געוואָרן. די רעגירונג פון דער צווייטער רעפּובליק האָט געהאַט אַלס פּרעמיער־מיניסטער — אַדוואָקאַט דיפּאָן און אַלס אויסערן־מיניסטער — דעם פּאָעט

לאַמאַרטין, אָבער הינטער זיי זענען געשטאַנען די פינאַנץ־לייט, די פּאַבריקס־אייגנטימער און די בערזע. דער אַדוואָקאַט און דער פּאָעט האָבן אויפן באַלקאָן פון לוקסעמבורגער פּאַלאַץ געהאַלטן איינער נאָכן אַנדערן פלאַמיקע רעדעס פאַרן פאָלק. אין דער זעלבער צייט האָט די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, לויט אַ פאַראָרדענונג פון אינערן־מיניסטער לעדרי־ראָלען, פונאַנדערגענומען די באַריקאַדן און אויף אַ דיסקרעטן אופן אַנטוואָפנט די אַרבעטער.

דער געוועזענער מיניסטער גיזאָ האָט געקאָנט פאַרלאָזן די יעזואיטישע קאַפּליצע און רואיק שלאָפן אין זיין פּאַלאַץ.

אין סען־קלו איז טיער געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ שוואַך־באַלויכטענעם טיש און געשריבן אַ בריוו צום גענעראַל קאַוועניאַק. די באַאומרואיקנדיקע ווערטער זענען געפלאָסן אויפן פּאַפּיר אין אַן אומאויבעררייסלעכן שטראָם. זיין האַנט איז געלאָפן און זיין גאָמבע האָט נערוועז געציטערט: אַ סימן פון געוואַלדיקער אויפרעגונג פון אַ קעניגלעכן מיניסטער. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט דאָס פאַרריסענע און קאַלטע געזיכט פון לואי פיליפ, זיין גדלות און פּוסטקעפּיקייט האָבן טיערן נאָך איצטער אויפגערייצט. ער האָט אַוועקגוואָרפן די פעדער, נישט האָבנדיק מער קיין כוח פאַרצווזעצן דעם בריוו. פאַרשטעלנדיק זיך מיט די הענט דאָס פּנים, האָט ער זיך דערמאָנט די לעכערלעכע און טרויעריקע סצענע, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פּאַלאַץ, דעם קעניגס ציטערנדיקע האַנט בעתן אונטערשרייבן די אַבדיקאַציע, דאָס היסטערישע געוויין פון דער קעניגין, די בהלה אין די קולואַרן.

— וואָס פאַר אַ בזיון! וואָס פאַר אַן אומכבוד!

טיער האָט אַוועקגעריסן די הענט פון געזיכט, ווידער געכאַפּט די פּעדער און געגומען שרייבן שנעלער נאָך ווי פריער. דאָס איז געווען אַ קלאָרער און לאַנגער בריוו. און ווען ער האָט אים געהאַט פאַרענדיקט, האָט ער אים נאָכאַמאָל איבערגעלייענט און נאָכן צווייטן מאָל איבערלייענען האָט ער באַקומען די זיכערקייט אין זיך. דאָס דאַזיקע געפיל האָט געהאַט וועלכן נישט איז באַדייט. ער האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קליינעם נישט־דורכזיכטיקן קאָנווערט און אַנגעקלונגען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אויף צו פאַרזיכערן זיך, אַז ער איז איינער אַליין אין דעם דאָזיקן צימער. יאָ. אַרום איז קיינער נישט געווען. פונדעסטוועגן האָט זיך אים אויסגעדוכטן, אַז אין פינצטערן ווינקל נעבן קאַמין, זעט ער דאָס שמאָלע און פאַרזאָרגטע געזיכט מיט די גרויע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצן פון גענעראַל קאַוועניאַק.

אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז אַ רגע. ער האָט זיך גלייך איבערצייגט, אַז אין ווינקל נעבן קאַמין איז קיינער נישט געווען.

*

אין די האַרבסטיקע טעג פון די אַמאָליקע יאָרן, אין דער אָרעמער

פֿאַציאַטע אויף דער לעדיגיער גאַס, האָט באַלזאַק געחלומט וועגן אַ צייט, ווען ער וועט אַריין אין זאַל פֿון די מאַרשאַלן אין טילערי־פּאַלאַץ, אין ווייסע זיידענע זאָקן און אין שיך מיט דימענטענע שנאַלן; ווי ער וועט ווערן פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן קעניג אַלס אַ מעכטיקער פּער פֿון פֿראַנקרייך, און פֿון ביידע זייטן טראָן וועט שטיין אַ טאָפּלטע ריי דערפֿאַרענע הויפֿלייט, פֿול מיט רעספּעקט און אייפֿערזוכט. ער וועט זיך בוקן פֿאַרן קעניג, און יענער וועט מיט אַ ליבלעכן זשעסט אים באַפֿעלן אויפֿצושטיין. מיט שטראַלנדיקע אויגן פֿון גליק וועט דער קעניג אַרומנעמען די הויף־אָנגעהעריקע אַריסטאָקראַטיע און זאָגן:

— מיינע הערן, אָט איז דער מאַן, וועלכער האָט, דורך זיין שאַפֿן, מיט עפּעס בייגעשטייערט צום רום פֿון פֿראַנקרייך. רעספּעקטירט דעם הער־אָנאָרע דע באַלזאַק (באַזונדערס וועט דייטלעך אונטערגעשטראָכן ווערן דער פּאַרטיקל „דע״, כדי קיינער זאָל אויף להבא נישט וואַגן צו צווייפֿלען אין זיין נאָבעלן יחוס), ער האָט פֿאָרגעזעצט און פֿאַרענדיקט דאָס ווערק פֿון גרויסן נאַפּאָלעאָן — וועט דער קעניג זאָגן.

דעם דאָזיקן פֿאַרבאָרגענעם טרוים, וועלכער איז מיט דער צייט געוואָרן ענלעך צו אַ קרענקלעכער פֿאַנטאַזיע, האָט אָנאָרע געטראָגן אין זיין האַרצן ווי דעם סאַמע טייערסטן אוצר און אים הייליק באַשיצט קעגן דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט געהאַט אָנפֿאַרטרויט זיין געהיימנישפֿולן טרוים בלויז איין פּערזאָן, נעמלעך, זיין ערשטער געליבטער, לאָרע דע בערני, און ער האָט געהאַט געפֿונען אַן אָפּקלאַנג אין איר נשמה.

די טויפֿטאָכטער פֿון לואי דעם זעכצנטן און פֿון דער קעניגין מאַרי־אַנטואַנעט — לאָרע דע בערני, דאַן אַ פֿרוי פֿון פֿיר־און־פֿערציק יאָר און אַ מוטער פֿון אַכט קינדער, וועלכע האָט אים געגעבן די ערשטע און בעסטע ליבעס־באַפֿרידיקונג, האָט געהאַט פֿאַרשטאַנען זיין חלום און איז מיט אים איינשטימיק געווען.

זי האָט געהאַט געוויזן דעם בעל־חלומות פֿון דער לעדיגיער גאַס דעם גאָלדענעם מעדאַליאָן, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ קוטשמע האָר פֿון מאַרי־אַנטואַנעט, אָט די זעלבע קוטשמע האָר, וואָס די קעניגין האָט געהאַט איבערגעשיקט איר פֿאָטער פֿאַרן אַרויפֿגיין אויפֿן עשאַפֿאָד. מיט אַ ציטער פֿון עמאָציע האָט אָנאָרע באַטראַכט דעם דאָזיקן מעדאַליאָן.

...און אָט איז ער, אָנאָרע, אינעם זאָל פֿון די מאַרשאַלן. דער טרוים, וועלכן ער האָט געשפּינט מיט אַכט־און־צוואַנציק יאָר צוריק אין דער האַלב־פֿינצטערער מאַנסאַרדע אויף דער לעדיגיער גאַס נומער 9, איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. באַלזאַק האָט זיך געפֿונען אין רומפֿולן מאַרשאַלן־זאָל פֿון קעניגלעכן פּאַלאַץ. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי די שפּיגלען פֿונעם זאַל האָבן געזען אַזאַ המון און ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווי עס האָבן זיך אין זיי אָפּגעשפּיגלט די איינוווינער פֿון דער סענט־אַנטואַנער פֿאָרשטאָט. מיט זיי צוזאַמען, האָט זיך באַלזאַק, ווי אַ זאַמדעלע אונטערגעהויבן דורך אַ ווייכער, אַריינגעריסן אין טילערי־פּאַלאַץ.

עס קען גרייַלעך זיין, אַז אים האָט אַהער געבראַכט דער אומבאַזיג־

לעכער דאַרשט אַלץ צו זען, איינצוקריצן אין זיין זכרון, צו פאַראייביקן אין אים אָט די רירנדיקעווירקלעכקייט, די היציקע ווערטער און אויסגע־שרייען. ער האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן אַ קאַלאָנע נישט ווייט פונעם אַריינ־גאַנג אין זאַל און, פאַרלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט, האָט ער מיט ווילדע און ברענענדיקע אויגן באַטראַכט די גראַנדיעזע געביידע. באַלזאַק האָט שוין מער נישט געזען אַרום זיך דעם ברויזנדיקן המון. זיינע אויגן האָבן באַמערקט אין סאַמע עק פונעם זאַל אונטער אַ בלויען באַלדאַכין אַ הויכע גינגאָלדענע שטול, אַן איבערגעצויגענע מיט פורפור־רויטן סאַמעט, — דעם קעניגלעכן טראָן — און זיי האָבן מער דערפון זיך נישט געקענט אָפרייסן.

יאָ, ס׳איז טאַקע געווען דער טראָן. באַלזאַק איז זיך נישט טועה גע־ווען. באַנעצנדיק מיט דער צונג זיינע אויסגעטריקנטע ליפּן, האַלטנדיק פעסט די הענט אויף דער ברוסט, כדי צו האַמעווען דאָס ווילדע קלאַפּן פונעם האַרץ, האָט ער באַטראַכט דעם קעניגלעכן טראָן און זיך גאַטס־פאַרכטיק דורכגעדרונגען קעגנאיבער דער גינגאָלדענער און ליידיקער שטול. פיר טרעפּלעך, איבערגעצויגענע מיט פורפור, האָבן אַהער געפירט, בלויז פיר טרעפּלעך.

מען האָט אים דערקאַנט... שנעל האָט מען געגומען אַריינשעפּטשען אין צענדליקער אויערן. דעם מורמל האָט דערהערט דער אַקטיאָר מאַנראַז, וועלכער האָט געהאַט געשפּילט אין זיין קינאָלאַ, און ער האָט זיך פאַר־וווּנדערט:

— באַלזאַק?

— נאַט, זעט, דער שריפטשטעלער באַלזאַק!

די מענטשן האָבן איבערגעטראַגן די ידיעה וועגן זיין אַנוועזנהייט אין זאַל פון די מאַרשאַלן, ווי אַ שטאַפעט, ווי אַ צייכן, וואָס סימבאַליזירט גליק און פרייד. אויך ער האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, אָבער שוין זענען זיי אַרויסגעזאָגט געוואָרן גאַנץ הויך, און אַנדערע געדאַנקען האָבן פאַרסמט מיט זייער פאַרביטערונג די פרייד — וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן — פון אָט דעם נישט־פאַרויסגעזעענעם רום. דאָרט, אין דעם ווייטן צפון, וועט מען זיך דערוויסן וועגן זיין אַנוועזנהייט אין אָט דעם קעניג־לעכן זאַל צווישן דעם המון, וואָס איז אַהערגעקומען אומוואָרפן דעם טראָן, און ווער ווייסט, צי דערמיט וועלן זיין צופרידן די צפונדיקע אַטאַלאַ — עוולין מיט איר אייבערהאַר? זיין באַשלוס איז אַנטשטאַנען ספּאָנטאַניש. ער איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ באַרימטער פראַזע, וואָס איז באַלד פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע סאַלאָנען פון אייראָפּע און האָט אַרויסגע־רופן אַ שאַדנפרייד־שמייכעלע אויף די ליפּן פון אַלרוסישן זעלבסטהערשער.

באַלזאַק האָט מיט פאַראַכטונג געמאַכט אַ שריט אויף צו דערווייטערן זיך פון דער קאַלאָנע, ווי ער וואָלט זיך וועלן אָפּרייסן פונעם שאַנדסלופּ. דער המון האָט זיך אָפּגערוקט איןביידע זייטן, און אים געמאַכט אַ וועג. פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ שמאָלער דורכגאַנג ביז צום טראָן.

— הער באַלזאַק! — האָט עמיצער אַ רוף געטון הינטער זיין פּלייצע.

ער האָט זיך אומגעקוקט. דער שוישפּילער מאַנראַז האָט זיך געשניטן אַ וועג צו אים.

— אַ! מייסטער, איר זענט דאָ!

מאַנראַז האָט אים אַרומגענומען און געקושט אים אין די באַקן. דער המון האָט נעבן זיי פאַרמאַכט דעם קרייז. אַ זעץ פון אַ האַק האָט אָפּגע־קלונגען. דער קעניגלעכער טראָן האָט אַ ציטער געטון און איז איינגע־פאַלן. צענדליקער הענט האָבן אים אויפגעהויבן איבערן המון. דער בלויער באַלדאַכין, פונקט ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, האָט זיך געקאַרטשעט אויף די באַגנעטן.

באַלזאַק האָט אָפּגעשטויסן מאַנראַזן. אויפן גאַנצן קול, כדי אַלע זאָלן אים הערן, מיט אַ שטים גאַרנישט ענלעך צו זיינער, האָט ער אויסגערופן:

— איך בין דאָ אַהערגעקומען, הער שוישפּילער, כדי צו נעמען אַ שטיקל סאַמעט פון קעניגלעכן טראָן...

מען האָט אים געהערט. דער געערודער אַרום האָט זיך גענומען איינ־שטילן. מאַנראַז האָט זיך אָפּגעקערט פון אים, מיט די הענט, מיט די אויגן, מיט זיין גאַנצן קערפּער. עס האָט געהערשט אַ באַאומרואיקנדיק און קאַלט שטילשווייגן. באַלזאַק האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז אַרויס פון מאַרשאַלן־זאַל.

פאַר זיינע אויגן האָט זיך איבער די קעפּ געוויגט דער פּורפּור־טראָן פון די פראַנצויזישע מלכים און אויף די באַגנעטן האָט זיך געקאַרטשעט דער בלויער באַלדאַכין. באַלזאַק איז געגאַנגען פּאַמעלעך; זיין פּלייצע האָט זיך איינגעהויקערט, ווי אונטערן דרוק פון אַ שווערער משא, פרעמ־דע פיס האָבן געשלעפּט זיין שווערן גוף, פרעמדע געדאַנקען האָבן געעג־בערט זיין מוח, נאָר דאָס האַרץ זיינס איז געווען דאָס זעלבע. אַן אומרואיק, ברויזנדיק, פלאַמיק האַרץ.

מענטשן מיט יום־טובדיקע פּנימער זענען געלאָפן אויפן באַסטיליע־פּלאַץ. זיי זענען פאַרבייגעפלויגן נעבן באַלזאַקן, וואָס האָט אויסגעזען דער־שלאָגן און אַלט. די מענטשן האָבן הינטער זיך געלאָזן דעם עכאָ פון די יובל־געשרייען. דערפון האָט באַלזאַק אַרויסגעדרונגען, אַז אויפן באַסטיליע־פּלאַץ וועט מען פאַרברענען דעם קעניגלעכן טראָן. באַלזאַק האָט זיך פאַר־נומען אין דער ריכטונג פון דער פאַרטינע גאַס.

*

דער טראָן פון פאַרהאַסטן מאַנאַרך האָט געברענט אויפן באַסטיליע־פּלאַץ. ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין האָבן איבער פּאַריז דראָענדיק אָפּ־געקלונגען די יובל־געשרייען לכבוד דער רעפּובליק, דער פרייהייט, דער גלייכהייט און דער ברידערלעכקייט. פון פראַנקרייכס גרענעצן ביז קיין בריסעל, בערלין, לאָנדאָן און פּעטערבורג זענען געפלויגן אויסעראָרדנט־

לעכע קוריערן, אונטערטרייבנדיק זייערע פערד. די עפנטלעכע רעדערייען זענען געפלויגן נאָך שנעלער און זיי פאַרלאָפן דעם וועג.

דער פרייסישער קעניג פרידריך־ווילהעלם דער פערטער האָט פאַראָרדנט צו רופן אין דער אַרמיי די רעזערוויסטן און פאַרבאָטן אַלע סאָציאַליסטישע בלעטלעך. וויקטאָריאַ פון ענגלאַנד האָט באַפוילן, אויף יעדן פאַל, צוצוגרייטן תפיסות פאַר די פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן, הינטער די מויערן פון דער פעטראָפּאַוולאָווסקער פעסטונג האָט מען אויפגעהאָנגען אויף דער תליה פערציק מוטיקע פאָלקס־פאַרטיידיקער, און מיטן עטאַפּ קיין סיביר זענען אַוועק נאָך עטלעכע טויזנט פרייהייט־קעמפער.

די צווייטע רעפובליק האָט אויפגערודערט אייראָפּע.

זי האָט אויך נישט אויסגעמיטן באַלזאַקן. ער אַליין איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען און ער האָט געמאַכט אַ טעות. ער אַליין האָט עס צוגעגעבן קעגנאיבער זיין געוויסן, ווען ער האָט זיך ווידער געפונען אין זיין קאַבינעט אויף דער פאָרטינע גאַס. אַצינד איז ער געווען נייגעריק צו וויסן, אין וועלכער געשטאַלט די רעפובליק וועט זיך באַווייזן אין זיין הויז; וועלכע נייעס זי וועט אים ברענגען.

*

ער האָט ווידער איבערגעלעבט אַ מאָמענט פון פיינלעכער צעשפּליטערטקייט, אַ דיסהאַרמאָניע אין די געדאַנקען און געפילן, און ער האָט מיט באַדויער געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען ער וואָלט אויף זיינע פּלייצעס געטראָגן אַ צוואַנציק יאָר ווייניקער, וואָלט ער זיך היינט אַזוי נישט אויפגעפירט.

די צווייטע רעפובליק האָט זיך באַוויזן אויף דער פאָרטינע גאַס אין דער געשטאַלט פון אַ געהיימנישפולן מענטש, אַנגעטון אין אַ שוואַרצער פּעלערינע. אַ מאַסקע האָט פאַרשטעלט זיין געזיכט, אַ הויכע שליאַפּע איז אים געלעגן איבער די אויגן. דער מענטש האָט אָפּגעשטופּט פראַנסואַ און פאַרמאַכט די טיר פון אַרבעטס־צימער. מיט אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע, האָט דער מאַן פאַרשטאָפּט דאָס לעכל פון שלאָס. דערנאָך האָט ער צוגעלייגט דאָס אויער צו דער טיר און, זייענדיק זיכער, אַז הינטער איר איז קיינער נישטאָ, האָט ער אויסגעטון די שליאַפּע און אַראָפּגענומען די מאַסקע.

קעגנאיבער דעם צעטראָגענעם באַלזאַק איז געשטאַנען לאַמאַרטין. זיי האָבן זיך פעסט געדריקט די האַנט און געבליבן אַ קליינע ווײַלע שטיין נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, אַנקוקנדיק זיך איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין, אויפפרישנדיק אין זייער זכרון פראַגמענטן פון דער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן זיך בײַדע דערמאָנט וועגן זייער באַגעגעניש אין סאַלאָן פון מאַדאַם דע זשיראַרדען. דאָרטן האָבן זיך פאַרזאַמלט נאָך אַ ספּעקטאַקל: הוגאָ, גאָטיע, עיזשען סי, אַלפאָנס קאַר און נאָך אייניקע

וויי נ יק־באַקאַנטע רעצענזענטן און זשורנאַליסטן. לאַמאַרטין האָט זיי דאָן איבערראַשט מיט זיין רואיקייט, זיין אויסערגעוויינלעכן גלייכגעוויכט און דער ווירדע, מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען די פּאַרדינטע שטאַרקע לויבגעזאַנגען. באַלזאַק איז געשטאַנען נעבן דעם מאַרמאָרנעם קאַמין, ווען לאַמאַרטין איז אַריין אין זאַל. דער דיכטער איז גלייך צוגעגאַנגען צו אים, פעסט געדריקט די האַנט און אויסגעדריקט אין אייניקע ווערטער זיין אָנערקענונג פאַר באַלזאַקס מייסטערווערק. נאָך אַט דעם אָוונט זענען פאַרגעקומען נאָך עטלעכע צונויפטרעפן. עס איז צווישן זיי געווען אַ קעגנ־זייטיקע אַכטונג, אַ פריינטלעכע אָפנהאַרציקייט, אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענ־דעניש. קיין פריינטשאַפט, פונדעסטוועגן, איז נישט אַנטשטאַנען.

לאַמאַרטין האָט זיך אָוועקגעזעצט, נישט וואַרטנדיק אויף קיין איינ־לאַדונג. באַלזאַק האָט דאָס זעלבע געטון.

עס איז, אפנים, אָפּגעלאָפן גענוג צייט, ביז דער גאַסט האָט געקענט אָנהייבן דעם געשפּרעך. באַלזאַק האָט זיך געבראַכן דעם קאָפּ, ער האָט נישט געקענט דערגיין די סיבה, צוליב וועלכער לאַמאַרטין איז אַהער גע־קומען. יענער האָט, אויסבייגנדיק דעם קאָפּ, אים אָנגעקוקט מיט אַ בייז אויג, גלייך ווי ער וואָלט באַטראַכט באַלזאַקס פאַרשלאָסענע געזיכט, גלייך ווי ער וואָלט דערין געזוכט ווער ווייסט וועלכע ענדערונגען אָדער גע־פּרוווט אַריינדרינגען אין זיינע געדאַנקען. אין זיין זכרון האָט אויפגעלעבט אַ פעסטגעבויטער, שטאַרקער מענטש, וואָס איז געשטאַנען נעבן מאַרמאָר־נעם קאַמין אין סאַלאָן פון מאַדאַם דע זשיראַרדען. אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, אַ קלאָרער שטערן, אַ קאָפּ קאַשטאַן־ברוינע האָר, וואָס זענען אַראָפּ־געפאַלן קוטשמעסווייז איבערן שטערן, פולע ראָזע באַקן, אַ שיינע נאָז, אומרואיקע הענט, וועלכע האָבן מיט יעדער באַוועגונג אַרויסגעגעבן פון זיך אַן אומגעהויערע ענערגיע. די ליפּן האָבן געלאָזט פאַלן ווערטער און די הענט האָבן זיי צונויפגעקליבן, געגעבן זיי קראַפט, געוואַנדן זיי פאַרויס, ווי דיסקן־וואַרפער, יעדעס מאָל האָבן זיי געטראָפן גלייך אין ציל.

קעגנאיבער לאַמאַרטינען האָט זיך אַצינד אַנטפּלעקט אַן אַנדער געזיכט. ער האָט געטראַכט: קוקנדיק אויף אים, קען באַלזאַק קומען צום זעלבן אויספיר.

— מיין טייערער אַנאַרע! — האָט אָנגעהויבן לאַמאַרטין, אַרויפלייגנ־דיק זיינע לאַנגע הענט מיט די דאַרע פינגער אויפן אָנלען פון דער שטול.

— איר זענט היינט געווען אין מאַרשאַלן־זאַל.

באַלזאַק האָט פאַרוווּנדערט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זאָל אייך נישט ווונדערן. די נייע רעגירונג ווייסט אַלץ.

לאַמאַרטין האָט לייכט זיך אונטערגעהויבן אויף זיין שטול און, אַראָפּ־וואַרפנדיק פון זיך די כלומרשטע רואיקייט, האָט ער מיט אויפרעגונג געזאָגט:

— איך בין צו אייך געקומען נישט נאָר אַלס קאָלעגע. דער דיכטער לאַמאַרטין איז געקומען צו אייך ווי אַ מיניסטער פון דער נייער רעגירונג.

דאָס נביאות פון דער גרעפין וויסקאָנטי האָט באַלזאַקן איבערגעשראָקן. בראש פון דער רעגירונג איז טאַקע געשטאַנען אַן אַדוואָקאַט. באַלזאַק האָט לאַמאַרטינען נישט איבערגעשלאָגן די רייד. אַ מאָדנע אומבאַוועג־לעכקייט האָט אים באַהערשט.

— טייערער אָנאַרע, אייער גאַנץ לעבן האָט איר געשטרעבט נאָך רום. פּרוווט נישט זאָגן ניין. — ער האָט באַמערקט, ווי באַלזאַק האָט נערוועז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— אַזוי איז עס. קיין גלאָריע האָט איר זיך נישט דערוואָרבן; די אמתע, פאַרשטייט זיך; אָט די, וואָס איר האָט זיך געוווּנטשן. אין אונדזערע צייטן קען מען זי נאָר דערגרייכן דורך דער פּאָליטיק. אַצינד האָט די שעה געקלונגען אויך פאַר אייך.

לאַמאַרטין איז וואַרשיינלעך געקומען צו אים מיט געוויסע פאָרשלאָגן. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט פון אויפרעגונג. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף עפּעס זאָגן. ער האָט בלויז באַוויזן מיט אַ ציטערנדיקער שטים אַרויסצושטאַמלען:

— מיט אַ פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, מ׳סיע לאַמאַרטין, אין אַ בוידעם־שטיבל אויף דער לעדיגיער גאַס, האָט גענומען פלאַקערן אין מיין היציקן קאָפּ אַ שרפה, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרלעשן...

ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און, באַדויערנדיק, וואָס לאַמאַרטין האָט אים נישט איבערגעשלאָגן, איז ער געווען געצוווּנגען פאָרצוזעצן:

— די דאָזיקע שרפה האָט אונטערגעצונדן אַ וווּנדערלעך־שיינע פרוי, מיט וועמען איך האָב נאָך, ליידער, ביז איצט קיין באַקאַנטשאַפט נישט גע־מאַכט. מען זאָגט, אַז זי וווינט אויף דער פּיר־פּעלקער גאַס, ביים סוף פון דער איינפּאַרשטענדעניש בריק, און מען רופט זי גלאָריע.

באַלזאַק האָט אומעטיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיין אויפריכטיקייט האָט נישט געגעבן דעם געוווּנטשענעם רעזולטאַט. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין שוואַכקייט אַן שום נויטווענדיקייט.

— נאָך וואָס זענט איר געקומען אין מאַרשאַלן־זאַל? — האָט לאַמאַר־טין אַ פרעג געטון, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף באַלזאַקס אני־מאמין.

— אַ שטיקל סאַמעט פון קעניגלעכן טראָן... די שאַגרין־לעדער... — האָט ער בייזווויליק אַ זאָג געטון און געשפּיזט מיט די אויגן אויף לאַמאַר־טינס טרוקענעם און גלאַט־ראַזירטן געזיכט.

ער האָט דערוואַרט אַן איראָנישן שמייכל אויף זיינע טרויעריקע ליפּן, אָדער עטלעכע שטעכווערטער. אומזיסט איז געווען די האָפענונג. לאַמאַר־טין האָט געשוויגן.

— איר פאַרשטייט, לאַמאַרטין? שאַגרין־לעדער!

לאַמאַרטין האָט געשוויגן, דאָס איז געווען ביז גאָר באַליידיקנדיק.

— קיין שאַגרין־לעדער האָב איך נישט געפונען. — באַלזאַק איז אַנט־שוויגן געוואָרן. ס׳האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז ער רעדט נאַרישקייטן.

— אָנאַרע, איך וואָלט וועלן, איר זאָלט מיך גוט פאַרשטיין — לאַמאַר־

טין האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט דער גאַנצער אָפנהאַרציקייט. — היינט־צו־טאָג איז רום נישט קיין כישוף. ער ווינט נישט אויף דער פיר־פעלקער גאַס, ביים עק פון דער איינפאַרשטענדעניש בריק, ער געפינט זיך איצט אין לוקסעמבורגער פּאַלאַץ.

לאַמאַרטין האָט זיך אויפגעשטעלט. נישט דערווייטערנדיק זיך פון דער שטול, האָט ער פאַרגעזעצט:

— קומט צו אונדז, מ׳סיע באַלזאַק, ווערט אַן אָנהענגער פון דער רעפּובליק, עס וואַרט אויף אייך דער פּאָרטפעל פון בילדונגס־מיניסטער אין דער צייטווייליקער רעגירונג, און דערנאָך — אַ דעפּוטאַטן־שטול אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג.

לאַמאַרטין האָט געטראַכט:

„איך האָב געזיגט. באַלזאַק וועט זיין מיט אונדז. דער ליבעראַלער געדאַנק פון אייראָפּע וועט עס אויסטייטשן לטובת אונדז״.

באַלזאַק האָט זיך פאַרלוירן. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז עס איז אַ טעות. זאָל מען אים טאַקע האָבן פאָרגעלייגט אַ מיניסטער־פּאָרטפעל? איז עס טאַקע מעגלעך, אַז דער רום זאָל קומען צו אים פון זיך אַליין? אָט נעמט ער אים פאַר דער האַנט און פירט אים מיט רעספּעקט נעבן זיך. ער האָט אפילו געזען: עוולין אַפּלאַדירט אים. נאָר דאָס אימהדיקע קול, וואָס האָט אים דאָס גאַנצע לעבן געמוטשעט; וואָס האָט אים אין די שלאָפלאָזע נעכט געשטויסן צום קאַמף הינטער אָט דעם שרייב־טיש — איז נאָך איצטער אומהערעוודיק אַריינגעדרונגען אין זיין האַרצן, געמאַכט אים אויפשטיין פון זיין שטול און שמייסן גלייך אין לאַמאַרטינס געזיכט אַריין דראָאונגס־ווערטער, וועלכע האָבן אים אָפּגעשלאָגן די פליגל דורך זיין שאַרפזין און פאַרניכטעט אַלע בריקן הינטער זיך פאַר באַלזאַקס איי־גענעם צוריקציען זיך.

— און דערנאָך וועט אונדזער אָרט פאַרנעמען דער גענעראַל קאַווע־ניאַק, און די יעניקע, וואָס האָבן זיך געפרייט אויפן באַסטיליע פּלאַץ, וועלן ווערן מתים. ניין, מ׳סיע לאַמאַרטין, איך קאָן נישט אָננעמען אייער פאָרשלאָג.

באַלזאַק איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט פאַרשעריש אַריינ־געקוקט לאַמאַרטינען אין די אויגן. צי האָט ער אים דאָס אַלץ באַדאַרפט זאָגן? צוליב וואָס איז נייטיק די דאָזיקע אויפריכטיקייט? לאַמאַרטינס אויגן האָבן געשמייכלט. געשמייכלט, ווי ס׳האָט זיך אויסגעדוכטן באַל־זאַקן, פון אויבן אַראָפּ, טאַדלענדיק אים און, וואָרשיינלעך, נעמענדיק אין אַכט זיינע ווערטער, אויב נישט מיטן מודה זיין זיך אין פּחדנות, איז מיטן באַוויַיז פון זעלטענער פאַרזיכטיקייט. באַלזאַק האָט זיך נישט געאײַלט צו באַווייזן לאַמאַרטינען דאָס פאַרקערטע. אונטערהאַלטנדיק מיט די דלאָניעס זיין געמאַרשטשעטן שטערן, האָט ער אַנגעשטעלט זיין פאַרנעפּלטן בליק דורכן פענצטער און געטראַכט דערביי וועגן דאָס זייניקע. ער האָט געוווּסט, אַז זיינע אָקאָרשט אַרויסגעזאָגטע ווערטער וועלן אויף צומאָרגנס דערגיין

צו זייער פיל מענטשן; אַז מ'וועט אים באַטראַכטן אַלס שונא פון דער רעפובליק און באַצייכענען אַלס לאַקיי. אָבער קנאַפּ האָט מען שוין אויף אים אויסגערעדט? אים וועט מען נישט צוגעווינען. נישט דאָס האָט אים געמאַטערט, נישט דאָס האָט אים באַאומרואיקט. און ווי אַן עכאָ פון דער דאַזיקער מאַטערניש האָבן אָפּגעקלונגען זיינע ווערטער:

— מיין ליבער לאַמאַרטין, דעם עמך־פאָלק, וואָס פאַרמאָגט נישט די פּאָר סו אויפן שטיקל ברויט, וועט אייער רעפובליק אַבסאָלוט גאָרנישט געבן... צי האָט איר אַ טראַכט געטון וועגן דעם?!

לאַמאַרטין האָט בלויז גרינגשאַצעריש געהויבן מיט די אַקסלען און גאָרנישט נישט געענטפערט.

דער פּאָעט און מיניסטער האָט שטילערהייט גענומען דעם קאַפּעליוש אויפן טיש. ער האָט זיך איינגעהילט אין דער פעלערינע און אָנגעטון די מאַסקע. אַרונטערלאָזנדיק געהיימנישפול דעם קאָפּ אין די אַקסלען, האָט ער אַרויסגענומען דאָס שטיקל פּאַפּיר פון שליסללאָך, צוריק אַריינגעשטעקט דעם שליסל, געעפנט די טיר, איבערגעטראָטן די שוועל און נעלם גע־וואָרן ווי אַ שוואַרצער רוח.

אויפעפענענדיק דעם שטאָר, האָט באַלזאַק געזען, ווי דער מיניסטער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטער קאַרעטע. זעקס רייטער האָבן זי אַרומגערינגלט. דער קוטשער האָט אַ שמיץ געטון די פערד. די רעדער האָבן אָפּגעקלונגען אויפן שאָסיי. אַן איינציקער פונק האָט אַ גלי געטון אונטער די פערדישע קאָפּיטעס פון לעצטן רייטער פונעם מיניסטערס לייבוואַך.

„די שאַגרין־לעדער — דאָס איז די פּרוכט פון כוח־הדמיון, פון צע־היצטער פאַנטאַזיע" — האָט באַלזאַק ביי זיך געטראַכט, אַראָפּלאָזנדיק די שטאָרן און, שוין נישט אויסבאַהאַלטנדיק זיין צופרידנקייט, האָט ער אַ זאָג געטון אויפן קול:

— איר האָט אַ טעות, דיכטער לאַמאַרטין. דער ריכטיקער אַדרעס פון דער גלאָריע איז טאָקע די פיר־פעלקער גאַס, נעבן דער איינפאַרשטענדע־ניש בריק, און נישט דער מאַרשאַלן־זאַל פון לוקסעמבורגער פּאַלאַץ.

ער איז אַריין אין שלאָף־צימער, זיך אויסגעטון און מיט פאַרגעניגן זיך געלייגט שלאָפן. ווי נאָר ער האָט אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויפן קישן, איז ער, צום ערשטן מאָל זינט ער איז צוריקגעקומען קיין פּאַריז, זאַרגלאָז און געשמאַק איינגעשלאָפן.

אין יענער נאַכט האָבן זיך אים קיין בייזע חלומות נישט געחלומט, די פאַנטאַסטישע וויזיעס זענען אויסגערונען. אַ פריילעכער פרילינגס־רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן. שוועדע וואָלקנס האָבן זיך אָנגעקליבן איבער פּאַריז.

קאַפּיטל דרייצן

פאַרלוירענע אילוזיעס

אַזוי זענען פאַרביי טעג, נישט איבערצוציילן זיי, פאַרבלאָזטע, איינטאָ־ניקע, פּוסטע און ענלעכע איינער צום אַנדערן. באַלזאַק האָט געשריבן בריוו, פול מיט האָפענונג אויף אַ בעסערער צוקונפט, און ווידער האָט ער אַנפאַרטרויט עוולינען דאָס, וואָס עס האָט אים געפּייניקט זיין האַרץ. ער האָט דערוואַרט פון איר אַן ענטפער און די דאָזיקע דערוואַרטונג האָט אים געהאַלטן אין אַ כסדרדיקער אומבאַשרייבלעכער שפּאַנונג.

דאָס לעבן אין פּאַריז איז ווייטער אַנגעגאַנגען, מיט זיינע זאָרגן און דאגות. אין די דאָזיקע טעג האָט באַלזאַק זיך אָפּגעזונדערט פון דער שטאָט, וועלכע האָט אויפגעוועקט אין אים די אומגעהויערע פאַנטאַזיע און וועלכע איז געווען דער יסוד פון דער קרישטאָל־ריינקייט פון זיין טאַלאַנט. נישט מישנדיק זיך אין דער פּאָליטיק און גרינגשאַצנדיק דעם רום, איז באַלזאַק געוואָרן אַ פרעמדער, זייטיקער מענטש אין די קוואַרטאַלן, ווו ער איז אַמאָל געווען באַליבט און וועלכע ער האָט גוט געקענט.

די קאַשטאַן־ביימער אויף די בולוואַרן האָבן זיך שוין געהאַט צעבליט און די מאַי־בלומען זענען געווען פאַרוועלקט. אַ גרויער וואָלקן שטויב איז געהאַנגען איבער פּאַריז.

אויף דער פּאָסי גאַס האָט באַלזאַק, אין אַ געווויסן טאָג, געקויפט ביי אַ פויערטע אַ פּרעכטיקן בוקעט פעלד־בלומען און, דערלאַנגענדיק אַ מטבע אין איר שוואַרצער און צעקאַליעטשעטער האַנט אַריין, האָט ער זי אַ פרעג געטון, צי זי איז צופרידן פון דער רעפּובליק. די פויערטע האָט, גאַרנישט זשעניערנדיק זיך פאַר אים, אויפגעהויבן איר קליידל, באַהאַלטן דאָס געלט אין זאַק, און דערנאָך מיט ביטול אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— צו אַלדי רוחות אָט די גאַנצע רעפּובליק, וואָרום די הערן בלייבן תמיד הערן!

פאַרלאָזנדיק די פויערטע, האָט באַלזאַק אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש און זיך פאַרנייגט פאַר איר ווי פאַר אַ מאַרקיזע.

יענעם טאָג האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו עוולינען: „מיין נשמה איז מיט אייך, — האָט ער געשריבן, — און מיין האַרץ איז מיט אייך, איך באַ־גער צו זיין נעבן אייך אין דער שטילקייט און רואיקייט פון אייער וווּנ־דערלעכן ווערכאָווניע".

אַזאַ אויפריכטיקע דערקלערונג האָט פאַרדינט אַ פאַרגיטיקונג — אַן איינלאַדונג. ער האָט געוואָרט. צווישן די אַלע דאגות, וואָס ער האָט גע־טראָגן אויפן קאָפּ, האָט אים אויך געמאַטערט די דערינערונג וועגן דעם פידל־שפּילער מוסי. דער געדאַנק וועגן דעם אַלטיטשקן האָט אים זינט אַ

לענגערער צייט נישט פאַרלאָזן. ער האָט אָפּגעקליבן אין אַ געשעפט אַן אַלטע פּרעכטיקע פידל פון איטאַליענישער אויסאַרבעטונג און באַשטעלט פאַר איר אַ טייערן פוטליאַר.

אין אַ געוויסן מאי־טאָג האָט אין הויז פון דער פּאַרטינע גאַס זיך באַוויזן די פידל אין אַ שוואַרצן פוטליאַר און פאַרנומען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין איינער פון די ביכער־שענק.

דער שרייבער שאַנפלערי האָט דערזען די פידל ביי באַלזאַקן און זיך פאַרוווּנדערט:

— מייסטער, צי קענט איר זיך ווירקלעך אומגיין מיטן דאָזיקן פּרעכ־טיקן אינסטרומענט?

— ליידער, נישט, מיין פריינט. דאָס איז אַ מתנה, וואָס איך דאַרף מאַכן אין אוקראַינע.

— איר קלייבט זיך אוודאי אַהין אומצוקערן?

— געוויס. איך וועל פאַרלאָזן פּאַריז גלייך נאָך דער פּרעמיערע פון דער שטיפמוטער. איך האָב דאָ מער גאָרנישט וואָס צו טון. פּאַריז איז נישט פאַר מיר, מיין פריינט.

דער דאָזיקער געשפּרעך מיט באַלזאַקן האָט געמאַכט אויפציטערן דאָס האַרץ פון יונגן שאַנפלערי, נאָכמער דערמיט, וואָס דער לערער האָט אים אָנגערופן „מיין פריינט". זיצנדיק שטייף אין פאָטעל, צוזאַמענגענומענדיק אונטער זיך די פיס, אויף וועלכע ער האָט געטראָגן אַ פּאָר אויסגעטרעטענע קאַמאַשן, האָט שאַנפלערי כסדר נאָכגעזען, צי זיין אַלטער גרינער סורדוט איז גוט פאַרקנעפּלט, צי עס קריכט אַמאָל פון אַרבל נישט אַרויס אַ שטיקל נישט גאָר פרישׁ העמד.

שאַנפלערי האָט כמעט געציטערט פון ענטוזיאַזם און פון פרייד. מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָט ער געשלונגען באַלזאַקס יעדעס וואָרט.

און איינגעהילט אין זיין ברייטן ווייסן וואָלענעם שלאַפראָק, האָט זיך באַלזאַק איינגעקוקט אינעם שעמעוודיקן געזיכט פונעם יונגן שריפטשטע־לער. אים איז געפעלן די פאַרערונג, מיט וועלכער דער תלמיד האָט גע־קוקט אויף אים. ער האָט באַמערקט די רייפן אונטער די אויגן פונעם יונגנ־מאַן. ס'איז געווען אַ גוטער סימן. דער יונגער שרייבער איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן.

ווי צו באַשטעטיקן זיינע השערות, האָט שאַנפלערי דערציילט וועגן זיינע צוקונפטיקע פּלענער. ער האָט גערעדט מיט ברען וועגן די ביכער, וועלכע ער האָט בדעה אָנצושרייבן. באַלזאַקס אויפמערקזאַמקייט האָט באַ־פליגלט זיין פאַנטאַזיע, דערהויבן אים איבער דער ערד.

— גאָט זאָל אייך העלפן, אין אַ מזלדיקער שעה! — האָט אים דער מייסטער אָנגעווונטשן אַ גליקלעכע רייזע. — אַרבעט, מיין יונגער פריינט, אַרבעט, זשאַלעוועט נישט קיין האַרץ, קיין נשמה; מיר וועלן אַוועק, אָבער דאָס ווערק דאַרף מען פאַרזעצן.

יאָ, די דאָזיקע ווערטער האָבן שאַנפלערין באַפליגלט. אין איצטיקן

מאָמענט האָט ער זיך פאַרמאָסטן הויך איבער די וואָלקנס מיט מעכטיקע אָדלערס.

— דאָס איז גוט, וואָס איר האָט אין זיך אַזאַ ברען — האָט באַלזאַק געזאָגט, — דאָס איז פרעכטיק. אַ שאָד, וואָס היינטיקע צייטן האָבן מיר אַזוי ווינציק אַזעלכע יונגע מענטשן — האָט ער צוגעגעבן מיט באַדויער.

— איך וואָלט אייך געקענט דערציילן וועגן מיינע שלאָפלאָזע נעכט...

— שאַנפלעורי האָט אים מיט אַן אויסדרוק פון מיטלייד געקוקט אין די אויגן אַריין.

— נישט נייטיק, — האָט אים דער מייסטער באַשווירן. — איך וויל אייך בלויז זאָגן איין זאַך, מיין פריינט: שטודירט די שפּראַך. זייער ווייניק קענען זי אפילו צווישן די גדולים־הדור. ווען נאָך וואָלט איך געקענט אויסרעכענען, אחוץ הוגאָ און גאַטיע?

באַלזאַק האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ:

— קיינעם נישט. מיר, פראָזאַאיקער, טראָגן אַ שווערן יאָך אויף זיך. דאָס גאַנצע לעבן זיץ איך ביי אַט דעם טיש, ווי אַ קאַטאָרזשניק, וואָס איז צוגעשמידט צו זיין שטופּוועגעלע; דאָס גאַנצע לעבן האָב איך נישט קיין מעגלעכקייט אויסצוגלייכן די פּלייצע. איך שרייב ראָמאַנען, כדי נישט צו שטאַרבן פון קיין הונגער־טויט. זינט דרייסיק יאָר אַרבעט איך פופצן שעה אין מעת־לעת, און וואָס האָב איך, משטיינסגעזאָגט, פון דעם אַלעם? איך האָב נישט קיין איינציקן פראַנק ביי דער נשמה. איך וווין אין אָט דעם פרעכטיקן הויז אַדאַנק פרעמדע מענטשן, צו ווען עס געהערט, — דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי מיך דאָ איבערגעלאָזט אַלס אַ הויז־וועכטער.

די דאָזיקע ווערטער זענען ענלעך געווען צו אַ ווידוי. ווען אפילו שאַנ־פלעורי וואָלט דאָ נישט געווען, וואָלט ער סיי ווי גערעדט צו זיך אַליין.

— איך ראָט אייך צו שרייבן ראָמאַנען און דערציילונגען בלויז פאַר אייער אייגענעם פאַרגעניגן. אויב איר ווילט האָבן פרנסה — שרייבט טעאַטער־פּיעסן, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן קען מען קומען צו געלט אויף צו פירן אַ רחבותדיק לעבן, אויף וועלכן עס פאַרדינען זיך עכטע קינסטלער. אָט האָט לאַמאַרטין זיך אַ נעם געטון צו פּאָליטיק און עס ברענגט אים גאָרנישט אַריין — האָט באַלזאַק בייזוויליק צוגעגעבן. ער וועט שטאַרבן ווי אַן אָרעמאַן אויפן שטרוי. אגב, קען ער בכלל נישט די פראַנצויזישע שפּראַך.

שאַנפלעורי איז געזעסן פאַרשטאַרט, אויסהערנדיק די ביטערע ווער־טער. זיינע פליגל האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן הינטער זיין רוקן. דער וועג, וואָס האָט זיך פאַר אים אויסגעשפּרייט, איז שוין געווען באַדעקט נישט בלויז מיט בלומען, נאָר אויך מיט דערנער. ער האָט געפּרוווט רעדן מיטן מייסטער וועגן דער שטיפמוטער, אָבער דערפון איז גאָרנישט אַרויס־געקומען.

באַלזאַק איז געזעסן קעגנאיבער אים און געשוויגן, פאַרזונקען אין זיינע געדאַנקען. שאַנפלעורי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז צייט זיך צו גע־זעגענען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט רעספּעקט פאַרנייגט דעם

קאָפּ פאַר באַלזאַקן. יענער האָט אים פעסט געדריקט די האַנט. פאַרן דער־נעענטערן זיך צו דער טיר, האָט שאַנפלערי פאַרלאַנגזאַמט דעם טריט און באַטראַכט אַ מאַרמאָרנעם ביוסט פונעם מייסטער, אַנדערטהאַלבן מאָל גרע־סער פון דער נאַטירלעכער גרייס. אים האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז דער לע־בעדיקער באַלזאַק איז געווען פיל בעסער.

— איך זע, אַז איר אינטערעסירט זיך מיט קונסט, — האָט באַלזאַק אַ צופרידענער געזאָגט. — איך וועל אייך ווייזן מיין קאָלעקציע.

שאַנפלערי איז געגאַנגען אויף די טרעפּ הינטערן הויז־אייגנטימער. זיי זענען אַרויף אויפן צווייטן שטאָק און אַריין אין אַ לאַנגער בילדער־גאַ־לעריע. אויף אַ בכבודיק אָרט, אַרומגערינגלט מיט אַנדערע לייוונטן, איז געהאָנגען אַ ריזיקער פּאָרטרעט פונעם דאָמיניקאַנער מאָנאַך.

מיט אומבאַהאַלטענער פאַרוואונדערונג האָט שאַנפלערי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אָט דעם פּאָרטרעט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס האָט געקענט אַנטציקן באַלזאַקן אין אָט דעם שרעקלעכן מאָנאַך מיט דעם בייזן געזיכט, מיט די אכזריותדיקע אויגן און מיט די ביינערדיקע הענט, ענלעכע צום פילהאַרן פון אַן אָקטאָפּוס... „וואָס טוט דאָ דאָס דאָזיקע פאַרזעעניש?״ — האָט ער געהאַט חשק אַ פרעג צו טון, אָבער בלויז די אויגן האָבן געשטעלט די פראַגע. באַלזאַק האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע שטומע פראַגע. אויפהויבנ־דיק דעם בליק אין דער הויך פון דער גילדערנער ראָם פון פּאָרטרעט, האָט ער גענומען האַלטן אַ לעקציע פאַר שאַנפלערין:

— מיין פריינט, די רעליגיע וועט שטענדיק זיין אַ פּאָליטישע נויט־ווענדיקייט. צי וועט איר זיך אונטערנעמען אַנצופירן מיט אַ פאָלק פון דענקער? כדי צו שטערן די פעלקער צו דענקען, איז נייטיק ביי זיי אויפ־צוועקן געפילן. לאָמיר דעריבער אָננעמען די קאַטוילישע רעליגיע מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן. אויב מיר ווילן, אַז פראַנקרייך זאָל גיין אין דער קירכע, צי דאַרפן מיר דען נישט אַליין גיין אַהין? מיין טייערער שאַנפלערי — באַלזאַק האָט געוואָרפן אויף אים אַ פילדייטיקן בליק — זייט וויסן, אַז רעליגיע — דאָס איז דער בונד פון אַלע קאָנסערוואַטיווע פּרינציפּן, וואָס דערלויבן די רייכע צו לעבן רואיק. זי איז ענג פאַרבונדן מיטן פריוואַט־אייגנטום. דער גלח און דער קעניג — דאָס זענט איר דאָך, דאָס בין איך, מיט איין וואָרט: דאָס זענען די ממשותדיקע אינטערעסן פון אַלע ערלעכע מענטשן.

אין באַלזאַקס שטים האָט בפירוש אָפּגעקלונגען איראָניע. ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. אפנים, אַז ער אַליין איז שטאַרק צופרידן געווען פון די אַרויסגעזאָגטע פראַזן.

כדי צו באַווייזן, אַז מען דאַרף מער צו דעם ענין זיך נישט אומקערן, האָט ער גענומען שאַנפלערין פאַרן אָרעם און אים צוגעפירט צו אַן אַנדער וואַנט.

— זעט! — ער האָט אים געוויזן אַ בילד — אָט איז דער פּאָרטרעט פון מאַרי דע מעדיסי. ראָטשילד אַליין איז מיך מקנא.

— דאָס, וואָס איר האָט אָקאָרשט געזאָגט — האָט שאַנפלערי נישט דרייסט באַמערקט — האָב איך שוין ערגעץ־ווו געהערט.

אַ ווײַלע האָט ער זיך געקווענקלט, דערנאָך, בײַסנדיק דעם פינגער, האָט ער שנעל, מיט פּאַטאָס, אויסגערופן:

— מייסטער, איר האָט עס געשריבן אין בוך די הערצאָגין דע לאַנזשע. מעגלעך, אַז אויך איר האָט אַזוי געטראַכט?

באַלזאַק האָט גאָרנישט נישט געענטפערט. ער האָט באַטראַכט דעם פּאָרטרעט פון מאַרי דע מעדיסי, גלייך ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל. ער האָט ווידער געגומען שאַנפלערין פאַרן אָרעם און אים אַריינגעפירט אין אַ שכנותדיקן צימער. באַלזאַק האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט פאַר אַ הוילער געשניצטער ראַם. ער האָט באַרימעריש אַ זאָג געטון:

— בעת אַ באַוווּסטער האָלענדישער אַנטיקוואַר איז דערגאַנגען, אַז איך פאַרמאָג אַ ראַם פון אַט דעם מייסטער, האָט ער צו וויסן געגעבן, דאָס ער וועט אַלץ אָוועקגעבן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, אַבי צו באַקומען כאָטש אַ העלפט דערפון...

שאַנפלערי האָט מיט איבערראַשונג זיך אַרומגעקוקט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז שוין דאָ אַמאָל געווען. אָט זענען זיי טאַקע, די ביל־דער אין די שווערע ראַמען, אויף וועלכע מ׳זעט געל־געוואָרענע שוואַרצערד, אָט זענען די פישער, אָט זענען די ריטער, וואָס לויפן גאַלאָפּ אויף די פערד, אָט איז דער אַנצייניקער הונדערט־יאָריקער זקן מיט אַ שטעקן אין האַנט. נישט באַמערקנדיק זיין אייגענע התפעלות, האָט שאַנפלערי איבערגעחזרט:

— מיין גאָט, דאָס איז דאָך די בילדער־גאַלעריע פון קוזין פּאָנס!

אויף באַלזאַקס ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ צופרידענער שמייכל. ער האָט געפירט שאַנפלערין אַביסל ווייטער. זיי זענען אַריין אין אַ גרויסן טונקעלן צימער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט ביכער־שענק. שאַנפלערין האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ביכער־קעניגרייך.

אַביסל שפּעטער, פאַרן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע ווונדערלעכע הויז, האָט ער ווידער אויסגעהערט דעם מייסטערס ערגערנישן, אָבער נאָך דעם אַלעם, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען, האָט ער די ערגערנישן שוין מער נישט פאַרשטאַנען.

„וועמען איז נייטיק געווען די דאָזיקע ערגערנישן? — האָט באַלזאַק, בלייבנדיק אַליין, געטראַכט. — וואָס קענען זיי ברענגען? ברומערייען פון אַ מענטשן, וואָס עלטערט זיך" — האָט ער געמאַכט דעם אויספיר און זיך באַרואיקט.

די דאָזיקע קינסטלעכע רואיקייט האָט אַזוי געדויערט נאָך היפּשע טעג, זי האָט אים פאַרהאַלטן ביי זיין שרייב־טיש, זי האָט באַרעכטיקט זיין איינזאַמקייט אין זיינע אייגענע אויגן. ערב דער פּרעמיערע פון דער שטיפ־מוטער האָט ער צו האָסטענען, דעם דירעקטאָר פון היסטאָרישן טעאַטער, מיט באַאומרואיקונג און אָפנהאַרציק געזאָגט:

— מיין טייערער דירעקטאָר, די פאָרשטעלונג פון דער שטיפמוטער — דאָס וועט זיין עפּעס שווידערלעכס... פאַרשטייט מיך גוט. עס האַנדלט זיך

נישט אין קיין מעלאָדראַמע, ווו דער פאַררעטער צינדט אונטער דאָס הויז און וואַרפט אַן אַ מורא אויף די איינוווינער.

דער טשוויק־רויטער האָסטען האָט, שמייכלענדיק, זיך געשפּילט מיטן וווּרטפּולן רינגל, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן פינגער. ער איז גרייט געווען אויסצוהערן אַלע גרויזאַמקייטן פון הער באַלזאַק. אים האָט אינטע־רעסירט די שרייבערישע פאַנטאַזיע.

— ניין, הער דירעקטאָר, הערט מיך אויס! — באַלזאַק האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, גלייך ווי ער וואָלט געווען געהאַלטן אין איר אַ שווערד און אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ פון אַן אומבאַמערקבאַרן קעגנער, און אויסגערופן מיט פּאַטאָס: — ניין, הער דירעקטאָר! איך טרוים וועגן אַ סאַלאָן־קאָמעדיע, ווו אַלץ איז שטיל, רואיק, האַרציק. די מענער שפּילן געלאַסן אין וויסט ביי ליכט, אונטער לייכטע, גרינע אַבאַזשורן. די פרויען לאַכן און פּלוידערן ביי זייערע שטיקעריי־אַרבעטן. מען טרינקט באַלעבאַ־טישן טיי. מיט איין וואָרט: אַלץ קלאַפּט האַרמאָניש לויט אַ סדר.

פאַרזונקען אין זיינע רעיונות, האָט ער זיך פאַרטראַכט. האָסטען האָט זיך אָנגעלענט מיט אַן עלנבויגן און נישט דרייסט געבעטן:

— ווייטער, מ׳סיע באַלזאַק, ווייטער?

— הכלל, אין דאָזיקן מאָמענט צעפּלאָקערן זיך דיליידנשאַפטן, די דראַמע ווערט אָנגעבלאָזן און פאַרגייט אין טראַגן ביז זי ברעכט ענדלעך אויס ווי די פלאַמען בעת אַ שׂרפה. איר פאַרשטייט, האָסטען?

באַלזאַק האָט געקלאַפּט, טריאומפירנדיק, איבער דעם טעאַטער־דירעק־טאָרס פּלייצע. יענער איז אַוועקגעפאַלן אויף דער קאַנאַפּע, פונאַנדער־שפּרייטנדיק די הענט און האָט געשריגן:

— איך פאַרשטיי, מייסטער, אָבער צוליב וואָס די דאָזיקע אומפאַרזיכ־טיקע באַוועגונגען?

באַלזאַק האָט לחלוטין נישט געהאַט באַמערקט זיין אייגענע האַנדלונג און אויך נישט האָסטענס געשריייען. ער איז אָפּגעטרעטן מיט עטלעכע טריט פון דער קאַנאַפּע און, אָפּהאַלטנדיק מיט אַ זשעסט דעם מיטשמועסער, האָט ער פאַרגעזעצט:

— און נאָך דער דאָזיקער פּיעסע וועל איך אָנשרייבן פאַר אייך, האָס־טען, בלויז פאַר אייער טעאַטער, אַ ווונדערבאַרע טראַגעדיע.

ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און שטיין געבליבן אין אַט דער פּאָזע. אָנשטעלנדיק אויפן דירעקטאָר זיינע פינקלדיקע אויגן.

— דערלאַנגט ווייַן! — האָט אויסגערופן האָסטען, אויפשפּרינגענדיק פון דער קאַנאַפּע. — גיך דערלאַנגט ווייַן!

— וואַרט צו אַ ווײַלע, — האָט באַלזאַק שטיל געזאָגט, אַראָפּלאָזנדיק די האַנט און אָנווייזנדיק אים מיט די אויגן אויף דער קאַנאַפּע. — וואַרט אַ רגע. ווייַן? איר זענט דאַרשטיק? זייער גוט, דאָס וועט קומען נאָכדעם.

ער האָט גערעדט שטיל, ווי אַ פאַרשווערער, און, צולייגנדיק דעם פינ־גער צו זיינע ליפּן, האָט ער געהיימנישפול זיך אַרומגעקוקט.

— דאָס וועט זיין אַ טראַגעדיע, האָסטען, — האָט ער אַ זאָג געטון, אַוועקזעצנדיק זיך אויף דער קאַנאַפּע נעבן דעם דירעקטאָר.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיינע האָר האָבן זיך אויסגעשפּרייט אויף די אַקסלען.

— דאָס לאַנד, פון וואַנען כ׳קער זיך אום, זיינע מנהגים און תושבים, זיינע סטעפּעס און רחבות, זיין פּשטות און קאָמפּליצירטקייט — האָבן מיר געגעבן די אידייע פאַר דער דאַזיקער טראַגעדיע. הערט, הער דירעקטאָר!

האָסטען האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט.

— דער רוסישער אימפּעראַטאָר פּעטער דער ערשטער און זיין פרוי יעקאַטערינאַ — דאָס איז אַ גרויסע דראַמע אין שעקספּירישן גייסט, דער־גאַנצט מיט אומגעהויערן לוקסוס פון קאָסטיומען און דעקאָראַציעס. ער וועט אויפדעקן די געשיכטע פון פּעטער דעם ערשטן און זיין צווייטער פרוי. די סצענע פון אומרחמנות און טויט פון זיין זון, דאָס נעמען אין געפאַנגענשאַפט דעם גרויסן וויזיר אויפן פּרוט, די קרוינונג פון יעקאַטערי־נאַן — דאָס וועט צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנץ פּאַריז.

— בלויז פון פּאַריז? — האָט האָסטען טרוימעריש באַמערקט.

באַלזאַק האָט פאַרגעזעצט, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן חניפהדיקן אויסרוף פונעם דירעקטאָר.

— מיר דוכט זיך, אַז איך הייב אָן צו פאַרשטיין די דראַמע פון פּעטערן און פון יעקאַטערינאַן. ער וועט דאַרפן אַרויסברענגען דעם קאַמף פונעם זעלבסטהערשער קעגן זיין גאַנצער סביבה — זיין פרוי, דער שוועסטער, דעם זון, דער גייסטלעכקייט, דעם פאָלק. דאָס וועט גאַרנישט זיין אַזוי לייכט אויסצודריקן אין אַ דראַמע. מען וועט אָבער דאַרפן בייקומען אַלע שוועריקייטן.

— איר וועט עס זיכער באַווייזן! — האָט האָסטען אויסגערופן.

— איר מיינט אַזוי? — האָט באַלזאַק סקעפּטיש אַ פרעג געטון.

— איך בין טיף איבערצייגט — האָט זיך דער דירעקטאָר נישט באַרויִקט.

— און איך נישט.

באַלזאַק האָט עס נישט געמיינט ערנסט. ער האָט די דאַזיקע ווערטער אַרויסגעזאָגט סתם אַזוי. ער האָט אויף קיין איין רגע נישט געצווייפלט, אַז דאָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן. ער האָט געהאַט אַ טעות.

ער האָט אויסגעטרונקען מיט האָסטענען אַ פלעשל וויין און זיי האָבן זיך געזעגנט פריינט, רעדנדיק וועגן זייערע אַלטע באַקאַנטע. אָבער ביי־נאַכט האָט ער, ווי אַ חסר־דעה, געשריבן בריוו צו זיין שוועסטער לאָרע, צו עוולינען, צו לאָראַן־זשאַנען, אַרומגעשפּרייזט ביז אינדערפרי איבערן צימער, אַרומגענומען אין אַ נעץ פון שווערע און אומקלאָרע געדאַנקען.

לאַמאַרטינס געזיכט האָט געבלענדט פאַר זיינע אויגן ווי אַ פאַרוואורף. ער האָט אים אַוועקגעטריבן פון זיך ווי אַ שרעקלעכן געשפּענסט, און טראָץ אַלעם איז ער פאַרבליבן פּנים־אל־פּנים מיט אים. אין די דאַזיקע מינוטן האָט ער געהאַט חשק צו אַנטלויפן פון פּאַריז אין די ווייטע אוקראַיִנישע

סטעפּעס, אין דעם וואונדערלעכן ווערכאָווניע, ווידער זיך אַ הוידע טון אויף די קישעלעך פון דער קאַרעטע איבער דעם אַטאַמאַנישן טראַקט, ווי־דער שוועבן אין דער מיסטעריע, אין דעם אומבאַוווסטן. אָבער אין זיין דמיון זענען אויפגעשווומען דער באַרג טשעמאַדאַנען, איבערגעקערטע מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אויפן ראַדזיווילער צאַל־אַמט; דער פּאַנטאָפל אין די הענט פון זיין חנעוודיקער עוואַן — דער פּאַנטאָפל, מיט וועלכן זי האָט געשלאָגן איבערן קאָפּ דאָס שטובמיידל מאַרינאַ; דער בלינ־דער זקן אויפן קיעווער יאַריד; די העסלעכע צורה פון קאַרל האַנסקי; די שקלאַפעריי פון די ווערכאָווניער קנעכט — אָט דאָס גאַנצע שרעקלעכע גיהנום איז געשווומען און זיך פאַרגאָסן פאַר זיינע אויגן. אַ דערשעפּטער און דערשלאָגענער איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן פאָטעל. ער האָט זיך גע־פילט ווי איינגעשלאָסן אין אַ טעמפּן ווינקל, פון וועלכן עס איז שוין נישטאָ נישט קיין אויסגאַנג, נישט קיין צוריקקער. אַזוי האָט זיך געענדיקט זיין פרייהייט, אַזוי איז אויסגערונען געוואָרן זיין טרוים, אין אָט דער דושנער פּאַריזער נאַכט, ערב דער פּרעמיערע פון דער שטיפמוטער.

אויף דער פּרעמיערע איז באַלזאַק געזעסן אין אַ לאָזשע, נישט באַ־מערקנדיק, אַז ער בייסט זיך די פינגער, און אים האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז דער גאַנצער פּאַרטער האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. ער האָט איבערגעחזרט די ווערטער גלייך נאָך די אַקטיאָרן, און ווען דער גאַנצער זאַל און די אַרטיסטן האָבן, נאָכן צווייטן אַקט, געגומען אַרויסרופן דעם אויטאָר, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט אַנגסט, גלייך ווי דער מחבר וואָלט געזעסן הינטער אים, אין אַ טונקעלן ווינקל פון דער לאָזשע און נישט גע־וואָלט זיך באַווייזן. נאָר ווען דער גוטמוטיקער טעאַטער־דירעקטאָר האָט אים מיט געוואַלד אַרויפגעפירט אויף דער בינע, האָבן זיך די אַפּלאָדיסמענטן פאַרשטאַרקט און באַלזאַק האָט זיך פאַרהאַלטן נעבן דער באַלויכטענער ראַמפּע צווישן די שוישפּילער, ער האָט ווידער דערפילט די רואיקייט און זיכערקייט אין זיך.

באַלד נאָכדעם, שוין אַ צעשטראַלטער, האָט ער זיך איינגעקוקט אינעם טונקעלן שאָטן פון טעאַטער־זאַל, ער איז דורכגעלאָפן מיט די אויגן אי־בער די געזיכטער פון די פרויען און מענער, גלייך ווי ער וואָלט דאָרטן עמיצן געזוכט און אים נישט געפונען. ער האָט בלויז דערזען אין אַ לאָזשע פון דער רעכטער זייט טעאָפיל גאָטיע, דעם צופרידענעם און שמייכלענ־דיקן, באַרימטן, גוטן טעאָ, וועלכער האָט לאַנגזאַם אַפּלאָדירט, שעפּטשענ־דיק עפּעס אויפן אויער פון אַ שיינער פרוי.

דער זאַל האָט געקערט וועלטן און געדונערט פון די רוישיקע אַפּלאָ־דיסמענטן, פון די יובל־געשרייען לכבוד דעם אויטאָר און די אַקטיאָרן. און נישט געקוקט דערויף, האָט באַלזאַק דערפילט, בלויז אַ קורצע ווײַלע, — הגם דאָס איז געווען איבערגענוג — אַן אומאַנזעעוודיקע און נישט־פאַר־שטענדלעכע טויבע קעגנערשאַפט צווישן אים און דעם פּאַרטער. ער האָט עס ערשט פאַרשטאַנען פיל שפּעטער: די צושויער האָבן נישט געקענט אַפּצאָלן מיט פריינטשאַפט פאַר דער גרויזאַמקייט פון זיין פעדער.

די אַפּלאָדיסמענטן האָבן נישט אויפגעהערט. ער האָט זיך נידעריק פאַרנייגט פאַר די צושויער, געדריקט די הענט פון די אַקטיאָרן, און ער האָט פאַרלאָזן די בינע, אַ פאַרחידושטער און דערשראָקענער פון דער פוסטקייט אין זיין נשמה. האָסטען, אַ באַאומרואיקטער צוליב באַלזאַקס האַלטונג, איז אים נאָכגעלאָפן.

„וואָס איז דאָס פאַר אַ פיינשמעקעריי? האָט דער דירעקטאָר געזידלט פאַר זיך אַליין. — אַזויפיל דורכפאַלן, ווי ער האָט געהאַט ביים טעאַטער, ווי אַזוי זאָל אים אַט דער ערשטער דערפאָלג נישט האָבן באַפליגלט?“.

אָבער דער דערפאָלג, צו דער פאַרוווּנדערונג אפילו פון באַלזאַקן גופא, האָט אים נישט דערפרייט. סיי אין דער נאַכט נאָך דער פרעמיערע, סיי נאָכן באַגייסטערטן אַרטיקל פון טעאָפיל גאָטיע וועגן דער פאַרשטעלונג, האָט ער נישט איבערגעלעבט דאָס געגאַרטע, לאַנג־דערוואַרטע פאַרגעניגן.

אמת, ער האָט אָנגעשריבן עוולינען און אַריינגעלייגט אין קאָנווערט די ציימונגס־אויסשניטן מיט די לויב־רעצענזיעס וועגן דער פיעסע, אָבער פאַקטיש האָט ער דאָס אַלץ געטון גיכער ווי אַ פליכט, איידער פון גוטן ווילן. דאָס איינציקע, וואָס עס וואָלט אים ווירקלעך געקאָנט דערהויבן און באַרואיקן, — דאָס איז זיין חתונה מיט עוולינען.

וועגן דעם האָט געטראַכט באַלזאַק, אָט דאָס האָט ער זיך איינגערעדט אין די שלאָפלאָזע נעכט, בעת וועלכע ער האָט געזוכט אין דעם דאָזיקן געדאַנק די דערלייזונג.

אין אַ געוויסן טאָג, שפּאַצירנדיק איבער דער שטאָט, האָט ער צופעליק זיך געפונען אויף דער סענט־אַנטואַן גאַס. וויפל מאָל איז ער דאָ פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג צו דער לעדיגיער גאַס! באַלד ווי ער איז דאָרט אָנגעקומען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן דעם קאָפּ אויף צו באַטראַכטן די הונדערטער פּאַציאַטעס, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט אויף די דעכער ווי טויבנשלאַקן.

„צי האָט דער אַרכיטעקט פראַנסואַ מאַנסאַר זיך פאַרגעשטעלט — האָט באַלזאַק זיך פאַרטראַכט, — ווען ער האָט געצייכנט די הויכע דעכער מיט די דאָכפענצטערלעך, אַז אין די דאָזיקע בוידעם־שטיבלעך, אויף אייביק פאַרבונדענע מיט זיין נאָמען, וועט זיין אַזאַ שרעקלעכע איינזאַמקייט, אַזאַ אָרעמקייט און דלות, אויף וואָס עס זענען פאַראורטיילט די וויסנשאַפטלער און די פּאָעטן, די פּראָזאַאיקער און די דראַמאַטורגן?“.

און באַלזאַק האָט געהאַט חשק — צי דאָס איז געווען, כדי צו באַערן פראַנסואַ מאַנסאַר אָדער אָפּצושפּאָטן פון אים, ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט אין איצטיקן מאָמענט — אָנצושרייבן אַ פּאָעמע.

„אָבער צי האָב איך זי דען נאָך נישט אָנגעשריבן?“ — ער האָט פּראָסט פשוט זיך געחידושט, בלאָנדזשענדיק מיטן בליק איבער די דעכער פון דער לעדיגיער גאַס. נישט זייענדיק בכוח קעגנצושטעלן זיך זיין אייגענעם ווילן, איז ער געגאַנגען אַלץ ווייטער. עס האָט זיך אין אים דערוועקט אַ פּראָטעסט, אָבער צו שפּעט. אַזוי איז ער, פול מיט ספקות, דער־

גאַנגען צום אַלטן, פאַרגעסענעם, אַביסל מעלאַנכאָלישן, אָבער נאָך אַלץ נאָענטן און טייערן הויז.

אָט איז עס, דאָס אַלטע, איינגעהויקערטע הויז נומער 9! די זעלביקע ברייטע דעמבענע טיר, וואָס די צייט האָט זי בלויז עטוואָס טונקעלער געמאַכט, און די פענצטער אויפן ערשטן שטאָק האָבן זיך באַשיינפּערלעך אויסגעבויגן. ס׳איז אָבער נישט פאַראַן קיין שום צווייפל: דאָס איז עס, דאָס הויז נומער 9 אויף דער לעדיגיער גאַס, פון וואַנען באַלזאַק האָט אָנגעהויבן זיין אַנגריף אויף פּאַריז.

באַלזאַק איז אַרויף אויף די אַלטע סקריפּענדיקע טרעפּ, דורכגעגאַנגען די קאָרידאָרן פון די שטאָקן און ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער היימישער טיר.

מיט דרייסיק יאָר צוריק איז ער דאָ אַרויף צום ערשטן מאָל. ער איז געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט פאַר דער טיר און מיט אַנגסט געוואַרט ביז זיין אויפרעגונג וועט זיך שטילן. וואָס וועט געשען, אויב ער וועט, איבערטרעטנדיק די שוועל, דערזען צווישן די פיר ווענט פון דער מאָנסאַרדע אָט דעם אַכצן־יאָריקן בחור, וואָס איז געקומען פון דער ווייטער פּראָווינצער טורען צו דעראָבערן פּאַריז, און וואָס איז באַגייסטערט געוואָרן פון די העלדן־טאַטן פון זיין לאַנדסמאַן נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע? וואָס וועט ער דעם בחור זאָגן? וועלכע עצות וועט ער אים געבן?

אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן שטעקן, האָט באַלזאַק שוין געפּירט אַ שמועס מיט אָט דעם היציקן בחור. ער האָט זשעדנע איינגעאָטעמט אין זיך די עטוואָס פאַרדומפּענע לופט פון דער האַלב־טונקעלער מאַנסאַרדע און שטילערהייט איבערגעחזרט:

„יונגערמאַן, אויב איר זענט אַהערגעקומען, כדי צו דעראָבערן פּאַריז, טאָ זייט מוחל, קערט זיך ליבערשט אום קיין טורען. פּרובירט אייער מזל ערגעץ אַנדערש־ווו. איר קענט ווערן אַ ביוראָליסט ביים נאָטאַר לאָרען, חתונה האָבן מיט אַ רייכער אלמנה, אָדער גאָר שפּילן די ראָל פון אַ געליבטן פון אַריסטאָקראַטישע דאַמען, איר קענט ווערן אייגנטימער פון אַ שפּייז־געוועלבל. איר וועט פאַרמאָגן געלט און איר וועט ווערן געאַכטעט אין דער געזעלשאַפט. יונגערמאַן, — האָט באַלזאַק מוסר געזאָגט דעם אומזעבאַרן בחור — אויב איר מיינט צו אַנטדעקן גאָלד אָדער צו דערפינדן דעם אייביקן מאָטאָר? איז עס אַקוראַט, ווי צו שרייבן ראָמאַנען! פּטרט נישט אומזיסט אייער צייט און שטעלט אייך צוריק מיטביידע פיס אויף דר׳ערד. זאַפּט איין אין זיך די שמעקעדיקע לופט פון פּאַריז און ליבט זייך מיט די מיידלעך. פאָלגט מיך, יונגערמאַן, איך האָב אַ געוויסע דערפאַרונג אויפן דאָזיקן געביט. אַלע שכנים פון אָט דעם הויז וועלן אייך דאַן אַכטן און אפילו דער אייגנטימער גופא, פאַר וועמענס טיר איר גנבעט זיך אַדורך יעדע נאַכט, כדי ער זאָל אייך נישט דערהערן, — ווייל איר זענט אים שוין שולדיק פאַר אַכט חדשים דירה־געלט".

באַלזאַק האָט ענדלעך איבערגעריסן אָט דעם שטומען געשפּרעך, וועלכער האָט אים, אגב, אַביסל פאַרווײַלט. ער האָט געהערט רעדן הינטער

דער טיר. טריט האָבן אָפּגעהילכט אַ שטאָק נידעריקער. באַלזאַק האָט זיך דעצידירט אַנצוקלאַפּן דריי מאָל. פון הינטער דער טיר האָט אַ נישט שטאַרק גאַסטפריינטלעכע באַס־שטים זיך אָפּגערופן:

— אַריין!

באַלזאַק האָט אַ שטופּ געטון די טיר און איבערגעטרעטן די שוועל. ער האָט גלייך דערקאַנט דעם באַלעבאָס פון דער וווינונג. יאָ, דאָס איז געווען דער זעלבער מאַן, מיט וועלכן ער איז געלאָפן צום טילערי־פּאַלאַץ. יענער האָט באַלזאַקן אויך דערקאַנט.

— ווי אַזוי האָט איר מיך געפונען? — האָט ער מיט פאַרווונדערונג אַ פרעג געטון, דערלאַנגענדיק דעם גאַסט אַ שטול צום זעצן זיך.

— צופעליק — האָט באַלזאַק מודה געווען, אַוועקזעצנדיק זיך און אַראָפּנעמענדיק דעם קאַפּעליוש.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז געווען ווי פריער. בלויז אַ קינדער־בעטל און אַ שאַנק נעבן דער וואַנט — אַט דאָס איז געווען דאָס גאַנצע נייע מעבל. דאָס בעט איז געווען דאָס זעלבע — אַן אייזערן בעט אויף דינע פיסלעך, מיט אַ שוואַרץ־געשטרייפטן מאַטראַץ, וואָס האָט אַפּערגעקוקט פון הינטער די קאָלדרעס. און דאָס פענצטערברעט צעבראָכן, און פון אויבן איבערן פענצטער פאַרשטעלט נאָך אַלץ אַזוי די זון. אַלץ איז געווען דאָס זעלבע. עס האָט זיך גאָרנישט נישט געענדערט.

— ווי אַזוי האָט איר מיך געפונען? — האָט נאָכאַמאָל אַ פרעג געטון דער באַלעבאָס פון דער פּאַציאַטע, נישט אויסבאַהאַלטנדיק זיין אומצו־פרידנקייט.

„וואָס וויל פון מיר דער דאָזיקער הער?" — האָט געטראַכט ביי זיך דער גלעזער קאַנעל. ער האָט געכאַפּט אַ פיינלעכן בליק אויפן בעטל, וווּ עס איז געלעגן אין פיבער דער קליינינקער עיזשען.

— איך האָב אייך נישט געזוכט, — האָט אים באַלזאַק באַרויִקט. — שוין זייער לאַנג, מיט אַסך יאָרן צוריק, האָב איך געלעבט אין אַט דער מאַנסאַרדע, און מיר האָט זיך פאַרוואָלט, איר פאַרשטייט, אַ קוק טון אויף איר...

דער באַלעבאָס האָט אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ.

— נישט קיין וווּנדער, ס'איז זייער גוט, ווען אַ מענטש וויל אַריינ־קוקן אין זיין פאַרגאַנגענהייט, לאָמיר זיך באַקאַנען. איך הייס קאַנעל. קאַ־נעל דער גלעזער פון דער לעדיגיער גאַס. איר האָט אפשר געהערט?

באַלזאַק האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט זיין נאָמען. דער גלעזער האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט.

— איר זענט אַליין?

— יאָ, — האָט קאַנעל באַשטעטיקט, — פון וואַנען ווייסט איר, צו אַלדי רוחות?

— מען זעט, אַז דאָ איז נישטאָ קיין פרוי.

— אָ, איר האָט אַ געניט אויג! — האָט קאַנעל באַמערקט. — צי זענט איר נישט אַמאָל פון דער פּאָליציי?

— ניין!

קאַנעל האָט סקעפּטיש אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— איבעריקנס, איז עס מיר אַלצאיינס, — האָט ער זיך מודה געווען. — מיך האָט מען סיי ווי אָפּגענאַרט. איך בין ווידער הונגעריק און נאַקעט, מיין זונעלע האַלט ביים שטאַרבן, און איך האָב אים נישט מיט וואָס צו היילן. איך מיין, אַז עס איז נישט קיין אונטערשיד, צי מיטן קעניג, צי אָן אים, סיי ווי בלייב איך אָן אָרעמאַן.

ער האָט עס אַרויסגעזאָגט נישט ווי פאַר באַלזאַקן, נאָר סתם אַזוי, פאַר זיך אַליין, ער האָט גערעדט געלאַסן, אָבער מיט גרויסער אָנשטרענגונג.

— איך האָב דאָ אַמאָל געלעבט — האָט באַלזאַק פאַרגעזעצט, און זיך געוווּנדערט אויף זיין אייגענעם עגאָאיזם, נישט פאַרשטייענדיק, הלמאי ער האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף דיליידן פונעם גלעזער קאַנעל. — פונדאַנען, האָב איך געמיינט, וועט מען קענען אָנגרייפן פאַריז און אָפּהאַלטן אַ זיג.

„וואָס פלוידערט ער? — האָט דערביי געטראַכט קאַנעל. — צי איז ער נישט אַמאָל אַראָפּ פון זינען?".

— נו, וואָס־זשע, איר האָט געזיגט? — האָט אַ פרעג געטון קאַנעל, אויסשליסלעך אויף אונטערצוהאַלטן דעם געשפּרעך.

— ניין!

אָט דאָס קורצע און אָפּנהאַרציקע מודה זיין זיך האָט קאַנעלן אָפּגעשלאָגן די פליגל.

— הערט זיך איין, — האָט ער ערנסט אַ פרעג געטון, — צי זאָגט איר נישט קיין ליגן? זאָגט בעסער, וואָס איר ווילט פון מיר?

— איך זאָג נישט קיין שקר — האָט אומעטיק און שטיל געענטפערט באַלזאַק, — איך זאָג דעם ריינעם אמת. דאָ האָב איך געלעבט, דאָ האָב איך געוועבט חלומות, און איך בין זיך טועה געווען, קאַנעל. איך שרייב בי־כער, קאַנעל. נישט ווייניק האָב איך זיי שוין אָנגעשריבן, מיין נאָמען איז באַלזאַק, — און ער האָט איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל, ווי צו העלפן קאַנעלן צו דערמאָנען זיך: — אָנאָרע באַלזאַק. — ער האָט אויסגעמיטן, צום ערשטן מאָל אין לעבן, דעם פאַרטיקל „דע". צום ערשטן און לעצטן מאָל האָט ער זיך דערמיט געשעמט. — אפשר האָט איר געהערט וועגן אַזאַ שרייבער, האַ? — האָט ער קאַנעלן געפרעגט מיט האָפענונג.

קאַנעל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ליידער, צום באַדויערן. — אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט ער באַדויערט באַלזאַקן. — איך קען קוים לייענען, — האָט אויפגעקלערט דער גלעזער, — האָט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט און אַנטשולדיקט מיר פאַר מיין אומהעפלעכקייט.

דאָס נישט־ראַזירטע, וואַנציקע געזיכט פונעם גלעזער האָט אויפגעלויכטן מיט אַ וואַרעמען שמייכל, ער האָט אומגעשיקט געריבן זיינע גרויסע פאַרהאַרטעוועטע הענט.

און אַט זענען זיי ביידע געזעסן, דער אַמאַליקער און היינטיקער באַ־וווינער פון דער מאַנסאַרדע פונעם הויז אויף דער לעדיגיער גאַס נומער 9. מען האָט געהערט הינטערן פענצטער דעם טרוקענעם געריש פונעם ווינט. קנוילן רויך האָבן זיך דאָרטן אויפגעהויבן פונעם קוימען פון אַ שכנותדיק הויז. טייבעלעך האָבן געוואָרקעט ערגעץ־ווו הינטערן פענצטער, מעגלעך אפילו אויפן דאַך.

דאָס קראַנקע קינד איז, מיט צעשפּרייטע הענטלעך, געלעגן אינעם בע־טעלע. די שטילקייט פון דער מאַנסאַרדע איז געווען אָנגעצויגן ווי אַ פידל־סטרונע... דאַכט זיך, אַז ווען עמיצער זאָל זי צוליב אומפאָרזיכטיקייט אָנרירן, און זי וועט פּלאַצן. באמת אַ שאָד, וואָס קאַנעל האָט נישט גע־לייענט זיינע ביכער!

אויף צומאָרגנס האָט פראַנסואַ געבראַכט אין דער מאַנסאַרדע פונעם הויז אויף דער לעדיגיער גאַס נומער 9 פינף הונדערט פראַנק און פיר ביכלעך. ער האָט זיי אָוועקגעלייגט פאַר קאַנעלן אויפן טיש. דער גלעזער האָט פאַרהאַלטן ביי זיך די ביכער, און דאָס געלט האָט ער אומגעקערט פראַנסואַן. דאָס געלט איז שוין נישט נייטיק. עיזשען נייטיקט זיך מער נישט אין קיין מעדיקאַמענטן. אין דער פרי האָט אים דער פאָטער באַ־ערדיקט.

קאַנעל האָט לאַנג באַטראַכט די ביכער.

— דער קוזין פאָנס, דער פאָטער גאָריאָ, — האָט ער געלייענט די טיטלען אויף די שער־בלעטער. עיזשען גראַנדע, פאַרלוירענע אילוזיעס.

ער, דער גלעזער קאַנעל, האָט געקוקט דורכן פענצטער מיט פאַרכמור־רעטע, פייכטע אויגן. טרערן האָבן זיך באַוויזן אויף זיינע וויעס.

קאַפּיטל פערצן

דער גורל פון אַ מענטש

עס קען זיין, אַז דאָס איז פאַרשריבן געוואָרן גלייך דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט דערהאַלטן דעם בריוו פון האַנסקאַ, און מעגלעך אויך, אַז שפּעטער. איינס איז אָבער זיכער: ער האָט אָנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער, דערשטיקנדיק אין זיך דעם מאָדנעם אויפברויז, און מעגלעך, אַז אָט דער אומגעריכטער אויפברויז האָט אים, נעמלעך, געצוווּנגען זיך אַרומצוקוקן אויף דער פאַרגאַנגענהייט, דערזען זיך אין דער מאַנסאַרדע אויף דער לע־דיגיער גאַס און אויפסניי זיך אַריינמישן אין די קאָמפּליצירטע באַציאונגען פון פאָטער גאָריאָ מיט זיינע טעכטער. אַזוי צי אַנדערש, דאָס וויכטיקסטע אָבער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס צווישן די נאָטיצן אויף די זייטן פון

אַ גרויס בוך, איינגעבונדן אין סאַפּיאַן־לעדער, האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע פראַזן:

„...אַ ווייטע קרעטשמע אויף אַ פּוסטן וועג. אירע איינוווינער זענען אויסטערלישע נפשות. דער, וואָס האָט אַרויסגעריסן פון אַ פאָטערס האַרצן זיין איין איינציק קינד, איז אַ פאַרברעכער. צי אפשר גאָר די הייכטצייטיקע געזעלשאַפט — אָט די געזעלשאַפט, וועלכע גרויסט זיך מיט אירע אייזער־נע געזעצן, מאַכט שלום מיט אַזאַ פאַרברעכן? צוליב וואָס דאַרף מען וועגן דעם פרעגן? זי באַרעכטיקט דעם פאַרברעכער און שליידערט אַראָפּ אין אָפּגרונט די גערעכטיקייט. צי וועט די געשיכטע פון אַלטן קרעטשמער, פון זיין טאָכטער, פון וווּיל געבווירענעם גראַף און פון אייניקע אַנדערע קוואַלן נישט דינען אויף צו פאַרפולקאָמען די גאַלעריע פּערסאָנאַזשן פון דער מענטשלעכער קאָמעדיע?”.

און ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס ער האָט, מיט אַ טאָג שפּעטער, נישט ענטפערנדיק אויף גאָסלענס צודרינגלעכע פּרוון אויפצוקלערן, ווען עס וועט שוין סוף־כל־סוף אַריינפאַלן אין דער דרוקעריי דער צווייטער באַנד פון די פריערים, שטיל אַ זאָג געטון:

— גאָסלען, בעל־טובהניק מיינער, צי ווייסט איר, וואָס עס איז אַזוינס דער גורל פון אַ מענטשן? ניין, איר ווייסט נישט, ניין.

גאָסלען האָט בלויז פאַרחידושט אַ מאַך געטון מיט די הענט און אַר־מעטיק געשוויגן.

— ניין, איר ווייסט נישט. דער גורל פון אַ מענטש — דאָס איז דער קראַטער פון אַ פייער־שפּייענדיקן ווולקאַן, אין וועלכן עס שוימט אַ קאָכיקע לאַווע פון בילדער און מעטאַפאָרן, דאָס קלאַפּן פון האַרץ און אַ שטורעם פון אידייען, די טרייב־קראַפט פון דער פאַנטאַזיע, דער צעשטער־רערישער כוח פון דער ליבע, פון דער נידערטרעכטיקייט, פון פאַראַכטונג, רום און ירידה, האָפענונגען און ביטערער פאַרצווייפלונג, שנאה און טריי־הייט און ערגעץ־ווו, צווישן אָט דעם אַלעם, די ערלעכקייט, די ליבע, די שטאַרקע ליידנשאַפט. גאָסלען! איר האָט נישט געזען די רוסישע סטעפּעס, נישט געזען די וועגן פון אָט דעם רויען לאַנד, נישט געזען זיינע זין און טעכטער, גאָסלען, איר זענט קיינמאָל נישט געוועזן קיין קנעכט, אייך האָט מען נישט געשלאָגן איבערן קאָפּ מיט אַ פאַנטאָפל, אָן אויסגעאַרבעטן דורך אַ באַרימטן שוסטער? אייך האָט מען נישט געשמיסן אין אַ פערד־שטאַל, נישט פאַרשיקט קיין סיביר דערפאַר, וואָס איר האָט געשריבן לידער, נישט דערהרגעט לויט אַ פאַראָרדענונג פון זיין מאַיעסטעט. איר זענט, שליסלעך, נישט געוועזן קיין קרעטשמער און ביי אייך האָט מען נישט צוגענומען די איין איינציקע טאָכטער און מען האָט אייך נישט פאַרטריבן איבער דער וועלט ווי אַ בעטלער, איר זענט נישט אַראָפּ פון זינען אויס עגמת־נפש; און צי ווייסט איר, מיין פריינט, מיין באַפעלער, אַז אַהאַסוער פון הער עיזשען סי — דאָס איז קוים אַ ברוכטייל פון לעבן, און אפשר צומאָל קיין ברוכטייל אויך נישט, און עפּעס וואָס עס איז ענלעך צו אַ בודואַר־באָנבאָ־ניערקע, וואָס קיצלט פּיקאַנט די נשמה פון די איידעלע הערן און דאַמען.

קוקט נישט אויף מיר מיט אַזאַ פּאַראָורטייל, גאַסלען. באַלזאַק איז נישט אַראָפּ פון זינען, דער אַלטער באַלזאַק ווייסט אויסגעצייכנט, וואָס ער רעדט. צי ווייסט איר, אַז מען קען אויסבייטן אַ מיידל אַ שיינהייט אויף אַ יעגער־הונט? נישט שוין־זשע וועט אייער האַרץ נישט בלוטיקן, בעת איר וועט זיך דערוויסן, אַז די פרוי, וועלכע איר האָט פאַרגעטערט...

ער איז פּלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן. אויך גאַסלען האָט געשוויגן, וואַרפנדיק פון צייט צו צייט צעטומלטע בליקן אויף באַלזאַקן. און בלויז דער זייגער אויפן פונדאַמענטשטיין פון קאַמין האָט אָפּגעציילט די רגעס, פריילעך אויסגעקלונגען יעדע פינף מינוט און הינטער די ווענט האָט גע־רוישט דאָס זאַרגלאָזע פּאַריז.

אַזוי, שיער־נישט פאַרלירנדיק דאָס באַוווסטזיין און די פּאַרזיכטיקייט, האָט ער כמעט אַנפאַרטרויט אַ פרעמדן מענטשן זיין האַרץ, כמעט געעפנט די נשמה. „וואָס פאַסירט אַלץ נישט, ווען דו הייבסט אַזוי אָן צו גריבלען זיך אין די אייגענע געפילן? מיין גאָט! נישט שוין־זשע האָט מיך דאָס לעבן נישט אויסגעלערנט?".

באַלזאַק האָט אַ קלאַפּ געגעבן גאַסלענען אין דער פּלייצע און מיט אַ שולד־געפיל אַ זאָג געטון:

— לייגט נישט קיין אַכט אויף דער צעיושעטער פאַנטאַזיע פון אַלטן באַלזאַק. מיר וועלן אפשר צוגיין אין רעסטאָראַן וויאַפור?

און אָט זיצן זיי ביי אַ טיש אין „לע גראַן וויאַפור". דער רויטער בור־גאַן־וויין פינקלט אין די באָקאַלן. דער ריח פון געבראָטענעם הינדל האָט אָנגענעם געקיצלט אין די נאָזלעכער, אָבער באַלזאַק האָט, חוזק מאַכנדיק פון זיך אַליין, אַ זאָג געטון באַדינער:

— מיין פריינט, אויף דער הון קאָן איך בלויז קוקן. כדי איינצובייסן זי, דאַרף מען האָבן שאַרפע, פעסטע ציין... דערלאַנגט מיר בעסער גע־האַקט פלייש.

און דער מייסטער באַלזאַק, עסנדיק געשמאַק די דערלאַנגטע קאָט־לעטן מיט צעריבענע קאַרטאָפל, צוטרינקענדיק דערביי צוביסלעך וויין, האָט נישט באַמערקט די נייגעריקע בליקן, וועלכע מ'האָט אויף אים גע־וואָרפן פון אַלע עקן זאַל. ער האָט נישט געהערט דאָס געדעמפטע שעפּ־טשען, ער האָט געגעסן, פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, און ער האָט אפילו נישט געהערט דאָס, וואָס גאַסלען האָט מיט זיינע פעטע ליפּן עקשנותדיק אין אים אַריינגעטאָלקעוועט. בשעת־מעשה האָט דער רעסטאָראַן־אייגנטימער אַליין, הער אַלבער וויאַפור, רייבנדיק זיך די קורצינקע פוכיקע הענטלעך, באַגעגנט אויף דער שוועל די געסט מיט דער קאָנפידענציעלער מעלדונג:

— היינט עסט ביי אונדז אָונט־ברוויט מ'סיע דע באַלזאַק!

די יוגנטלעכע פון דער סאָרבאָנע, וועלכע זענען געזעסן אין אַ ווינקל ביי אַ טיש און געטרונקען וויין, האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון באַלזאַקן און גאַסלענען. לסוף האָט איינער פון די סטודענטן זיך דערוועגט און איז, מיט די דערמוטיקטע חברים, צוגעגאַנגען מיט דער גלאָז אין דער האַנט צו באַלזאַקס טיש.

ער האָט זיך באַגריסט, און באַלזאַק איז, קרעכצנדיק, אויפגעשטאַנען.

— מיט וואָס קאָן איך אייך דינען, מ׳סיע ?

דער יוגנטלעכער האָט זיך פאַרלוירן.

— מ׳סיע... מיר, מ׳סיע... איך האָב געוואָלט, מ׳סיע...

באַלזאַק האָט זיך האַרציק צעשמייכלט. אַמאָל האָט אויך ער געהאַט אַט אַזעלכע ראָזע באַקן און העלע האָר, און די אויגן האָבן אויך אַזוי גע־פינקלט, און אויך אַזוי גלאַטיק איז געווען זיין הויכער שטערן, אַ נאָך נישט צעקנייטשטער.

— איך הער אייך, מיין פריינט — האָט באַלזאַק וואַרעם אַרויסגעזאָגט.

— מיר, מ׳סיע! — האָט דער יוגנטלעכער אָנגעטון זיך אַ כוח — מיר אַלע, איך און מיינע קאָלעגן — ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן טיש אין ווינקל, וווּ עס זענען שוין געשטאַנען די סטודענטן מיט די גלעזער אין די הענט — מיר אַלע ווילן אייך מקבל־פּנים זיין, מ׳סיע באַלזאַק. די גאַנצע סאָרבאָנע, גאַנץ פּאַריז, גאַנץ פראַנקרייך...

די שטים פון סטודענט איז געוואָרן קרעפטיקער. ער איז בלייך געוואָרן און האָט אויסגעזען אין איצטיקן מאָמענט פרעכטיק־שיין; זיין יוגנטלע־כער ברען האָט ביז גאָר דעראָבערט באַלזאַקס האַרץ.

— גאַנץ פראַנקרייך, מ׳סיע, פרייט זיך, וואָס איר זענט ווידער דאָ אין פּאַריז. דערלויבט אויפצוהייבן דעם דאָזיקן כוס פאַר אייך, אונדזער באַליב־טער באַלזאַק, כ׳בעט מיר אַנטשולדיקן פאַר דער דאָזיקער אינטימקייט, אָבער איר ווייסט דאָך, אַז אַזוי רופט מען אייך אין פּאַריז, און איך וויל זאָגן, אַז מיר טרינקען פאַרן געזונט פון אונדזער באַלזאַק.

די סטודענטן האָבן, טופּענדיק מיט די קאַמאַשן, זיך אַ לאָז געטון צו באַלזאַקן. גאַסלען האָט געהייסן דעם באַדינער דערלאַנגען נאָך בורגאָן־וויין.

— לכבוד אונדזער באַלזאַקן!

— לכבוד דעם אויטאָר פון דער שאַגרין־לעדער!

— לכבוד דעם באַשאַפער פון דער געשיכטע פון צעזאַר ביראטאָט באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ!

אין רעסטאָראַן איז געוואָרן אַ טומל. אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן אַרומגערינגלט באַלזאַקן און גאַסלענען. דער פאַרלעגער האָט בלויז אויס־גערופן:

— גאַרסאָן, דערלאַנגט אַהער נאָך וויין!

אָבער וויין האָט שוין דערלאַנגט נישט דער קעלנער, נאָר מ׳סיע אַל־בער אַליין. זאָגט וואָס איר ווילט, עס איז אָבער פאָרט אַ געשעעניש! ער האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון גליק. ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט, ווי מען וועט נעמען דערציילן וועגן דער דאָזיקער אומגעווינלעכער באַגע־געניש פון מ׳סיע באַלזאַקן מיט די סטודענטן.

— מיינע הערן! — דער בלאָנדער בחור האָט אויפגעהויבן די האַנט, רופנדיק אַלעמען צו אָרדענונג; דער טומל האָט אויפגעהערט און ס׳איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל, זיין ברווזנדיקע שטים האָט פייערלעך אָפּגעקלונ־

גען: — איך שלאָג פאָר אויסצוטרינקען פאַרן רום פון פראַנקרייך — פאַר דער אַנאַרע דע באַלזאַק!

די גלאָז אין באַלזאַקס האַנט האָט אַ ציטער געטון.

— פאַר פראַנקרייך! — האָט ער שטיל זיך אָפּגערופן, טרינקענדיק לחיים מיט די סטודענטן. — פאַר אונדזער פּרעכטיק פראַנקרייך און פאַר אייך, מיינע פריינט!

עס איז געווען פון וואָס זיך איבערצונעמען. פון דער דאָזיקער עמאָציע האָט זיך געשטאַרקט דאָס האַרץ און אויפגעשטראַלט דער בליק. צי זענען אָט די יובל־געשרייען פון די סאָרבאָנע־דערצויגלינגען, אָט די פלאַמיקע בליקן, אין וועלכע ס'האָבן געלויכטן פאַרערונג און ליבע, אָט די רעספּעקט־פולע האַנט־דרוקן פון די יוגנטלעכע, נישט געווען קיין באַלוינונג פאַר זיינע לאַנגע יאָרן פּיין און לייד?! נישט זייענדיק אימשטאַנד צו דערדריקן אין זיך די פרייד, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט. עס האָט אויך געלאַכט דער אַנטציקטער גאַסלען. גיי ווייס! וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג — דער מייסטער באַלזאַק איז ווידער פריילעך, אין די אויגן זיינע פינקלט ווידער דער שטאַרקער פלאַם. דאָס האָט געהאַט אַ ווערלכן נישט איז באַדייט. ער וועט אַנשרייבן דעם צווייטן באַנד פּויערים, ער וועט אויך אַנשרייבן אַנדערע בייע ביכער. גאַסלען האָט געזיפצט אויס צופרידנקייט. דאָס איז באמת געווען אַן אַנגענעמער מאָמענט.

...דערנאָך, אפילו אויפן דריטן, אויפן פערטן טאָג — די צייט האָט דאָ קיין שום ראָל נישט געשפּילט — האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט וועגן אָט דער באַגעגעניש מיט די סטודענטן נישט סתם ווי וווּנדערלעכע מינוטן, נאָר ווי אַ געשאַנק פון גורל. ווייזט אויס, אַז אויך דאָ עקזיסטירט דעם מענטשנס שיקזאַל! מעגלעך, ווען ער וואָלט אַנטקעגנגעקומען לאַמאַרטינס אַנבאָט, וואָלט דאַן זיין שיקזאַל אַנדערש אויסגעפאַלן. מעגלעך, ווען ער וואָלט קיין אַכט נישט געלייגט מיט צוואַנציק יאָר צוריק אויפן בריוו פון דער אויסלענדערין, וואָלט ער אויך... דער רוח זאָל נעמען אָט די אַלע פאַרזיכטיקע „מעגלעך"! ווער האָט עס אויסגעטראַכט אָט דאָס פּחדנותדיקע, שרעקיקע, אומגעלומפּערטע וואָרט „מעגלעך", וואָס איז ענלעך צו פּליסיקן פּראָווינצער קעז?!

אים האָט ווייניק געאַרט, וואָס מען האָט איצט וועגן אים גערעדט אין די פּאַריזער סאַלאָנען. ער האָט נישט געלייענט די פעליעטאָנען, וועלכע מ'האָט וועגן אים געשריבן אין די צייטונגען. ער האָט זיך פאַרליבט אין דער איינזאַמקייט. זי איז געוואָרן זיין בעסטער דאָקטאָר. דאָס האָט זי אים געהאָלפן באַגרייפן די כּישופדיקע פאַרבינדונג פון די ווערטער — שיקזאַל פונעם מענטשן! — וועלכע האָט אים אַזוי געעגבערט זיינע געדאַנקען און דאָס האַרץ אין די דאָזיקע טעג. עוולין האָט אויך מסתמא נישט געטראַכט, וויפל עגמת־נפש עס וועט באַלזאַקן פאַרשאַפן איר בריוו מיט דער געשיכטע וועגן אַלטן קרעטשמער, וועגן גראַף מנישעקס קאַפּריזנעם, ווילד־משונהדיקן ראָמאַן מיט דער יונגער שיינער קרעטשמערקע. אין איר דערציילונג, וועלכע האַנסקאַ האָט באַטראַכט אַלס אַ פּיקאַנטע געשיכטע, האָט

באַלזאַק גראָד דערזען אַ טראַגעדיע. און זיין פאַנטאַזיע האָט זיך נישט־ווילנדיק געוואַנדן אין דער ריכטונג פונעם ווייטן לאַנד, ווו די מענטשן האָבן שוין געשאַפן אַ לעגענדע וועגן דעם מאַן, וועלכער וואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטל צו שטעטל אין זיין פולער געשטאַלט, וואָס האָט דעם כבוד צו טראָגן דעם נאָמען אַהאַסווער — דער אייביקער ייד.

הער עיזשען סי! וואָס וועט איר זאָגן וועגן דעם ?! באַלזאַק האָט דורכגעבלעטערט די זייטלעך פון אַהאַסווער, געצופּט די וואָנצעס, אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און געפירט אַ שטומען געשפרעך מיטן אויטאָר פון ראָמאַן, וואָס האָט אויפגערודערט די ברייטע עפנטלעכקייט. דאָס איז געווען אַ מאָדנער דיאַלאָג, און די פּאַריזער וואָלטן זייער געשטוינט, ווען זיי וואָלטן וויסן וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט אין אָט דעם געשפרעך. מעגלעך, אַז אָט די אַלע שטעכווערטער, וועלכע עיזשען סי האָט אַרויסגעבראַכט, וואָלט מען באַדאַרפט אַדרעסירן עוולינען, אָבער באַלזאַק האָט געוווסט, אַז עוולינען וועט ער דאָס דאָזיקע נישט זאָגן. און זיין געדאַנק האָט אים, צי ער האָט עס יאָ אָדער נישט געוואָלט, אַוועקגעפירט אין דער ריכטונג פון דער אַלטער קרעטשמע נעבן וועג, מיטגעריסן אים מיט זיך און, האָט אים, צעשפּילנדיק זיין ברויזנדיקע פאַנטאַזיע, אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט ליידנשאַפט און פאַרשפּעטיקטער חרטה.

אין דער צייט, ווען אין פאַריז איז געוואָרן פרילינג און דאָס צאַרטע גרינוואַרג האָט גענומען באַלעבן די הייפלעך אין פּאַסי־קוואַרטאַל, איז לענגאויס דעם אַלטן אַטאַמאַנישן טראַקט אַרומגעגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל אַ ידיעה, אַז פון ערגעץ־ווו פון מזרח האָט זיך באַוויזן אַ נע־ונדניק, אַ נסתר, וועלכער האָט אַרומגעוואַנדערט איבער שטאָט און דאָרף, אָנזאָגנדיק די מענטשן, אַז עס דערנעענטערט זיך דער סוף פון דער וועלט... ס'האָט אויך געטראָפן, אַז אין די פאַרגאַנגענע יאָרן איז דאָ און דאָרט אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג וועגן אַן ענלעכן מין נע־ונדניקעס, און יעדעס מאָל האָבן זיי זייער באַווייזן זיך פאַרבונדן מיט וועלכער נישט איז וויכטיקער געשעעניש. זייער אָפּט מיט אַ נאַרישער געשעעניש, איידער מיט אַ וויכטיקער. צום בעסטן האָט מען וועגן אַזעלכע מענטשן גערעדט אויף די יאַרידן, אָבער קיינער האָט זיי נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, כאָטש ס'האָבן זיך געטראָפן אויך אַזעלכע געשיכטעס, אין וועלכע זיי האָבן בפירוש געגלייבט, אַז זיי האָבן נישט בלויז געזען, נאָר אויך געפירט מיט זיי געשפרעכן און אפילו אָנגעהערט זיך פון זיי כלערליי גרויזאַמקייטן און בבא־מעשיות.

דאָס מאָל איז דער אומבאַקאַנטער מאַן, וועגן וועלכן ס'איז אַרומגעגאַנגען דער קלאַנג, נישט געווען קיין אויסגעטראַכטע זאַך. ס'האָבן אָפּגעהילכט די שניי־פאַלן, מיט סטייעס קראַניכפייגל האָט זיך דער פרילינג געוואָרפן אויף די דרומדיקע סטעפּעס. מיט אַ ווייטן אָפּהילך האָט דער ערשטער דונער אַ זעץ געטון אין די לאָנקעס, און דער לבנה־קאָרב האָט זיך צעשפּילט מיט אַ זילבערדיקן אָפּשיין אין דער מאָסע פון די פרילינגס־

וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם הערשנדיקן כּוח פֿונעם ווינט און געשוווּמען איבער דער סטעפּ, געשפּאָלטן דעם אומאויפֿהערלעכן, פֿרייִלעכן צופֿלוס.

דער אַלטער לייבקע האָט, קוקנדיק צופֿעליק אויפֿן הימל, דערזען אין דער בלענדנדיק־געשליפֿענער לבֿנה אָט די וואָלקנס און ער האָט נישט־ווילנדיק אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט, בעטנדיק אויף אַ נס. און אויף אַ ווײַלע האָט זיך אין דער וואָלקן־מאַסע פֿאַר זײַנע אויגן באַוויזן נחמהס געזיכט, און די דאָזיקע ווײַלע איז גענוג געווען, ער זאָל, ווי געטראָפֿן פֿון אַ דונער, אַנידערפֿאַלן אויפֿן רוקן אין מיטן וועג.

אים האָבן באַגעגנט די פֿורמאַנעס, וועלכע זענען געפֿאָרן מיטן אָבאָז קיין אַזאָוו ברענגען זאַלץ. זיי האָבן אים גלייך דערקאָנט. די נויט און פּײַן האָט זיך טאַקע גענוג אָנגעזעצן אויף זײַן אויסגעמוטשעטער פֿיזיאָנאָמיע, אָבער די פֿורמאַנעס האָבן נאָך נישט געהאַט אַזאַ שלעכטן זכּרון, זיי זאָלן נישט דערקענען דעם אַלטן קרעטשמער, בײַ וועמען זיי האָבן, אונטער דעם הילצערנעם דאַך פֿון „גאָלדענעם האָן”, אויסגעטרונקען נישט איין גלעזל שנאַפּס... לייבקע אָבער האָט זיי נישט דערקאָנט. און כאָטש דער אַטאַמאַן פֿון אָבאָז סידאָר נעמירטשוק האָט זיך שוין צום הונדערטסטן מאָל געקלאַפּט מיט דער האַנט אין האַרצן, אויסרופֿנדיק דערבײַ: „נו, דערמאָנסט זיך, לייבקע, דאָס בין איך עס דאָך, סידאָר, נו, דערמאָנסט זיך, גיב זיך אַ רייב דעם שטערן!”, אָבער לייבקע האָט געקוקט איבער סידאָרס קאָפּ אַריבער אין דער סטעפּ אַרײַן און פֿירגעברענגט דאָס זײַניקע:

— גיב מיר אָפּ מײַן טאָכטער, האַלפֿערין זשוליק! גיב מיר אָפּ נחמהן, האַלפֿערין תּלין! פֿאַרוואָס האָסטו איר פֿאַרוויסט דאָס לעבן, שווינדלער!...

די פֿורמאַנעס האָבן מיט מיטלייד געקוקט אויפֿן זקן. און ער איז געשטאַנען קעגנאיבער זיי אומבאַוועגלעך־שטייף, בלויז זײַנע ווערטער האָבן זיך געשיט פֿון די אויסגעטריקנטע ליפּן — ווערטער פֿול מיט צער און פֿאַרצווייפֿלונג.

אויף אַ ווײַלע האָט אין לייבקעס, מיט שײַנע אָדערלעך, געמאָרשטשעטע אויגן, פּלוצלונג אויפֿגעבליצט אַ שוואַך פֿײַערל פֿון געזונטן שׂכל, און ער האָט, אין כּעס ווערנדיק, שטיל אַ זאָג געטאָן:

— איך גיי, כ׳גיי. מ׳וואַרט אויף מיר. איך טראָג דעם גזר מן השמים פֿאַר האַלפֿערינען דעם רוצח. לאָזט מיך, באַרעמהאַרציקע מענטשן, לאָזט מיך!

— גיי, ברודערל! — האָט אומעטיק אויסגערופֿן סידאָר נעמירטשוק.

איינער פֿון די פֿורמאַנעס האָט אַרײַנגעלייגט אין לייבקעס ליידיקער טאָרבע אַ לאַבן ברויט. דער אַלטער האָט זיך נידעריק פֿאַרנייגט פֿאַר די בעלי־עגלות און, נישט אומקוקנדיק זיך, איז ער אַוועק אויף מזרח. און זיי זענען נאָך לאַנג געשטאַנען אויפֿן וועג און אים נאָכגעקוקט, ביז וואַנען זײַן אײַנגעהויקערטע פֿיגור איז נישט פֿאַרשוווּנדן אונטער די הרי־חושך, וווּהין עס לאָזן זיך אַראָפּ די הימל־הויכע הונדערט־יאָריקע לינדביימער.

אָוונט־צייטביים טרינקען קאַווע, אין גראַף מנישעקס סאַלאָן, אין פּאַ־מיליע־מאַיאָנטעק ווישניעוויעץ, האָט דער גוט־באַזיצער זאַמבראַאָווסקי, דעם גראַפס אַ שכן, גלאַנצנדיק מיט די אויגן, דערציילט פּאַר די שליאַכ־טשיצן, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אַרום נידעריקע טישלעך, די סענ־סאַציאָנעלע געשיכטע וועגן דעם משוגע־געוואָרענעם קרעטשמער. זאַמ־בראַאָווסקי, פּונקט ווי ס׳רוב פון די אַנוועזנדיקע, האָט זייער גוט געוווּסט, אַז אין איינעם פון די פּאַוויליאָנען אין פּריצישן הויף געפינט זיך אַלס געפאַנגענע דעם אַלטן לייבקעס טאָכטער. דער גראַף מנישעק האָט גלייכ־געמאַכט דעם מאָנאָקל אין אויג, געגעבן אַ קרומען שמייכל און, גלעטנ־דיק מיטן פינגער די גלאַט־ראַזירטע גאָמבע, האָט ער אַ זאָג געטון:

— פאַרוואָס זאָל מען אָט דעם אומגליקלעכן נישט אָנרופן אַהאַס־ווער?

— אַהאַסווער? אָ, דאָס איז וווּנדערבאַר!

פּאַני זאַמאָיסקאַ האָט געפּאַטשט בראַוואָ פון באַגייסטערונג. זאַמ־בראַאָווסקי האָט, אַ פאַרלוירענער, געבלינצלט מיט די אויגן. ווער איז דאָס דער אַהאַסוועַר? מנישעק האָט זיך איינגעבויגן צו אים און אויפגעַ־קלערט:

— אַהאַסוועַר, פּאַן זאַמבראַאָווסקי, דאָס איז דער סינאָנים פון איי־ביקן ייד. איר האָט זיכער נישט געלייענט דעם ראָמאַן פון פראַנצויזישן שריפטשטעלער עיזשען סי אונטער אַזאַ טיטל?

זאַמבראַאָווסקי האָט בכלל גאָרנישט נישט געלייענט. ער האָט גע־הויבן מיט די פּלייצעס און זיך דערלויבט אָפּצוחוזקן אָנשטאָט צו ענט־פערן. אַ מאָדנער פאַרשוין אָט דער גראַף. ער האָט געלט ווי מיסט, ער קען לייענען ראָמאַנען און אויפהאַלטן ביי זיך אַ האַרעם ווי אַ טער־קישער פּאַשאַ! אָט אפילו איצטער לייגט זיין פרוי אויף גאָרנישט נישט קיין אַכט. וואָס גייט איר אָן אַהאַסוועַר? אַננאַ האָט, נעמלעך, געטראַכט וועגן עמעצן אַנדערש. עס איז איר נישט אַרויס פון קאָפּ די ווערטער פונעם יונגן ראַדזיוויל, וועלכער האָט איר נעכטן אין אַ געשפּרעך געמאַכט אַ ליבע־דערקלערונג, און אַצינד האָט ער פון איר נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דאָס האָט איר פאַרווילט — זי האָט זיך דערמאָנט דער מוטערס געשיכטע וועגן די חנדלעך, וואָס עס האָט איר געמאַכט דער יונגער פּירשט.

ווען ס׳האָט זיך געהאַט געענדיקט מיט אַהאַסווערן און די געסט זענען אַריבערגעגאַנגען אויף אַ מער אינטערעסאַנטערן געשפּרעך, האָט מנישעק אומבאַמערקט זיך אַרויסגעשאַרט פונעם סאַלאָן. זיין פאַרוואַל־טער וואַלעווסקי האָט ער באַגעגנט אין קאַנטאָר. יענער, דערזעענדיק אויף דער שוועל דעם גראַף, איז גלייך אויפגעשפּרונגען.

— כ׳בעט אייך זיך נישט צו באַאומרואיקן!

מנישעק האָט זיך געזעצט אויפן טיש, וואַרפנדיק מיט די פיס.

— פּאַן וואַלעווסקי!

— איך הער אייך, עקסעלענץ!

— ס'גייען אַרום קלאַנגען, אַז דער אַלטער קרעטשמער שלעפּט זיך ערגעץ אַרום אין אונדזערע קאַנטן. איר פאַרשטייט, איך וויל נישט, ער זאָל זיך פּלוצלונג דאָ באַווייזן, און בכלל מיין איך, אַז מיט אָט דער גאַנצער שטותערייַ איז צייט אַ סוף צו מאַכן. איר פאַרשטייט?

וואַלעווסקי האָט זיך פאַרנייגט. ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. די ווער־טער זענען געווען איבעריק.

— שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט אָט דעם כיטרען האַלפּערינען. זאָל ער אַלץ נעמען אויף זיך.

— איך הער דעם הויך וויל געבוירענעם פּאַן!

— וואָס הערט זיך אין פּאַוויליאָן?

— שוין דריי טעג, ווי דאָס מיידל עסט גאָרנישט. איך דענק, אַז זי גייט ביסלעכווייז אַראָפּ פון זינען...

מנישעק האָט גלייכגילטיק אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון טיש.

— איך פאַרלאָז זיך פולשטענדיק אויף אייך, פּאַן וואַלעווסקי!

די דאַזיקע ווערטער האָבן פון דער שוועל אָפּגעקלונגען ווי אַ באַפעל. דער פאַרוואַלטער האָט זיך נידעריק פאַרנייגט הינטער דעם גראַפס פּלייצע.

...אַזוי איז אַנטשטאַנען די לעגענדע. אין די שטעטלעך, אין די הייזקעס מיט די ברודיקע, אומדורכדרינגלעכע פענצטערלעך, וווּהין עס רייסט זיך קוים דורך די ליכטיקע שיין, האָט מען גענומען זיך סודען. דער אומגעוויינלעכער קלאַנג, וואָס איז אַרומגעגאַנגען, האָט אויפגע־הערט צו זיין אַן אויסגעטראַכטע זאַך. דערפון איז געוואָרן אַ מעשה שהיה און האָט ביי אַסך דערוועקט האָפענונג. מעגלעך, אַז די בויט וועט טאַקע אינגיכן ווירקלעך פאַרשווינדן ווערן ווי אַ בייזער חלום? מעגלעך, אַז צו דער אָרעמקייט וועט טאַקע באַלד נעמען אַ סוף? און וואָס וועט זיין, אויב ס'איז טאַקע אַ שליח מן השמים? אומזיסט מיינט איר, רופט מען אים דער אייביקער ייד? אַנדערש אָבער האָט מען געריעדט אונטער די אייזערנע דעכער פון די פעסט־געבויטע און רחבות־דיקע האַנדלס־הייזער, אַרומגערינגלטע מיט פאַרקאַנס און מיט לאַנגע רייען שפּייכלערס און שאָפּעס. דאָרט איז דער קלאַנג וועגן אייביקן ייד פאַרבליבן נישט מער ווי אַ בבא־מעשה, אַ לעכערלעכע און פּוסטע פאַנטאַזיע. ווער וועט גלייבן אין דער דאָזיקער פלוידעריי וועגן עק וועלט? וועמען וועט עס זיך לייגן אויפן שכל, אַז אַ שליח פון הימל איז אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, כדי אַ סוף צו מאַכן צום כוח פון גאָלד און צו באַגליקן מיט אוצרות די אומגליקלעכע אָרעמע־לייט? אָבער יעדע זאַך דאַרף האָבן אַ גרענעץ. מ'טאָר נישט דערלאָזן, אַז דער קלאַנג זאָל ווערן אַ שטערונג אין די געשעפטן, וואָס ברענגען אַריין ריווחים. וועמען זענען נייטיק אָט די נסים ונפלאות? און בכלל, צו וועלכע רווחות שלעפּט זיך אַרום אָט דער אייביקער ייד איבער די וועגן? ער קען נאָך, חלילה, איבערשרעקן די פערד אויפן טראַקט. אָבער

אים וועט אויספעלן כוח אַראָפּצושלאָגן פון מוט די רייכע סוחרים אין בערדיטשעוו, אין בעלאַיאַ צערקאָוו אָדער אין קאָראָסטישעוו... ניין, דאָ וועט קומען זיין סוף! אַזוי האָט אויך געטראַכט דער בערדיטשעווער באַנקיר האַלפּערין, ביי אָט דעם געדאַנק האָט זיך געהאַלטן זיין פּאַרוואַלטער נחום ווייסענבוים. אָבער אברהם דער שמיד, און פּסח דער רימער, און די מוטער פון די זעקס קינדער — די מומע חנה — האָבן אַנדערש געטראַכט. זיי האָבן געוואַרט אויפן אָנקומען פון אייביקן ייד, גלייבנדיק אין דעם, אַז ער וועט זיי ברענגען גליק, און האַלפּערינען — דעם דלות.

דער קלאַנג איז אַרומגעגאַנגען פון שטעטל צו שטעטל. אַסך האָבן געוווּסט: דער אייביקער ייד — דאָס איז נישט קיין אַנדערער ווי לייבקע דער קרעטשמער פון „גאָלדענעם האָן", אָבער אפילו די, וואָס האָבן עס געוווּסט, זענען געווען גענייגט צו גלייבן, אַז דאָס איז נישט דער קרעטשמער, נאָר טאַקע אַ שליח מן השמים. די לעגענדע האָט געטון אירס. דערין איז אויך געלעגן דער כוח פון דער מענטשלעכער גערעדעריי. זי האָט דערקוויקט דאָס האַרץ. אין דער פאָרם פון אַ קורצינקן בריוו, אָנגעשריבן אין אַן אויסגעצייכנטן פראַנצויזיש, האָט זי זיך געפונען אויפן טיש פון אָנאָרע דע באַלזאַק אין פּאַריז. אָבער נאָך פריער איז זי בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן אין ווערכאָווניע און אויפגעצוווּנגען לעווקאַן פעסט צו איילן די פּויסטן און אָפּצושרעקן די פּריצטע האַנסקאַ אין אַ זייט פון איר ווייס־מויערדיקן שלאָס.

עס האָבן אָפּגעהילכט די שניי־פאַלן. די ערשטע פרילינג־געוויטערן האָבן אויסגעשלאָגן אין הימל־געוועלב געבראָכענע זיגזאַג־בליצן. עוולין האַנסקאַ איז אַרויס אויף דער טעראַסע און זשעדנע, מיט דער פולער ברוסט איינגעאָטעמט די פאַרשיכורנדיקע סטעפּישע לופט. דער פרילינג איז אָנגעקומען. עס האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון פיינלעכע פאַרגעפילן. עוולין האָט געטראַכט וועגן פּאַריז. דאָרט, אין פּאַסי־קוואַרטאַל, אויף דער פאָרטינע גאַס, אין הויז נומער 12, האָט געוואַרט אויף אירס אַ וואָרט אַ מענטש, וועמען גאַנץ אייראָפּע האָט געקענט. אָבער אויך זי האָט געוואַרט. וואָס וועט דער דאָזיקער פרילינג ברענגען פון פּעטערבורג? אַ געדאַנק האָט ביי איר אויפגעבליצט: אָנפאַרטרויען זיך אינגאַנצן דעם אייגענעם גורל, מבטל זיין די פאָרזיכטיקייט, אַוועקפאָרן קיין פּאַריז. אָבער ניין. דאָס וואָלט בפירוש געווען זעלבסטמאָרד. זי איז נישט קיין אַכצן־יאָריק מיידעלע. און די צייט פונעם אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם פאַרן ווערק פון דער מענטשלעכער קאָמעדיע איז פאַרביי. און צי איז ער גאָר בכלל געווען, אָט דער ענטוזיאַזם, אויסערגעוויינלעך? אין פראַנקרייך איז אַצינד אויך נישט פרויגלדיק. משמעות, אַז די רעוואָלוציע איז געווען אַ קאָרטן־מאַכינאַציע פון דער בורזשואַזיע, ווי עס האָט טרעפלעך זיך אויסגעדריקט ביביקאָוו וועגן די יאַנואַר־געשעענישן, אָבער עוולינען האָט געשראָקן די ידיעה וועגן דעם, וואָס באַלזאַק האָט זיך באַוויזן אין טילערי־פּאַלאַץ צוזאַמען מיט די הינטערשטאָטישע

איינוווינער. די געשיכטע וועגן דעם פראַנז פון דער שאַגרין־לעדער האָט נישט געקענט באַרעכטיקן די דאָזיקע חוצפּהדיקע האַנדלונג. אין די דאָזיקע טעג, אָנגעטרונקענע, דורכגעדרונגענע מיטן הויך פונעם ערב־פרילינג, האָט האַנסקא באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ווערכאָווניע, אָבער נישט, כדי צו פאָרן קיין פאַריז און צו אָנאָרען, נאָר פאַר אַלעמען אויף אַ רייזע קיין ווישניעוויעץ, וווהין עס האָבן זי פאַרבעטן אַננאַ און מנישעק.

ווי נאָר עס האָבן אויסגעטריקנט די בלאָטעס אויף די וועגן, האָט די גרעפין באַפוילן איינצושפּאַנען די קאַרעטע. אויף באַלזאַקס פילמאַליקן שרייבן, האָט עוולין געענטפערט מיט אַ קורץ בריוול, זייענדיק זיכער, אַז ער וועט נאָך אָנשרייבן.

הינטער בערדיטשעוו האָבן זיי איבערגענעכטיקט אין דער סטעפּ. זיי זענען געבליבן שטעקן אין אַ זומפּ. אומזיסט האָט געשריגן דער קוטשער, שמייסנדיק אכזריותדיק די פערד, אומזיסט האָט זשעגמאָן זיך אויפגערעגט — עס איז גאָרנישט מעגלעך געווען אויפצוטון. זיי האָבן באַשלאָסן צו וואַרטן ביז אויף צומאָרגנס. די גרעפין האָט זיך איינגעהילט אין דער קאָלדרע, צוזאַמענגענומען די קני און געדרעמלט. צופוסנס נעבן איר, צונויפפלעכטנדיק זיך ווי אַ קוילעטש, איז געשלאָפן מאַרינאַ.

אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעמאַטערט די נאַכט, און בעת די זון האָט אויפגעשיינט, האָבן דער קוטשער און זשעגמאָן ווידער גענומען זיך צו דער קאַרעטע. זיי האָבן איבערגעשפּאַנט די פערד, אויסגערייניקט די בלאָטע פון אונטער די רעדער. ענדלעך האָבן די פאַרשוויצטע פערד גערירט די קאַרעטע פון אָרט. באַלד זענען זיי אַרויסגעפאָרן אויפן גלאַטיקן, טרוקענעם טראַקט.

עוולין האָט באַפוילן זיך אָפּצושטעלן. זי האָט זיך באַפרייט פון די פלעדן און, אויפהייבנדיק דעם זוים פון איר קלייד, איז זי אַרויס פון דער קאַרעטע. זי איז אָפּגעגאַנגען אַביסל אין אַ זייט און זיך אַרומגעקוקט. אַרום איר האָט זיך אויסגעשפּרייט די סטעפּ, אַ באַדעקטע מיט אַ צאַרטן, שרעקעוודיקן גרינוואַרג. די פייגל אויף די ביימער האָבן זיך געוואַרעמט. אין דער טיפענע פונעם הימל־געוועלב האָט די זון געפלאַמט. און עס האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז איבער דעם אַלעמען האָט געהילכט אַ גיגאַנטישער גלאָק, ס'האָט געהערשט אַ וווּנדערלעכע האַרמאָניע פון קלאַנגען, גלייך ווי טויזנטער פידל־שפּילער וואָלטן געשאַפן פּרעכטיקע מעלאָדיעס; עוולין האָט אויפגעקנעפּלט איר פוטער און, דערקוויקנדיק זיך מיט די פרילינגס־שפּראָצונגען פון דער ערד, האָט זי געטראַכט וועגן דאָס איריקע. אַ צען טריט אָפּגערוקט פון איר איז געזעסן די שווייגעוודיקע, אומעטיקע מאַרינאַ. דעם שטובמיידל איז געווען שווער אויפן האַרצן. זי האָט געוווּסט, אַז וואַסילי פאַרברענגט אין ווערכאָווניע זיינע לעצטע טעג. צוליב דער שולד פונעם פאַרוואַלטער איז אים באַשערט אַריינצופאַלן צו פאָניען אין די הענט. מאַרינאַ האָט זיך שוין געוואָרפן דער פאַני צו די פיס, געבעטן זיך צו דערבאַרעמען, איר אָנפאַרטרויט איר טרוים:

— כ'וויל חתונה האָבן מיט וואַסילין.

— נאָך צו פרי פאַר דיר צו נעמען אַ מאַן — האָט יענע געענטפערט — אחוץ דעם איז דיין חתן שטאַרק חוצפּהדיק. ער וועט זיך אומקערן פון די סאָלדאַטן, דעמאָלט וועסטו פראַוועון די שמחה.

מאַרינאַ האָט געזען, אין וועלכן מעמד עס קערן זיך אום די סאָל־דאַטן... פאַר וועמען פריילינג איז אַ גן־עדן, אָבער פאַר איר איז פריילינג אַ פייערדיקער גיהנום.

...עוולין האָט געטראַכט וועגן דאָס איריקע. אָט איז ער, דער גאָט־נעבענטשטער פריילינג, אָט איז זי, די כישופדיקע סטעפּ. גליאיקע אַראָ־מאַטן פון באַנייאונג און יוגנט נעמען דיך אַרום אין דער סטעפּ. דו אָטעמסט, דו זאַפּסט איין אין זיך מיט ציטערנדיקע באַזלעכער די לופט, ווי אַ טייערן זאַפט פון אייביקער יוגנטלעכקייט. און די יונגשאַפט גייט אַוועק. פאַר־שווינדט פון די אויגן, גלייך ווי אַ ים־שיף אויפן האָריזאָנט, הינטער ריזי־קע קאַמען פון אַנלויפנדיקע כוואַליעס.

געווען אַ צייט, ווען זי איז געווען איבערצייגט, אַז אָנאָרע וועט באַ־שיצן איר יוגנטלעכקייט, גלאָריפיצירן און דערהויבן איר נשמה, פאַרפּיל־פאַכן איר רייכטום און באַשענקען זי מיט רום.

אין דאָזיקן מאָמענט טראַכט זי וועגן אים אין דער רחבותדיקער אומ־ענדלעכער סטעפּ און זי זעט זיין נידעריקע, פעסט־געבויטע פיגור, זיינע אומרואיקע הענט, זיין פאַרזאָרגט געזיכט מיט די אַראָפּהענגענדיקע וואָנצן איבער זיינע פּולע, עטוואָס אָפענע, ליפּן און די שיטערע שוואַרץ־געוואָרענע ציין...

און אפילו אין דער פאַנטאַזיע וואָגט זי נישט אַריינצוקוקן אים אין די אויגן.

...אַזוי האָט עוולין געטראַכט, נישט וויסנדיק גענוי אויף וועלכער וועלט זי איז, וואָס ווייטער וועט זיין, צי וועט זייער שידוך דערגיין צו אַ טאָלק. און אגב, איז שוין שפּעט אַצינד צו זיין איבערקלייבעריש. פאַר אירע יאָרן האָט זי שוין גענוג איבערגעלעבט, זיך באַקענט אַזוי גוט מיטן גלאַנץ ווי מיט די צרות. שוין די העכסטע צייט, אַז איר שיף זאָל צושווי־מען צו אַ שטילן און רואיקן האָפן. אויף איין רגע ווילט זיך איר גלייבן, אַז דאָס הויז אויף דער פּאַרטינע גאַס אין פּאַריז, וואָס באַלזאַק לויבט אַזוי אין הימל אַריין אין זיינע בריוו, איז טאַקע דער שטילער האָפן פון אירע טרוימען.

אָבער טראַכטנדיק אַזוי, דערמאָנט זי זיך גלייך וועגן באַלזאַקס נישט־אָפּגעשוואַכטן חשק צו קומען צו איר קיין ווערכאָווניע; וועגן זיינע פּלאָ־מיקע ווערטער, אין וועלכע ער דריקט דייטלעך אויס זיין האָפענונג, אַז זי וועט אים אַרויסרופן צו זיך. זאָל ער אַביסל צוואַרטן. עוולין פירט מיט זיך קיין ווישניעוויעץ די אינטימע בריוו פון איר גרויסן פריינט, זי וועט זיי איבערלייענען נישט מיט ווייניק פאַרגעניגן, פאַר איר טאַכטער און איר איידעם.

זאָלן זיי נישט מיינען, אַז די גרעפין האָט שוין אירס אָפּגעלעבט! אַ

לייכט וואלקנדל באדעקט איר צארטן הויכן שטערן. אנארע דערציילט אין זיינע בריוו וועגן די שטורעמס, וועלכע האבן אויפגעטרייסלט פראנקרייך, ער רעדט וועגן זיין באגער ווידער זיך צו געפינען אין ווערכאווניע, ווי וועגן א שטארקן דראנג צו אנטלויפן; דאס איז גראד דערפרייענדיק. די דאזיקע ווערטער וועלן געפעלן ווערן דעם גענעראל־גובערנאטאר ביבי־קאוו און זיי וועלן בארואיקן נאך עמיצן.

די זון־שטראלן דערוואַרעמען עוולין האנסקאן. זי איז שוין פארשי־כורט פון די ריחות פון די סטעפישע גראזן, פון די אומאויפהערלעכע פייגל־צוויטשערייען. און ווען דער געוויש פון דער קארעטע האט איבער־געריסן איר טרוימעריי, איז זי ווי אראפגעפאלן פון הימל אויף דר׳ערד. אומדרייענדיק זיך, האט זי דערזען א זקן, אפגעריסן און אפגעשליסן, מיט א זעקל אויף דער פלייצע. דער אלטער האט זיך אנגעשפארט אויף א גרויסן וואנדער־שטאק און מיט נייגער אריינגעקוקט אינעם אפענעם טירל פון דער קארעטע.

מארינא האט זיך צוריקגעצויגן פון אט דעם דורכדרינגלעכן בליק און זיך פאררוקט אין א ווינקל.

-- וואס פאר א סטראשידלע!

אונטערהאלטנדיק מיט דער האנט איר קלייד, איז עוולין צוגעגאנגען צו דער קארעטע. זשעגמאן און דער קוטשער סטאניסלאוו האבן אוועקגע־טריבן דעם פרעמדן מאן.

— גיי דיר דיין וועג! — האט זשעגמאן א זאג געטון און זיך גע־קליבן צו העלפן דער פאני אריינשטייגן אין דער קארעטע.

עוולין האט אבער אפגערוקט די אויסגעשטרעקטע האנט פונעם הויף־אויפזעער. זי האט זיך שוין גוט איינגעקוקט אינעם פארשטויבטן זקן מיטן גרויען היטל, וואס טראגט א פאר צעריסענע פאסטעלעס און איז ארומ־געהילט אין שמאטעס. זיין בארד האט דערגרייכט ביזן גארטל. אין דער האנט האט ער געהאלטן א גרויסן וואנדער־שטאק. זיין ליכטיק פנים האט געשטראלט מיט אן אינערלעכער פרייד, וועגן וועלכער נאר ער אליין האט געוווסט. ער האט געשמייכלט פאר זיך אליין שטיל און טרויעריק. בלויז אין זיינע טיפע אויגן, אונטער די האריקע ברעמען, האט געפלייצט אומרו און שרעק. עס האט זיך געדוכט, אז דאס זענען אויגן פון עמיצן אנדערש און נישט פון דעם אלטן ארעמען וואנדערער. ער האט זיך אפילו נישט געגעבן קיין ריר, און, כאטש ער האט געקוקט אויף דער גרעפין, איז קלאר געווען, אז ער זעט בלויז די קארעטע און דער גאנצער ארום עקזיסטירט פאר אים נישט.

דער קוטשער סטאניסלאוו איז ארויפגעקראכן אויף דער קעלניע, זשעגמאן איז צוגעגאנגען נעענטער צו דער גרעפין, מארינא האט אויס־געשפרייט א קאלדרע אויפן געזעס פון דער קארעטע. דער מענטש נעבן דער קארעטע האט זיך, אפנים, דערשראקן. ער איז געווארן אומרואיק. ער האט געשפאנט פארויס און מיט איין האנט, נישט ארויסלאזנדיק פון דער אנדערער דעם שטאק, האט ער גענומען אויפקנעפלען זיין העמד, ברייט־

צעעפנט ס׳מויל, פונקט ווי עפּעס וואָלט אים געשטיקט און געשטערט צו אָטעמען.

— וואָס ווילסטו? — האָט בייז געפרעגט זשעגמאַן. — מען האָט דיר געהייסן נעמען דעם וועג, איז טראָג זיך אָפּ, איידער דו כאַפּסט שמיץ.

און ווי צו באַקרעפטיקן זשעגמאַנס וואָרענונג, האָט זיך קוטשער סטאַניסלאַוו אָ שמיץ געטון מיט דער בייטש אין דער לופטן. אָבער דער מענטש האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אויפשפּיליענדיק ענדלעך דעם קראַגן פון זיין שמוציקן העמד, האָט ער אויסגערופן:

— נאָך איין קאַרעטע.

„אַ משוגענער“ — האָט עוולין אַ טראַכט געטון דערשראָקן און זיך גענומען צושאַרן צו דער קאַרעטע.

— ווער ביסטו? — האָט די גרעפין געפרעגט.

דער מענטש האָט געוואָרפן אויף איר אַ בעטנדיקן בליק, אויסגע־שטרעקט זיין לאַנגע ערד־שוואַרצע האַנט און מיט אַ טרויעריקער, פאַר־שטיקטער שטים האָט ער זיך ענערגיש אָפּגערופן:

— גיב זי מיר אָפּ!

— וועמען? — האָט פאַרוווּנדערט געפרעגט עוולין, פילנדיק, אַז די פלוצלונגדיקע שרעק איז פאַרביי און מצד דעם אָרעמאַן דראָט איר קיין שום בייז נישט.

— גיב זי מיר אָפּ! — האָט איבערגעחזרט דער מענטש, דערנענטערנ־דיק זיך צו דער גרעפין.

— נו, גיכער! טראָג דיך אָפּ פון דאַנען! — זשעגמאַן האָט אים אַ שטויס געטון.

— וואַרט צו! — האָט עוולין פאַרהאַלטן דעם הויף־אויפזעער. — וועמען אָפּגעבן דיר? — האָט זי נאָכאַמאָל געפרעגט.

— גיב זי מיר אָפּ! גיב אָפּ! — האָט ער גענומען שרייען. און באַלד נאָכדעם, אַריינציענדיק דעם קאָפּ אין די אַקסלען, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון דער קאַרעטע. ער איז אַוועק אין דער סטעפּ, פאָכענדיק מיט דער האַנט ווי אַ כישוף־מאַכער, געשעפּטשעט עפּעס, און די טרערן האָבן נישט אויפ־געהערט צו רינען איבער זיינע איינגעפאַלענע באַקן.

— ווידער אַ קאַרעטע! — האָט ער געמורמלט — און ווידער זעט מען זי נישט. טאָ וווּ־זשע איז זי? — האָט ער אַ פרעג געטון, ווי עמיצער וואָלט נעבן אים געשטאַנען.

עוולין האָט געהערט דעם דאָזיקן שמועס, וועלכן דער זקן האָט גע־פירט מיט זיך אַליין און ווידער איז איר באַפאַלן אַן אימה.

— ווו איז זי? — האָט געפרעגט דער אַלטער, אָפּשטעלנדיק זיך אויפן וועג.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און געבליבן שטיין שטום און פאַרבאָרגן, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די מענטשן, וועלכע זענען געשטאַנען נעבן דער קאַרעטע. און פלוצלונג, ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ שווערן שלאָף,

האָט ער אַוועקגעוואָרפן דעם שטאָק אויפן וועג און, אויפהייבנדיק די הענט צום הימל, האָט ער אויסגערופן:

— אָ, פֿאַרשאָלטן זאָל ווערן אייער געביין ביזן זיבעטן דור! אָ, אַ פֿינצטערע מגפה זאָל קומען אויף אייערע קעפּ! אייערע הערצער זאָלן צעפּרעסן ווערן פֿון זשאַווער! איבער אייערע אויגן זאָל זיך פֿאַרציען אַן אייביקער נעפּל!

— ער איז משוגע! — האָט עוולין אויסגעשריגן און, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זשעגמאַנס אָרעם, איז זי געשווינד אַריין אין דער קאַרעטע.

זשעגמאַן איז אַרויפגעקראָכן אויף דער קעלניע, זיך אַוועקגעזעצט נעבן קוטשער. יענער האָט אַ שמיץ געטון די פֿערד. די קאַרעטע האָט זיך גערירט פֿון אָרט.

— דאָס איז ער! — האָט זשעגמאַן אַריינגעשריגן דעם קוטשער אין אויער — דער אייביקער ייד! — און איבערצלמדיק זיך, האָט ער אויסגעשפּיגן אויף דער ערד.

אַ דערשראָקענער האָט דער קוטשער זיך אומגעקוקט, אַריינגעשטעקט די בייטש אין רונג און אויך זיך איבערגעצלמט.

עוולין האָט נאָך לאַנג אַרויסגעקוקט דורכן הינטערשטן קאַרעטע־פֿענצטערל. און אַזוי לאַנג, ווי עס האָט זיך הינטער דער קאַרעטע נישט אויפגעהויבן קיין שטויב, האָט די גרעפֿין געזען דעם זקן מיט די אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל, אויסגיסנדיק די גאַנצע תוכחה אויף דער מענטשהייט.

די קאַרעטע האָט זיך געהוידעט אויף דעם הויקערדיקן וועג, די פֿעל־דער האָבן פֿאַרבייגעשוועבט. עוולינען איז באַפֿאַלן אַ פּחד, נאָך דער אומאָנגענעמער באַגעגעניש.

און ווי אויף צו להכעיס האָט זיך איר דערמאָנט און צערייצט די אָנגעווייטיקטע ווונדן פֿון דער כלומרשט שוין לאַנג פֿאַרגעסענער און אומ־נייטיקער פֿאַרגאַנגענהייט.

...פֿאַרנאַכט־צו האָבן זיך אויף די בערגלעך פֿון הינטער די וועלדער באַוויזן די ווייסע כאַטעס פֿון ווישניעוויעץ. דורכפֿאַרנדיק דאָס דאָרף פֿון אַ זייטיקן וועג, האָט די קאַרעטע אָנגעמאַכט אַ גערודער און זיך אַראָפּגע־לאָזט אין דער לאַנגער קאַשטאַן־אַלעע, וואָס פֿירט צום שלאָס.

די קאַרעטע האָט זיך פּלוצלונג פֿאַרהאַלטן. נישט ווייט האָבן אָפּגע־הילכט קולות. זשעגמאַן האָט גענומען שרייען. דער הויף־אויפזעער האָט זיך געבייזערט:

— הינטיש בלוט, צום טייוול! צי זעט איר דען נישט, וועמענס קאַ־רעטע עס פֿאָרט? איר לויכטיקייט די גרעפֿין האַנסקאַ פֿאָרט אין שלאָס, און איר, צו אַלדי רוחות, פֿאַרשטעלט איר דעם וועג. די כאָליערע זאָל אייך נעמען!

קללות און זידלערייען זענען געפֿלאָסן, ווי אַ וואַסערפֿאַל, פֿון זשעג־מאַנס מויל. די בהלה האָט זיך נישט איינגעשטילט.

— ליימענע גולמס! צי זעט איר דען נישט, אַז דאָ פּאַרט די קאַרעטע פון זייער לויכטיקייט!

עוולין האָט אָוועקגעמאַכט דאָס פּאַרהאַנגל און אַראָפּגעלאָזט דאָס שייבל. זי האָט אַרויסגעקוקט. אויפן וועג האָבן אָקסן געשלעפּט אַ נידער־ריקע פור. אויף איר איז עפּעס געלעגן צוגעדעקט מיט שטרוי. אַרום האָבן זיך פאַרזאַמלט פויערים אָנגעטון אין סערמיענגעס. עוולין האָט אַ רוף געטון איינעם מיטן פינגער. ער האָט זיך נישט־דרייסט דערנעענטערט צו דער קאַרעטע.

— וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? — האָט זי בייז געפרעגט.

דער מוזשיק האָט שנעל אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון קאָפּ, נידעריק זיך פאַרנייגט, גלייך ווי ער וואָלט זיך איבערגעבראָכן אין צווייען. אויס־גלייכנדיק זיך, האָט ער אויפגעקלערט:

— די געליבטע פון אונדזער האַר, זיין ליכטיקייט, האָט זיך אין דער אָזיערע דערטרונקען. אָט האָבן מיר זי פון דאָרט אַרויסגעצויגן און מיר פירן זי באַערדיקן...

ווייטער האָט עוולין שוין נישט געהערט. זי האָט זיך צוריקגעצויגן פונעם פענצטערל און איז אָוועקגעפאַלן אויף די קישעלעך.

„וואָסער פנים האָט מיין אומגליקלעכע אַננאַ?" — האָט ביי זיך גע־טראַכט די גרעפין. זיצנדיק, אָבער, אַ שעה שפּעטער צוזאַמען מיט דער טאָכטער און דעם איידעם, האָט זי זיך מיט קיין איין וואָרט נישט אָפּגע־רופן וועגן דעם, וואָס זי האָט געזען אויפן וועג. און ערשט אין עטלעכע טעג אַרום האָט אַננאַ אַליין דערציילט דער מוטער.

זיי זענען געזעסן אין דער פאַרמאַכטער אַלטאַנקע אין עק פונעם פּאַרק. די צאַרטע רויזן האָבן אָנגעפולט די אַלטאַנקע מיט אַ שאַרפן ריח. עוולין האָט אָפּגעריסן אַ בלימל, זיך אַנטציקט מיט די פּרעכטיקע שפּלי־טערלעך, אויסהערנדיק דערביי אויפמערקזאַם די טאָכטער. אין אַננאַס ווערטער, אין איר האַלטונג, האָט זי דערקאַנט איר אייגענע יוגנט. דער טאָכטערס לאָגיק האָט זי לחלוטין נישט איבערראַשט.

אויסהערנדיק די גאַנצע געוויינלעכע געשיכטע וועגן יורי מנישעקס ליידנשאַפט צו דער שיינער קרעטשמערקע און איר טרויעריקן סוף, און זעענדיק, ווי רואיק אַננאַ רעדט וועגן די ליבע־אַוואַנטורעס פון איר איי־גענעם מאַן, האָט די גרעפין הויך געלויבט דאָס טעכטערל.

— איך בין זייער צופרידן פון דיר און באַוווּנדער דיין אויסדויער, אַננעט. דו ביסט אינגאַנצן געראָטן אין מיר. ווען דיין פאָטער, עליו השלום, האָט נאָך געלעבט — האָט זי אומעטיק צוגעגעבן — איז מיר נישט איין מאָל אויסגעקומען איבערצולעבן אַזעלכע ענלעכע דראַמעס. אַלץ וועט אַריבערגיין בשלום.

און עוולין האָט גענומען רעדן וועגן זיך, וועגן אירע פּערזענלעכע דאגות. זי האָט אַרויסגענומען פונעם זיידענעם, מיט דימענטן געפּוצטן ביטעלע, באַלזאַקס בריוו און זיי פאַרגעלייענט פאַר אַננאַן.

אירע פליישיקע ליפּן האָבן רואיק אַרויסגערעדט די פראַזן, אין וועל־

כע עס האָבן געשלאָגן גרויסע און מאָדנע פאַרלאַנגען. הינטערן אַלטאַנקע־פענצטערל האָט אַ לינד ווינטעלע זיך געשפּילט מיטן פרישן גרינס פון די מאַי־בלומען. אינעווייניק, אין דער אַלטאַנקע, האָט דער ביטערלעכער ריח פון די רויזן פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַננאַ האָט סתּם אַזוי זיך אַ טראַכט געטון: פון באַלזאַקס בריוו שפּירט זיך דער זעלבער ריח. זי האָט רחמנות געקריגן אויפן שריפטשטעלער, וועמענס אָקאָרשט איבערגעחזרטע ווערטער דורך עוולינען, האָבן דערמאָנט אין אַ טענה פון אַ צעפּיעשטשעטן בחור.

„די מאַמע האָט אים מסתמא נישט ליב" — האָט זי ביי זיך געטראַכט. פרעגן אָבער וועגן דעם האָט זי נישט געוואַגט.

✻

ווייט הינטערן גראָף מנישעקס שלאָס, דאָרטביים טראַקט, וואָס פירט פון ווישניעוויעץ קיין בערדיטשעוו, אין וואַלד צווישן די הונדערט־יאָריקע דעמבעס, איז אויף דער גיך אויסגעוואַקסן אַן אַנגעשאָטן בערגל, געקליידט אין גרינס. מ'האָט עס נישט באַצייכנט נישט מיט קיין צלם, נישט מיט קיין שטיין. לוסטיקע פייגל האָבן אַרומגעקרייזט איבערן בערגל. צאַרטע שוועלבעלעך האָבן אַרומגעשטיפט און זיך פאַרווײַלט. כסדר, אומענדלעך האָט געקוקעט די קוקאַוקע, ווי אָפּצושפּאָטן איבערן קורצן לעבן פון דער, וואָס איז געשלאָפן מיט איר אייביקן שלאָף, אויפן בערגל פון דער פעטער שוואַרצערד. די ערד האָט אויף שטענדיק צוגעדעקט, באַהאַלטן פון נייגעריקע בליקן דעם שרעקלעכן גורל פון נחמהן, לייבקע דעם קרעטשמערס שיינער טאָכטער.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָבן אויפן טראַקט פורן געסקריפּעט, פערד האָבן געהירזשעט, פוסגייער און וואַנדערער זענען פאַרביי־געגאַנגען, און קיינער האָט צומאָל נישט געוווסט, אַז נישט ווייט פון דאַנען, הינטער די דעמבעס, אויף אַן איינזאַם ערד־בערגל ליגט פאַרבאָרגן אַ סוד.

בלויז די קנעכט פון ווישניעוויעצער פריץ האָבן געקאָנט דאָס דאָזיקע געהיימנישפולע אָרט.

פאַסטוכער האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געזען, ווי אינמיטן דער נאַכט האָט זיך פון בערגל פון הינטער די דעמבעס אויפגעהויבן אַ הויכע שלאַנקע בילד־שיינהייט אין אַ ווייס קלייד און האָט געוויינט, אָנשפּאַרנדיק זיך אין אַ בוים.

אויף דער ערד זענען געפאַלן די ערשטע וואַרעמע שלאַקסרעגנס. זיי זענען אויסגעטריקנט געוואָרן דורך די ווינטן פון שוואַרצן ים. די לאָנקעס האָבן גענומען זיך צעבליען. די דעמבעס האָבן אויפגעהויבן איבערן קבר זייערע צווייגן־הענט, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געהיטן די רו פון דער פאַרשטאָרבענער.

און ער, דער אייביקער ייד, איז אויך פאַרבייגעגאַנגען דעם דאָזיקן טראַקט, ער איז געשטאַנען נאָענט פון יענעם וואַלד, ווו אין דר'ערד איז

געשלאָפן מיט איר אייביקן שלאָף נחמה; ער האָט אָפּגעריסן אַ בלימל ביים ראַנד פון וועג, ער האָט עס צעריבן צווישן די הענט, איינגעזאַפּט אין זיך דעם ריח און געגאַנגען ווייטער זיין וועג, פאַרשפּרייטנדיק הינטער זיך דעם קלאַנג: „אַט גייט דער אייביקער ייד — דער אַנזאָגער פון אומגליק, דחקות און נויט. בעט ביי גאָט מחילה פאַר אייערע זינד, טוט תשובה!".

און אַט דער קלאַנג איז אים פאַרגעגאַנגען, זיך פאַרשפּרייט איבער די אָרעמע הייזקעס ווי אַ סימן דלות. די שווערע מגפה האָט זיך פאַרשפּרייט איבער די שטעטלעך, אָפּגעקאָסיעט קינד און קייט. בהמות זענען געפאַלן אויף די לאַנקעס און מער זיך נישט אויפגעהויבן. אויך די זון האָט נאָך ווי געהעריק נישט געוואַרעמט, אָבער די הינט זענען שוין געווען צערייצט, און אַלע האָבן געזאָגט: דאָס איז ער, דער אייביקער ייד, אין אַלעם שולדיק, זוכט אים אויס, מאַכט אים אַ צלם אויפן קאָפּ, און ער וועט פאַרשווינדן, איינגעזונקען ווערן אונטער דר׳ערד. און מ׳האָט נאָך גערעדט אין די דערפער, אַז אין דעם זענען שולדיק די יידן, זיי האָבן אים אַרויסגערופן, טאָ זאָלן זיי טראָגן די אחריות.

אויפן בערדיטשעווער מאַרק האָט מען עטלעכע יידישע קרעמער אויסגעשמירט מיט סמאָלע און אויסגעחזירט מיט פעדערן, מ׳האָט זיי געיאָגט איבער דער גאַנצער שטאָט, אַרויסגעטריבן די קליפּה.

אויפן אַטאַמאַן־טראַקט האָט מען אונטערגעצונדן עטלעכע קרעטשמעס און פאַרברענט דאָרט לעבעדיקערהייט די קרעטשמערס.

יצחק האַלפּערין האָט געצאַלט רבי־געלט. זיין געדולד האָט געפּלאַצט. ער איז אַוועקגעלאָפן צום פּאָליצמייסטער. ער האָט עס, סוף־כל־סוף, געגוי געוווסט, ווער ס׳איז אַט דער אייביקער ייד. ער האָט געוואַרט אויף זיין קומען. אַך, ווען ער וואָלט זיך נאָר דאָ באַוויזן, וואָלט צו אַלעם גלייך געקומען אַ סוף. אָבער יענער האָט אויסגעמיטן בערדיטשעוו.

רב מרדכי, דער באַוווסטער תלמיד־חכם, האָט געפאַסט תעניתים, געזעסן שבעה ביי זיך אין חדר מיט פאַרלייגטע פיס, און אָפּגעריכט תפילות.

צו רב מרדכין איז געקומען דער באַנקיר האַלפּערין בכבודו ובעצמו. רב מרדכי האָט אַ זאָג געטון:

— מיין תענית דאַרף נאָך דויערן צוויי טעג, זאָל דער באַנקיר צוּוואַרטן, איך אַליין וועל מיט אים רעדן.

האַלפּערין איז אַריין אין כעס. ער האָט אַוועקגעטריבן רב מרדכיס שמש און געוואָלט אַריין צו אים אַליין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער שוועל. ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויפן בליק פונעם חכם. האַלפּערין האָט פאַרשטאַנען: מ׳דאַרף זיך אונטערגעבן.

און ער האָט געוואַרט נאָך צוויי טעג, און דערנאָך האָט ער גערעדט מיט רב מרדכין.

— דאָס איז נישט דער אייביקער ייד — האָט געזאָגט יצחק האַלפּערין. — איך ווייס ווער דאָס איז. — און ער האָט דערציילט רב מרדכין אַלץ, וואָס ער האָט געוווסט וועגן לייבקע דעם קרעטשמער, אויסמיידנדיק, באַטירלעך, אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אים.

רב מרדכי האָט געגלעט זיין שניי־ווייסע באָרד. ער האָט זיך פאַר־טראַכט. ער איז שוין אַלט געוועזן הונדערט און צען יאָר און דאָס האָט געהאַט אַ געוויסן באַדייט. ער האָט געטראַכט לאַנגזאַם.

— מ׳דאַרף דערמיט אַ סוף מאַכן — האָט יצחק האַלפּערין זיך אויפ־געבראַכט. — די פּאָליציי וועט אים סיי ווי סיי אַרעסטירן. ער איז פּראָסט־פּשוט משוגע.

— באַרימעריי! — האָט רב מרדכי לסוף אַ זאָג געטון. — הוילע באַ־רימעריי. און קיינער ווייסט נישט, אין וואָס באַשטייט גאָטס צאָרן און אין וואָס באַשטייט זיין באַרעמהאַרציקייט. די טייכן פאַלן אַריין אין ים. ווער קען אויסמעסטן דעם תהום פונעם ים? ווער קען זאָגן באַשייד, ווען עס וועט נעמען אַן עק צו אונדזערע ליידן?

אַן אומגעדולדיקער האָט יצחק האַלפּערין איבערגעשלאָגן אים די רייד:

— רבי, טיילט מיט אונדזער פאָלק, אַז ער איז אַ חסר־דעה. מ׳דאַרף אָפּשטעלן דעם שגעון.

רב מרדכי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון צושטימונג. זיי האָבן נאָך לאַנג געמיטלעך און רואיק געשמועסט. און אין אָוונט איז דער באַנקיר אַוועקגעפאָרן, אַ באַרואיקטער און צופרידענער.

און דער אַלטער לייבקע האָט אין דער זעלבער צייט זיך געשלעפּט איבער די וועגן, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטל צו שטעטל. איז דען מעגלעך צו דערקענען, צווישן די אַלע שלעפּערס, ווער ס׳איז פאַקטיש דער אייביקער ייד? און דאָס טאָקע האָט אים געראַטעוועט, מחמת לויט ווי מ׳האָט דערציילט, איז ער געווען נישט קיין פּשוטער מענטש, נאָר אַ מין פאַנטאַסטישער, נישט־געוויינלעכער בשר ודם, איינגעהילט אין ווייסע תכריכים מיט אַ מוסר־שטאָק אין דער האַנט. אין איין שטעטל האָט ער פון אַנדערע בראָדיאַגעס זיך דערוווסט, אַז ערגעץ־ווו וואַנדערט דער איי־ביקער ייד, און ער האָט דערין געגלייבט.

אָבער שפּעטער, בעת ער האָט זיך געפונען איינער אַליין אויפן וועג, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אייביקער ייד — דאָס איז ער גופא. און די דאָזיקע המצאה האָט אים דערשטוינט.

און וואַנדערנדיק אַזוי אין דער פרעמד, פלעגט ער אויסשטרעקן די הענט און זיך בעטן:

— גיט מיר אָפּ נחמהן, גיט זי מיר אָפּ!

ער האָט געררופן זיין טאָכטער מיט די ליפּן און מיטן האַרץ, און גע־האָפט אויף אַ נס, און טיף געגלייבט, אַז דער נס וועט מקוים ווערן, און ער האָט נאָכאַנאַנד געזען פאַר זיך אַ שוואַרצע קאַרעטע, וואָס האָט זיך אַלץ מער און מער דערווייטערט פון אים, און אין אָט דער קאַרעטע — נחמהן, זיין איינציקע טרייסט, זיין גליק און ציל אין לעבן.

אין שטעטל קיבינצי האָבן אים די זשאַנדאַרן געכאַפּט.

— ווער ביסטו? — האָבן זיי אים ברוטאַל געפרעגט.

— איך בין דער אייביקער ייד! — האָט ער הכנעהדיק געענטפערט,

נישט וויסנדיק, אַז מיט די דאָזיקע ווערטער מאַכט ער אַ סוף צו זיינע ליידן.

אַ זשאַנדאַר האָט אים אַ שטאַרקן זעץ געטון מיט זיין שווערן קולאַק אין די אויגן אַריין און פון אַלטנס נאָז האָט גענומען רינען בלוט. מ'האָט אים געבונדן די הענט, אַרויפגעזעצט אים אויף אַ פור און אַוועקגעפירט קיין בערדיטשעוו.

אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די עקזיסטענץ פון אייביקן ייד, דעם אַלטן לייבקע פון דער קרעטשמע „דער גאָלדענער האָן".

קאַפּיטל פופצן

דער סוף פון דער קנעכטשאַפט

איבער ווערכאָווניע האָבן די בייזע קאַלטע ווינטן אויסגעזונגען זייער ליד. די שניי־שטורעמס האָבן אָפּגעוואָיעט און פאַרשווונדן געוואָרן. די שנייהויפנס זענען צעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן דאָ קיינמאָל נישט געווען, די מיט אייז געקאָוועטע אָזיערעס און טייכן זענען געווען נישט מער ווי אַ חלום, אַ פאַנטאַזיע, אַ פיקציע. נאָך גרילציק און קאַלט האָבן אין די ראָוון געריזלט די ריטשקעלעך אין די געדיכטע וועלדער; נאָך שעמעוודיק און שרעקעוודיק איז געווען דאָס צוויטשעריי פון די פייגל, אָבער אויף די שיפּועים פון זייערע נאַרעס האָבן אויף דער זון זיך שוין געוואָרעמט די סורקעס און בייגאַכטס האָבן אויף די ביימער מיט טראַסק פריילעך און זאַרגלאָז זיך אָנגעבלאָזן די בלומען־קנאָספּן.

אַזאַ איז דער פרילינג אויך אין דעם פאַרשקלאַפּטן ווערכאָווניע אָנגע־קומען ווי אַ שיינע פרינצעסין מעבר־לים, פול מיט צויבער און מיט גע־גרעגער פון סטאַדעס קראַניכפייגל.

פסח־צייט האָבן די קירכן־גלאָקן זיך צעקלונגען איבער די שכנותדי־קע דערפער. די רויטלעכע און קוים אָנזעעוודיקע וואָרצלען פון קאַלגאַן האָבן זיך געווייקט אין בייכיקע בוטילקעס, אָנגעפּולטע מיט אַ ביטערן געטראַנק. ער האָט געלינדערט די פאַרביטערונג, פאַרנעפּלט דעם גע־דאַנק, וואָס האָט דערוועקט פרייד און זאָרגלאָזיקייט.

מ'האָט געקלונגען אין די גלאָקן און מ'האָט געמאַכט אַ ברכה איבערן פסחדיקן געבעקס, מ'האָט געזונגען דאָס וועסניאַנקע־ליד *) און מ'האָט געטרונקען דעם ביטערן קאַלגאַנאָווקע־שנאַפּס, וואָרפנדיק איינצייטיק אומרואיקע און פאַראַכטנדיקע בליקן אויפן פּריצישן שלאָס, וואָס האָט שטיל און שטרענג דאָמינירט איבערן דאָרף.

*) וועסניאַנקע — פרילינגס־ליד.

— מיר איז אויך ביטער אָן דעם ביטערן טראָפּן — האָט דער זיידע מוסי אַ זאָג געטון — איכ׳ל נישט טרינקען! — און ער איז אַרויס פון דער שענק צו זיך אַהיים.

ער האָט תפילה געטון אין דער צערקווע, ער האָט תפילה געטון פאַר דער איקאָנע, ער האָט געבעטן ביים אייבערשטן אַ גיכן טויט, און ער האָט כסדר געוואָרט אויף אים אין די העלע לבנהדיקע נעכט, פלעגנדיק אין זיך דעם חלום וועגן אַ בעסערער הצלחה אויפן צמענטער, הינטערן וואַלד פון אויסגעבויגענע צלמים און אָרעמע מצבות.

די נאַכט און די פינצטערניש זענען שוין פון לאַנג אַריינגעדרונגען אין זיידנס כאַטע, און אפילו צו זיין באַליבטער פידל האָט דער אַלטיטשקער זיך מער נישט צוגערירט. וואַסילי איז מער נישט געווען דער זעלבער. ער האָט מער נישט געקענט שווייגן. ער האָט געוווסט, אַז נאָך פסח וועט מען אים אַוועקשיקן קיין בערדיטשעוו, אין די רעקרוטיר־קאַזאַרמעס, און דעמאָלט וועט קומען אַ סוף צו אַלע זיינע חלומות. דאָרטן וועט באַלד איבערגעריסן ווערן אַלץ, וואָס ער האָט געצערטלט אין האַרצן. און דער פאַרוואַלטער קאַרל, ווי נאָר מ׳וועט וואַסילין אַוועקפירן פון ווערכאָווניע, וועט נעמען אַנגיין מיט זיינע הינטישע שטיק. נישט אַוועקגיין פרייער, ביז מ׳וועט אַרויסרייסן מאַרינאַן פון זיינע חיהשע נעגל. ניין. איין איינציקן וועג האָט זי, אויב נישט אויפן פאַרוואַלטערס געלעגער, איז מיטן קאָפּ אַראָפּ אין סטאַוו, אָדער — אויף דער פּעטליע.

טאָ וואָר־זשע איז די דערלייזונג פון גאָט?!

דער דאָזיקער וויי־געשריי האָט זיך געריסן פון וואַסיליס האַרצן. וואָר־זשע איז דער סוף פון זייער אַנטשלאָסנקייט? אין דער נשמה האָט געפלאַקערט אַ פייערדיקער באַגער: שלאָגן אַליאַרם און מיטן גאַנצן המון זיך אַ לאָז טון אויפן פּאַלאַץ, אָפּצאָלן דעם פאַרוואַלטער קאַרל פאַר אַלע אומגליקן און דעם בייז, פאַר וועלכע ער טראָגט די שולד.

און דער זיידע מוסי האָט זיך צוגעהערט, ער האָט אויסגערייכערט צוויי ליולקעס טאַבאַק, לאַנג און ספּאַזמאַטיש געהוסט און געשוויגן, אינגאַנצן פאַרזונקען אין זיינע פיינלעכע מחשבות. דערנאָך איז ער אַרויפגעקראָכן אויף דער קאַיקע, זיך צוגעדעקט מיטן פּעלצל, אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ איבער וואַסילין, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער באַנק, און אומעטיק און אין פאַרלעגנהייט געלערנט דעם פּשט:

— אַזאַ איז אונדזער גורל, וואַסילי; מאַרינאַ איז נישט די ערשטע, וועמען דאָס האָט פּאַסירט. — דער זיידע האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, געוואָלט איבעררייסן, אָבער נישט געקאָנט זיך באַהערשן:

— וויפל מיידלעך האָט שוין פאַן קאַרל אומגליקלעך געמאַכט, וויפל מענטשן האָט ער געפירט אין קבר אַריין, אָבער פאַר וועמען זיך באַקלאָגן? פאַר דער גרעפין? זי איז אויך טויב צו אונדזערע ליידן, מיר זענען פאַר איר ווי געלע אַראָפּגעפאַלענע בלעטער, זי צעטרעט אונדז און דאָס איז אַלץ.

דער זיידע וואָלט נאָך גערעדט, אָבער באַמערקנדיק וואַסיליס פאַר־

מאַכטע אויגן, האָט ער געמיינט, אַז יענער שלאָפט, און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ער איז געלעגן אויפן רוקן, דער זיידע מוסי, מיט פאַרמאַכטע אויגן. דער שלאָף האָט אים נישט גענומען. הינטערן פענצטער האָט מיט בייגעוודיקע פליגל געשלאָגן דער פרילינגס־ווינט. דעם זיידן זענען געקומען אויפן זינען די גאָר ווייטע, פאַרוואָרפענע וועגן, בעת דער ווינט האָט געיאָגט איבער די סטעפּעס דעם קוריי, וואָס האָט זיך געקייקלט, פאַרזייענדיק זיין ביינערדיקן, איינטאָניקן גערויש. אין אַן אומענדלעכער ריי האָבן זיך איבערן טראַקט געצויגן די קאַראַוואַנען. די אָקסן מיט די געדרייטע הערנער האָבן מעלה־גרהט דאָס געפּיטער און געגאַנגען מיט אַ גלייכן שריט, אויפהויבנדיק אַ וואָלקן שטויב, אָבער דער ציל איז געווען אַ ווייטער און אומבאַקאַנטער און אַזוי זענען זיי געשוומען איבערן לעבנסאָקעאַן, שטומע עדות פון אַ גרויזאַמער עפּאָכע. דער זיידע האָט זיך דערמאָנט, ווי אַוועקזעצנדיק זיך אונטער דער בעל־עגלהשער פור, אין מיטן פון דער אומענדלעכער אַזאָווישער סטעפּ, האָט ער, קרעכצנדיק, זיך באַקלאָגט: „טפּו זאָלסטו מיר זיין, ווי ענג עס איז, נישטאָ קיין אָרט, וווּ זיך אויסצודרייען!”.

— אַזוי איז שטענדיק אין לעבן — האָט דער זיידע זיך געטרייסט. — דער מענטש איז קיינמאָל נישט צופרידן. שווער איז די זינד, מ׳דאַרף תשובה טון.

ער האָט זיך געצלמט אין דער פינצטער און זיך אויסגעדרייט אויף אַ זייט. אים האָט זיך פלוצלונג פאַרוואָלט, אַז דער גריל זאָל אַ זינג טון. דאָס וואָלט געווען אַ גוטער סימן! אָבער לאַנג שוין, ווי דער גריל האָט נישט געזונגען אין זיידנס כאַטע.

דער אַלטער מוסי איז נישט געשלאָפן. אין קאָפּ זיינעם האָבן געראַיעט די דערינערונגען. זיי זשומען ווי אַ בינענגעווימל און פאַרטרייבן דעם שלאָף.

בלוט האָט געטריפט פון וואַסיליס האַרצן. אין אָט דער נאַכט האָט ער נישט געקאָנט איינשלאָפן. אומרואיקע געדאַנקען האָבן געפּייניקט זיין נשמה. נישט דאָס מיליטער־דינסט האָט אים אָפּגעשראָקן, נישט אין דעם איז געלעגן די סיבה פון זיינע פאַרצווייפלטע געדאַנקען. ניין! וואָס וועט זיין מיט מאַרינאַן, וואָס דערוואַרט איר? — אָט וועגן וואָס ער האָט געטראַכט.

וואַסילי האָט געהערט דעם זיידנס אונטערקרעכצן אויפן געלעגער. ער האָט געהערט, ווי דער זיידע האָט אים שטילינקערהייט גערופן:

— וואַסילקאָ!

וואַסילי האָט געשוויגן. וואָס האָט אים דער זיידע געקאָנט זאָגן אין אָט דער טויבער נאַכט?

דער זיידע איז אַנטשוויגן געוואָרן, ער האָט אַ מורמל געטון מיטן אַנציינערדיקן מויל. אין פענצטער האָט אַריינגעשיינט אַן אויסגעשטערנט שטיקל הימל.

אין האַרצן האָט געטליעט אַן איינציקע האָפענונג. נאָר כדי זי צו

פאַרווירקלעכן — האָט ער פאַרשטאַנען — איז נייטיק מיטן גאַנצן דאַרף זיך אַ לאָז טון אויף די באַלעבאַטים, מיטן גאַנצן דאַרף! נאָר צי וועט דאָס דאַרף מסכים זיין? צי וועלן די מוזשיקעס האָבן דעם מוט אויפצוהייבן אַ האַנט אויף די באַלעבאַטים? געווען אַמאָל בראַווע מענטשן... פיל האָט זיך אָנגעהערט וועגן זיי וואַסילי! ווי פּרעכטיק־שיין האָט דער זיידע מוסי דערציילט וועגן זשעלעזניאַקן! און צי זענען דען איצטער אַזעלכע נישט פאַראַן? אָדער, אפשר זענען די באַלעבאַטים געוואָרן שטאַרקער?

איין זאַך אָבער ווייסט וואַסילי: ווייטער אַזוי קען עס זיך נישט פאַרציען. זאָל מען אַזוי אייביק אָפּפּינצטערן אין אָט דעם גיהנום? האָט זיך לעווקאַ אויסגעלערנט ביכער לייענען, פון צוקוקן זיך צו די פּריצים, האָט זיך דער גרעפין האַנסקאַ פאַרגלוסט אים אָנטון אַ סערמיענגע, אָפּ־שמייסן אים מיט ריטער אין פערד־שטאַל, אָנהייבן אים ווידער רופן נישט לעאָן, נאָר לעווקאַ, אַוועקשיקן אים חזירים פּאַשען, און דערנאָך געוואָלט אים משלח זיין צו די זעלנער... און לעווקאַ האָט נישט קיין לעבן, נאָר אַ גיהנום. זיין הייס־געליבטע כלה האָבן זיי פאַרגוואַלדיקט. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס זיי זענען נישט פון זעלבן גלויבן? ליבע איז פאַר אַלע הערצער דער זעלבער גלויבן. נאָר מזל איז נישט פאַר אַלעמען. ניין! פאַר די נגי־דים — מזל, פאַר די אָרעמעלייט — דחקות. וואַסילי האַלט, אַז ס'איז איבעריק דאָס באַקלאָגן זיך אויפן ביטערן גורל, ער וועט נישט דערלאָזן דעם אויפגעבלאָזנעם קאַרלען, יענער זאָל זיך איזדיעקעווען איבער אים. ניין!

דער זיידע טענהט איין זאַך: אַזוי, כלומרשט, האָט זיך פון אייביק אָן געפירט... אָבער אַזוי וועט נישט זיין. האָט דאָך דער זיידע גופא געזאָגט אָפן:

> אָ, אַטאַמאַנען, אַטאַמאַנען, ווען איר זאָלט תחית־המתים אויפשטיין,
> אַהערקומען, אַ קוק געבן זאָלט...

און וואָס צו זען איז פאַראַן. עס איז פאַראַן וואָס צו הערן. עס איז פאַראַן וועגן וואָס די מענטשן צו דערציילן. אָט די גאַנצע לייד און פּיין, אָט די גאַנצע נויט קען שוין אפילו דעם זיידנס פידל נישט אויסוויינען, נישט אויסדערציילן. ניין!

טאָ וואָס־זשע זאָל מען טון? ליידן? ניין! וואַסילי האָט נישט בדעה צו ליידן. וועגן דעם איז ער אייזן־פעסט אַנטשלאָסן. ער וועט זיך מער נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס. פאַר קיין שום זאַך אויף דער וועלט וועט ער זיך נישט לאָזן אונטעריאָכן.

מ'דאַרף מיט מאַרינאַן אַנטלויפן פון דאַנען. אָט וואָס מען דאַרף טון. אַוועקפּעקלען זיך אויפן דוניי. דאָרט, זאָגט מען, איז פאַראַן פרייהייט. עס האָט זיך אים אָבער דערמאָנט דעם זיידנס ווערטער וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אויף יענער זייט דוניי: „וואָס פאַר אַ פרייהייט איז דאָרט! אויך דאָרט הערשן די שררות, נאָר זייער גלויבן איז נישט דער זעלבער, וואָס אונדזערער”.

וואַסילי האָט זיך איינגעקוקט מיט זיינע טרוקענע אויגן אין די פּאַר־קאַפּטשעטע בעלקעס פונעם נידעריקן סופיט. אוי, ווי ביטער, אוי, ווי קאַלעמוטנע עס איז אויפן האַרצן! ווער קען העלפן, ווער קען געבן אַן עצה? מענטשן, מענטשן! עס ווילט זיך אויסרופן איבערן גאַנצן דאָרף: קומט צום שכל, שטייט אויף, בייגט נישט די קעפּ אונטערן יאָך פון די האַרן!

און ביסלעכווייז איז רייף געוואָרן אין וואַסיליס האַרצן אַ פעסטער באַשלוס: ניין, ער ווייסט, וואָס ס'איז פאַראַן צו טון. ער ווייסט, ווי אַזוי צו האַנדלען!

— וואַרט צו! — האָט ער געשעפּטשעט מיט די פאַרטריקנטע ליפּן — וואַרט איבער!

— וואָס איז, וואַסילקאָ? — האָט דער זיידע מיט באַאומרואיקונג אַראָפּגעשריגן פון דער קאַיקע.

— שלאָפט, זיידעשי, שלאָפט.

וואַסילי אַליין האָט אויך פאַרמאַכט די אויגן. ביים שכן האָט אַ האָן געטון אַ קריי. ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פּורפּור־רויטער ראַנד פון הימל.

אויסנוצנדיק די אָפּוועזנהייט פון דער גרעפין, האָט דער פאַרוואַלטער פאַראָרדנט אויסצופּוצן אין שלאָס דעם גרויסן זאַל אויפן ערשטן שטאָק, אויפצורוימען די צימערן, אָפּצופרישן דאָס מעבל און די זשיראַנדאָלן. קאַרל איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן אַ פריילעכער, צופייפנדיק ניגונים, וואָס נאָר ער אַליין האָט זיי געקענט. אַצינד האָט ער זיך כמעט נישט באַוויזן אין זיין פּאַוויליאָן. ער האָט געפּסקנט, אַז באַלזאַקן וועט מען מער אין ווערכאָווניע נישט זען. אומזיסט האָט זיך עוולין איינגעשפּאַרט. נו, ס'מאַכט נישט אויס! ווי זאָגן די פּויערים: פרידע קאַזאַ דאָ וואַזאַ! אַ, זי וועט קומען!

— זיי זענען ווי פון איין טייג געקנאַטן — האָט דער פאַרוואַלטער אַ שפּיי געטון, בשעת ער האָט זיך דערמאַנט וועגן באַלזאַקס אויפהאַלט אין ווערכאָווניע און דעם באַזוך פון די קאַניעצפּאָלסקיס.

קאַרל האָט געפונען פאַרלייכטערונג און טרייסט אין דער זיכערקייט, אַז אַצינד האָט ער מער קיין שטערונג נישט געהאַט אויפן וועג פון רייכ־טום. ער איז דערין געווען איבערצייגט: דער איינציקער, פאַקטישער באַ־לעבאָס איבער ווערכאָווניע — דאָס איז ער, קאַרל. דער דאָזיקער שלאָס, די גיטער, די וועלדער, די קנעכט — אָט דאָס גאַנצע פאַרמעגן האָט גע־הערט צו זיין ברודער. די גרעפין וועט שטאַרבן, אַננאַ האָט איר נדן באַקומען; ער וועט זיין דער אייגנטימער פון דעם אַלעם. איצטער האָט ער אויף קיין איין רגע נישט געצווייפלט, אַז האַנסקאַ וועט מער קיינמאָל נישט חתונה־האָבן.

אויב זי וועט אָבער פאָרט נעמען דעם אויסלענדער פאַר אַ מאַן, דאַן וועט דער גרויסער מאַיאַנטעק, די גאַנצע ערד און אַלע וועלדער, איבער־גיין, נאָך איר אַרויספאָר קיין אויסלאַנד, אין רשות פון דער מלוכה. וואָס וואָלט דעמאָלט אויסגעקומען צו טון דעם פאַרוואַלטער קאַרל? דינען ביי פרעמדע מענטשן?

— עך, הינטיש בלוט! נישט געדאַכט זאָל עס ווערן! אָ, ניין!

קאַרל האַנסקי האָט באַשלאָסן צו ענדערן זיין טאַקטיק. גענוג זיך געקריגט. ער וועט אַצינד זיך האַלטן רואיק און אַנשטענדיק. אָט וועט עווליין אינגיכן זיך אומקערן פון ווישניעוויעץ און דערזען אינגאַנצן אַן אַנדער קאַרלען.

פאַן קאַרל האָט אַרומשפאַצירט איבער די רחבותדיקע צימערן, געזעסן שעהן גאַנצע אין גרויסן קאַבינעט ביים ברייטן טיש, וואָס איז געווען באַ־לייגט מיט פראַנצויזישע צייטונגען, און האָט זיך שוין געזען אַלס פול־שטענדיקן באַלעבאָס פון דאָזיקן מאַיאָנטעק. ער האָט שטאַלץ אָנגעבלאָזן די ליפּן, ער האָט מיט אַ צופרידענער מינע פאַרדרייט זיינע רויטלעכע וואָנצן, און אין זיינע אויגן האָבן געגליט בלוטדאַרשטיקע פייערלעך.

דורכן רחבותדיקן פענצטער האָט זיך פאַר אים אויסגעשפּרייט אַ גראַנדיעזע לאַנדשאַפט. הינטערן פאַרק אויף די בערגלעך האָט געגרינט אַ בעריאָזע־וועלדל. דערנעבן אויף די לאָנקעס האָבן זיך געפאַשעט פערד. האַנסקי איז אויפגעשטאַנען און זיך דערנענטערט צום פענצטער.

„דאָס אַלץ וועט געהערן צו מיר!״ — האָט ער מיט צופרידנקייט געטראַכט.

אַ קלאַפּ אין טיר האָט צעשטערט זיין רו.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער מיט אַ בייזלעכן טאָן געפרעגט.

— דאָס בין איך, פריץ האַנסקי! — האָט געענטפערט דער גלח יאַנ־קאָווסקי, איבערטרעטנדיק די שוועל.

קאַרל, באַהאַלטנדיק זיין אומצופרידנקייט, איז אַנטקעגן געגאַנגען דעם אומגעבעטענעם גאַסט. ער האָט צוגעלייגט, ווי געווייינלעך, זיינע ליפּן אויף דער אויסגעשטרעקטער האַנט און דערלאַנגט דעם גלח אַ שטול. דאָס דאָזיקע צימער איז גוט באַקאַנט געווען יאַנקאָווסקין. ער האָט געוווסט, אַז די גרעפין איז אַוועקגעפאָרן, אָבער ער איז געקומען אויף באַזוך צום פאַרוואַלטער מיט אַ כוונה. דער שיינער גלח האָט לאַנג געשמועסט וועגן כלערליי פּוסטע זאַכן, נישט דערמאָנענדיק מיט קיין איין וואָרט וועגן דעם אייגנטלעכן ציל פון זיין באַזוך. לסוף, פאַרשטייענדיק קאַרלס נייגעריקייט, האָט ער דערקלערט:

— כ׳בין דורכגעפאָרן ווערכאָווניע, האָב איך געטראַכט, אַז מ׳דאַרף אייך אָפּשטאַטן אַ וויזיט, הער קאַרל!

— אָ, כ׳בין זייער צופרידן, הייליקער פאָטער! איר האָט זייער גוט געטון. מיר׳ן עסן מיטאָג צוזאַמען און גלייכצייטיק זיך דורכשמועסן. כ׳ווייס בכלל נישט אויף וועלכער וועלט איך בין, די גרעפין איז אַוועק־געפאָרן קיין ווישניעוויעץ, און מעגלעך, אויף לאַנג...

— איך דאַנק אייך פאַר דער איינלאַדונג צום מיטאָג־עסן. איך אייל זיך שטאַרק. מיר האָבן האַיאָר אַ געראָטענעם פרילינג. נאָר די פּויערים זענען אינגאַנצן קאַליע געוואָרן.

— אָ, דאָס איז נאַטירלעך. נעמט אייך נישט איבער, הייליקער פאָטער. אַ פּאָר געזונטע שמיץ מיט דער נאַהייקע, און דער פּויער וועט ווערן ווייך

ווי אַ לעמעלע. — קאַרל האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, אויסציענדיק זיך איבערן אַנלען פונעם פאָטעל.

— איר האָט רעכט! — האָט יאַנקאָווסקי צוגעשטימט. — פונדעסטוועגן שאַט קיינמאָל נישט צו זיין פאַרזיכטיק.

דער פאַרוואַלטער האָט מיט באַאומרואיקונג געוואָרפן אַ בליק אויף יאַנקאָווסקין, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס ער האָט געוואָלט דערמיט זאָגן. אָבער דער גלח האָט געצילט אין פינטל. ער האָט גוט געקאָנט זיינע שוואַכקייטן. ער האָט געוווּסט, ווי ווייט די פויערים האָבן אים געהאַסט צוליב זיין באַהייקע, זיינע שמיץ, זיין פאַרגוואַלדיקן די מיידלעך. „אָט גלייך וועל איך אים אָפּשלאָגן די פליגל" — האָט דער גלח ביי זיך געטראַכט. — „ער וועט באַלד ענדערן דעם טאָן".

קאַרל האַנסקי האָט זיך באמת באַאומרואיקט. ער איז אויפגעשטאַנען און גענומען גיין איבערן צימער. דער פערסישער טעפּיך האָט אָפּגעטעמפּט דעם גערויש פון זיינע שווערע טריט.

— איר האָט עפּעס געהערט וועגן דעם? — האָט ער געפרעגט מיט האַפענונג אין דער שטים, אָפּשטעלנדיק זיך נעבן גלח.

יאַנקאָווסקי האָט אין פאַרלעגנהייט פונאַנדערגענומען די הענט:

— אַ, בלויז השערות!

אָבער קאַרלען וועסטו נישט אָפּנאַרן. אָט דער כיטרער גלח האָט זיכער עפּעס געהערט. ווי אַזוי־זשע זאָל מען אים אויפבינדן די צונג?

— און הער באַלזאַק וועט אוודאי אינגיכן קומען צו פאָרן?

אָט די אומדערוואַרטע פראַגע, אָט די נייגעריקייט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אונטער אַ כלומרשט גלייכגילטיקן טאָן, האָט נישט געקאָנט אָפּנאַרן קאַרלס אָנגעשפּיצטע אויפמערקזאַמקייט.

„ווייזט אויס, אַז אָט דער פראַנצויזישער ליטעראַט שטייט אויך דיר ווי אַביין אין האַלדז — האָט מיט שאָדנפרייד געטראַכט קאַרל. — עך, ברודערקע, איצטער האָב איך דיך געפּאַקט".

דער גלח האָט דורכגעוואָרפן די פוקלדיקע פּאַטשערקעס און געקוקט אין אַ ווינקל, גלייך ווי ער וואָלט האָבן פאַרגעסן יענעמס געשטעלטע פראַגע.

— ווער קען אים וויסן? אפשר קומט ער צוריק — האָט נאָך אַ לענגערער פּויזע געזאָגט קאַרל, אַליין דערשרעקנדיק זיך פאַר אָט דעם ענטפער.

„און טאָמער טו איך אַזוי אַרום ווירקלעך מיר אָנמאַכן אַ צרה אויף מיין אייגענעם קאָפּ" — האָט ער געטראַכט, און, פאַרגעסנדיק וועגן זיין חשק צו רייצן זיך מיטן גלח, אָפּצוחוזקן אַביסל פון אים אין שייכות מיט די חנדלעך, וואָס ער מאַכט זיין שוועגערין, האָט קאַרל זיך געאיילט צו פאַרזיכערן דעם גייסטלעכן:

— ניין, ער וועט נישט קומען צו פאָרן. הייַנט ליגט אים נישט אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן. מ'האָט אים דאָ איין מאָל אויפגענומען, ס'איז גאַנץ גענוג. ביי זיי קומט איצט פאָר אַ רעוואָלוציע, אין דעם באַרימטן פּאַריז.

זיי האָבן פֿאַריאָגט דעם קעניג לואי־פֿיליפּן, זייער אייגענעם מאָנאַרך, ווי דעם ערגסטן אַפּעריסט — פֿון רציחה איז קאַרלען געקומען דאָס בלוט אין פּנים אַריין, זיינע וואָנצן האָבן זיך געוואָרפֿן.

— איר פֿאַרשטייט, פּאַטער מיינער, וואָס דאָרטן טוט זיך? אגב, איז אָט דער באַלזאַק אַליין אויך עטוואָס אַזעלכער... — קאַרל האָט אַ דריי געטון מיטן פֿינגער אין דער לופֿטן.

דער גלח האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— שווערע צייטן! — האָט ער זיך באַקלאָגט.

— אָבער פֿאַרוואָס זענען די צייטן שווערע? — האָט קאַרל געפֿרעגט.

— איר ווייסט עס נישט? הערט מיך אויס: די צייטן זענען שווערע, ווייל זיי האָבן אָפּגעלאָזט די לייצעס. דאָס פּעבל האָט געקריגן צופֿיל פֿרייהייט. אייראָפּע? באַרימעריי, גאָט־לעסטערונג און כ׳ווייס אַליין נישט וואָס נאָך! זאָל מען איצטער שניידן, וואָס מ׳האָט פֿאַרזייט.

— גאָט צו דאַנקען, אונדזער מאָנאַרך לאָזט זיך נישט אָנשטעקן מיט אָט דער אייראָפּעאישער ליבעראַלער מגפֿה.

קאַרל האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. אָן אויפֿגעבראַכטער האָט ער געקלאַפּט מיט דער שווערער פֿויסט איבערן קאַנט פֿון דעם פּאָטעל:

— הערט מיך אויס, הייליקער פּאַטער! אַביסל מער נאַהייקעס, שפּיצ־רוטן און תּליות — אַזוי אַרום וועט זיין שטיל און רואיק. דער קנעכט וועט דאַן וויסן, ווו זיין אָרט איז.

קאַרל איז אויפֿגעשטאַנען פֿונעם פּאָטעל, ער האָט פֿון כּעס פֿאַרלוירן דאָס לשון און קוים באַוויזן אַרויסצושטאַמלען:

— בכלל רופֿן אָט די שריפֿטשטעלער, די פֿאַרשאָלטענע שרייבערוקעס, נישט אַרויס קיין צוטרוי. קיין איינעם פֿון זיי גלייב איך נישט. ווו זיי זאָלן נישט אַריינשטעלן קיין פֿוס, זייען זיי אומעטום אָנטוישונג, צעשטערן די פֿון דורות־לאַנג איינגעשטעלטע אָרדענונג. גלייבט איר, אַז אָט דער באַל־זאַק האָט דאָ נישט אָנגעטון קיין חזירייען, די כאָליערע זאָל אים נעמען?

דער גלח און דער פֿאַרוואַלטער האָבן שוין געהאַט פֿאַרגעסן אין זייער באַהאַלטענער קעגנערשאַפֿט. זיי האָבן געפֿונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך, און זי האָט עטוואָס פֿאַרלאַשן די קריגעריי, וואָס האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן. זיי האָבן נאָך אַזוי געפּלוידערט אומגעפֿער אַ שעה צייט, און דער גלח איז אַוועק.

קאַרל האָט געהייסן שפּאַנען זיין פֿערד. ער איז אַוועקגעריטן אין פֿעלד אַריין, אונטערטרייבנדיק דאָס בולאַנער לויפֿפֿערד. אויף די ברייטע ערד־שטחים זענען די פּאַראַבקעס געגאַנגען פֿלייסיק אין שפּאַן. באַמערקנ־דיק פֿונדערווייטנס דעם רייטער, האָבן זיי זיך נאָכמער צוגעבויגן צו דער ערד, זאָל אים דער רוח נעמען! ער זאָל נאָר נישט אין אונדז זיך אָנטשע־פּען! וואָסילי איז געשטאַנען נעבן אַ פֿור ביים ראַנד פֿון אַקער־באָדן, ביים סאַמע ברעג פֿון בעריאָזע־וועלדל. ער האָט געהאַלטן ביים שלעפּן דעם אַקער־אייזן אויף דער ערד. אויך די אָקסן האָבן דאָ אַרומגעדעפּטשעט. די מוזשיקעס אין די היטלען, אַריבערגעצויגן איבער די אויערן, האָבן געררוי־

כערט זייערע ליולקעס. קנוילן גרוילעכער רויך האָבן געשוועבט אַרום זייערע קעפּ. דורכן פעלד, דירעקט אויף זיי, האָט דער פּאַרוואַלטער געטריבן זיין פערד. ער האָט ראַפּטעם פאַרהאַלטן דעם בולאַן און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דר׳ערד. ער האָט אַ וואָרף געטון די לייצעס אַ ייִנגעלע, וואָס איז צוגעקומען נעענטער. קאַרל איז צוגעגאַנגען צום געזעמל מוזשיקעס. אַלע צוזאַמען, ווי אויף קאָמאַנדע, האָבן זיך נידעריק פאַרנייגט און אַראָפּגענומען די היטלען.

— אַ גוטן מאָרגן אייך, פריץ! — האָבן אַלע אין איין קול זיך צעכריפּעט.

קאַרל האָט נישט געענטפערט. זיי זענען אַזוי געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע, מיט נידעריק־פאַרנייגטע קעפּ, און דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעגליכט, אויסמײַדנדיק אים צו קוקן אין די אויגן. הינטער זיין רוקן האָט ער פעסט צוגעדריקט אין די הענט די נאַהייקע און ער האָט געשפּירט, ווי ס׳כאַפּט אים אָן אַ ווילדע רציחה.

— וואָס זענט איר שטיין געבליבן, בהמות?

קאַרל האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס און זיך קוים צוריקגעהאַלטן נישט אַ שמיץ צו טון מיט דער נאַהייקע דעם פויער, וואָס איז געשטאַנען נאָענט נעבן אים. דאָס איז געווען דער הויכער שווינדזיכטיקער מאַווראָדי, דעם זיידע מוסיס שכן. ער האָט נידעריק פאַרנייגט דעם קאָפּ און מיט אַ ציטערנדיקער שטים געזאָגט:

— מיר שטייען נישט ליידיק, פריץ, מיר גרייטן צו דאָס אַקערן די ערד.

קאַרל האָט געביסן די ליפּן פון כעס. די איבערגעשראָקענע מוזשיקעס האָבן געשוויגן. זיי האָבן גוט געקענט דעם כאַראַקטער פון זייער פאַרוואַלטער. זאָל זיי גאָט אָפּהיטן אַרויסצוכאַפּן זיך מיט אַן איבעריק וואָרט, ער וועט זיי אַריינלייגן אין דר׳ערד אַריין. קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָבן זיי אַלע מיט אַנגסט געוואָרט ביז דער כעס פונעם פריץ וועט זיך שטילן.

וואַסילי איז פאַרשטאַרט געוואָרן נעבן דער פור, איינקלאַמערנדיק זיך אין דערווידלע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין די הענט. עפּעס האַריקס, בונטפאַרביקס האָט געטאַנצט פאַר זיינע אויגן, אין מויל איז אים געוואָרן טרוקן, דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דער פאַרוואַלטער האָט אויף אים געוואָרפן אַ באַזונדערס דורכדרינגעוודיקן בליק און בייזוויליק געשמייכלט.

„ער וועט אַזוי פון דאַנען נישט אַוועק" — האָט וואַסילי פאַרשטאַנען, דערשפּירנדיק אויף זיך דעם האַנסקיס בליק. אַ ווײַלע האָט קאַרל געטראַכט, אַז ס׳וואָלט בעסער געווען זיך אָפּצוטראָגן. אַרויפשפּרינגען אויפן זאָטל און אָפּציען אַביסל ווייטער. זאָל זיי דער רוח נעמען, אָט די רויבער! פאַרנאַכט־צו וועט ער זיי אַלעמען לאָזן אָפּשמייסן אין פערד־שטאַל. אָבער דעם בחורס אויגן האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו זיין אויסערסט דרייסטע. ער האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס אַנדערש: דאָס האָט די שיינע טונקל־בלאָנדע מאַרינאַ זיך געבעטן, ממש געפאַלן אויף די קני, מ׳זאָל אים נישט

אַוועקשיקן צו די זעלנער. האָט טאַקע קאַרל געהאַלטן וואָרט. נישט לאַנג וועט ער אַזוי זיך פּיעשטשען אין ווערכאָווניע. אינגיכן וועט מען אים נעמען צום פּריזיוו. אויפן רעיון איז אויפגעשווומען דער גאָר לעצטער שמועס מיטן גלח. זיינע פּילדייטיקע אַנצוהערענישן, אַז מ'דאַרף זיין מיט זיי פּאַרזיכטיק. וואָס־זשע וועט פון אים ווערן, הייליקע מוטער, אויב מיט די קנעכט וועט מען זיך דאַרפן אומגיין ווי מיט די פּריצים?

קאַרל האַנסקי, ווי דורכרייסנדיק זיך דורך אַ באַריערע, איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צום עולם.

— איר גרייט שלעכט צו אייער אַרבעט, די כאָליערע זאָל אייך נעמען! — האָט ער אַ ברום געטון מיט דער גאַנצער רציחה, ווי עמיצער וואָלט אים אַנטקעגן גערעדט און נישט געלאָזט רואיק רעדן. — שווייגט, גראָבע יונגען, נישט רירן זיך פון אָרט!

מאַוורודי, וואָס איז געשטאַנען נעענטער פון אַלע, האָט גענומען ציטערן.

קאַרל האָט געזען, ווי דעם מוזשיקס הענט האָבן נערוועז זיך געוואָרפן. ער האָט אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ און גענומען שרייען:

— איך וועל אייך וויזן, חזירים וואָס איר זענט! און דו, וואָס קוקסטו מיך אָן מיט אַזעלכע רוצחישע אויגן? — האָט ער גערעוועט אויף וואַסילין.

— שרייט נישט! — האָט וואַסילי שטיל אַ זאָג געטון און ער האָט דערפילט, ווי ער איז בלייך געוואָרן, ווי זיין גאַנצער קערפּער איז מיטאַמאָל פאַרשטאַרט געוואָרן.

— וואָס האָסטו געזאָגט, זשלאָב? — האָט דער פּאַרוואַלטער גענומען פּיסקעווען און זיך דערנעענטערט צו אים.

די מוזשיקעס האָבן זיי אַרומגערינגלט. מאַוורודי, אַ פאַרלווירענער, האָט אַ קוק געטון אויף די קנעכט, ער האָט מיט אַנגסט אויסגעשטרעקט די הענט צום פּאַרוואַלטער:

— הערט נישט וואָס ער רעדט, אייער עקסעלענץ, ער איז נאָך יונג און נאַריש...

— שווייג! — האָט דער פּאַרוואַלטער שטרענג איבערגעריסן מאַוורודין. — ווי אַזוי, אויסוווּרף איינער, האָסטו געוואַגט צו עפענען ס'מויל?

— האָט ער זיך געוואַנדן צו וואַסילין, צודריקנדיק פעסטער די נאַהייקע הינטער זיין פּלייצע. — דו שווייגסט? האַ, אַזוי גאָר!...

און שוין האַבנדיק אויפגעהויבן די נאַהייקע, האָט פאַן קאַרל זיך בליצשנעל געכאַפּט, אַז ער האָט עס נישט געדאַרפט טון, אָבער ס'איז געווען צו שפּעט. די שפּיצרוט האָט מיט אַ פייף איבערגעשניטן די לופט און די שווערע בלייערנע גאַלקע האָט געטראָפן וואַסילין אין באַק. יענער האָט זיך אַ וואַקל געטון פון ווייטיק. ער האָט אָבער נישט געשריגן, נישט אָפּגעווישט דאָס בלוט, וואָס איז אַראָפּגערונען איבער דער גאָמבע. ער האָט ברייט צעעפנט דאָס מויל, ווי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און מיטן גאַנצן אימפּעט אַריינגעלאָזט די ווידלע אין דער ברוסט פונעם פּאַרוואַלטער.

אַ שרעקלעך ווילד געשריי האָט אָפּגעהילכט אין דער סטעפּ. מיט

פונאַנדערגענומענע פינגער האָט דער פּאַרוואַלטער געפּרווט אָנכאַפּן די ווידלע, אָבער ער איז אומגעפאַלן אויפן רוקן און, אַ צוגעקאָוועטער צו דער ערד, מיט זיינע בלוט־פאַרגאָסענע גוססדיקע אויגן האָט ער עפּעס געזוכט אין בלויען הימל. אַ בלייכער און אין בלויזן קאָפּ האָט וואַסילי זיך איבערגעבויגן איבער אים. און די, וועלכע זענען געשטאַנען נאָענט נעבן אים, האָבן געהערט:

— נאַדיר! אָט האָסטו פאַר די מענטשן, פאַר מאַרינאַן, פאַר אַלץ, הענקער איינער!

מאַוואָראַדי איז צוגעלאָפן צו אים. ער האָט געציטערט ווי אין קדחת. ער האָט אים געשטורכט אין דער פּלייצע:

— אַנטלויף גיך פונדאַנען, וואַסילי!

ער האָט אים אָנגעטון דאָס היטל און נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט:

— אַנטלויף, וואַסילי, אַנטלויף וואָס שנעלער!

אָבער וואַסילי האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט צוזאַמענגענומען די געדאַנקען און פאַרטראַכט געוואָנדן דעם בליק אין חלל, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט, און ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין די הענט דאָס קרומע, נישט לאַנג אָפּגעהובליעוועטע הענטל פון דער ווידלע. ער האָט שוין מער נישט געקוקט אויף דר׳ערד, וווּ דער פאַר׳האָסטער פּאַרוואַלטער איז געלעגן אין גסיסה, ער האָט נישט געהערט, וואָס עס האָט צו אים געזאָגט מאַוואָראַדי. ער האָט קיינעם נישט געזען און קיין שום זאַך האָט אים נישט אינטערעסירט אין דאָזיקן מאָמענט. דאָרטן, הינטערן ווייטן ראַנד פון זונפאַרגאַנג האָט ער געזען אַ שלאַנק מיידל מיט טרויעריקע אויגן, און נאָר זי האָט אים גערופן און געצויגן צו זיך.

לסוף איז ער געקומען צו זיך, ווי אויפכאַפּנדיק זיך פון אַ שווערן שלאָף. ער האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנט די ווידלע און זיך אַרומגעקוקט.

ערשט אַנטרעפנדיק זיך מיט די דערשראָקענע בליקן פון די מוזשי־קעס, האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען.

— ס׳האָט אַ סוף גענומען צו מיין קנעכטשאַפט! — האָט ער שטיל זיך אָפּגערופן, און ס׳איז נישט באַוווּסט, פאַרוואָס ער האָט גענומען צו־שפּיליען דאָס רעקל. מיט אַנגסטיקן בליק האָט ער באַטראַכט די באַקאַנטע פּנימער און טרויעריק אַ זאָג געטון:

— דעם זיידע מוסין... — און ער האָט נישט פאַרענדיקט.

אָבער אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען, און מאַוואָראַדי האָט בחיפזון ווי אַ מיזמור אַ מרוקע געטון:

— מיר׳ן אים אַלץ זאָגן, אַלץ...

עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין וואַסיליס ברוסט. ער האָט אָנגערירט מיט דער האַנט די געשפּאָלטענע באַק, ער האָט צום ערשטן מאָל ווירקלעך דערשפּירט דעם ווייטיק.

— מאַרינאַ... — האָבן זיינע ליפּן געלאָזט פאַלן.

און מאַוואָראַדי האָט אים פאַרזיכערט:

— מיר'ן איר דערציילן, וואסילי, מיר'ן דערציילן... אַנטלויף גיכער!
— זייט געזונט! — האָט וואַסילי שטיל געזאָגט און זיך דערווייטערט מיט לאַנגזאַמע טריט. באַלד דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן אין דער געדיכ־טעניש פון וואַלד.

קאַפּיטל זעכצן

דער אויסקויף

ער איז שוין דורכגעגאַנגען נישט קיין קליינעם וועג און נישט ווייניק האָט ער זיך אַנגעליטן נויט אויפן וועג זיינעם. אומגליקן האָבן זיך אַנגע־זאַמלט איבער אים כמאַרעס גאַנצע. די כמאַרעס זענען געווען שווערע, בלייערנע. זיי האָבן אים פאַרשטעלט די זון.

פאַר אים האָבן די טעג נישט עקזיסטירט. די נעכט בלויז האָבן אים צוריקגעבראַכט צום לעבן. מיט אַ ציטער אין זיין אויפגעברויזטער נשמה האָט ער דערוואַרט דעם בין־השמשות, און, ווען די נאַכט האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד, האָט זיך דאַן אָנגעהויבן זיין לעבן.

קליינע קוסטעס האָבן זיך געדרייטלט ביים ראַנד פון די וועגן. אַ גע־דיכטער גרויער שטויב האָט באַדעקט דאָס סטעפּישע גראָז. זיינע טראַנטע־וואַטע לאַפּטשעס זענען געווען אָפּגענוצט, און ער איז שוין לאַנג געגאַנגען באָרוועס, געדעפּטשעט מיט זיינע אָפּגעריבענע פיס איבער די וואַלד־שטעגלעך און די זייטיקע וועגן פון די גרויסע שטויביקע טראַקטן.

און וואַסילי האָט נישט געוווסט, ווי לאַנג נאָך ער וועט אַזוי דאַרפן אַרומבלאָנקען איבער דער ערד. וועלכער שיקזאַל האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן בלויען האָריזאָנט און געלויערט אויף אים?

טיילמאָל פלעגט ער אים זיך פאַרשטעלן, אַט דעם גורל ווי אַן אומע־טיקע מוטער מיט אַ בלויען קראַנץ אויפן גרויען קאָפּ. זאָל ער נאָר דער־גרייכן צו אַט דעם האָריזאָנט, זיך געפינען הינטער די דאָזיקע ציטערנדיקע הרי־חושך — וועט אים די מוטער אויפנעמען, אַן אויסגעמאַטערטן און גערודפטן, אין אירע אָרעמס, צוטוליען אים צו זיך און טרייסטן.

און טיילמאָל פלעגט זיך אים אויסדוכטן, אַז דאָרטן, הינטערן האָרי־זאָנט, וואַרט אויף זיין אָנקום אַ בייזע מכשפה. זי וועט אים אָנכאַפּן מיט אירע קלעפּיקע פינגער, צוטשעפּען זיך און נישט אָפּלאָזן, ביז די זשאַנ־דאַרן וועלן זיך נישט באַווייזן.

וואַסילי פלעגט נישט נאָכרעכענען, וויפל טעג עס זענען שוין פאַרביי. ער פלעגט לעבן אָן אַ רעכענונג, אָפּגעבנדיק זיך בלויז אַ דין־וחשבון וועגן דער שווערקייט פון זיין פאַרחושכטער און האָפענונגסלאָזער עק־זיסטענץ.

ער פלעגט זיך דורכגנבענען פון איין דאָרף אין אַ צווייטן, פון כוטער צו כוטער. בייטאָג פלעגט ער זיך אויסבאַהאַלטן אָדער שלאָפן אין דער געדיכטעניש פון וואַלד. עס פלעגן זיך אים חלומען שרעקלעכע, פאַנ־טאַסטישע חלומות. ער פלעגט זיך אויפכאַפּן, אַ באַדעקטער מיט אַ קאַלטן שוויס, אַרויסרייסנדיק זיך פון די הענט פון די זשאַנדאַרן, כדי צו ראַטע־ווען זיין לעבן.

וואַסילי איז מאַגערער און לענגער געוואָרן, גלייך ווי ער וואָלט גע־ווען אונטערגעוואַקסן. זיין געזיכט איז געוואָרן קאַנטיק און אָפּגעברענט, און ער האָט געוואָרפן אַרום זיך דערשראָקענע בליקן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אומעטום לויערן אויף אים פּאַסטקעס.

ביינאַכט, פאַרבייגייענדיק אין אַ דאָרף, וואָס איז געלעגן אויפן וועג, האָט ער בשום־אופן נישט געקענט פועלן ביי זיך אַנצוקלאַפּן אין אַ פענצ־טער. אַ ציטער איז אים אַדורך איבערן גאַנצן לייב, אין מויל איז אים געוועזן טרוקן, און דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט אַזוי, ווי עס וואָלט אים ענג געוועזן אין דער ברוסט. נאָר דעם הונגער האָט ער נישט געקענט ביי־קומען. דער אַנטלאָפענער האָט אַנגעקלאַפּט אין דער שויב, געבעטן ברויט, באַהאַלטן אין זעקל די דאַרע פלעצלעך, און ער איז שנעל, נישט אומקוקנ־דיק זיך, אַנטלאָפן פון דער כאַטע, מיטנעמענדיק אויף זיין פלייצע אַן אומעטיקן בליק פון מיטגעפיל און אַ לייכטן צלם־זשעסט.

טיילמאָל פלעגט טרעפן צו באַגעגענען עמיצן אין מיטן העלן טאָג. אַנטלויפן איז שוין געווען אוממעגלעך. און ער איז אַנטקעגן געגאַנגען די מענטשן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, גרייט אין יעדן מאָמענט אויפצו־נעמען דעם קאַמף, צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אָבער די פאַרבייגייער האָבן אים גלייך דערקאַנט. זיי האָבן אים בשתיקה דערלאַנגט אַ קרייטשיק ברויט אָדער אַ שטיקל סלאָנינע מיט אַ ציבעלע. דערלאַנגענדיק וואַסילין אַ האַלב ברייטל, האָט אַן עלטערער פויער, אַנגעטון אין אַ פאַרלאַטעט העמד, צו אים געזאָגט:

— דו ביסט פון פריץ אַנטלאָפן?

וואַסילי האָט געפרוווט פּראָטעסטירן. אומזיסט די טירחה: דער מו־זשיק האָט אים צומאָל נישט געוואָלט אויסהערן.

— מען דערקענט דעם פריץ נאָך די שטיוול — האָט ער קאַטעגאָריש צוגעגעבן. — לויף, בחורל, לויף, נאָר וויט וועסטו נישט אַנטלויפן.

ער האָט מיט דער בייטש אַ שמיץ געטון די פערד. די פור האָט אָפּגע־הילכט אויפן וועג. וואַסילי איז שטיין געבליבן, אַריינטראַכטנדיק זיך אין זיינע לעצטע ווערטער.

אָבער וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון ווערכאָווניע, אַלץ זי־כערער האָט ער זיך געפילט. ער האָט נישט געוווּסט — און פון וואַנען האָט ער עס געקענט וויסן? — אַז מען האָט אים אַרומגעזוכט איבער אַלע דערפער און איבער אַלע שטעטלעך; אַז האַנסקאַ, דערוויסנדיק זיך וועגן מאָרד איבער איר פאַרוואַלטער קאַרל, האָט זיך גלייך אומגעקערט קיין ווערכאָווניע און אַז פון קיעוו איז געקומען צו פאָרן דער טשינאָווניק פאַר אויסעראָרדנטלעכע ענינים וויפּלעיסקי. פון זשיטאָמיר זענען געקומען צו

פליען אַ הונדערט רייטער, אונטער דער קאָמאַנדע פונעם זשאַנדאַרישן ראַטמייסטער זיקאָוו.

וועגן מאָרד אין ווערכאָווניע האָט מען מודיע געווען דעם סאַמע גע־נעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו. ער האָט באַקומען אַ פּערזענלעכן בריוו פון דער גרעפין עוולין און ביי דער זייט אויף די ראַנדן האָט ער אָנגע־שריבן:

„פירן אַ גענויע אויספאָרשונג. די שולדיקע און זייערע מיטשותפים דאַרפן שטרענג באַשטראָפט ווערן".

פאַרשטאַנדיק זיך אַ ווײַלע, און אין דער איבערצייגונג, אַז די דאָזי־קע ווערטער זענען נישט געווען גענוג אויף אויסצוראָטן ווי געהעריק די מגפה פון די פויערים־בונטן, האָט ער צוגעגעבן: „באַשטראָפן עפנט־לעך, בכדי דער גאַנצער קרייז זאָל עס וויסן".

דער גרעפין עוולינען האָט ביביקאָוו אָפּגעשריבן:

„הויכגעשעצטע גרעפין! איך דריק אייך אויס מיינע טיפע מיטגעפילן און אויפריכטיקע סימפּאַטיע. איך דערלויב זיך אייך צו פאַרזיכערן, אַז די פאַרברעכער וועלן באַקומען זייער פאַרדינטע שטראָף".

דעם גובערנאַטאָרס בריוו איז געגאַנגען פון קיעוו קיין ווערכאָווניע צוויי מעת־לעת. עוולין האָט אַרויסגענומען פונעם בריוו־טרעגערס הענט אַ שווערן פּאַקעט, באַדעקט מיט לאַק־שטעמפּלען. זי האָט געעפנט דעם קאָנווערט און צווישן די פּאַפּירן, צוגענייטע מיט פאָדים, האָט זי געפונען ביביקאָווס קורץ בריוול. זי האָט דאָס בריוול איבערגעלייענט און אָוועק־געוואָרפן עס אויפן טואַלעט־טישל. וועגן וועלכער מיטלייד האַנדלט זיך עס? עוולין האָט פאַרגעסן, אַז ביביקאָוו האָט פשוט נישט געקאַנט די פּאַק־טישע באַציאונגען אירע מיט קאַרל האַנסקין. איבעריקנס, האָט זיך דאָ נישט געהאַנדלט וועגן קאַרלען. דאָס, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, האָט ווייניק באַאומרואיקט עוולינען. זי האָט אים נישט באַדויערט. אדרבא, קאַרלס פּלוצלונגדיקער טויט האָט זי באַפרייט פון פיל אומאַנגענעמלעכ־קייטן. דאָס האָט עוולין זייער גוט פאַרשטאַנען. אָבער דאָס האָט נישט פאַר־מינערט די שולד פון די פאַרברעכער. נאָך אין ווישניעוויעץ, דערוויסנדיק זיך וועגן מאָרד פון איר פאַרוואַלטער און קרוב, האָט עוולין געזאָגט צו מנישעקן:

— איך וועל זאָרגן דערפאַר, אַז די דאָזיקע מערזאַווצעס זאָלן באַקר־מען דעם פּסק, ווי זיי האָבן זיך פאַרדינט.

און זי האָט זיך צוגעאײַלט צוריק צו קומען קיין ווערכאָווניע.

דאָרט האָט זי העפלעך און איינצייטיק קאַלטבלוטיק אויפגענומען דעם ראַטמייסטער זיקאָוון און דעם טשינאָווניק וויפּלעיסקין. מ'האָט פאַר זיי צוגעגרייט צימערן אין פּאַוויליאָן, וווּ עס האָט געוווינט דער פאַרוואַלטער. די זעלנער האָט מען איינקוואַרטירט אין די שטיבלעך פון דער הויז־דינ־נערשאַפט און אין די שפּייכלערס. עוולין איז אין ערגעץ נישט אַרויסגע־פאָרן. זי איז געבליבן זיצן אין איר אַרבעטס־קאַבינעט. זי האָט נאָכגעזען די חשבונות און די האַנדלס־ביכער, וועלכע זי האָט געהאַט געפאָדערט פון קאַנטאָר. זי האָט איבערגעלייענט די בריוו פון די האַנדלס־פירמעס פון

קיעוו, ניזשני־נאָווגאָראָד, בערדיטשעוו. פון צייט צו צייט איז זי אַרויסגעגאַנגען אין דער אַלטאַנקע. דאָרטן האָט זי, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנבויגן אויף אַ ווייס מאַרמאָרנעם טישל, געקוקט פאַרטראַכט אין לויטערן מרחק פון פרילינגס־טאָג. די ברייט־צעצווייגטעביימער, געקליידטע מיט פּראַכטפולן גרינס, האָבן אין אַ האַלב־קרייז אַרומגערינגלט די אַלטאַנקע. און פון דער אַלטאַנקע אויס, דורך דעם גאַנצן פּאַרק, ביז האַרט צו די לאַנקעס, באַדעקטע מיט וווּנדערבאַרע סטעפּישע בלומען, האָט זיך געצויגן אַ סטעזשקע, אויף וועלכער ס'איז געווען אויסגעשיט אָראַנזש־קאָליריקער זאַמד, וואָס האָט געפינקלט אויף דער זון. פון ביידע זייטן אירע — אַ טאָפּלטע ריי הויך־צעוואַקסענע טאָפּאָלן. איבער זיי, איבערן גאַנצן פּאַרק — אַ לויטערער הימל. אַ לאָקנדיקער רייץ. אַ צאַרטער לאַזור.

ווייט הינטער די לאָנקעס — מיטן בליק נישט צו דערגרייכן — האָבן געאַרבעט מיידלעך. פון דאָרטן האָט זיך אויפגעהויבן אַ ליד, געפלויגן איבערן פּאַרק, אָנגעקלאַמערט אין די ווייטגרייכיקע טאָפּאָלן־שפּיצן. עוולין האָט זיך צוגעהערט צום אומפאַרשטענדלעכן, מעלאַנכאָלישן ניגון, און די ווערטער, פון וועלכע ס'האָט געקלונגען טרויער, האָבן אויף איר געמאַכט אַ רושם.

פונדעסטוועגן האָט איר דאָס ליד געערגערט און באַאומרואיקט. די גרעפין האָט געעפנט באַלזאַקס אַ ביכל: דער קוזין פּאָנס, אָוועקגעלייגט עס קעגנאיבער זיך אויפן טיש. דער ווינט האָט שטיפעריש איבערגעמישט אַ בלעטל. עוולין האָט גלייכגילטיק פאַרגעזעצט אַריינצוקוקן אין בוך. זי האָט באַנומען די ווערטער ווי אַ פאַראייניקונג פון אותיות, וועמענס באַדייט עס איז נישט דערגאַנגען צו איר באַוווּסטזיין.

— דער קוזין פּאָנס, דער קוזין פּאָנס... — האָט עוולין אַרויסגערעדט אין זיך און פאַרדעקט דאָס בוך מיט דער האַנט. די זון האָט זיך געשפּילט מיט די איידלשטיינער פון אירע רינגלעך, צעטיילט זיי אין מיריאַדן פונקען. דאָס דאָזיקע האָט זי אויפגעהייטערט און באַרואיקט.

אירע געדאַנקען זענען געפלאָסן פריי.

קאַרל איז, גאָט צו דאַנקען, מער נישטאָ. קיינער שפּיאָנירט זי נישט און לייגט נישט קיין האָפענונגען אויף איר נאָענטן טויט. מען וועט קענען לעבן רואיק און געמיטלעך. אַרויסרופן אפשר אָנאָרען, אָנשרייבן אים, בלייבן מיט אים דאָ אויף שטענדיק? צו וואָס דאַרף זי האָבן פראַנקרייך, פּאַריז, פרישע דאגות, נייע פאַרלעגנהייטן? זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און פאַרשטאַרט געוואָרן, אָנגעשפּאַרט איר רונדיקע פּלייצע אויפן מאַרמאָרנעם אָנלען. אירע ברייטע נאָזלעכער האָבן געציטערט, אירע ליפּן האָבן עטוואָס געצוקט. דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט אַ לאָק האָר אויף איר שלייף. זי האָט געטראַכט: אַזוי וועט זיין בעסער, דאָס געדעכעניש וועט אָפּפרישן די פאַרגאַנגענהייט, אויסשלאָגן געפילן־פונקען, אויפצווינגען דאָס האַרץ נישט אָפּצושטאַרבן. זי איז אַזוי לאַנג זיצן געבליבן, נישט עפענענדיק די אויגן. ווער ווייסט, ווי לאַנג זי איז אַזוי אָפּגעזעסן.

שפּאָרן האָבן אָפּגעקלונגען. עוולין האָט לאַנגזאַם אויפגעהויבן די

אויגן־לעפּלעך. אויף דער שוועל פון דער אַלטאַנקע איז געשטאַנען דער זשאַנדאַרמעריע־טשינאָווניק, פאַרנייגנדיק רעספּעקטפול דעם קאָפּ.

— זייט מיר מוחל, עקסעלענץ, וואָס איך בין געצוווּנגען אייך צו שטערן, אָבער עס זענען פאַראַן דרינגענדיקע ענינים... — ער האָט פונאַנדערגענומען די הענט און, ווי ער וואָלט וועלן באַשטעטיקן זיינע ווערטער, האָט ער פונדאָסניי אַ קלונג געגעבן מיט זיינע שפּאָרן.

עוולין האָט שווייגעוודיק אָנגעוויזן אים אַ מאַרמאָרנע באַנק קעגנאיבער זיך. אַריינציִענדיק דעם קאָפּ אין די פּלייצעס, איז וויפּלעיסקי אויף די טשיפּקעס איבערגעטרעטן די שוועל פון דער אַלטאַנקע און, ווי אַ זומער־פייגעלע ראַפּטעם זיך אָוועקגעזעצט. מיט זיינע שמאָלע וואָנצן, פאַרדרייטע אויף אַרויף, האָט ער אויסגעזען ווי אַ לץ, כאָטש אין דער אמתן האָט ער אַבסאָלוט נישט געהאַט בדעה צו שפּאַסן. דער טשינאָווניק האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי אָנצוהייבן דעם געשפּרעך. ס׳איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן דורכצושמועסן זיך אויג אויף אויג מיט דער גרעפין. ער האָט פעסט צוגעדריקט די הענט צו זיינע קני און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן צו רעדן. אוודאי וואָלט נישט בייטיק געווען צו פאַרפינצטערן די קלאָרע געדאַנקען פון דער וויל־געבוירענער דורך די פויערשע געשיכטעס. ער וואָלט פשוט קיינמאָל זיך נישט דערלויבט דערויף, ווען די כלאָפּעס וואָלטן מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ גרויסע געפאַר. זאָל אייער עקסעלענץ זיך גאָרנישט חידושן. אירע כלאָפּעס זענען ווירקלעך זייער מיאוסע טיפּן. פּויליאַקעס, שווינדלער, בונטאָווטשיקעס. זיי זענען פּעאיק געווען אויף אַלץ. אָבער אַצינד, נאָכדעם ווי ער, וויפּלעיסקי, האָט דורכגעפירט די אויספאָרשונג, אַך, אַצינד וועלן קיין שום אומאָנגענעמלעכקייטן מער נישט זיין! די האַרין וועט וואַרשיינלעך דאַרפן מקריב זיין אַ צענדליק אָדער אַן אַנדערטהאַלבן צענדליק נפשות, אָבער דאָס איז אַ קיי־און־שפּיי, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז אין ווערכאָווניע וועט ענדלעך הערשן רו.

עוולין האָט געדולדיק אויסגעהערט דעם טשינאָווניק פון דער זשאַנדאַרמעריע. זי האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין זיין געזיכט, ווו עס האָבן אַנגסטפול זיך באַוויגן אַ פּאָר קליינע פאַרכמורעטע אייגעלעך, און זיינע שיטערע שאַרפע ציין צווישן די דינע ליפּן האָבן ביי איר אַרויסגערופן אַן עקל. און דער טשינאָווניק האָט אַזוי געשיט מיט קיילעכיקע קורצע ווערטער, געלאָזט זיי פאַלן אונטער אירע פיס אין אַ מאָדנער שטיקעריי, און די וואָנצן זיינע האָבן אונטערגעטאַנצט, זיך געוואָרפן, גלייך ווי זיי וואָלטן עקזיסטירט זעלבשטענדיק, אָפּגעזונדערט פון זייער באַלעבאָס.

הייסט עס, זי איז מסכים. די גרעפין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, אַ פולבאַדעקטער מיט פינגערלעך. דער טשינאָווניק איז אַנטשוויגן געוואָרן. אויב עס האַנדלט זיך אין שיצן דעם מאַיאָנטעק, איז זי מסכים אויף די שטרענגסטע מאָסמיטלען.

— האַנדלט, ווי איר האַלט פאַר נייטיק! — האָט אַ זאָג געטון די גרעפין, און וויפּלעיסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט.

עוולין האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן אַזוי לאַנג, ווי דעם טשינאָוו־
ניקס קאַצן־טריט האָבן זיך נישט איינגעשטילט אויפן זאַמד פון דער אַלעע.
און אָט האָט זי ווידער געזען פאַר זיך די האַרמאָנישע רייען טאָפּאָלן,
דאָס פעטע גרינוואַרג, וואָס זאָגט פאַר אַ מזל־ברכהדיקן זומער, און, ווי
פריער, האָט ערגעץ־ווו אין דער סטעפּ אָפּגעהילכט דאָס אומעטיקע ליד,
וואָס האָט אַרויסגערופן אומטרייסטבאַרע, שרעקלעכע געדאַנקען.
...אַזוי זענען פאַרביי מאַטערנדיקע שעהן פון איינזאַמקייט און דער־
רינערונג, פון אומאויסלעשלעכן דאָרשט נאָך צערטלעכקייט, בענקשאַפט
נאָך זיי. עוולין האָט אַרומשפּאַצירט איבער די ברייטע אַלעען פונעם אַלטן
פּאַרק, איבער די קרומע סטעזשקעס פונעם גאָרטן. איבערן בליענדיקן
באָדן האָבן אַרומגעקרייזט אומדערטרעגלעכע פליגן, בינען, און צאַרטע
אָראַנזש־פאַרביקע זומער־פייגעלעך האָבן געפלאַטערט צווישן זיי. זי האָט
לאַנג אַרומשפּאַצירט צווישן די בלומען, און קיינער פון די דינער האָט
נישט געוואַגט מיטצוטיילן דער גרעפין, אַז דער גלח יאַנקאָווסקי וואַרט
אויף איר אין סאַלאָן; אַז אַ ספּעציעלער שליח האָט געבראַכט פון בערדי־
טשעוו אַ וויכטיק פּאַקעטל און דריקט אויס דעם ווונטש איבערצוגעבן עס
נאָר אייגנהענטיק דער וויל־געבוירענער האַרין; אַז דער זיידע מוסי,
ווועמען די זשאַנדאַרן האָבן שרעקלעך צעשלאָגן, ליגט אויסגעצויגן מיטן
פּנים אַראָפּ אויף דער, מיט זייערע שטויביקע שטיוול, צעקאָפּעטער ערד
נעבן פּאָדערהייזל פון דער דינערשאַפט און האָפט אויך אויף דער באַרעמ־
האַרציקייט און חסד פון איר לויכטיקייט.
עוולין האָט זיך אומגעקערט אין שלאָס. זי איז געגאַנגען פּאַמעלעך,
מיט אַ לייכטן און גלייכמעסיקן טראָט. איר בלייך געזיכט איז געווען רו־
איק און גלייכגילטיק. די אַלטע טרעפּ האָבן געסקריפּעט. פון אויבן האָט
זיך דערטראָגן אַ ריח פון שימל. אָבער די גרעפין האָט זיך נישט אָפּגע־
שטעלט. מיט איין שטופּ מיטן פוס האָט זי געעפנט די טיר. מיט אַן אומ־
דערטרעגלעכן גרילץ פון די פאַרזשאַווערטע זאַוועסעס, האָט זיך די פליגל־
טיר געעפנט אויף אינעווייניק. און נאָך פון דער שוועל אויס האָט עוולין
געזען נעבן דער וואַנט דעם היימישן טיפן אַלקער, די נידעריקע פּופיקעס,
דעם טעפּיך, אַ באַדעקטן מיט גרוי־פאַרנעפּלטן שטויב, און אויפן טיש אין
אַ רויטער הויכער וואַזע פאַרוועלקטע פּאַראַיאַריקע בלומען.
עוולין האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. דערנאָך האָט זי זיך אַוועק־
געזעצט אויפן בעט און געגלעט מיט דער האַנט די בראָקאַטענע שטייפע
קאָלדרע. גלייך אַקעגן זיך דורכן פענצטער האָט זי געזען די שוואַנען־פליגל
פון די ציטערנדיקע און אילוזאָרישע וואָלקנס.
אין דאָזיקן מאָמענט איז איר קלאָר געווען, אַז דאָס אַלץ, וואָס זי
האָט געלאָזט הינטער דער שוועל, איז פאַר איר געוואָרן ווייט און אומ־
נייטיק. איר לעבן געפינט זיך דאָ, צווישן אָט די ווענט, ווו עס פילט זיך
נאָך די אַטמאָספער פון פאַרגאַנגענעם האַרבסט, ווו עס האָט נאָך געפלאַ־
טערט אויפן סופיט, איבער דער שווערער קאַרסעל־לאָמפּ, די ווערמוט־
ביטערניש פון ליבע־צערטלעכקייטן, ווו דאָס געפילן־פייער שוועבט נאָך
ווי אַ ווייטער און צוציענדיקער טרוים. זי האָט אָנגעשפּאַרט איר גאָמבע

אויף די הענט און אַזוי פאַרגליווערט געוואָרן אין שטומער דערוואַרטונג.

...און דער טאָג, איבערפולט מיט זון, מיט ווינט און מיט ערד־בלי־אונג, מיט זאָרגן און מיט ליבע, איז פאַרביי הינטער די מויערן פונעם שלאָס, פאַרביי אָן רעש, נישט לאָזנדיק קיין שום האָפענונגען.

עוולין איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך אויפן בעט, פאַרגעסנדיק אין אַלעם, געדענקענדיק בלויז איין אַלמעכטיקן און אומפאַרשטענדלעכן אַליאַרם.

דורך אָט דעם אַליאַרם האָט זי געהערט אָנאָרעס שווערע טריט ער־געץ־ווו, אונטן, אויף די טרעפּ, זי האָט געשפּירט דעם באַריר פון זיינע הענט, דאָס שעפּטשען פון זיינע ליפּן. דער דאָזיקער אַליאַרם רופט זיך ליבע. זאָל קומען דערנאָך די פוסטקייט, דער אומדערטרעגלעכער ווייטיק פון אַ פאַרוווּנדעט האַרץ, דער אָפּגרונט, פון וועלכן ס׳איז נישט פאַראַן קיין צוריקקער. דאָס אַלץ איז דערנאָך. און כל־זמן ס׳איז נאָך פאַראַן אַן אויסוועג, וועלכער רופט זי, און זי וועט אויפהאַלטן די האָפענונג, וואָס איז באַווירקט דורך אַ ליבעס־באַגער.

— וואַרט, וואַרט! — האָבן עוולינס ליפּן געמורמלט אין דעם געדיכט־געוואָרענעם בין־השמשות פונעם צימער. — וואַרט, פאַרפירער! דו וועסט מיך נישט אויפצווינגען, ניין!

פאַרכאַפּט אין איר עקסטאַז דורך אַ מאָדנעם און אומבאַזיגלעכן אימ־פּולס, האָט עוולין זיך אַראָפּגעגליטשט פון בעט, אַנידערגעקניט און הייס זיך געצלמט, אויפהויבנדיק די אויגן צום אָפענעם פענצטער, וווּ עס האָט געבלויט דער פאַרנאַכטיקער גלייכגילטיקער הימל.

און דערנאָך, ווען איר ברען האָט זיך אָפּגעקילט און דער טעמפּער ווייטיק האָט צוגעשמידט אירע איינגעבויגענע קני, האָט זי זיך אויפגע־הויבן מיט אַ קרעכץ און זיך אויסגעצויגן אויפן גרויסן בעט, וואָס איז געווען צוגעדעקט מיט אַ בראָקאַטענער קאָלדרע. אין אָט דעם בעט, וואָס האָט זי נישט איין מאָל אויפגענומען אין די האַרבסטיקע נעכט. זי איז געלעגן מיט פאַרלייגטע הענט, שווערע, ווי זיי וואָלטן זיין פרעמדע צו איר גוף, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אַנגעשטעלט אויפן, מיט לבנה־שיין באַפלעקטן, סופיט. זי וואָלט אַזוי געלעגן, נישט טראַכטנדיק וועגן גאָר־נישט, אָבער די געדאַנקען זענען געקומען אומגעבעטן און די ליפּן האָבן נישט־ווילנדיק געשעפּטשעט, רופנדיק רעגלמעסיק און באַפעלעריש:

— אַנאָרע, אַנאָרע!

נישט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף דער גרעפין, איז דער גלח יאַנ־קאָווסקי אַוועק, הייבנדיק פאַרחידושט מיט די אַקסלען; דער ספּעציעלער שליח פון בערדיטשעוו האָט געדרעמלט אויף אַ באַנק אין פאָדערהויז; דער הויף־אויפזעער זשעגמאָן האָט מיט קעצישע טריטעלעך זיך אַרומגעשלעפּט איבער די צימערן; מאַרינאַ איז געלעגן אויף אַ קופּערט אינעם שמאָלן, דושנעם קאָרידאָר, און דורך אַ טרערן־שלייער האָט זיך איר באַוויזן וואַ־סיליס אומעטיקע געזיכט.

וואָס שייך דעם זיידע מוסין, וואָס איז צעשלאָגן געוואָרן דורך די

זשאַנדאַרן, שמאַכט ער נאָך אַלץ מיטן פּנים אַראָפּ אויף דר׳ערד נעבן
איינגאַנג פון דער הויז־דינערשאַפט, איינאָטעמענדיק דעם שטויב און הערב־
דיק די נאַכט, וועלכע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיט אומרואיקן
גערויש פון די ווינטן און אומבאַשטימטן באַגינען. דער זיידע וואָלט וועלן
זיך דערווייטערן, אַוועקקריכן אין די קוסטעס, אין די פעלדער, אין דער
טויט־שטילקייט פון דער אייביקייט, אָבער זיין באַגער איז אומזיסט, זיין
דאָרשט — אומאויסלעשלעך, און ער האָט דאָס אַלץ גענומען פאַר ליב, ווי
אַ ביטערן אויסקויף פאַר וואַסילין. אין פּאַווילִיאָן, אין די אַפּאַרטאַמענטן
פונעם פאַרשטאָרבענעם קאַרל, זענען געשלאָפן דער ראָטמייסטער זיקאָוו
און דער טשינאָווניק וויפּלעיסקי. אין דער אָפענער קאַראַפקע פונעם נישט־
אויסגעטרונקענעם בראָנפן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פליג און קרייזט דאָרט
האָפענונגסלאָז אַרום, פּאַטשנדיק מיט די פליגעלעך און זשומענדיק. אַ
לאַנגער לבנה־שטראַל האָט איבערגעשניטן דעם צימער אין צווייען.

עוולין איז נישט געווען בכוח זיך אויפצושטעלן פון בעט. די מאַכט
פון אירע דערינערונגען און באַגערן האָט זי כסדר געצויגן אַלץ מער
פאָרויס, אויף דער קייט פונעם אומפאַרמיידלעכן. איר איז געווען שווער
צו אָטעמען, איר פאַרקלעמט האַרץ האָט געקלאַפּט אומרעגלמעסיק. מיט
אירע שטייפע פינגער ווי העלצער, האָט זי אויפגעשפּיליעט איר קלייד,
לויז געמאַכט די שנירלעך פון איר הויכן קאָרסעט און, עפענענדיק ברייט
דאָס מויל, האָט זי איינגעאָטעמט, געטרונקען מיט גרויסע שלוקן די לופט.
זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין: איר האַרץ האָט זיך, מעגלעך, צום לעצטן,
אָדער פאַרלעצטן מאָל, פאַרבענקט נאָך אָנאָרען. און דער פאַקט, וואָס דער
דאָזיקער באַגער איז ענלעך געווען אויף אַ שגעון, האָט דערוועקט אין איר
אַ צווייפל. עפּעס אַן אומבאַוווסטזיניק, טיף געפיל האָט איר אונטערגע־
זאָגט, אַז ער וועט זיך אומבאַדינגט צוריקקערן; אַז מ׳דאַרף אים נישט
רופן, און טאַקע דאָס דאָזיקע געפיל האָט איר געזאָגט, אַז אַצינד איז זי
פאַרבונדן מיט אים אויף אייביק פאַר גאָט און פאַר לייט.

אַזוי האָט זיך אין דער דאָזיקער נאַכט אַנטשידן דאָס, וואָס איז אַ
לאַנגע צייט געוויגן געוואָרן אויף דער וואָגשאָל פון פאַרזיכטיקייט און
פאָראורטיילן. ערשט באַגינען האָט זי אָפּגעפונען אין זיך דעם כוח אַראָפּ־
צוואַרפן די קייטן פון דער אומרעאַליטעט און, שלעפנדיק זיך ווי אַ לונאַ־
טיקערין, איז זי אַראָפּ אונטן. זי איז אַריין אין איר וווינונג, אַראָפּגענומען
פון זיך די קליידער, זיך פאַרמאַכט אין באָד־צימער און פאַרבליבן לאַנג אַ
נאַקעטע קעגנאיבער דעם שפּיגל. קיין איין מוסקל האָט זיך נישט באַוועגן
אויף איר פאַרגליווערט געזיכט, בלויז די אויגן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ
פאַרעטערישער פייכטקייט, מחמת זיי זענען אומברחמנותדיקע ריכטער,
פאַר וועמען מען קען נישט פאַרהוילן די חרוב־מאַכנדיקע איבערצייטיקייט,
וואָס נידערט אַראָפּ צו דער ערד די פולזאַפטיקע, פרוכט־טראָגנדיקע ביי־
מער, די פעטע זאַנגען און דאָס מענטשלעכע לייב. דאָס וואָסער איז רעשיק
געפלאָסן איבער אירע פּלייצעס. אירע ברוסטן, ערשט גאָרנישט לאַנג נאָך
יאָדערדיקע, זענען אַראָפּגעהאַנגען ווי אויסגעטריקנטע פירות, און איר

גאַנצער קערפּער, באַפרייט פונעם קאָרסעט, האָט אויסגעזען אומגעלומפּערט, שווער און מגושמדיק.

...אָבער עטלעכע שעה שפּעטער איז עוולין געזעסן אין קאַבינעט, אין אַ הויכער לעדער־שטול. דאָס העל־געבלימלטע קלייד האָט זי לייכט באַשליירט. אירע טרוקענע אויגן האָבן שטרענג געגלאַנצט. מיט איר צאַרטער, אויסגעפּלעגטער האַנט האָט זי געפירט די פּעדער איבער אַ שמעקעוודיקן בויגן בלויען פּאַפּיר. מיט דעם דאָזיקן בריוו וועט אָנאָרע זײַן צופרידן. ענדלעך וועט ער דורכלייענען די געגאַרטע ווערטער. אָבער ער דאַרף וויסן אויך דאָס, וואָס עוולינען איז אויסגעקומען איבערצולעבן. צי איז דען איר לעבן נישט געהאָנגען אויף אַ האָר? צי האָט דען דאָס פּויערשע שעכטמעסער, מיט וועלכן מען האָט געקוילעט קאַרלען, נישט אין איר געצילט? אָט דער אַלטער תּרח, דער פידל־שפּילער, וועמען באַלזאַק רופט אַן סטעפּישער פּאַגאַניני, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּאַרברעכער. אין זײַן כאַטע זענען פאַרטראַכט געוואָרן געפערלעכע פּלענער. זאָל באַלזאַק וויסן: מען טאָר נישט יענעם גלייבן אויף נאמנות, מ׳טאָר כלעבן נישט שענקען זיי קיין צוטרוי. צי האָט ער דען נישט געוואָלט אין קיעוו דערנענטערן אַליזאַרן? צי ווייסט ער דען, ווער עס איז אַזעלכער אַליזאַר? בשעתו האָט זי נישט געוואָלט אים דערציילן, אָבער איצט וועט זי אים זאָגן: אַליזאַר איז אויך אַ בונטאָווטשיק, אויך אַ באַנדיט. ער געפינט זיך צווישן די, וואָס זענען גרייט אויפצוהייבן די האַנט אויפן מאָנאַרך. מעגלעך, אַז בלויז איצט וועט אָנאָרען קלאָר ווערן, ווי נאָך קיינמאָל נישט, זײַן טעות, בלויז איצט וועט זי קענען אים דערווייזן, פאַרוואָס ער קען בשום־אופן זיך נישט באַפרייען פון די פאַרדריסלעכע געוווינהייטן, וועלכע דערפירן צו אומבאַזיגלעכע פעלערן. געוויס, וועט זי אים העלפן זיי צו באַזיגן. זי וועט פראָסט־פּשוט ווערן זײַן וועג־ווייזערישער שטערן. מעגלעך, אַז אויב אָנאָרע וואָלט זיך אין איצטיקן מאָמענט געפינען דאָ, אין ווערכאָווניע, וואָלט איר לייכטער געווען איבערצולעבן אַלץ, וואָס עס האָט איר דערצאָרנט און באַאומרואיקט. הייליקע מאַריע! זי איז די איינציקע עדותטע פון עוולינס אַלע מאַטערנישן און ליידן. די פאַרדינטע שטראָף וועט פאַלן אויף די קעפּ פון די פּויערים. ס׳איז גוט צו לעבן אין אַ לאַנד, ווו דאָס שטרענגע און הייליקע קייזערלעכע געזעץ באַשיצט דעם איידעלן מענטש. זאָל פראַנקרייך זיך אויסקלייבן אַן אַנדער וועג. עוולין גלייבט, אַז דאָס וועט לאַנג נישט דויערן. און אָנאָרע — גלייבט זי — דענקט אויך אַזוי. אָט פאַרוואָס זי איז איצט מיטן גאַנצן האַרצן מיט אים, מיט אים, אויף דער פאָרטינע גאַס, אין זײַן געמיטלעכן הויז.

דער בריוו איז געוועזן אומגעוויינלעך אַ גרויסער. זאָל זײַן. בעסער אַזוי. דאָס וועט געפעלן ווערן אָנאָרען. כאָטש אין בריוו זענען געווען בייסיקע ווערטער. אָבער נישט אין זיי האַנדלט זיך עס. מיטן דאָזיקן בריוו וועט מען סוף־כּל־סוף דערגיין צו אַ טאָלק. דערמיט האָט מען באַדאַרפט פאַרווירקלעכן די האָפענונגען.

אויף צומאָרגנס, בעת דער שליח האָט אַוועקגעטראָגן דעם בריוו אויף

דער פּאָסט, איז געקומען צו פאַרן מנישעק. ער איז געזעסן אויף דער סאָפע, קעגנאיבער עוולינען. אַ געפלעקטער היכוווקסיקער וואַכהונט איז געלעגן אויסגעצויגן נעבן זיינע פיס און באַוויגן מיטן פאַרשלאָפענעם קאָפּ. אויף די שויבן פון די ביכער־שאַפעס האָבן זיך געשפּילט זונען־שטראַלן. אויף די נידעריקע שטולן זענען פאַרשטאַרט געזעסן זיקאָוו און וויפּלעיסקי. אויפן טיש פאַר עוולינען איז געלעגן אַן אויפגעעפנט פּאַקעטל, וואָס דער פּאָסט־מייסטער האָט מיט אַ טאָג פריער געבראַכט פון בערדיטשעוו. אַלץ איז געזאָגט געוואָרן, אַלץ איז קלאָר געווען. די דאָזיקע מינוט שטילשווייגן איז בלויז געווען דער שטייער צוליב דער וויכטיקייט פונעם אָנגענומענעם באַשלוס. אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט מען אויפן פּלאַץ פאַר דער צערקווע אַרויספירן צוואַנציק קנעכט, און צווישן זיי דעם זיידע מוסין, פון זייערע מאָגערע לייבער וועט מען אַראָפּוואַרפן די פויערשע שמאַטעס, אָפּגעטראָגענע פון דער נויט, און יעדער איינער וועט באַקומען, לויט ווי עס איז פאַרשריבן געוואָרן אין אורטייל, צו הונדערט שמיץ פון ריטער, איינגעטונקענע צוערשט אין געזאַלצענעם וואַסער, כדי דאָס מוזשיקישע לייב זאָל לאַנג פאַרגעדענקען די ביטערע צערטלעכקייט פון די האַרן. און דערנאָך וועט מען יעדן איינעם מיט אַ גליענדיק אייזן אויסברענען אויף איין באַק, אויפן שטערן און אויף דער צווייטער באַק דריי אותיות, וואָס בילדן דאָס שענדלעכע וואָרט: „גנב", און אָט דאָס וואָרט וועט זייער גאַנץ לעבן, ביזן גרוב אַריין ברענען אויף די געזיכטער מיט דער מכה. נאָך אָט דער שטראָף וועט מען זיי צווינגען אויפצושטיין, צעשלאָגענע און נידערטרעכטיק־באַליידיקטע, און מען וועט אויספירן דאָס, וואָס ס'איז פאַרשריבן געוואָרן אין פּראָטאָקאָל מיט דער פלייסיקער האַנט פונעם טשינאָווניק פאַר אויסעראָרדנטלעכע מיסיעס וויפּלעיסקי: „פאַרשיקן זיי קיין טאָבאָלסק אויף אייביקער קאַטאָרגע".

איבער ווערכאָווניע הערשט נאָך די שטילקייט פונעם זוניקן פרימאָרגן, ס'הערשט נאָך די רו ערב אַ שטורעם, אָבער דער שטורעם ווערט שוין צייטיק אין די הערצער פון די מענטשן און הויבט זיך אויף פאַר די פאַרכמורעטע מוזשיקישע אויגן. עוולין האָט אויסגעהערט די שטראָף. אָט ליגט זי פאַר אירע אויגן אויפן טיש. די קנעכט וועלן טייער באַצאָלן פאַרן דערמאָרדן דעם פאַרוואַלטער קאָרל. אפשר, איז אָט דער העסלעכער קאָרל גאָרנישט ווערט אַזאַ פּרייז? אָבער דאָס איז אין נאָמען פון דער אָרדענונג. אָרדענונג און געזעץ — דאָס זענען אומפאַרענדערלעכע דאָגמעס. ווער וועט וואַגן זיי צו ברעכן? ווער? וועלכער חוצפּהדיקער קנעכט? אָבער אויך ער איז שוין געכאַפּט געוואָרן. אינעם בריוו פון בערדיטשעוו האָבן די זשאַנדאַרן איר צו וויסן געגעבן: „דער קנעכט פון אייער לויכטיקייט, וואַסילי מאַנזשוראַ, וואָס האָט אויסגעפירט דעם פאַרברעכערישן מאָרד איבער דעם גראַף קאָרל האַנסקי, איז געכאַפּט און איבערגעגעבן געוואָרן דער יוסטיץ, וועגן וואָס מיר טיילן מיט אייער לויכטיקייט".

עוולין האָט צום צווייטן מאָל איבערגעלייענט דעם אינהאַלט פונעם

בריוו. זי טראַכט: „אויב ס'איז פאַראַן אַ לעבן אויף יענער וועלט, קען פאַן קאַרל זיך איבערצייגן אין איר ברייטהאַרציקייט".

דער געשפּרעך איז פאַרענדיקט. די פיינלעכע טעג פון דער אויספאַר־שונג אויך. דער ראַטמייסטער און דער טשינאַאוניק שטעלן זיך אויף. איינער נאָכן אַנדערן קושן צערטלעך דער גרעפין אויסגעשטרעקטע האַנט, פאַרנייגן זיך נידעריק פאַרן גראַף מנישעק, וואָס לאַנגווייליקט זיך אויף דער סאָפע, און פאַרשווינדן הינטער דער שווערער דעמבענער טיר. דער הויף־אויפזעער זשעגמאַן פאַרמאַכט הינטער זיי די טיר און באַגלייט זיי ביז דער טעראַסע. דער ספּאַניעל דרעמלט נעבן מנישעקס פיס און אַ שוימענדיקע סלינע קאַפּעט אַראָפּ טראָפּנווייז פון זיין פּיסק אויפן טעפּיך.

— אפשר, וועלן מיר אויך גיין אַ קוק טון? — לייגט פאָר מנישעק.

— וואָס פעלט דיר איין? — עוולין האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט — ס'איז עקלדיק.

— איך ווייס באמת נישט, וואָס ס'איז דאָ פאַראַן עקלדיקס?

מנישעק האָט מיטן פוס אַ שטויס געטון דעם הונט. דאָס באַשעפעניש האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דורך די אָפענע פענצטער פון קאַבינעט דערטראָגט זיך אַ ווייטער גלין־גלאָן. ווי מ'וואָלט געשלאָגן אין אַ שטורעם־גלאָק. אַ שוואַרצער וואָלקן האָט אַרומגעהילט מיט אַנגסט דאָס דאָרף. דער ראַטמייסטער זיקאָוו און דער טשינאַאוניק ווילעיסקי זענען אַרויף אויף די טרעפּ פון ראַטהויז, קעגנאיבער דער צערקווע.

אַביסל שפּעטער האָט מען אויסגעלייגט אויף הילצערנע בענק איינעם נאָכן אַנדערן די נאַקעט־אויסגעטועטע פּויערים און די זשאַנדאַרן האָבן, יעדער נאָך דער ריי, צעפּאַסעוועט מיט די ריטער זייערע בלאָן־און־בלויע לייבער. די קירכן־גלאָקן האָבן געקלונגען אויף אַליאַרם, געשליידערט אין דער סטעפּישער ווייט זייערע אומבאַדאַכטע, האַרצרייסנדיקע קולות, גע־וויינען, ווי נאָך אַ טויטן. די יינגעלעך־פּאַסטוכלעך האָבן זיך געטוליעט איינס קעגן דאָס אַנדערע. איבערן רחבותדיקן פּלאַץ האָבן וויברירט פאַר־צווייפלטע שלוכצן, אַרויסגעריסענע פון דער סאַמע טיפעניש פון האַרץ. אין די אָפענע פענצטער פון דער גרעפין האַנסקאַס קאַבינעט דרינגט אַריין דער גלאָקן־קלאַנג. איינער נאָכן אַנדערן זענען די קלאַנגען דערטרונקען געוואָרן אין די טעפּיכער און אינעם ווייכן מעבל. גלייך ווי זיי וואָלטן פאַרזונקען געוואָרן אין אַ תוהו ובוהו. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ ריזי־קער גלאָבוס. דער טומלדיקער פאַרהיימישטער פּאַפּוגיי איז אַרויסגעפלויגן פון דער שטייג, זיך אַוועקגעזעצט אויפן גלאָבוס און גענומען שרייען מיט אַ הייזעריק קול:

— אייער לויכטיקייט, אַך, אייער לויכטיקייט!

עוולין און מנישעק זענען געזעסן אין עס־צימער. הינטער זיי זענען די לאַקייען געשטאַנען אויסגעצויגן שטייף ווי סטאַטועס. די פענצטער פונעם עס־צימער זענען אַרויסגעגאַנגען אין פּאַרק אַריין. דורך דער ביי־מער־געדיכטעניש האָט דער קירכן־גלאָק געקלונגען געדעמפּט און האַרמאָ־

ניש. דער גראַף מגישעק האָט אַריינגעשמייכלט אין דער סערוועטקע און געלויבט זיין פּסאַרניע.

אין יענער נאַכט איז איבער ווערכאָווניע אַדורך אַ שטורעם. עוולין איז טיף געשלאָפן, פאַרזונקען אין פולשטענדיקער פאַרגעסנהייט און בלויז דורכן שלאָף האָט זי אויפגעצאַפּלט פון די פאַרטויבנדיקע דונער־קנאַלן. אָבער דאָס דאַרף איז נישט געשלאָפן. יעטוועדע כאַטע האָט נאָך געלעבט מיטן פאַרגאַנגענעם טאָג. און אין יעדער כאַטע איז די שרעקלעכע שפּיל פון די בליצן אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ הימלשער צייכן, ווי אַ געטלע־כער צאָרן און זיי זענען אויפגעשטאַנען אין מיטן דער נאַכט, אַנידערגע־קניט און זיך געצלמט, און נעבן יעדן פענצטער האָט מען אַוועקגעשטעלט קריגלעך וואַסער, אַנגעפילטע ביזן אויג אויף צו דערוויטערן דעם דונער און די בליצן.

איבערן אויסגעוויקטן טראַקט, אונטערן רעגן, האָבן זיך די געשמי־סענע קאַטאַרזשניקעס דערווייטערט פון ווערכאָווניע. די בליצן האָבן זיי באַלויכטן דעם וועג. די זשאַנדאַרן זענען נאָכגעריטן אויף פערד; זיי האָבן געשאָלטן מיט טויטע קללות די מוזשיקעס, אונטערגעטריבן זיי מיט די נאַהייקעס, אַרויפגעפאָרן אויף זיי מיט די פערד. דער זיידע מוסי איז אומגעפאַלן, אויפגעהויבן זיך און אונטערהינקענדיק ווייטער געגאַנגען. און אָט איז ער ווידער אַנידערגעפאַלן: ער האָט דערפילט, ווי עפּעס האָט זיך ביי אים אָפּגעריסן אין דער ברוסט, גלייך ווי מיט אַ מעסער אַריינגע־שטאָכן; צום לעצטן מאָל האָט אויפגעלויכטן פאַר זיינע אויגן דער הימל. דאַן האָט זיך פאַרצויגן אַ שווערער וואָלקן־שלייער, און ער איז אויסגע־גאַנגען, אַ צוגעשמידטער אויף אייביק צו דער ערד.

און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, בעת בלויז די איינגעפאַלענע תבואה און גראָזן האָבן עדות געזאָגט וועגן שטורעם מיטן פּלאַפּלענדיקן וואַסער אין די רינשטאָקן, איז דער זיידע מוסי נאָך אַלץ געלעגן אויסגע־צויגן אין מיטן דער סטעפּ, אונטער דער אויפזיכט פון אַ פאַרכמורעטן זשאַנדאַר, ווען מ׳האָט דאָ איבערגעלאָזט ווער ווייסט צוליב וואָס, גלייך ווי דער פאַרשטאַרבענער זקן וואָלט אויך איצט געקענט אַנטלויפן פון דער שטראָף.

די זון, אַ גרויסע און אַ פריילעכע, האָט געוואָרפן בשפע אירע וואַרעמע שטראַלן אויף דעם, דורכן רעגן געוואַשענעם באָדן, און די שטראַלן האָבן זאַרגלאָז זיך געשפּילט אויפן זיידנס פאַרשוואַרצטן געזיכט, באַלויכטנדיק אויף איין באַק, אויפן שטערן און אויף דער אַנדערער באַק די דריי, מיט גליענדיקן אייזן, אויסגעברענטע אותיות, פון וועלכע ס׳האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט דאָס שענדלעכע וואָרט: „גנב״.

...און אַזוי איז ער געלעגן, דער זיידע מוסי, אין דער סטעפּ נעבן וועג, אַן אומפילבאַרער צו דער זון און צום צוויטשערן פון די וואָראָביי־טשיקעס, וועלכע האָבן געשוועבט איבער אים; און שוין אַ פאַרשטאָרבע־נער, האָט ער נאָך אַלץ געטראָגן אויף זיך די אויסקויף־משא, נישט וויסנדיק פאַרוואָס און אין נאָמען פון וואָס.

דער זשאַנדאַר, וואָס איז געזעסן אַביסל אין אַ זייט, האָט איינגעדרעמלט.

דאָס וואַסער האָט געריזלט אין די ריטשקעלעך. אונטער די ווילטוענדיקע זון־שטראַלן האָבן זיך די תבואה־זאַנגען, איינגעבויגענע דורכן רעגן, ווידער אויסגעגלייכט. אַ מעכטיקער כוח האָט זיי אונטערגעהויבן און צוריקגעבראַכט צום לעבן. בלויז דער אַלטער מוסי איז געלעגן אויסגעצויגן, און זיינע צעעפנטע אויגן האָבן שוין מער נישט געזען דעם בלויען הימל, די לייכט־פליגלדיקע וואָלקנס, די לויכטנדיקע זון. דער אַלטער מוסי האָט אַוועקגעטראָגן די משא פון זיין אויסקויף אין דער אייביקייט אַריין.

קאַפּיטל זיבעצן

בריוו און קוריערן

באַלזאַק איז געלעגן אויפן דיוואַן שטיל, גלייכגילטיק, אומאַקטיוו. אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן עלנבויגן, האָט ער זיך צוגעהערט, ווי אַ בעטלער האָט הינטערן פענצטער געדרייט אויף אַ קאַטאַרינקע.

אַ פאַרחלומטער איז פראַנסואַ געגאַנגען הין־און־צוריק איבער די צימערן. ער האָט געטראַכט: מ׳סיע איז קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערער, אומבאַקאַנטער קראַנקייט. אונטער דעם דינערס אויגן זענען ביי אים פאַרגעקומען אומגלייבלעכע געוואַלדיקע ענדערונגען: באַלזאַק האָט מער נישט געטרונקען קיין קאַווע, ר׳איז מער נישט געזעסן גאַנצע נעכט ביים שרייב־טיש; דער מ׳סיע, ווייזט אויס, האָט אויפגעהערט אַרויסצוברענגען אויפן פּאַפּיר מענטשלעכע געשטאַלטן און שטעט. „ס׳אַ שלעכטער סימן" — האָט פראַנסואַ ביי זיך געטראַכט.

אויף די פּאַריזער בולוואַרן זענען די קאַשטאַן־בלעטער שוין פון לאַנג אַראָפּגעפאַלן. פלייסיקע גאַסן־קערער האָבן זיי צוזאַמענגעשאַרט אין ווייכע נישט־הויכע הויפנס, אָנגעלאָדן זיי אויף נידעריקע טאַטשקעס, אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט און אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין. אַוועק איז שוין דער הייסער זומער, וועלכן באַלזאַק האָט נישט ליב געהאַט, מחמת די היץ האָט געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג אויף זיין האַרץ. ביינאַכט האָט ער שווער געאָטעמט, עס האָט אים פאַרפעלט לופט, כאָטש די נאַכט־פרישקייט האָט געפלייצט שטראָמענווייז דורך די פענצטער. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן דער נאַכט און געטרונקען וואַרעם, נישט־געשמאַק וואַסער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ ריח פון טוכלעקייט. נאָכדעם, איז ער שוין מער נישט געשלאָפן ביז אין דער פרי. ער האָט געליטן פון שלאָפלאָזיקייט. ווען זי אים באַפאַלן, האָט ער זיך געדרייט אַהין און אַהער אויפן געלעגער און אויף צומאָרגנס איז ער געווען אָפּגעשוואַכט, דערשעפּט. וואָס האָט ער געקענט טון?

טיילמאָל פלעגט זיך אים דוכטן, אַז די גאַנצע וועלט האָט אין אים פאַרגעסן. אפילו זיינע קרעדיטאָרן האָבן אין אים פאַרגעסן. אין אַ ווייסן קאַשמיר־כאַלאַט, מיט אַ גאָלדן קייטעלע אָנגעהאַנגען ביים גאַרטל, איז באַלזאַק אַרומגעגאַנגען שעהן גאַנצע איבער זיין בילדער־גאַלעריע, אָפּ־שטעלנדיק זיך ביי פּאָרביסן און האָלביינען, באַטראַכטנדיק לאַנג זיין אייגענעם מאַרמאָרנעם ביוסט. ער האָט זיך געביסן די וואָנצן און גע־טראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן אַלצדינג, וועגן נאָענטן אָדער ווייטן, נישט־פאַרווירקלעכטן אָדער שוין לאַנג דורכגעלעבטן. דאָס איז געווען אַ געדאַנקען־וויכער. אַ שווערער נסיון, אַ שטראָם. ער האָט זיך נישט פאַר־טיידיקט.

אין פאַריז האָט זיך שוין פון לאַנג אַלץ איינגעשטילט. דאָס לעבן איז ווידער געוואָרן נאָרמאַל. אין בולאָנער וואַלד זענען ווידער געפאָרן הין־און־צוריק די גרויסאַרטיקע קאַרעטעס און די הויכע צילינדערס פון די געשטאַלטיקע קוטשערס אין די, מיט גאָלד אויסגענייטע, ליוורעעס האָבן געגלאַנצט אויף דער זון, ווי מיט עטלעכע חדשים פריער. די נבואות פון דער גרעפין וויסקאָנטי זענען מקוים געוואָרן פאַר זיינע אויגן.

דער לחלוטין אומדערוואַרטער בריוו, וועלכער איז אָנגעקומען פון ווערכאָווניע, האָט אין אַ געוויסער מאָס באַשטעטיקט די דאָזיקע נבואות, זי איז געווען ווי אַ דערווייטערטער עכאָ, און אָט דער בריוו איז געוואָרן די סיבה פון זיין מעלאַנכאָליע. ער האָט ערגעץ־ווו געלייענט, אַז מעלאַנ־כאָליע זעט זיך אָן אויפן פנים, ווען מ׳האָט אַ קראַנקע לעבער. ער האָט מסתמא בכלל וועגן דעם נישט געלייענט — דאָס האָט נעכטן דערציילט דער דאָקטאָר קאַרא, אָנטאַפּנדיק מיט די שטייפע פינגער זיין בויך. נאָר זיין מעלאַנכאָליע איז נישט געקומען פון דער קראַנקער לעבער. כאָטש די לעצטע האָט אויך געלאָזט פון זיך הערן. קאַרא האָט פאַראָרדנט:

— קאַווע פאַרווער איך אייך, טאַבאַק פאַרווער איך אייך, וויין פאַר־ווער איך אייך, אויפרעגן זיך פאַרווער איך אייך, איבערהאַרעווען זיך פאַרווער איך אייך...

באַלזאַק האָט איבערגעריסן דאָס שרעקלעכע אויסרעכענען די פאַר־באָטן:

— און שרייבן, מיין טייערער פריינט? שרייבן פאַרווערט איר מיר אויך?

קאַרא האָט זיך פאַרטראַכט. ער האָט געשוויגן, ווי דאָס וואָלט פאַקטיש געווען זיין רצון. דערפאַר אָבער האָט ער אַ שמייכל געטון, געגלעט די קורצע באַקנבערד, זיך געשפּילט מיט דער דיוויזקע פון דער וועסטל־קע־שענע און, פאַרזשמורענדיק זיינע גוטע אויגן, האָט ער אַ זאָג געטון:

— שרייבט, נאָר האָרעוועט זיך נישט איבער.

ווען ער וואָלט געקענט ווייזן קאַראָן עוולינס בריוו! אָט, ווו עס שטעקט די סיבה פון זיין מעלאַנכאָליע. וועמ־זשע איז זי, אַ צפונדיקער שטערן? ווי האָט זי עס אַזוי רואיק געקענט שרייבן וועגן די רדיפות? איז

עס דאָך פון איר גופא אָפּהענגיק געווען צו האַנדלען אַזוי, אַז די רדיפות און גרוילן זאָלן נישט פאַרקומען. ס׳וואָלט פיל בעסער געווען, ווען אָט דער בריוו וואָלט נישט אָנגעקומען קיין פאַריז, בייערט פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ־ווו אין אַ פאָסט־אַמט. ס׳וואָלט בעסער געווען נישט צו קענען דאָס אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין ווערכאָוויניע. אָבער צי האָט ער געקאָנט ענדערן זיינע כוונות? ער האָט זיך עס אַליין געפרעגט שוין צום הונדערטסטן מאָל, און דער ענטפער דערויף איז געווען איין איינציקער: ניין. אָט ווו עס ליגט זיין טראַגעדיע. אָט ווו עס געפינט זיך זיין אומפאַרמיידלעכע קייט, צו וועלכער ער איז צוגעשמידט ווי אַ קאַטאָרזשניק. אָט פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט, נישט געוואָלט קיינעם זען, נישט געוואָלט מיט קיינעם רעדן, פאַרלוירן דעם חשק צו לייענען צייטונגען און אפילו זיך נישט צוגערירט צו זיינע אייגענע קאָרעקטן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש און אויפן פענצטערברעט.

— כ׳בין זיך, הייסט עס, טועה געווען מיטן חשבון — האָט באַלזאַק מיט פאַרביטערונג זיך באַקלאָגט פאַר זיך אַליין, און ווידער איז ער אַרומגעקראָכן פון איין צימער אין אַנדערן, מיט יעדן טאָג האָט ער אַלץ שטאַרקער דערפילט, אַז זיין הויז אויף דער פאָרטינע גאַס איז געוואָרן פאַר אים צו ענג. און צום סוף, בעת דאָס דאָזיקע פיינלעכע געפיל האָט אים באַהערשט דורך־און־דורך, האָט ער פאַרשטאַנען: מען וואָלט באַדאַרפט אַנטלויפן פון פאַריז. אָבער וווהין? אַ מאָדנע זאַך. וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? וווהין? ער איז שנעל אַריינגעלאָפן אין אַרבעט־קאַבינעט, און איז אַנידערגעפאַלן אויף זיין שטול ביים שרייב־טיש. זיין טרייער וואַפנטרעגער פראַנסואַ האָט זאָרגפול אויפגעהיטן זיין כלי־זין. באַלזאַק האָט אַ שמייכל געטון. אַ בינטל גענדזענע אינגאַנצן שפּאָגל־נייע פעדערס האָבן דערקוויקט דאָס אויג. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ זילבערנעם בעכער אַ פעדער, אַ ביס געטון דעם שפּיץ, ווי זיין שטייגער איז געווען און איינגעטונקען אין טינטער. ער איז געווען פול ביזן ברעג. דער טינט האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ היימישן, עטוואָס ביטערלעכן, צוציענדיקן ריח. אַ שווידער איז אים אַדורך איבערן לייב. דאָס איז געווען אַ לאַנג פאַרגעסענע פריידיקע עמאָציע. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט די סיבה, צוליב וועלכער ער האָט גענומען די פעדער, און די ספּאָנטאַנע באַאומרואיקונג איז גלייך פאַרביי. אַן אויגנבליק האָט ער זיך פאַרטראַכט: צו וועמען דאַרף מען אָנשרייבן? באַלד האָט ער זיך דעצידירט: צו אַלע דריי.

דעם זעלבן טאָג האָט ער געשריבן בריוו: צום בילדונגס־מיניסטער גראַף אוואַראָוו, צום זשאַנדאַרמעריע־שעף גראַף אָרלאָוו, און צו זיין צפונדיקן שטערן. אַזוינס האָט נאָך מיט אים נישט געטראָפן. לאַנגע פראַזן האָבן באַדעקט דאָס פאַפּיר, אָבער די געדאַנקען זענען גאָרנישט געווען קיין איבערצייגנדיקע.

ער האָט צעריסן דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן און גענומען שרייבן פונדאַסניי; פראַנסואַ, אַ צופרידענער, האָט אָנגעצונדן די ליכט און צוגעוואַרעמט די קאַווע. דערנאָך איז ער אויף די טשיפּקעס אַריין אין

קיך און, אַרויפּלייגנדיק אַ פינגער אויף זיינע ליפּן, האָט ער איינגערוימט דער קעכין אויפן אויער:

— ראָזאַ, שטילער אַביסל, דער מ׳סיע אַרבעט!

באַלזאַק האָט פאַרענדיקט די בריוו שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. זיי זענען געלעגן פאַר זיינע אויגן אין ווייסע ברייטע קאָנווערטן, און ער האָט זיך געפרייט מיט די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט.

צומאָרגנס האָט ער אייגנהענטיק זיי אָוועקגעטראָגן אויף דער פּאָסט. ווי אַ קליינשטעטלדיקער נודניק, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביים פּאָסט־באַאַמטן, וויפל טעג וועלן זיינע בריוו גייען אין וועג, און דורך וועלכע שטעט די פּאָסט פאָרט פאַרביי און צי וועלן זיי טאַקע סוף־כל־סוף דערגיין צו די אַדרעסאַטן.

אויף דער גאַס האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, פּונקט ווי ער וואָלט געוועזן אַראָפּגעוואָרפן פון זיינע פּלייצעס אַ שווערע משא, און, צוקלאַפּנדיק מיטן שטעקן, האָט ער גענומען זיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן אָן שום ציל. ער איז פאַרבייגעגאַנגען רעדאַקציעס און אַנטיקן־הענדלער און ער האָט קיינעם נישט דערקאַנט. אים האָט פּשוט אינטערעסירט פּאַריז, וואָס איז פול געוועזן מיטן הו־האַ פון קאַרעטעס, מיטן טופּען פון פערדישע פּאַדקאָוועס און מיטן טאַראַראַם פון המון. מענטשן האָבן אים דערקאַנט. נישט זשעניִרנדיק זיך, האָבן זיי אים געקוקט אין פּנים אַריין. זיי האָבן אים אָנגעיאָגט, געגאַנגען אַ טריט פאָרויס און זיך באַגעגנט מיט זיין בליק. פאַר אים, הינטער אים און פון די זייטן האָבן אָנגענומען אָפּגעקלונגען אויסרופן:

— זעט, אָט גייט באַלזאַק!

— טאַקע?

— ער אַליין, בכבודו ובעצמו!

באַלזאַק איז זיך געגאַנגען זיין וועג, אין פלוג אַ גלייכגילטיקער צו דער נייגעריקייט פון די פאַרבייגייער, אָבער טיף אין האַרצן איז ער געווען זייער צופרידן. ער האָט אַ טראַכט געטון: „ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט, ווען עוולין וואָלט איצט געגאַנגען נעבן אים". דער טאָג איז אַ פאַרוואָלקנטער, אָבער אַ וואַרעמער. די לופט האָט געשמעקט מיט רעגן. אויף דער קאַסיני גאַס האָט באַלזאַקן אַרומגענומען אַ מחיהדיקע שטילקייט. דאָ זענען געווען ווייניקער עקיפּאַזשן און פאַרבייגייער. ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, וווּ ער האָט אַמאָל געוווינט. ער האָט זיך צומאָל נישט אָפּגעשטעלט. ווער האָט זיך אָצינד געפונען הינטער די בלויע פאַרהאַנגען? מיטן דאָזיקן הויז איז געווען פאַרבונדן אַ וווּנדערבאַרער פּעריאָד אין זיין לעבן. ער האָט זיך דאָן קונה־שם געווען אין פּאַריז נישט בלויז דורך זיינע ביכער. דעם רום פון זיין טאַלאַנט האָבן גאָר געשטיצט אַ קעכין מיט צוויי לאַקייען — ווי רופט מען זיי, נישט שוין־זשע האָט ער פאַרגעסן? באַלזאַק האָט אפילו פאַרלאַנגזאַמט דעם טריט — ווי האָט מען זיי גערופן? ער האָט גענומען גיין גיכער, דערמאָנענדיק זיך, אַז דעם ערשטן, דעם מאָגערן און באַרעדעוודיקן, האָט מען גערופן פּאַראַדי, און דעם צווייטן —

לעקלער. ער האָט געהאַט צוויי וועגענער, אַ קאַבריאָלעט און אַ טילבורי, אַ פּאָר פערד, וועלכע מ׳האָט אין בולאָנער וואַלד גוט געקענט — סמאָגלער און ברעטאָן. ער האָט ליב געהאַט זיין לאַקירטן קאַבריאָלעט, דעם רואיק־שטאָלצן טראָט פון די פערד, דעם שאַרף פונעם זאַמד אונטער די רעדער. עס איז טיילמאָל גוט געווען זיך צו באַווייזן פאַר דער פּאַריזער אַריסטאָ־קראַטיע מיטן ווילשטאַנד און פּראַכט. אַזאַ איז געווען די קאַסיני גאַס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אויסצוקלייבן דעם ווייטערדיקן מאַרשרוט. גלייך פאַר אים איז געווען אַ פּלאַץ, אויף לינקס — אַ געסל. אַהער האָט זיך באַלזאַק פאַרקערעוועט. דאָס צווייטע הויז אויף דער רעכטער זייט האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. דאָס באַקאַנטע שוואַרצע שילדל אויף דער טיר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. ער האָט ראַפּטעם אַ שטופּ געטון די טיר. אויף דער שוועל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַלטן פריינט. אַ פאַרחידושטער איז דער דרוקעריי־אייגנטימער, זשיל באַטאַיל, געבליבן שטיין פאַרגליווערט אויף אַן אָרט.

— וועלכער ווינט האָט אייך אַהערגעבראַכט, פון וועלכע קאַנטן קומט איר? — האָט ער אַ פרעג געטון גלייך נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָוועקגעזעצט זאַלבע צווייט אינעם נידעריקן קאַנטאָר.

הינטער אַ דינן הילצערן ווענטל האָבן גערוישט די דרוק־מאַשינען, די זעצערס האָבן גערודערט ביי די שריפט־קעסטלעך. באַלזאַק האָט מיט אינטערעס באַטראַכט באַטאַילס פאַרעלטערטע און אומעטיקע געזיכט.

אַלץ אין דעם דאָזיקן צימער, מיטן באַלעבאָס אַריינגערעכנט, איז אים גוט באַקאַנט געווען, און איינגעקריצט אויף אייביק אין זיין זכרון. ס׳האָט זיך אים געדוכטן, ווי ער וואָלט אַקאָרשט, מיט אַ טאָג פריער, אַרויסגעגאַנגען דורך אָט דער שמאָלער, שמוציקער, נידעריקער טיר. אויף אַ פּאַרזשאָווערטן, איינגעבויגענעם טשוואָק, וואָס איז געווען אַריינגע־קלאַפּט אויף דער אַנדערער זייט ווענטל, זענען געהאַנגען לאַנגע קאָרעק־טור־בויגנס.

זשיל באַטאַיל האָט אָנגעפילט זיין ליולקע, אויסגעשלאָגן פייער און מיטן גראָבן געלן פינגער האָט ער צוגעשטופּט דעם קנויט צום טאַבאַק, סמאַטשקענדיק דערביי דאָס רערל. דער היימישער ביטערלעכער ריח האָט געקיצלט באַלזאַקן אין די נאָזלעכער.

— כ׳קום פון ווייט, זשיל — האָט ער געזאָגט, איינאָטעמענדיק מיט פאַרגעניגן דעם בלוילעכן געדיכטן רויך פון דער ליולקע. — כ׳קום צו אייך נאָך אַ גוט וואָרט, אַ ליבלעך וואָרט, וואָס פלעגט מיך אַזוי טרייסטן אין די אַמאָליקע יאָרן, הער זשיל!

אַ צעטומלטער, האָט דער אַלטער באַטאַיל געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר רעדט גאָלדענע ווערטער, מ׳סיע, אָבער דאָס איז נישט מיינס קיין ענין. מיין דרוקעריי אינטערעסירט נישט אייערע פאַרלעגער. וואָס גייט זיי אָן באַטאַיל? זיי דאַרפן האָבן ביכער־פאַבריקן, און איך בין איצ־טער, נישט פאַר אייך געדאַכט, מ׳סיע, אַן אַלטפרענקישער אוניקום.

ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן טיש, און מיט געדיכטע פלעקן

איז אים דאָס בלויז געקומען אין פּנים אַריין. ער האָט אַרויסגענומען פונעם שופלעדל אַ שטויס פּאַפּירן און זיי אויסגעלייגט פאַר באַלזאַקן.

— גיט אַ קוק, מ׳סיע! טשעק־ביכלעך, פּאָסט־קוויטונגען, טעאַטער־בילעטן, וויזיט־קאַרטן און אַנדערע שמאַטעס — אַט וואָס עס דרוקט איצ־טער זשיל באַטאַיל.

מיט איין מאַך מיט דער האַנט האָט דער זקן אַלץ אַראָפּגעשמיסן אויף דר׳ערד און שטאַרקער פאַרצויגן זיין ליולקע, קוקנדיק מן־הצד אויף באַלזאַקן. שוין לאַנג, ווי ער האָט נישט געזען דעם שרייבער, אָבער דאָך האָט ער נאָכגעפאָלגט פון דער נאָענט זיינע ביכער. „ווייזט אויס, אַז זיינע געשעפטן זענען אויך נישט קיין פויגלדיקע״ — האָט ביי זיך גע־טראַכט באַטאַיל, דערזעענדיק ווייסע פּעדים אין באַלזאַקס זעלטענער פּריזור. אויפן געדאַנק איז אים אויפגעשווומען דער טאָג, ווען דער רירעוודיקער, שפּרודלדיקער יונגערמאַן מיט די ברענענדיקע אויגן האָט אָוועקגעלייגט אויף אָט דעם זעלבן טיש אַן איינגעוויקלט פּאַקעטל באַ־שריבן פּאַפּיר און בעטנדיק אים עס אָפּצודרוקן, האָט באַלזאַק אויסגע־מאָלט די אוצרות און דעם לוקסוס, וועלכע דערוואַרטן דעם דרוקעריי־אייגנטימער, אויב ער וועט איינגיין אויף זיין פאַרשלאַג.

— מיר זענען אַלט געוואָרן, באַטאַיל!

— די יאָרן לויפן!

— אַך, ווען מ׳וואָלט געקענט אָפּהאַלטן דאָס לויפן זייערס.

— צוליב וואָס?

— צוליב וואָס? — האָט באַלזאַק איבערגעחזרט, און באַלד מיט דערשטוינונג צוגעגעבן: — טאַקע אַזוי, צוליב וואָס?

— איך בין איצט ווי צעזאַר ביראָטאָ — האָט באַטאַיל מיט אַ שמייכל אַ זאָג געטון. — כ׳בין געגאַנגען באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. אָבער עס בלייבט מיר שוין נישט לאַנג צו שמאַכטן אויף דער וועלט.

זיינע געדיכטע גרויע ברעמען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער זיין לאַנגער הויקערדיקער נאָז. דער אַלטער איז ענלעך געווען צו אַ מידן רויב־פויגל.

— איר האָט ווען־נישט־איז געזען אַן אָדלער? — האָט באַלזאַק אַ פרעג געטון.

— קיינמאָל נישט. עך, ווי איך בין נישט העפלעך! — האָט זיך באַ־טאַיל פאַרענטפערט. — אַזאַ גאַסט און איך בין זיך טרויעריק מתוודה פאַר אים. זייט מוחל, קומט אַריין צו מיר, זאָגט עס מיר נישט אָפּ. איך בעט אייך זייער.

ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו באַלזאַקן, גלייך ווי יענער וואָלט זיך קעגנגעשטעלט און נישט אָנגענומען די איינלאַדונג. נעמענדיק דעם גאַסט פאַרן אָרעם, האָט באַטאַיל אים אַריינגעפירט דורך אַ שמאָלן קאָ־רידאָר אין אַ גרויסן באַקוועמען צימער. די צוויי פענצטער זענען אַרויס־געגאַנגען אין גאָרטן. אויף די פענצטערברעטער האָט געבליט געראַניום.

צווישן די פענצטער, אין אַ גרינער שטייג, האָט אַ קאַנאַריק געפּאַטשט מיט די פליגל.

— כ׳בעט אייך, כ׳בעט אייך.

דער באַלעבאָס האָט אַוועקגעזעצט דעם גאַסט אין אַ טיפן פאָטעל, און אַליין האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו אַ גרויסן, שוואַרצן אַלמער, ווו ער האָט לאַנג געניישטערט, עפּעס אַ ברום געטון אונטער דער נאָז, געבנ־דיק באַלזאַקן די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן בשעת־מעשה דעם צימער. באַלזאַק האָט זיך נישט דערמאָנט, צי ער איז שוין דאָ אַמאָל געוועזן. דוכט זיך, אַז נישט. אויף די ווענט זענען געהאַנגען אַלטע בילדער אויף מיטאָלאָגישע סיוזשעטן, אין אַ פינצטערן ווינקל — אַ שווייצאַרישער זייגער, אויף די פּאָכן הינטער די שויבן — גלייכע רייען ביכער. פון דעם אַלעם האָט געאָטעמט געמיטלעכקייט און אָרדענונג. באַטאַיל האָט אַרויפ־געשטעלט אויפן טיש אַ פלעשל וויין, צוויי גלעזער און אויף אַ טעלער ברויט מיט קעז.

— אַזאַ גאַסט, און אָט... — האָט זיך דער אַלטיטשקער אַנטשול־דיקט. — זייט מיר מוחל!

— גייט שוין, גייט, מאַכט אייך נישט קיין זאָרגן! — באַלזאַק האָט גענומען דאָס פלעשל, אַרויסגעצויגן דעם קאָרק און אָנגעגאָסן דעם רויטן וויין אין די גלעזער. דאָס איז געפעלן געוואָרן דעם אַלטן באַטאַיל. הייסט עס, אַז דער שרייבער מיאוסט זיך נישט, און דאָך איז ער אַ גרויסער שריי־בער. יעדער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז, דערנאָך אַ צווייטע און, בשעת באַטאַיל האָט אָנגעגאָסן אַ דריטע, איז באַלזאַקן געקומען אויפן זינען:

— און איר דערמאָנט זיך, מיין פריינט, ווי איר האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: יאָ אָפּדרוקן אָדער נישט אָפּדרוקן מיינע מאַנוסקריפּטן?

— און נאָך ווי! אַז אַ פאַרלעגער, אָן שום גאַראַנטיע, לייגן דאָס לע־בעדיקע אויפן טויטן. איר, מ׳סיע, האָט דאַן גענומען אויף זיך אַ צו שווערן עול, איר זענט געוועזן דער אויטאָר און נאָך געוואָלט ווערן אויך דער פאַרלעגער. — דער אַלטער באַטאַיל האָט מיט פאַרוואורף אַ קוק געטון אויף באַלזאַקן. — איר האָט גענומען אויף זיך אַ צו גרויסן עול.

באַלזאַק האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— איר זענט אַ מאָדנער מענטש, באַטאַיל. וואָס־זשע האָב איך געזאָלט טון, אַז די פאַרלעגער, די אויפגעבלאָזענע פאַרלעגער פון די קוואַרטאַלן סען־זשערמען און סען־דעני, האָבן אפילו מיט מיר רעדן נישט געוואָלט. איך בין געווען געצוווּנגען צו זוכן אַ לייזונג, כ׳האָב געשטעלט אויף דער מערכה, מ׳סיע באַטאַיל... אין פראַנקרייך איז אַ שרייבער אַ פאַרלוירע־נער, אויב מען אַנערקענט אים ביים לעבן. זידלערייען, רכילות, נישט־אַנערקענונג און נאָך אַזעלכע ענלעכע ביטערע פּילן האָבן מיך נישט אָפּגעשראָקן. עס וועט קומען אַ צייט, ווען די מענטשן וועלן אַנערקענען, באַטאַיל, אַז איך האָב געלעבט אויסשליסלעך פון מיין פעדער און אַז אין מיין קעשענע איז נישט אַריינגעפאַלן קיין איין נישט־פאַרדינטער גראָשן; אַז אויך דער רום און דער אורטייל איבער מיר האָבן מיך געלאָזן גלייכ־

גילטיק; אַז איך האָב געשריבן מיינע ווערק אונטער שנאה־אויסגעשרייען, אונטער ליטעראַרישער קנאַלעריי און זיי געשאַפן מיט מיין אומדערשראָ־קענער האַנט. מיין נקמה, טייערער באַטאַיל — באַלזאַק האָט גענומען רעדן שטילער, ווי עמיצער וואָלט געקענט אונטערהערן אַ וויכטיקן סוד, וועלכן ער האָט אָנפאַרטרויט זיין אַלטן פריינט באַטאַילן, און יענער האָט זיך נעענטער צוגעבויגן צו אים — מיין נקמה, ליבער פריינט, באַשטייט אין דעם, וואָס אָפּדרוקנדיק די קליינבירגער, האָב איך אויפגעצוווּנגען מיינע שונאים צו דערקלערן: „אָבי מיר האָבן געמיינט, אַז ער האָט שוין אויסגעשעפּט אַלע זיינע רעזערוון, צום סוף האָט ער גאָר אָנגעשריבן אַ מייסטערווערק״.

באַלזאַק האָט פאַרמאַכט די האַנט און שווער אַראָפּגעלאָזט די פויסט אויפן טיש.

— פאַרגעסט נישט, מ׳סיע באַטאַיל, אַז גראָד האָט די דאָזיקע ווער־טער אַרויסגעזאָגט פרוי רייבאָ, בעת זי האָט דורכגעלייענט אַנאָרין און דאַוויד צעשאַר.

אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען האָבן אין דעם אַלטן באַטאַילס טיף־פאַרבאָרגענע אויגן זיך צעפינקלט פריילעכע פייערלעך. אים האָט נישט געקענט נישט הנאה טון דאָס, וואָס דער באַרימטער באַלזאַק האָט זיך אַזוי אָפּנהאַרציק פונאַנדערגערעדט. דאָס איז געווען די פאַרגיטיקונג, די גרויסע באַלוינונג פאַר זיינע לאַנגיאָריקע שווערע מאַטערנישן. וואָס־זשע, מעגלעך, אַז עס קען טאַקע קומען אַ צייט, די מענטשן זאָלן פרעגן, ווער עס איז געווען אָט דער באַטאַיל, אין וועמענס דרוקעריי מ׳האָט אָפּגעדרוקט די ערשטע שאַפונגען פון גרויסן באַלזאַק, און דאָס, וואָס באַלזאַק איז דאָ געזעסן, דאָס, וואָס ער האָט געפירט דעם דאָזיקן אומ־געקינצלטן פריינטלעכן שמועס, איז געווען נישט מיט דער האַנט אָוועק־צומאַכן. און באַטאַיל, צונויפפלעכטנדיק פעסט דיביינערדיקע פינגער פון די זקנישע הענט, האָט אויסגעהערט מיט גרויס דרך־ארץ די ווידוי פון מייסטער באַלזאַק.

— אָ, באַטאַיל, צווישן די, וואָס זענען שוין מער נישטאָ, ציען בלויז דריי צו מיין אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן בלי־שום־ספק זיך פאַרדינט די אומשטערבלעכקייט. דאָס זענען נאַפּאָלעאָן, קיוויע, אָ׳קאָנעל, און איך שטרעב צו ווערן דער פערטער. איר פאַרשטייט מיך, באַטאַיל, איך באַגער צו ווערן דער פערטער. דאָס איז נישט קיין קאַפּריז און נישט קיין פוסטע גאווה פון אַ גרויסהאַלטערישן שלימזל. דאָס איז אַ ציל. דאָס איז אַ מיסיע פון דער נשמה און פונעם פאַרשטאַנד. דער ערשטער פון די דערמאָנטע דריי האָט געלעבט מיט דער האָפענונג איינצונעמען אייראָפּע, ער איז גע־ווען באַהאָפטן מיט די אַרמייען; דער צווייטער האָט אַרומגענומען דעם ערד־קיילעך; דער דריטער האָט פאַרקערפּערט אין זיך דאָס פאָלק. איך וועל ווידער באַשאַפן אין מיין מוח די גאַנצע געזעלשאַפט. ס׳איז גלייכער זיך צו קלאַפּאַטשען דערמיט, איידער איבערצוחזרן אָוונט־ביי־אָוונט: „פּיק, טרעף, רויט״, אָדער אַריינצוקלערן, פאַרוואָס די און די פרוי האָט אַזוי,

צי אַנדערש געהאַנדלט. וואָרום אייגנטלעך אַזעלכע מעשה־ביכלעך, פול מיט פּליאָטקעס, פּראָפּאַגאַציע, ליגנס, הכנעה, שרייבט מען און מען גיט אַרויס אין פּאַריז. די דאָזיקע מעשה־ביכלעך לייענט מען. וועגן זיי שרייבט מען אין די גאַזעטן. זיי רימט מען. וואָס גיבן זיי דעם האַרצן, דעם שכל, דער נשמה? זיי צעקאַליעטשען דעם מענטשנס געדאַנק, אָדער אין בעסטן פאַל, נעמען זיי נאָר אַוועק די צייט און דרייען אַ ספּאָדיק. ניין, באַטאַיל, אַזעלכע ביכלעך האָב איך נישט געשריבן און וועל נישט שרייבן.

— אַ, ניין, מ׳סיע! ווער וואָלט געקענט פּירוואָרפן אייך וועגן דעם? ניין.

— איך דענק אויך אַזוי — האָט באַלזאַק שטיל אַ זאָג געטון. — איך בין ערלעך צו זיך אַליין און אויך לגבי מיינע לייענער, באַטאַיל.

— אַ, יאָ, כ׳בין מער ווי זיכער אין דעם, מ׳סיע.

— הערט זיך איין, באַטאַיל, איך נייטיק זיך אין אָפּרו, כדי אָפּצופרישן דעם מוח, אָבער כדי אָפּצורוען זיך, איז נייטיק צו רייזן און אויף צו רייזן דאַרף מען האָבן געלט, און כדי צו באַקומען געלט, דאַרף מען אַרבעטן, שאַפן, און אַזוי כסדר דרייט זיך אַלץ אין איין געשלאָסענעם קרייז, וועלכן עס וועט נישט אויסטראַכטן, נישט לייזן דער סאַמע דערפאַרנסטער מאַטע־מאַטיקער. מיט איין וואָרט: איך געפין זיך אין אַ פאַרכישופטן קרייז, און איך האָב נישט קיין מעגלעכקייט פון אים זיך אַרויסצודרייען.

זיי האָבן אויסגעטרונקען שוין דאָס פערטע גלעזל. דער שטאַרקער ווייַן האָט אַ שלאָג געטון אין קאָפּ און איינגעקלאַמערט באַלזאַקן מיט אייזערנע צוואַנגען; זיי האָבן אים צוגעדריקט דעם שאַרבן און זיינע געדאַנקען האָבן אויסגעפירט איבער אים אַן אומאויפהערלעכן קאַראַהאָד. דרייפאַכע זענען זיי געווען, אָט די געדאַנקען: קודם־כל וועגן עוולינען, דערנאָך וועגן די בריוו קיין פּעטערבורג און לסוף וועגן באַטאַילן.

— אַך, באַטאַיל, ווען איר זאָלט וויסן, באַטאַיל!...

דער דרוקעריי־אייגנטימער איז געזעסן אין פאָטעל מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, באַלאָדן מיט זיינע דאגות. ערשט אין אַ ווייַלע אַרום האָט ער זיך אָפּגערופן:

— וואָס אייגנטלעך, מ׳סיע?

אָבער באַלזאַק האָט שוין געהאַט פאַרגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט דערציילן דעם אַלטן דרוקער.

— איך פיל זיך דאָ זייער גוט ביי אייך — האָט ער צוגעגעבן. — ווען מ׳וואָלט אַזוי געקאָנט זיך אָפּזונדערן פון פאַריז, פון דער גאַנצער וועלט, לייענען... און אפשר גאָר לייענען אויך נישט, נאָר טראַכטן און צוהערן זיך צום קאַנאַריק, און קוקן אין גאָרטן אַריין, טראָגן אין זיך די איינזאַמקייט ווי אַ ווערטפולע משא. איך בין אייך מקנא, באַטאַיל.

אַ ביטער שמייכעלע האָט אויסגעקרומט באַטאַילס ליפּן.

— זייט מיך נישט מקנא, מ׳סיע. די דאָזיקע שטילקייט איז בלויז אַן אויבנאויפיקע. איך האָב נישט קיין מנוחה. אַזויפיל שוואַרצע מחשבות פאַרפאָלגן מיך! אַזויפיל דאגות אויפן קאָפּ! חובות, קרעדיטאָרן, די וועלט

מיט אירע אומזיניקע געזעצן, מיט אירע קאַפּריזן און פּוסטע פּאַנטאַזיעס דרינגט דאָ אַריין צו יעדער שעה אין אָט דעם ווינקל, און מיין איינזאַמ־קייט — איז בלויז אַן אילוזיע, אַן איינרעדעניש, און אין דער ווירקלעכ־קייט בין איך אַ שקלאַף. עמיצער שלעפּט מיך אויף אַ קייט, ווי מען שלעפּט אַן אָקס צו דער שחיטה, און איך ווער זיך מיט מיין גאַנצן ווען, אָבער כ׳גיי, ווײַרום יענער, וואָס שלעפּט מיך, איז דער שטאַרקערער. איך וויל ווייטער נישט גיין! — האָט אויסגערופן באַטאַיל.

באַלזאַק האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם אַלטן דרוקער אַן אויפ־געקאָכטן און אַ בייזן; זיינע אויגן האָבן, פון אונטער די באַוואַקסענע ברעמען, געגליט פון פיבער, ער האָט געפאָכעט מיט זיינע ביינערדיקע הענט, גלייך ער וואָלט געקעמפט קעגן עמיצן, און בשעת־מעשה האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ טיפער און טיפער אין זיין פאָטעל, ווי אויף אָפּ־צוטרעטן קעגן אַ פיל שטאַרקערן קעגנער. נאָך אַ לענגערער פויזע, וואָס איז צעשטערט געוואָרן דורכן לוסטיקן קאַנאַריק, האָט באַטאַיל שטיל אַ זאָג געטון:

— די וועלט איז געוואָרן שטאַרק קאָמפּליצירט, מ׳סיע, און שוין לאַנג, ווי דו ווייסט נישט, ווו ס׳איז דער אָנהייב און ווו ס׳איז דער סוף. איר זעט עס בעסער. איר זענט אַ גרויסער מענטש און איר קענט גוט אונטערשיידן דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, וואָס עס איז פאַראַן אין דער געזעלשאַפט.

מיט אַ נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף זיין ברוסט, האָט באַלזאַק אויסגעהערט דעם אַלטנס שטילע רייד. „אַ קאָמישער מענטש, כ׳לעבן, ער האַלט מיך באמת פאַר אַ נביא. צי וואָלט מען נישט באַדאַרפט אַרויס־שלאָגן אים פון קאָפּ די דאָזיקע אילוזיע? וואָס פאַר אַ בייזע איראָניע פון גורל! געהערט אַ מעשה: איך בין מקנא אַן אַלטן דרוקער און יענער איז גאָר מיך מקנא״.

עפּעס האָט באַלזאַקן געשטויסן פאַרצווזעצן זיין ווידוי, וואָס איז פול געוועזן מיט ביטערע אמתן, אָבער ער איז באַהערשט געוואָרן פון אַן אַנ־דער געפיל, וואָס איז שטאַרקער געוועזן פונעם ערשטן, און, אונטערגעבנ־דיק זיך דעם לעצטן, האָט ער אַריינגעגאָסן די רעשט וויין אין די גלעז־זער, אויפהייבנדיק זיין כוסע — אַ שווערע, אַן אומגעלומפּערטע, אַן אַלט־מאָדישע גלאָז, באַצירט מיט אַ רויטער צייכענונג פון אַ ריטער־שלאַכט ביי די מויערן פון אַ שפּיצבויגנדיקן שלאָס — האָט ער טרוימעריש אויסגערופן:

— איך טרינק פאַר אייער געזונט, פריינט באַטאַיל, פאַר אייער גוט האַרץ, וואָס האָט אין די פריערדיקע יאָרן וואָרעם באַנומען מיינע שטרע־בונגען. ווי איר זעט, זענען נאָך פאַראַן גוטע מענטשן אויף דער וועלט, אָבער זייער צאָל ווערט וואָס אַמאָל קלענער — האָט באַלזאַק שטיל באַ־מערקט פאַר זיך אַליין און מיט איין שלוק האָט ער אויסגעטרונקען דעם וויין.

ער איז אויפגעשטאַנען. זיינע פיס האָבן אים צוביסלעך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן. ער האָט פאַרשטאַנען: אַז די לעצטע גלאָז איז געווען אַן איי־

בעריקע. ער איז צוגעגאַנגען צו די ביכער־פּאָליצעס. ער האָט אויף דער מיטלסטער פּאָליצע גלייך דערקענט די דיקע בענדער פון זיינע ווערק. באַטאַיל האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט אויפריכטיקער נייגעריקייט. באַלזאַק האָט געעפנט דאָס טירל און גענומען באַקוקן זיינע ביכער. ער האָט זיי גענומען אין האַנט אַריין איינציקווייז, לאַנגזאַם, גלייך ווי ער וואָלט זיך מיט זיי באַקענט צום ערשטן מאָל, ווי אַ פלייסיקער, אויפמערקזאַמער לייענער. במשך פון אַ קורצער וויילע האָט ער דערפילט, אַז צווישן אים און זיינע ביכער טיילט אים אָפּ אַ וואַנט, אַ נישט־דערגרייכבאַרע גרע־נעץ; אַז ער וועט פאַרשווונדן אין אַש און שטויב, דאָס זעלבע וועט פאַ־סירן מיט באַטאַיל, אָבער די ביכער אין די גרויע הילעס וועלן ווייטער אַזוי שטיין אויף די פּאָליצעס, און אַנדערע הענט וועלן זיי אָנרירן, און אַנדערע מענטשן וועלן געפינען אין זיי גענוס. ער האָט אויפגעמישט די אַלעמען גוט־באַקאַנטע זייטלעך, און דער דרוקפאַרב־ריח האָט אים פּשוט פאַרהאַקט דעם אָטעם. פאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט נעמען, פאַמיליע־נעמען, ער האָט זיי שטיל איבערגעחזרט, ווי צוזאַמענצורופן זיי אויף אַ גרויסער באַראַטונג, בעת הינטער זיין פּלייצע איז דער אַלטער באַטאַיל פאַרשטאַרט געוואָרן אין אַ פייערלעכער שטילקייט, נאָכפאָלגנדיק מיט אַ פרומען בליק באַלזאַקס יעדע באַוועגונג, פאַרלייגנדיק אויף דער ברוסט זיינע שווערע, אויסגעהאָרעוועטע הענט.

*

אַנומלט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין מיטן נאַכט. ווי אַ פאָך פון אַ פליגל, איז דער טרוים פאַרשווונדן הינטערן פענצטער, אָבער דער זכרון האָט אים צוריק אויפגעפרישט, אויסגעקלאַפּט פונקען, פון זיי האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט דער שייטערהויפן, און דאָס איז געווען אַ פאַרגע־ניגן, אַ שפּיל פון דער פאַנטאַזיע. אַ געדיכטע נאַכט־פינצטערניש האָט נאָך געהערשט הינטערן פענצטער. אויך דאָס איז געווען גוט. קיינער האָט אים נישט געשטערט צו חלומען. און ער האָט זיך דערמאָנט דעם חלום מיט אַזאַ קאָנטינואיטעט, ווי ער וואָלט וועלן נאָכאַמאָל אים איבערחזרן.

...אים האָט זיך געחלומט: די ברייטע רחבותדיקע סטעפּ, און אי־בער איר אַ בלויער דורכזיכטיקער הימל, און אויפן גראָז, דעם זאַפטיקן און הויכן, אין דער גרייס פון אַ מענטשן — פּערלדיקער מאָרגנטוי. ער איז געגאַנגען איבער אַ ווייכן, אויסגעטראָטענעם פוסוועג צווישן די גראָזן. געווען איז ער יונג און שוואַרצהנעוודיק, עמעצינס נישט־אָנזעעוודיקע האַנט האָט יעדע וויילע צוגעטראָגן אַ שפּיגעלע צו די אויגן זיינע, כדי ער זאָל זיך איבערצייגן אין זיין שיינקייט און אין זיין קראַפט. און ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן גאַנצן קול, פריילעך און טריאומפירנ־דיק, ווי אַמאָל אין דער מאַנסאַרדע אויף דער לעדיגיער גאַס, און דאָס געלעכטער האָט אָפּגעהילכט אין דער אומענדלעכער סטעפּ, דער שטעג האָט אים צוגעפירט צו אַ קוואַל. דאָס פליסיקע, דינע וואַסערל האָט, ווי

די שאַרף פון אַ שווערד, געשלאָגן צווישן די וואָרצלען פון אַ גרויסן, צאַרטן בוים, און אין פאַרלויף פון אַן אויגנבליק האָט ער דערזען, איינבייגנדיק זיך איבערן טייכל, דעם גלעזער קאַנעל, באַטאַילן און דעם בלינדן זקן אין זיין גרויער איינפאַכער אָפגעטראָגענער סערמיענגע, מיט דער טאָרבע. ער האָט דערקאָנט זיין רינגל אויפן אַלטנס האַנט און ער איז געווען צופרידן. ער האָט געוואָלט עפעס זאָגן דעם אַלטן, אָבער יענער האָט ראַפּטעם אַראָפּגענומען דאָס רינגל און עס אַריינגעלייגט אין באַלזאַקס האַנט. און דערביי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט.

אַצינד, אַריינטראַכטנדיק זיך אין דעם מאַדנעם חלום, האָט ער זיך נישט געקענט באַפרייען פונעם אומאַנגענעמען געפיל. וואָס האָט עס געקענט באַדייטן? ווי תמיד, האָט ער געהאַלטן, אַז אַ חלום איז אַ האַלבער נביא. די נבואה האָט אים געמאַטערט: ווי אַזוי זאָל ער זי אויסטייטשן — צום גוטן אָדער צום שלעכטן? אגב, האָט ער אין אַ האַלבער שעה שפּעטער געהאַט פאַרגעסן דעם חלום. דער טאָג האָט זיך געצויגן אומענדלעך לאַנג. געניי ווי די ווייטערדיקע טעג, האָט ער אים פאַרבראַכט נאָכצודענקען, אַרומצושלעפּן זיך איבער דער שטאָט, צו זיצן ביים שרייב־טיש און צו שרייבן ... בריוו.

בריוו האָט ער געשריבן טאָג־טעגלעך. ער האָט געשריבן צו זיין שוועסטער לאָרען, צו עוולינען, צום צאָל־באַאַמטן אין ראַדזיווילאָוו, דעם באַראָן העקעל, צו זיין פאַרלעגער סווערענען; ער האָט אפילו געשריבן צוויי בריוו צו וויקטאָר הוגאָ, וועלכע זענען, אגב, נישט אַוועקגעשיקט געוואָרן. איצטער האָט פראַנסואַ זיך פאַרנומען מיט אַוועקטראָגן די בריוו אויף דער פּאָסט. און יעדעס מאָל האָט באַלזאַק זיך נאָכגעפרעגט, ווי אַזוי און ביי וועלכע אומשטענדן זיי זענען באַלייגט געוואָרן.

אַ געוויסן טאָג האָט ער זיך גענומען צו זיין אַרכיוו. מ'האָט אַראָפּגעטראָגן פון בוידעם צוויי ריזיקע קוישן, און ביז שפּעטער נאַכט האָט ער זיך געגריבלט אין זיי, אַרויסשלעפּנדיק אויף דער ליכטיקער שיין גרויסע שטויסן באַשריבן פּאַפּיר, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. אַביסל פאַרכאַפּט, האָט ער לאַנג געבלעטערט די פאַרגעלבטע זייטן פון זיינע מאַנוסקריפּטן. זיי האָבן אים אויפגעפרישט אין זכרון פאַרגעסענע נעכט פון ליידן און פריידן. אָט איז דער פאָטער גאָריאָ, אָט איז צעזאַר בירָאָטאָ, און אָט איז אַ טונקעלער ענין.

— מיין גאָט, אַ טונקעלער ענין! — ער האָט זיך נישט געקענט צוריקהאַלטן פון אַ הויכן אויסגעשריי. אויפן טיש איז געלעגן אַ קליין פּעקל פּאַפּיר, אַרומגעבונדן מיט אַ בלוי שנירל. פאַרזיכטיק, מיט זיינע אומבאַהאָלפענע פינגער, האָט באַלזאַק אויפגעבונדן דעם פעסט־פאַרבונדענעם קנופּ און אַנטדעקט די פאַרשטויבטע, אָפּגעבליאַקעוועטע בלעטלעך... ער האָט זיך דאַן דערמאָנט דעם טאָג פון 15־טן דעצעמבער 1840. אויף די עליזיי־פעלדער האָט זיך פאַרזאַמלט אַ הונדערט־טויזנט־קעפּיקער המון. ער איז נאָכגעגאַנגען דעם ארון פון נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. דער המון האָט באַגלייט דעם אימפּעראַטאָר צו זיין אייביקער רו אין דער אינוואַלידן־

קאַפּליצע, און אין מאָמענט, ווען די טרויער־פּראָצעסיע אין אַריין אין דער קאַפּליצע, האָט זיך איבער איר באַוויזן אַ רעגנבויגן. די מענטשן האָבן אים דערזען, אַ פּילבאַרן, אַ צאַפּלדיקן, ער האָט זיך געהאַלטן מאַיעסטעטיש אויפן לאַזור, ווי צו פֿאַראייביקן פֿאַרבאָרגענע ברעגן. און אים, ווי טויזנטער אַנדערע (און אפשר נאָר אים אַליין?), האָט פֿאַרוואונדערט אייז פּרט — דעם אימפּעראַטאָרס האַנט. ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי מאַכט עפּעס אַ צייכן, אָט די ווייסע, רואיקע האַנט...

און ערשט פיל שפּעטער איז אויפגעשווומען אין זיין זכרון דאָס דאָזיקע בילד, וואָס האָט אים כסדר פֿאַרפֿאָלגט און געשאַפֿן דאָס ווערק: אַ טונקעלער ענין.

באַלזאַק האָט שווער אָפּגעאָטעמט און צוזאַמענגענומען דעם כתב־יד. ער האָט אים זאָרגפֿול צוזאַמענגעבונדן מיטן זעלבן שנירל און אַריינגעוואָרפֿן אין קייסל. ער האָט נאָך לאַנג געמישט די בויגנס און שטויסן פּאַפּיר, לייענענדיק אויפן קול די טיטלען, וואָס זענען געווען אויפגעשריבן אויבן אָדער אינדערמיט פון די בלעטער: עיזשעני גראַנדע, שאַגרין־לעדער, פֿאַרלוירענע אילוזיעס, די קוזינע בעטי, די דרייסיק־יאָריקע פרוי, שואַנער, דאָס זוכן פונעם אַבסאָלוטן...

ער איז מיד געוואָרן און אַרויס פון זיין קאַבינעט. אַ פֿאַרזונקענער אין זייגע מחשבות, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין זיין בילדער־גאַלעריע.

איבער פּאַריז האָט געפֿלאַמט אַ גליענדיקע זון. פויל און גלייכגילטיק האָט דער ווינט געווייעט אין פענצטער.

באַלזאַקן איז געקומען אויפֿן געדאַנק: נאָך די מאַנוסקריפּטן קאָן מען אויפשטעלן אין זכרון זיין גאַנץ לעבן. דאָס דערהויבענע און וואָס חזרט זיך נישט איבער, דאָס שרעקלעכע און פֿאַרשוועכנדיקע; דאָס לעבן, וואָס מערקט אָפּ דאָס אַרויפקלעטערן ביז די העכסטע הייכן און דאָס אַראָפּפֿאַלן פון זיי...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זיין מידקייט; אַן אומבאַזיגבאַרע אויסגעמאַטערטקייט, וואָס האָט אַרומגענומען זיין גאַנץ וועזן. קעגן איר איז נישט געווען קיין שום רפואה, קיין שום זנאַכער, אויף צו זאָגן דאָס כּישופדיקע, געהיימנישפולע וואָרט און פֿאַרטרייבן אָט די מכשפה. די קיישלעך מיט די מאַנוסקריפּטן זענען געבליבן אין קאַבינעט. ער האָט פֿאַרווערט פּראַנסואַ צוצורירן זיך צו זיי. שעהן לאַנגע האָט באַלזאַק מיט זיי געפירט שטומע געשפּרעכן. זיצנדיק אַזוי איבער די קוישן, באַטראַכטנדיק די מאַנוסקריפּטן, האָט ער זיך געזען איבער אַ תהום, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט זיין לעבן, און אין אָט דעם אומגעזעטיקטן און אומדאַנקבאַרן אָפּגרונט האָט ער אַריינגעוואָרפֿן שטיקער פון זיין נשמה, פון זיין צעריסן האַרץ, אָנגעפילט אים מיט בעסערע שאַפֿונגען פון זייַ מוח, נישט באַווייזנדיק אַריבערצוּוואַרפֿן איבער אים אַ בריק.

די וואָרעמע טעג זענען אַדורך און זיין מידקייט איז געוואַקסן. זי איז געשטאַנען הינטער זיין רוקן, בעת ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צום שרייב־טיש. אָט די נישט־אַנזעעוודיקע און אומדערגרייכלעכע מכשפה האָט

עס אַריינגעגאַסן אין זיינע העננט בליי, אַנגעהאַנגען זיך איבער זיין בעט און אָנגעפילט זיין שלאָף מיט אומדערטרעגלעכע קאָשמאַרן. אין אָט די טעג האָט באַלזאַק זיך גענומען צו צענדליקער עסקים און קיין איינעם נישט דערפירט ביזן סוף.

דער קלוב פון דער נאַציאָנאַלער ברידערלעכקייט האָט אים אַרויס־געשטעלט אַלס קאַנדידאַט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. דאָס האָט אים גלייך פאַרשאַפן פאַרגעניגן. ער האָט זיך געאיילט אָנצושרייבן אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין פאָליטישן אני־מאמין. זיינע פאַרשלאָגן האָבן נישט געהאַט קיין דערפאָלג. ער האָט נישט גע־הערט קיין שום אָפּקלאַנג. דאָס דעפּוטאַטן־בענקל איז פאַרבליבן הינטער אַ מיינקעלן און אומדורכדרינגלעכן שלייער.

ער האָט נאָך אַ מאָל געפּרווּט ענטפערן אויפן רוף פונעם אינערן־מיניסטער לעדרי־ראָלען און זיך באַוויזן אויף אַ ליטעראַטן־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז. פון די הונדערט פאַרזאַמלטע האָט ער דאָ בלויז געקענט צוויי — שאָנפלעריִן און לאַנדעלן, דעם מחבר פון אַוואַנטורע־ראָמאַנען. מען האָט דאָ געהערט אַ נישקשהדיקן גערויש און גאַנץ ווייניק געוויגענע רייד. דער פאַרשטייער פון אינערן־מיניסטער האָט דערקלערט די ליטע־ראַטן, אַז דעם מיניסטער אינטערעסירט זייערע פאַרלאַנגען אויפן געביט פון קונסט־אויסגאַבעס.

באַלזאַקס קאָלעגן האָבן געוואַרט אויף זיין רעדע. ער איז געזעסן אינמיטן זאַל אין אַ סאַפּיאַן־לעדערנעם פאָטעל און האָט געשמייכלט. נו, מילא! אויב עס איז נייטיק, וועט ער אַרויסזאָגן זיין מיינונג. באַלזאַק איז אַרויף אויף דער טריבונע און דער טומל אין זאַל האָט אויפגעהערט. פאַר־וואַרפנדיק די האָר אויף הינטן מיט אַ האַסטיקער קאָפּ־באַוועגונג, האָט באַלזאַק געזאָגט:

— ענטפערט בכלל נישט אָדער ענטפערט אויף דער פראַגע וועגן קונסט־אויסגאַבעס. איר האָט דאָ געשאַפן אַן אמתן פאַרלאַמענט: פון אַלץ צוביסלעך. דער מיניסטער פרעגט אייך נישט — צי עס זענען, לויט אייך, נייטיק ליטעראַרישע אויסגאַבעס, אים אינטערעסירט אייער מיינונג אויף דעם געביט, און גאָרנישט קען אייך צווינגען צו ענטפערן אויס־מיידנדיק אויף דער דאָזיקער פראַגע...

ער האָט דאָ געמאַכט אַ פּויזע אויף אַ מינוט, וועלכע האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין נייטיק, און ער האָט פאַרענדיקט:

— איך דאַנק אייך זייער, מיינע טייערע קאָלעגן, פאַר דער איינלאַדונג. איך דאַרף שוין גיין. איך ווינטש אייך דערפאָלג.

ער איז אַראָפּ כלומרשט געלאַסן פון דער טריבונע, פאַרשטייענדיק, אַז פון אים האָט מען דערוואַרט נישט אַזעלכע ווערטער און אַז ער אַליין האָט בכלל זיך נישט געקליבן דאָס צו זאָגן. אַ צעקלעמטער און אומצו־פרידענער פון זיך אַליין, האָט באַלזאַק פאַרלאָזט דעם זאַל.

...און אַצינד איז ער געזעסן אין זיין בילדער־גאַלעריע, שרעקלעך אָפּהענטיק, און ער האָט שוין מער גאָרנישט נישט באַדויערט. ער האָט

געטראַכט וועגן מנוחה, ווי וועגן אַ שטילן האַפן, וווּהין עס פאַרפאַרן שיפן, באַשעדיקטע פון אַ שטורעם. אַ מגושמדיקער, אַ געשוואָלענער, אַ קראַנקער און גלייכגילטיקער, האָט ער זיך אַליין פאַרגליכן צו אַ שיף אַ באַשעדיקטע פון די ים־כוואַליעס מיט צעריסענע זעגלען און מיט אַ צעשמעטערטן רודער.

אונטער באַלזאַקן האָט די ערד געציטערט, און דער ציטער אירער האָט אין זיינע שלייפן אָפּגעשלאָגן קלאַנגען, קורצע ווי שאָסן. די שוואַרצע קאַווע האָט אויפגעהערט צו זיין אַ לעבנס־עליקסיר.

אַט אַזוי האָט באַלזאַק דערוואַרט ענטפער אויף זיינע בריוו.

דערווייל זענען זיך די בריוו געגאַנגען זייער וועג, איטלעכער אין דער ריכטונג לויט זיין פון פאָרויס באַשטימטן גורל.

אייראָפּע איז געווען פאַרכמורעט. די שלעכטע וועטערן האָבן אָנגעקליבן שווערע וואָלקס איבער די קעניגלעכע הייף. אַלץ, וואָס ס׳איז אָנגעקומען פון אייראָפּע, איז געוואָרן קאָנטראָלירט. די שטאָפּן זענען געוואָרן אויסגעטאָפּט, אויפגעוויקלט, אויפגעפּאַקט. די ביכער זענען געוואָרן איבערגעלייענט, פון זיי האָט מען אַראָפּגעריסן די הילעס; פון די בריוו האָט מען אַראָפּגענומען קאָפּיעס. וואָס שייך די רייזנדע, האָט מען זיי נישט גערן דורכגעלאָזט דורך דער גרענעץ און מ׳איז געווען לגבי זיי שטאַרק איבערקלייבעריש. דער אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט פאַראָרדנט אָפּצושטעלן דאָס אַרויסגעבן אויסלענדישע פּעסער. אין די אַמבאַסאַדעס האָבן די געטרייע אויספירער פון אימפּעריאַלן ווילן, מיט אַ העפלעכן שמייכל, זיי אָפּגעזאָגט, אפילו הויכגעשטעלטע פּערזאָנען.

וואָס שייך די בריוו, די געוויינלעכע, נישט־פאַרדעכטיקטע בריוו, אָנגעשריבענע אין אַן עלעגאַנטן סטיל, אין אַ קאָרעקטער שפּראַך, זענען זיי זיך געגאַנגען רואיק און געלאָסן זייער וועג: פון פּאַריז, מיט דער אייזנבאַן, קיין קראָקע, און פון דאָרטן מיט געלעגנהייט־פּאָסטוועגענער דורך ראַדזיווילאָוו, בראָד, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, קיעוו — ביז קיין פּעטערבורג. צענדליקער הענט האָבן אָנגערירט די ווייסע קאָנווערטן, געוויגן זיי אין די דלאָניעס, אַריינגעלייגט זיי אין זעק, געהאַלטן זיי אויף פּאָליצעס, און באַלזאַק האָט בשעת־מעשה אין פּאַריז, אויף דער פאָרטינע גאַס, געוואַרט אויף ענטפער.

... און אָט זענען אָנגעקומען בריוו. איינער פאָרן בילדונגס־מיניסטער אוואַראָוו, אַ צווייטער פאָרן גראַף אָרלאָוו. פון די אַרכיוון האָט מען אַרויסגעשלעפּט דאָס באַרימטע פּראָטאָקאָל־בוך מיטן גרינעם שער־בלאַט. טשינאָווניקעס האָבן זאָרגפול אָפּגעשריבן קאָפּיע נאָך קאָפּיע. אינטערפּעלאַציעס זענען געפלויגן מיט פעלדפּאָסט־וועגעלעך קיין קיעוו, אין דער קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו. דער טשינאָווניק קיסעלעוו האָט געגומען זיך באַאומרואיקן אין בערדיטשעוו. ער האָט אויפן בערדיטשעווער פּאָסט־אַמט אַראָפּגענומען אַ קאָפּיע פון דריטן בריוו און איבערגעשיקט זי קיין קיעוו צום גענעראַל־גובערנאַטאָר ביביקאָוו, אין די אייגענע הענט.

אין פעטערבורג זענען די בריוו ווי געלעגן אויף אַ וואָגשאָל. די וואָגשאָל האָט נאָך דערווייל קיין שום רעוועלאַציעס נישט געמאַכט. דער מיניסטער אוואַראָוו האָט מיט פיל אויפמערקזאַמקייט שטודירט דעם ענין פון „פראַנצויזישן שריפטשטעלער אָנאָרע דע באַלזאַק”. דער מיניסטער אָרלאָוו האָט אויך שטודירט דעם ענין.

עוולין האָט זיך נישט געאײַלט צו ענטפערן. די צייט האָט זיך, זעט אויס, אָפגעשטעלט. דאָס געהיימנישפולע שווייגן האָט כסדר אָנגעהאַלטן. אין פאַריז, אויף דער פאָרטינע גאַס, האָט באַלזאַק זיך געוואָרפן מיט אייזערנע צוואַנגען פון לייד און פיין.

עס איז געווען אַ זוניקער טאָג. אַ לויטערער, שפיגלדיקער, אויגוסט־הימל, און טראָץ דעם האָט זיך שוין אין דער לופט פון שטרענגן פעטערבורג אַרײַנגעכאַפט דער אָטעם פון האַרבסט. אין צאַרסקאָיע סיעלאָ האָבן די פאָנטאַנען נישט אויפגעהערט צו שפריצן. די נימפעס אויף די אַלעען האָבן נישט־מערקלעך און סודותפול געשמייכלט. די גלייך־געשניטענע קוסטעס האָבן מיט זייער פראַכט פאַרכאַפט דאָס אויג פונעם צאַר. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ מאַרמאָרנער באַנק, ווענדנדיק פאַרקלערט זיין בליק אַקעגן זיך. דער גראַף אָרלאָוו איז געשטאַנען אַ דריי טריט הינטער אים. דער אימפעראַטאָר האָט אָפגעווישט זיין פאַרשוויצטן קאַרק, און ער האָט לאַנג געדרייט דאָס נאָזטיכל צווישן זיינע פינגער. די פאָנטאַנען האָבן דורכגעשניטן די לופט מיט זייערע פינקלדיקע וואַסער־שפריצן.

דער אימפעראַטאָר האָט געשוויגן. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט צו רעדן. ער איז געווען מיד פון די היצן, פון די עסקים און פון דער פרימאָרגנדיקער קריגעריי מיט דער אימפעראַטאָרשע. אַלץ האָט אים געערגערט. אין איצטיקן מאָמענט האָט ער באַדויערט, הלמאי ער האָט געגעבן דעם באַפעל, מען זאָל אים צושטעלן ראַפאָרטן אפילו, ווען ער וועט זיך געפינען אין צאַרסקאָיע סיעלאָ.

שוין ווידער אַמאָל אָט דער פראַנצויז! גוט, ער וועט זיך נאָך באַטראַכטן, ער וועט זיך נאָך באַטראַכטן. דער אימפעראַטאָר האָט געוואָרפן די ווערטער דעם גראַף אָרלאָוון איבער דער פלייצע. פאַרבייגנדיק נידעריק דעם קאָפ, האָט אָרלאָוו זיך צוריקגעצויגן אין טיפן פאַרק אַריין. דער אימפעראַטאָר איז געבליבן זיצן אויף דער מאַרמאָרנער באַנק, אַרומגערינגלט מיט נימפעס. אויך זיי זענען אויסגעהאַקט פון ווייסן איידעלן מאַרמאָר. דאָס איז אַ טויטער, קאַלטער שטיין. די אויגוסט־זון איז נישט ביכולת אים צו דערוואָרעמען. אין האַרצן פונעם צאַר דרינגט די זון נישט אַריין. ניקאָלאַי דער ערשטער זיצט אומבאַוועגלעך אויף דער מאַרמאָרנער באַנק, פונקט ווי זיין נאַטירלעכער המשך.

עטלעכע טעג שפעטער האָט דער צאַר ניקאָלאַי געלייענט די געדיכטע שורות פון ראַפאָרט פונעם זשאַנדאַרמעריע־שעף גראַף אָרלאָוו:

„דער שריפטשטעלער אָנאָרע דע באַלזאַק איז פאַראַיאָרן געקומען אויף באַזוך קיין רוסלאַנד. גענעראַל ביביקאָוו איז געבליבן צופרידן פון זיין אויפפירונג און רופט זיך וועגן אים זייער גוט אָפ, האַלטנדיק, אַז דע

באַלזאַקס אידייען האָבן גיכער אַ ליטעראַרישע, איידער אַ פּאָליטישע טענדענץ. דע באַלזאַק האָט קיינמאָל זיך נישט געמישט אין קיין פּאָליטיק".

אָרלאָוו האָט, פון זיין זייט, אָנערקענט, אַז פאַקטיש „האָט באַלזאַק זיך געהאַלטן קאָרעקט און זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ טרייער מענטש". דער צאַר האָט אַוועקגעלייגט אין אַ זייט דעם ביז גאָר רעספּעקטפולן ראַפּאָרט וועגן פראַנצויזישן ליטעראַט און זיך פאַרטראַכט.

און באַלזאַקס פעליעטאָן? דאָס קען מען דאָך נישט פאַרגעסן. איבעריקנס, וואָס ציט אַזוי אָט דעם אויסלענדער קיין רוסלאַנד? די ליבע? דער צאַר איז נישט געווען גענייגט צוצוגעבן די מענטשלעכע געפילן אַזאַ מאַגישן באַדייט. אַ שאָטן פון אומצופרידנקייט האָט זיך געלייגט אויף זיין געזיכט.

גראַף אָרלאָוו האָט פון זיך אַליין מוסיף געווען: „בעמענדיק אין באַטראַכט די אָנשטענדיקע אויפפירונג פון באַלזאַקן אין פאַרלויף פון זיין אויפהאַלט אין רוסלאַנד, ווי אויך די באַמיאונגען לטובת אים מצד דעם בילדונגס־מיניסטער גראַף אוּוואַראָוו (ניקאָלאַי האָט געגעבן אַ סאַרקאַסטישן שמייכל. „אַ כיטרער פוקס, — האָט ער הויך אַ זאָג געטון, — ער פאַרזיכערט זיך אַ וועג, ווי עס זאָל נישט זיין, כדי צו קענען זיך צוריקציען"), וואָלט איך, פון מיין זייט, געהאַלטן, אַז מען קען אָנטקעגן קומען דע באַלזאַקס בקשה וועגן דערלויבן אים אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד".

דער צאַר האָט אַ ווײַלע זיך געקווענקלט.

ס'איז געווען אָנהייב חודש אויגוסט. אין דער לופט האָט זיך געפילט דער הויך פון האַרבסט. דער ווינט האָט געקייקלט איבער די וועגן די ערשטע געלע בלעטער. עוולין האָט געלייענט איוואַנהאָע פון וואַלטער סקאָט. אינעם הויז אויף דער פאָרטינע גאַס האָט באַלזאַק געטריבן כישוף איבער געעפנטע קוישן, וואָס זענען פול געווען מיט אַלטע מאַנוסקריפּטן.

*

דער צאַר האָט זיך געקווענקלט. קוסטינס ביישפיל האָט ער נישט געקענט פאַרווישן פון זכרון. זשאַנדאַרם פון אייראָפּע! נישט קיין ווונדער, די בורבאָנער זענען געווען נאָכגיביק, און וואָס פאַראַ פרוכטן שניידן זיי איצטער? איבעריקנס, ס'וואָלט נישט געווען קיין עוולה צו צוימען אָט דעם צווייטן פראַנצויז. דאַכט זיך, אַז מיט אים איז לייכטער זיך צונויפצורעדן. ס'וועט בייטיק זיין צו זאָגן עס דעם גראַף אָרלאָוו. דער צאַר האָט גענומען דעם בלייער און אָנגעשריבן אויפן ראַנד: „יאָ, אָבער אונטער שטרענגער אויפזיכט".

...ס'איז געווען אויגוסט. אילוזאָרישע דערשיינונגען האָבן געגרילצט. דער שטויב האָט זיך אויפגעהויבן איבער די וועגן פון דער רוסישער אימפּעריע. די געשטרייפטע שלאַבאַנען האָבן דורכגעשניטן די באַלעבטע טראַקטן. פעלדפּאָסט־וועגעלעך זענען געפלויגן הענדום־פּענדום. די שווייגעוודיקע שליחים פון דער פערזענלעכער קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלע־

כער מאַיעסטעט האָבן אין לעדערנע טאָרבעס געפירט געהיימע פּאַראַ־דענונגען. זיי זענען פאַרבייגעפלויגן די צעלטן אין די וועלדער, די תבואה־פעלדער און די טויזנטער, די צענדליקער טויזנטער נפשות, וואָס האָבן דאָרטן געוווינט.

עס האָט אָנגעהאַלטן אַן אויגוסט־היץ. אין דער קאַנצעלאַריע פונעם זשאַנדאַרמעריע־שעף איז אויך נישט געווען קיל. אַ פלייסיקער ביוראַליסט, וואָס האָט געהאַט די ראַנגע פון אַ זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר, האָט זאָרגפול צוגעגעבן אונטער דער פראַזע, געשריבן דורכן צאַר: „אייגנהענטיקע אָנ־מערקונג פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט״: „יאָ, אָבער אונטער שטרענ־גער אויפזיכט״. דער ביוראַליסט האָט איבערגעגעבן דעם זייער רעספּעקט־פולן ראַפּאָרט דער העכערער נאַטשאַלסטווע, וואָס האָט מיט פאַרגלאָצטע אויגן לאַנג און מיט פיעטעט באַטראַכט דעם מאָנאַרכישן פעדערשטריך און, אויסגלייכנדיק זיך פייערלעך אויף זיין שטול, ווי ס׳איז דער מנהג ביי אַזאַ געלעגנהייט, האָט ער מיט עמאַציע אונטערגעשריבן אונטער דער צושריפט פון ביוראַליסט: „גענעראַל־לייטענאַנט דובעלט״.

אָבער דער באַאַמטער, וואָס האָט געהאַט געשריבן די ווערטער, באַ־שטעטיקנדיק דעם ווילן פונעם אימפּעראַטאָר, איז פאַרבליבן אַנאָנים. מ׳האָט אַריינגעלייגט דעם זייער רעספּעקטפולן ראַפּאָרט אין אַ ווייכער גרינער פאַפּקע, אויף וועלכער מ׳האָט אָנגעשריבן: „פּריוואַט־קאַנצעלאַריע פון זיין קייזערלעכער מאַיעסטעט, דריטער אָפּטייל, עקספּעדיציע — 3 נומער 443״. און אונטערן נומער האָט דער אַנאָנימער טשינאָווניק געהאַט אָנגעשריבן וואָרט ביי וואָרט, מיט קרומע אותיות:

„אַקט אין שייכות מיט דער ביטע פון פראַנצויזישן שריפטשטעלער דע באַלזאַק וועגן דערלויבן אים אומצוקערן זיך פון פּאַריז קיין קיעוו און מכוח דער דערלויבעניש פון דער גוטבאַזיצערין פון דער קיעווער גובער־ניע האַנסקאַ חתונה צו האָבן מיט אים״.

*

דאָס לעבן האָט אים אויסגעלערנט איין כלל: נאָך ליידן דאַרף קומען פרייד. אויף ווי לאַנג? דאָס אינטערעסירט אים נישט אין איצטיקן מאָמענט.

די פרייד איז אָנגעקומען אַ געוויסן פרימאָרגן, אין דער פאָרם פון אַ בריוו פון זשאַנדאַרמעריע־שעף פון דער רוסישער אימפּעריע, גראַף אָר־לאָוו. די אותיות זענען געשפּרונגען פאַר באַלזאַקס אויגן. ער האָט גאָר־נישט געזען. איין איינציק וואָרט האָט אים פאַרשטעלט די גאַנצע וועלט.

— די דערלויבעניש! מיין גאָט, די דערלויבעניש! — ער האָט פאַר־געסן די מידקייט און די פאַרצווייפלונג. ער האָט פעסט אַרומגענומען אין די אָרעמס פראַנסואַז, איבערגעקערט דעם טינטער, צעבראָכן אַן אַלטע פאַרצעלייענע וואַזע. און דאָס אַלץ צוליב דעם וואָרט: „דערלויבעניש״. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט אפילו צוביסלעך באַזייטיקט די באַאומרואיקונג,

וואָס איז געבוירן געוואָרן דורך עוולינס שווייגן. אַ פּאַראַגראַף האָט אים אונטערגעזאָגט: איצטער וועל איך אויך באַקומען פון איר אַ בריוו.

אַזוי איז טאַקע געשען. עס איז אָנגעקומען אַ בריוו. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט האַרציקייט, אָבער אויך שכל־הישר איז אין אים געווען גאַנץ היפּש. באַלזאַק האָט געהייסן פראַנסואַן אָוועקטראָגן אויפן בוידעם די קוישן מיט די מאַנוסקריפּטן. ער האָט זיך דערמאָנט אין די אַקציעס (זיינע און עוולינס) און איז אָוועקגעלאָפן אויף דער בערזע. ער האָט אָנגעשריבן בריוו: עוולינען, דעם גראַף אָרלאָוו, דעם נאַטשאַלניק פון ראַדזיווילער צאָל־אַמט העקעלן. באַלזאַק האָט זיך געגרייט אין וועג אַריין.

קאַפּיטל אַכצן

דער וועג

ווידער איז בערדיטשעוו געלעגן אויף זיין וועג. די טונקעלע מויערן פונעם קאַרמעליטן־מאָנאַסטיר. די קרומע גאַסן מיט די נידעריקע איינגעהויקערטע הייזלעך. די רחבותדיקע ערד־שטחים, אָנגעפּילטע מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן המון.

און איבעריקנס, וואָס ווייטער באַלזאַק איז אָפּגעפאָרן פון פּאַריז, אַלץ מער האָט ער באַדויערט, הלמאי ער האָט עס פאַרלאָזט. פּונקט ווי אין די פריערדיקע צייטן, האָט פּאַריז פאַר אים אויסגעזען ווי אַ ווילדער אומזיניקער צענטער פון באַוועגן מאַשינען און אידייען, אַ שטאָט פון הונדערט טויזנט ראָמאַנען. פּאַריז — דאָס איז אַ קאַפּריזנע און פיינשמעקעריש ווײַב, און יעדער מענטש, יעדעס הויז שטעלן מיט זיך פאָר אַ טייל פונעם קערפּער פון אָט דער גרויסער קורטיזאַנקע.

אָבער דער וועג האָט זיך געצויגן. און פּאַריז איז פאַרבליבן הינטער די הרי־חושך. אַזוי האָט מיט אים תמיד פּאַסירט: די רייזע האָט גורם געווען אומהיימלעכע געדאַנקען. אויף די פּאָסט־סטאַציעס האָט מען געביטן די פערד. ער האָט צומאָל נישט באַוויזן צו פאַרגעדענקען די געזיכטער פון די טשינאָווניקעס. ווידער האָט זיך פאַר זיינע אויגן אויסגעשפּרייט די סטעפּ, די דערפער האָבן זיך לאַנגזאַם דערווייטערט, און אויף די הויכליגנדיקע פליינען, אַרומגערינגלטע מיט וועלדער, האָבן זיך באַוויזן די ווייסע פּריצישע גיטער. אונטער די רעדער האָט זיך אויסגעשפּרייט דער שטויב פון אַמאָליקן אַטאַמאַנישן טראַקט. און די מעכטיקע אַלטע לינדביימער האָבן אים באַדעקט מיט אָראַפּגעפאַלענע גילדערנע בלעטער, זייערע גרויסע צווייגן האָבן געקרעכצט, ווי זיי וואָלטן זיך באַקלאָגט פאַר עמיצן אין דער סטעפּ. די זון איז געווען אַ האַרבסטיקע, אַ קאַלטע, אַ

גלייכגילטיקע. אויף די געשניטענע פעלדער האָט דער ווינט געשטיפּט מיט די ווילדע גראָזן. באַלזאַק איז געזעסן אין דער קאַרעטע אַ שווייגנדיקער, באַמיענדיק זיך אויפצולעבן אין זכרון דעם פאַראַיאָריקן אָנקום. עס האָט זיך אים אָבער נישט איינגעגעבן. אַנדערע מחשבות האָבן אים באַהערשט. און אָט האָבן זיך באַוויזן די סטעפּעס, בערדיטשעוו — די רוישיקע, זאָרגלאָזע שטאָט, און ווידער די פּאָסט־סטאַציע, די העפּלעכע טשינאָווניקעס, און אויפן מאַרק די יידישע הענדלער אין שוואַרצע לאַנגע קאַפּאָטעס און אין יאַרמלקעס. באַלזאַק איז געשטאַנען אויפן פעראָן און באַוואונדערט דאָס בילד פון אַן אַנדער לעבן, בעת אין דער שטאַל האָט מען איינגעשפּאַנט אין אַן אַלטינקער פּאָסט־קאַרעטע פרישע פערד.

דער באַנקיר יצחק האַלפּערין איז אויסגעוואַקסן פאַר באַלזאַקס אויגן, ווי אַ געשפּענסט. ער איז געשטאַנען אויף צוויי טרעפּלעך נידעריקער און זיך פאַרנייגט. באַלזאַק האָט אים אויסגעשטרעקט די האַנט. יצחק האַלפּערין איז אַרויף העכער. ער האָט אים באַגריסט מיטן גאַנצן טשאַק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ האַרציקן גאַסט. ער האָט דערמאָנט דעם פאַרגאַנגענעם האַרבסט און די באַגעגעניש אין דער קרעטשמע. אמת, אַז איצטער וואָלט אַזאַ באַגעגעניש געווען אינגאַנצן איבעריק, מחמת הער באַלזאַק איז שוין כמעט אַ רוס, ער קען גוט אוקראַינע און נייטיקט זיך נישט אין קיין איבערזעצער. און דאָך דערלויבט זיך יצחק האַלפּערין צו באַמערקן, אַז ער איז שטענדיק גרייט צו דינען דעם הער דע באַלזאַק.

באַלזאַק האָט נאָך נישט געוווסט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן די באַגעגעניש מיטן באַנקיר. צום גוטן אָדער צום שלעכטן? אין יעדער באַגעגעניש זוכט ער סימנים. אָבער דעם באַנקירס באַווייזן זיך און זיינע רייד האָבן אים דערמאָנט די פאַרגעסענע קרעטשמע: די נאַכט, וועלכע ער האָט דאָרט פאַרבראַכט; די יונגע און שיינע קרעטשמערקע מיט די שוואַרצע צעפּ, דעם מאָדנעם קרעטשמער. ווו זענען זיי איצטער? עס שווימט אויף אויפן געדאַנק אַהאַסווער. ער פרעגט ביי האַלפּערינען, אָבער יענער גיט אַ מאַך מיט די הענט. ווער ווייסט, ווו ס'איז אַהינגעקומען דער קרעטשמער. איינס איז באַקאַנט — דער אַלטער איז אַראָפּ פון זינען. און דעם משוגע געוואָרענעם, ווי ס'איז באַוווסט, איז די וועלט געוואָרן צו ענג. ער האָט זיך ערגעץ־ווו באַהאַלטן. און וועגן דער טאָכטער הערט מען גאָרנישט. האַלפּערין טאָפּטשעט אויף אַן אָרט נעבן באַלזאַקן. אמת, ער וואָלט גערן וועלן דינען מיט עפּעס דעם הער באַלזאַק, אויב דאָס אינטערעסירט אים אַזוי. אָבער עס זענען פאַראַן אַזויפיל קרעטשמער אויפן אַטאַמאַנישן טראַקט, ווי אַזוי קען מען וויסן, וואָס מיט זיי איז געוואָרן, און דער גורל ביי יעדן איינעם איז פאַרשידן. אגב, צי איז בכלל מעגלעך צו קענען דעם שיקזאַל פון אַ מענטשלעך באַשעפעניש? אין די כיטרע, מיט רויטע אָדערלעך, צעשניטענע אויגן, דערקענט באַלזאַק אַן אומפאַרשעמטן ליגן. שפּעטער, אויפן וועג, הוידענדיק זיך אויף די ווייכע קישעלעך פון דער קאַרעטע, האָט באַלזאַק נאָכאַמאָל זיך דערמאָנט אין האַל־

פערינען און אין דער קרעטשמע, און אַט די דערינערונג רופט אַרויס אַ נישט־בולטן אומעט אין זיין אומרואיקן האַרץ.

דער וועג ציט זיך באַרג־אַרויף. אַן אָפּגעלעגענער וועג קיין ווערכאָווניע. באַלזאַק האָט געבעטן דעם קוטשער אָפּצושטעלן די פערד און איז אַרויס פון דער קאַרעטע. אַ נידעריקער, אַ דיקער, אַרומגעהילט אין אַ לאַנגן, גרינעם מאַנטל פון פּראָסטן שטאָף, אין אַ רונדיקער, פּליושענער שליאַפּע, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט, זעט ער אויס עטוואָס קאָמיש צווישן דעם אומגעהויערן אין־סוף. דעם דאָזיקן אָפּשטעל אויף אַ וויילע האָט ער אומבאַדינגט באַדאַרפן האָבן. מעגלעך, אַז מ׳דאַרף נאָכאַמאָל, אפשר אויך דאָס לעצטע, צוזאַמענעמען אַלע ספקות און, ווי זריעה־קערנער, זיי וואַרפן אין אַט דער פרוכטבאַרער שוואַרצערד, כדי זיי זאָלן מיט דער צייט אַרויסגעבן זייער ביטערן שניט פאַר אַנדערע נאָך. צי איז ער בלויז איינער אַליין פאַראורטיילט דאָס גאַנצע לעבן זיך צו דערנערן מיט דער ביטערקייט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ?

באַלזאַק דערווייטערט זיך מיט קליינינקע טריטעלעך פונעם עקיפּאַזש. ער פאַרהאַלט זיך ביים ראַנד פון אַ קליינעם ראָוו. אַ שמאָלע סטעזשקע צווישן פאַרוועלקטע גראָזן האָט געפירט צו אַ ברונעם. נעבן ברונעם — אַ לאַנגע אויסגעטריקנטע קאָריטע אויף אָנצופּאָיען די בהמות. די ברעטלעך זענען געווען באַדעקט מיט אַ ווייכן זיידענעם מאָך. און איבערן ברונעם האָט זיך אויפגעהויבן צום הימל אַ לאַנגער דראָנג מיט אַן עמער אָן אַ דנאָ. באַלזאַק האָט זיך דערנעענטערט צום ברונעם. ער האָט אַהין אַריינגעקוקט. אין לויף פון אַ קורצער וויילע האָבן זיך זיינע אויגן צוגעוווינט צו דער פינצטערניש. ער האָט דערזען אַ טיף פּוסט לאָך, אָנגעפילט מיט ווילדע גראָזן. אונטן, אויף אַ גרויסן קאַנטיקן שטיין, איז געזעסן אַ זשאַבע און געקוקט אויף אים מיט אַ גלייכגילטיקן בליק. באַלזאַק האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דער ווינט האָט געהוידעט דעם געלעכערטן, ליידיקן עמער. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער אַלטער, אויסגעטריקנטער דראָנג, וואָס איז אַמאָל געווען אַ וואָרצל פון אַ פּרעכטיקן בוים, האָט געליטן פון אַ שרעקלעכן דאָרשט און געבעטן אין הימל וואַסער, מחמת דער ברונעם איז געווען אויסגעטריקנט, דאָס געהילץ פאַרפוילט, און אַלץ אַרום באַוואַקסן מיט דערנער. דער דראָנג האָט געקוקט אין הימל אַריין, געבעטן תחנונים, געוואַרט, און דער הימל איז געווען לויטער און זיך גלייכגילטיק באַצויגן צו זיין צודרינגלעכער תפילה. אָבער, ווען אפילו ער וואָלט געהאַט רחמנות, וואָלט דער הימל סיי ווי נישט געקענט לעשן דעם דאָרשט פונעם שטאַנג. דער ווינט האָט געהוידעט דעם געלעכערטן עמער. ער האָט טרויעריק געגרילצט אין דער הויך, איבערן קאָפּ פון באַלזאַקן. פאַרצווייפלטע געדאַנקען האָבן זיך דערוועקט אין אַט דעם קאָפּ. ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן שטענגל נעבן דער וואַסער־פּאָמפּע און זיך פאַרטראַכט. ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיטן שטאַנג. צי האָט ער נישט געבעטן ביים שיקזאַל גליק, ווי אַט דער שטאַנג ביים הימל — וואַסער? דער עמער האָט נישט געהאַט קיין דנאָ, און קיין שום וואַסערפאַל וועט נישט זיין אימ־

שטאַנד צו לעשן דעם גיהנומדיקן דאָרשט פונעם שטאַנג. דאָס וואַסער וועט דורכפּאַלן דורכן עמער אויף דער ערד, איינזאַפּן אינעם פּרוכטבאַרן פעטן באָדן, כדי צו מאַכן וואַקסן און יוירן מיט זאַפט די ביימער און די גראָזן. אָבער זיין דאָרשטיקע נשמה וועט דער שיקזאַל מיט גאָרנישט נישט לעשן. ערגעץ־ווו אינעם ווירוואַר פון די טעג האָט זיין נשמה פאַרלוירן די דנאָ. דאָס גליק איז אַדורך דורך איר, כדי האַרציק צו פאַרגיטיקן אַנדערע. ווייל דאָס האָט ער פאַר אַנדערע געהאָרעוועט ביי זיין שרייב־טיש און, ווי פרוכטבאַרע ערד, האָט ער באַשאַפן שטעט און מענטשן, עקזאַלטירט די ערלעכקייט און געשטעמפּלט די היפּאָקריטסטווע.

פונדעסטוועגן, האָבן אים אָט דער פאַרוואָרפענער שטאַנג אין דער סטעפּ, אָט דער פאַרגעסענער ברונעם פאַרשאַפן פרייד. ער האָט זיך צוריק אַריינגעזעצט אין דער קאַרעטע, אַ דערפרישטער, אַ באַרואיקטער און פאַרמאַכט די אויגן, ווי נאָר די פערד האָבן זיך גערירט פון אָרט.

ער איז נישט געשלאָפן. מיט פאַרמאַכטע אויגן איז פשוט לייכטער געווען צו טראַכטן.

וואַליזן פול מיט ביכער, פאַפירן, קליידער האָבן זיך געהוידעט אויף די הילצערנע ספּריכעס פון דער קאַרעטע. אין איינער פון זיי, אין אַ שוואַרצן פוטליאַר, איז געלעגן אַ קליין דעליקאַט פידעלע. דער ציל פון דער רייזע איז שוין געווען גאָר נאָענט. עס זענען פאַרבליבן געציילטע שעהן. באַלד וועט ער זיין אין ווערכאַווניע. און דאָך האָט ער זיך נאָך אַלץ געאיילט. ער האָט מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן. ער האָט אַליין געווי נישט געוווסט, צוליב וואָס אַזאַ אייליעניש. ער האָט דורכגעמאַכט נישט קיין קליינעם וועג און גאָרנישט נישט באַמערקט. די צווייטע רייזע קיין ווערכאַווניע האָט זיך מיט אַלץ אונטערשיידט פון דער ערשטער. דאָס האָט ער גוט פאַרשטאַנען.

דער עקיפּאַזש האָט זיך געהוידעט אויפן חרובן וועג, די רעדער האָבן געגרילצט. דער קוטשער האָט געדרעמלט אויף דער קעלניע.

פון פּעטערבורג איז צום שטאַב־אָפיציר פון זשאַנדאַרמעריע־קאָרפּוס פון דער קיעווער גובערניע, ביעלאַאוסאָוו, אָנגעקומען אַ פּאַקעט, אַדרע־סירט דורכן זשאַנדאַרמעריע־שעף גראַף אָרלאָוו.

„נעמענדיק אין באַטראַכט מיין זייער באַשיידענעם ראַפּאָרט וועגן דער ביטע פון באַרימטן פראַנצויזישן שריפטשטעלער דע באַלזאַק, האָט זיין מאַיעסטעט דער אימפּעראַטאָר געערנוויליק אים דערלויבט אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד, אָבער אונטער שטרענגער אויפזיכט איבער אים. דער דער־מאָנטער באַלזאַק געפינט זיך שוין אויף אונדזער טעריטאָריע, ער פאָרט אין דער ריכטונג פון דער וואָלינער גובערניע, ווו ער וועט זיך אויפהאַלטן. אין איינקלאַנג מיטן קייזערלעכן ווילן, לייג איך פאָר אייער עקסעלענץ צו אָרגאַניזירן אַ געהיימע אויפזיכט איבער אָט דעם אויסלענדער, זיין לעבן, זיינע באַשעפטיקונגען און זיינע פאַרבינדונגען אין דער געזעלשאַפט. איך דערוואַרט אייער באַריכט וועגן דאָזיקן ענין“.

דער שטאַב־אָפיציר ביעלאַאוסאָוו האָט אָנגענומען די געהעריקע מאָס־

מיטלען. אין בערדיטשעוו האָט דער טשינאָווניק פאַר אויסעראָרדנטלעכע ענינים, קיסעלעוו, זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט.

*

אין דער זעלבער צייט האָט די קאַרעטע זיך געהוידעט איבערן וועג. באַלזאַק איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרזונקען אין מחשבות. אים האָט ווידער באַהערשט די דערשעפּטקייט, די פריערדיקע פאַריזער מידקייט, און ער האָט נישט געוווסט, וועלכע מעדיקאַמענטן וועלן זיין אימשטאַנד צו באַזייטיקן איר פאַררעטערישע מאַכט. אין דאָזיקן מאָמענט, ווי אין אַלע וויטערדיקע טעג, איז ער ווייט געווען פון אַלע מענטשלעכע זאָרגן, אים האָבן נישט אינטערעסירט נישט דער צאַר, נישט די מיניסטאָרן, נישט דער פּאַרלאַמענט, נישט די קאָנסולאַרע בריוו; אָבער הינטער די טויבע ווענט פון די זשאַנדאַרמעריע־קאַנצעלאַריעס האָט מען געמאַכט אַנקעטעס און ראַפּאָרטן, אין וועלכע זיין פּערזאָן האָט פאַרנומען אַ באַדייטנדיק אָרט. אַזוי האָט בלויז דאָס לעבן באַשאַפן אַ מענטשלעכע קאָמעדיע, פאַרוואַנדלענדיק באַלזאַקן אין אַ פּערסאָנאַזש פון אַט דער שרעקלעכער פאַנטאַסמאַגאָריע פון דער געשיכטע.

*

די באַגעגעניש, אויף וועלכער עס זענען געלעגן גרויסע האָפענונגען, איז געווען אַ פּשוטע. ער האָט לאַנג געקושט עוולינס האַנט און געקוקט איר אין די אויגן. זיי זענען געזעסן אין בודואַר אויף אַ נידעריקער קושעטקע. אַ בין־השמשותדיקע זון האָט זיך אויסגעלאַשן אין די פענצטער. באַלזאַק האָט געשעפּט נחת און באַוווּנדערט עוולינס רואיקייט, זאַרגלאָזיקייט. באַלזאַק האָט דערשפּירט אַ קעלט אין איר האַלטונג. דאָס איז געווען נישט אַנגענעם, אָבער ס׳האָט אויך נישט איבערראַשט. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה איז ער שוין געווען צוגעגרייט צו דעם. פאַרראַטנדיק פּשוט זיין לאָיאַלקייט, האָט ער איר געזאָגט די פאָלגנדיקע ווערטער, וועלכע ער וואָלט פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט אַרויסגעבראַכט מיט אַ יאָר צוריק:

— ווען איר וואָלט געוווסט, עווא, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין פאַריז! דאָס פעבל איז אינגאַנצן אַראָפּ פון זינען. זיי האָבן פאַרברענט דעם קעניגס טראָן, זיי האָבן, ווי אַ באַנדע רויבער, זיך אַריינגעריסן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, און מיט זייערע פאַרבלאָטיקטע שטיוול האָבן זיי פולשטענדיק צעטרעטן דעם מאַרשאַלן־זאַל!

אַ ווײַלע איז באַלזאַק אַנטשוויגן געוואָרן אויף אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ער האָט זיך געשטיקט. מיט אַ האַסטיקן באַוועג האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם זשאַבאָ, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיליעט און געפאַלן אים אויף זיינע קני. ער האָט אים נישט אויפגעהויבן. ער איז אַזוי געבליבן מיט אַן

אַנטבלויזטן האַלדז. די פורפור־רויטע זון־שיין האָט זיך געשפילט אויף די גילדערנע קנעפּ פון זיין סורדוט. אַ שווייגנדיקע איז עוולין געזעסן נעבן אים. מיט איר שוואַרץ פאַלדן־קלייד און מיט די לאַנגע, מיט ברי־ליאַנטן פינקלדיקע, האָר־נאָדלען האָט זי אויסגעזען פייערלעך־מאַיעס־טעטיש. אויף אירע דיקלעכע, עטוואָס געעפנטע ליפּן האָט אַרומגעוואַנדערט אַ דורכזיכטיקער שמייכל. באַלזאַק האָט פאַרשטאַנען. נישט וואַרטנ־דיק אויף קיין בייסיקער באַמערקונג, האָט ער זי גלייך באַרואיקט:

— איך בין אויך געווען אין מאַרשאַלן־זאַל. איך בין דאָרט אַריין מיטן פּעבל.

ער האָט לענגער נישט געקענט איינזיצן. ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס. ווער האָט אים, סוף־כל־סוף, געצווונגען צו זאָגן ליגן? אַן אויפגע־קאָכטער, האָט ער איבערגעריסן דאָס דערציילן. מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט זיין גאַנץ וועזן האָט ער געשריגן, געפרעגט: ווער?

ער האָט געביילט די פויסטן. זיין האַרץ האָט ווילד געקלאַפּט אין דער ברוסט, אַנגעשלאָגן זיך אין די ריפּן: ווער־ווער־ווער־ווער? זיין בליק האָט זיך אַנגעטראָפן מיט עוולינס טיפע, קאַלטע אויגן. אַצינד האָט ער געוווּסט ווער. דאָס איז זי. יאָ, זי. פאַר אירעטוועגן האָט ער דאָן געזאָגט ליגן דעם אַקטיאָר מאַנראָז, פאַר אירעטוועגן זאָגט ער איצטער ליגן. ער האָט געקאָכט פון כעס. די רציחה האָט אים אַנגעכאַפּט אין האַלדז, און ער איז גרייט געווען צו גוואַלדעווען, שרייען פאַר דער גאַנצער מענטש־הייט וועגן זיין חרפּה, אָבער אַנשטאָט דעם, האָט ער שטיל, מיט אומע־טיקייט, וואָס גרענעצט זיך מיט האַס, אַ זאָג געגעבן:

— עוואַ, אַ, עוואַ!

עוולין איז געזעסן אויפן דיוואַן אומבאַוועגלעך און מאַיעסטעטיש. אַ דערשעפּטער און פולשטענדיק באַזיגטער, האָט באַלזאַק זיך צוגעזעצט נעבן איר. וואָס איז אים דען געבליבן? און, ווי אַריינגעשטאָכן אין האַרצן שפּילקעס, האָט ער פאַרגעזעצט:

— איך בין דאָרט אַריין, עוואַ, כדי צו נעמען, ווי אַ סגולה, אַ שטיקל סאַמעט פונעם טראָן, אָבער איך האָב נישט באַוויזן, דאָס פּעבל האָט מיט העק צעשמעטערט דעם טראָן, אויפהויבנדיק אויף באַגנעטן דעם בלויען באַלדאַכין. אָ, דאָס איז געווען אַ יום־טוב פון אַרבעטער־פאָלק!

ער האָט פאַרגעסן אַביסל אין דער פאַרזיכטיקייט. אין דער שטים, מיט וועלכער ער האָט אַרויסגעבראַכט די לעצטע פראַזע, האָבן אָפּגע־קלונגען זיין הכשר און זיין פריידּ.

— דאָס פאַרשאַפט אייך פאַרגעניגן, — האָט עוולין באַמערקט מיט אַ שמייכל.

— פאַרגעניגן? גאָט, מיין גאָט, איר האַלט מיך פאַר אַ משוגענעם, עוואַ? כ׳האָב מורא געהאַט פאַר מיין לעבן, כ׳בין קראַנק געוואָרן, כ׳האָב געמיינט, אַז מ׳וועט מיך אַ ליאַדע טאָג אַרעסטירן, אָבער נאַטירלעך — ער האָט נישט געהאַט גענוג כוח זיך צו באַהערשן, — נאַטירלעך, עוואַ,

די מאַסמיטלען, וואָס קאַוועניאַק האָט געהאַט אַנגענומען, האָבן מיך נישט דערפרייט.

— אַנאַרע, אַנאַרע! — עוולין האָט פאַרגיביק אים געטאַדלט מיטן פינגער.

ער האָט אַנגעכאַפּט איר האַנט און זי באַדעקט מיט לאַנגדויערנדיקע קושן. זיינע ליפּן זענען געווען טרוקענע און האַרטע. עוולין האָט לאַנגזאַם אַוועקגענומען די האַנט.

— ניין, אַנאַרע, איר זענט פאַרט אומדערטרעגלעך. איר פאַראורטיילט קאַוועניאַקן. אומזיסט די טירחה. ווי דען אַנדערש קען מען באַקעמפן בונ־טאַוושטשיקעס? בלויז די עקזעקוציע, די תליה, די שמיץ, די תפיסה, די קאַטאָרגע. דאָס פעבל דאַרף קענען זיין אָרט, הער שריפטשטעלער. דאָס איז נישט קיין שפיל אויפן שרייב־טיש — דאָס איז דאָס לעבן.

עוולין האָט גערעדט שטיל, אָבער מיט שפּאַנונג, און אירע אויגן האָבן אומאַנגענעם געגלאַנצט. זי האָט אַן אויפהער געביסן איר אייבערשטע ליפּ, און דאָס געזיכט איז דערפון ביי איר געוואָרן גרויזאַם־קאַלט. באַלזאַק איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזטע הענט צווישן די קני. ער האָט איר נישט געשטערט. ער האָט געדולדיק אויסגעהערט איע־דע פראַזע אירע.

— צי ווייסט איר, מיין פריינט, וואָס עס איז אַזוינס אָרדענונג? אין אייער פראַנקרייך, אַנאַרע, האָט מען אסך געפּלאַפּלט וועגן פרייהייט און אָרדענונג. איר האָט געהאַט אַ געלעגנהייט פעסטצושטעלן, ווהין דאָס האָט געפירט. נאָכמער, אַנאַרע, די דאָזיקע קראַנקייט פון פעבל האָט זיך, ווי אַ פעסט, אַהערגעקייקלט אויך צו אונדז, און אפילו דאָ, אין מיין רואיקן ווערכאָווניע, האָט אַ קנעכט דערהרגעט דעם הער קאַרל.

עוולין איז אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, אויסוואָרטנדיק, ווי אַזוי באַל־זאַק וועט דערויף רעאַגירן. יענער האָט זיך בלויז אויסגעגלייכט און פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט. מיט שטילע טריט איז אַריין לע־אָן, דער לאַקיי. ער האָט געבראַכט אַ לייכטער מיט אַנגעצונדענע ליכט און אַוועקגעשטעלט זיי אויפן קאַמין.

— עפן דאָס פענצטער! — האָט עוולין פאַראָרדנט.

אויף די שפּיץ־פינגער האָט לעאָן אויסגעפירט דעם באַפעל און איז רואיקערהייט פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר. עוולין האָט אים נאָכגעפאָלגט מיטן בליק און זשמורענדיק מיט די אויגן קעגן דער ליכט, האָט זי פאָר־געזעצט:

— איר זענט אויפגעבראַכט קעגן קאַוועניאַקן, אָבער ווי אַזוי קען מען אַנדערש האַלטן אונטערטעניק אָט די בהמות? איך גלייב נישט אין זייער ערלעכקייט, אַנאַרע, איך גלייב נישט אין זייער אַנשטענדיקייט. איך האָב קיין צוטרוי נישט צו מיין אייגענעם לאַקיי. איך פיל אַרויס זיין האַס. און ביינאַכט פאַרשליס איך דעם שלאָף־צימער, און ביי זיך טראָג איך — איר זעט וואָס? — עוולין האָט אַרויסגעצויגן פון הינטער איר פלייצע אַ גרויסן

שוואַרצן האַנטבייטל, געעפנט אים און צוגעטראָגן צו באַלזאַקס אויגן.

— איר זעט?

אינעם האַנטבייטל איז געלעגן אַ קליינינקער רעוואָלווער. מיט צוויי פינגער האָט עוולין צוריק פאַרמאַכט איר בייטל און אַוועקגעוואָרפן אים הינטער זיך.

— און איר פאַראורטיילט קאַוועניאַקן. מיר, אין רוסלאַנד, זענען אַנט־ציקט פון זיין אָנשטענדיקייט, אָנאָרע. מיר דאַנקען גאָט פאַר אַזאַ מאָנאַרך, ווי צאַר ניקאָלאַי. יעדן פרימאָרגן בעט איך פאַר זיין געזונט, אָנאָרע. ער איז פאַר אונדז, פּריצים, אַן אמתער פאָטער און אַ בעל־חסד.

עוולין האָט גאָטספאָרכטיק אויפגעהויבן די אויגן צום סופיט, ווי זי וואָלט ממש וועלן תפילה טון. באַלזאַק האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. אים האָט געשראָקן די גלייכגילטיקייט, וואָס האָט געהאַלטן פאַרשלאָסן זיין מויל. אגב, האָט ער עס דערנאָך פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען נישט קיין גלייכגילטיקייט, נאָר דערשעפטקייט, אַ שרעקלעכע, איבערמענטש־לעכע מידקייט. ער האָט פּלוצלונג באַמערקט זיין פּאָרטרעט אויף דער וואַנט צווישן צוויי פענצטער. די שאַרפצונגיקע ליכט־פייערלעך האָבן באַ־לויכטן זיין געזיכט. ער האָט זיך געזען אין שפּיגל אַקעגנאיבער און זיך פאַרגליכן מיט דער אָפּשפּיגלונג פון זיין פּאָרטרעט.

„מיין גאָט, וואָס איז מיט מיר געשען!?" — האָט ער אַ טראַכט גע־טון מיט טיפער דערשלאָגנקייט. וואָס האָט ער געקענט טון? אויף דער וואַנט, איינגעפאַסט אין אַ גילדערנער ראַם, האָט געשמייכלט אַ פּרעזענ־טאַבעלער מאַנצביל, פול מיט כוחות און זיכערקייט אין זיך. מיט זיין קאָפּ־באַוועג האָט ער ווי צוריקגעוויזן עפּעס אַן אומבאַמערקבאַרע שטע־רונג און אונטערגעשטראָכן זיין ווילן, זיין אומבאַשטרייטבאַרן זיג איבער דער וועלט.

אָבער אין שפּיגל האָט ער געזען אַ מידן מענטש, מיט אַ צעקנייטשט פּנים און צעשויבערטע האָר אויפן קאָפּ, וואָס איז געזעסן אויף אַ דיוואַן און אויסגעהערט עוולין האַנסקאַן. און עוולין? ער האָט זי אויך געזען אין שפּיגל. זי האָט זיך אויך געענדערט. צי איז עס געווען די זעלבע עוואַ, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט אין נוישאַטעל?

— מיר האָבן זיך אַביסל געעלטערט, עוואַ, — האָט ער פּשוט גע־זאָגט, — די יאָרן לויפן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ באַליידיקטע און פאַרוווּנדערטע. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין זיין באַמערקונג. צי איז עס געווען משונהדיקייט אָדער חוזק? איבעריקנס, איר איז עס געווען אַלץ איינס. זי האָט באַ־שלאָסן נישט צו לייגן קיין אַכט דערויף. מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זי האָט נישט געהערט די באַליידיקונג, האָט זי פאַרגעזעצט:

— מעגלעך, אָנאָרע, אַז אויך וועגן מיר וועט איר האָבן אַ שלעכטע מיינונג. צי ווייסט איר, אַז פאַרן דערמאָרדן קאַרלען האָב איך איינגע־שטימט צו פאַרשיקן צוואַנציק פּויערים אויף לעבנסלענגלעכער קאַטאָר־גע? און דעם מערדער — אגב, געדענקט איר אים אוודאי, מיר האָבן אים

פאַראַיאָרן באַגעגנט אין דער סטעפּ, אַ יונגער, מיט געקרייזלטע האָר, — אים האָט מען שוין, קען זיין, טויטגעשלאָגן. אויב אַזוי, וועט איר אויך וועגן מיר האָבן אַ שלעכטע מיינונג, אַנאָרע?

עוולין האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. ער האָט זיך דערמאָנט, זיכער האָט ער זיך דערמאָנט. אַ שיין־געבויטער בלאָנדער יונגערמאַן איז געשטאַנען נעבן וואָגן. אים זאָל מען האָבן טויטגעשלאָגן? אים? פאַרוואָס? אַהאַ, פאַר אַ מאָרד. עוואַ האָט עס אָקאָרשט דערציילט. דער בחור האָט דערהרגעט דעם פאַרוואַלטער. באַלזאַק האָט זיך אויך דערמאָנט דעם פאַרוואַלטער. אַ געמיינער אויסוואורף. און אָט דער בחור איז מער נישטאָ. ער וועט אים שוין מער קיינמאָל נישט זען. באַלזאַק האָט זיך אויך דערמאָנט אין דעם יונגנמאַנס כלה — דעם שטובמיידל. ער האָט געוואָלט פרעגן עוואַן אויך וועגן איר, אָבער ער האָט זיך באַצייטנס צוריקגעהאַלטן. ער האָט זיך דערמאָנט זייער קריגערייַ אין קיעוו.

עוולין האָט אויף איר אופן פאַרשטאַנען דאָס שטילשווייגן פון איר פריינט. אפשר האָט מען אים נישט באַדאַרפט דערציילן וועגן דעם אַלעם. ער איז בפירוש געווען פעאיק זי צו פאַראורטיילן. דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי אויפגערעגט. גוט! אויב אַזוי, וועט זי אים נאָכמער ווייזן, אָט דער פיינפילנדיקער נשמה. זי וועט נישט אַרויסווייזן, אַז זי האָט תופס געווען די סיבה פון זיין שווייגן.

— אַנאָרע, איר קענט זיך נישט דערמאַנען אָט דעם בחור? איך וועל אייך העלפן. דאָס איז דאָס אייניקל פון דעם אַלטיטשקן, דעם קנעכט, וועלכער האָט אייך אַזוי באַגייסטערט מיט זיין פידל שפּילן. אגב, איז ער אויך פאַרמשפּט געוואָרן, אָבער ער האָט, נעבעך, נישט אויסגעהאַלטן די שמיץ, און ער איז געשטאָרבן אויפן וועג. די מוזשיקעס האָבן אים געשלעפּט ביזן דאָרף אַריין. אַזוי ווי דער פּאָפּ האָט פאַרבאָטן אים צו באַגראָבן אויפן צמענטער, האָט מען אים באַערדיקט הינטער אַ פּלויט.

באַלזאַק האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין עוולינען. אין די אויגן זיינע — בייז־בשורהדיקע פייערלעך.

— וואָס איז מיט אייך, אַנאָרע? וואָס איז געשען?

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַרץ, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די וויעס. מיט די ליפּן בלויז, שעפּטשענדיק, האָט ער געענטפערט:

— גאָרנישט, גאָרנישט. — אָבער אַן אומדערטרעגלעכער יאוש האָט אים צעריסן דאָס האַרץ.

ווי קען עוואַ, זיין צפונדיקער שטערן, ווי קען זי אַזוי רואיק רעדן וועגן די מענטשלעכע ליידן? מיט אייזערנע צוואַנגען האַלט ער זיך צוריק. ער גיט נאָך דעם פאַרשטאַנד זיינע ברויזנדיקע געפילן, און, נישט אַראָפּנעמענדיק די האַנט פון האַרצן, בלייבט ער זיצן שטיל. אַזוי איז אים לייכטער. דאָס שווייגן באַרואיקט דעם ווייטיק, פאַרהיילט די ווונדן.

עוולין האָט אָפּגעזיפצט. זי רירט אָן מיט דער האַנט איר שפּיצן־שאַל.

אין די ווערטער אירע כאַפּט באַלזאַק אויף אַ טאָן פון אויפריכטיקייט.

— וואָס פּאַר אַ שרעקלעכע און פיינלעכע באַגעגעניש צווישן אונדז, אַנאָרע. און דאָס, בעת מיר גרייטן זיך חתונה צו האָבן.

ער האָט נאָך נישט גוט פאַרשטאַנען, וואָס עוולין האָט געוואָלט דער־מיט זאָגן. אָבער, צי איז נישט גענוג פאַר אים, וואָס זי האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „חתונה־האָבן״? זיין פאַרצווייפלונג איז אַנטרונען געוואָרן ווי אַ וואָלקנדל, געטריבן דורכן ווינט. דער ווייטיק אין האַרצן האָט זיך געשטילט. ער האָט אויסגעשטרעקט עוולינען די הענט, ער איז אַראָפּגע־קראָכן פון דיוואַן און אַנידערגעקניט. ער האָט אַרומגענומען אירע פיס, געקושט זיי און פעסט צוגעדריקט צו זיי זיין באַק.

— עוואַ, — האָט ער געמורמלט, — איך האָב געטרוימט וועגן דיר טאָג און נאַכט. איך בין געפלויגן צו דיר מיט מיין געדאַנק און מיינע געפילן. דו ביסט מיין לייכט־טורעם, עוואַ. ווי אַ שיף אין מיטן אַ צעבו־שעוועטן ים האָב איך דיך געזוכט, דער שטורעם האָט צעריסן מיינע זעגלען, די כוואַליעס האָבן מיך פאַרפלייצט, אָבער דו האָסט באַלויכטן מיין פינצטערע נאַכט און איך בין צוגעשווימען ביז צו דיר, מיין לייכט־טורעם, מיין צאַרטער שטערן.

זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און צאַרט געגלעט אים איבערן קאָפּ. זי האָט אים אויסגעהערט מיט עמאָציע, און, בעת ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט זי אים אַ קוש געגעבן אויף זיין גרויסן, מיט קנייטשן באַ־דעקטן, שטערן.

זיין קרענקלעכע פאַנטאַזיע האָט אונטערגעזאָגט באַלזאַקן, אַז דאָס איז דאָס גליק, אָבער ער האָט געפילט אין זיין נשמה אַ שרעקלעכע פוסטקייט. בעת זייבע ברענענדיקע ליפן זענען צוגעפאַלן צו עוולינס ליפן, האָט דאָס דאַזיקע געפיל אים נאָך אַלץ באַהערשט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זיין צימער, נאָך איידער ס׳האָט געגנו־מען טאָגן. אַלץ איז דאָ געווען ווי מיט אַ יאָר צוריק. ער האָט זיך פאַר־האַלטן נעבן פענצטער און איז דאָ לאַנג געשטאַנען, אַנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנבויגן אינעם קאַלטן מאַרמאָר. אַזוי, אַ פאַרטראַכטער, האָט ער באַ־געגנט דעם קאַיאָר. אַ גלעטנדיקע זון איז אַריינגעדרונגען אין גרויסן צימער, שטיל און צאַרט. זי האָט פאַרווישט דעם יאוש און אַנגעצונדן אין האַרץ אַ פונק פון האָפענונג. באַלזאַק האָט זיך דערווייטערט פונעם פענצטער און זיך איבערגעבויגן איבער אַ טשעמאָדאַן. ער האָט אַרויס־געצויגן פון אונטן דעם שוואַרצן פוטליאַר, אַוועקגעלייגט אים אויפן טיש און געעפנט. אויפן בלויען סאַמעט איז געלעגן אַ קליין דעליקאַט פידעלע. באַלזאַק האָט עס לאַנג באַטראַכט. באַאומרואיקנדיקע געדאַנקען האָבן פאַרטונקלט זיין גרויסן שטערן. דורכן אָפענעם פענצטער איז אַריינגע־פלויגן אַ שוואַלב. זי איז אַרומגעשפּרונגען אויפן פענצטערברעט און לוס־טיק געצוויטשערט.

*

אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט, לכל־הפּחות, אַזוי געוואָלט גלייבן. שוין בלויז אָט דער געדאַנק האָט אים געטרייסט. ער האָט אויסגעלייגט אויפן טיש זיינע מאַנוסקריפּטן, אָנגעשטאָפּט די שופלאָדן מיט ווייסן פּאַפּיר, אָנגעטון דעם קאַשמירענעם כאַלאַט, אַרומגעגאַרטלט זיך מיטן גאָלדענעם קייטעלע; מען האָט אים געבראַכט קאַווע, ער האָט זי פאַרזוכט — די זעלבע ווי אין פּאַריז. ער האָט אָוועקגעלייגט קעגנאיבער זיך ראַסינס אַ באַנד. ער האָט געהאַט בײַ זיך באַשלאָסן צו לייענען באַלד אין דער פרי, דערנאָך שרייבן, עסן מיטאָג מיט עוולינען, נאָכמיטאָג צוזאַמען שפּאַצירן! און אין אָוונט ווידער זיך נעמען צו דער אַרבעט. געענדיקט דאָס לײדיק גיין. די פּראַגע חתונה איז געווען געלייזט. הכלל, צו דער אַרבעט! געלט וועט פון הימל אַליין נישט אַראָפּפאַלן. עוולין האָט געהאַט בײַ זיך באַשלאָסן: דאָס פאַרמעגן וועט זי איבערגעבן אַננאַן, אין פאַל, ווען ס'וועט בכלל אוממעגלעך זיין צו באַקומען די איינקונפטן אין אויסלאַנד, און זי וועט אַרויספאָרן קיין פּאַריז. זאָל נאָר דער רעוואָלוציאָנערער שטורעם זיך איינשטילן. אַנאָרע האָט פאַרשטאַנען: עוולינען דאַרף מען פאַרזיכערן אַ סטאַבילע און רייכע עקזיסטענץ. ווי אַזוי קען מען קומען צו געלט? ער האָט געבלעטערט די קרעפּטיק־אָנגעשריבענע זייטלעך פון ראַסינען און געטראַכט וועגן די קוואַלן פון רייכקייט. טעאַטער! בלויז טעאַטער. דער קאַשמירענער כאַלאַט האָט אים אָנגענעם אָפּגעפרישט דעם קערפּער. דאָס גאָלדענע קייטעלע איז געווען פעסט צוזאַמענגעצויגן. דאָס פּאַפּיר איז געווען ערשטקלאַסיק. די פעדערס — פּאַריזער, דער טינט אויך. די קאַווע איז געשטאַנען נעבן אים. אַלץ איז געווען, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. דאָך נישט אַלץ. ער האָט געביסן די פעדער, געלייענט ראַסינען, עטוואָס זיך געלאַנגווייליקט איבער באַמאַרשע, דורכגעבלעטערט אייניקע זייטלעך פון וואַלטער סקאָט, אַ מאָל צוויי איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער. ער האָט נאָכגעפאָלגט אַ וואָלקנדל. ער האָט באַוואונדערט די רחבות־דיקע סטעפּ. אייגנטלעך, איז עס געווען אַן עכטע לאַנקע. עפּעס בעסערס וואָלט אפילו פּענימאָר קופּער נישט געקאָנט צוטראַכטן. ווידער האָט ער זיך געזעצט צום טיש. אומזיסט. אומנישט. ער האָט דאַן אויסגעטרונקען די גאַנצע קאַווע און נאָכאַמאָל זיך גענומען צו ראַסינען. הינטערן פענצטער האָבן געשטיפּט וואָראָבייטשיקעס. אַך, איר דערקוטשענדיקע קונדייסים!

עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער שוין מער נישט געזען זיין פאַרטרעט אויף דער וואַנט פון עוולינס בודואַר. ער האָט פאַרשטאַנען — עוולין האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין פאַרגלייך. דער אָריגינאַל איז דאָ געווען. צו וואָס־זשע דער פּאָרטרעט? דער קינסטלער לואי בולאַנזשע, דער אויטאָר פון פּאָרטרעט, האָט זיך נישט געקענט באַליידיקן, וואָס מ'האָט זיין ווערק אַריבערגעטראָגן אין דער ביבליאָטעק.

באַלזאַק האָט געלייענט. די אַרבעט האָט אים דערוויל נישט איינ־

ספּירירט. מילא. ער האָט באַשלאָסן צו לייענען. נאָר לייענען. צייטווייליק, פאַרשטייט זיך. צווישן די ביכער האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף שעקספּירן. דער דאָזיקער אויטאָר האָט אים קיינמאָל באַזונדערס נישט צוגעצויגן. באַלזאַקן האָט געערגערט די אומנייטיקע רעטאָריק, און ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס באַגרענעצטע צניעות פון זשוליעט און די אומפּראַקטישקייט פונעם ליידנשאַפטלעכן ראָמעאָ. דאָס מאָל איז זיין אויסוואַל געפאַלן אויף קאָריאָלאַן. יעדעס זייטל האָט ער דורכגעלייענט צוויי מאָל. די פראַנצויזישע איבערזעצונג איז געווען ווייט פון צו זיין פּערפעקט און דאָס האָט אים אַביסל געערגערט. ער האָט איבערגעלייענט קאָריאָלאַן ביזן סוף. בעת ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך, איז שוין געווען נאַכט. עס האָט זיך געהערט, אויפן גראָז און אויף די ביימער־בלעטער, דער גערויש פון אַן אומאויפהערלעכן רעגן. באַלזאַקן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט דער־גרייכט דעם קוואַל פון די מענטשלעכע ליידן. שעקספּיר האָט איצטער באַ־קומען אַ נייעם ווערט אין זיינע אויגן. באַלזאַק איז האַלב־געזעסן אין בעט, אָנגעלענט אויף די קישעלעך. אויף דער קאָלדרע, קעגנאיבער אים, איז געלעגן אַ באַנד שעקספּיר.

אין דאָזיקן מאָמענט האָט די מענטשלעכע קאָמעדיע זיך באַרייכערט מיט נייע טעמעס. צופעליק איז זיין בליק געפאַלן אויפן טיש, וווּ עס איז געלעגן אין אָפענעם פוטליאַר דאָס פידעלע, און דאָס האַרץ האָט אַנגסטיק גענומען קלאַפּן אין זיין ברוסט. יענע נאַכט איז ער רואיק געשלאָפן. דער ווינט האָט געהאַט פאַרלאָשן די ליכט. דער רעגן האָט אויפגעהערט. אין דער פרי האָט די זון ווידער אויפגעשיינט. אירע ער־שטע שטראַלן זענען אַריינגעדרונגען אינעם צימער און געטאַנצט אויפן באַנד שעקספּיר, וואָס איז געלעגן אָפן אויף זיין ברוסט. באַלזאַק האָט געאָטעמט רואיק, רעגולער. אַ וואַרעמער שמייכל איז געלעגן אויף זיינע האַלב־געעפנטע פולע און רויטע ליפּן.

פאַר עוולינען האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַנדער לעבן. איר זענען געפעלן געוואָרן די זאָרגן פון די גיטער. זי האָט גערן גענומען אויף זיך אַלע התחייבותן, וועלכע האָבן פריער געהערט צו קאַרלען. קיין נייעם פאַרוואַלטער האָט זי נישט געוואָלט אַריינגעמען. זי האָט מיט אייפערזוכט אויפגעפּאַסט אויף באַלזאַקן. זי האָט נאָכגעפאָלגט יעדן טריט זיינעם, געוויגן אַיעדעס וואָרט זיינס. אַלע ספקות זענען אָפּגע־פאַלן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער חתונה. זי האָט אָנגעשריבן ביביקאָוון אַ בריוו, בעטנדיק זיין אונטערשטיצונג ביים אימפּעראַטאָר. מען קען דאָך סוף־כל־סוף איינגיין אויף געוויסע הנחות. כאָטש זי האָט חתונה מיט אַן אויסלענדער, קען מען פונדעסטוועגן, נעמענדיק אין באַ־טראַכט געוויסע טובות, וואָס איר פאַמיליע האָט געטון דער מאָנאַרכיע, ביי איר נישט אַוועקנעמען די רעכט אויפן אייגנטום פון אירע גיטער. אין דער טיפעניש פון איר נשמה האָט עוולין געהאָפט אויף אַ גינסטיקן ענטפער. האַרבסט־צייט האָט זי געהאַט בדעה צו פאָרן קיין קיעוו. זי האָט געהאַט באַשלאָסן מיטצונעמען באַלזאַקן. זיי וועלן צוזאַמען אָפּ־

שטאָטן אַ וויזיט ביביקאָוון. עוולין האָט געוויגן אירע שאַנסן. לאָמיר אפילו אָננעמען, אַז דער ענטפער וועט זיין אַ נעגאַטיווער. מילא, פאַר־פאַלן. זי וועט סיי ווי נישט ענדערן איר באַשלוס. דאָרט, אין פּאַריז, אויף דער פּאָרטינע גאַס, ביי באַלזאַקן אין הויז, וועט יעדע וואָך זיך פאַרזאַמלען די בעסערע געזעלשאַפט. איר שטייט פאָר צו גלאַנצן אין דעם דאָזיקן קרייז. די יאָרן שטייען נישט אויף אָן אָרט, און ס׳איז, למען־האמת, די העכסטע צייט אַ טראַכט צו טון וועגן רו.

עוולין האָט זיך אַרומגעפּאַרעט וועגן אירע ענינים, געטרוימט וועגן פּאַריז, אויפגעפּאַסט אויף איר צוקונפטיקן מאַן, און אַזוי זענען פאַרביי די טעג, וואָס זענען ענלעך געווען איינער צום אַנדערן, ווי צווילינגען. דער חודש אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן.

*

אַ געוויסן אָוונט זענען זיי ביידע געזעסן אויף דער טעראַסע. עוו־לין האָט געהאַט אַרומגעהילט די פיס מיט אַ פּלעד. פון פינצטערן פּאַרק האָט געווייעט אַ האַרבסטיקע קעלט. דיביימער האָבן אומעטיק געראַשט. באַלזאַק האָט גערעדט שטיל, כמעט טרוימעריש. עוולין האָט געקוקט אין די פינצטערע טיפענישן פונעם פּאַרק. זי האָט, דאַכט זיך, נישט געהערט. קוקנדיק אויף איר, האָט באַלזאַק מאָמענטנווייז גערעדט העכער. ער האָט געוואָלט, אַז עוולין זאָל זיך פאַרטראַכטן איבער זיינע ווערטער. ער האָט נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צום פאַקט, וואָס זי האָט אַזאַ שלעכטע מיינונג וועגן מענטשן. עס איז נייטיק געווען איר צו דערווייזן די ריכטיקייט פון זיין שטאַנדפּונקט. עס איז כדאי, זי זאָל זיך אויסלערנען אונטערצושיידן דאָס גוטע פונעם שלעכטן. אייגנטלעך, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ המשך פונעם געשפּרעך, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָג פון זיין אָנקומען.

— מיט אַסך יאָרן צוריק, עוואַ, האָב איך געוווינט אויף אַ קליינער גאַס. וועלכע איר, נאַטירלעך, קענט נישט, אויף דער לעדיגיער גאַס; זי הייבט זיך אָן פון דער סענט־אַנטואַן גאַס, קעגנאיבער אַ פאָנטאַנע, נישט ווייט פון באַסטיליע פּלאַץ, און ענדיקט זיך אויף דער סעריזע גאַס. די ליבע און די וויסנשאַפט האָבן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ מאַנסאַרדע, ווו איך האָב געאַרבעט ביינאַכט, פאַרברענגענדיק דעם טאָג אין דער ביבליאָטעק. אחוץ מיינע שטודיעס, בין איך געווען באַהערשט דורכן דאָרשט פאַר אָבסערוואַציע. איך האָב אָבסערווירט די געוווינהייטן פון דער פאַרשטאָט, אירע איינוווינער און זייער כאַראַקטער.

עוולין האָט געהויבן מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט וועלן דערמיט אונטערשטרייכן איר פאַרוואונדערונג. ער האָט באַמערקט די דאָזיקע באַוועגונג און מיט קראַפט פּראָטעסטירט:

— אָ, איר זענט זיך טועה, עוואַ! דאָס זענען געווען פרעכטיקע טעג. מיט מיינע קליידער האָב איך זיך נישט אונטערשיידט פון די אַר־

בעטער, זיי האָבן אויף מיר נישט געלייגט קיין אַכט, און איך האָב פריי געקענט הערן זייערע געשפּרעכן, זייערע טענות ותביעות, זייערע קרי־גערייען. שוין דעמאָלט האָב איך זיך אויסגעלערנט, אָבסערווירנדיק אַ וואָסער נישט איז געזיכט, אַריינצודרינגען אין דער נשמה, נישט פאַר־געסנדיק, פאַרשטייט זיך, דעם גוף, דאָס הייסט אויפצוכאַפּן די באַהעפ־טונג פון די אויסערלעכע פּרטים. ס׳פלעגט פּאַסירן, אַז אין אָוונט, צווישן עלף און צוועלף אַזייגער, האָב איך באַגעגנט אַן אַרבעטער מיט זיין פרוי אַהיימגייענדיק פון אַמביגי־קאָמיק־טעאַטער. פון אָנהייב האָבן זיי גערעדט וועגן דער פּיעסע, וואָס זיי האָבן געזען און דערנאָך זענען זיי בהדרגה איבערגעגאַנגען צו זייערע ענינים. זיי האָבן אויסגערעכנט, וויפל געלט זיי דאַרפן אויף צומאָרגנס באַקומען און זייערע אויסגאַבן. דאָ האָבן זיי גענומען זיך באַקלאָגן אויפן יקרות פון קאַרטאָפל, אויפן לאַנגן ווינטער און אויפן מאַנגל פון מלבושים. צום סוף האָט זיך צעפלאַקערט אַ קריגערייַ, אין וועלכער יעדער איינער האָט אַרויסגעוויזן זיין כאַראַק־טער דורך בילדערישע ווערטער און אויסדרוקן. איך האָב זיך באַקענט מיט זייער לעבן, איך האָב זיך באַהעפט מיטן לעבן פון די מענטשן, איך האָב אפילו אָפּגעפילט אויף מיין לייב דעם באַריר פון זייערע טראַנטעס, וועלכע מ׳האָט לויט עמעצנס פאַנטאַזיע אָנגערופן קליידער; זייערע באַגערן און זייער צער האָבן אָנגעפילט מיין נשמה. דאָס איז שרעקלעך, עוואַ! שוין בלויז די דערינערונג איז פּיינלעך. צוזאַמען מיט די דאָזיקע מענטשן בין איך געווען אויסער זיך אויף די מיינסטערס אָדער אויף די פאַרשאָלטענע קונים, וואָס האָבן נישט באַצאָלט די חובות. יאָ, עוואַ! אַלע מיינע אָנשטרענגונגען זענען געווען געוואָנדן דערויף, צו פאַרגעסן מיינע געוווינהייטן, צו ווערן פּולשטענדיק אַן אַנדערער מענטש.

באַלזאַק גופא איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון זיינע זכרונות. אין דאָזיקן מאָמענט האָט אים אפילו נישט אינטערעסירט, צי עוולין הערט אים אָדער נישט.

— כ׳וויל בלויז זאָגן, אַז פון יענער צייט אָן האָב איך גענומען פאַרשטיין די פאָלקס־מענטשן. איר קענט זיך נישט פאַרשטעלן, וויפל דראַמעס, געשיכטעס, וויפל מערקווירדיקע געשעענישן איך האָב דער־זען אין אָט דער ליידנס־שטאָט!

באַלזאַק איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט געוואַרט, אַז עוולין זאָל כאָטש זאָגן איין וואָרט. דאַן וועט ער קענען רעדן אויפריכטיקער. ער האָט איר פאַרשעריש געקוקט גלייך אין די אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די פּלאַמיקע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט אָקאָרשט אויפגערייצט זיין אייגן האַרץ, רירן זי נישט. עוולין וועט קיינמאָל נישט ענדערן אירע פעסט־איבערצייגטע מיינונגען און געוווינהייטן.

זיי זענען ביידע געזעסן שטיל, פאַרזונקען יעדערער אין זיינע געדאַנקען. יענעם אָוונט האָט ער זיך מער נישט אומגעקערט צום איבער־געריסענעם שמועס. נאָר אַסך שפּעטער, נאָכן מיטאָג, האָט עוולין געפרעגט:

— און נאָך דעם דאָזיקן האָט איר ליב געקריגן די מענטשן, האָ, אַנאַרע, אייך האָבן צוגעצויגן דער שמוץ און די העסלעכע פּאַרשטעט?

באַלזאַק האָט גלייך פאַרשטאַנען וועגן וואָס ס'האָט זיך געהאַנדלט. ער האָט אויף איר געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק און שטיל געענט־פערט:

— איך האָב שטודירט דאָס לעבן, עווא. איך האָב זיך באַמיט צו שרייבן אויפן נייעם שטייגער, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַלץ, וואָס ס'איז פריער געשריבן געוואָרן, וועט מיר העלפן צו דערקענען די פאַר־גאַנגענהייט, אָבער די היינטצייטיקייט דאַרף איך אַליין שטודירן און מאַכן מיינע אייגענע אויספירן.

— איך פאַרשטיי, איר זענט אַן אומדערמידלעכער אַרבעטער, — האָט געענטפערט עוולין, — כ'ווייס נישט, ווער נאָך פון די קינסטלער אַרבעט אַזויפיל, אָבער, מיין טייערער, איר דאַרפט וויסן, אַז ביי אָט דער מענטשלעכער סטאַדע, וועמען איר רופט פייערלעך אַן פאָלק, איז אין דער נשמה פאַראַן ווייניק פיינקייט און צאַרטקייט.

באַלזאַק האָט געשמייכלט, זשמורענדיק מיט די אויגן.

— לאַכט נישט, אַנאַרע. דאָס, וואָס איך זאָג, איז ריכטיק. איך מיין, אַז מיינע קנעכט שיידן זיך קנאַפּ אונטער פון אייערע באַקאַנטע פון דער לעדיגיער גאַס. אויך איך האָב זיי פיל און לאַנג אָבסערווירט. און וואָס האָב איך באַמערקט? היפּאָקריטסטווע, כיטרעקייט, אַ דראַנג אָפּצונאַרן דעם באַלעבאָס, פוילקייט; איבעריקנס, זיי האָסן אונדז, איר פאַרשטייט, אונדז, וואָס האַלטן זיי אויף אונדזער ערד, דערנערן זיי און קליידן זיי. וועגן וועלכע מעשים־טובים קען מען דאָ רעדן, אַנאַרע?

באַלזאַק איז געזעסן, אַ דערשלאָגענער פון עוולינס ווערטער. מיין גאָט, זי האָט דאָך שרעקלעכע איבערצייגונגען. ער וואָלט וועלן אויפ־שטיין און אַרויסלויפן פון אָט דעם צימער, העט־ווייט אין דער סטעפּ, אונטערן רעגן, אין דער וויסטעניש, בלויז אויף צו פאַרגעסן עוואָס קאַלטע, אומברחמנותדיקע ווערטער. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך נישט רירן פון דאַנען און אפילו זי נישט אויפרייצן מיט קיין איין וואָרט. ער איז געזעסן אַ צעריסענער אין צווייען, אַ דערשעפּ־טער פון מידקייט און ביטערער גלייכגילטיקייט.

— איר זעצט פאַר די אַרבעט איבער די פּויערים, אַנאַרע, איר וואָלט זיך באַדאַרפט פאַרטראַכטן איבער מיינע ווערטער, פאַרטיפן זיך אין זיי.

— גוט, עווא, איכ'ל זיך באַקלערן.

ער האָט עס געזאָגט שטיל און טרויעריק, אָבער מיט באַשיידנקייט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום צוריקוועגס איז נישטאָ.

אויף צומאָרגנס איז דאָס וועטער געוועזן שיין, אויסער וואָס עס האָט געהודזשעט אַ ביי‌זער אָקטאָבער־ווינט. ער האָט איינגעבויגן ביז צו דער ערד די אימפּאַזאַנטע בעריאָזע־ביימער, באַדעקנדיק די אַלעען און די שטעגלעך פונעם פּאַרק מיטן אַראָפּגעפאַלענעם בלעטערוואַרג. באַלזאַק האָט אָנגעטון אַ ברייטן וואַרעמען פּאַלטן און איז אַרויס אין

דרויסן. ער האָט לאַנג אַרומשפּאַצירט איבער די אַלעען, באַטראַכטנדיק דערביי איין מאָל דעם שלאָס, וואָס איז ווייס געוואָרן צווישן די ביימער, אַ צווייט מאָל די סטעפּ, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן הינטערן פּאַרק. הינטערן פּאַלטן האָט ער געהאַלטן דאָס פידעלע, צודריקנדיק עס מיטן עלנבויגן צום קערפּער. דעם סמיטשיק און דעם פּוטליאַר האָט ער באַהאַלטן אין טשעמאָדאַן, און דאָס פידעלע האָט ער גענומען מיט זיך. ער האָט שוין גוט געוווּסט, וווהין צו גיין. נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק האָט דער הויף־אויפזעער זשעגמאַן מיט אַ געבראָכענעם פראַנצויזיש אים דערציילט וועגן שיקזאַל פונעם אַלטן פויערשן פידלשפּילער און אפילו אָנגעוויזן, ווו מען האָט אים באַגראָבן.

— הינטער אונדזער פּאַרק, מ׳טיע, נעבן דעם טראַקט, וואָס פירט קיין בערדיטשעוו.

באַלזאַק האָט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן שלאָס. דערנאָך, שוין נישט אויסדרייענדיק זיך מער, איז ער אַוועק דורך אַ שמאָלער סטעזשקע אין דער סטעפּ. ער איז געגאַנגען וואָס אַמאָל אַלץ גיכער, ווי געטריבן אומאויפהערלעך דורך וועלכן נישט איז געדאַנק. דער ווינט איז געווען אַ מילדער. דער ווינט האָט אים לייכט געטריבן, אונטערהייבנדיק די פּאָלעס פונעם פּאַלטן. אָט איז די סטעפּ. באַלזאַק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ וויילע. פאַר זיינע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט דער אומענדלעכער רוים. דער ווינט האָט געטריבן אין הימל אַ מאַסע וואָלקנס, און זייערע שאָטנס האָבן מיט וווּנדערלעכע סילועטן זיך געהוידעט איבער די געשניטענע פעלדער. אַ וויילע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביים ראַנד פון גרעפישן פּאַרק, ווו ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סטעפּ, און דאָ, אויף דער דאָזיקער מעזשע, האָט זיין באַגייסטערונג דערגרייכט אַ באַזונדערע קראַפט.

דער וועג האָט דורכגעשניטן דאָס פעלד אויף צוויי העלפטן. ער האָט געשטעלט אויף אים דעם פוס דרייסט, מיט אַן אומבאַשרייבלעכער פרייד, און בעת ער איז שוין אויף אים געגאַנגען, האָט זיך אים דאַן געדאַכט, אַז ער פאַרלאָזט ווערכאָווניע אויף שטענדיק און אויף אייביק, און ער האָט זיך אפילו נישט געוווּנדערט, וואָס דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געגעבן דאָס געפיל פון פרייד. ער האָט געעפנט דעם פּאַלטן און אַרויסגענומען מיט דער רעכטער האַנט די פידל. ער האָט זי געהאַלטן צאַרט, פאַרזיכטיק. אים האָט זיך געדאַכט, אַז פונעם שטאַרקן ווינט וויברירן די סטרונעס. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, נישט פאַרלאַנגזאַמענדיק די טריט, געקוקט הינטער זיך, אָנגעשטעלט דעם בליק אויף דער פינצטערער אומענדלעכקייט פונעם פּאַרק און זיך דערפרייט צו זען דעם שלאָס און דעם פּאַרק ווייט הינטער זיך. ער האָט געזוכט מיט די אויגן סימנים פון אַ קבר. ער האָט דערזען אויף רעכטס אַן איינזאַמען לינדבוים און אונטער אים אַ קליין אָנגעשאָטן בערגל מיט אַ צלם. גייענדיק לאַנגזאַמער, האָט ער זיך דערנענטערט צום קבר. יאָ, דאָס איז ער. עס האָט נישט געקענט זיין קיין שום צווייפל.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן קבר און אַנטבלויזט דעם קאָפּ. דער ווינט האָט געוועלטיקט איבער זיינע האָר, און אַ לאַנגער לאָק האָט זיך פאַרוואָרפן אויף זיין שטערן, ווי אַ פליגל פון אַ פויגל. האַלטנדיק אין איין האַנט די פידל, אין דער אַנדערער דעם קאַפּעליוש, איז ער געבליבן פאַרגליווערט אין שטומער דערוואַרטונג אויפן אָרעמען קבר, באַדעקט מיט פאַרוועלקטן גראָז. דער שאָקלדיקער לינדבוים האָט גערוישט, באַשיטנדיק דעם קבר מיטן בלעטערוואַרג, נידעריק איבערן קאָפּ זענען דורכגעפלויגן זאַטקראָען, הילכנדיק מיט זייער גאָרגלדיקן יאָמער־געשריי. און ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אויפהאַלטנדיק אין זיין האַרצן די שטילקייט; ער האָט געזען פאַר זיך דעם נידעריקן זקן מיטן פידעלע אין די הענט, ער האָט געהערט די וווּנדערלעכע מעלאָדיע, וואָס יענער האָט אַרויסגעבראַכט. באַלזאַקן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער ווינט האָט זיך געשטילט, געלינדערט און אויך זיך צוגעהערט צו די פאַנטאַסטישע, כישופדיקע קלאַנגען. און זיי האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון אונטער דער ערד, העלדישע און ליידנשאַפטלעכע, און באַצויבערט מיט זייער מאַגישן כוח די אומענדלעכע, רחבותדיקע סטעפּ. דאָס איז געווען אַן אומענדלעכער, מערקווירדיקער און פייערלעכער מאָמענט. ער איז פאַרשוווּנדן אין דער זעלבער רגע, בעת ער האָט דערפילט אויף זיינע ליפּן די געזאַלצענע ביטערקייט פון טרערן. און דאַן האָט אויך דער ווינט זיך אויפגעוועקט, אים אַ זעץ געטון אין געזיכט, אָפּגעזיפצט טרויעריק. די געדיכטע טרערן זענען גערונען איבער די באַקן, פאַרלירנדיק זיך אין זיינע וואָנצן. דער האַרבסטיקער ווינט האָט אויסגעטריקנט די טרערן.

באַלזאַק האָט, מיט פייכטע אויגן, באַטראַכט דעם וועג, וואָס איז אַנטלאָפן אין דער ווייט, צום בלויען האָריזאָנט. פאַר אים האָט ער אויסגעזען ווי דער וועג אין דער אייביקייט. דער אַלטער פּויערשער פידלשפּילער איז געווען זיין מורה־דרך פון דער אייביקייט. באַלזאַק האָט אַנידערגעקניט און אַוועקגעלייגט דאָס פידעלע אויפן קבר צופוסנס פון נעם צלם, אויסגעגראָבן אַרום דעם אינסטרומענט די ווייכע ערד, אָבער ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז ווייניק, און ער האָט דאָס פידעלע איינגאַנצן באַגראָבן. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און אַוועק פאָרויס, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האַלטנדיק נאָך אַלץ דעם קאַפּעליוש אין דער האַנט.

קאַפּיטל ניינצן

ערב דעם סוף

דאָקטאָר קנאָטע איז איבערגעוועקט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט פון אַ געוואַלדיק קלאַפּן אין דער טיר.

„ווּעמען האָט עס דער רוח אַזוי שפּעט אַהערגעבראַכט?" — האָט דער דאָקטאָר אַן אומצופרידענער געטראַכט, נישט האָבנדיק קיין חשק אַרויסצוקריכן פון אונטער די וואַרעמע קאָלדרעס. באין ברירה האָט מען געמוזט אויפשטיין. דאָס שטובמיידל איז אָדער געשלאָפן ווי אַ געהרגע־טע, אָדער זי האָט פּשוט נישט געוואָלט אויפשטיין, מאַכנדיק דעם אָנ־שטעל, אַז זי שלאָפט. טאַפּנדיק אין דער פינצטער, נישט אָנצינדנדיק קיין לאָמפּ, האָט קנאָטע זיך אַריינגעשלייכט אין דער קיך, מיט אַ שטורך אין דער זייט האָט ער אויפגעוועקט דאָס שטובמיידל און אַ געשריי געטון:

— גיכער, ריר זיך! דו הערסט נישט, ווי מען שטורעמט? גיי עפענען!

אין דער צייט, וואָס דאָס שטובמיידל האָט געעפנט דעם פעסטן ריגל, האָט דער דאָקטאָר אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם כאַלאַט, אָנגע־צונדן דעם לאָמפּ און, שטייענדיק אויף דער שוועל פון שלאָף־צימער, האָט ער זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם אומגעבעטענעם גאַסט. יע־נער האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן. ער האָט גענומען אַפּשאַרן אין דער קיך דעם שניי פון די שטיוול און בשעת־מעשה געּ־שריגן אויפן שטובמיידל?

— היתכן? וואָס פאַלט דיר עפּעס איין חוזק צו מאַכן פון מיר? שוין אַ האַלבע שעה, ווי איך קלאַפּ.

דער דאָקטאָר האָט גלייך דערקאָנט די שטים, און איינס־צוויי אַראָפּגעוואָרפן דעם כאַלאַט אויף דער דר'ערד און גענומען שנעל זיך אָנטון. דער הויף־אויפזעער זשעגמאַן, איינגעהילט אין אַ ברייטן פּעלץ, האַלטנדיק אין די הענט דאָס באַשנייטע היטל, איז אויסגעוואַקסן אין דער טיר.

— הער דאָקטאָר, געשווינדער אין שלאָס אַריין, איר לויכטיקייט האָט געהייסן אייך אויפוועקן און אַרויסרופן אייך אַזוי שנעל ווי מעגלעך...

— איך קום גלייך, זשעגמאַן, גלייך. און וואָס האָט פּאַסירט? ווי־דער דער פראַנצויז?

— ווידער, הער קנאָטע. ער עקט זיך ממש, אָ, הייליקע מוטער!

— נאָך נישט אַזוי גיך, זשעגמאַן, — האָט קנאָטע געטרייסט דעם הויף־אויפזעער, און אָנגעטון דעם סורדוט.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער געזעסן אין שליטן צוזאַמען מיט זשעגמאַנען, איינגעטוליעט אין פוטער, מיטן היטל טיף איבער די אויערן. שוין נישט צום ערשטן מאָל איז יענעם ווינטער אויסגעקומען קנאָטען צו פאָרן אין האַנסקאַס שלאָס. נישט ווייניק קראַנקע האָט ער שוין געזען אין זיין לעבן, ער האָט זיך נישט געקענט פאַררעכענען אַלס ערשטקלאַסיקן מעדיקער, אָבער די פּראַקטיק און די צייט האָבן אים אויסגעלערנט אין ס'רוב פאַלן צו שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז. די הייל־מעטאָדן זיינע זענען געווען איינפאַכע. ער האָט געהאַלטן, אַז פּיאַווקעס זענען באַדייטנדיקווירקזאַמער ווי וועלכע נישט איז אַנדערע מעדיקאַמענטן. קנאָטע האָט אויך געהאַלטן פון קאַטאַפּלאַזמעס, און אָפטמאָל אפילו פון דאַמף־בעדער. כדי דער קראַנקער זאָל זיין געהאָרכזאַם און זיך איבערצייגן, אַז ער וועט בלי נדר געזונט ווערן, האָט קנאָטע גוט־ברודעריש און לאַנג געשמועסט מיט אים, אַריינבראָקנדיק אין די רייד לאַטיינישע פראַזן. נאַטירלעך, איז אַזאַ העפלעכקייט באַלוינט געוואָרן מיט אַ טאָפּלטן האָנאָראַר. צו באַלזאַקן האָט מען אים צום ערשטן מאָל געהאַט אַרויסגערופן אין האַרבסט 1848. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם קראַנקן, אויסבאַהאַלטנדיק די פאַרווונדערונג אויף באַלזאַקס אויסגעצויגענעם הוסט אין דער ברוסט, אַרומגעטאַפּט אים גרינטלעך די אָנגעשוואָלענע פיס מיט די אויפגעבלאָזענע בלוט־אָדערן, געקלאַפּט אים מיט אַ הילצערן העמערל אין דער פּלייצע און, פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט ער אים פאַרשריבן פּיאַווקעס

— פינף אויפן קאַרק, פינף אויפן בויך.

— אַ פאַרקילונג! — האָט ער מיט איבערצייגונג געזאָגט צו באַלזאַקן, ער האָט געוווּסט, אַז דער פראַנצויז דאַרף אין גיכן חתונה האָבן מיט פרוי האַנסקאַ, און דעריבער האָט ער נישט געקענט זיך דערלויבן צו פאַרנאַכלעסיקן זיין קראַנקייט. אין דער היים האָט קנאָטע אַ גאַנצע נאַכט געלייענט די פאַרשטויבטע אַלטע מעדיצינישע האַנטביכער.

דער קראַנקער האָט זיך שנעל צוריקגעשטעלט אויף די פיס. קנאָטע האָט זיך שוין געזען אַלס זיגער. אָבער אָט האָט דער ווינטער געבראַכט מיט זיך נייע צרות. קנאָטע האָט זיך דערפילט אָנמעכטיק צו באַקעמפן אָט די מיסטעריעזע קראַנקייט, אָבער אָפּזאָגן זיך האָט ער נישט געקענט. אַביסל פאַרדאגהט, איז קנאָטע געזעסן אינעם שליטן, האַלטנדיק אויף די קני די וואַליזקע מיט די מעדיקאַמענטן. ס'וואָלט בעסער געווען, ווען דער דאָזיקער באַלזאַק וואָלט פון דאַנען אַוועקגעפאָרן. זאָלן אים שוין אויסהיילן די באַרימטע פאַריזער דאָקטוירים.

דעם אמת געזאָגט, אָבער, האָט קנאָטע צו באַלזאַקס באַווייזן זיך אין ווערכאָווניע און צו זיין קראַנקייט נישט דערלייגט דער באָבעס ירושה. אין ווערכאָווניער פּאַלאַץ איז דער דאָקטאָר איצט געווען אַן אָפטער גאַסט. נישט לאַנג דערנאָך האָט ער געקריגן אַ שם איבער די סאַמע ווייטסטע גיטער אויף וואָלין. קיינער האָט זיך אַצינד נישט געוווּנדערט, ווען אין זשולאַווסקיס פּאָלוואַרק, וווּ ס'האָבן היינטערן הויכן

פאַרקאָן געבלאָנקט די ווענט פונעם דאָקטאָרס ציכטיקן הייזל, האָבן זיך באַוויזן אין מיטן דער נאַכט שליחים אין פּרעכטיקע עקיפּאַזשן, אין וועלכע ס׳זענען געווען איינגעשפּאַנט איידעמלעך אויף האָבער. און קנאַטע גופא האָט זיך אויך פאַרענדערט. אפילו זיין לעבנס־שטייגער איז נישט געווען דער זעלבער, ווי פריער. דאָס געלט איז אַליין אַריינגע־פלאָסן אין זיינע קעשענעס, און די גאַנצע זאַך איז באַשטאַנען אין דעם, ווי צום זיכערסטן זיי אַנצופּילן. אָבער אין דער דאָזיקער הינזיכט איז קנאַטע געווען אַ בריה און קיינער האָט זיך מיט אים נישט געקענט פאַרגלייכן.

און דאָך איז איטלעכע באַגעגעניש זיינע מיטן פראַנצויז געווען פאַר אים אַן אָפּקומעניש. דער קראַנקער האָט געהאָט אַזאַ דורכדרינגלעכן בליק, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, דאָס באַלזאַק קוקט אויף אים קרום. עס קען געמאָלט זיין, אַז אָט־אָט וועט ער געבן אַ זאָג: „דו פאַרשטייסט דריי מאָל גאָרנישט, קנאַטע, און אומזיסט נעמסטו געלט".

אָבער באַלזאַק, הגם ער האָט אַזוי געקוקט אויפן רופא, האָט פונדעסטוועגן זיך צוגעהערט צו זיינע עצות און פּינקטלעך אויסגעפירט אַלע רעקאָמענדאַציעס. קנאַטע, וועלכער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן גאָרנישט געלייענט, האָט זיך איינגעשאַפן ביי אַ באַקאַנטן בערדיטשעװער פּאָסטמייסטער באַלזאַקס בוך פּאַטער גאָריאָ, אפילו זיך געקליבן עס איבערצולייענען און דורכצושמועסן זיך דערנאָך אויף דער דאָזיקער טעמע מיטן באַרימטן אויטאָר. אָבער, בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען פונעם פּאָסטמייסטער, האָט אים באַגעגנט אין אויסגאַנג דער באַוווסטער טשי־נאָווניק פאַר אויסעראָרדנטלעכע שליחותן פונעם שטאָט־מושל, דער פּיפּיקער דרייקאָפּ מיט די לאַנגע הענט, באַגורסקי. יענער האָט אַן צערע־מאָניעס אַרויסגעכאַפּט פון אונטערן דאָקטאָרס אָרעם דאָס בוך און אוי־בערלייענענדיק דעם טיטל, האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן, געטאַדלט קנאַטען מיטן פינגער און מיט רוגזא זיך אָפּגערופן:

— פאַרבאָטענע ביכלעך לייענט איר גאָר, הער דאָקטאָר?

און דער טשינאָווניק האָט אויפגעקלערט דעם צעטומלטן, דערשראָ־קענעם קנאַטע, אַז דאָס דאָזיקע ביכל איז פאַרבאָטן געוואָרן לויט אַ פאַראָרדענונג פונעם אימפּעראַטאָר אַליין, און זאָל בעסער דער דאָקטאָר עס אַרויסוואַרפן אין מיסטקאַסטן אָדער גלייך אומקערן אָט דאָס פּאַס־קודנע, געפערלעכע ביכל דעם פּאָסטמייסטער.

דערמיט אויך האָבן זיך פאַרענדיקט קנאַטעס פרוּוון איבערצולייענען וואָסער נישט איז ווערק פונעם אויסגעצייכנטן שריפטשטעלער.

די לעצטע חדשים פון באַלזאַקס פאַרברענגען אין ווערכאָווניע זענען פאַר קנאַטען געווען אויסערגעוויינלעך שווערע. וויפל מאָל איז אים שוין אויסגעקומען צו פאָרן ביינאַכט אין שלאָס אַריין און מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער ראַטעוועט באַלזאַקן. עס האָבן נישט געהאָלפן נישט די קאַטאַפּלאַזמעס, נישט די פּיאַווקעס, נישט די טינקטור-גראָזן, נישט די דאַמף־בעדער. די בעדער, וועלכע ס׳האָט גענומען דער פּרינץ קאַנדע

אַליין, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט קנאָטע, האָבן נישט געהאָלפֿן דעם שריפטשטעלער באַלזאַקן.

אָבער ווען באַלזאַק האָט גובר געווען די שלאָפֿקייט, ווען ער האָט זי אויפגעצוואונגען אָפּצוטרעטן און, פֿאַרמאַכנדיק די אויגן, זיך באַגאָסן מיט קאַלטן שווייס, געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ באַרג קישנס, איז קנאָטע אַריין ווי אַ זיגער אין צימער פֿון דער גרעפֿין האַנסקאַ. ווי דאָס וואָלט געווען זיין אויפֿטו, און נישט דער שטאַרקער ווילן צום לעבן האָט צייטווייליק אומגעקערט דעם קראַנקן דאָס געזונט.

אין זאַל אויפֿן ערשטן שטאָק האָט דעם דאָקטאָר קנאָטע באַגעגנט די גרעפֿין גופֿא.

— גיכער, גיכער, הער קנאָטע!

זי האָט אים אונטערגעיאָגט, און ער האָט גיך אויסגעטון דאָס פֿוטער, געכאַפּט די וואַליזקע און מיטן גאַנצן אימפּעט זיך געגעבן אַ לאָז נאָך עוולינען, וועלכע איז אַרויף די טרעפּ אין באַלזאַקס צימער. קנאָטע האָט, גייענדיק, מיט אַ קליין קעמעלע געבראַכט אין אָרדענונג זיין שפּיציק בערדעלע, צוגעגלעט מיטן פֿינגער די וואָנצן און שטיל, אויף וויפֿל די פֿיינע מאַנירן דערלויבן עס, האָט ער זיך אויסגעהוסט. ער האָט זיך דערנעענטערט צום קראַנקן אויף די שפּיץ־פֿינגער, אויסשטרעקנדיק די הענט.

אַ פֿאַרשמאַכטער איז באַלזאַק אין בעט געלעגן אויפֿן רוקן. די ליכט אין דער קאַנדעליאַברע האָט באַלויכטן דאָס אַנגעשוואָלענע געזיכט. ער האָט געזען, ווי דער דאָקטאָר קנאָטע האָט זיך פֿאַרנייגט, אָבער אים איז שווער צו באַוועגן מיט די ליפּן. קנאָטעס הענט האָבן ווידער באַטאַפּט זיין קראַנקן קערפּער, ווידער האָט דער רופֿא צוגעלייגט זיין אויער צו דער ברוסט און געהערט דאָס קלאַפּן פֿונעם האַרץ. אַ שטאַרקער הוסט האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון באַלזאַקס ברוסט. אין די ווינקעלעך פֿון זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן בלוט. עוולין איז אַרויס פֿון צימער, זי האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן די דאָזיקע פֿיינלעכע הוסט־אָנפֿאַלן.

— מיין גאָט, וואָס וועט זיין? אָ, יעזוס, מאַריאַ, שיקט צו אַ הילף!

עוולין איז געשטאַנען אין פֿינצטערן קאָרידאָר, אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אין דער קאַלטער וואַנט און מיט אַ האַסטיקן זשעסט זיך געצלמט. זי האָט נישט געוואַגט איבערצוטרעטן די שוועל פֿונעם צימער, וווּ באַלזאַק האָט זיך געמאַטערט. אָן אַ שיעור ספֿקות האָבן באַאומרויִקט עוולינען, פֿון שרעק האָבן זיך ביי איר געוואַקלט די פֿיס, פֿאַרנעפּלט איר דעם בליק. דאָקטאָר קנאָטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול צופֿוסנס פֿונעם קראַנקן. דער רופֿא איז געווען פֿאַרמאַטערט און אָנמעכטיק, אָבער מיט אַ ליבלעכן שמייכל און מיט זיין געמיטלעכן, איבערצייגנדיקן טאָן, פֿאַרקעמענדיק דערביי מיטן קעמעלע דאָס בערדל, האָט ער פֿאַרזיכערט:

— אייער ווייטיק וועט אין גיכן זיך שטילן, מ׳סיע. איר וועט זיך אָן שום ספֿק פֿילן בעסער, גלייך גיב איך אייך שלאָפֿגעטראַנק און איר

ווּעט איינשלאָפן. אחוץ דעם, וועל איך אייך לייגן אַ קאַטאַפּלאַזמע, אָט־אָ דאָ, — דער דאָקטאָר האָט אָנגעוויזן מיטן פינגער דאָס פּרעציזע אָרט, אָבער באַלזאַק איז געלעגן שטאַר, נישט געהערט זיין שטים, פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף. קנאָטע האָט עס באַמערקט און אַלץ צוגעשריבן דער ווּנדערקראַפט פון זיין שטים. דאָס גיט אים צו קוראַזש. ער זעצט פאָר:

— און דערנאָכדעם, מ׳סיע, וועלן מיר אייך לייגן אַ קאַטאַפּלאַזמע אויף די פיס און אויף דער פלייצע, און איר וועט פולשטענדיק געזונט ווערן.

באַלזאַק האָט געעפנט די אויגן און געקוקט פאַרחידושט אויפן רופא, ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל. אַ קלאָרער געדאַנק האָט געלויכטן אויפן קראַנקנס שטערן. קנאָטע האָט צו אים געשמייכלט ליב־לעך און פריידיק, ער איז אויפגעשפרונגען און געעפנט די וואַליזקע.

— אַצינד וועט אַלץ גיין ווי ס׳געהערט צו זיין, אַלץ ווי ס׳געהערט צו זיין, — האָט ער איבערגעחזרט, אַרויסנעמענדיק פון דער וואַליזקע קאַטאַפּלאַזמעס, אַ סלאָיקל מיט פּיאַווקעס און פּעקעלעך פּראָשקעס. ער האָט אויפגעמאַכט איין פּעקעלע און עס דערלאַנגט באַלזאַקן. אונטער־האַלטנדיק דעם קראַנקנס קאָפּ, האָט ער אים געהאָלפן איינעמען דעם פּראָשעק, גיך דערלאַנגט אים אַ גלאָז וואַסער אויף צו פאַרטרינקען, דער־נאָך אים גענומען שטעלן פּיאַווקעס אויפן קאַרק.

קנאָטע האָט נאָכגעפאָלגט געמיטלעך די שוואַרצע העסלעכע באַשע־פענישן, וואָס האָבן זיך אָנגעקלעפּט אויפן קראַנקנס פיבערדיקער הויט. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום האָט ער זיי אַראָפּגעריסן מיטן גאַנצן כּוח און זיי פאָרזיכטיק אַרייַנגעלאָזט אין סלאָיקל. איצט איז געקומען די ריי אויף די קאַטאַפּלאַזמעס. אָפּגעפאַרטיקט זיך מיט זיי, האָט ער איינגעהילט דעם קראַנקן מיט דער קאָלדרע, צונויפגענומען זיינע זאַכן און איז אַרויס פון צימער.

— עקסעלענץ, — האָט ער מיט פאַרוווּנדערונג זיך געוואָנדן צו עוולינען, — איר שטייט נאָך אַלץ דאָ, עקסעלענץ? ווי קען מען אַזוי, איר קענט זיך נאָך, חלילה, פאַרקילן. נעמט זיך נישט צום האַרצן, עק־סעלענץ. עס גייט וואָס אַ מאָל בעסער, דער קראַנקער וועט געזונט ווערן, איך האָב אָנגענומען די געהעריקע מיטלען. איר קענט זיין רואיק.

קנאָטע האָט זיך נידעריק פאַרנייגט און איז אַרויס. פון די טרעפּ דערטראָגן זיך זיינע גלייכמעסיקע, רואיקע טריט.

באַלזאַק האָט נישט געוווּסט, וועמען דאַנקבאַר צו זיין. דעם דאָקטאָר קנאָטע אָדער זיין אייגן האַרץ? שוין בעסער דאַנקבאַר זיין קנאָטען, וואָרום דאָס איז דאָך זיין פּראָפעסיע, דאָס איז דאָך זיין ברויט, אויס־צוהיילן די קראַנקע. באַלזאַק האָט דעריבער אויסגעדריקט דעם דאָקטאָר אַ ישר־כּוח, באַגלייט מיט אַ נישקשהדיקן האָנאָראַר. ווי עס זאָל דאָרט נישט האָבן געווען, איז ער דאָך געזונט געוואָרן.

דער ווינטער האָט געבושעוועט. ער האָט איינגעקלאַמערט מיט זיי־נע צוואַנגען די ערד. בייזע זאַווערוכעס האָבן אַרומגעקרייזט אין דער

סטעפּ. באַלזאַק איז געזעסן נעבן אויוון, באַהאַלטנדיק די פיס אונטער אַ וואַרעמער קאָלדרע, און נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן דאָס באַוועגן זיך פון פלאַם. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די קראַנקייט, וועלכע איז מכלומרשט פאַרשוווּנדן, וועט אים שוין איצטער אַ לענגערע צייט לאָזן צורו; אָבער ער האָט אויך געוווּסט, אַז ענדגילטיק איז ער נישט אויסגעהיילט געוואָרן. ערגעץ אין דער טיפעניש פון זיין באַוווּסטזיין האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפענונג: אַז אין גיכן וועט ער זיך קענען נעמען צו דער אַרבעט. די סקיצע פון דער פּיעסע דער קעניג פון די בעטלער איז געלעגן אויפן טיש. דאָס האָט געקענט ווערן אַ באַדייטנדיק ווערק. פאַרשטייט זיך, נישט קיין שעדעוור. אָבער ווער האָט דען געקענט שאַפן מייסטערווערק, בעת ער נייטיקט זיך אין געלט?

אמת, אַמאָל פלעגט ער האָבן די געוווינהייט צו זאָגן, אַז דאָס דערנערן זיך פון אַ גרויסן מענטש באַשטייט אין שטאַרבן פון הונגער, אָבער איצטער האָט ער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, חשק געהאַט צו לעבן אין ווילזיין און פאַרדינען דערויף אַדאַנק זיינע ביכער.

ער איז געזעסן נעבן קאַמין אין פלאַנעלענעם שלאָפראָק, און, ווי אַ כישוף־מאַכער זיך צוגעקוקט צו דער פאַנטאַסטישער שפּיל פון די פייער־צינגלעך, פּרוּווּנדיק פון זיי אַרויסלייענען זיין צוקונפט. וויפל האָפענונגען ער האָט עס געלייגט אויף ווערכאָוניע! וואָס פאַראַ הערלעכע פאַרגעפילן זענען דאָס געווען! דערווייל זענען זיי, ליידער, נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטיקע קאָרעספּאָנדענץ מיט פעטערבורג, מיט קיעוו. ער האָט געהאָלפן עוולינען אויסגעפינען איבערצייגנדיקע, ריירנדיקע פראַזן, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט דערווייזן די אייבערבאַאַמטע, אַז נישט איר חתונה מיטן פראַנצויז און נישט איר אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד קענען באַין־אופן נישט זיין קיין מניעה אויפצוהאַלטן איר פאַרמעגן. ער האָט שוין לאַנג נישט געלייענט קיין ביכער און נישט דערהאַלטן קיין בריוו. אפנים, אַז זיינע פאַריזער פריינט האָבן אין אים פאַרגעסן. דעריבער האָט דער בריוו פון שאַנפלערין אים פאַרשאַפן אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד, וועלכע ער האָט לאַנג נישט פאַרגעסן. ער האָט זיך געאיילט צו ענטפערן זיין יונגן קאָלעגע, אָבער דער ענטפער איז געווען אַ טרויעריקער:

„איר הייבט איצט אָן צו לעבן, אָבער איך האָב שוין אָפּגעלעבט. איר זענט נאָך יונג, אָבער איך בין שוין אַלט" — האָט באַלזאַק זיך באַקלאָגט.

שפּעטער, ווען דער בריוו איז שוין געווען ווייט אַוועק פון ווערכאָוניע, האָט ער באַדויערט, פאַרוואָס ער האָט אים אַוועקגעשיקט.

וויפל ער זאָל זיך נישט האָבן אויפגעצוווּנגען אַוועקצוזעצן צו דער אַרבעט, איז גאָרנישט דערפון אַרויסגעקומען. אפילו פאַר עוולינען האָט ער נישט געקענט זיך באַקלאָגן אויף זיין שעפערישער אָנמאַכט. דער פלאַם האָט געשטיפט אין קאַמין. באַלזאַק האָט דערויף געטריבן כישוף און געוואַרט אויף אַן אויסערגעוויינלעכן נס, אָבער ער האָט

גוט פֿאַרשטאַנען, אַז נישט אײנעם נס באַשטײט די זאַך, און אים איז געוואָרן אומעטיק און קאַלט אויף דער נשמה. ער האָט געוווּסט, אַז עס זענען נישטאָ קײן גרויסע טאַלאַנטן אָן גרויסער ווילנסקראַפֿט, און אַז בלויז די באַהעפֿטונג פֿון די דאָזיקע צוויי קרעפֿטן איז ביכולת אויפֿצובויען די פּרעכטיקע געבײַדע פֿון מענטשלעכן רום. דאָס זענען דאָך בלויז אויסדערווײַלטע מענטשן, וואָס דערהאַלטן זײער ניוואָ אין די געגעבענע באַדינגונגען פֿון זײער גײַסטיקן שאַפֿן, און, ווי ריטער, ווײַזן זײ תּמיד אַרויס, מיט דער שווערד אין האַנט, זײער קאַמפּסגרייטקייט. פֿאַר אים איז דאָס געווען קלאָר ווי דער טאָג. די שווערד איז געלעגן אונטער דער האַנט. וואָס־זשע האָט געפֿעלט? פּלענער? נײן. פּלענער זענען געווען אָן אַ שיעור, אויף אַזוי ווײַט, אַז אין גאַנץ פּאַריז וואָלט מען אוודאי נישט געקריגן גענוג פּאַפּיר זײ צו רעאַליזירן. ווי אַ בלינדער האָט ער געזוכט צו דערגײן די פֿאַרבאָרגענע סיבה פֿון זײַן אומעטיקײט. ער האָט פֿונדעסטוועגן זיך געפֿרייט דערמיט, וואָס קײנער, אפֿילו עוולין, האָבן זיך נישט אַרײַנגעמישט אין זײַנע עסקים. אין אָט דעם שווערן ווינטער איז די אײנזאַמקייט געווען זײַן בעסטער פֿרײַנט. ער האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט. צי האָט מען דען געקענט אויפֿצווינגען דעם מוח צו אַרבעטן, ווײַבאַלד ער האָט פֿאַרשטרײַקט? בטחון. ס׳וועט נאָך קומען די צײַט. אַזוי האָט ער זיך געטרײסט און ביסלעכווײַז גענומען גלײבן, אַז אין גיכן וועט ער זיך געוויס נעמען צו דער אַרבעט. אײנמאָל, לײענענדיק די צײַטונג, האָט ער זיך פֿאַרוווּנדערט: אַ גרויער שלײער האָט אומגעריכט פֿאַרשטעלט די שורות. ער האָט זיך געריבן די אויגן, אָבער דער שלײער איז נישט פֿאַרשוווּנדן. אַ דערשראָקענער, מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, איז ער געבליבן זיצן עטלעכע שעה. ער האָט מורא געהאַט זײ צו עפֿענען, און דאָס האַרץ איז אים פֿאַרגליווערט געוואָרן אין דער ברוסט. ער האָט זיך ענדלעך אַנטשלאָסן אויפֿצוהויבן די ווײַעס און, דערזעענדיק די ווינטערדיקע טאָגליכט, האָט ער זיך צעווײנט פֿון פֿרײד. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער מיט אײמפּער אויפֿגעפּאַסט אויף זײַן ראיה.

דאָס מזל האָט אים נישט צוגעשפּילט. אחוץ דעם בריוו פֿון שאַנפּלערין, האָט ער געהאַט דערהאַלטן פֿון פּאַריז נאָך אַ בריוו, וואָס האָט אים פֿאַרשאַפֿן מער נישט ווי האַרצווייטיק. מען האָט באַלזאַקן אָפֿיציעל געמאָלדן, אַז פֿאַר זײַן קאַנדידאַטור אין דער פֿראַנצויזישער אַקאַדעמיע זענען אָפּגעגעבן געוואָרן בלויז צוויי שטימען. דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ חוזק. אָנשטאָט אים, האָט מען אויסגעווײלט דעם ווייניק־באַקאַנטן און אומבאַדײַטנדיקן שרײַבער נאַאייל.

נאָכן איבערלײענען דעם בריוו, האָט ער לאַנג אַרומגעשפּרײַזט איבערן צימער פֿון אײן עק צום אַנדערן, ווי אַ לײב אין אַ שטײַג, נישט געפֿינענדיק קײן מנוחה. אַ טיפֿע באַלײדיקונג האָט פֿאַרוווּנדעט זײַן נשמה, אָפּגעסמט זײַן מוח.

— „צי האָב איך ווירקלעך גאָרנישט אויפֿגעטון פֿאַר פֿראַנקרײַך?”

האָט מיט אַנגסט געטראַכט באַלזאַק. ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר עוולי־נען אויף דער שווערער אומגערעכטיקייט, אָבער זי האָט זיך באַצויגן צו דער געשעעניש זייער קאַלט:

— עפּעס אַנדערש האָט איר פון זיי דערוואַרט, אַנאַרע? — האָט זי געפרעגט און איז באַלד איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער טעמע.

אָבער ער האָט אַזוי לייכט נישט געקענט פאַרגעסן דעם דאָזיקן פּאַטש אין פּנים. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ בריוו קיין פּאַריז צו לאַ־ראַן־זשאַן:

„די אַקאַדעמיע האָט געגעבן די בכורה דעם ה' דע נאַאייל. ער איז, בלי־ספק, אַ בעסערער שרייבער ווי איך; אָבער איך בין מער דזשענטלמאַן ווי ער, ווארום איך האָב בשעתו צוריקגעצויגן מיין קאַנ־דידאַטור לטובת וויקטאָר הוגאָ".

באַלזאַק האָט זיך גערעכט, אַז זיינע ווערטער וועלן אין פּאַריז נישט בלייבן קיין סוד. זיין האָפענונג האָט זיך באַשטעטיקט.

פּופצן יאָר זענען שוין פאַרביי זינט יענעם טאָג, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „רעווי דע פּאַרי" זיין בריוו צו די פראַנצוי־זישע שרייבער פון 19־טן יאָרהונדערט. צי האָט זיך אים דעמאָלט גע־דאַכט, אַז אין אַן אַנדער צייט, ווייט פון פּאַריז, אין אַ שטורעמדיקער יאַנואַר־נאַכט, פאַרכאַפּט פון פאַרצווייפלונג, נישט גלויבנדיק אין אייגע־נעם גורל, וועט ער זיך דערמאָנען יענעם נאָוועמבער־פרימאָרגן, ווען אַלע שרייבער פון פּאַריז האָבן געלייענט זיין דאָקומענט? ער האָט דאָן געגלייבט, אַז אַלץ וועט זיך ענדערן צום גוטן. איצטער איז ער גע־צוווּנגען צו אַנערקענען, ווי פאַרדריסלעך דאָס זאָל נישט זיין, אַז די האָפענונגען זענען נישט מקוים געוואָרן. אַלץ איז געגאַנגען וואָס אַמאָל ערגער. און דאָס איז געווען נישט בלויז זיין גורל, נאָר אויך דער גורל פון דער גאַנצער פראַנצויזישער ליטעראַטור, פון אַלע די, וואָס האָבן געגאַרט צו שרייבן דעם אמת און דינען אָט דער באַשיידענער, אָבער שטרענגער און אויפריכטיקער געטין.

פּאַרטיפנדיק זיך אַזוי אין זיינע דערינערונגען, האָט ער אַראָפּגע־נומען פון דער פּאָליצע אַ ביכעלע מיט זיינע צייטונגס־פעליעטאָנען און, אַן זיך טועה צו זיין, האָט ער עס אַן עפן געטון אויפן געהעריקן זייטל.

„איר היט אָפּ די קונסט און די שפּראַך, ווארום ווען איר וועט מער נישט עקזיסטירן, וועט איר דאָך בלייבן לעבן אין אייערע ווערק, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט שטאַרבן, און טאָמער אפילו אונדזער לאַנד זאָל, חלילה, אונטערגיין, וועט מען די מענטשן דערציילן: דאָ איז אַמאָל געווען פראַנקרייך".

נאָכן איבערלייענען די דאָזיקע פראַזע, האָט באַלזאַק אָפּגעאָטעמט. אדרבא, זי האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון איר קראַפט און זי וואָלט נאָך אַלץ געקענט דינען מיט טאַדלענדיקער וואָרענונג די אַלע, וואָס שטייעןביים רודער. אָבער וואָסערע רעזולטאַטן האָט עס געגעבן? וואָס האָט

זיך געענדערט פאַר די דאָזיקע פופצן יאָר? גאָרנישט! דער דאָזיקער ביטערער אמת איז געווען אַ קנאַפּע רפואה פאַרן אויסגעמאַטערטן האַרץ, פאַר דער קראַנקער לעבער, פאַר די זיך צערייסנדיקע בראָנכן און פאַר אַ צענדליק אַנדערע שלאַפקייטן, וועלכע עס האָט זאָרגפול אויסגעפונען ביי אים דער הכנעהדיקער פלוידערזאַק דאָקטאָר קנאָטע. אפילו אין איצטיקן מאָמענט. קנאָטע כראָפּעט געוויס אונטער דער פּערענע, און ער, אַן אויסגעמאַטערטער פון שלאָפלאָזיקייט, פון הוסטן און פרייכן, אַ פאַרצווייפלטער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן שרייב־טיש. דאָס קרעפּטיקע, שטאַנדהאַפטיקע, לויטערע, לאָקנדיקע, וואָס ער האָט אין זיך פאַרמאָגט, געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. אַזאַ פעסטשטע־לונג וועגן זיין אָנמאַכט איז אוממעגלעך עמיצן צו פאַרטרויען. אפילו נישט עוולינען. זי איז אַ קלוגע, זי איז באַשאָנקען מיט אַ שאַרפן חוש, זי וואָלט לייכט דערקאָנט דעם גאַנצן אויפברויז פון זיין נשמה. אָבער איר איז נישט נייטיק קיין אויפריכטיקע פעסטשטעלונגען און אָפנהאַר־ציקע געשפּרעכן. נישט תמיד דאַרפסטו דערציילן וועגן דעם, וואָס עס טוט וויי. אַזאַ איז איר פּרינציפּ. און, קען זיין, אַז אין גרונט גענומען איז בעסער זיך צו האַלטן ביים דאָזיקן פּרינציפּ, צו וואָס נוצט דאָס פלאַפּלען וועגן אַלע נשמה־געראַנגלענישן?!

אַצינד, ווען מען איז אַלץ איבערגעקומען, ווען מ׳וועט גאָר אין גיכן האָבן דערגרייכט דעם ציל, צו וועלכן ער האָט לאַנגע יאָרן געשטרעבט מיט לייב און לעבן, ווען עוולין וועט ענדלעך ווערן זיין ווייב קעגנ־איבער דעם געזעץ און קעגנאיבער לייט און זיי וועלן צוזאַמען זיך באַווייזן אין פּאַריז — אַצינד האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן אַן אַנדער לעבן. ער פלעגט שטענדיק טראַכטן וועגן אָט דעם אַנדערן לעבן, אָבער ווי אַזוי דאָס דאַרף אויסזען — האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט. קודם־כל וועט פראַנסואַ נישט בלייבן, מען וועט אפילו דאַרפן פאַרלאָזן דאָס הויז אויף דער פאָרטינע גאַס. עס וועט גאָרנישט אַזוי לייכט זיין זיך צו שיידן מיטן טרייען וואָפן־טרעגער, זיין פאַרטיידיקער קעגן די שווינדלער, הלוואה־געבערס. אָבער פראַנסואַ איז עוולינען נישט גע־פעלן געוואָרן. וועגן דעם איז שוין דאָ, אין ווערכאָווניע, גערעדט געוואָרן. באין־ברירה האָט ער געמוזט איינגיין צו ברענגען דעם דאָזיקן קרבן. דערביי איז קיין באַוווסטזיניקער פאַרראַט נישט פאָרגעקומען. יאָ, ער האָט פאַרראַטן. ער האָט, ווי אַ פּחדן, ווי אַן אומדאַנקבאַרער ריטער, פאַרקויפט זיין טרייען וואָפן־טרעגער, וועלכער האָט פאַר זייַ־נעטוועגן זיך מוסר־נפש געווען. דער דאָזיקער פאַרראַט האָט זיך לחלוטין נישט באַרעכטיקט. גאָט מיינער! צי בלויז איין פאַרראַט איז ער באַ־גאַנגען צווישן זיינע פאַרברעכנס? אין די ריטער־ראָמאַנען פון וואַלטער סקאָט איז מען אַזעלכע זאַכן נישט מוחל געווען...

ער האָט פאַרשטאַנען עוולינס אומצופרידנקייט. פראַנסואַ האָט גע־קאָנט זיין באַלעבאָס אין אַנדערע באַדינגונגען; קען זיין, אַז ער האָט צופיל געוווסט פון זיין פּערזענלעכן אינטימען לעבן. אַצינד, בעת עס

שאַפֿן זיך נייע לעבנס־באַדינגונגען, טויג ער נישט. באַלזאַק האָט געשמייכלט אין די וואָנצן. ווי באַגרענעצט עוולין איז געווען ביים אָפּשאַצן דאָס אַמאָליקע לעבן זיינס! ערשט נעכטן נאָך, בעת זי האָט ביי אים זיך נאָכגעפֿרעגט וועגן פּאַריז, וועגן דעם, ווי אַזוי ער האָט געלעבט, האָט באַלזאַק בייז געענטפֿערט:

— וויפֿל יאָר? צען, צוואַנציק, דרייסיק... יאָ, עוואַ, אַלע יאָרן, די בעסטע יאָרן פֿון מיין לעבן, פֿון האַלבער נאַכט ביז אויף צומאָרגנס בייטאָג האָב איך געאַרבעט, כ׳בין געזעסן ביים שרייב־טיש צו צוועלף שעה נאָכאַנאַנד...

— און מאַדאַם בערני, און זולמאַ קאַראָ? און אַנדערע פּאַריזער שיינהייטן? צי איז אייך אויף דעם אַלעם נישט פֿאַרבליבן קיין צייט, געערטער שריפֿטשטעלער?

עוולין האָט בפירוש חוזק געמאַכט פֿון אים. ווי אַזוי האָט זי רעאַגירט אויף זיין מודה זיין זיך, צי איז זי דען געווען מסוגל צו באַנעמען זיין פֿעסטשטעלונג, וואָס איז געווען אַן אויסגעשריי פֿון טיפֿן האַרצן.

אַ שווייגעוודיקע האָט עוולין געשאָקלט מיטן קאָפּ. ווער ווייסט! קען זיין, אַז זי האָט פֿאַרשטאַנען, און אפֿשר גאָר האָט אַזאַ לעבן ביי איר אַרויסגערופֿן נישט מער ווי פֿאַראַכטונג. אָבער איצטער, בעת דער צאַר ניקאָלאַי האָט נישט דערלויבט האַנסקאַן אויפֿצוהאַלטן די רעכט אויף צו פֿאַרוואַלטן מיטן אייגנטום אין רוסלאַנד נאָך איר חתונה מיטן פֿראַנצויזישן אונטערטאַן, איצטער קומט עוולינען אויס צו לייגן מער אויפֿמערקזאַמקייט דערויף, ווי אויף באַלזאַקס גאַנצן דורכגעמאַכטן לעבן. מעגלעך, אַז מען דאַרף מיט איר אַ שמועס טון אָפֿן וועגן דעם.

אָבער עוולין האָט געטרוימט וועגן עפּעס אַנדערש.

— מיר וועלן האָבן אַ סאַלאָן, אָנאָרע, וועלכן אַלע הויכגעשטעלטע לייט פֿון פּאַריז וועלן האָבן שטאַרק חשק צו באַזוכן.

אין דעם דאָזיקן מאָמענט, בעת עוולין האָט וועגן דעם גערעדט, האָט איר פּנים געשטראַלט מיט פֿריינטלעכקייט און מיט פֿרייד. זי האָט דערמאָנט יענע עוואַ, וועלכע איז באַגינען אַריין צו אים אין צימער אין נוישאַטעלער גאַסטהויז. ווי לאַנג דאָס איז געווען! אַצינד ווערט זיין חלום פֿאַרווירקלעכט. נאָך אַ חודש־צוויי, און עוולין וועט מיט אים אָנקומען קיין פּאַריז. וואָס וועט זאָגן הוגאָ? ווי אַזוי וועלן זיי באַגעגענען טעאָפֿיל גאָטיע, אַלעקסאַנדער דומאַ? אגב, וועט דער לעצטער נעמען ברייטהאַרציק און אומבאַגרענעצט שיטן פּערל פֿון זיין געשליפֿן מויל. אָבער באַלזאַק האָט שוין געזען דאָס איראָנישע שמייכלע אויף די ליפּן פֿון זולמאַ קאַראָ. צו אים איז שוין דערגאַנגען אַ פֿראַזע פֿון די באַרעדעוודיקע סאַלאָנאָווע דאַמען: „גאָט, מיין גאָט! נו, ווער האָט עס חתונה צו פֿופֿציק יאָר?"

„ווער, אייגנטלעך, האָט עס טאַקע חתונה אין אַזאַ עלטער?" באַלזאַקן האָט וויי געטון דאָס האַרץ. אָבער צי ווייסן זיי, אַז דאָס אַלץ האָט

זיך אָנגעהויבן אסך פריער! ער האָט געזוכט זיך צו פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין.

...דערווײַלע האָט זיך גוט געשפּירט דער ווינטער אין ווערכאָווניע. אין דער אומגעגנט האָבן געהערשט שטורעם־ווינטן טאָג און נאַכט. די טרויער־מוזיק פונעם ווינט האָט דערוועקט בײַ אים פּעסימיסטישע געדאַנקען, אַרויסגערופן אומנייטיקע בענקשאַפט, וואָס עס האָט אים אויך אָן דעם נישט געפעלט. עס זענען געקומען צו פאַרן געסט — מנישעק און אַננאַ. אין שלאָס איז געוועזן שטיל, מנוחהדיק. בלויז פון צײַט צו צײַט האָט אין עוולינס פּליגל אָפּגעהילכט מוזיק. די גרעפין איז געזעסן שעהן־לאַנג בײַם פּאַרטעפּיאַן. געשפּילט האָט זי אויסגעצייכנט. און באַלזאַק איז אַרײַן אינעם וואַרעם־געהייצטן זאַל, ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ פאָטעל, אַרומגעהילט די פיס מיטן פוטער און, אונטערהאַלטנדיק דעם קאָפּ מיט דער האַנט, האָט ער זיך אויפמערקזאַם אײַנגעהערט.

אין יענע טעג איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אַן אַנדער אומגליק. זײַן אויסגעמאַטערט האַרץ האָט שטאַרק געליטן דערפון. ער האָט געפּרוווט זיך קעגנשטעלן, אָבער ער איז געוואָרן באַזיגט. דער נײַער פאַרוואַלטער האָט צוגעטראָגן דער פּאַני האַנסקאַ:

— אײַער לאַקיי לעאָן האָט זיך דערלויבט וועגן אײַער עקסעלענץ צו ברענגען פאַרן מויל אַזעלכע זאַכן, וועלכע איך קען אפילו נישט איבערחזרן...

— וואָס, אייגנטלעך, האָט ער געזאָגט?

באַלזאַק, וואָס האָט בײַגעווינט דעם דאָזיקן געשפּרעך, האָט זיך פאַרוווּנדערט. צי דאַרף מען נאָך פרעגן? מאַלע וואָס דער פאַרוואַלטער וועט דערציילן. לויט אים איז קלאָר, אַז ער קען אויך זאָגן ליגן. אָט די כיטרע מאָרדע מיט די מײַזלשע אייגעלעך רופן נישט אַרויס קיין צוטרוי. אָבער אָנשטאָט אָנצונעמען אים פאַרן קאָרק און אַרויסוואַרפן, האָט עוולין ווידער אַ מאָל געפרעגט:

— וואָס־זשע אַשטייגער האָט ער געזאָגט, הער פאַרוואַלטער?

— ער האָט געזאָגט, אַז איר האָט נישט קיין האַרץ — האָט דער פאַרוואַלטער אין געצייל זיך אָפּגערופן. — ער האָט אײַך אָנגערופן, אָ, איך וואָג נישט, אײַער עקסעלענץ, ביין, איך וואָג נישט...

— לאָמיר שוין הערן! — האָט עוולין בייז אַ געשריי געטון.

דער פאַרוואַלטער איז בלייך געוואָרן. איבערלייגנדיק איין פוס אויפן אַנדערן, האָט ער זיך צוריקגעצויגן צו דער טיר, ער האָט דאָך זיך דעצידירט און, פאַרהאַלטנדיק זיך אויף דער שוועל, האָט ער געזאָגט:

— ער האָט אײַך אָנגערופן, אײַער לויכטיקייט, צויג... און ער האָט געזאָגט... — דער פאַרוואַלטער האָט זיך פאַרהיקעט, — ער האָט געזאָגט, אַז... אַז מען... מען דאַרף אײַך פאַרברענען לעבעדיקערהייט, אַז איר האָט אומגעבראַכט די קנעכט, איר...

— געַנוג, — האָט באַלזאַק, נישט קענענדיק זיך מער צוריקהאַלטן, אויסגערופן, — גענוג!

— שווייגט, מ'סיע! — האָט אים עוולין שטרענג אויפגעפאָדערט.

— גייט, הער פּאַרוואַלטער, איך וועל אייך שפּעטער זאָגן, ווי אַזוי איר האָט צו האַנדלען מיטן דאָזיקן כלאָפּ.

דער פּאַרוואַלטער איז פאַרשוווּנדן, ווי אַ בייזער חלום.

...און ווייטער איז אַלץ געשען אין איינקלאַנג מיטן באַפעל פון דער פּאַני עוולין האַנסקאַ. און כאָטש נישט אַלץ איז געווען אמת אין דער דערציילונג פון צבועקישן פּאַרוואַלטער, וואָס האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט אָפּצודינען דער גרעפין, האָט לעאָן אויפגעהערט צו זיין לעאָן און איז ווידער געוואָרן לעווקאַ.

— וואָס האָט איר באַשלאָסן מיט אים צו טון? — האָט באַלזאַק אין אָוונט אַ פרעג געטון.

— אָנאָרע, מישט זיך נישט אַריין אין מיינע ענינים, זאָל דער גורל פון מיינע קנעכט אייך נישט אָנגיין.

— ווי אַזוי קענט איר, עווא, ווי אַזוי קענט איר אַזוי רעדן?

עוולין האָט די גאַנצע צייט געשוויגן. נאָכן אויסטרינקען די קאַווע, האָט זי געוואָרפן אַ דורכדרינגלעכן בליק אויף באַלזאַקן און מיט רו־איקע טריט, האַלטנדיק הויך דעם קאָפּ, איז זי אַרויס פונעם עס־צימער. אירע גלייכע אַקסלען אונטער דעם סויבלנעם פּאַלאַטין־פוטער האָבן, דאַכט זיך, נישט געקענט נישט אָפּפילן אויף זיך באַלזאַקס בליק, וואָס איז געווען פול מיט צאַרנדיקער פאַראורטיילונג. אָבער דאָס האָט זיך אים בלויז אויסגעדוכטן. און, סוף־כל־סוף, האָט עס בכלל גאָרנישט דעצידירט אינעם גורל פון לעאָנען. לעווקאָן האָט מען מיט ריטער אָפּגעשמיסן אינעם פערד־שטאַל און, בינדנדיק אים די הענט אויפן רוקן, האָט מען אים אַרויפגעוואָרפן אויפן שמוציקן שטרוי אין דער פאַרעיפּושטער קו־שטאַל.

— זאָל ער קומען אַביסל צו זיך! — האָט דער פּאַרוואַלטער צוגע־געבן, — און ער וועט נעמען דעם וועג קיין בערדיטשעוו. מען וועט אים אָפּגעבן פאַר אַ זעלנער, און דאָרט וועט ער זיך אויסלערנען צו אַכטן זיין גנעדיקע האַרין...

הינטער די ווענט פון דער קו־שטאַל האָט געבושעוועט דער ווינט. לעווקאָ האָט געשלונגען זיין אייגן בלוט, געקרעכצט און געבעטן אויף זיך דעם טויט.

ער האָט געוווּסט: אַלץ האָט געקענט אַנדערש זיין. ווי אַזוי? אין חלום האָט ער געזען אַלץ, ווי אין אַ מעשהלע: נחמה האָט געלעבט. איר האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרגוואַלדיקן און אומברענגען, מחמת צוזאַמען מיט איר איז געווען ער, לעווקאָ, טאַקע לעווקאָ, און נישט לעאָן. און געלעבט האָט דער גליקלעכער גוטער־ברודער זיינער, דער געטרייער וואַסילי, און האָט נישט געקענט שלעכטס טון מאַרינאַן, וואַ־סיליס ווייב. גליקלעך האָט געלעבט דער זיידע מוסי. און איבער די

כאַטעס פון ווערכאָווניע האָט פריילעך געשיינט די זון, אויף די פעלדער האָט דער ווינט געוויגט די זאַנגען, דעם פריצס משרתים האָבן נישט געפייפט מיט די נאַהייקעס איבער די קעפ פון די פויערים, און עס זענען מער נישט געווען קיין קנעכט, נאָר געווען זענען מענטשן, און קיינער האָט נישט געקענט אויסבייטן אַ בילד־שיין מיידל אויף אַ יעגער־הונט אָדער אומבאַשטראָפט אָפּגאָלן דעם קאָפּ פונעם יונגנמאַן, אָוועקשיקן אים צו די זעלנער... סאַראַ ליכטיק, פריילעך און גליקלעך לעבן דאָס איז געווען!

לעווקאָ איז געלעגן אויסגעצויגן. קיינער האָט אים נישט געשטערט צו טרוימען, און זיינע פאַנטאַזיעס זענען געווען אומגעווייניכלעך לייכטע, זיי האָבן זיך אויפגעהויבן אויף די פליגל העכער פון די וואָלקנס און זיך אַוועקגעטראָגן אין לאַבירינט. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַלד איז געקומען די צייט זיך אומצוקערן מיט זיי אויף דער ערד. אַראָפּגעפאַלענע פון הימל, האָבן זיי ווייטיקלעך אַ זעץ געטון מיט דער ברוסט אינעם צעפוילטן באָדן פון דער קו־שטאַל און צעשמעטערט זייערע פליגל. לעווקאָ האָט געעפנט די אויגן. צי איז דאָס איינפאַך נישט געווען קיין חלום? באַלזאַק האָט, מיט אַ לאַמטערן אין דער האַנט, זיך איבערגעבויגן איבער אים. לעווקאָ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דאָס לשון איז אים אָפּגענומען געוואָרן. אין דאָזיקן מאָמענט האָט ער דערפילט אַן אומדערטרעגלעכע קעלט, דער פראָסט האָט אים אַזוי דורכגענומען, אַז עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. ער האָט געגעבן אַ קרעכץ און דערהערט אַ שטים, וואָס איז געקומען פון דער שוועל.

— גייט אַרויס פונדאַנען, יונגערמאַן...

דאָס איז געווען זשעגמאַנס שטים.

— לעאָן, — האָט באַלזאַק אַ רוף געטון, אַראָפּבייגנדיק זיך נידעריקער און באַלייכטנדיק מיט דער לאַמטערן די פיגור אויפן שטרוי. — דו הערסט מיך, לעאָן?

— כ׳הער אייך... מ׳סיע... — האָט לעווקאָ כמעט געזייעט די ווערטער דורך די ציין מיט אַ ציטערנדיקער שטים און געפאַלן אין אָנמאַכט.

ווען ער האָט דערוואַכט, איז קיינער אַרום אים נישט געווען. „דאָס איז מסתמא געווען אַ חלום" — האָט לעווקאָ ביי זיך געטראַכט.

— ער האָט אויפגעוואַכט, — איז דערגאַנגען צו אים דאָס קול פונעם אַלטן שטאַל־קנעכט סווריד טשעקאַלענקאָ. ער האָט דערציילט, ווי מיטן נאַכט האָט דער מערקווירדיקער פראַנצויז אַנגעקלאַפּט אין פענצטער. זיי האָבן צוזאַמען מיטן הויף־אויפזעער אַריינגעטראָגן לעווקאָן אין וועכטער־שטיבל. אָט דער אויסטערלישער האַר האָט זיך לאַנג געפּאָרעט אַרום דעם קראַנקן. ווו האָט מען אַזוינס געזען? סווריד האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט. ער האָט איבערגעלאָזט געלט. ער האָט גע־

זאָגט, אַז ער וועט אַ שמועס טון מיט דער באַלעבאָסטע, זאָל זיין, זאָגט ער, לעווקאָ האָט קיין מורא נישט.

לעווקאָ האָט קיין מורא נישט געהאַט. ער האָט אויפמערקזאַם אויס־געהערט סוויריד. וואָס איז דאָ געווען מורא צו האָבן? ערגער וועט נישט זיין.

— און דער טייוול האָט דיך געצויגן פאַר דער צונג, — האָט אים פאַרגעהאַלטן סוויריד, — האָסט נייטיק באַדאַרפט פּלאַפּלען... וואָלסט בעסער געשוויגן פאַרן פאַרוואַלטער. עס וואָלט גאָרנישט אָפּגעקומען ביי מאַרינאַן...

— שווייגט, פּעטערל סוויריד... שווייגט בעסער, — לעווקאָ האָט זיך געוואָרפן אויפן געלעגער. — נישט מיט אונטערלעקן זיך קען מען ד הארן ווייכער מאַכן, נאָר מיטן שטעקן...

— שאַ! — האָט סוויריד אַ מאַך געטון מיט די פויסטן. — שווייג! ווייניק שמיץ האָסטו געקריגן? זאָג אַ דאַנק, וואָס ס'האָט זיך אַזוי פאַר־ענדיקט.

— איך וועל זיי נאָך זאָגן אַ דאַנק, — האָט לעווקאָ פאַרזיכערט, — איך וועל עס נישט פאַרגעסן.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. אים האָט פאַרפאַלגט איין געדאַנק: וואָלטן מיר אַלע צוזאַמען, מיט פאַראייניקטע כוחות... אָט דאָס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך. אין האַרצן האָט געטליעט אַ האָפענונג: עס וועט קומען אַ צייט, אָן שום ספק וועט זי קומען.

— מ'האָט דיך אָנגעלערנט אַצינד, — האָט זיך ווידער דערטראָגן צו אים סווירידס שטים.

— נאָך ווי אַזוי אָנגעלערנט, — האָט לעווקאָ צוגעשטימט, — אַ גוטע לערע. אַזאַ וועט אויך זיין די דאַנקבאַרקייט. וואַרט צו!

— מ'וועט דיך אָוועקשיקן צו די זעלנער, — האָט שווער אָפּגעאָ־טעמט סוויריד. — דו ביסט, נעבעך, אַן אומגליקלעכער קבצן אין זיבן פאַלעס, לעווקאָ.

— מיר אַלע לעקן נישט קיין האָניק, אָבער ווער איז דערין שולדיק, ווער?

סוויריד האָט זיך אויסגעדרייט און נישט געענטפערט.

— דו שווייגסט. דו ווייסט נישט? אָדער דו האָסט מורא?

סוויריד האָט געשוויגן. לעווקאָ איז אַנטשטומט געוואָרן. ער איז גע־לעגן אויסגעצויגן, אַנשטעלנדיק דעם בליק אויף די שוואַרצע בעלקעס פון דער נידעריקער סטעליע. עס האָט זיך אים דערמאָנט דאָס געזיכט פון באַלזאַקן, בעת ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים. דעם אמת געזאָגט, האָט מען עס אים באַדאַרפט דאַנקבאַר זיין, פאַלן צו די פיס, ער האָט אַ גוט און ערלעך האַרץ. נאָר צי וועלן זיי זיך נאָך זען כאָטש איין מאָל?

...און אין דאָזיקן מאָמענט האָט באַלזאַק געטראַכט וועגן לעווקאָן. עולין איז געזעסן קעגנאיבער אים, קוויקנדיק זיך מיטן גלאַנץ פון די

רינגלעך אויף אירע אָפגעטאָקטע פינגער. אירע רייד זענען געפלאָסן לאַנגזאַם, זי האָט גערעדט מיט אַן אומבאַשטרייטלעכן און האַרטן טאָן. באַלזאַק האָט זי אויסגעהערט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם.

— אָנאָרע, איר זענט אומדערטרעגלעך, מען קען מיינען, אַז איר זענט אַלט צוואַנציק יאָר. איך רעד שוין נישט וועגן דער אומזיניקייט פון אייער האַנדלונג בכלל, אָבער איר האָט זיך דאָך געקענט צוקילן. וואָס פאַר אַ ווילדער איינפאַל אַרויסצולאָזן זיך אין מיטן דער נאַכט אויפן פינצטערן הויף, אויפצווזוכן אַ באַנדיט. יאָ, יאָ, זאָל אייך נישט וווּנדערן, אַלע זענען זיי באַנדיטן.

עוולין האָט בייז אַ זעץ געטון אין פענצטער.

— אַלע. איר הערט, אָנאָרע! אויב מעןְ זאָל זיי נאָר אָפלאָזן, וועלן זיי אונדז אַלע אויסשעכטן, אונטערצינדן אונדזערע גיטער, דאָ וועט ווערן אַ ווילד לאַנד...

— עווא, אָבער שמייסן מיט ריטער אַ מענטשן... צי איז עס נישט קיין ווילדקייט?... און בכלל...

— אַך, אָנאָרע! שווייגט בעסער! דאָס אַלץ נעמט זיך ביי אייך פון ליידיקגיין. מ׳דאַרף וואָס גיכער אָפפאָרן קיין פּאַריז!

פאַר אַזעלכע ווערטער וואָלט ער מיט אַ יאָר צוריק געפאַלן איר צו די פיס. און אָט איצט האָט ער קוים־קוים מיט רעספּעקט זיך פאַרבייגט און אַ זאָג געטון:

— הלוואי וואָס גיכער.

— ס׳איז נישט געבליבן לאַנג צו וואַרטן.

און באַלזאַק האָט געוווּסט, אַז ס׳איז שוין טאַקע נישט פאַרבליבן לאַנג צו וואַרטן. מ׳האָט שוין פון קיעוו געבראַכט קדושין־רינגלעך. דער לאַנג־דערוואַרטער טאָג געפינט זיך הינטער די בערג. און, אפשר דערפאַר, וואָס דער וועג צו אים איז געווען אַזאַ פאַרפּלאָנטער׳טער און שווערער, אין האַרצן האָט פעלדזן־פעסט געוועלטיקט אַ מאָדנע גלייכגילטיקייט צו אַלעם. צי פילט עס עוולין?

מען ווייסט נישט פון וואָס זי איז באַאיינדרוקט געוואָרן, סוף־כל־סוף האָט זי פאַרזיכערט באַלזאַקן צו באַגנעדיקן לעאָנען. גוט. דער דאָזיקער כלאָפּ וועט בלייבן אין ווערכאָווניע. צי קאָן מען אָבער גלייבן אירע ווערטער? אָ, באַלזאַק האָט געהאַט גענוג סיבות צו צווייפלען.

*

די קאַלטע טעג זענען געלאָפן. באַלזאַק האָט געטראַכט: דאָס טרייבט זיי דער ווינטער אין דעם ווייטן וויסטן לאַנד. ער האָט נישט פאַרלאָזט דאָס צימער. גאַנץ אָפט האָט אים באַזוכט קנאַטע און אַמוזירט מיט זיין פּלוידעריי. באַלזאַק איז געווען פאַרוווּנדערט פון דאָקטאָרס גייסטאָרעמקייט, אָבער גלייכצייטיק, פאַרכאַפּט דורך דער

געהיימנישפולער קראַפט פון דער איינגעגלייבטקייט, וואָס קנאָטע האָט פאַרמאָגט.

נישט־ווילנדיק עס אַליין, האָט ער גענומען ליב קריגן די איינזאַמקייט. וואָס האָט דאָס געזאָלט באַדייטן? וויפל ער האָט זיך נישט אַריינגעטראַכט — האָט ער דערויף קיין פאַרענטפער נישט געפונען. אין אָט דעם אָוונט, אַזוי ווי אין די פאַרגאַנגענע אָוונטן, האָט ער געפרוווט לייענען פאַרן שלאָפן גיין. ער האָט לאַנג גענישטערט די ביכער אויפן טיש, עס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו נעמען איינס פון זיינע אייגענע ביכער. ליגנדיק אין בעט, מיטן אָפענעם בוך דער קוזין פּאָנס, האָט ער אין אַלעמען פאַרגעסן, לייענענדיק עס מיט פאַרגעניגן זייט נאָך זייט. עס האָט אים באמת געפאָלן דער דאָזיקער ווילער, אָריגינעלער פּאָנס. ווו נאָך אויף דער וועלט האָט מען געקענט געפונען אַ מענטש, וואָס זאָל, אַזוי ווי פּאָנס, ליב האָבן די אַנטיקוויטעט, פאַרשטיין זי, אָפּגעבן זיך איר מיט דער גאַנצער נשמה? באַלזאַק האָט מיט הנאה געבלעטערט דאָס בוך און געזען פאַר זיך דעם קוזין פּאָנס אַ לעבעדיקן, נאָר בעת די אויגן זענען מיד געוואָרן, האָט ער אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויפן טישל, אָבער אין דער מחשבה האָט ער עס פונדעסטוועגן ווייטער געלייענט. אים האָט אפילו נישט געוווּנדערט, צו קענען צונויפשטעלן פון אויסנווייניק דעם טעקסט, פראַזע נאָך פראַזע, מיט אומבאַגרייפלעכער קאָנטינואיטעט.

און בעת ער האָט זיך דערפון אָפּגעריסן און ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער אויס איבעראַשונג שיער נישט אַ געשריי געטון. איבעריקנס, נאָך גוט, וואָס ער האָט נישט געשריגן. דאָס וואָלט נאָך געקענט איבערשרעקן דעם גוטמוטיקן קוזין. יענער, זיצנדיק צופוסנס פון באַלזאַקן, האָט רואיק געשמייכלט, און זיין בליק איז געווען אַ מילדער, אַ וואַרעמער. ער האָט זיך צומאָל נישט באַגריסט. בלויז אַ שמייכל — און דאָס איז אַלץ. באַלזאַק האָט אים שיער נישט געטאַדלט מיטן פינגער, אָבער ער האָט זיך באַצייטנס צוריקגעהאַלטן. אַזאַ אומפאַרזיכטיקער זשעסט וואָלט געקענט אויף פּאָנסן מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק. דאָס, וואָס ער האָט זיך נישט באַגריסט, האָט געקענט סוף־כּל־סוף פאַרגעבן ווערן. אַלע אַנטיקן־הענדלער זענען עטוואָס מאָדנע מענטשן, אָבער אין גרונט גענומען זענען זיי דזשענטלמענער. די דאָזיקע באַהויפּטונג איז פולשטענדיק גענוג, כדי פון זיי זיך נישט צו באַליידיקן.

דאָך האָט באַלזאַק געמיינט, אַז דאָס איז אַ האַלוצינאַציע. ער האָט זיך אויסגערעדט, און דאָס, וואָס ער האָט באַמערקט, האָט אים אויף אַ ווײַלע געצוווּנגען צו פאַרגעסן וועגן פּאָנסן. זיינע פריינט און קאָלעגן זענען דאָ געווען פאַרזאַמלט ווי אויף אַ גרויסער באַראַטונג. ביים טיש, אין אַ לעדערנעם פאָטעל, איז געלעגן אויסגעצויגן דער שרייבער ד׳אַרטעז, הינטער אים איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט דער פילאָזאָף לואי לאַמבער, אויף אַ גאָר נידעריקן פוף, מיט פאַרלייגטע הענט אויף די קני, איז געזעסן קאַנאַליס, רעכטס פון אים האָט גע־

לאַכט דער כעמיקער באַלטאַזאַר קלעס. אין אַ ווינקל האָט זיך אַרויסגעזען די איינגעהויקערטע פיגור פונעם טרוימער סעשאַר דעם דערפינדער.

— אַ גוטן־אָוונט אייך, מיינע פריינט, — האָט באַלזאַק פריילעך זיי באַגריסט.

קיינער פון זיי האָט נישט געענטפערט, אָבער דאָס האָט אים נישט פאַרוווּנדערט. ער האָט געוואָלט אויפשטיין, כדי צו בעטן עטלעכע פלעשער וווּורעי, אָט דעם געשמאַקן ווייַן, מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט אויפבינדן די צינגער פון זיינע געסט. אָבער די געהאָרכזאַמקייט פון פאָנסן, וואָס איז געזעסן צופוסנס, האָט אָנגעפילט באַלזאַקס האַרץ מיט נאָבעלע כוונות. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וווּורעי־ווייַן וועט זיין איבעריק. ווי צו באַשטעטיקן די דאָזיקע פעסטשטעלונג, האָט פאָנס לייכט געשאָקלט מיטן קאָפּ. באַלזאַק איז דערפון געווען שטאַרק גערירט. אַזויפיל יאָרן זענען פאַרביי, אָבער פאָנס האָט נישט פאַרלוירן זיין ברייטהאַרציקייט.

— הכלל, מיינע פריינט, איך בין צופרידן אייך צו זען. איך בין גליקלעך, מיינע פריינט. אַצינד האָב איך ענדלעך פאַר וועמען זיך צו באַקלאָגן. גיט אַ קוק, טייערער אַרטעז, ווי פויל איך בין: עפּנט אויף די שופלאָדן און שטעלט פעסט, אַז דאָס פּאַפּיר, וואָס כ׳האָב אַהערגעבראַכט פון פּאַריז, ליגט אומבאַרירט.

באַלזאַק האָט געוואַרט ביז אַרטעז זאָל עפענען דעם שופלאָד און זיך איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון זיינע ווערטער. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם בליק, וואָס דער שרייבער האָט געוואָרפן אויף זיין ווייסן פלאַנעלענעם כאַלאַט, און ער האָט מיט פאַרביטערונג אויסגערופן:

— אָ, מיין פריינט, זוכט נישט קיין טינט־פלעקן אויף די אַרבל פון דאָזיקן כאַלאַט. ניין, נישט דערפאַר — האָט באַלזאַק צוגעגעבן, — ווייל איך האָב דאָס גאַנצע לעבן געהאַלטן, אַז אַן עכטער שרייבער דאַרף זיין ציכטיק. גלייבט מיר, נישט דערפאַר. איך בין אַ ליידיקגייער. איר פאַרשטייט, אַ פויליאַק...

— איר, באַלטאַזאַר קלעס, און איר, סעשאַר, אייך שטייט פאַר אַ גרויסע צוקונפט: כעמיע און דערפינדונג, דער קומענדיקער יאָרהונדערט גרייט צו אַ פרוכבערדיקן באָדן פאַר אייערע אַקטיוויטעטן. אַ געוויסן טאָג וועט איר מיר דאַנקבאַר זיין דערפאַר, וואָס איך האָב אייך אַרויסגערופן צום לעבן, די כעמיע און די דערפינדונגען...

אין די ווערטער, וואָס באַלזאַק האָט אַרויסגעבראַכט, איז געווען אַסך פאַנטאַזיע. באַלד האָט ער זיך האַרציק פונאַנדערגעלאַכט.

— זייט נישט בייז! איך פיל זיך זייער גוט אין אייער געזעלשאַפט, אָט האָב איך מיר אויך זיך דערלויבט אויף אַזאַ מין פרייהייט.

— און וואָס וועט איר זאָגן, קאַנאַליס? אייגנטלעך, דאַרפט איר גאָרנישט זאָגן. ליבערשט וועל איך אייך עפּעס דערציילן. איר דאַרפט עס אומבאַדינגט וויסן, כאָטש ס׳איז אַ טרויעריקע געשיכטע. אַ פידל־

מוזיקאַנט האָט מען געשמיסן מיט ריטער, צעטרעטן אים מיט די שטיוול, דערנאָך האָט מען אים אַ דערמאָרדעטן באַגראָבן, ווי אַ הונט, אין דער סטעפּ און אַריינגעשלאָגן צוקאָפּנס אַ הילצערנעם צלם. אָבער די מעלאָדיע, וואָס ער האָט געשאַפן, איז פאַרבליבן און לעבט. איר פאַרשטייט מיך, קאַנאַליס? ס׳איז אַ שוידערלעכע געשיכטע. איך האָב לאַנג געטראַכט וועגן איר. זי האָט מיך געצוווּנגען צו טראַכטן אויך וועגן מיין אייגענעם גורל. אָבער דאָס איז גיכער נוגע לואי לאַמבער, וואָרום ער איז אַ פילאָזאָף. פונדעסטוועגן, מיינע פריינט, פאַרוואָס־זשע שווייגט איר? אַהאַ, איך ווייס, — איז זיך באַלזאַק משער געווען — מיר האָבן זיך שוין גאָר לאַנג נישט באַגעגנט, און איר וואַרט, איך זאָל אייך דערציילן. וואָס־זשע זאָל איך אייך זאָגן? איר ווייסט, מיר אַליין איז אומאָנגענעם, הלמאי איך האָב אייך נישט וועגן וואָס צו דערציילן. אַ שאָד, וואָס מיט אייך איז נישט מיטגעקומען ראַפאַעל, דאָס איז אַ שאַרפזיניקער בחור, ער וואָלט אונדז אַביסל פריילעך געמאַכט! איר שווייגט? וואָס־זשע, איר זאָגט גאָרנישט? מילא, זאָל זיין! איך וועל אייך נישט אויפצווינגען. איך דאַרף אייך פונדעסטוועגן באַמערקן, אַז דאָס איז לחלוטין נישט פיין פון אייער זייט. נאָכמער דערפאַר, מיינע פריינט, וואָס איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, זייער קראַנק. דאָס האַרץ, מיינע פריינט, שטרייקט. איך בין אויף דער שוועל פונעם סוף, מיינע פריינט! איר פאַרשטייט מיך?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָבסערווירנדיק אויפמערקזאַם די געזיכטער פון זיינע אומדערוואַרטע געסט. ער האָט באַמערקט, ווי זיי אַלע האָבן, צום סוף פון זיין רעדע, פאַרזאָרגטע זיך איבערגעקוקט און טרויעריק אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— נעמט אייך נישט צום האַרצן, — האָט ער זיי באַרואיקט, — איך גלייב, אַז כ׳וועל נאָך באַווייזן עפּעס אויפצוטון פאַרן אַוועקגיין פון דער וועלט. איך האָב אַמביציע, און בעת ס׳איז פאַראַן אמביציע... מ׳סיע אַרטעז, וואָס טוט איר? וואָס טוט איר, מ׳סיע אַרטעז?

באַלזאַק האָט אויסגעשריגן די ווערטער אין איין אָטעם, זיך אויפגעהויבן אויף די עלנבויגנס און מיט אַנגסט נאָכגעפּאָלגט די זשעסטן פון אַרטעזן.

דער שריפטשטעלער ד׳אַרטעז האָט אַרויסגענומען פונעם זילבערנעם בעכער אַ בינטל געגנדזענע פעדערס און זיי צעבראָכן איינע נאָך דער אַנדערער, אַוועקוואַרפנדיק זיי אונטער זיינע פיס. באַלזאַק האָט געוואַרט, אַז עמיצער פון די געסט זאָל אָפּהאַלטן דעם חסר־דעה.

— האַלט אים אָפּ, פאָנס! — האָט ער זיך געוואָנדן צום קוזין, פילנדיק זיך אומפּעאיק אויפצושטיין.

אָבער יענער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— און איר, לאַמבער, וואָס שטייט איר ווי אַ שטיין? לאָזט נישט אָט די ווילדע בריאה צעברעכן מיין וואָפן! האַלט אים צוריק! איך

באַשווער אייך, איר הערט? ווי אַזוי וואַגט איר צו שווייגן? איר זענט דאָך מיינע... מיינע...

עס האָט אים פאַרפּעלט אָטעם, ער איז אַוועקגעפאַלן אויף די קישנס און, פאַרלירנדיק שוין דאָס באַוווסטזיין, האָט ער, שטאַרק פאַרהוסטנדיק זיך, אויסגערופן:

— מיינע העלדן, מיינע העלדן!...

בעת ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען איבערגעבויגן איבער אים עוולינען, וועלכע האָט מיט אַנגסט איבערגעחזרט:

— איר האָט אַזוי געשריגן, אָנאָרע, איר האָט אַזוי געשריגן! וואָס איז מיט אייך?

קאַפּיטל צוואַנציק

דער קרייז ווערט איינגעשרומפּן

דער קרייז האָט זיך פאַרקלענערט. די מענטשלעכע וועגן האָבן אויסגעוויזן צו זיין קורצע. דער קאָבזע־שפּילער סעווערין בידע האָט עס מיטן גאַנג פון דער צייט אָפּגעפילט.

געגאַנגען איז דער פרילינג 1850. דער חודש מערץ האָט אין די סטעפּעס גענומען זינגען זיין ליד.

אומעטום האָט געוויעט מיט באַנייאונג. דאָס אייז האָט געפּלאַצט אין די טייכן. דער שניי איז צעגאַנגען. דער ווינט איז געוואָרן מילד און באַאומרואיקנדיק. ער האָט די גאַנצע צייט וויברירט אויף דער זעלבער באַסאָווער סטרונע. די פּאָסט־פערד זענען געבליבן שטעקן אויף די צעטראָטענע טראַקטן, די רעדער פון די בריטשקעס און קאַרעטעס האָבן זיך אויסגעבראָכן, און בלויז די אָקסן מיט די געדרייטע הער־נער, וועמען ס׳איז ווייניק אָנגעגאַנגען די מערץ־בלאָטעס, האָבן זאָרג־לאָז געטאָפּטשעט אין דעם שמוץ, אונטערטעניק געטראָגן אויף זייערע שטאַרקע העלדזער דעם יאָך און געשלעפּט מיט אַלע זייערע כוחות די וועגענער, מיט וואָס זיי זאָלן נישט האָבן געווען אָנגעלאָדן, מיט גוטע סחורות אָדער מיט בראַק. זיי, די אָקסן מיט די געדרייטע הער־נער, איז איבעריקנס געווען אַלץ איינס, פון וואָס זייער משא איז באַשטאַנען.

עס האָבן גענומען אויפלעבן די צעצווייגטע שטאַרק־פאַרוואָרצלטע לינדביימער אויף די ראַנדן פונעם אַטאַמאַן־טראַקט. די נאַקעטע, פייכטע, ברייט־צעגלידערטע, ביינערדיקע צווייגן, זיי האָבן אין דעם פרימאָרגנ־דיקן מערץ־נעפּל דערמאָנט אין אַ סטאַדע מאָדנע באַשעפענישן, פאַר־בלאָנדזשעטע אינעם אין־סוף פון די סטעפּעס. דער אַטאַמאַן־טראַקט

האָט זיך אויסגעשפּרייט אינעם אומבאַקאַנטן. איבער דער סטעפּ האָבן זיך געקייקלט מאָכקע קנוילן טומאַן. די ערד האָט זשעדנע איינגעזאַפּט דעם שניי און געבליבן אומפאַרשעמט אַ נאַקעטע, אין דערוואַרטונג אויף אמתער וואַרעמקייט.

... און אין אָט דעם פרילינג, אין אָט די מערץ־טעג, האָט דער אַלטיטשקער סעווערין בידע פאָרגעזעצט זיין וואַנדערניש. ער איז נאָך אַלץ געווען אַזאַ קלוגער, שטילער, פילבאַרער צו די מענטשלעכע ליידן, אָן אָנפּשרהדיקער צו דער פּריצישער פּוסטער גאווה. די יאָרן האָבן אים נישט פאַרעלטערט. מיט זיינע אַלטע פיס איז ער אויסגעגאַנגען די אוקראַינישע שטעגן־וועגן, ער האָט פאַרזייט, ווי קערנער, די ביטערע, עכטע ווערטער פון די פאָלקס־לידער, פאַרפּאַסט אויך אייגענע קופּלעטן. אין קאָפּ האָבן זיך אים שוין פון לאַנג אויסגעמישט די אייגענע און פרעמדע לידער, אָבער דאָס האָט גאַנץ ווייניק געקימערט דעם קאָבזע־שפּילער.

און ווי פריער, איז דעם זיידנס וועגפירער געווען מיקאָלקאַ.

ער איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ מענטש, ער האָט געבעטן דעם זיידן:

— לאָמיר זיך אַביסל אָוועקזעצן, זיידעניו, אויף דר׳ערד, מיר האָבן זיך גענוג געשלעפּט.

מיקאָלקאַן איז געוואָרן דערווידער די וואָגלעניש, זיי האָבן אים אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט טרויער. דער בחור האָט געהאַט חשק צו פאַרוואָרצלען זיך ווו נישט איז אויף אָט דער אומענדלעכער ערד און לעבן ווי אַלע זיינע בני־גיל.

— האָב געדולד, זונעלע — האָט געענטפערט דער זיידע — פיר מיך נאָך איבער דער ברייטער וועלט. מיין טויט דערנעענטערט זיך, דאַן וועסטו קענען זיך אָוועקזעצן, ווו דיין האַרץ וועט גלוסטן. דו, מיקאָלקאַ, זיי נישט בייז אויפן זיידן — האָט צערטלעך צוגעגעבן דער אַלטיטש־קער — אַזאַ איז שוין מיין גורל. איך פאַרזיי, מיקאָלקאַ, כ׳פאַרזיי. מעגלעך, אַז דו וועסט אפשר די פּרוכטן נישט שניידן. זאָלן כאָטש אַנ־דערע וויניקסטנס שניידן.

און דער זיידע איז געגאַנגען ווייטער, אַ באַלאָדענער מיט זיין איבערמענטשלעכער פּיין, און אויף די פול־געפּאַקטע יאַרידן האָט ער אָנפאַרטרויט דעם המון זיינע פלאַמיקע פאָלקס־לידער.

במשך פון די אַלע יאָרן פון וואַנדערנישן און צערונענע האָפענונ־גען און אַנטוישונגען פלעגט דער זיידע קיינמאָל נישט פאַרגעסן די באַגעגעניש מיט טאַראַס שעווטשענקאָ, דעם קאָבזאַר פאַר עקסעלאַנס. אָפטמאָל פלעגן זיך אים ביינאַכט חלומען לייכטע טריט, ס׳פלעגט זיך הערן אַ האַרציקע שטים, און דער זיידע פלעגט מיט יענעם פירן אַ האַרציקן שמועס. די דעמאָלטיקע באַגעגעניש הינטער יאַגאָטין איז איינ־געבאַקן געוואָרן אין זיין האַרצן ווי אַ מתנה פון הימל, און ער האָט זי הייליק געהיטן מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט און געזייט איבער

דער וועלט די ווערטער פון טאַראַסן, אַריינלייגנדיק דערין דעם גאַנצן כוח זיינעם, דאָס גאַנצע האַרץ.

און מיקאַלקאַ איז שטענדיק געווען נעבן אים, ביי דער זייט אָדער פון פאָרנט, און דער זיידע האָט שטיל אַ זאָג געטון:

— מיקאַלקאַ, אייגעלעך דו מיינע, לייכטערל דו מיינס!

— אייערער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, וועמענס דען? — האָט מי־קאַלקאַ ביי זיך געענטפערט.

פונעם ווינט האָבן אים די אויגן געטרערט. פאַר זיי איז געלעגן דער אויסגעטראָטענער פריילינגדיקער וועג.

— אַך און ווי איז צו מיר, זיידע! — האָט מיקאַלקאַ איינמאָל זיך באַקלאָגט, — אוי, ווי מיר איז ביטער!

— מיט וויינען און קלאָגן וועסטו די נויט נישט פאַריאָגן, — האָט דער זיידע באַמערקט. — לאָמיר זיך אָפּרוען, אייניקל מיינס.

דער זיידע מיטן אייניקל האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביים ראַנד אונ־טער אַ לינדבוים. מיט זיין געוויינלעכן זשעסט, האָט דער אַלטיטשקער אָנגעטאַפּט דעם באָדן אַרום זיך.

— ס'איז אַ קבר, נישט אמת, מיקאַלקאַ?

— אמת, ס'איז אפילו דאָ אַ צלם צוקאָפּנס!

— דאָ רוט עמיצער, — האָט דער קאָבזע־שפּילער פאַרכמורעט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

און סעווערין בידע האָט מיט אומרואיקע הענט געגראַבלט אַרום זיך. עס האָבן אים באַהערשט פאַרצווייפלטע געדאַנקען. זיינע פינגער האָבן דערטאַפּט אונטערן צלם אַ ברעטעלע.

— וואָס איז דאָס, מיקאַלקאַ? — האָט דער זיידע דערשראָקן אַ פרעג געטון, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ בינטל סטרונעס.

— סטרונעס, זיידעשי, אַזוי ווי ס'וואָלט אַ פידל געווען.

דער ווינט האָט באַרירט די סטרונעס אין דער האַנט פונעם זקן. דאָס צעפּוילטע האָלץ פון דער פידל האָט זיך צעשיט אין פּרוכנע.

דער אַלטער האָט די סטרונעס אַריינגערוקט אין דער טאָרבע. צו וואָס דאַרף ער זיי? ער ווייסט עס אַליין נישט. זאָל זיין. ער רייבט זיך די פינגער די קלעפּיקע פון דער פייכטער ערד, ער לייגט אַרויף זיינע הענט אויף די קני און בלייבט אַזוי זיצן, אַ פאַרזאָרגטער, אַ פאַרכמו־רעטער.

מיקאַלקאַ קוקט מן־הצד אויפן זיידן. נישט־ווילנדיק פאַרהאַלט זיך זיין בליק אויפן גאָלדענעם רינגל, איינגעפאַסט מיט אַ גרויסן איידל־שטיין. וואָלט דער זיידע פאַרקויפט דאָס רינגל, וואָלט געווען געלט, וואָלטן זיי אפשר אַביסל געקענט לעבן ווי מענטשן. מיקאַלקאַ האָט שוין צום הונדערטסטן מאָל אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אָבער דער זיידע איז איינגעשפּאַרט. וואָס ער נעמט זיך אַריין אין קאָפּ, וועסטו מיט קיין האַק נישט אַרויסשלאָגן.

— איך קען נישט, מיקאַלקאַ, כ'קען נישט. ווען איך וועל שטאַרבן,

דעמאָלט וועסטו קענען טון דערמיט, וואָס דו וועסט וועלן. נאָר איצטער קען איך נישט. אָבער דעם אמת געזאָגט — האָט זיך דער זיידע איבערגעלייגט — ווי אַזוי פאַרקויפן? אַזאַ פינגערל האָט קיין שלעכטער מענטש נישט געקענט שענקען. אַ גוט האַרץ האָט געהאַט דער דאָזיקער מענטש און גוטע געדאַנקען, מיקאָלקאַ.

און אין זעלבן מאָמענט האָבן זשוואַווע פערד געצויגן צוויי קאַרעטעס, פאַרביי דעם קבר, אויף וועלכן ס׳האָבן געגרוט סעווערין מיטן יינגעלע: אין דער ערשטער זענען געזעסן באַלזאַק מיט האַנסקאַ. זיי זענען געפאָרן אין דער ריכטונג פון בערדיטשעוו. דער דאָזיקער וועג וועט זיי פירן אין דער קאַטעדראַלע פון דער הייליקער באַרבאַראַ. באַלזאַק, איינגעהילט אין פעלץ, האָט געאָטעמט שווער. עס דאַכט זיך אים, אַז דאָס כאָרכלען פון זיינע קראַנקע בראָנכן פילט אָן די גאַנצע קאַרעטע. עוולין זיצט אומבאַוועגלעך. אירע געדאַנקען זענען ביטערע, פאַרצווייפלטע, אומברחמנותדיקע. אַזוי ווערט איינגעשרומפן דער קרייז.

*

אין אָט דעם פרילינג האָט אויך מאַרינאַ זיך צוגעהערט צום מעלאַנכאָלישן געזאַנג פון די מערץ־ווינטן. דאָס ליד זייערס האָט געמאַכט אויפלעבן אין איר האַרץ דעם אומאויסלעשלעכן ווייטיק פון ווייטע דערינערונגען. אָט די מערץ־ווינטן, וואָס האָבן אומאויפהערלעך געהורדזשעט און באַטויבט, בעת וועלכע דער פאַרוואַלטער קאַרל האָט אַ סוף געמאַכט צו מאַרינאַס יוגנט.

אין ווייטן סיביר האָבן געשמאַכט אויף קאַטאָרגע די ווערכאָווניער קנעכט. וואַסילי איז אומגעקומען. די האַרן האָבן ביי אים צוגענומען דאָס לעבן, פאַרוואונדעט מאַרינאַס נשמה. נישטאָ אויך לעווקאָ. זיי האָבן אים אַוועקגעגעבן צו די זעלנער. און מאַרינאַ האָט נאָך אַלץ געהאָפט, אַז דער פרילינג זאָל ברענגען אַן ענדערונג אין לעבן.

און דער פרילינג איז, כ׳לעבן, געווען פרילינג. אַ טומלדיקער, אַ ברויזיקער. ביינאַכט האָט זיך געהערט, ווי פריילעך עס האָט אין די טייכן געריזלט דאָס וואַסער.

מאַרינאַ איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. פון הינטערן שיידוועגטל האָט זי געהערט די קי אָנמאַכן אַ מושב. איינגעהילט אין אַן אַלטן מלבוש, איז מאַרינאַ געלעגן אויפן שטרוי. זי נישטערט אין זכרון אַלץ, וואָס וואָלט איר געקאָנט ברענגען אויף אַ ווײַלע פאַרגעניגן. שוין לאַנג ווי דאָס מיידל האָט אויפגעהערט צו קענען וויינען. ממש, ווי דער טרערן־קוואַל וואָלט אויסגעטריקנט געוואָרן אין איר נשמה. בלויז אירע אויגן האָבן געברענט, אירע וויעס האָבן געברענט, דעם גאַנצן קערפּער אירן האָט פאַרברענט אַן אומגעזעטיקט, שרעקלעך פייער.

מאַרינאַס הברטעס זענען געשלאָפן נעבן איר, מידע פון זייער

אַרבעטס־טאָג, און האָבן שווער געזיפצט אין דרעמל. זי איז אַ פריש־געקומענע צווישן זיי.

דער מערץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער סטאַדאָלע. ער האָט גערופן מאַרינאַן:

„שטיי אויף! קום, מיידעלע, מיר אַנטקעגן".

דער שניי צעגייט און רוישט אומאויפהערלעך, שטיפעריש אין די טייכלעך מיטן צעטייעטן וואַסער. מאַרינאַ וויל וויינען און קען נישט.

...און אין אָט דעם פרילינג איז אָנאָרע דע באַלזאַק אַריין דורך דער ברייטער טיר פון קלויסטער אין בערדיטשעוו. יורי מנישעק האָלט אים אונטערן אָרעם. אַלעמענס געזיכטער זענען פאַרקלערטע און כלומרשט פייערלעכע.

אַזוי ווערט פאַרווירקלעכט דער נוישאַטעלער חלום.

דער ווינט פייפט אין דער פּליצע. דער קלויסטער־דינער פאַרמאַכט די טירן. הויך אויף די ווענט צאַנקען פייערלעך. טונקעלע שאָטנס וויגן זיך אויפן סופיט. גלייך פאַר באַלזאַקס אויגן שטייט דאָס בילד פון דער הייליקער באַרבאַראַ אויפן אַלטאַר. די גרויסע מאַרטירערין באַווייזט איר אַנטבלויזטע ברוסט אויף אַן אומאַנשטענדיקן אופן און איר שמייכל איז אַ ליידנשאַפטלעכער. באַלזאַקן דישעט דער הוסט. זיין ברוסט איז ווי אָנגעשוואָלן. אַן עקלהאַפטע, בלוטדאַרשטיקע בריאה — זיין אומהיילבאַרע — קראַצט אים אין דער ברוסט. מנישעק לאָזט אָפּ דעם חתנס האַנט, און באַווייזט זיך נעבן עוולינען. אַקעגנאיבער זיי, אויף צוויי טרעפּלעך העכער, שטייט דער פּרעלאַט. ער הויבט אויף די אויגן צום סופיט, באַלד דערנאָך וואַרפט ער אַ קאַלטן בליק אויף די פנימער פון נייעם פּאָרפּאָלק.

ווי אויף צו להכעיס האָט זיך באַלזאַקן דערמאָנט זיינס אַן אייגענע פראַזע פונעם בוך די פיזיאָלאָגיע פון דער חתונה:

„די חתונה — דאָס איז אַ שטערבלעכער דועל אויף טויט, ערב וועלכן דאָס פּאָרפּאָלק בעט אין הימל די ברכה".

ער פאַרטרייבט פון זיך אָט די באַליידיקנדיקע ווערטער. ער וויל וועגן זיי נישט טראַכטן. אָבער זיי לאָזן אים בשום אופן נישט אָפּ.

דער פּרעלאַט לאָזט אַראָפּ די אויגן. דורך די שמאָלע אויגן־שפּאַלטן באַמערקט ער האַנסקאַס טאָפּלטן גוידער, די טונקעלע דינינקע הערע־לעך אויף דער אייבערשטער ליפּ, ער זעט באַלזאַקס צעעפנט מויל מיט זיינע אַראָפּהענגענדיקע, ממש פייכטע, וואָנצן. דער פּרעלאַט הויבט אויף די וויעס און קוקט גלייך אין די אויגן אַריין פונעם נייעם פּאָר־פאָלק. וואָרפנדיק מן־הצד אַ בליק אויף דער וואַנט, זעט באַלזאַק דעם אומגעהויערן אכזריותדיקן שאָטן פונעם גייסטלעכן.

...און בעת איבערן קלויסטער פון דער הייליקער באַרבאַראַ אין בערדיטשעוו בלאָזט דער באַגינען אַן זיין זעגל, כדי צו ריכטן די טאָג־שיף אויף אַ נייעם וועג, זענען פון היינט אָן אָנאָרע דע באַלזאַק, געזעצ־לעכער זון פון בערנאַר־פראַנסואַ און פון אַננאַ־שאַרלאָטע־לאָרע סאַ־

לאַמביע, און עוולין־קאָנסטאַנציאַ, געזעצלעכע טאָכטער פון גראַף זשע־ווסקי און פון יוסטינע רדולטאָווסקאַ — מאַן־און־ווייב פאַר גאָט, פאַרן געזעץ און פאַר לייט.

אין דער קאַרעטע, אָנרירנדיק מיטן פינגער עוולינס קאַלטע האַנט, אָפּכאַפּנדיק שווער דעם אָטעם, צוריקהאַלטנדיק זיך, ער זאָל זיך נישט דערשטיקן מיטן שרעקלעכן הוסט, האָט אָנאָרע פייערלעך אַ זאָג געטון:

— אָצינד, עוואַ, וועלן מיר אָנהייבן אַ נייַ לעבן!

עוולין ענטפערט נישט. אָנגעלענט אויף די קישעלעך, טראַכט זי וועגן זיך אַליין. און אין דעם דאָזיקן מאָמענט, אַוועקמאַכנדיק דאָס פּאַרהאַנגל, בעת זיין אָנגסטפולער בליק בלאָנדזשעט איבער דער אומ־ענדלעכער סטעפּ, וועלכע שוועבט פאַרביי הינטערן פענצטערל, הייבט באַלזאַק אָן צו פאַרשטיין דעם ברענענדיקן, אייגנטלעכן באַדייט פונעם וואָרט „טעות". אָט דאָס זעלבע וואָרט, וואָס האָט, ווי אַ זעץ פון אַ דונער, דורכגעריסן דעם נעפּל פון זיינע ליידן אין די אומדערטרעג־לעכע פאַריזער נעכט, וואָס האָט אים געטריבן אינעם אומפאַרמיידלעכן יאָך און וואָס ער האָט אומזיסט אַ לאַנגע צייט באַטראַכט אַלס פאַר־פירערישס.

זיי זיצן צוזאַמען אין דער קאַרעטע, אַקסל־ביי־אַקסל. זיי שווייגן. אַ מויער פון גלייכגילט וואַקסט אויס צווישן זיי.

דער טאָג גייט אויף איבערן טראַקט. עס הוידעט זיך דער מרחק. וואָס דערוואַרט זיי אין דער צוקונפט? באַלזאַק ווייסט עס נישט. ער פרעסט צונויף די ציין, כדי אָפּצוהאַלטן דעם הוסט, ער פאַרמאַכט די אויגן.

אַזוי קערט זיך ווידער אום זיין מידקייט, אַ שרעקלעכע און איבער־דריסיקע.

אַזוי שרומפּט איין דער קרייז.

און דאָך האָט באַלזאַק במשך פון אַ פּאָר טעג אָפּגעפונען די גייס־טיקע גלייכגעוויכט. מעגלעך, אַז די סיבה דערפון איז געווען עוולינס גוטע שטימונג. עוולין שענקט אים טאַקע אויפמערקזאַמקייט. מ'קען אפילו זאָגן, אַז זי לייגט שטאַרק אַכט אויף אים.

— איר וואָלט אפשר גוט צוגעוואַרעמט די סמעטענע פאַרן מ'סיע?

ער באַמערקט אין עוולינס פראַגע, געוואָנדן צום שטובמיידל, אַ שטרענגן טאָן.

זי אַליין קאָנטראָלירט די פלעשלעך מיטן זודיקן וואַסער, וועלכע מ'לייגט אים אויף דער נאַכט צופוסנס.

— היינט וועט איר נישט לייענען, אָנאָרע, איר האָט רויטע אויגן.

אויף עוולינס פאַרלאַנג, האַלט זיך איצט דער דאָקטאָר קנאָטע כסדר אויף אין ווערכאָווניע. מ'האָט אים איינקוואַרטירט אין פּאַרוואַל־טערס פּאַוויליאָן.

— פון דעמאָלט אָן איז קנאָטע דאָ ווי אַן עסקולאַפּ, כ'האָב אויפגע־

הערט צו קרענקען — וויצלט זיך באַלזאַק. — אין דער אמתן, איז געגוג דעם דאָקטאָרס בלויזע אָנוועזנהייט, כדי דער ווייטיק זאָל זיך דערשרעקן.

— און איך האָב זיך געפרייט מיטן געדאַנק, אַז די סיבה פון אייער געזונט ווערן איז אַן אַנדערע... — האָט עוולין מיט פאַרוואורף אים געקוקט אין די אויגן.

— אָ, עוואַ!

אַלס באַווייז פון זיין עמאָציע, האָט מען באַדאַרפט זיך שטעלן אויף די קני און אויסקושן אירע הענט. נישט איצט איז די צייט. אַ דאַנק, הלוואי זאָל מען האָבן גענוג כוח אויסצוזיצן עטלעכע שעה אויף דער שטול...

עוולין האָט דורכדרינגלעך באַטראַכט באַלזאַקן. „וואָס איז מיט איר, זי זעט מיך צום ערשטן מאָל?”. איר אומבאַגרייפלעך־אויפמערקזאַמער בליק רעגט אים אויף. באַלזאַק פאַרשטעלט זיך מיט דער האַנט דאָס פנים. עוולין אָטעמט אָפּ, הייבט זיך שווייגעוודיק אויף, און, ווען אירע טריט שטילן זיך איין הינטער דער טיר, נעמט באַלזאַק אָוועק די האַנט פון פנים. ער דערנעענטערט זיך צום שפּיגל, וואָס הענגט צווישן די פענצטער. פון דער גילדערנער ראַם קוקט אויף אים אַן אַטלעטישע פיגור מיט צעשויבערטע האָר. אַ הויכער, מיט טיפע קנייטשן, צעאַקער־טער שטערן, צעעפנטע פולע אויסגעטריקנטע ליפּן. די ברוסט הייבט זיך און לאָזט זיך שווער אַראָפּ. אַ פּאָר פייערשפריצנדיקע אויגן. דער טאָפּלטער גוידער הענגט שווער אַראָפּ איבער דעם הויכן שניי־ווייסן קראַגן.

— צי בין איך עס? — שעפּטשעט באַלזאַק.

— אומבאַדינגט ביסטו עס! — ענטפערט שטיל, מיט אויסגעטריקנטע ליפּן, דער הער אין דער גילדערנער ראַם, עטוואָס אַ צעטומלטער פון דער פראַגע. — דו, דו, מיין געערטער פריינט.

אַ דערשלאָגענער פון דעם, וואָס ער האָט דערזען אין שפּיגל, פאַר־לאָזט באַלזאַק מיט פאַרביטערונג דאָס צימער. ער גייט אַרויף צו זיך אין קאַבינעט און בלעטערט איבערנאָויפיק דורך פרישע, אומבאַרירטע שטויסן פּאַפּיר. ברוזיקע געדאַנקען גריזשען אים. און ביי וועמען קען מען געפינען אַ טרייסט? איבעריקנס, האָט ער באַשלאָסן היינטיקן אָוונט אָנצושרייבן זיין ווייטער פריינדין זולמאַ קאַראַ אין פּאַריז: „איך האָב נישט געהאַט נישט קיין גליקלעכע יוגנט, נישט קיין בליענדיקן פרילינג, אָבער איך וועל האָבן אַ גאַר זוניקן זומער און אַ גאַר וואַרעמען האַרבסט”. ער שרייבט די דאָזיקע ווערטער און פאַרשטייט, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַ פיקציע. ער וועט שוין נישט האָבן נישט קיין זומער, נישט קיין האַרבסט.

די האַרבסטיקע טעג האָבן זיך געביטן איינער נאָכן אַנדערן. אויף די לאַנקעס האָט זיך שוין אויסגעשפּרייט דער טעפּיך פון צאַרטע גראָזן און די אַפּריל־זון האָט שוין אויסגעצייכנט צוגעוואַרעמט, בעת

דעם פינף און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש האָבן באַלזאַק און עוולין פּאַרלאָזן ווערכאָוניע. זיי זענען אַוועק אויפן וועג קיין פּאַריז, דורך בראָד, קראָקע, ברעסלוי, בערלין, פראַנקפורט.

די רייזע איז געווען נישט זייער קיין פריילעכע, נישט אַזאַ, ווי עס באַדאַרף צו זיין אַ חתונה־נסיעה. זי האָט געדויערט כמעט אַ חודש צייט. ס׳איז אויסגעקומען זיך צו פּאַרהאַלטן אין קראָקע, וואָרום ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די האַרץ־ווייטיקן. קומענדיק צו זיך, האָבן זיי ווייטער געריכט אין וועג, אָבער אין פראַנקפורט האָבן זיי אויפסניי זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע טעג. ערשט דעם 27־טן מאַי זענען זיי אָנגעקומען קיין פּאַריז.

און שרעקלעכער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס, אַריינפאָרנדיק קיין פּאַריז, האָט ער, ווי דאַן, אויף צוריקוועגס פון בערדיטשעוו, נאָך דער חתונה, דערפילט אין האַרצן אַן אומבאַזיגלעכע, געוואַלטיקע מידקייט. זי האָט אים אָנגעיאָגט אויך דאָ, און ער האָט געגלייבט, אַז ער וועט זיך פון איר באַפרייען, ווי נאָר ער וועט אַריינפאַלן אין דער ווירקעוודיקער אַטמאָספער פון פּאַריז. ער האָט האַפּערדיק געעפנט דאָס פענצטערל פון דער קאַרעטע און זשעדנע איינגעאָטעמט די פּאַריזער לופט, אָבער די דאָזיקע לופט איז געווען אַ טרוקענע און האָט געהאַט אַ ביטערלעכן געשמאַק, וואָס האָט געקיצלט אין האַלדז, און באַלזאַק האָט, אַ מידער, פאַרמאַכט די אויגן. ער איז געווען גלייכגילטיק צו אַלעם.

ע פּ י ל אָ ג

צי זענט איר אים נישט מקנא?

אין אָוונט פון 18־טן אויגוסט 1850 האָט אַ מאַן, אָנגעטון אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, מיט אַ בוקעט בלומען, זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער געשניצטער דעמבענער טיר פונעם הויז נומער 12 אויף דער פאָרטיבע גאַס.

אַ זילבערדיקע לבנה איז אויפגעגאַנגען אויפן פּאַרוואָלקנטן הימל און פאַרגאָסן מיט איר קאַלטער שיין דעם גאַנצן קוואַרטאַל. דער מאַן האָט אָפּגעווישט זיין פאַרשוויצטן שטערן און אַרויפגעקוקט אין דער הויך. די לבנה־שיין איז געפאַלן אויף זיין געזיכט. דאָס פּנים זיינס איז געווען בלייך, פאַרשלאָסן, מיט אַן אויסדרוק פון ברויזנדיקער יום־טובדיקייט. דער מאַן האָט זיך צוגעבויגן צו די בלומען, כדי איינצואָטעמען דעם פאַרשיכורנדיקן, באַטויבנדיקן ריח פון די פּרעכטיקע לעוקאָיעס.

דערנאָך האָט ער אָנגעקלונגען. ער האָט געוואַרט, צוהערנדיק זיך

צום געלויפעריי הינטער דער טיר. אָבער דאָך האָט קיינער נישט גע־ענטפערט אויף זיין קלינגען. דאַן האָט ער נאָכאַמאָל אַ ציי געגעבן די שנור. עמיצנס אַ האַנט האָט אויפגעריגלט, די טיר האָט זיך געעפנט, דעם שפּעטן גאַסט האָט באַגעגנט אויף דער שוועל די דינסט מיט אַ לייכטער אין דער האַנט.

— וואָס פאַרלאַנגט דער הער? — האָט זי געפרעגט מיט אַ דער־שטיקט קול, שלינגענדיק די טרערן. זיי זענען געזונען טראָפּנווייז אויף די באַקן און דאָס מויל פון דער פּרוי האָט זיך ווייטיקלעך אויס־געקרומט.

— איך בין וויקטאָר הוגאָ, — האָט העפלעך געזאָגט דער באַזוכער, נאָך אַלץ נישט איבערטרעטנדיק די שוועל. — זייט אַזוי גוט, פירט מיך אַריין צום מ׳סיע.

— ביטע זייער, קומט אַריין, — האָט אין געאייל געזאָגט די דינסט, אויפהויבנדיק דעם לייכטער הויך איבערן קאָפּ, אויף צוצולייכטן אים דעם וועג.

הוגאָ האָט איבערגעטרעטן די שוועל. די דינסט האָט אים אַריינ־געפירט אין זאַל אויפן ערשטן שטאָק, וועלכן ער האָט גוט געקענט. זי האָט פאַרמאַכט הינטער אים די טיר, און ער איז געבליבן אַליין. זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ ריזיקן מאַרמאַרנעם ביוסט פונעם הויז־באַ־לעבאָס, געשאַפן דורך דאַוויד ד׳אַנזשע. די מאַרמאָר־מאַסע האָט גע־גלאַנצט אויף איר פּיעדעסטאַל אַקעגן דעם באַוווּנדערונגס־ווערטיקן קאַמין.

וויפל מאָל הוגאָ זאָל נישט האָבן באַטראַכט אָט דעם ביוסט, האָט ער תמיד אויסגעפונען אין אים עפּעס נייס. אמת, איצטער איז ער ווייניק ענלעך געווען צום אָריגינאַל. זיינע אומהיימלעכע געדאַנקען האָט איבערגעריסן דאָס שטובמיידל, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל. איינגאַנצן אין ווייסן, וואָלט זי אויסגעזען ווי אַ געשפּענסט, ווען זי וואָלט נישט גערעדט.

— דער מ׳סיע וויל זען דעם קראַנקן? לויט ווי עס האָט מיר גע־זאָגט די דינסט.

הוגאָ האָט זיך פאַרנייגט און שטיל געענטפערט:

— יאָ.

— גוט. אין עטלעכע מינוט אַרום וועט מען קענען אַריינגיין צו אים.

דאָס שטובמיידל האָט זיך צעכליפּעט. ער איז געשטאַנען מיט די בלומען אין דער האַנט, אין פאַרלעגנהייט, ער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו באַרויִקן דאָס דאַזיקע מיידל.

— ער גוססט. די מאַדאַם איז אַוועק צו זיך. זינט נעכטן האָבן די דאָקטוירים פאַרלוירן יעדע האָפענונג. ער האָט אַ מכה אויפן לינקן פוס. ס׳איז אַ בלוט־פאַרגיפטונג.

דאָס שטובמיידל האָט עס אַרויסגעזאָגט שטיל, ווי זי וואָלט גע־

שעפּטשעט די ווערטער פון אַ תּפילה, בעתן רעדן האָבן זיך דורכגעריסן שלוכצן.

— די דאָקטוירים, מ׳סיע, ווייסן נישט, וואָס צו טון. זיי זאָגן, אַז ער האָט אַ וואַסער־געשווילעכץ פון פעטס, די הויט און די מוסקלען זענען אויף אַזויפיל אָנגעזאַפּט מיט פעטס, אַז זיי לאָזן זיך נישט דורכשטעכן. אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ קלייניקייט. מיט אַ חודש צוריק, לייגנדיק זיך שלאָפן, האָט דער מ׳סיע זיך פאַרטשעפּעטביים שטולפיסל. די הויט האָט געפּלאַצט, און דאָס וואַסער האָט גענומען פליסן. די דאָקטוירים האָבן געזאָגט: „נישט צו פאַרשטיין!" זיי זענען געווען דערשיטערט. פון דאַן אָן האָבן זיי גענומען אים מאַכן פּונקציעס. אויף זיין פוס האָט זיך פאַרמירט אַ געשוויר. דאָקטאָר רו האָט אָפּערירט דעם מ׳סיע. נעכטן האָט מען אים אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש. די ווונד, אַנשטאָט זי זאָל זיך פאַרהיילן, איז געוואָרן רויט, פאַרטריקנט און אָנטצונדן. דאַן האָבן די דאָקטוירים געזאָגט: „ער איז פאַרלוירן" — און זענען שוין מער נישט געקומען. מיר האָבן אַרויסגערופן נאָך פיר דאָקטוירים, אַלע האָבן זיי געענטפערט, אַז מען קען גאָרנישט העלפן. די פאַרגאַנגענע נאַכט האָט ער זיך זייער שלעכט געפילט. פון ניין אַזייגער אינדערפרי אָן האָט דער מ׳סיע נישט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט. די מאַדאַם האָט אַרויסגערופן דעם גלח. ער האָט געבענטשט דעם מ׳סיע. פון עלף אַזייגער אָן האַלט ער אין איין כאָרכלען. ער וועט נישט איבערלעבן די היינטיקע נאַכט. אויב איר ווילט, וועל איך אַריינרופן מ׳סיע סירוויל, ער שלאָפט נאָך נישט.

די פרוי איז אַרויס. זי איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר, ווי אַ געשפּענסט. ווען נישט דאָס באַוויזן זיך פון הער סירוויל, וואָלט הוגאָ געגלייבט, אַז דאָס איז אַ בייזער חלום. אָבער סירוויל, באַלזאַקס שוואָגער, האָט באַשטעטיקט די ווערטער פונעם שטובמיידל.

הוגאָ איז אויף די שפּיץ־פינגער געגאַנגען נאָך אים. זיי זענען אַרויף די טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק. פון אויבן האָט זיך דערטראָגן אַ שאַרפער ריח פון מעדיקאַמענטן. מיט צונויפגעפּרעסטע ציין, צוריקגעהאַלטענע טריט, ווי ער וואָלט געטרעטן אויף שפּילקעס, איז הוגאָ אַריין, גלייך נאָך סירווילן, אַ שיין־געבויטער, זעלטן־רואיקער מאַן, אין אַ קליינעם טונקעלן קאָרידאָר. זיין באַגלייטער האָט, טאַפּנדיק אין דער פינצטער, געפונען די טיר און זי געעפנט. נאָך אויף דער שוועל האָט הוגאָ דערזען באַלזאַקן און פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז מער קיין האָפענונג נישטאָ.

דער קראַנקער איז געלעגן אויף אַ זייט אין גרויסן אַקאַזשו־בעט, אין מיטן צימער. דער קאָפּ זיינער איז געווען אָנגעשפּאַרט אויף די קישנס. דאָס פּנים איז געווען בלייך, כמעט שוואַרץ, שוין לאַנג נישט ראַזירט. זיינע גרויע האָר זענען אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן. די ברייט־צעעפנטע אויגן האָבן זיך נישט באַוועגן. צופוסנס איז געשטאַנען באַלזאַקס שוועסטער לאָרע, בייסנדיק איר לאַנגן שפּיצן־שאַל. אירע

אויגן האָבן, פול מיט שטומען אַנגסט, געקוקט אויפן ברודער. הוגאָ האָט זיך דערנעענטערט צום בעט.

באַלזאַק האָט געכאָרכלט און זיך געשטיקט, און אין די אומבאַוועג־לעכע אויגן זיינע האָט הוגאָ אַרויסגעלייענט אַ שרעקלעכן ווייטיק. ער איז נישט געווען ביכולת צוזוזען די דאָזיקע גסיסה און געוואָנדן זיינע אויגן אויף דער וואַנט.

דער בליק זיינער האָט זיך נישט־ווילנדיק אַ גליטש געטון איבערן באַלויכטענעם פּאָרטרעט פון יונגן באַלזאַק, ווו ער האָט כוואַטסקע געשמייכלט, זשמורענדיק מיט די דורכדרינגלעכע אויגן.

הוגאָ האָט אויף אַ ווײַלע אַראָפּגעלאָזט די אויגן און באַלד ווידער באַגעגנט באַלזאַקס פרעגנדיקן בליק. הוגאָ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער די אומטרייע ליפּן האָבן אַ ציטער געטון, אין האַלדז האָבן זיך אים געשטעלט טרערן.

ער איז צוגעגאַנגען נאָך נעענטער צום בעט, אויפגעהויבן פאָרזיכ־טיק די קאָלדרעס און געדריקט באַלזאַקס ברייטע האַנט. דערנאָך האָט ער אָפּגעלאָזט די שווייסיקע האַנט און צוריק זי צוגעדעקט. הוגאָ האָט אַוועקגעלייגט אויפן טישל די בלומען און איז אַרויס פון צימער. דאָס שטובמיידל האָט אים צוגעפירט צו דער טיר. דורכגייענדיק דעם זאַל, האָט ער זיך פאַרהאַלטן נעבן דעם מאַרמאָרנעם ביוסט און טרערן האָבן אַ ציטער געגעבן אויף זיינע וויעס. דאָס שטובמיידל האָט אומעטיק געזאָגט:

— דער מ׳סיע וועט נישט דערלעבן ביז אינדערפרי.

שוין אויף דער שוועל האָט הוגאָ זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט געזען באַלזאַקס ווייב. ווי פיינלעך דאָס זאָל נישט זיין, באַדאַרף מען איר זאָגן אייניקע טרייסט־ווערטער, פאַרלייגן איר זיין דינסטגרייטקייט.

— די מאַדאַם איז ביי זיך? — האָט ער געפרעגט. — צי קען מען צו איר אַריינגיין?

דאָס שטובמיידל האָט געקוקט ערגעץ אין פינצטערן ווינקל פונעם קאָרידאָר.

— די מאַדאַם האָט אַ גאַסט, מ׳סיע זשיגו; כ׳וועל אַ פרעג טון.

— ס׳איז נישט נייטיק.

הוגאָ האָט אָנגעטון דעם הוט און שווער אָפּגעזיפצט.

— מ׳דאַרף נישט באַאומרואיקן די מאַדאַם, — האָט ער מיט פאַר־ביטערונג געזאָגט, — אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, מ׳סיע.

ער איז געשטאַנען הינטער דער טיר און געקוקט אויפן הימל, וואָס איז געווען פאַרגאָסן מיט לבנה־שיין. הינטער זיין פּלייצע האָט אָפּגע־הילכט דער ריגל, עס האָבן אָפּגעקלונגען די טריט פונעם שטובמיידל. דאָרט, אויבן, האָט באַלזאַק אויסגעהויכט זיין נשמה, אָפּגעבנדיק דער נאַטור זיין לעצטע וואַרעמקייט, און דאָ האָט געוועלטיקט אַ כוח, וואָס האָט באַשאַפן דאָס לעבן, ווי עס וואָלט גאָר קיין אומגערעכטיקייט נישט

פאַרגעקומען אין איצטיקן מאָמענט, גלייך ווי אַלץ וואָלט וויל און פיין געווען, אַזוי גוט נעכטן ווי אייערנעכטן; און דערין האָט הוגאָ דערזען די גרויסע טראַגעדיע פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

— מ׳סיע!

הוגאָ האָט אַ צאַפּל געטון פון איבערראַשונג. פאַר אים איז, ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דר׳ערד, געשטאַנען פראַנסוא.

— מ׳סיע, איר זענט דאָרט געווען...

— פראַנסוא, וואָס טוסטו דאָ?

— אַך, מ׳סיע, צי ווייסט איר נישט? ווי נאָר זיי זענען געקומען צופאָרן, האָט די מאַדאַם באַפוילן...

פראַנסוא איז אַנטשוויגן געוואָרן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. עגמת־נפש און פאַרביטערונג האָבן אויסגעקרומט זיין געזיכט. הוגאָ האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף פראַנסואָס אַקסל.

— כ׳פאַרשטיי, פראַנסוא, כ׳פאַרשטיי. אָבער איך מיין, אַז אויב דו וועסט דאָרטן אַרויפגיין, וועט ער זיין צופרידן... זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אויב ער וועט דיך נאָר דערקענען...

— אָ, מ׳סיע!

ביי פראַנסואַ אויף די ווייס האָבן אַ ציטער געטון טרערן.

„אָט ווער עס האָט דיך אויף אַן אמת ליב געהאַט, אַנאָרע״, — האָט הוגאָ אין פאַרצווייפלונג ביי זיך געטראַכט.

— צו אַלעם נעמט אַ סוף, טייערער פראַנסוא, אָבער איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט זיך צוגלייבן, אַז אונדזער באַלזאַק... — הו־גאָס שטים האָט זיך איבערגעריסן, עס האָט אים ווייטיקלעך פאַרקלעמט ביים האַרצן.

פראַנסואַ האָט זשעדנע געוואָרט. אפשר וועט מ׳סיע הוגאָ אים מיט עפּעס טרייסטן. אָבער הוגאָ האָט געשוויגן, מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, און פראַנסואַ האָט געוואָגט צו זאָגן:

— די דאָזיקע ליבע זיינע איז געווען אַן אומגליקלעכע. איך האָב שטענדיק אַזוי געטראַכט, מ׳סיע.

הוגאָ האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געגעבן אויפן אַלטן קאַמער־דינער. נאָך אַלעמען, איז עס פאַרט אמת, ווער נאָך קאָן אַזוי פּשוט באַצייכענען דעם שורש פונעם אומגליק.

— הער זיך איין, פראַנסוא, אין אַן עת־צרה, קענסטו זיך ווענדן צו מיר.

— אַ דאַנק, מ׳סיע.

— און איצטער פיר מיך אָפּ.

אין ראָג גאַס איז הוגאָ איינגעשטיגן אין דער קאַרעטע, פריינט האָבן אויף אים געוואַרט אין דער היים. ס׳איז געווען אַ זונטיק, אין גרויסן עס־צימער ביי אַ ברייטן טיש זענען געזעסן זיינע קאָלעגן. אין די באָקאַלן איז געווען אַנגעגאָסן וויין, רויטער ווי בלוט. הוגאָ האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער שוועל. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין הוט אויף

דר׳ערד און געזאָגט שטיל, ווי קיינער וואָלט אין צימער נישט געווען:
— מיינע הערן, די וועלט האָלט איצטער אין פאַרלירן אַ גרויסן מענטש.

*

באַלזאַק האָט געכאָרכלט און זיך געשטיקט. ער האָט געוואָלט באַוועגן מיט דער האַנט, צורופן צו זיך לאָרען, ווייל רעדן האָט ער שוין נישט געקענט. ביי אים איז געווען אָפּגענומען דאָס לשון, ווי עמיצער וואָלט אים געווען אָפּגעהאַקט די צונג.

לכתחילה האָט אים דאָס געפיל באַטויבט. ער האָט געגלייבט, אַז עס דערנענטערט זיך זיין סוף. אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נאָך נישט אַלץ. זיין באַוווסטזיין האָט נאָך געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

דער מוח און דאָס האַרץ זענען אַריבער אין אַ קעגן־אַנגריף. ער האָט געזען אויבן, אויפן סופיט, איבער זיך, אַ ריזיק שלאַכט־פעלד. עס ברעכן זיך די נישט־פעסטע באַגנעטן, עס רייסן אויף שראַפּנעלן, דער טויט שניידט אונטער טויזנטער מענטשן. און דאָך האָבן זייז מוח און זיין האַרץ זיך נישט אונטערגעגעבן. אויך ער וויל זיך נישט אונטערגעבן. ער האָט זיך דערמאָנט די שרעקלעכע ווערטער, וועלכע עס האָט אָנגעשריבן מיט אַ חודש צוריק טעאָפיל גאָטיע: „איך קען נישט לייענען, נישט שרייבן...״ און דאָס האָט געמוזט צוגעבן ער, באַלזאַק, וואָס האָט אָנגעשריבן אַזויפיל ביכער... אָט די ווידוי אַליין האָט אַנטהאַלטן אין זיך אַ טראַגי־קאָמעדיע. די האָפענונג האָט געטליעט אין אים ווי אַ פונק אין אַש. ער האָט נאָך געוואַרט אויף אַ ישועה. זאָלן טאַקע די דאָקטוירים זיין אָנמעכטיק? וואָס־זשע פאַר אַ וויסנשאַפט איז עס, די מעדיצין? און וואָס פאַר אַ כירורג איז אָט דער רו? אָ, ווען ער וואָלט גערופן ביאַנשאָנען. ביאַנשאָן — דאָס איז אַן עכטער דאָקטאָר, אַ כישוף־מאַכער.

באַלזאַק האָט אין דאָזיקן מאָמענט געהאַט פאַרגעסן, אַז ביאַנשאָן האָט אין דערווירקלעכקייט קיינמאָל נישט עקזיסטירט; אַז דאָס איז בלויז אַ פּרוכט פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע, אַ פּערסאָנאַזש פון דער מענטשלעכער קאָמעדיע. ביז ווייטיק, ביז פאַרצווייפלונג האָט ער חשק געהאַט צו שרייען: „רופט־זשע ביאַנשאָנען! לאָרע, שוועסטערל מיינס, גיב אים אַ רוף, איך בעט דיך״.

ער האָט געוויינט, אָבער די אויגן זיינע זענען געווען טרוקענע און אומבאַוועגלעכע. די שרעקלעכע ליידן האָבן אים אויסגעקרומט דאָס מויל. זיין גרויסער שטערן האָט זיך געבאָדן אין שווייס. זיינע גרויע האָר האָבן זיך פּאַסמעסווייז צוגעקלעפּט צו דער טונקל־רויטער פאַרברענטער הויט.

„איז עס טאַקע דער סוף? — האָט ער געטראַכט. — איז דאָס ווירקלעך אַלץ, און דערנאָך גאָרנישט, פּוסטקייט?...".

ווי אַ ווייטע דערינערונג, האָט ער זיך דערמאָנט אין עוולינען און איר אָפּוועזנהייט האָט אים נישט פאַרוואונדערט. אים איז אפילו לייכטער געווען, וואָס זי איז דאָ נישטאָ. אַצינד קען ער עס מודה זיין. ער וואָלט עס אפילו דערקלערט בקול־רם, ווען ער וואָלט עס געקאָנט.

...און הוגאָ איז דאָ געווען. געוועז. דאָס איז נישט קיין האַלוצי־נאַציע, קיין חלום. ער האָט אים געדריקט די האַנט. צי האָט כאָטש הוגאָ אָפּגעפּילט זיין אָפּענטפערנדיקן האַנט־דרוק?

אפשר יאָ און אפשר נישט. ער זאָל האָבן עטוואָס באַליידיקט הוגאָ, פאַרוואָרפנדיק, וואָס יענער האָט אַזוי פייערלעך און זאָרגלאָז זיך אָפּגע־זאָגט פון קעניגס אַנבאָטן... מ'האָט עס דאָן נישט געדאַרפט זאָגן. נישט געדאַרפט.

וואָס־זשע דאַרף מען? „שטאַרבן, שטאַרבן דאַרף מען נישט", — האָט טויב און עקשנותדיק פעסטגעשטעלט דער מוח. ער וואַרפט זיך נאָכאַמאָל אין דער שלאַכט, אָבער דאָס האַרץ האַלט אים מער נישט אונטער.

דאָס האַרץ האָט באַקומען אַזויפיל וווּנדן, אַז קוים וואָס עס פאַלפּי־טירט, אָט דאָס כשרע, בלוטנדיקע, ערלעכע האַרץ. עס האָט געטון אַלץ, וואָס עס האָט נאָר געקענט, דאָס האַרץ זיינס, און ער קען זיין צופרידן.

לאָרע פאַלט אַנידער אויף די קני. די שרעק האָט זי דערשלאָגן. אין איין פחד איז די דינסט געלאָפן אַנקלאַפּן אין דער טיר פון איר באַלע־באָסטע. זי רופט נאָך הילף און חזרט צעטראָגן איבער מיט פאַרוויינטע אויגן:

— אוי, מאַדאַם, שנעל, מאַדאַם, דער מ'סיע עקט זיך!

עוולין שטויסט אָפּ די צודרינגלעכע הענט פון זשאַן זשיגו. זי לייגט צו צו די ליפּן אַ פינגער, אַ פאַרצירטן מיט רינגלעך און גלייכט אויס איר פּעניואַר. זי ווייזט אָן דעם קינסטלער אַ שטול און גייט אַרויס פונעם צימער, אָבער ווען עוולין, פאַרדעקנדיק די נאָז מיט אַ פאַרפומירט טיכעלע, בייגט זיך איבער איבערן בעט, איז שוין באַלזאַק מער נישטאָ.

אין בעט איז געלעגן אַן אומגעהייער־גרויסער, פון ווייטיק געשוואָ־לענער, שוואַרץ־געוואָרענער קערפּער, גלייך ווי ער וואָלט געווען פאַר־ברענט פון אַ ווילדע, אומגעזעטיקט פּייער.

עוולין האָט זיך געצלמט און זיך צוריקגעצויגן צו דער טיר. לאָרע איז געלעגן באַטויבט אין שכנותדיקן צימער. איר מאַן סירוויל פאַרעט זיך אַרום איר.

אויף די קישנס האָט געלויכטן באַלזאַקס הויכער שטערן. דער קאַיאַר האָט אים באַשיינט מיט זיין ערשטן זון־שטראַל.

אַ נייער טאָג איז אויפגעגאַנגען, אָבער באַלזאַק איז צו אים געווען גלייכגילטיק, זיינע פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט, די מוטיקע הענט

פונעם האַרעפּאַשניק וועלן זיך שוין קיינמאָל מער נישט צורירן נישט צום פּאַפּיר, נישט צו די ביכער, נישט צו דער פּעדער.

אָט אַזוי האָט באַלזאַק אין אַן אויגוסט־נאַכט געפונען די רו און אויף אייביק זיך באַפרייט פון דער מידקייט, פון די ליידן, פון די נישט־דערגרייכטע טרוימען.

דער אַנטבלויזטער קלוגער שטערן פונעם דענקער האָט געלויכטן אויף די קישנס.

*

געשען איז בכן דאָס, וועגן וועלכן ער האָט מער פון אַלץ מורא געהאַט צו טראַכטן ביי זיין לעבן.

שניי־ווייסע שטרויספעדערן האָבן געפלאַטערט איבער די קעפּ פון די פערד, דער גרויסאַרטיקער קאַטאַפאַלק איז פייערלעך געגאַנגען פאַרויס.

די אויגוסט־זון האָט אָפּגעקוקט פון הינטער די וואָלקנס. אַ בלייכע, אַנגעטון אין טרויער־קליידער, איז עוולין־קאָנסטאַנציאַ האַנסקאַ־באַלזאַק נאָכגעגאַנגען די טרומנע.

לאָרע און סירוויל זענען געגאַנגען דערנעבן, אַנהאַלטנדיק זיך ביים קאַטאַפאַלק. האַרט נעבן באַלזאַקס קרובים זענען מיט פאַמעלעכע טריט געגאַנגען, האַלטנדיק די קאָפּעליושן אין די הענט, וויקטאָר הוגאָ און קורבע, טעאָפיל גאָטיע און אַלעקסאַנדער דומאַ, בערליאָז און סענט־בעוו. זיי זענען געגאַנגען אַקסל־ביי־אַקסל שווייגעוודיק און פאַרטיפט אין זיך.

אָפּגערוקט מיט עטלעכע טריט פון זיי האָט אַרומגעטשאַפּעט אַ הייפל צייטונגס־פאַרשפּרייטער.

דומאַ האָט אויפמערקזאַם זיך איינגעקוקט אין באַלזאַקס געזיכט, וואָס האָט זיך געוויגט אויפן זיידענעם קישן אין דער אָפענער טרומנע.

— ער זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך אויסגערוט, — האָט דומאַ איינגערוימט סענט־בעוון אויפן אויער.

— אַזאַ רו דערוואַרט אונדז אַלעמען, — האָט יענער פאַר זיך אַליין אַ מורמל געטון, אויפבליצנדיק מיט די אויגן־גלעזלעך.

וואָס נעענטער מען איז צוגעקומען צום בית־עולם, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די טרויער־פּראָצעסיע. הינטערן אָרון האָט זיך געצויגן אַ פיל טויזנט־קעפּיקער עולם, מענטשן זענען אַראָפּ פון די טראָטואַרן און זיך אָנגעשלאָסן אין דער לוויה.

די פלינקע צייטונגס־פאַרשפּרייטער, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, זענען אַרומגעלאָפן הין־און־צוריק און פאַרקויפט זייער בלעטל. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי נישט געוואָגט אויפן הויכן קול צו מאַכן רעקלאַמע פאַר זייער סחורה. זיי האָבן געהאַנדלט אַנדערש. איינגעקנייטשט דאָס בלעטל אין פירן, האָבן זיי געהאַלטן צווישן די פינגער די שפּאַלטן אינעם

שוואַרצן רעמל, זיי האָבן אויפגעהויבן די צייטונג דירעקט פאַר די אויגן פון די פאַרבייגייער, און דער מסחר איז אַנגעגאַנגען לעבעדיק.

מענטשן האָבן געקויפט די צייטונג און, גייענדיק, געלייענט: „געשטאָרבן הער באַלזאַק, איינער פון אונדזערע שעפערישסטע, באַרימטסטע שריפטשטעלער. די רעליגיעזע באַערדיקונג וועט פאָרקומען מיטוואָך, דעם 21־טן אויגוסט, 11 אַזייגער פרי אין דער קירכע סען־פיליפ די רול. דאָס אָפּהייבן דעם קערפּער אין דער קאַפּליצע פון באָזשאָן־קוואַרטאַל, סענט־אָנאָרע גאַס נומער 193״.

באַלזאַק?!

געווען זענען פיל, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל געהערט דעם דאָזיקן נאָמען. זיי האָבן צעקנייטשט דאָס בלעטל און, אַוועקמאַכנדיק עס מיט דער האַנט אָדער אַוועקוואַרפנדיק עס אונטער די פיס, זענען זיי אַוועק ווייטער, באַלאָדענע מיט זייערע אייגענע פריידן אָדער מיט זייערע אייגענע דאגות.

אָבער די יעניקע, וועלכע האָבן געקענט דעם פאַרשטאָרבענעם, זענען געגאַנגען הינטערן קאַטאַפאַלק ביז אויפן בית־עולם פער־לאַשעז. דאָרטן, אויפן בית־עולם, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ ים מענטשן.

די מענטשן האָבן אָנגעפילט אַלע דורכגענג צווישן די קברים, די קינדער האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די מאָנומענטן, אַרום דעם אָפענעם קבר האָבן זיך גרופּירט די קרובים און די פריינט.

מ׳האָט אַוועקגעשטעלט דעם ארון און גלייך האָבן הענט אים באַצירט מיט בלומען.

וויקטאָר הוגאָ האָט זיך אָפּגעטיילט פונעם עולם און דערנעענטערט צום ארון. ער האָט מיט ישוב־הדעת זיך איינגעקוקט אין המון, ווי ער וואָלט אין דעם פאַרגליווערטן מענטשלעכן ים געזוכט באַקאַנטע פּנימער. ער האָט גלייך דערקענט און אונטערשיידט די בייגעריקייט פון צער, און איז געווען שטאַרק גערירט, וואָס דער לעצטער איז געווען איבערוועגנדיק. ער האָט באַנעצט זיינע אויסגעטריקנטע ליפּן און אויפגעהויבן די האַנט, ווי ער וואָלט וועלן רופן צו אָרדענונג. ס׳איז, אגב, געווען איבעריק.

עס האָט געהערשט אַ טויטשטילקייט אויפן בית־עולם.

— מיינע הערן! — האָט הוגאָ אָנגעהויבן, איינקוקנדיק זיך אין די הונדערטער אויפמערקזאַמע אויגן. — דער מענטש, וועלכן מ׳לייגט איצט אַריין אין דאָזיקן קבר, ווערט באַגלייט פון אַלגעמיינעם צער. אין אונדזער עפּאָכע זענען מער קיין אילוזיעס נישט פאַראַן. ביים היינטיקן טאָג זענען די בליקן געוואָנדן נישט צו דעם, וואָס רעגירט, נאָר צו דעם, וואָס דענקט, און ווען איינער פון זיי פאַרשווינדט, באַוויינט אים דאָס גאַנצע לאַנד. פון איצט אָן איז דער טויט פון אַ טאַלאַנטפולן מענטש — אַ פאָלקס־טרויער, דער טויט פון אַ גאָניאַלן מענטש — אַ נאַציאָנאַלער טרויער.

הוגאָ האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און, וואַרפנדיק דעם בליק אויף באַלזאַקס אומענדלעך־טייערן געזיכט, אויף די הענט, וואָס זענען געווען

פאַרלייגט אויף דער ברוסט פונעם גרויסן שעפער, האָט ער מיט שטאַרקן אָנשטרענג פאַרגעזעצט:

— דער נאָמען פון באַלזאַקן וועט זיך אַריינפלעכטן אינעם לויכטנדיקן שפּור, וואָס אונדזער עפּאָכע לאָזט איבער אויף דור־דורות. באַלזאַק האָט געהערט צו דער דאָזיקער מעכטיקער גענעראַציע פון שרייבער פונעם ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָס איז געקומען נאָך נאַפּאָלעאָנען, אַזוי גוט ווי די באַרימטע פּלעיאַדע פון זיבעצנטן יאָרהונדערט איז געקומען נאָך רישע־ליע. אין דער אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזאַציע עקזיסטירט אַ געזעץ, לויט וועלכן די זיגער דורך דער שווערד זענען געוואָרן נאָכגעפאָלגט פון די זיגער דורכן גייסט. הער דע באַלזאַק איז געווען איינער פון די ערשטע צווישן די גרעסטע. דאָס גאַנצע ווערק זיינס שטעלט מיט זיך פאָר איין בוך — אַ לעבעדיק, לויכטנדיק, פאַרטיפט בוך, ווו עס לעבט און באַוועגט זיך אונדזער שרעקלעכע היינטצייטיקייט: דאָס דאָזיקע פּרעכטיקע בוך האָט דער פּאָעט אָנגערופן קאָמעדיע, הגם עס האָט געקאָנט אָנגערופן ווערן גע־שיכטע; עס נעמט אַרום אַלע פאָרמען, אַלע סטילן — עס שטייגט איבער טאַציטן, דערגרייכט ביז סוועטאָנען, שטויסט זיך אָן אין באָמאַרשע, דער־גרייכט ביז ראַבלע, באַשענקט ברייטהאַרציק דאָס עכטע, מענטשלעכע, ממשותדיקע, און צייטנווייז, דורך דער פאַרשלייערטער רעאַליטעט, אַ פּלוצ־לונג ברייט־צעריסענער, באַוויזט מיטאַמאָל דעם סאַמע הארבן, סאַמע טראַ־גישן אידעאַל.

הוגאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט וועלן צוזאַמענגעמען זיינע געדאַנקען. דורך די אָפענע טירן פונעם בית־עולם שטראָמען כסדר אַלץ נייע און נייע מאַסן מענטשן. די זון־שטראַלן שפּילן זיך אויף די מאַרמאָר־צלמים.

אַ מילדער ווינט רוישט צווישן די רויזן־קוסטעס.
בלוילעכע וואָלקנס שוועבן אין הימל.

אַן אָדלער האָט זיך באַוויזן אומגעריכט, מ׳ווייסט נישט פון וואַנען, אויפן האָריזאָנט און געוומען נידעריק אַרומקרייזן איבערן בית־עולם. הוגאָ האָט באַמערקט דעם מעכטיקן פויגל, ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ ווײַלע באַטראַכט די לאַנגזאַמע און גלייכמעסיקע באַוועגונגען פון זיינע פליגל. ער וואָלט וועלן רעדן פאַר די צוהערער וועגן אָט דעם נביאישן צייכן, וועלכן עס האָט אַראָפּגעשיקט די נאַטור, אָבער ער האָט געזען, ווי הונדערטער בליקן פאָלגן נאָך, ווי ער, דאָס פליען פונעם אָדלער.

די מענטשן האָבן אַליין פאַרשטאַנען דעם סימבאָל פון אָט דעם צייכן.

די אויגן פונעם שרייבער האָבן באַגעגנט דעם טרויקענעם, קאַלטן בליק פון עוולין האַנסקאַן. זי איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אויפן אָרעם פונעם שלאַנקן, שיינעם זשיגו, מיט אַ נאַזטיכל אויפן מויל.

עטוואָס אין אַ זייט, מיט גאַסטפאַרכטיק־אויפגעהויבענע הענט צום הימל, בעטנדיק מיט דער גאַנצער נשמה אויף אַ נס, פאַרגיסנדיק הייסע טרערן, איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט באַלזאַקס מוטער, אַננאַ־שאַרלאָטע באַלזאַק. זי קען זיך נישט צוגלייבן, אַז אָט דער געשוואָלענער, פאַר־

שוואַרצטער בר־מינן, וואָס ליגט אויסגעצויגן אין דער ענגער טרומנע, זאָל זיין איר זון.

איר זכרון האָט אויף אייביק איינגעקריצט אַן אַנדער בילד — אַ מענטש מיט רויטע באַקן, אַ שפּרודלדיקן, אַ יונגן. אירע ליפּן ציטערן, זי שלינגט אירע טרערן. איר געיאָמער טרייסלט איר אויסגעטריקנטע, קליינע פיגור. גרויע האָר קריכן אַפּער פון אונטער איר שוואַרץ קאַפּעליושל, וואָס איז נאַכלעסיק פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, און דער ווינט שפּילט זיך מיט די לאָקן.

דער ווינט שושקעט איר גלייך אין אויער אַריין, ווי ער וואָלט טרייבן כישוף.

און איבער די קעפּ פון די מענטשן, איבערן גאַנצן בית־עולם, הילכן אָפּ הוגאָס פלאַמיקע ווערטער, זיי דערגרייכן די שפּיצן פון די קאַשטאַן־ביימער, הייבן זיך אויף אין די לויטערע הייכן, כדי אויסצוגלייכן זיך מיטן אַדלער־פלי:

— מיר ווייסן עס אַליין נישט, צי ער האָט עס יאָ, אָדער נישט געוואָלט, צי ער איז דערמיט יאָ, אָדער נישט מסכים געווען — דער אויטאָר פון דער גרויסער מענטשלעכער קאָמעדיע געהערט צו דער קאָלאָסאַלער יחוס־קייט פון שרייבער־רעוואָלוציאָנערן.

הוגאָ האָט אויפגעכאַפּט געדאַנקען פון צערודערונג אין די פאָדערשטע רייען פון די צוהערער.

ער האָט באַמערקט דעם פּראָטעסטירנדיקן זשעסט פון האַנסקאַ, און דעריבער האָט ער פאַרגעזעצט מיט נאָכמער קראַפט, ווי ער וואָלט געשליידערט איבער די קעפּ פון אָט די עלעגאַנט־געקליידטע פּאַריזער טויזנט־פּודיקע פעלדזן. ער האָט אויך געזען אַ מאַן אין אַרבעטס־קליידער, אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים, וואָס האָט אָפּגעווישט זיינע טרערן מיט דער פויסט. ער האָט ליידנשאַפטלעך געשלונגען אַיעדעס וואָרט פונעם רעדנער, אַיעדע באַוועגונג זיינע.

שפּעטער, שוין אין אָוונט, וועט קאַנעל דער גלעזער דערציילן זיינע חברים אין דער מאַנסאַרדע אויף דער לעדיגיער גאָס נומער 9, וועגן דעם אומגעוויינלעכן מענטש מיטן נאָמען באַלזאַק, וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין וועג אין דער דאָזיקער פּאַציאַטע און איז באַרימט געוואָרן אין דער גאָרער וועלט.

...הוגאָ קומט דאָס רעדן אָן לייכטער, ווען זיין בליק קרייצט זיך מיטן בליק פון דעם מאַן, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אינעם קאַשטאַן־בוים. זיין האַרץ פילט זיך דאַן אָן מיט אַ פרישן כוח, ווי ער וואָלט געווען זיך צוגערירט צו אַן אָפּפרישנדיקן קוואַל.

— באַלזאַק גייט גלייך צום ציל — זאָגט הוגאָ מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג, ער מאַכט לויז דעם קראַגן פון זיין העמד, שפּיליעט אָפּ די קנעפּלעך פון וועסטל, אַנטבלויזט זיין ברוסט, כדי צו לאָזן זי צערטלען פונעם מילדן ווינט. — ער דערגרונטעוועט ביזן שורש די היינטצייטיקע געזעלשאַפט. ביי אַלעמען נעמט ער עפּעס אַוועק: ביי איינע די אילוזיע, ביי אַנ־

דערע די האָפענונג, ביי די פרעסט ער אויס אַ ווייַ־געשריי, ביי יענע רייסט ער אַרונטער די מאַסקע. ער שטעכט אַריין זיין סקאַלפיר־מעסער אין מענטשנס מוח, אין האַרץ, אין דער נשמה. אָט וואָס ער האָט אויפגעטון צווישן אונדז. אָט איז דאָס ווערק, וואָס ער האָט אונדז געלאָזט; אַ ווערק, וואָס איז וואָגיק און שטאַרק, אַ פעלדזן־פעסטער בלאָק פון גראַניט, אַ מאָנומענטאַל ווערק, פון וועלכן עס וועט פון איצט אָן אויפלויכטן זיין פּאָפּולאַריטעט. גרויסע מענטשן שטעלן זיך אויף זייער אייגענעם פּיעדעסטאַל, וועגן דער סטאַטוע וועט זיך זאָרגן די צוקונפט. זיין לעבן איז געווען קורץ, אָבער פול. מער אָנגעפילט מיט ווערק ווי מיט טעג. אָט דער מעכטיקער און אומדערמידלעכער האָרעפּאַשניק, אָט דער פילאָזאָף, אָט דער זשעני האָט געלעבט צווישן אונדז אַ לעבן, פול מיט שטורעם, קאַמפן, שלאַכטן; ער האָט געלעבט, ווי עס דאַרפן לעבן אַלע גרויסע מענטשן, אין אַלע צייטן. און אָט האָט ער געפונען די רו.

הוגאָ האָט נידעריק אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. מענטשן האָבן געשלוכצט. הוגאָ האָט, אַליין נישט באַמערקנדיק, אויך זיך צעוויינט. אָבער אפילו דורך די טרערן האָט ער ווייטער גערעדט. דער אָדלער האָט פּאַמעלעך אַרומגעקרייזט אין הימל, ווי ער וואָלט זיך צוהערן צו זיינע ווערטער. אַ פּאַסיווער, אַ ריזיקער איז באַלזאַק געלעגן אין דער טרומנע, האַלטנדיק פעסט צוזאַמענגעצויגן זיינע פליישיקע ליפּן.

— ער איז געשטאַנען העכער פון די אַמפּערנישן און קעגנערשאַפטן. פון איצט אָן וועט ער זיין העכער פון די כמאַרעס, וואָס הענגען איבער אונדזערע קעפּ.

וויקטאָר הוגאָ האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. עס האָט אים אויסגעפּעלט לופט. די דאָזיקע הערן אין פראַקן און די דאַמען, אויסגעפּוצטע אין עלעגאַנטע קליידער, וועלכע זענען געשטאַנען אַביסל אָפּגערוקט פון המון, ווי זיי וואָלטן אונטערגעשטראָכן זייער פרעמדקייט, האָבן אים געערגערט. ער האָט שוין ערגעץ־ווו געזען אָט די גאווהדיקע געזיכטער, אָט די גלייכגילטיקע, קאַלטע אויגן. זיי זענען דאָ געשטאַנען, נישט אויסבאַהאַלטנדיק זייער עניוותדיק געלעכטערל, אונטערשטרייכנדיק דערמיט, אַז מיט זייער אָנוועזנהייט גיבן זיי דאָ אָפּ כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם.

זייער גייציקייט, פאַלשקייט, אומגערעכטיקייט, אכזריותדיקייט און פּחדנות האָט דאָך טאַקע אויפגעדעקט דער אַלטער באַלזאַק, אַראָפּרייסנדיק פון זיי די מאַסקע מיט זיין אומברחמנותדיקער, מעכטיקער האַנט. קען זיין, אַז צוליב דעם זענען זיי דאָ אַהער געקומען, כדי מיט זייערע אייגענע אויגן זיך איבערצוצייגן אין זיין טויט. צי פרייט איר זיך נישט אַביסל צו פרי, מיינע הערן? פּריצייטיק זענען אייערע עניוותדיקע שמייכלעך, און קיינער וועט נישט גלייבן אין אייערע מיטגעפילן... איר — זענט נישט פראַנקרייך, און פראַנקרייך — דאָס זענט נישט איר.

קאַרליקעס, אָך און וויי צו אייך! אָנאָרעס ווערק איז אומשטערבלעך, און דעריבער איז ער גופא אומשטערבלעך. און נישט איר זענט ראוי

צו פאַרלעשן דאָס פייער, וואָס ער האָט צעפלאַקערט מיט זיין געדאַנק. דאָס דאָזיקע פייער וועט ווערן אַ פאַקל פאַר דעם יעניקן, וועלכער איז גרייט צו שטאַרבן פאַרן אמת, וועלכער איז ביכולת צו דינען דעם אמת, נישט שאַנעווענדיק דאָס אייגענע לעבן. אַזאַ איז, נעמלעך, אויך געווען באַלזאַק, צי ס'איז יאָ אָדער נישט געווען קעגן זיין ווילן. און איר האָט נישט באַוויזן צו פאַרגוואַלדיקן זיין געדאַנק, איר האָט בלויז צעקאַ־ליעטשעט זיין האַרץ.

אָ, ווי הוגאָ האָט פיינט געהאַט אָט די סטאַדע קאַרשון־פייגל!

הוגאָ האָט געמאַכט אַ האַסטיקן טריט פאָרויס, אַריינגעקוקט זיי גלייך אין די אויגן און, צעפירנדיק ברייט די הענט, האָט ער זיי אַ שמיץ געטון אין פּנים אַריין אָט דעם שטרענגן אורטייל:

— אָ, איר, דאָ פאַרזאַמלטע! איר, וואָס קוויקט זיך מיט אָט דער טעם־גן־עדנדיקער לופט; וואָס זעט אָט די לויטערע זון און דעם בלויען הימל; איר, וואָס באַזיצט רענטעס און קענט נאָך ליבן... זאָגט דעם אמת, איר לעבעדיקע, צי זענט איר אים נישט מקנא?

קיעוו, 1939 — 1956.

(ס ו ף)

נאַטאַן ריבאַק ביי אָנאָרע דע באַלזאַק

אויפן אַעראָדראָם אין קיעוו האָט אונדז אָפּגעוואַרט נאַטאַן ריבאַק. דאָס איז אַ מענטש גיכער פון נידעריקן וווקס, און זייער געשטאַלטיק. דער בליק זיינער איז אַ שטאָלצער און דער אויסדרוק אַן ערנסטער. זיין האַנט־דרוק איז אַ וואַרעמער און צוטרוילעכער; איינער פון די האַנט־דרוקן, וואָס ווילן זאָגן מער ווי ווערטער. דורך זיין חתונה איז ער אַ קרוב פון קאָרנעיטשוקן, דעם אוקראַינישן ראָמאַניסט און דראַמאַטורג, און פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, דער רוסישער ראָמאַניסטין. ער איז מערערע מאָל באַשאָנקען געוואָרן מיט די העכסטע ליטעראַרישע אויסצייכענונגען. זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען רעסטאַווירן די פאַרגאַנגענהייט פון זיין לאַנד — די רעלאַטיוו־נאָענטע פאַרגאַנגענהייט: פאַר דער צייט, ווען אָנאָרע דע באַלזאַק איז אין ווערכאָווניע געווען דער גאַסט פון דער שטיינרייכער גרעפין עוולין האַנסקאַ, זיין געליבטער זינט 1833, דער אלמנה זינט 1841 און מיט וועלכער ער האָט ענדלעך חתונה געהאַט אין 1850, הונדערט טעג פאַר זיין טויט — די נאָכמער ווייטערע פאַרגאַנגענהייט: די צייט, ווען אוקראַינע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין רוסלאַנד, אויף שטענדיק.

איך כאַפּ אַ בליק אויף זיין עטוואָס טרויעריקן פּראָפיל — אָבער אין דער עפנטלעכקייט לעבט ער לייכט אויף, ער צעפלאַמט זיך, ער איז עלאָקווענט — זיינע אויסצייכענונגען, און איך מיין, אַז ער איז בלי־שום־ספק דער ערשטער ריבאַק אויפצונעמען אויף אַזאַ אופן, אין נאָמען פון די שרייבער און פון דער אָפיציעלער מאַכט, אַן אויסלענדישן שריפטשטעלער אויף זיין פאָטערלענדישער ערד.

*

כ׳האָב געהאַט גרויס חשק צו קענען ווערכאָווניע. דעם דאָזיקן נחת־רוח האָב איך צו פאַרדאַנקען איינציייטיק די פריינטשאַפט פון נאַטאַן ריבאַק און אַ גליקלעכן צופאַל: די ווערכאָווניער לייענער פונעם **טעות פון אָנאָרע דע באַלזאַק** האָבן פאַקטיש געהאַט פאַרבעטן דעם

אויטאָר צו קומען דיסקוטירן מיט זיי וועגן זײַן בוך. מיר האָבן אים באַגלייט.

די רוסן רופן אָן דאָס דאָרף — ווערכאָווניאַ; די אוקראַאינער — ווערכיווניאַ; די האַנסקיס, און במילא באַלזאַק, האָבן עס גערופן וויעזשכאָווניאַ, וואָרום אָט די גרויסע גוטבאַזיצערס האָבן נישט באַוויליקט צו רעדן אויף דער שפּראַך פון זייערע קנעכט.

דאָס דאָרף געפינט זיך ווייט פון די גרויסע שליאַכן. די לעצטע וועגן, וואָס פירן אַהערצו, שניידן דורך דאָס פלאַכלאַנד, וווּ די צלמים פון אַן אָפּגעזונדערטן צמענטער אין דער מיט פון פעלדער טיילן זיך מיטאַמאָל אויס אויפן האָריזאָנט.

ווי נאָר זייער פּראָטעקטאָר דער צאַר איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון טראָן, האָבן די זשעוווסקיס — דער לעצטער שוועסטערזון פון עוולין האַנסקאַ איז געווען, ווי עס פּאַסט זיך, אַ פּאָלקאָווניק — פאַרגעפילט, אַז אוקראַאינע וועט זיי נישט פאַרזאָרגן מיט אַזאַ צוקונפט, ווי עס פּאַרדינט זיך זייער פריערדיקער גלאַנץ; זענען זיי דעריבער דאָן אַוועק אין די שכנותדיקע לענדער, מער באַרעמהאַרציקערע צו די מיליאָרדערן.

אין 1938 האָט פרוי קאָרווין־פּיאָטראָווסקאַ, די היסטאָריאָגראַפין פון עוולין האַנסקאַ, זיך אומעטיק געפרעגט:

„וואָס איז געוואָרן, אין די הענט פון די סאָוועטישע פאָרשטייער, מיט אָט דער פּראַכטפולער רעזידענץ? מיר ווייסן, אַז דאָרטן האַלטן זיך איצט אויף משוגעים; אפשר זענען דאָרט ·געמאַכט געוואָרן באַדויערונגסווערטיקע טראַנספאָרמאַציעס?".

זי האָט לחלוטין גאָרנישט געוווּסט: ס'איז קיינמאָל נישט געווען קיין משוגעים־הויז אין ווערכאָווניע, ווו די שול פאַר אַגראָנאָמיע איז געגרינדעט געוואָרן אין 1922 און ביז דער מלחמה איז דער פּאַלאַץ אויפגעהאַלטן געוואָרן אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן די זשעוווסקי־סוויטע האָט אים געהאָט איבערגעלאָזט. „די דאָזיקע פּרעכטיקע רעזידענץ, וועלכע איז פאַררעכנט געווען צווישן די שענסטע פון אוקראַאינע, און וואָס געפינט זיך היינט אין די הענט פון די פאָרשטייער פון פסס"ר...", דאָס, וואָס ס'וואָלט געפּאַסט צו זאָגן וועגן שלאָס פון בלואַ: „אָט די פּרעכטיקע רעזידענץ, וואָס מ'האָט געהאַלטן אַלס די שענסטע פון דער געגנט, גערופן „וואַל דע לואַר" און וואָס געפינט זיך היינט אין די הענט פון די פאָרשטייער פון פראַנקרייך..."

מיט עלף יאָר צוריק האָט זש. העלם פלאַיד קאָלט געשריבן, אין „די פרויען אין לעבן פון באַלזאַק":

„די דאָזיקע אָרטשאַפט איז פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס".

עלף יאָר שפּעטער האָט אַ לעצטע שבלעצטע גרעפין זשעוווסקאַ, אין לויף פון די פייערונגען אין אָנדענק פון באַלזאַקס 150־טן געבוירנטאָג, געמאָלדן, אַז דער שלאָס פון וויעזשכאָווניאַ איז געוואָרן פאַרניכ־

טעט אין דער צייט פון — ווי זי האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק אָנצורופן — „דייטש־רוסישן קריג״.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַנט האָט פון ווערכאָווניע געמאַכט אַ קאָמענדאַנטור, האָבן די ביבליאָטעק, די האָלצשניטן, דאָס זיידנס, מיט וועלכן די ווענט זענען געווען געדעקט — עקזיסטירט. דאָס זיידנס איז פאַרלוירן געגאַנגען, פיל ביכער זענען פאַרשוווּנדן, דאָס רוב מעבל איז צוגעגנבעט אָדער פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַלטעביימער פונעם פּאַרק, אָבער צוליב דער געפאַר פון צו ווערן אַרומגערינגלט, זענען די היטלעריסטן געווען געצווונגען צו מאַכן אַ שנעלן צוריקצוג, און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַזויפיל מאָל „פאַרניכטעט״, איז דער שלאָס דאָך געבליבן גאַנץ.

די ווייסע מויערן פונעם אינטערנאַט הייבן זיך אַרויס אין הינטערגרונט פון פּאַרק. מען האָט צונויפגענומען די צעשפּרייטע ביכער, צוריקגעווינען אַ טייל מעבל־שטיק. דאָס איז נישט קיין מוזיי: בלויז די צוויי צימערן, וווּ באַלזאַק האָט געוווינט, זענען געווידמעט זיין אָנדענק. אין דער קאַפּליצע, אויסגעמאָלט אין העל־בלוי און אין ווייס, האָט די גלאַטיקע שנור פאַרביטן די גלאָקן־שנור. אַ טרעפּ מיט זייער נידעריקע שטאַפּלען פירט אין צימער אַריין, וווּ ס׳זענען פאַראַן דער ווינקל־אויוון מיט קליינע קאַריאַטידעס און די ביבליאָטעק. אין דער צייט וואָס איך בלעטער אַ בוך, הערט זיך אַ טרומייטן־שאַל הינטערן פענצטער. די קאָלכאָזניקעס, די סטודענטן, די פּראָפעסאָרן טאַנצן נעבן דעם זיילן־פּערטאָן, וואָס הייבט אויף דער דרייעקיקער פראָנטאָן מיט אַ מיטאָלאָגישן באַרעליעף. דאָ, איז באַלזאַק צוויי מאָל אויסגעשטיגן פון דער ברישקע, נאָך אַן אומענדלעכער און דערשעפּנדיקער רייזע.

דער באַרימטער באַל־זאַל פון דאָזיקן דרייסיק־צימערדיקן שלאָס, וועלכער איז באַוווינט געווען דורך דריי פּערזאָן, האָט די הייך פון צוויי שטאָק. צוויי קאָלאָנעס האַלטן אונטער די אָרקעסטער־לאָזשע. די ראָזעטקעס זענען באַגילדטע און פריש־איבערגעמאָלטע. אויף די באַרעליעפן, וועמענס פריז גייט דורך ביז אין דער האַלבער הייך דעם זאַל אַרום־און־אַרום, דעפּילירן געטער, וואָס זענען ענלעך צו פּאַסטוכער; פּאַסטוכער, וואָס זענען ענלעך צו געטער. די אַלטפרענקישע קאָלירן פון אַט דער פּאָמפּעי־דעקאָראַציע, אַ טיר אין אַמפּיר־סטיל, אַ האַלב־אָפענע אויף אַ קלאָרער גאַלעריע... ס׳האָט זיך, אפשר, גאָרנישט געענדערט... גאָרנישט?

דער באַל־זאַל איז איבערפולט מיט אויפמערקזאַמע פויערים. אַזויפיל פרויען ווי מענער, יונגע ווי עלטערע. צווישן די קאָלאָנעס און, נאָך ווייטער, אין וועסטיבול, שטייט אַן עולם, ענג צונויפגעפּרעסט. די געזיכטער פון די גאָר עלטערע פויערטעס זענען אויסגעהאָרעוועטע, איינגעראַמטע מיט אַן ערד־פאַרביק טיכל ווי מיט אַ נזירישן קאָפּצודעק. די רונדיקע קעפּ פון די מיידלעך טראָגן אויף הינטן אַ קאָלירט טיכל, וואָס פאַרדעקט נישט אינגאַנצן זייער פריזורע. פאָרנט, נעבן דער עסטראַדע

— אַ גרויס בילד פון באַלזאַקן; העכער איבער דער טריבונע, אויף אַ הינטערגרונט פון רויטע פענער — אַ פּאָרטרעט פון לענינען, אַביסל אַ קלענערער.

אַ פּראָפעסאָר פאַר ליטעראַטור איז טפּעציעל געקומען פון זשיטאָ־מיר, אַן ערך הונדערט קילאָמעטער פון דאַנען, אויף אָנצופירן מיט אונדזער צונויפטרעף. אַ בלאָנדע סטודענטין אין אַ ראָז קלייד שטייט אויף דער טריבונע, זי לייענט איר אינטערווענץ:

„דאָס בוך פון נאַטאַן ריבאַק האָט מיר געהאָלפן בעסער צו פאַר־שטיין די ווידערשפּרוכן פון באַלזאַקן". זי ציטירט אַ בריוו פון ענגעלסן, אַ זייט פון מאַקסים גאָרקי, די טרויער־רעדע פון וויקטאָר הוגאָ.

אַ לערערין, די ביבליאָטעקאַרין פון שכנותדיקן קאָלכאָז, טרעט אַרויס נאָך איר. זי רעדט וועגן דער קאָרעספּאָנדענץ פון באַלזאַקן, וועגן די געלט־פראַגן, וועלכע האָבן אים פאַרפאָלגט. זי זאָגט וועגן ריבאַקן דאָס, וואָס באַלזאַק וואָלט באַטראַכט אַלס דעם שענסטן שבח: אַז ער האָט געשאַפן אַ היסטאָריש ווערק.

נאָך איר רעדט נאַטאַן ריבאַק. ער פאַרזיכערט, אַז די אויסלענדישע שרייבער זענען מקנא דעם סאָוויעטישן שרייבער, וועלכער שרייבט פאַר לייענער אַזעלכע צאָלרייכע, אַזעלכע ערנסטע, אַזעלכע ליידנשאַפטלעכע, אַזעלכע פאַדערנדיקע. ער זאָגט, אַז דאָס זענען זיי, די סאָוויעטישע לייענער, וואָס האָבן באַזיגט דעם נאַציזם, באַאַרבעט די רוי־ערד, גע־עפנט דעם וועג צום קאָסמאָס. „ווען באַלזאַק וואָלט זיך אַהער אומגע־קערט — מאַכט ער דעם אויספיר — וואָלט ער געוועז צופרידן: זיין קלאַס האָט אים אָפּגעוואָרפן, אין דער אַקאַדעמיע האָט מען אים נישט אָנגענומען... דאָ, קאָנען אים און באַוווּנדערן אים די סאַמע פּשוטסטע מענטשן. באַלזאַק וואָלט זיך געפרייט צו האָבן דערגרייכט אין אייך זיינע געטרייע לייענער".

✻

איך האָב גלייך געמאָלדן, אַז איך בין נישט מסכים מיט מיין פריינט נאַטאַן ריבאַק. דער זאָל האָט אַ צאַפּל געטון פון פאַרגעניגן — וועלכער עולם איז נישט צופרידענער פון אַ וויכוח איידער פון איינהייטלעכע רעדעס? ניין, האָב איך געזאָגט, ווען באַלזאַק וואָלט זיך אומגעקערט קיין ווערכאָווניע, וואָלט ער זיך לחלוטין נישט געפרייט.

דער פּוילישער שרייבער יאַראָסלאַוו איוואַשקעוויטש פרעגט זיך, צי באַלזאַק וואָלט געקענט נישט זען, אַז „דער פּאַרק, וואָס האָט אַרומגע־רינגלט די דאָזיקע כמעט קעניגלעכע רעזידענץ, האָט זיך געפונען בשכנות מיט אויסגעקרומטע, נעבעכדיקע כאַטעס, וואָס ס'איז זיך גאָר שווער פאַר־צושטעלן, ווו ס'האָבן געלעבט די קנעכט פון זיין פרוי".

די דאָזיקע חורבות זעט באַלזאַק און באַדויערט גאָרנישט. ער ווייסט זייער גוט, אַז מ'שמייסט די הויז־דינער פאַרן מינדסטן חטא: בעת זיי

פאַרלירן אַ בריוו, למשל. „פאַרשטייט זיך, — שרייבט ער צו זיין שוועסטער — מען שמייסט זיי טאַקע צוליב דעם, אָבער די קאָרעס־פּאָנדענץ איז פונדעסטוועגן נישט ווייניקער ערגעץ פאַרוואָרפן געוואָרן". ער ווייסט אויסגעצייכנט, אַז דער גראַף האַנסקי האָט אויפגעצוווּנגען אויסצופירן שרעקלעכע צוואַנגס־אַרבעטן, אויסגעפּרעסט אוממענטשלעכע שטייערן, אכזריותדיק באַשטראָפט די מוזשיקעס, וואָס האָבן געפּרוווּט אַנטלויפן. אויך שרייבט ער, אין אַ געהויבענער שטימונג און נאָכמער רעוואָלטירנדיקער, אַז ער איז אויפן וועג צו ווערן דער גענינסער פון אָט דער נויט: „מען קען זאָגן, אָן אַ פּאַראַדאָקס, אַז דער רוסישער פויער איז הונדערט מאָל צופרידענער ווי די צוואַנציק מיליאָן פראַנ־צויזן, פון וועלכע עס באַשטייט דאָס פאָלק, דאָס הייסט (און לאָמיר נעמען צו קענטעניש די דאָזיקע דעפיניציע וועגן פראַנצויזישן פאָלק) די, וועלכע זענען נישט פאַררעכנט אַלס רייכע, אָדער, אויב איר ווילט, אַלס אַזעלכע, וואָס זענען פאַרמעגלעכע... די קנעכטשאַפט, ווייט פון צו זיין אַ פּלאָג פאַר אים, ווערט אַ קוואַל פון מזל־ברכה, פון מנוחה". דער מענטש אין דעם בלויען גאַרניטער מיט די גאָלדענע קנעפּ איז מקנא דעם מענטש אָן אַ העמד: „דער פויער האָט גאַנץ קנאַפּע באַ־דערפענישן". אַן אויפגעשוידערטער, וואָרנט ער קעגן דעם איבערגאַנג צו דער פרייהייט: „וואָס פאַראַ אומגליקן וועלן אַרויסקומען פון דער דאָזיקער פּאַזע! קודם, וועט די ערד נישט ווערן באַאַרבעט, די איינ־קונפטן וועלן זיך אָפּשטעלן, דער הונגער און דער טיפוס וועלן נעמען פאַנעווען צווישן דער באַפעלקערונג". לאָמיר נישט צואיילן די דאָזיקע באַוועגונג: „יאָרהונדערטער וועט מען באַדאַרפן, כדי זיי (די מוזשיקעס) אויפצוקלערן".

לענין איז געבוירן געוואָרן אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער.

*

אַלזאָ, די שול פאַר אַגראָנאָמיע אין ווערכאָווניע ווערבירט כמעט אַלע אירע סטודענטן אין דער געגנט גופא, דאָס הייסט אויף דער אַמאָ־ליקער ערד, וואָס האָט געהערט צו די האַנסקיס און צו די זשעוווסקיס, און די יוגנט — וואָס האָט אונדז באַשאָסן מיט דער הילף פון פאָטאָ־אַפּאַראַטן, ווי ס'וואָלט אויסגעזען, אַז אין אוקראַינע איז די פאָטאָגראַפיע אַן עיקרדיקער באַשטאַנדטייל פון דער אַגראָנאָמיע — שטאַמט דעריבער דער רוב מנין ובנין פון קנעכט, וועמענס צאָל און אונטערטעניקייט עס האָבן באַגייסטערט באַלזאַקן.

ניין, נאַטאַן ריבאַק, ניין, באַלזאַק וואָלט זיך לחלוטין נישט געפרייט...

וואָס, אָט די מוזשיקעס, וועלכע מ'האָט צו יעדער צייט געקאָנט שמייסן און באַשטראָפן מיט צוואַנגס־אַרבעט אָן אַ פאַרוואָס, זענען די באַלעבאַטים פונעם פּלאַץ?! וואָס, אַ גוזעלשאַפט באַגייט זיך, פּחיתות־

הכבודיק, אָן אַריסטאָקראַטן?! וואָס, נישטאָ מער קיין גרעפין, נישטאָ מער קיין מיליאָנען?! וואָס, נאָך די דאָזיקע בונטן אין אוקראַינע, וועמענס מוראַדיקער עדות ער איז געווען — „דאָס איז קאָמוניזם!״ — האָט ער נאַריש געזאָגט — איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, און דאָס מאָל — אַ זיגרייכע! וואָס, מ׳האָט קאָנפיסקירט דאָס גאָלד, וואָס איז געווען — נאָכמער ווי די ליטעראַטור פונקט ווי דער אמת — זיין דאָמינירנדיקע ליידנשאַפט? וואָס, נישטאָ מער קיין פּאַלאַץ — וואָס איז, משטיינסגעזאָגט, פאַר אַ רודף־כבודניק אַ שלאָס, ווען ס׳איז מער נישטאָ קיין פּריץ, נישטאָ קיין אויסזיכט אפילו אַזעלכער צו ווערן?

ניין, טייערער ריבאַק, אָנאָרע דע באַלזאַק וואָלט געמאַכט „אַ טעות״, זיך נישט צו פרייען.

*

איך וועל קיינמאָל נישט אויפהערן זיך צו וווּנדערן אויף דער קנאַפּער וויכטיקייט, וואָס די באַזוכער גיבן צו **דערויף, וואָס זיי זעען נישט**, אין ראַטנפאַרבאַנד, אויף דער פאַרשווינדונג פון דעם, וואָס די נייע וועלט איז אַריין אין דער נאַכט פון איר פאַרגעשיכטע. זיי פאַרגעסן, אַז אויב ס׳האָט זיך שטאַרק געלוינט חתונה צו האָבן מיט דער גרעפין האַנסקאַ, איז עס דערפאַר, ווייל אין משך פון לאַנגע דורות זענען די מוזשיקעס באַשטאַנען צו האָרעווען, כדי צו באַרייכערן די זשעוווסקיס און די האַנסקיס. זיי זעען נישט, אַז דער גראַף האַנסקי הערשט נישט מער איבער זיין ריזיקן פּאָלוואַרק; אַז ס׳איז מער נישטאָ אין בערדיטשעוו קיין באַנקיר און וווכערניק — ר׳ יצחק האַלפּערין; זיי זעען נישט, אַז ס׳איז פאַראַן, אויף דער דאָזיקער טריבונע, אַ נאַטאַן סאַמאַילאָוויטש ריבאַק, וועלכער ווערט אויסגעהערט און רעספּעקטירט. זיי אַרט נישט, וואָס דאָרטן איז פאַרעלטערט אָט דער באַלזאַקישער אמת, וועלכער איז נאָך דאָ גילטיק: אַז דאָס געלט ווערט אַן אייבערמאַכט, „ווען עס איז אָנגעהויפט אין גרויסע קוואַנטיטעטן״. צי איז די דאָזיקע מאַכט, צו וועלכער עס שטרעבן די פּערסאָנאַזשן פון **דער מענטשלעכער קאָמעדיע** און וועלכע צעשמעטערט די רירנדיקסטע העלדן, געוואָרן אַראָפּגעזעצט אין פּאַריז, אין איסודען, אין אַלענסאָן, אין דועי, אין טור? צי איז זי נישט געוואָרן אַראָפּגעוואָרפן אין פּעטערבורג, אין קיעוו, אין ווערכאָווניע? די פאַרגליווערטקייט פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט און דער אויסערגעוויינלעכער ספּעקטאַקל פון מענטשלעכן פאַרויסמאַרש, וואָס עס שטעלן צו דינסט די וויסנשאַפטלער, די שרייבער, די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פירער פון דער נייער וועלט, האָבן נישט צוגעצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט.

אַ געוועזענער לערער, וועמענס עלטער און עמאָציע האָבן געמאַכט ציטערן זיין שטים — ער איז אַלט געווען אַקוראַט הונדערט יאָר — איז געזעסן אויף אַ באַנק, נעבן פּאַלאַץ פון עוולין האַנסקאַ. ער איז

געווען לערער אומעטום צוביסלעך און, פינף־און־צוואנציק יאָר, אין ווערכאָוונע.

„וואָס איז געוואָרן פון אייערע שילער?" — פרעג איך אים.

שמייכלט ער:

„גענעראַלן, אינזשיניערן... דער דירעקטאָר פון דער אַגראָנאָמישער שול, אַשטייגער...".

„אַמאָל — האָט מיר נאָך געזאָגט דער הונדערט־יאָריקער זקן (און **דער הונדערט־יאָריקער** — דאָס איז דער טיטל פון יונגן באַלזאַקס אַ ראָמאַן) איז געווען אַ גרויסער גוטבאַזיצער דריי מאָל גאָרנישט, אויב ער איז נישט געפאָרן קיין פראַנקרייך".

אַ גרויסער גוטבאַזיצער — דאָס איז דער טיטל פון אַ ראָמאַן, וועלכן דער גראַף האַנסקי האָט דעם געליבטן פון זיין פרוי באַווירקט צו שרייבן.

דעם טעות פון אָנאָרע דע באַלזאַק קלערן אויף די באַדינגונגען פון זיין צייט און פון אונדזער געזעלשאַפט. עס איז זייער באַלערנדיק, אַז ער זאָל ווערן אַרויסגעבראַכט דורך נאַטאַן ריבאַק, דעם יידיש־סאָוויעטישן שרייבער און קאָמוניסט פאַר זיינע הונדערטער טויזנטער לייענער, פיל פרייערע, ווי באַלזאַק האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער מענטש וועט עס קיינמאָל נישט זיין.

אַנדרעי ווירמסער

אינהאַלט

אַ וואָרט צו די לייענער 7

פראָלאָג 11

קאַפּיטל איינס: **די קרעטשמע „דער גאָלדענער האָן"** . . 15

קאַפּיטל צוויי: **וויאָרסטן און שלאַבאַנען** 28

קאַפּיטל דריי: **האַרבסט** 36

קאַפּיטל פיר: **די נאַכט אין ווערכאָווניע** 51

קאַפּיטל פינף: **דער צפונדיקער שטערן** 66

קאַפּיטל זעקס: **קנעכטשאַפט** 81

קאַפּיטל זיבן: **קיעוו** 97

קאַפּיטל אַכט: **דער יאַריד** 110

קאַפּיטל ניין: **הינטער די מויערן פון מאָנאַסטיר** . . . 128

קאַפּיטל צען: **ווינטער** 143

קאַפּיטל עלף: **דאָס הויז אויף דער פאָרטינע גאַס** . . . 160

קאַפּיטל צוועלף: **שאַגרין־לעדער** 177

קאַפּיטל דרייצן: **פאַרלוירענע אילוזיעס** 190

קאַפּיטל פערצן: **דער גורל פון אַ מענטש** 202

קאַפּיטל פופצן: **דער סוף פון דער קנעכטשאַפט** . . . 221

קאַפּיטל זעכצן: **דער אויסקויף** 232

קאַפּיטל זיבעצן: **בריוו און קוריערן** 244

קאַפּיטל אַכצן: **דער וועג** 262

קאַפּיטל ניינצן: **ערב דעם סוף** 279

קאַפּיטל צוואַנציק: **דער קרייז ווערט איינגעשרומפּן** . . 297

עפּילאָג: **צי זענט איר אים נישט מקנא?** 304

אַנדרעי ווירמסטער: **נאַטאַן ריבאַק ביי אָנאָרע דע באַלזאַק** . 317